STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00353

GESHIKHTE FUN YIDISHN FOLK

Raphael Mahler

Permanent preservation of this book was made possible by
Allen & Elaine Avner
in memory of
Phillip & Lillian Avner

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר רפאל מאַהלער

געשיכטע פון ייִדישן פאָלק

נייעסטע צייט

ד״ר רפאל מאַהלער

געשיכטע פון יידישן פאָלק

נייעסטע צייט

פון סוף 18טן י״ה ביז צו דער היינטיקער צייט

ערשטער באַנד

ד״ר רפאל מאַהלער

געשיכטע פון יידישן פאָלק

נייעסטע צייט

ערשטער באַנד

די תקופה פון דער אַמעריקאַנער און פראַנצויזישער רעוואָלוציע

ערשטער טייל

צפון אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך

פאַרלאַג איקוף

Dr. Raphael Mahler

HISTORY OF THE JEWISH PEOPLE

Modern Times

Volume I

PART I

NORTH AMERICA, ENGLAND AND FRANCE

Copyright, 1957, by the
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)

PRINTED IN THE U.S.A.

Published by

YIDDISHER KULTUR FARBAND
189 Second Ave., New York 3, N. Y.

209

ערשטער טייל

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף
פון די פריינט
יוסף מאָרגענשטערן, אייזיק קעסלער
און אברהם בערניקער

א י נ ה אַ ל ט

הקדמה — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 9

די הויפּט־טענדענצן אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק אין דער נייעסטער צייט — — — — — — — — — — — — — — — 15

די תקופה פון אויפגעקלערטן אבסאָלוטיזם פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות

אַריינפיר

§1. די לאַגע פון יידן ערב דער רעוואָלוציע — — — — — — — — — 47

§2. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די יידישע עמאַנציפּאַציע אין מערב־אייראָפּע — — — — — — — — — — — — — — — 63

אויף יענער זייט ים
צפון אַמעריקע

§3. אין דער קאָלאָניאַלער תקופה — — — — — — — — — — — — 85

§4. רעוואָלוציע און גלייכבאַרעכטיקונג — — — — — — — — — — 100

§5. יידן אין קאַמף צווישן פעדעראַליסטן און רעפּובליקאַנער — 112

§6. די מלחמה פון 1812 און אויסשפּרייטונג פון יידישן ישוב — 119

§7. די קהילה, איר אָרגאַניזאַציע און טעטיקייט — — — — — — 121

§8. שפּראַך, דערציאונג און קולטור — — — — — — — — — — — 126

§9. אַמעריקאַנער יידן און ארץ ישראל — — — — — — — — — — 133

ע נ ג ל אַ נ ד

§10. יידן אין ענגלאַנד אין סוף 18טן און אין אָנהייב 19טן י״ה — 145

אין מערב־אייראָפּע — — — — — — — — — — — — — — — — 157

פ ר אַ נ ק ר י י ך

א) אין דער תקופה פון פעאָדאַליזם און אַבסאָלוטיזם

§11. די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאַגע — — — — — — — — — — — 159

§12. קולטור און קהילה — — — — — — — — — — — — — — — — 174

§13. די יידן־פראַגע אין דער פּאָליטישער ליטעראַטור — — — 184

ב) די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די עמאַנציפּאַציע פון יידן אין פראַנקרייך

§14. די וואַלן צו די גענעראַל־שטאַטן און די יידישע רעפּרעזענטאַנץ — — — — — — — — — — — — — — — — 188

§15. די יידישע אַקציעס פאַר רעכט אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע — — — — — — — — — — — — — — — — 193

§16. די דעבאַטע אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג — — — — — — — — — — — — 204

§17. די גלייכבאַרעכטיקונג פון דער גרופּע ספרדים — — — — — 217

§18. די אינטערווענץ פון דער פּאַריזער קאָמונע — — — — 223

§19. די רעאַקציאָנערע אַנטי־יידישע קאַמפּאַניע און דאָס אָפּליגן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג — — — — — — — — — 234

§20. נייע אינטערווענצן פון דער פּאַריזער קאָמונע און די פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע — — — — — — — 241

§21. אין דער תקופה פון דער יאַקאָבינער הערשאַפט — — — 253

ג) אין דער תקופה פון ירידה פון דער רעוואָלוציע און אונטער דער הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָן

§22. פון 9טן טערמידאָר ביז צו דער פּראָקלאַמירונג פון קיסרטום (1794־1804) — — — — — — — — — — — — — — — 270

§23. נאַפּאָלעאָנס ערשטער אויסנאַם־געזעץ קעגן יידן — — — 284

§24. די יידישע נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג אין פּאַריז (1806) — — 297

§25. דאָס פּאַריזער „גרויסע סנהדרין" און די לעצטע פאַרהאַנדלונגען פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג — — — — — — 315

§26. דער שענדלעכער דעקרעט און די אָרגאַניזירונג פון די יידישע קאָנסיסטאָריעס — — — — — — — — — — — — — 324

הקדמה

אַ נייע סינטעטישע באַלייכטונג פון דער יידישער געשיכטע אין דער נייעסטער צייט איז היינט אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט צוליב כמה טעמים. אין משך פון דער תקופה, זינט עס איז דערשינען דאָס צען־בענדיקע ווערק פון שמעון דובנאָוו — דעם ערשטן און איינציקן נאָכפאָלגער פון מייסטער פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, היינריך גרעץ, וואָס האָט אויף זיך גענומען אַזאַ ריזיקע וויסנשאַפטלעכע אויפגאַבע — זיינען מיר באַרייכערט געוואָרן דורך דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע מיט אַ שלל נייע ידיעות, וועלכע דערמעגלעכן אונדז צו קאָרעגירן און דערגאַנצן זיין באַשרייבונג פון די עצם־פאַקטן. נאָך דרינגענדיקער שטעלט זיך אַוועק די אויפגאַבע איבערצוּרעווידירן און איבערצושאַצן דעם טעאָרעטישן צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע, וואָס איז ביי די מערסטע פאָרשטייער פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע געווען באַגרענעצט דורך דעם קלאַסן־שטאַנדפונקט און דורך דער ראַם פון פאָליטישע פראָגראַמען אין יידישן לעבן, וואָס זיינען היינט לכל הדעות פאַרעלטערט. ביי די בעסטע כוונות פון די פאָרשטייער פון דער שיטה אין דער יידישער געשיכטע־שרייבונג, וועלכע ש. דובנאָוו האָט באַצייכנט ווי „רעאַליסטיש", זיינען זיי ווייט געווען פון דערזען די צאַפלדיקע, פילפאַרביקע ווירקלעכקייט פון יידישן לעבן אין עבר, פונקט ווי זיי האָבן זי נישט באַנומען אין דער קעגנוואַרט, ווייל זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פון אויג דעם וויכטיקסטן שטריך פון פאָלקסלעבן, זיין סאָציאַלע דינאַמיק. סיי די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, סיי די קלאַסן־קאַמפן און די סאָציאַלע אָפּאָזיציע ביי יידן האָבן נישט זוכה געווען צו פאַרנעמען זייער געהעריקן פלאַץ אין דער יידישער געשיכטע בכלל, און אין דער באַשרייבונג פון דער נייעסטער צייט זיינען זיי כמעט לגמרי אויסגעלאָזט געוואָרן צוליב חשש פון „פאָליטיק" און אַמאָל אפילו צוליב אַ באַוואוסטזיניקער פאָליטישער ליניע. דערשיינונגען און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די הערשנדיקע קלאַסן פון יידישן פאָלק, זיינען פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי אַלגעמיין נאַציאָנאַלע ענינים און דאָס גלייכן איז די יידן־פאָליטיק פון די הערשנדיקע פעלקער, דאָס רוב, אינטערפּרעטירט געוואָרן ווי אַ באַציאונג צו יידן בכלל, אָן אַ שום דיפערענצירונג פון קלאַסן. אָנשטאָט אַ נאַציאָנאַלער געשיכטע פון יידישן פאָלק, האָט זיך באַקומען אין אַ גרויסער מאָס אַ נאַציאָנאַליסטישע יידישע געשיכטע.

דער אויטאָנאָמיזם, ווי אַ פאָליטישע און היסטאָרישע שיטה האָט אויך גורם געווען, וואָס דאָס פּראָבלעם וועגן דער באַציאונג פון יידישן

פאָלק און זיינע באַזונדערע קלאַסן אין דער נייעסטער תקופה צם דער היס־טאָרישער אידייע פון שיבת־ציון און נאַציאָנאַלער באַנייאונג אין אייגענעם לאַנד, איז, אַחוץ דעם אויפקום פון מאָדערנעם ציוניזם, כמעט איבגאַנצן נישט באַהאַנדלט געוואָרן. די דינאַמיק פון דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון פאָלק האָט ביי דער דאָזיקער היסטאָרישער שיטה געהאַט די זעלבע מערכה, ווי זיין סאָציאַלע דינאַמיק. זי איז פאַרשטויסן געוואָרן אַן אַ זייט פון שליאַך פון די פאַרשריבענע היסטאָרישע געשעענישן. פונקט אַזוי באַוואוסט איז אַרויסגעקומען דאָס עקאָנאָמישע לעבן, די באַזע פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק, פונקט ווי פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון פאָלק, זיינע עקאָנאָמישע טעטיקייטן און זיינע פונקציעס אין דער ווירטשאַפט פון די לענדער פון זיין צעזייאונג אין יעדער באַזונדערער תקופה האָבן זוכה געווען דערמאָנט צו ווערן בלויז ספּאָראַדיש. עס איז איבעריק צו באַמערקן, אַז ביי אַזאַ כלאחר־יד באַהאַנדלונג פון עקאָנאָמישע פּראָבלע־מען איז אויך ניט אויפגעקלערט געוואָרן דער קאַוזאַלער צוזאַמענהאַנג פון די דאָרטיקע געביטן אין פאָלקס־לעבן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם אויבנאַן אין דער היסטאָרישער באַשרייבונג, די רעכטלעכע און פּאָליטישע לאַגע. אויך גייסטיקע שטרעמונגען, וואָס האָבן אויסגעפורעמט די קולטור־פיזיאָגנאָמיע פון יידן אין דער נייעסטער צייט, ווי חסידות און השכלה, זיינען נישט אויפגעקלערט געוואָרן לויט זייערע עצם יסודות, ווייל עס זיינען נישט אויפגעדעקט געוואָרן די סאָציאַלע וואָרצלען פון די דאָזיקע באַוועגונגען, און עס איז נישט באַוויזן געוואָרן ווי אַזוי זיי האָבן אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסן, שטרעבונגען און אידעאַלן פון באַשטימטע קלאַסן פון פאָלק.

אין סך־הכל האָט די נאַציאָנאַליסטישע שיטה רעדוצירט די נייעסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק צו אַ בלאַסער סכעמע פון גאַנג פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג מיט אַ באַריכט וועגן אַנטי־יידישע באַוועגונגען און ריכטונגען ווי אַ צולאָג.

עס איז נישט סתם קיין צופאַל, וואָס דער אַמעריקאַנער ישוב, היינט דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט, האָט אין די דאָזיקע ראַ־מען, וואו עמאַנציפּאַציע איז שיער נישט די אַקס פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, פאַרנומען בלויז אַ צוויי, דריי מאָגערע קאַפּיטעלעך: די פראַגע פון יידישער עמאַנציפּאַציע האָט אין צפון־אַמעריקע נאָך דער באַ־פרייאונגס־מלחמה, מיטן אויסנאַם פון עטלעכע שטאַטן, אויפגעהערט צו זיין אַקטועל. דעם זעלבן קאַרגן פּלאַץ פאַרנעמט אין דער דאָזיקער גע־שיכטע דער ישוב אין ארץ־ישראל און די געשיכטע פון דער עליה. אָבער אויך די עמאַנציפּאַציע גופא, הגם איר גאַנג ווערט בפרטיות אי־

בערגעגבן, בלייבט אַן אָפענע פראַגע, כל זמן עס וועלן נישט אַנאַליזירט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָצעסן אין יידישן לעבן אין יענער תקופה. עס קען אויך נישט געמאָלט זיין קיין פולע געשיכטע פון דער עמאַנצי־פּאַציע, אויב עס ווערט נישט אַנטפּלעקט די זעלבסטאַקטיוויטעט פון דער יידישער באַפעלקערונג, איר מרידה קעגן דער פאַרעלטערטער, באַנקראָ־טירטער פעאָדאַלער אָרדענונג, סיי אין דער אַרומיקער סביבה, סיי אין די ראַמען פון אינעוויניקסטן יידישן לעבן. דאָס יידישע פאָלק האָט נישט בלויז געניאָסן פון די דערגרייכונגען פון דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע, נאָר עס האָט מיטגעלעבט דעם גרויסן אויפברויז ווי אַ מיט־באַטייליקטער צד מיט אייגענע ספּעציפישע פּראָבלעמען און אויפגאַבעס.
עס איז אויך קום נויטיק אַנצואווייזן, אַז היינט, ווען מיר שטייען שוין אין דער צווייטער העלפט פון 20טן יאָרהונדערט, טאָר דער היסטאָריקער פון דער נייעסטער געשיכטע פון יידישן פאָלק אַוודאי נישט שטיין בלייבן ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. „אַ טאָג צו אַ טאָג רעדט אַ וואָרט“, און אַ תקופה צו אַ תקופה גיט צו וויסן. אַ ווערק וועגן געשיכטע, וואָס דאַרף זיין אַ לעבנס־וועגווייזער און נישט בלויז „אַן אינטערעסאַנט בוך מיט מענטשעלעך פאַר נייגעריקע בריות“, ווי מאַקס אדלער האָט עס טרעפלעך באַצייכנט, איז מחויב צו געבן אַן אויספירלעכע און גרונטלעכע באַהאַנדלונג דווקא פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר. די דאָזיקע תקופה איז דאָך פאַר דער גאַנצער מענטשהייט געווען דער גרעסטער איבערברוך אין דער געשיכטע, און פאַרן יידישן פאָלק ממש דעציזידירנדיק וועגן זיין גורל און זיין עצם קיום. די טראַגישע בלוטיקע לעקציע וואָס איז געקומען אין די גורל־שווערע יאָרן צוזאַמען מיט דעם אָנזאָג פון אַ תקופה פון אויסלייזונג באַווייזט דורכאויס אין אַ נייער פערספּעקטיווע דעם גאַנצן היסטאָרישן גאַנג פון יידישן פאָלק אין דער גלות־תקופה און בפרט זיין געשיכטע אין דער נייעסטער צייט. ווי גאָר אַנדערש זעען אויס די פּראָבלעמען פון דער יידישער געשיכטע אין 19טן י״ה, אין יאָר־הונדערט פון דער עמאַנציפּאַציע, ווען זיי ווערן באַלויכטן פון איין זייט דורך דעם גיהינום־פייער פון נאַצישע קאַלך־אויוונס פאַר מאַסן־פאַר־ניכטונג, און פון דער אַנדערער זייט דורך דעם אויפגייענדיקן מאָרגנ־שטערן פון באַפרייטן פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד!

נישט באַשערט געווען שמעון דובנאָוון צו דערלעבן די נחמה; גע־פאַלן איז אויף אים דער גורל צו שטאַרבן אַ מאַרטירער טויט צוזאַמען מיט מיליאָנען זיינע ברידער און שוועסטער, קינדער פון זיין פאָלק, וואָס פאַר דער פאָרשונג פון זייער געשיכטע האָט ער אָפּגעגעבן די אַרבעט און מי פון זיין גאַנץ לעבן. זיין אָנדענק וועט פאַרקריצט ווערן אויף אייביק אין האַרץ פון יידישן פאָלק, צווישן דער פּלעיאַדע פון זיינע שענסטע

גייסטיקע בויער און שאפער. דאס ארט, וואס ער פארנעמט אין דער געשיכטע פון דער יידישער היסטאריאגראפיע, קען מען אבער נאר דעמאלט באשטימען געהעריק, לויט א היסטארישן מאסשטאב, ווען מען נעמט אין אכט, אז סיי אין זיינע פילע דערגרייכונגען, סיי אין זיינע עיקרדיקע טעותים, איז ער געווען א קינד פון זיין עפאכע: די עפאכע פון דער העגעמאניע פון קאפיטאליזם אין דער וועלט און פון דער בירגערלעכער עמאנציפאציע פון יידישן פאלק. היינטיקע צייטן איז דער חוב פון דער יידישער היסטאריאגראפיע, וואס שטייט אויף דער הויך פון איר אויפגאבע, מיטצוגיין פאראויס מיטן גייסט פון דער געוואלטיקער איבערקערעניש פון אונדזער עפאכע, דער עפאכע פון גראנגל פון דער מענטשהייט פאר סאציאליזם און פון גראנגל פון אונדזער פאלק פאר זעלבסט־עמאנציפאציע, פאר קיבוץ גלויות און באפרייאונג אין ציון.

שוין אויף דער שוועל פון דער מאדערנער תקופה ווייזט זיך ארויס, אז די נייעסטע יידישע געשיכטע איז מער ווי סתם א סכעמע פון פארווירקלעכונג פון גלייכבארעכטיקונג: די פראנצויזישע רעוואלוציע האט געעפנט א נייעם אקט אין דער געוואלטיקער דראמע פון היסטארישן קאמף פון יידישן פאלק פאר זיין קיום, גליק און פרייהייט. מיט דעם זיגערישן פאראויסמארש פון דער נייער, קאפיטאליסטישער ארדענונג, קומט פאר אויך ביי יידן אן עקאנאמישע איבערפורעמונג, וואס ברענגט מיט זיך א נייע קאנסטעלאציע פון סאציאלע פארהעלטענישן, און די שטרעבונג פון פאלק צו נייע, העכערע לעבנספארמען אנטפלעקט זיך אין שארפע צוזאמענשטויסן פון יידישע געזעלשאפטלעך־פאליטישע ריכטונגען און קולטור־שטרעמונגען. אויך פארן יידישן פאלק, ווי פאר דער גאנצער מענטשהייט, באדייט די נייעסטע תקופה א מארש צו פרייהייט דורך עקאנאמישן פראגרעס, דורך אומאויפהערלעכן קאמף אויפן סאציאלן, פאליטישן און קולטור־געביט.

יעדע קריטישע באטראכטונג פון די ביז־איצטיקע הערשנדיקע שיטות אין דער יידישער היסטאריאגראפיע מוז אין דער קאנסעקווענץ איבערצייגן, אז עס קאן נישט געמאלט זיין אויך בנוגע דער געשיכטע פון יידישן פאלק קיין אנדער שיטה, ווי נאר די, וואס באלייכט אונדז די אנטוויקלונג־פראצעסן פון דער מענטשהייט בכלל, די שיטה פון היסטארישן מאטעריאליזם. ווי אומנארמאל עס זאלן נישט האבן געווען די לעבנס־באדינגונגען פון דעם יידישן פאלק אין דער לאנגער גלות־תקופה, איז די יידישע היסטארישע אנטוויקלונג נישט קיין אויסנאם לגבי די אלגעמיינע געזעצן וועגן סאציאלער אנטוויקלונג, נאר פארקערט: זי קאן אויפגעקלערט ווערן אין איר אומנארמאלקייט נישט אנדערש ווי אויפן יסוד פון די דאזיקע געזעצן. דווקא היינט, ווען דאס יידישע פאלק ווערט געשטעלט,

נאָך דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע אין זיין הערזאַישער און מאַרטירער־רישער געשיכטע פאַר גוואַלטיקע אויפגאַבעס פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן ווידעראויפבוי, ווען עס הויבט אָן פאַרווירקלעכט צו ווערן דאָס היסטאָרישע שטרעבן פון אַלע יידישע דורות צו ווידעראויפריכטונג אין אייגענעם אַלט־נייעם לאַנד, איז נויטיק, מער ווי ווען עס איז, צו באַקענען זיך מיט דעם פולן, סאָציאַל־רעאַליסטישן בילד פון יידישן היסטאָרישן אַנטוויקלונגס־גאַנג, צו דערגרונטעווען זיין געזעצמעסיקייט אין אַלע זיינע טראַגישע פאַרקרומונגען. אַן אָביעקטיווע, וויסנשאַפטלעכע אויפקלערונג פון אונדזער עבר איז אַליין אַ דעצידירנדיקער באַדינג פאַר אויסגלייכן די אומנאַרמאַלקייט פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן, פאַר פולשטענדיקער נאָרמאַליזירונג פון די יסודות פון אונדזער קיום. נאָר ביי אַ מוטיקן סאָציאַלן צוגאַנג צום יידישן עבר איז מעגלעך אויך צו באַנעמען אין דער גאַנצער לעבנס־וויכטיקייט דאָס היסטאָרישע פראָבלעם פון „בין ישראל לעמים" און ממילא אויך צו באַשטימען דעם פלאַץ, וואָס אונדזער פאָלק דאַרף פאַרנעמען אין דער היינטיקער וועלט.

דער יידישער היסטאָרישער ליידנס־וועג וועט זיך דאַן באַשיימפּער־לעך באַווייזן ווי אַ רעזולטאַט פון דער ראָלע פון סאָציאַלן און פּאָליטישן שעיר לעזאזל, צו וועלכער אַלע פּאָליטישע רעאַקציעס אין דער געשיכטע האָבן פאַרמשפּט דאָס שוואַכסטע און אָממערסטן ווערלאָזע, ווייל עקס־טעריטאָריאַלע פאָלק, בעת אַלע אויפשטייג־פּראָצעסן אין אונדזער געשיכטע זיינען מעגלעך געווען אַדאַנק דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, וואָס האָט בהדרגה גובר געווען אַלע רעאַקציאָנערע פּרואוון צו שטויסן די וועלט אויף צוריק. דער דאָזיקער אמת דאַרף ווערן דער לייכט־טורעם אין דעם היינטיקן מסירת־נפשדיקן אויפבוי־ווערק און העלדישן קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין קיום, וואָס קאָן נאָר דעמאָלט געקרוינט ווערן מיט נצחון, ווען ער וועט סאָלידאַריש אַריינגעפלאָכטן ווערן אין דעם אַלגעמיינעם גוראַנגל פון דער מענטשהייט קעגן רעאַקציע און פאַרקנעכטונג, פאַר אַ פאַרברידערטער פעלקער־משפחה, אויפגעבויט אויף די יסודות פון סאָציאַלן יושר און אומגעשטערטן פּראָגרעס. אַ קלאָר היסטאָריש באַוואוסטזיין מוז ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון דער באַנייטער קולטור פון אונדזער פאָלק, וואָס איז נאָך אויסטערלישע גלגולים ענדלעך אַריינגעטראָטן אין דער תקופה פון זיין באַנייאונג און באַפרייאונג. אין דעם זין וואַקסט אויס די אַקטועלע אויפגאַבע פון דער יידישער היס־טאָריאָגראַפיע צו דער מדרגה פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן שליחות.

* *
*

די נייעסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק, וועלכע מיר הייבן אָן מיט דעם־דאָזיקן באַנד, נעמט אַרום די עפּאָכע פון לעצטן פערטל פון 18טן

יאָרהונדערט ביז צו די זיבעציקער יאָרן פון 20טן יאָרהונ־דערט. האַלטנדיק פאַר דעם חוב פון היסטאָריקער אַרומצונעמען ווי ווייט מעגלעך אַלע עיקרדיקע געביטן פון פאָלקס־לעבן, האָבן מיר ממילא דאָס ווערק געמוזט לכתחילה פאַרמעסטן אַ סך ברייטער, ווי דער פּלאַן, וואָס די דאָזיקע עפּאָכע פלעגט פאַרנעמען ביז איצט אין דער יידישער געשיכטע־שרייבונג. באַזונדערס באריכות האָבן מיר געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו באַהאַנדלען די תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון נאַפּאָלעאָן, אי צוליב איר וויכטיקייט ווי אַן איבערגאַנג צו דער מאָדערנער צייט, ווען עס צייכענען זיך אָן די עיקרדיקסטע פּראָבלעמען פון אַקטועלן יידישן לעבן, אי צוליב דער נויטווענדיקייט צו געבן אַן אויספירלעכן סך־הכל וועגן מצב פון יידישע ישובים אין באַזונדערע לענדער ערב דער רעוואָלוציאָנערער תקופה. דאָס דערקלערט דעם אומשטאַנד, וואָס מיר האָבן דעם באַנד וועגן דער־דאָזיקער תקופה געמוזט צעטיילן אין צוויי חלקים.

רפאל מאַהלער

תל־אביב, מאי, 1950.

די הויפּט־טענדענצן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער נייעסטער צייט

נײ זײנען זײ (דײנע חסדים) אַלע פּרימאַרגנס, גרויס איז דײן באַגלויבטקייט. האָט געזאָגט ר׳ שמעון בר אבא: ווייל דו באַנייסט אונדז אין די פּרימאַרגנס פון די מלוכות, ווייסן מיר, אַז גרויס איז דײן באַגלויבטקייט אונדז אויסצולייזן.

(מדרש איכה רבתי, ג׳, כ״א)

אין דער שפּאַנענדיקער דראַמע פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אין דער נײעסטער צייט, וואו אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערטער זײנען פאָרגעקומען וועלט־צעטרייסלענדיקע איבערקערענישן אויפן געביט פון ווירטשאַפט, טעכניק, סאָציאַלע פאַרהעלטנישן, מלוכה און קולטור, טיילט זיך באַזונדער אויס מיט איר אייגנאַרטיקן גאַנג די געשיכטע פון יידישן פאָלק. פון איין זייט איז די יידישע געשיכטע אַזוי ענג פאַרפלאָכטן מיט דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַז מיט רעכט איז אָנגענומען די באַצייכענונג פון יידן ווי אַ באַראָמעטער, וואָס לויט זייער לאַגע אין יעדער באַזונדערער תקופה קאָן באַשטימט ווערן מיט זיכערקייט די אַנטוויקלונגס־טענדענץ פון דער מענטשהייט און אפילו פון יעדן באַזונדערן לאַנד. פון דער אַנדערער זייט איז נישטאָ אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל זיך קאָנען גלייכן צו יידן אין דער אייגנאַרטיקייט פון זייער נאַציאָנאַלער געשיכטע, אין דער ספּעציפישקייט פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און קולטור־אַנטוויקלונג און אין שווערן געראַנגל פאַרן ביאָלאָגישן און נאַציאָנאַלן קיום. נישט נויטיק קיין טעאָרעטישע און היסטאָרישע באַווייזן דאָ, וואו עס איז פאַראַן די טראַגישסטע אילוסטראַציע פון דעם אויסטערלישן גורל פון פאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, פונקט ווי דער איינציק־אַרטיקער, אינספּירירנדיקער פאַקט, די באַנייאונג פון דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט פון פאָלק צוויי טויזנט יאָר נאָכדעם, ווי עס איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד. די צוויי, אין פלוג, סותרדיקע שטריכן פון דער יידישער געשיכטע, די גאָר בולטע ספּעציפישקייט און די ענגע פאַרקניפּטקייט מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע, זײנען בעצם צוויי זייטן פון איין און דערזעלביקער דערשיינונג, פון דער עקסטערי־טאָריאַלקייט פון יידישן פאָלק. די עקסטעריטאָריאַלקייט איז דער יסוד פון זײנע באַזונדערע פּראָדוקציע־באַדינגונגען אין אַלע לענדער פון זיין

צעזייאונג, פון זיין ספּעציפישער סאָציאַלער סטרוקטור און פון זיין ספּעציפישער קולטור־לאַגע. די עקסטעריטאָריאַלקייט איז אויך דער גורם פון דער גרעסטער פּאָליטישער שוואַכקייט פון יידישן פאָלק, וואָס מאַכט עס אָפּהענגיק, מער ווי יעדעס אַנדער פאָלק, פון דער לאַגע און אַנטוויקלונגס־טענדענץ פון אַנדערע פעלקער.

די עקסטעריטאָריאַלקייט פון יידישן פאָלק איז גורם, וואָס זיין געשיכטלעכע אַנטוויקלונג קאָן גאָר נישט אַנדערש אויפגעקלערט ווערן אין אַלע אירע פאַזן, ווי נאָר אין פולשטענדיקן פּאַראַלעל לגבי די באַזונדערע פעריאָדן אין דער וועלט־געשיכטע. יעדער נייער פעריאָד פון פּראָגרעס פון דער מענטשהייט באַצייכנט אויך אַ תקופה פון עליה פון יידישן פאָלק און אַלע ווענד־פּונקטן פון רעאַקציע אין דער געשיכטע פון פעלקער ברענגען טאָפּלטע דעגראַדירונג און ליידן אויף דעם פּאָליטיש־מאַכטלאָזן פאָלק. דער פאַקט, וואָס באַזונדערע יידישע ישובים וויזן אויף אַן אומגעווינלעך ברייטער סקאַלע פון פאַרשיידנקייט אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג, איז אַ דירעקטער פועל־יוצא פון דער אומגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, בפרט אין דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם. פּונקט ווי די דאָזיקע אומגלייכמעסיקייט אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג טאָר פאַר אונדז נישט פאַרשטעלן די הויפּט־טענדענצן פון וועלט־קאַפּיטאַליזם אין יעדער באַזונדערער תקופה, אַזוי דאַרף אויך אין דער פעריאָדיזאַציע פון דער יידישער געשיכטע גענומען ווערן ווי אַ יסוד די אַלגעמיינע אַנטוויקלונגס־טענדענץ פון וועלט־צעזייטן פאָלק, נישט געקוקט אויף די באַדייטנדיקע אָפּנויגן אין באַזונדערע יידישע ישובים.

דאָס הויפּט־געזעץ פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג איז פּראָגרעס, און קיינמאָל איז דער פּראָגרעס אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן לעבן נישט געגאַנגען פאָראויס מיט אַזעלכע ריזן־טריט, ווי אין דער נייעסטער צייט. אַזאַ געוואַלטיקע אַנטוויקלונג פון פּראָדוקטיוו־כוחות, אַזאַ מעכטיקער אויפשטייג פון ציוויליזאַציע און קולטור, קאָן געמאָסטן ווערן בלויז מיט דעם מהלך צווישן פעאָדאַליזם, וואָס האָט נאָך געפּענטעט די מענטשהייט ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און צווישן סאָציאַליזם, וואָס איז שוין היינט דער הערשנדיקער סיסטעם ביי אַ דריטל פון דער מענטשהייט. דורך אומאויפהערלעכן קלאַסן־קאַמף, דורך פעריאָדישע בלוטיקע רעוואָלוציעס און צעשטערנדיקע מלחמות האָט זיך די מענטשהייט אין משך פון דער שטורמישער עפּאָכע אַרויפגעהויבן אויף דער דאָזיקער מדרגה.

בהדרגה מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם זיינען באַדייטנדיק געענדערט געוואָרן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות פון יידישן לעבן.

אַ פאַרמיטלער־פאָלק פון געלט־לייער און פעדלער אין מערב־אייראָפע און פון אַרענדאַרן, קרעטשמער, קרעמער און בעלי־מלאכות אין מזרח־אייראָפע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס אין אַ פאָלק מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמישער סטרוקטור און קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן־צעטיילונג. האַנדל און אינדוסטריע ווערן די הויפט־צווייגן פון יידישער עקאָנאָמיק און אין פרייע פראָפעסיעס פאַרנעמען יידן אַ פלאַץ, אַ סך גרעסער, ווי אין פראָפאָרציע לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אָנשטאָט דער צעברעקלונג אין קליינטשיקע, קליינשטעטלדיקע קהילות, קומט אין דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה די אַלץ גרעסערע קאָנצענטרירונג פון יידן אין גרויסע שטעט, בפרט אין מערב־אייראָפע און אין דעם נייעם, גרעסטן מאַסן־צענטער פון פאָלק, אין אַמעריקע. נישט פון טוניעיאַדעווקע און דעם שכנותדיקן גלופּסק, ווי מענדעלעס יידישער דאָן־קיכאָט, נאָר פון טיפּישן קאסרילעווקע קיין קיעוו, וואַרשע, לאָדזש, און ווייטער קיין בערלין, לאָנדאָן, ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און לאָס־אַנדזשעלעס, קיין קייפּטאָון, סידני און מעלבורן, וואַנדערט אַריבער די יידישע קליינשטעטלדיקע אָרעמקייט. די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע איז אַ העכערער עטאַפּ אויך אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק. געוועזענע קרעמער, פעדלער, שניידערס און שוסטערס דרינגען אַריין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די פאַבריקן פון אַלע אינדוסטריע־צווייגן. די יידישע באַפעלקערונג מיט דער טראַדיציאָנעלער איבערוואָג פון מיטלקלאַס און קליינבירגערטום ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פראָלעטאַרישן קלאַס פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

נישט ווייניקער בוילעט איז די אַנטוויקלונג פון דער רעכטלעך־פאָליטישער לאַגע פון יידישן פאָלק אין דער נייעסטער צייט. פעאָדאַליזם האָט פאַרן יידישן פאָלק, אַחוץ אַן אויבערשטן דינעם שיכט פון פאַרמעגלעכסטן קלאַס, באַדייט רעכטלאָזיקייט, באַגרענעצונגען פון וואוין־רעכט און פון פרנסה־צווייגן, שווערע לאַסט פון באַזונדערע שטייערן און אַוודאי אויסשליסונג פון פאָליטישן לעבן פון די וואוין־לענדער. מיטן נצחון פון דער בורזשואַזער אָרדענונג ווערט אויך דערגרייכט די יידישע עמאַנציפּאַציע, די אויסגלייכונג פון יידן לויטן געזעץ מיט די איבעריקע בירגער פון לאַנד. יעדער נייער עטאַפּ פון פאָראויסמאַרש פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע שפרייט אויס אויך די יידישע עמאַנציפּאַציע אויף אַן אַלץ גרעסערן קרייז לענדער. די אַמעריקאַנער און פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די נאַפּאָלעאָנישע תקופה ברענגען די עמאַנציפּאַציע פאַר יידן אין צפון־אַמעריקע און אין מערב־אייראָפע; די רעוואָלוציע פון פעלקער־פרילינג פון 1848 פראָקלאַמירט בירגער־רעכט פאַר די יידן אין מיטל־אייראָפע; די קאָנסאָלידאַציע פון דער בורזשואַזער קאָנסטיטוציאָ־

נעלער מלוכה אין אָנהייב פון לעצטן דריטל פון 19טן י״ה, באַפעסטיקט אויך די יידישע עמאַנציפּאַציע אין גאַנץ אייראָפּע, מיטן אויסנאַם פון צאַרישן רוסלאַנד און פון באָיאַרישן רומעניע. די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע פון 1917 ברענגט צום ערשטן מאָל נישט נאָר בירגערלעכע גלייכקייט דעם גרעסטן יידישן ישוב אין אייראָפּע, נאָר זי ווייזט אויך צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אַ ביישפּיל פון פּאַקטישער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן. דער חילוק צווישן דער עמאַנציפּאַציע פון יידן אונטער דער הערשאַפט פון סאָציאַליזם און דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין בורזשואַזע מלוכות איז אַזוי גרויס, ווי דער חילוק צווישן דער סאָציאַלער גלייכקייט פון מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און דער גלייכקייט פון בירגער לויטן געזעץ אין דער געזעלשאַפט, וואָס איז אויפגעבויט אויף קלאַסן.

מיט דער זעלבער מאָס פון אַלגעמיינעם פּראָגרעס קאָן אַוודאי געמאָסטן ווערן דער קולטור־אויפשטייג פון יידישן פאָלק אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער. נאָך מער ווי ביי די אומות־העולם איז די קולטור פון יידישן פאָלק אין דער ירידה־תקופה פון פעאָדאַליזם געווען פאַרגליווערט אין אָפּגעשטאַנענער טראַדיציע, פאַרזונקען אין רעליגיעזער לעטאַרגיע, דערביי אויך אָפּגעזונדערט מיט אַ כינעזישער מויער פון דער אַרומיקער וועלט. ערשט אין דער עפּאָכע פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם עפענען זיך פאַר יידן די טויערן פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור און אַלגעמיין־מענטשלעכער דערציאונג. ווי אויסגעהונגערט פון הונדערטער יאָרן שמאַכטן אין רעכטלאָזיקייט און קולטורעלער איזאָלאַציע, וואַרפן זיך יידן מיט התלהבות אויף אַלע געביטן פון טעכניק, וויסנשאַפט, קונסט און ליטעראַטור און יידישע נעמען שיינען פּראָמינענט אויף דעם פּאַרנאַס פון די גרויסע בויער פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור. אין דער זעלבער עפּאָכע קומט פאָר דער אויפבלי פון דער יידישער וויסנשאַפט, יידישער ליטעראַטור און פּובליציסטיק, יידישער פּלאַסטישער קונסט, טעאַטער און מוזיק. נייע האָריזאָנטן האָט געעפנט פאַר דער יידישער קולטור דער נצחון פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אַחוץ דעם, וואָס אין לאַנד פון סאָציאַליזם האָט קולטור אויך ביי יידן אויפגעהערט צו זיין אַ מאָנאָפּאָל פון פאַרמעגלעכע קלאַסן און איז געוואָרן אַן אייגנטום פון די ברייטסטע מאַסן, איז די יידישע ליטעראַטור און וויסנשאַפט פאַרטיפט געוואָרן דורך דער סאָציאַליסטישער אידייע און וועלטבאַנעם. און דאָך שלעפּט זיך נאָך, נאָך דעם יידישן פאָלק די ספּעציפישקייט פון זיין נאַציאָנאַלן קיום, וואָס איר שורש שטעקט אין זיין עקסטעריטאָריאַלקייט. ווי אַ שוואַרצער שאָטן באַגלייט די דאָזיקע אומנאָרמאַלקייט דעם אויפשטייג פון פאָלק אויף אַלע געביטן און נישט בלויז לאָזט

זי נישט זיך אויסגלייכן מיט טעריטאָריאַלע פעלקער, נאָר זי ווירקט צע־שטערעריש אויף אַלע זיינע דערגרייכונגען, פאַרקרימט זיי און פאַרקריפּלט און באַדראָט אַלץ מער דעם עצם קיום פון אויסגעוואָרצלטן פאָלק.

די יידישע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג שטויסט זיך אָן אין דער קאַ־פּיטאַליסטישער עפּאָכע, ווי אויף אַן אייזערנער וואַנט, אויף די ספּעצי־פישע פּראָדוקציע־באַדינגונגען פון באַדנלאָזן פאָלק. דערוויטערט פון דער אור־פּראָדוקציע און קודם־כל פון דער לאַנדווירטשאַפט, ווייזט אויף דאָס יידישע פאָלק אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין זיין עקאָנאָ־מישער סטרוקטור אַ פאַרקערטע פּיראַמידע, מיט האַנדל, אָדער האַנדל און אינדוסטריע ווי אַ באַזע, מיט אַן אומגעווייגלעך גרויסער פּראָפּאָר־ציע פון פרייע פּראָפעסיעס און מיט אַ מינימום פון לאַנדווירטשאַפט אָן דער שפּיץ. די יידישע אינדוסטריע איז באַגרענעצט אויסשליסלעך צו באַשטימטע צווייגן פון דער געברויך־פּראָדוקציע, בעיקר — באַקליידונג און באַשפּייזונג. אין מזרח־איראָפּע, אין דעם גרעסטן מאַסן־צענטער פון יידישן פאָלק, איז די דאָזיקע פּראָדוקציע אַזוי צעברעקלט, אַז די יידישע פאַבריק־אונטערנעמונגען אונטערשיידן זיך ווייניק־וואָס פון געווינלעכע האַנטווערקער־וואַרשטאַטן. אפילו אין דעם נייעם צענטער פון יידישער מאַסן־אייַנוואַנדערונג, אין אַמעריקע, וואו עס קומט פאָר תחילת אַ שטאַר־קער פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזאַציע פון די אייַנוואַנדערער אין גרויסע אונטערנעמונגען, גייט אַלץ דער פּראָצעס נישט אַרויס פון די ראַמען פון די ספּעציפישע יידישע אינדוסטריע־צווייגן און דאָס יידישע פאָלק בלייבט אַלץ בעצם אַן „עמך שער און אייזן". אויך דער דאָזיקער אינדוסטריאַלי־זאַציע־פּראָצעס ווערט פאַרהאַלטן מיט דעם אָפּשטעלן זיך פון דער מאַסן־אימיגראַציע, און עס קומט אַ פאַרקערטער פּראָצעס פון אומאויפהער־לעכער דעפּראָלעטאַריזאַציע, פון איבערגאַנג צו האַנדל, פרייע פּראָפעסיעס און פּראָפעסיעס פון אַנגעשטעלטע. כמעט אינגאַנצן פעלט דער אַרבעטער־עלעמענט אין די נייעסטע אימיגראַציע־לענדער אין 20־טן י"ה, אין לאַטיין־אַמעריקע, דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע.

די פאַרקערטע עקאָנאָמישע פּיראַמידע איז גורם די אומנאָרמאַלע סאָציאַלע סטרוקטור פון יידישן פאָלק, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ גע־וואַלטיקער איבערוואָג פון מיטלקלאַס אין די לענדער מעבר לים און אין מערב־איראָפּע און פון מיטלקלאַס און קליינבירגערטום אין מזרח־איי־ראָפּע און אַנטשפּרעכנדיקער שוואַכקייט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס ווערט געכפּלט דורך זיינע באַגרענעצטע פּראָדוקציע־ראַמען. די שמאָלע פּראָדוקציע־באַדינגונגען, וואָס פעלטן די פּראָדוקטיוו־כוחות פון יידישן פאָלק, זיינען די סיבה פון אומגעווינלעכן דלות פון די יידישע מאַסן אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער פון קאַפּיטאַליזם אין מזרח־איראָפּע. די קאָנ־

צענטריר‏ונג פון יידן אין האַנדל און אין דער געברויך־פּראָדוקציע איז אָבער אויך גורם אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער און בפרט אין מיטל־און מזרח־אייראָפּע אַ שטענדיקע פאַרשאַרפונג פון דער קאָנקורענץ פון אַרומיקן מיטל־קלאַס און פון הענדלערישן און באַלמעלאָכישן קליינבירגערטום, וואָס ווערט אַלץ מער פויפּעריזירט דורך דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל. דער דאָזיקער קאָנקורענץ־קאַמף ווירקט נישט נאָר עקאָנאָמיש דורך בהדרגהדיקער אַרויסשטויסונג און פאַרדראָנגונג פון יידישן קליינהענדלער און באַלמעלאָכע, נאָר ליפערט אויך, פּונקט ווי די פאַרשאַרפטע קאָנקורענץ אויפן געביט פון פרייע פּראָפעסיעס, דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן יסוד פאַר דער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע פון יעדער פּאָליטישער רעאַקציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס נעמט לסוף אָן דעם כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזירטער שטייגנדיקער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג.

די ספּעציפישע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון עקסטעריטאָריאַלן פאָלק לאָזט איבער אָנזעעוודיקע סימנים אפילו אין די לענדער פון אויפבוי פון סאָציאַליזם. הגם די באַמיאונגען פון דער סאָציאַליסטישער מאַכט צוצופירן יידן צו אַלע צווייגן פון דער פּראָדוקציע גיבן גרויסע רעזולטאַטן, ווייזט יעדנפאַלס די יידישע באַפעלקערונג נישט אַרויס קיין טענדענץ אויסצוניצן די נייע מעגלעכקייטן פון מאַסן־אַריבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט, און דער פּראָצענט באַאַמטע, אָנגעשטעלטע און גייסטיקע אַרבעטער איז צווישן יידן אָן אַן ערך גרעסער, ווי אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

די אומנאָרמאַלע באַדינגונגען פון נאַציאָנאַלן לעבן פון יידן אין דער צעזייאונג מיידן אויך נישט אויס זייער נעגאַטיווע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור אין דער נייעסטער צייט. די איינהייטלעכע נאַציאָנאַלע קולטור, אָפּגעהיט ווי דער טייערסטער אוצר און באַרייכערט פון דור צו דור דורך דעם צעזייטן פאָלק דורך אַלע שטורעמס פון דער לאַנגער גלות־עפּאָכע, לעבט איבער איר ערשטן קריזיס שוין אין דער אָנהויב־תקופה פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. ביי אומות־העולם איז די בורזשואַזע רעוואָלוציע אַן אימפּולס צו אַ נייעם אויפבלי פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס איר טרעגער ווערט דער נייער הערשנדיקער קלאַס. דאַקעגן די ניי־אויפגעקומענע יידישע בורזשואַזיע אין מערב־און מיטל־אייראָפּע האָט קוים דערשמעקט דעם ריח פון דער נייער אָרדענונג פון בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע, און שוין האָט זי זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט איינצוקויפן זיך אין חסד און פּרעסטיזש ביי דער אַרומיקער בורזשואַזיע, דורך לייקענען די עצם עקזיסטענץ פון אַ יידיש פאָלק און דערקלערן זיך ווי אַ רעליגיעזע עדה.

גלייכצייטיק לייגט אין די יידישע בורזשואַזיע וועלטן כדי אויסצוואָרצלען די טראַדיציאָנעלע יידישע קולטור און קודם כל די יידישע שפּראַך ביי די יידישע מאַסן, און אַריינציען זיי אין פּראָצעס פון שפּראַכלעכער און קולטורעלער אַסימילאַציע. אַזוי פאַרטיפט זיך בהדרגה דער ריס צווישן אַלץ מער אַסימילירטן מערב־אייראָפּייאישן יידנטום און צווישן דעם רוקן־ביין פון יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע. דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע אין אַ הויך־אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער סביבה מיידט אויך נישט אויס שפּעטער דעם נייעם גרויסן יידישן מאַסן־צענטער אין אַמעריקע.

די גרויסע מאַסן פון יידישן פאָלק, קאָנצענטרירט אין די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער פון קאַפּיטאַליזם, אין מזרח־אייראָפּע, זיינען די היטער פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך און טראַדיציע און די בויער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, הגם די שפּיצן פון יידישן בירגערטום פריידיקן אויך דאָ אַסימילאַציע לויטן מוסטער פון מערב־אייראָפּע. דער דערהויבענער קולטור־רענעסאַנס פון יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע קומט אָבער צום אויסדרוק בעיקר אויפן געביט פון דער שיינער ליטעראַטור אין דער העברייאישער און יידישער שפּראַך. דאָס פאָלק, וואָס איז נישט קאָנצענטרירט אויף זיין טעריטאָריע, האָט גאָרנישט די מעגלעכקייט אַריינצוציען אין זיין נאַציאָנאַלער קולטור־ספערע אַלע געביטן פון דער קולטור־שאַפונג; נישט נאָר פאַרמאָגט עס נישט קיין אייגן מלוכה־לעבן, נאָר טעכניק און קאָמוניקאַציע אויף דער יבשה און אויף דעם ים, נאַטור־וויסנשאַפט, מעדיצין, מאָדערנע יוריספּרודענץ און אַ ריי אַנדערע געזעלשאַפט־וויסנשאַפטן גייען לרוב אפילו שפּראַכלעך אויך נישט אַריין אין זיין רשות. די פראַגמענטאַרישקייט פון דער יידישער קולטור אין די באַדינגונגען פון עקסטעריטאָריאַלקייט אַנטפּלעקט זיך, פּונקט ווי די סכנה פון אַסימילאַציע, ערשט אין דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

נאָך בולעטער אַנטפּלעקן זיך די אומנאָרמאַלע באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור אָן אַן אייגענעם באָדן אין די לענדער, וואָס זיינען אַריין אין דער סאָציאַליסטישער עפּאָכע פון דער וועלט־געשיכטע. נישט געקוקט אויף דעם אויפבוי פון אַ מאָדערנעם יידישן שול־וועזן און פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע דורך דער מלוכה גופא, האָט דער אויפבלי פון דער סאָציאַליסטישער יידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום. נאָך פאַר דער קאַטאַסטראָפע איז די אַסימילאַציע פאָראויסגעגאַנגען אין אַזאַ שנעלן טעמפּ, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער יידישער געשיכטע. מיט דער מוראדיקער פאַרטיליקונג פון מזרח־אייראָ־

פּיאַישן יידנטום און אינצווישן אויך דעם רוב פון סאָוועטישן יידנטום, איז אונטערגעגאַנגען אויך דער גרויסער מאַסן־צענטער פון שפּרודל־דיקער שאַפנדיקער יידישער קולטור. דערמיט האָט אויך דער קריזיס פון יידישן נאַציאָנאַלן קיום אין גלות דערגרייכט דעם טיפסטן פּונקט.

די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין דער נייעסטער צייט, בפרט אין דער צווייטער עפּאָכע, אין דער עפּאָכע פון זיין צוזאַמענשטויס מיט דעם מעכטיק פּאַראויסגייענדיקן סאָציאַליזם, ווייזט אָבער אַלץ גרוי־זאַמער ממשותדיק דעם יידישן פאָלק די בלוטיקע לעקציע, אַז אין די באַדינגונגען פון זיין גלות־לעבן ווערט נישט בלויז אַלץ מער אונטער־געגראָבן זיין נאַציאָנאַלער קיום, נאָר זיין עצם פיזישער קיום איז אין אַ דירעקטער סכנה.

ווי אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער קלאַסן־געזעלשאַפט איז אויך אין דער נייעסטער צייט דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט נישט קיין גלייכע אויפשטייגנדיקע ליניע, נאָר קאָן געגליכן ווערן לויט דעם קלאַ־סישן משל פון קאַרל מאַרקס צו אַ ספּיראַלע, וואו די פאַרקרימונגען, וואָס ווייזן זיך אויס אויף צוריק, זיינען אַ רעזולטאַט פון צייטווייליקע דער־פאָלגן פון רעאַקציאָנערע סאָציאַלע און פּאָליטישע כוחות אין דער גע־זעלשאַפט. דער אומפאַרגלייכלעך ראַפּידער פּראָגרעס פון דער מענטש־הייט אין דער נייעסטער צייט ווערט אויך באַגלייט פון אַזאַ פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער פריערדיקער געשיכטע. ווי אינטענסיוו עס איז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אין די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערטער, אַזוי אָפט ברעכן אויס נאָכאַנאַנד אַלץ ראַדיקאַלערע רעוואָלוציעס, און אַזוי אָפט באַנייען זיך די אַלץ גרויזאַמערע קאָנטער־רעוואָלוציעס, וואָס די רעאַקציע פּרוּווט אומזיסט אויפצוהאַלטן דעם פאָראויסמאַרש פון דער מענטשהייט דורך אַ מבול פון בלוטיקן טעראָר. דער טראַדיציאָנעלער שעיר לעזאזל פון דער רעאַקציע, דאָס אויסגעפּרוּווטע מיטל פון זיין סאָציאַלער און פּאָליטישער דיווערסיע, איז דאָס זייט צוויי טויזנט יאָר צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע פאָלק, אי צוליב זיין פּאָליטישער שוואַכקייט, אי צוליב זיין ספּעציפישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור, דעם דירעקטן רעזולטאַט פון זיין עקסטעריטאָריאַלקייט. אין אַלע צייטן פון דער גלות־עפּאָכע איז דאָס יידישע פאָלק געפאַלן אַ קרבן פון יעדער רעאַקציע, און נישט אומזיסט ווערט דאָס בוך פון דער יידישער געשיכטע זינט דעם חורבן אָנגערופן „דאָס בוך פון טרערן". אין דער נייעסטער צייט ווערן אָבער די איבעררייסן צווישן די תקופות פון ליידן אַלץ קירצער, און די מאַרטיראָלאָגיע אַלץ גרעסער, ביז זי דערגרייכט די גרעסטע קאַטאַסטראָפע אין דער געשיכטע פון פאָלק.

נאָך אין דער עפּאָכע פון אויפבלי פון קאַפּיטאַליזם ווערט דער פּראָצעס פון יידישער עמאַנציפּאַציע איבערגעריסן נאָכאַנאַנד דורך תקופות פון יידישער רעכטלאָזיקייט און אַנטי־יידישע שטרעמונגען, וואָס פאַלן צונויף מיט די תקופות פון קאָנטער־רעוואָלוציע און רעאַקציע: די תקופה פון דער „מעטערניך־רעאַקציע״ קעגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1815־1848); די קאָנטער־רעוואָלוציע נאָך דעם דערשטיקן דעם פעל־קער־פרילינג אין 1848. די פּאָליטישע רעאַקציע פון אימפּעריאַליזם, דעם עטאַפּ פון ירידה פון קאַפּיטאַליזם, וואָס הויבט זיך אָן מיט דער בלוטי־קער דערשטיקונג פון דער פּאַריזער קאָמונע, איז אויך די תקופה פון אויפקום און פאַרשפּרייטונג פון מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם און פון שווערע גזירות און פּאָגראָמען אויף יידן אין צאַרישן רוסלאַנד, דער פעסטונג פון דער אייראָפּייאישער רעאַקציע. בלוטיק איז די כוואַליע פון פּאָגראָמען, וואָס צעגייט זיך אין רוסלאַנד אין דער תקופה פון ברוטאַלן טעראָר קעגן דער רעוואָלוציע פון 1905.

מיט דעם נצחון פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין 1917 הויבט זיך אָ נייע כוואַליע פון רעאַקציע אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער וועלט, וואָס דערגרייכט איר הויכפּונקט אין די יאָרן פון באַ־פעסטיקונג פון פאַשיזם און נאַציזם אין אייראָפּע. דאָס איז שוין נישט קיין רעאַקציע פון איין לאַגער פון באַזיצנדיקן קלאַס קעגן א צווייטן, פון פעאָדאַליזם און אַבסאָלוטיזם קעגן דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. דאָס איז די רעאַקציע פון דער פאַראייניקטער בורזשואַזיע, פון דעם אונטער־גייענדיקן סיסטעם פון פּריוואַט־אייגנטום קעגן סאָציאַליזם, וואָס האָט דערגרייכט די מאַכט. די שאַרפסטע אַטאַקע אין דער געשיכטע פון קאָנ־צענטרירטע כוחות פון רעאַקציע קעגן דער פעסטונג פון העכסטן סאָ־ציאַלן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט איז באַגלייט פון בלוטיקסטן טע־ראָר קעגן דער אַרבעטערשאַפט און פון גרעסטע פּורעניותן אין דער ליידנס־געשיכטע פון יידישן פאָלק. די בהדרגהדיקע שטאַפּלען פון דער נידערטרעכטיקסטער רעאַקציע אַנטשפּרעכן די בהדרגהדיקע פאַזן אין דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע: דער פּרוּוו פון דער ווייסגוואַרדייאישער קאָנ־טער־רעוואָלוציע אין סאָוועט־אוקראַינע איז געצייכנט מיט מאַסן־פּאָגראָ־מען, וואו יידן ווערן געשאָכטן נישט אין די צענדליקער און הונדערטער ווי אין צאַרישע צייטן, נאָר אין די צענדליקער טויזנטער. נאָכדעם, ווי די מאַכט אין דייטשלאַנד ווערט פאַרכאַפּט דורך דעם נאַציזם, דעם זשאַנדאַרם פון וועלט־קאַפּיטאַליזם קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און קעגן דעם אַר־בעטער־קלאַס, ווערט אַראָפּגעשליידערט די יידישע באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד און אין די שכנותדיקע פאַשיסטישע לענדער צום תהום פון עלנט און לעבנס־סכנה. אין 1939 ווערט אונטערגעצונדן די וועלט און

מיט דער בלוטיקער אינוואַזיע פון נאַציזם אין רוב אייראָפּע, קומט דער שווידערלעכסטער אַקט אין דער גלות־טראַגעדיע פון יידישן פאָלק, — די קאַלטע, פּלאַנמעסיקע אויסמאָרדונג פון רוב אייראָפּייאישן יידנטום דורך מיתות משונות. אַזאַ „לייזונג" פון דער „יידן־פראַגע" האָט דורכגעפירט די געדונגענע ברוינע סאָלדאַטסטווע פון פאַשיזם, דעם רעזשים פון אונטערגייענדיקן קאַפּיטאַליזם, דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס פלעגט אַמאָל, אין זיינע בליטער־יאָרן, זיך צעגיסן אין פּאַרלאַמענטאַרישע דעבאַטן וועגן „אייביקע מענטשן־רעכט" און אין הומאַניטאַרער רעטאָריק וועגן יידן־עמאַנציפּאַציע און יידן־אַסימילאַציע. און די גסיסה־עפּאָכע פון באַנקראָטירטן סיסטעם האָט זיך ערשט אָנגעהויבן...

און דאָך איז דאָס געזעץ פון פּראָגרעס דאָס אייזערנע געזעץ פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט און ווייסט נישט פון קיין אויסנאָם לגבי קיין שום פאָלק פון דער פעלקער־משפּחה, אויך נישט לגבי דעם שווער־געפּרואווטן, אומגליקלעכן יידישן פאָלק. אויך דעם יידישן פאָלק האָט די געשיכטע, ווי עס זינגט דער משורר פון תהילים, „באַפוילן די ברכה: לעבן ביז אייביק", און באַפוילן זי „דאָרט, אויף די בערג פון ציון", וואו „די ברידער זיצן צוזאַמען". דווקא אין דער שטורמישער, גורל־שווערער נייעסטער צייט איז די וועלט אַן עדות פון דעם דערהויבענעם ווערק פון יידישן פאָלק, וואָס האָט אויך נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון קיין שום אומה: דאָס איז די טיטאַנישע אָנשטרענגונג פון פאָלק צו פאַרענטפערן די משונהדיקע סתירה פון זיינע אומנאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען, די סתירה צווישן זיינע עקאָנאָמישע און קולטורעלע שאַפונגס־כוחות, וואָס שפּאַרן כסדר פאָראויס, און צווישן זיינע אויסגעוואָרצלטע פּראָדוקציע־באַדינגונגען. נאָך מער ווי דאָס, די סתירה צווישן זיין נאַטירלעך־מענטשלעכן חוש־הקיום און זיין בוילעטן טיפן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון איין זייט — און צווישן דער כסדר וואַקסנדיקער סכנה פאַר זיין עצם פיזישן און נאַציאָנאַלן לעבן — פון דער אַנדערער, זייט. אַ פאַרענטפערונג פון די דאָזיקע געוואַלטיקע סתירות קאָן נאָר זיין איינע: ליקווידאַציע פון דער קללה פון באָדנלאָזיקייט, עקסטעריטאָריאַלקייט, וואָס פון איר וואַקסן די מאָדנע סתירות אַרויס. פון דאַנען נעמט זיך דער וואונדערלעכער פאַרמעסט פון פאָלק אומצוקערן זיך צוריק צו זיין היסטאָרישער טעריטאָריע, צו זיין וויגלאַנד, פאָטערלאַנד. יעדע נייע תקופה אין די לעצטע צייטן איז אויך אַ נייער עטאַפּ אין דער פאַרטיפונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון יידישן פאָלק, אַ נייע דערגרייכונג אין זיין שטרעבן צו באַנייען זיין קיום אין לאַנד פון די אבות.

די טיפע בענקשאַפט נאָך ציון האָט אין אַלע דורות אָנגעפילט דאָס האַרץ און נשמה פון יידישן פאָלק; דער געדאַנק וועגן שיבת ציון איז

געווען דער לעבנס־מאַטאַר פון דער יידישער קולטור און די עיקר־טענ־דענץ פון אַלע סאָציאַלע און גייסטיקע שטרעמונגען אין דער יידישער געשיכטע. אין דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן מצב פון פּעאָדאַליזם האָט אָבער דאָס היסטאָרישע שטרעבן פון יידישן פאָלק נישט געקאָנט אַריבערגיין אין דער סטאַדיע פון אַ רעאַלער נאַציאָנאַלער אויפגאַבע, ווייל עס האָבן געפעלט פאַר זיין פאַרווירקלעכונג סיי די אוי־סערלעכע באַדינגונגען אין דער וועלט, סיי די אינערלעכע באַדינגונגען פון פאָלקס־לעבן. אויך וועגן אַ פאָלק, קאָן געזאָגט ווערן דער כלל, וועלכן קאַרל מאַרקס פאָרמולירט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אַז זי שטעלט זיך אין יעדער תקופה בלויז אַזעלכע אויפגאַבן, וועלכע זי איז אימשטאַנד צו רעאַליזירן. ערשט דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם האָט אַריינגעבראַכט די טיפע ענדערונגען אין די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און קול־טורעלע פאַרהעלטנישן פון דער וועלט, וואָס האָבן בכלל מעגלעך געמאַכט, אַז דער צוריק־אויפבוי פון ארץ־ישראל דורך דעם יידישן פאָלק זאָל אַוועק־געשטעלט ווערן אויפן סדר־היום פון דער וועלט־פּאָליטיק. גענוג אָנצו־ווייזן אפילו בלויז אויף אַזאַ דירעקטן רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליס־טישער אַנטוויקלונג פון פּראָדוקטיוו־כוחות, ווי דאָס אויפקומען פון דער אייזנבאַן און דאַמף־שיף קאָמוניקאַציע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַ־דייטונג פאַר דעם פאָראויסגאַנג פון דער עליה קיין ארץ ישראל ווי אַ מאַסן־דערשיינונג. מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז אויך אין יידישן לעבן פאָראויסגעגאַנגען דער פּראָצעס פון עקאָנאָמישן אויפשטייג און סאָציאַלער דיפערענצירונג, פון קולטורעלער דערהויבונג און געזעל־שאַפטלעך פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון די מאַסן, וואָס איז געווען אַ פאָרבאַדינג פאַר דעם אויפקום פון דער אָרגאַניזירטער יידישער נאַציאָ־נאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג, פון מאָדערנעם ציוניזם.

שוין אין באַגינען פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, אין דער תקופה פון דער אַמעריקאַנער און פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, קומען אויף רעאַלע פּאָליטישע פּלענער וועגן לייזן די יידישע פראַגע דורך צוריק אויפבויען די יידישע מדינה אין ארץ ישראל. די דאָזיקע פּלענער ווערן אַרויסגערוקט דורך ענגלישע און פראַנצויזישע פּאָליטיקער, וואָס פאַרבינדן דערמיט די אינטערעסן פון זייערע גרויס־מאַכטן אין נאָענטן מזרח; זיי ווערן אָבער אויך וואַרעם באַגריסט דורך פאָרשטייער פון דער עדה יידן אין אַמעריקע און דורך וויטזעעוודיקע יחידים צווישן דער יידישער אינטעליגענץ אין מערב־אייראָפּע, ביי וועמען די זיגערישע רעוואָלוציע אין זייערע וואוין־לענדער האָט דווקא פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון יידישן נאַציאָנאַלן שטאָלץ און די בענקשאַפט נאָך נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון אייגענעם פאָלק. אין משך פון דער

ערשטער העלפט פון 19טן י״ה באַוויזן זיך פלענער פון שיבת ציון אַלץ אָפטער אין די שריפטן פון יידישע דענקער און פובליציסטן און אין דער אַלגעמיינער פּאָליטישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און מערב־אייראָפּע. אין דער זעלבער צייט זיינען די אַקציעס פון משה מאָנטעפיאָרע דער אָנהויב פון אַן אָרגאַניזירטער יידישער הילף פאַר דער עקאָנאָמישער הויבונג פון אַלטן ישוב אין ארץ־ישראל. אין דער תקופה פון אויפבלי פון ליבעראַלן קאַפּיטאַליזם, נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848, אָרגאַניזירט זיך אין שייכות מיט דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער עקספּאַנסיע פון קאַפּיטאַליסטישע מלוכות אין נאָענטן מזרח די ערשטע פּאָליטישע באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע, בעיקר אין ענגלאַנד, פאַר צוריק־באַזעצן ארץ־ישראל דורך יידן. מיט דער דערוואַכונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסט־זיין אונטער דער השפּעה פון דער צעבליטער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אייראָפּע, קומען אַרויס די ערשטע טעאָרעטיקער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידייע (משה העס) און די ערשטע אָנזאָגער פון דער חיבת ציון־באַוועגונג וואָרפן אין פאָלק דעם געדאַנק וועגן לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

די אַלע דערשיינונגען זיינען אָבער נאָך אַלץ נישט מער ווי די ערשטע שפּראָצונגען פון דער דערוואַכונג פון פאָלק, די ערשטע סימנים פון דער צוקונפטיקער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. אין יענער תקופה פון קאַפּיטאַליזם ווירקן נאָך אַלץ אַ ריי פאַקטאָרן, וואָס האַמעווען די פאַרטיפונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון יידישן פאָלק און פאַרשווערן די פאַרווירקלעכונג פון זיין היסטאָרישער טענדענץ זיך אומצוקערן אין זיין פאָטערלאַנד. די אומגלייכמעסיקע אַנטוויקלונג פון וועלט־קאַפּיטאַליזם קומט צום אויסדרוק אויך אין דער דערשיינונג, וואָס ארץ־ישראל, ווי אַ טייל פון דער פעאָדאַלער, פוילנדיקער טערקישער אימפּעריע איז פאַר־שלאָסן פאַר אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע און די עליה אַהין איז נאָך אין אָנהייב 20טן י״ה פאַרמעלן אַלץ אַן אומלעגאַלע. די זעלבע אומגלייכ־מעסיקע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז די סיבה פון דער האַלב־פעאָ־דאַלער אָפּגעשטאַנענקייט פון מזרח־אייראָפּע, דעם הויפּט־צענטער פון יידישן וועלט־פאָלק, וואו די יידישע מאַסן וועקן זיך נאָך פאַמעלעך פון דער מיטלאַלטערלעך־רעליגיעזער לעטאַרגיע צום פולן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין. פון דער אַנדערער זייט ווירקט ביי די אויפגע־קלערטע טיילן פון פאָלק די עקסטעריאָטריאַלקייט נישט ווי אַ סטימול פאַר אָרגאַניזירטער נאַציאָנאַלער אָנשטרענגונג צו ענדערן די לאַגע, נאָר פאַרקערט, זיי באַמיען זיך צו פאַרפעסטיקן אין פאָלק די איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע לאַגע איז אַ נאָרמאַלע, און אַז וואָס פריער מען וועט מיט איר שלום מאַכן, אַלץ בעסער וועט זיין פאַרן פאָלק. דאָס רוב פון מערב־

איירָאָפּייִאישן יידישן בירגערטום וויגט זיך אין אין דער אילוזאָרישער האָפענונג, אַז דווקא דורך איבעררייסן אַלע פּעדים מיט דעם היסטאָרישן פאָטערלאַנד, דורך אויסוואָרצלען זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און דורך אַסימילאַציע מיט דער אַרומיקער בורזשואַזיע, וועט עס געפינען די אמתע לייזונג פאַר דעם פּראָבלעם פון אייגענער עקזיסטענץ. די השכלה־באַוועגונג פון דער מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ אין מזרח־איירָאָפּע דערגייט נישט ביז צו באַוואוסטזיניקער פּראָפּאַגאַנדע פון אַסימילאַציע, אָבער אויך זי שטעלט אויף אַ פּראָגראַם פון קולטורעלער, גזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער צופּאַסונג פון יידן צו דער אַרומיקער באַפעלקערונג און מאַכט זיך פאַרגעסן וועגן דער פאַרבינדונג פון פאָלק מיט ארץ־ישראל.

ערשט אויף דעם עטאַפּ פון אימפּעריאַליזם, ווען עס פאַרשאַרפט זיך דער עקאָנאָמישער אַרויסשטויסונג־פּראָצעס קעגן דעם יידישן מיטל־און קליינבירגערטום און עס פאַרשפּרייט זיך דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם, וואָס ברענגט אויף די יידן אין מזרח־איירָאָפּע אַ כוואַליע פון גזירות און בלוטיקע פּאָגראָמען, קומט אויף דער מאָדערנער ציוניזם און צעוואַקסט זיך ווי אַ ברייטע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. אמת, די שווערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל און די ברייטע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, וואָס עפענען זיך אין דער זעלבער צייט מעבר לים, בעיקר אין צפון־אַמעריקע, זיינען גורם, אַז אַהין ווענדט זיך דער מעכטיקער שטראָם פון עמיגראַציע. די עליה קיין ארץ־ישראל, וואָס פאַרשטאַרקט זיך בפרט נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905, שאַפט אין דער נאַציאָנאַלער היים פון פאָלק אַ געזונטן נאָרמאַלן ישוב, וועלכער איז אָבער לויט דער צאָל נאָך אַלץ נישט מער ווי אַ פונדאַמענט פאַר דער צוקונפטיקער מאַסן־עליה. די עליה און די קאָלאָניזאַציע אין יענער תקופה טראָגן נאָך אַלץ דעם כאַראַקטער פון חלוציזם און פּיאָנערנטום, וואָס איז געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט סיי צוליב דער לאַגע אין לאַנד, סיי צוליב דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון פאָלק אין דער גלות־תקופה. קאָלאָניזאַציע אין אַ ברייטן פאַרנעם איז גאָר נישט געווען מעגלעך, כל־זמן עס זיינען נישט צוגעגרייט געוואָרן דערפאַר די באַדינגונגען, דורך חלוצישער אַרבעט, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די וויסטעניש אין אַ לאַנד פון ישוב. פון דער אַנדערער זייט איז אויך דאָס פאָלק, וואָס איז געווען דורות־לאַנג אָפּגעריסן פון דער ערד און פון דער אור־פּראָדוקציע, נישט געקוקט אויף זיין צוגעבונדנקייט מיט דער גאַנצער נשמה צום פאָטערלאַנד און זיין אַלץ טיפערן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, נישט געווען גרייט אָפּצולאָזן זיינע טראַדיציאָנעלע פּרנסות און אַריבערצוגיין צו נייע, פּיאָנערישע אַר־

בעטס־צווייגן, כל־זמן עס איז דערצו נישט געוואָרן געצוואונגען דורך דעם אַלץ שטאַרקערן דרוק פון דער לאַגע אין די גלות־לענדער. די פּיאָנערן פונעם ישוב, די טרעגער פון דער צווייטער עליה האָבן זיך דאָס רוב רעקרוטירט פון יענער אוואַנגאַרדישער שטרעמונג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט להיפוך צו דער מערהייט־פּאַרטיי אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַריינגענומען די אויפגאַבע פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק אין זיין פּאַטערלאַנד ווי אַן אינטעגראַלן באַשטאַנדטייל אין זיין פּראָגראַם פון קלאַסן־קאַמף און קאַמף פאַר סאָציאַליזם.

די זיגערישע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע פון נאָוועמבער 1917, וואָס האָט געעפנט אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, איז אויך דער אָנהייב פון אַ נייער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק. די ערשטע עפּאָכע, די עפּאָכע פון אויפבלי פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, איז געווען פאַר יידן די עפּאָכע פון בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע, אַדורכגעפלאָכטן דורך תקופות פון רעאַקציע, וואו עס ווערן אונטערגעגראָבן אָדער אינגאַנצן בטל די דערגרייכונגען פון עמאַנציפּאַציע. די צווייטע עפּאָכע איז די עפּאָכע פון גרעסטן חורבן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און פון טיפסטן קריזיס פון זיין קיום, ווי אַ פועל יוצא פון דער היסטאָרישער גסיסה פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, זי איז אָבער אויך די עפּאָכע פון יידישער אויטאָעמאַנציפּאַציע, ווען „די קינדער קומען צוריק אין זייער גרענעץ". אין דער דאָזיקער עפּאָכע פון פאַראויסמאַרש פון סאָציאַליזם וואַקסט אויס דאָס אַלט־נייע לאַנד פון פאָלק אַדאַנק דעם חלוצישן העראָאיזם פון זיינע בעסטע זין און טעכטער, באַגייסטערטע פון דער אידייע פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון פאָלק, צום וויכטיקסטן זאַמלפונקט פון יידישער איבערוואַנדערונג און צום קולטור־צענטער פון אַלץ נאָך צעזייטן פאָלק. די אַלץ גרויזאַמערע נסיונות, וועלכע דאָס פאָלק לעבט איבער אין דער דאָזיקער עפּאָכע פון צוזאַמענשטויס פון דער אַלטער און נייער וועלט־אָרדענונג, צייכענען אויך די עטאַפּן פון אַלץ שטאַרקערער מאַסן־עליה און אַלץ אינטענסיווערן אויפבוי פון לאַנד. פּעטלורא־פּאָגראָמען אין אוקראַינע פאָרן זיך מיט דער דריטער עליה, די עקאָנאָמישע אונטערדריקונג אין פּוילן — מיט דער פערטער עליה, און די כוואַליע פון נאַציזם און פאַשיזם אין מיטל־און מזרח־אייראָפּע סטימולירט די פינפטע, די גרעסטע פון אַלע עליות ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די שוידערלעכסטע קאַטאַסטראָפע אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון יידישן פאָלק, די פאַרטיליקונג פון אַ דריטל פון זיין באַשטאַנד, איז דער

אויסטערלישער פרייז, וואָס דאָס פאָלק האָט באַצאָלט פאַר זיין צוויי־טויזנט־יאָריקער גלות־עקזיסטענץ. דאָס פאָלק, וואָס האָט אין דער שוואַר־צער נאַכט פון נאַצי־גיהינום אַרויסגערופן די באַוואונדערונג פון דער וועלט מיט זיינע אַקטן פון איבערמענטשלעכן העראָאיזם אין די געטאָ־אויפשטאַנדן, הויבט זיך אויף נאָכן חורבן צום קאַמף פאַר אומאָפּהענגי־קייט אין זיין אייגענעם לאַנד. די וואונדערלעכע גבורה פון יידישע קעמ־פער אין לאַנד פון די מאַקאַבייער און זעלאָטן ברענגט צום סוף, אין יאָר 1948, מיט דער פאָליטישער און מאָראַלישער הילף פון דעם סאָציאַ־ליסטישן טייל פון דער צעשפּאָלטענער וועלט און פון די פּראָגרעסיווע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער אומאָפּהענגיקער מדינת ישראל אין לאַנד ישראל. ווי אַ נבואה קלינגען די ווערטער פון גרויסן דיכטער פון זיין פאָלק וועגן קעשענעווער פּאָגראָם: „וויל גאָט האָט אונדז געשענקט אַ צווילינג, אַ שחיטה מיט אַ פרילינג". די מאָנסטער־שחיטה האָט געבראַכט אויפן פאָלק די פאַשיסטישע רעאַק־ציע פון באַנקראָטירטן קאַפּיטאַליזם, דעם פרילינג האָט אויסגעקעמפט פאַר זיך דאָס אומגליקלעכסטע פון אַלע פעלקער אין דעם סאָציאַליסטישן פרי־לינג פון דער מענטשהייט. דאָס הייסע שטרעבן פון אַלע דורות פון יידישן פאָלק צו פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט אין אייגענעם לאַנד איז פאַר־ווירקלעכט. עס הייבט זיך אָן אַ ניי בלאַט אין דער יידישער געשיכטע, די צייט פון קיבוץ־גלויות פון צעזייטן און צעשפּרייטן וואַנדער־פאָלק. דאַרנדיק און שטייניק איז נאָך דער וועג צום פולשטענדיקן נאַציאָנאַלן ווידעראויפבוי, אַזוי ווי שווער עס איז נאָך דאָס געראַנגל פון דער ליידנ־דיקער מענטשהייט פאַרן פולשטענדיקן זיג פון סאָציאַליסטישן פּראָגרעס. אָבער פעלזנפעסט איז די צוקונפט פון דעם פאָלק, וואָס בויט זיין נאַ־ציאָנאַלע באַנייאונג אויף דעם אומדערשיטערלעכן פונדאַמענט פון דער קעמפנדיקער, פאָראויס־שטרעבנדיקער אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

I. 1789־1917 — די עפּאָכע פון מאָדערנעם קאַפּיטאַ־ליזם און בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע פון יידן.

1) 1789־1815 — די תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון פאַראויסמאַרש פון נייעם פּאָליטישן סיסטעם אין אייראָפּע דורך נאַפּאָלעאָנס מלחמות

אין דער יידישער געשיכטע איז עס די תקופה פון דער ערשטער עמאַנציפּאַציע, וואָס נעמט אַרום די יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע

און אַ טייל מיטל־אייראָפּע. דער פֿאַמעלעכדיקער פּאַראויסמאַרש פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין מיטל־און מזרח־אייראָפּע אונטער דער הערשאַפֿט פֿון אַבסאָלוטיזם שאַפֿט אויך דאָרט דעם יסוד פֿאַר דער מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע: אָנהויב פֿון דער אַסימילאַציע באַוועגונג פֿון דער יידישער בורזשואַזיע אין מערב־אייראָפּע. די השכּלה־באַוועגונג רוקט זיך אַריבער פֿון דייטשלאַנד אין דעם מזרח־טייל פֿון מיטל־אייראָפּע און דרינגט אַריין צום ערשטן מאָל קיין מזרח־אייראָפּע.

דאָס היסטאָרישע שטרעבן צו שיבת־ציון דרינגט נאָך אַלץ אַדורך אַלע יידישע ישובֿים אין דער וועלט און די פּאַרלייקענונג פֿון דעם דאָזיקן שטרעבן באַווייזט זיך בלויז ביי אַ דינעם שיכט פֿון דער נייער בורזשואַזיע אין אַ טייל מערב־אייראָפּעאישע לענדער. אונטערן איינדרוק פֿון אויפטרייסלענדיקע וועלט־געשעענישן פֿאַרשטאַרקן זיך די משיחישע האָפֿענונגען, בפֿרט ביי יידן אין מזרח־אייראָפּע, וואו זיי ווערן פֿאַרשפּרייט דורך דער חסידישער באַוועגונג, וואָס דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט פֿון איר אויסשפּרייטונג און אַנטוויקלונג. אין דער זעלבער תּקופֿה קומען אויף אין פֿראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע, איטאַליע די ערשטע רעאַל־פּאָליטישע פּלענער וועגן צוריק־אויפֿריכטונג פֿון דער יידישער מדינה אין ארץ־ישׂראל.

2) 1848־1815 — די תּקופֿה פֿון דער אייראָפּעיאישער רעאַקציע

די קאָנצענטרירטע כּוחות פֿון פֿעאָדאַליזם, אַבסאָלוטיזם און קלערי־קאַליזם דערשטיקן די בורזשואַזע רעוואָלוציע, וואָס גרייט זיך צו נייער עקספּאַנסיע זינט 1830. יידן אין מערב־אייראָפּע — מיטן אויסנאַם פֿון פֿראַנקרייך און האָלאַנד — און אין מערב־דייטשלאַנד פֿאַרלירן די רעכט, וואָס זיי האָבן געהאַט דערוואָרבן בעת דער ערשטער עמאַנציפּאַציע. די רעאַקציע אין מיטל־אייראָפּע רופֿט אַרויס אַן אַנטי־יידישע באַוועגונג און פֿאַרשפּרייט אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. אַ כוואַליע פֿון גזירות אויף יידן אין דער רוסישער צאַרישער אימפּעריע. וואוקס פֿון דעם יידישן פֿינאַנץ־האַנדל און אינדוסטריעלער בורזשואַזיע אין מערב־און מיטל־אייראָפּע און אויפֿקום פֿון דער מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע אין מזרח־אייראָפּע. פֿאַרשטאַרקטע אַסימילאַציע־טענדענצן ביי דער יידישער בורזשואַזיע אין מערב־און מיטל־אייראָפּע קומען צום אויסדרוק אין דער באַוועגונג פֿאַר רעליגיעזער רעפֿאָרם, בעת דער אינטערעס אין דעם יידישן עבר און די השפּעה פֿון דער מאָדערנער אייראָפּעיאישער וויסנשאַפֿט סטימולירן דעם אויפֿקום פֿון „חכמת ישׂראל". אין מזרח־אייראָפּע בליט אויף די השכּלה־באַוועגונג בעת חסידות טרעט אַריין אין דער ערשטער סטאַדיע

פון ירידה און עס הויבן זיך אָן צו פאַרווישן די גרענעצן לגבי דעם מתנגדישן, קאָנסערוואַטיוון, אָרטאָדאָקסישן בירגערטום.

פּלענער וועגן צוריק אויפשטעלן דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס ווערן אַרויסגערוקט דורך יידישע און ניט־יידישע מחברים אין אַמע־ריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, נעמען אָן די פאָרם פון פּראַק־טישע, עקאָנאָמישע פּראָגראַמען אין די אַקציעס פון משה מאָנטעפיאָרע. דער אינטערעס פון דער וועלט־פּאָליטיק אין דער צוקונפט פון לאַנד ווערט אויפגעלעבט בפרט נאָך דעם עלילת־דם אין דמשק אין 1840. דאָס זעלבע געשעעניש דערוועקט אויך צום ערשטן מאָל אַ נאַציאָנאַל באַוואוסטזיין ביי אַ צאָל פּראָמינענטע יידן אין מערב־אייראָפּע.

3) 1848־1878 — די תקופה פון אויפבלי פון ליבעראַלן קאַפּיטאַליזם און פון נאַציאָנאַלע באַוועגונגען

די איינצעלנע פּאָליטישע עטאַפּן פון דער תקופה: די רעוואָלוציע פון 1848; די קאָנטער־רעוואָלוציע, אַרויסגערופן דורך דעם קאָמפּראָמיס פון דער בורזשואַזיע מיט די כוחות פון פעאָדאַליזם, אַבסאָלוטיזם און קלעריקאַליזם קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס דערוואַכט צום קלאַסן־באַוואוסטזיין; די קאָנסאָלידאַציע פון דער בורזשואַזער מלוכה אין אָנהייב פון לעצטן דריטל פון 19־טן י״ה אויף די יסודות פון קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים. אַנטשפּרעכנדיקע פאַזעס אין דער געשיכטע פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע: די צווייטע עמאַנציפּאַציע בעת דעם פעלקער־פרילינג 1848־1849; די אָפּשאַפונג פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין די יאָרן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע; די דריטע עמאַנציפּאַציע אין די 60־קער און 70־קער יאָרן פון 19־טן י״ה, בעיקר אין מיטל־אייראָפּע, אין רעזולטאַט פון איינשטעלונג פון קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים, דערגרייכט לסוף אויך די יידן אין די באַלקאַן־לענדער (1878).

אין זעלבן צייט־אָפּשניט, צום סוף פון צווייטן דריטל פון 19־טן י״ה, ברענגען די רעפאָרמען אין רוסלאַנד און פּוילן מיטן ציל אויסצוטרעטן דעם וועג פאַרן קאַפּיטאַליזם (באַפרייאונג פון פּויערן פון לייב־אייגנשאַפט) פאַרלייכטערונגען פאַר דער יידישער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ בנוגע דער גזירה פון תחום־המושב אין רוסלאַנד און עס ווערן בטל די גזירות אויף וואוין־רעכט און עקאָנאָמישע באַגרענעצונגען פאַר יידן אין אויטאָ־נאָמען קיניגרייך פּוילן.

אויסשפּרייטונג, אידייאישע פאַרטיפונג און ראַדיקאַליזירונג פון דער השכלה־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע, וואוקס און פאַרצווייגונג פון דער העברייאישער ליטעראַטור און פּרעסע און אָנהייב פון דער מאָדערנער

יידישער ליטעראַטור. אָנזאָגער פון סאָציאַליזם ביי יידן אין לינקן פליגל פון דער השכלה־באַוועגונג. די עקאָנאָמיש־און פּאָליטיש־פּאַרפעסטיקטע יידישע בורזשואַזיע אין מערב־אייראָפּע ווערט געמעסיקטער אין איר רע־ליגיעזער רעפאָרם־באַוועגונג, בויט אויס די „חכמת ישראל" און שטעלט אויף די ערשטע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַר עקאָנאָמישער, פּאָלי־טישער און קולטורעלער הילף לטובת יידן אין אָפּגעשטאַנענע לענדער און פאַר אויסשפּרייטן אויף זיי איר השפּעה (די אַליאַנס).

אונטער דער השפּעה פון אויפבלי פון דער נאַציאָנאַלער אידייע אין אייראָפּע זינט דעם פעלקער־פרילינג פון 1848 וואַכט אויף דער יידישער נאַציאָנאַלער שטאָלץ (היינריך גרעץ) און עס ווערט פאָרמולירט דער מאָדערנער באַגריף פון דער יידישער נאַציע דורך דענקער אין מערב־אייראָפּע (משה העס) און מזרח־אייראָפּע (פּרץ סמאָלענסקין). עס וואַקסט די פּאַראינטערעסירונג פון די גרויסמאַכטן אין דער צוקונפט פון ארץ־ישראל אין שייכות מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער עקספּאַנסיע אין נאָענטן מזרח (קרימער מלחמה, דער סועץ־קאַנאַל); פּאָליטישע באַ־וועגונג אין מערב־אייראָפּע פאַר באַזעצן יידן אין ארץ־ישראל. אין דער זעלבער צייט האַלט אין כסדרדיקן וואַקסן דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל אַדאַנק פלאַנמעסיקער עקאָנאָמישער הילף פון יידישע אָרגאַניזאַ־ציעס אין דער וועלט. די ערשטע אָנזאָגער פון דער חיבת ציון־באַוועגונג (יהודה אלקלעי, חיים צבי שניאורסאָן, צבי הירש קאַלישער, יצחק ליסער אין אַמעריקע) קומען אַרויס מיט אַ רוף צום יידישן פאָלק אויפצובויען זיין לאַנד דורך אויפשטעלן ערד־אַרבעטער־קאָלאָניעס.

4) 1917־1878 — די תקופה פון אימפּעריאַליזם, דער לעצטער עטאַפּ פון קאַפּיטאַליזם

דער עטאַפּ פון אימפּעריאַליזם הייבט זיך אָן אין די 70־קער יאָרן פון 19־טן י״ה מיט דער וואַקסנדיקער העגעמאָניע פון מאָנאָפּאָל־קאַפּי־טאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין רעזולטאַט פון דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל. די פּאָליטישע רעאַקציע קומט צום אויסדרוק אין אָרגאַניזירטער אָפּענסיווע קעגן אַרבעטער־קלאַס און קעגן דער סאָציאַליסטישער באַוועג־גונג, אין מעכטיק פאַנאַנדערגעוואַקסענעם מיליטאַריזם, מלחמה־פּאָליטיק, און אין פאַרשטאַרקטער נאַציאָנאַלער און קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג. אויפן קולטור־געביט באַווייזן זיך די סימנים פון ירידה אין פאַרשטאַרקטן נאַציאָנאַלן שאָוויניזם און קלעריקאַליזם און אין אָפּקער פון רעאַליזם אין ליטעראַטור, קונסט און פילאָסאָפיע. פּונקט ווי אין אַלע תקופות פון פּאָ־ליטישער רעאַקציע אין דער געשיכטע דינען יידן ווי אַ סאָציאַלע און

פּאָליטישע דיווערסיע, דאָס מאָל בעיקר קעגן דער וואַקסנדיקער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. אַזוי קומט אויף דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם (1878), וואָס באַנוצט זיך צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, אַנשטאָט דער טראַדיציאָנעלער, אויסשליסלעך רעליגיעזער באַגרינדונג, מיט דער טעאָריע פון ראַסיזם און נאַציאָנאַליזם און אָפּערירט מיט מאָטיוון פון פאַרטיידיקן די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט און קולטור און מיט סאָציאַלער דעמאַגאָגיע (קריסטלעך־סאָציאַלע פּאַרטייען). אין מערב־אייראָפּע איז דער אַנטיסעמיטיזם אין דער דאָזיקער תקופה די פּאַראויסשטויס־אָפּטיילונג פון קאָנסערוואַטיוון, גרויס־אינדוסטריעלן — אַגראַרן פליגל פון דער בורזשו־אַזיע און פון די אָן אים אָנגעשלאָסענע מיליטערישע קליקעס און קלער. אין מזרח־אייראָפּע, אין צאַרישן רוסלאַנד און אין רומעניע, איז אַנטי־סעמיטיזם די אָפּיציעלע פּאָליטיק פון דער מדינה. וואָס מער עס וואַקסט דאָרט די סתירה צווישן באַנקראָטירטן פּאָליטישן רעזשים און דער סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, אַלץ מער באַנוצט זיך די הערשנדיקע רעאַקציע, אין איר טעראָר־סיסטעם קעגן דעם אַרבעטנדיקן פאָלק און קעגן די אונטערדריקטע פעלקער, אויך מיט דעם פאַרסמטן כלי־זיין פון אַנטי־יידישע גזירות און רדיפות. די אונטערדריקונג אויפן „געזעצלעכן" וועג איז נישט גענוגנד פאַר דער רעאַקציע און אין יאָרן פון פאַרשאַרפטן פּאָליטישן קריזיס (1881, 1903־1906, 1914 — אָנהויב פון ערשטער וועלט־מלחמה) ווערן אָרגאַניזירט בלוטיקע פּאָגראָמען, וואָס זיינען געהאַט פאַר־געסן געוואָרן אין דער יידישער געשיכטע זינט די טעג פון כמעלניצקי און גאָנטאַ.

אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די יידישע מאַסן קו־מען פאָר די טיפסטע שינויים זינט דעם אָנהייב פון דער נייצייט. דורך דעם פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזירונג און פון קאָנצענטראַציע אין האַנדל, פאַרשאַרפט זיך די סאָציאַלע דיפערענצירונג. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע קומט אויף אַ יידישער אַרבעטער־קלאַס און מיט זיין וואוקס אָרגאַניזירט זיך אַלץ פעסטער די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס ווערט אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן פון פאָלק, שפּילט אויך אַן אָנזעעוודיקע ראָלע אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס אין מזרח־אייראָפּע. אויפן פּאָן פון דער דאָ־זיקער אַנטוויקלונג קומען אַרויס נאָך בוילעטער די ספּעציפישע פּראָדוק־ציע־באַדינגונגען פון צעזייטן פאָלק; די געוואַלטיקע עקאָנאָמישע נויט און וואַקלדיקייט פון עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון צושטאַנד פון עקאָנאָמישן געטאָ, רופן אַרויס אַ יידישע מאַסן־עמיגראַ־ציע פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט אין פּראָפּאָרציע נישט קיין גלייכן ביי אַנדערע פעלקער. דאָס יידישע פאָלק וואַנדערט איבער ימים. די עמי־

גראַציע ווערט באַזונדער פאַרשטאַרקט אין די יאָרן פון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אין גרויסן אימיגראַציע־צענטער, אַמעריקע, קומט אויף, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, אַ גרויסער קיבוץ פון מיליאָנען יידן אין אַ סביבה פון הויך־אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם, אָבער אויך דאָרט ווערט די יידישע פּראָדוקציע־באַזע נישט אויסגעברייטערט אויף אַ ממשות־דיקן אופן.

מיט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און מיטן קולטור־אויפ־שטייג פון די יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע וואַקסט אויך זייער נאַציאָנאַל באַוואוסטזיין און עס קומט אויף די יידישע מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַ־וועגונג, דער ציוניזם. די לייכטגלויביקע אידייע, וואָס האָט געשטאַרקט און געשמידט דאָס וואונדערלעכע עקשנות פון יידישן פאָלק אין אַלע שווערע גילגולים פון לאַנגן גלות, די אידייע, וואָס האָט באַגייסטערט די אבלי ציון און די משיחישע באַוועגונגען, די טרוימער פון קבלה און די התלהבות־דיקע חסידים, האָט באַקומען איר תיקון אין דער פאָרם פון אַ רעאַלן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פון באַנייאונג און באַפרייאונג. עס איז נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז די דאָזיקע שטרעבונג ווערט שטאַרק סטימולירט דורך דער וואַקסנדיקער אַנטי־יידישער באַוועגונג אין דער תקופה פון אימ־פּעריאַליזם. די חובבי־ציון באַוועגונג, וואָס שטעלט זיך בלויז באַשיי־דענע צילן פון קאָלאָניזאַציע, אַנטשטייט אין 1881 אונטער דער ווירקונג פון מאַסן־פּאָגראָמען און נייע גזירות אין רוסלאַנד און אין רומעניע. דער פּאָליטישער ציוניזם קומט אויף דווקא אין מערב־אייראָפּע אונטער דעם איינדרוק פון דער שטייגנדיקער כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם, און שפּרייט זיך אויס אין אַ מעכטיקער באַוועגונג פון יידן אין אַלע לענדער מיטן ציל צוריקצואויפצובויען די נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל פאַרן יידישן פאָלק, מיט גאַראַנטיעס פון פּאָליטישע רעכט. דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל וואַקסט אויס דורך קאָלאָניזאַציע נישט נאָר אין דער צאָל נפשות (ביז אַן ערך הונדערט טויזנט נפשות ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה) און ישובים, נאָר ווערט אויפגעבויט אויף געזונטע עקאָנאָמישע יסודות. אין זיין אייגענעם היימלאַנד ווערט צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע זינט דעם חורבן די פאַרקערטע פּיראַמידע פון יידישער עקאָ־נאָמישער סטרוקטור צוריק אויפגעשטעלט ווי אַ נאָרמאַלע, מיט דער באַזע פאַרפעסטיקט אין דער מוטער ערד. די ערשטע עליה פון די הערדאישע ביל"ו האָט דורך די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס געשאַפן דעם פונדאַמענט פאַר דעם עקאָנאָמישן איבערבוי פון פאָלק און אויפבוי פון לאַנד. די צווייטע עליה, אָנגעהויבן אין דער תקופה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, געטראָגן פון דער אידייע פון סאָציאַליזם פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, איז געווען אַ ווענדונג אין דער ריכטונג פון

אויפבוי פון לאַנד אויף די יסודות פון יידישער אַרבעט און פון סאָציאַ־ליסטישע קבוצות.

די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג פון די יידישע מאַסן אין דער דאָזיקער תקופה האָט געעפנט די קוואַלן פון דער שאַפונג פון פאָלק, און דערהויבן די יידישע קולטור צו דער העכסטער הויך אין דער ביז דעמאָלטדיקער געשיכטע פון יידן אין דער נייציים. די מאָדערנע העב־רייאישע און יידישע ליטעראַטור, איר פּאָעזיע און פּראָזע האָט צום ערשטן מאָל פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער וועלט־ליטעראַטור.

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויף דער שוועל פון דער וועלט־איבערקערעניש, האָט דאָס יידישע וועלט־פאָלק פון קרוב 14 מיליאָן נפשות, זיך געפונען אין סאַמע ערשטן אויפבלי פון אַ מאָדערן קולטור־פאָלק, שטייענדיק אין אָנהייב געראַנגל קעגן די אויפשטייגנדיקע כוחות פון וועלט־רעאַקציע. אין דער זעלבער צייט איז דאָס יידישע פאָלק שוין גע־האָט פאַראויסגעגאַנגען אַ שטיק וועג אין זיין אויטאָ־עמאַנציפּאַציע, אין זיין וואונדערלעכער אָרגאַניזירטער אָנשטרענגונג פון צוריק באַהעפטן זיך מיטן אייגענעם לאַנד.

II. פון יאָר 1917 ביז צו דער העלפט פון 20טן יאָר־הונדערט — די עפּאָכע פון וועלט־געראַנגל צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם און פון אויטאָ־עמאַנ־ציפּאַציע פון יידישן פאָלק.

5) 1917־1924 — די תקופה פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און פון קאָנטער־רעוואָלוציע; די באַלפור־דעקלאַראַציע און די דריטע עליה

די רוסישע רעוואָלוציע פון נאָוועמבער 1917 האָט צוזאַמען מיט דער אויפריכטונג פון אַלע פעלקער פון דער גרויסער צאַרישער אימפּע־ריע אויך געבראַכט די באַפרייאונג פון אונטערדריקונג, גזירות און רעכט־לאָזיקייט די העכער 5 מיליאָן יידן. דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט איז געוואָרן דער לעצטער אין דער רייע פון עמאַנציפּאַציע פון יידן אין אייראָפּע און האָט דערגרייכט זיין גלייכבאַרעכטיקונג אַדאַנק דעם נצחון פון סאָציאַליזם אין לאַנד.

די זעלבע אימפּעריאַליסטישע מלחמה, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די פונדאַמענטן פון וועלט־קאַפּיטאַליזם, האָט אויך געבראַכט צו דער ליק־ווידאַציע פון אַן אַנדער פעאָדאַלער מלוכה, פון דער טערקישער אימפּע־

ריע. די היסטאָרישע פאַרבינדונג פון יידישן פאָלק מיט ארץ־ישראל, די שטאַרק אויסגעוואַקסענע ציוניסטישע באַוועגונג און דאָס מיזאַמע יידישע אויפבוי־ווערק אין אייגענעם לאַנד, זיינען געווען פאַקטן, מיט וועלכע די פּאָליטישע וועלט האָט זיך געמוזט רעכענען. די ענגלישע אימפּעריע האָט נישט געזען פאַר זיך קיין בעסערע פאַרענטפערונג פאַר דער וועלט אויף דעם פאַרנעמען ארץ־ישראל, ווי דאָס אַפּיטרופּסות אין דער אויפ־שטעלונג פון „אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן יידישן פאָלק". אַזוי איז צו־שטאַנדגעקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט געעפנט די לעגאַלע מעגלעכקייט פאַר דער פאַרשטאַרקטער עליה און אויפבוי פון ארץ־ישראל. נאָוועמבער 1917, דער גרעסטער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, איז אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אַ טאָפּלטע דאַטע.

די זיגערישע רעוואָלוציע פון פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד איז גע־ווען דער צייכן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אָפענסיווע פון אַרבעטער־קלאַס אין גאַנץ איראָפּע, בפרט אין די לענדער, וואָס האָבן געליטן די מפּלה פון דער מלחמה. דער וועלט־קאַפּיטאַליזם, באַדראָט אין זיין עצם־קיום, ענטפערט מיט אָרגאַניזירטער אינטערווענץ און בלאָקאַדע קעגן סאָ־וועט־רוסלאַנד און מיט אַ כוואַליע פון בלוטיקן טעראָר אין די לענדער, וואו עס איז אויסגעבראָכן דער קאַמף פאַר אַרבעטער־מאַכט. די נייע פּאָליטישע רעאַקציע פון וועלט־קאַפּיטאַליזם און וועלט־אימפּעריאַליזם פּרוּווט צו דערשטיקן דעם פאַראויסמאַרש פון דער מענטשהייט אין בלוט פון יידן. אין אוקראַינע אָרגאַניזירן די ווייס־גוואַרדיאישע באַנדעס, אויס־געהאַלטענע פון די קאַפּיטאַליסטישע גרויסמאַכטן, בלוטיקע מאַסן־פּאָגראָ־מען אויף יידן, וואָס לגבי זיי זעען אויס די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוס־לאַנד ווי בלויזע עפּיזאָדן. בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן צייכענען אויך דעם וועג פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע אין די שכנותדיקע לענדער פּוילן און אונגאַרן. דאָס שוואַרצע פאַרזעעניש פון טאָטאַלער פאַרניכטונג פון יידן אין היטלערס גאַז־קאַמערן וואַרפט זיין ערשטן שאָטן שוין ביים ערשטן דירעקטן צוזאַמענשטויס צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם.

דער געזונטער לעבנס־אינסטינקט פון יידישן פאָלק ענטפערט אויף די גרויליקע ליידן מיט אַ נייער עליה און פאַרשטאַרקונג פון ציוניסטי־שער אַרבעט. די דריטע עליה צייכנט זיך אויס מיט איר חלוצישן כאַ־ראַקטער און מיט דעם אויפבוי פון דער ארץ־ישראל־אַרבעטער אָרגאַני־זאַציע („הסתדרות").

6) 1932־1924 — די תקופה פון פאַרפעסטיקונג און סאָציאַליסטישן אויפבוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון צייטווייליקער סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם; די פערטע עליה

נאָך דעם אָפּשטויסן די אָפענסיווע פון סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין מיטל־אייראָפּע און איבערקומען דעם נאָך־מלחמה־עקאָנאָמישן קריזיס, גיט זיך איין דעם קאַפּיטאַליזם רעלאַטיוו צו קאָנסאָלידירן זיך אין די גרענעצן מחוץ דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ער גיט אויף צייטווייליק די פּלענער פון אינטערווענץ קעגן לאַנד פון סאָציאַליזם. ווי גרונט־פאַרשיידן עס איז איצט די געשיכטע פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער און פון סאָציאַליסטישן זעקסטל פון דער ערד, אַזוי פאַרשיידן זיינען די לעבנס־באַדינגונגען פון יידישן פאָלק אין די צוויי טיילן פון דער צעשפּאָלטענער וועלט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן יידן, להיפּך צו די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דערגרייכט עמאַנציפּאַציע נישט בלויז לויטן געזעץ, נאָר אין דער ווירקלעכקייט: עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן יעדע דיסקרימינאַציע קעגן יידן אין דער פּראַקטיק און עס איז באַשטימט געוואָרן געזעצלעך אַ האַרבע שטראָף פאַר באַליידיקונג פון יידן און אַוודאי פאַר אַנטי־יידישער העצע. די סאָוועטן־מאַכט האָט אויך געמאַכט אַלע באַמיאונגען אויסצוגלייכן יידן עקאָנאָמיש, אויפשטעלנדיק לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס און בעיקר, דורך אַריינציען די יידישע אַרבעטער אין אַלע צווייגן פון דער פאַבריק־אינדוסטריע. דער חילוק לגבי דער עמאַנציפּאַציע אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אויך באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען יידן אָנערקענט געוואָרן אין זייערע רעכט נישט נאָר ווי יחידים, נאָר ווי אַ נאַציאָנאַליטעט: שולן און קולטור־אינסטיטוציעס אין דער יידישער שפּראַך, יידישע פּרעסע און פאַרלאַגן זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דער מלוכה. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן יידישע אויטאָנאָמע ראַיאָנען און אַנדערע אויטאָנאָמע אינסטאַנצן. כדי צו געבן יידן אַ פולשטענדיקע מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן נאַציאָנאַל אין די גרענעצן פון דער סאָוועטן־מלוכה, איז אין 1928 פּראָקלאַמירט געוואָרן ביראָ־בידזשאַן ווי אַ יידישער אויטאָנאָמער ראַיאָן און אין 1934 ווי אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט מיט פאַרשטייער אין נאַציאָנאַליטעטן־ראַט פון העכסטן סאָוועט. אין דער זעלבער צייט באַמערקט זיך אָבער אויך אַ שטאַרקער פּראָצעס פון אַסימילאַציע, און ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה דערגרייכט דער דאָזיקער פּראָצעס שוין אַזאַ מדרגה, אַז דאָס יידישע שול־וועזן און יידישע קולטור־אינסטיטוציעס ווערן איינגעשרומפּן ביז צו קליינע רעשטן. ביי דעם גאַנצן פונדאַמענטאַלן חילוק לגבי דער קאַפּיטאַליסטישער עמאַנציפּאַציע האָט אויך די

סאָציאַליסטישע עמאַנציפּאַציע באַוויזן די אוממעגלעכקייט צו לייזן די יידישע פראַגע בכלל און די פראַגע פון יידישן נאַציאָנאַלן קיום בפרט, אָן דער אויטאָ־עמאַנציפּאַציע פון פאָלק, אָן קיבוץ גלויות אין אייגענעם הימלאַנד.

אין פולשטענדיקן היפּך צו יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס גע־ניסן פון דער פולסטער גלייכבאַרעכטיקונג אין דער געשיכטע פון דער עמאַנציפּאַציע, האָבן יידן אויסצושטיין שווערע נאַציאָנאַלע אונטערדרי־קונג אין די שכנותדיקע אָפּגעשטאַנענע, אַגראַרע לענדער, אין פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, באַלטישע לענדער. פּונקט ווי די דעמאָקראַטישע קאָנ־סטיטוציעס אין די דאָזיקע לענדער זיינען נישט מער ווי אַ שילדל פאַר שווערער עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבעטערשאַפט און האַלב־פעאָדאַ־לער פאַרקנעכטונג פון אָרעמע פויערן, אַזוי זיינען די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס פון רעכט פאַר יידן, צו וועלכע די דאָזיקע מלוכות האָבן זיך אינטערנאַציאָנאַל פאַרפליכטעט דורך מינדערהייטס־אָפּמאַכן אין ווער־סאַלער שלום, נישט מער ווי טויטע אותיות. להיפּך צום צאַרישן רוס־לאַנד באַטייליקן זיך יידן טאַקע אין פּאַרלאַמענטן און שטאַטראַטן, אָבער אָנשטאָט דעם אַמאָליקן געאָגראַפישן תחום המושב לעבן יידן אין אַן עקאָ־נאָמישן געטאָ, וואָס איז די סיבה פון וואַקסנדיקער בויט און דלות פון די ברייטע יידישע מאַסן.

אין דער זעלבער תקופה ווערט אויך פאַרמאַכט פאַר יידן פון פעאָדאַל־קאַפּיטאַליסטישן מזרח־אייראָפּע דער אויסוועג פון עמיגראַציע מעבר־לים: די אימיגראַציע־געזעצן פון קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן (1921, 1924, 1927) באַשטימען דווקא פאַר מזרח־אייראָפּייאישע לענדער אַזאַ מינימאַלע יערלעכע קוואָטע פון אימיגראַנטן, אַז די אימיגראַציע ווערט רעדוצירט צו אויסדערוויילטע יחידים. דער יידישער קיבוץ אין אַמעריקע איז אין משך פון דער צייט אויסגעוואַקסן צום גרעסטן יידישן ישוב אין דער וועלט און דערגרייכט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אַ צאָל פון 5 מיליאָן נפשות. אין אַמעריקאַנער יידנטום קומען אָבער פאַר באַדייטנדיקע ענדערונגען אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוק־טור, און פּאַראַלעל דערצו נעמט אַרום די קולטורעלע און בעיקר שפּראַכ־לעכע אַסימילאַציע אַלץ אַ גרעסערן רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג, נישט געקוקט אויף דער אַלץ פאַרשאַרפטער דיסקרימינאַציע קעגן יידן אויפן עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן געביט. דאָס אַמעריקאַנער יידנ־טום, דער רייכסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט שפּילט אין דער זעלבער צייט אַלץ אַ גרעסערע ראָלע אין דער פּריוואַטער און געזעל־שאַפטלעכער מאַטעריעלער הילף פאַר די פאַראָרעמטע יידישע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון מזרח־אייראָפּע.

אין ארץ־ישראל גייט פּאָראויס דער אויפבוי מיט גרויסע טריט ביי אַלע שטערונגען פון דער פּאַררעטערישער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, וואָס באַגרענעצט כסדר די עליה און ניט געקוקט אויף די אומרוען מצד אויפגעהעצטע אַראַבער (1919, 1920, 1929). די פּערטע עליה שטראָמט בעיקר פון פּוילן, און פון שכנותדיקע לענדער, אין דער מאָס, ווי עס פאַר־שטאַרקט זיך דאָרט די עקאָנאָמישע אונטערדריקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער ישוב האָט זיך פּירפּאַכיק פאַרגרעסערט זינט דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; אַדאַנק דער מסירת־נפש און אויס־דויער פון די חלוצים ווערן די זאַמדן און זומפּן פון עמק יזרעאל פאַר־וואַנדלט אין בליענדיקע פעלדער און גערטנער; תל־אביב, די גרעסטע שטאָט אין לאַנד, ווערט דער סימבאָל פון יידישער ענערגיע און פּיאָני־קייט פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. בעת די יידישע ליטעראַטור לעבט איבער אַ תקופה פון אויפבלי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו זי איז אָנגע־פילט מיט אַ נייעם סאָציאַלן גייסט, און איר השפּעה איז קענטיק אויך אין די נייע ליטעראַרישע שפּראָצונגען אין מאַסן־ישוב אין פּוילן, רוקט זיך אַריבער דער צענטער פון דער העברייאישער ליטעראַטור קיין ארץ־ישראל, וואוהין עס טראָגט זיך אויך אַריבער דאָס העברייאישע טעאַטער פון מאָסקווע. פּונקט ווי די יידישע וויסנשאַפט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואַקסט אויס די וויסנשאַפט אין ארץ־ישראל אַריבער די שמאָלע ראַמען פון בלויז „חכמת היהדות“, בפרט נאָך דער גרינדונג פון העברייאישן אוניווערסיטעט, הגם זי דערגרייכט דאָ נישט די מדרגה פון סאָציאַליס־טישן געדאַנק און באַגנוגנט זיך מיט דער באַגייאונג פון דער נאַציאָנאַ־לער אידייע. ארץ־ישראל הערט אויף צו זיין פאַרן יידישן פאָלק סתם אַן אידעאַל פון היסטאָרישער בענקשאַפט און ווערט נישט בלויז דער גייסטיקער צענטער פון פאָלק, נאָר אויך דער וויכטיקסטער צענטער פון יידישער וואַנדערונג. דאָס קאַפּיטל פון עמיגראַציע פון וואַנדער־פאָלק האָט זיך כמעט אָפּגעשלאָסן, עס האָט זיך געעפנט דאָס נייע קאַפּיטל פון עליה און שיבת־ציון.

7) 1933־1939 — אין צייכן פון פאַשיזם און היטלעריזם; די פינפטע עליה

דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט אין 1929 אַרומגע־כאַפּט די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט, איז להיפך צו די רעגולערע קריזיסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט געווען אַ סטרוקטורע־לער און נישט בלויז אַ קאָניונקטורעלער. באַזונדער שאַרף איז אָבער געווען דער קריזיס אין דייטשלאַנד, וואָס איז נאָך אַלץ נישט געקומען

צו זיך נאָך דער מפּלה אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין פּאַראַרעמטן איטאַליע און אין די שוואַך־אַנטוויקלטע אַגראַרע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין מזרח־אייראָפּע. די פּאַרטיפּטע נויט פון די מאַסן און די פאַרשאַרפטע קלאַסן־קעגנזאַצן שטויסן די בורזשואַזיע אַריבערצוגייען צום פּאָליטישן סיסטעם פון אָפענעם טעראָר קעגן דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. פאַשיזם, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין איטאַליע אין 1922, ווי אַ סגולה קעגן דער סכנה פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, ווערט אין פאַרשיידענע מאָדיפיקאַציעס דער הערשנדיקער סיסטעם אין די אַלע לענדער, וואָס זיינען די שוואַכסטע גלידער פון וועלט־קאַפּיטאַליזם. דער גענעראַל־שטאַב פון דער באַוועגונג ווערט דייטשלאַנד, דער אַנטי־אַרבעטער שותף פון וועלט־אימפּעריאַליזם, וואו די סכנה פון רעוואָלוציע איז געווען די גרעסטע.

דאָס היסטאָרישע לאַנד פון מאַסן־שחיטות אויף יידן בעת די קרייץ־צוגן און אין די יאָרן פון שוואַרצן טויט; דאָס לאַנד, וואָס פלעגט זיך באַרימען אין מיטלאַלטער מיט זיינע „יודען־ברענער" און „יודען־בראַטער", דאָס געבורט־לאַנד פון מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם, ווערט אויך דער וועגווייזער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער שוואַרצסטער רעאַקציע אין דער וועלט־געשיכטע אין דעם אויסגעפּרוּווטן מאַנעווער פון אויסקלייבן יידן פאַר דעם באַקוועמסטן שעיר־לעזאזל. אין יאַנואַר 1933 ווערט דער הערשער פון דער נאַציסטישער באַוועגונג, אַדאָלף היטלער, נאָמינירט דורך דעם פּרעזידענט פעלדמאַרשאַל הינדענבורג אַלס רייכסקאַנצלער. דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געוועגבערט דייטשלאַנד זינט דער תקופה פון ביסמאַרק, האָט זיך דערוואָרט איינצונעמען די מאַכט און צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון נאַצי־הימן האָרסט־וועסעל ליד: „ווען יודען־בלוט פאַם מעססער שפריצט". די קאָנצענטראַציע־לאַגערן ווערן אָנגעפילט מיט קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, ליבעראַלן און יידן. די איינפירונג פון מיליטער־פליכט, וואָס איז אַדורך אומבאַשטראָפט דורך די מערב־גרויסמאַכטן, גיט היטלערן די העזה צו פּראָקלאַמירן די נירנבערג־געזעצן אין האַרבסט פון זעלבן יאָר 1935. יעדער נייער דערפאָלג פון היטלערן אין טרעטן די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן און די פריהייט פון פעלקער, — מיט דער ברכה פון די מערב־גרויסמאַכטן, וואָס האָפן אויסצונוצן נאַצי־דייטשלאַנד ווי אַ זשאַנדאַרם פון וועלט־קאַפּיטאַליזם קעגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און ווי אַ פאַראויסשטויס־אָפּטיילונג קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — איז אויך אַ נייער עטאַפּ אין גזירות אויף יידן אין דייטשלאַנד, און אין די פאַרכאַפּטע לענדער, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע.

אין האַרבסט 1938 ווערן אויך אין פאַשיסטישן איטאַליע איינגעפירט נירנבערגער געזעצן. און צוזאַמען מיט דער פּאַרטיפונג פון פאַשיזם

וואַקסן אויך אין אַ מוראַדיקן טעמפּ די גזירות אויף ייִדן אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע: „געזעצלעכע" עקאָנאָמישע קוואָטעס פאַר ייִדן אין אונגאַרן; דאָס בטל־מאַכן די בירגער־רעכט פון אַ גרויסן טייל ייִדן אין רומעניע; בהדרגהדיקע אַרויסשטויסונג פון ייִדן פון האַנדל און אינ־דוסטריע אין די באַלטישע לענדער. די שווערסטע גזירות שיטן זיך אויף דעם ייִדישן ישוב אין פּוילן, דעם גרעסטן אין אייראָפּע. אַחוץ עקאָנאָמישע גזירות, ווי באַגרענעצונג פון ייִדישער שחיטה, פאַרמאַכן דעם צוטריט צום אַדוואָקאַטן־באַרוף א. אַז. וו. ווערט אַלץ שטיקנדיקער די אַטמאָספערע פון גיפטיקער אָפיציעלער אַנטי־ייִדישער באַיקאָט־אַגי־טאַציע, פון פּאָגראָמען (פּזשיטיק, בריסק) און פון „געטאָ־בענק" אין הויך־שולן. דאָס מזרח־אייראָפּייִשע ייִדנטום איז שוין ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט געטראָגן אין שויס זיין מוראַדיקע פאַרטיליקונג, געשטאַנען פאַרצווייפלט אויפן ראַנד פון עקאָנאָמישער פאַרניכטונג.

די אויגן פון געררודפטן פאָלק ווענדן זיך קיין ארץ־ישׂראל. אַחוץ די פּליטים פון נאַצי־דייטשלאַנד גייט די עליה פון דער ייִדישער יוגנט פון פּוילן און פון די שכנותדיקע לענדער אויף אַלע וועגן פון ים און יבשה אויף צו להכעיס די אַלץ שאַרפערע גזירות פון דער בריטישער מאַכט אין לאַנד. אין רעזולטאַט פון דער פינפטער עליה דערגרייכט דער ישוב פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַ האַלבן מיליאָן נפשות. ווידער ברעכן אויס אומרוען, וואָס ציען זיך שוין אומאויפהערלעך פון 1936 ביז צו דער וועלט־מלחמה און די מאַנדאַטן־מאַכט שפּילט דערביי די זעלבע צווידייטיקע ראָלע, ווי אין די פריערדיקע געשעענישן. דאָס מאָל באַפעסטיקט זיך אָבער די אָרגאַניזאַציע פון דער הגנה, וואָס איז אָנגעגרייט צו ווערן שפּעטער דער קאַדער פון פאָלקס־אַרמיי אין דער מלחמה פאַר באַפרייאונג און זעלבשטענדיקייט. נייע שטחים אין פאַר־שיידענע געגנטן פון לאַנד ווערן באַנוצט דורך חלוצים און די צאָל דאָר־פישע ישובֿים ווערט פאַרטאָפּלט. ווי אַ ציניִשער חוזק פון די ליידן פון פאָלק, וואָס איז אַרייַנגעכאַפּט געוואָרן אין די שפּאַנעס פון פאַשיזם און נאַציזם, לאָזט אַרויס די מאַנדאַטן־מאַכט אַ פּאָר חדשים פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה דאָס „ווייסבוך".

8) 1945־1939 — די צווייטע וועלט־מלחמה און די פאַרטיליקונג פון אייראָפּייִשן ייִדנטום

דעם ערשטן סעפּטעמבער פאַרטאָג, 1939, האָבן היטלערס עראָפּלאַ־נען אַראָפּגעשיט אַ האָגל פון באָמבעס אויף די שטעט פון פּוילן און עס האָט זיך צעפלאַקערט די צווייטע וועלט־מלחמה. היטלערס אָפענע דראָ־אונגען וועגן פאַרניכטונג פון ייִדישן פאָלק אין אייראָפּע זיינען אויסגע־

פירט געוואָרן מיט דער געניטקייט פון אַ טייוולאָניש אויסגערעכנטן פּלאַן. נאָך דער ערשטער כוואַליע פון רויב און מאַסן־פּאָגראָמען איז געקומען די גזירה וועגן דער געלער לאַטע. אין 1940 ווערן די יידן אין פּוילן פאַרשפּאַרט אין געטאָס וואו זיי גייען אויס פון הונגער און עפּידעמיעס. צענדליקער טויזנטער ווערן פאַרפייניקט אין צוואַנגס־אַרבעטסלאַגערן. מיט דער אינוואַזיע פון די נאַציִשע חיילות אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, יוני, 1941, האָט געשלאָגן די בייזע שעה פאַר די 5 מיליאָן יידן אין סאָוועטן־פאַר־באַנד (צוזאַמען מיט די נייע סאָוועטישע געביטן פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד, באַלטישע לענדער, צפון־בוקאָווינע און בעסאַראַביע). אין האַרבסט 1941 זיינען פאַרטיליקט געוואָרן אין מאַנסטער־עקזעקוציעס די יידן אין די פאַרכאַפּטע סאָוועטישע געביטן. אין זומער 1942 איז גע־קומען די רייע פון די יידן אין פּוילן, די אויסגעמאַטערטע אין אַלע יסורים פון געטאָ־גיהינום. אין די טויט־לאַגערן, אויפגעשטעלטע לויט די מאָ־דערנסטע דערגרייכונגען פון דער דייטשער מאָרד־טעכניק אין מאַידאַ־נעק, טרעבלינקע, בעלזשיץ און אָשוויענטשים זיינען דערשטיקט געוואָרן אין גאַז־קאַמערן און פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריעס די מיליאָנען יידן פון פּוילן. דאָרט האָבן אויך געפונען דעם שוידערלעכן טויט די דעפּאָרטירטע יידן פון מערב־אייראָפּע, מיטל־אייראָפּע און פון די באַל־קאַנען. דער רוב מנין ובנין פון אייראָפּייאישן יידנטום איז פאַרלענדט געוואָרן אין מיתות משונות און אָוועקגעגאַנגען מיטן שוואַרצן רויך פון די דייטשע קאַלך־אויוונס; די בערג מיט זייער אַש האָט צעטראָגן דער ווינט.

די וועלט האָט נאָך בישט געזען אַזאַ אויסטערלישע מאַרטיראָלאָגיע פון אַ פאָלק. נישטאָ אויך קיין גלייכן צו דער איבערמענטשלעכער העלדישקייט, וואָס לייכט פון יענער לאַנגער גרויזאַמער גיהינום־נאַכט. אַחוץ צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס האָבן געקעמפט העלדיש אין די רייען פון די חיילות פון די פאַרבינדעטע מאַכטן, צווישן זיי די יידישע בריגאַדע פון ארץ־ישראל, האָבן יידן פּאַרטיזאַנער אַרויסגעוויזן זייער גבורה קעגן שונא אין די וועלדער פון פּוילן, ליטע און ווייסרוס־לאַנד. אָבער צו דער העכסטער, איבערמענטשלעכער מדרגה פון העל־דישקייט האָבן זיך דערהייבן די קעמפער אין די אויפשטאַנדן אין די געטאָס פון וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, סאָסנאָוויץ און אַנדערע שטעט; ניט צו ראַטעווען זייער לעבן, נאָר צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פון פאַרפייניקטן פאָלק זיינען אַרויס אין קאַמף די ווערדיקע אייניקלעך פון די מאַקאַבייער און זעלאָטן קעגן אַ מעכטיקן דם־ישונא, וואָס האָט שוין געהאַט באַצוואוּנ־גען די גרעסטע אייראָפּייאישע לענדער. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער סדר־נאַכט פּסח 1943 און האָט

זיך געהאַלטן אַ חודש צווישן פּאַלנדיקע ווענט פון די אונטערגעצונדענע געטאָ־הייזער, האָט אַרויסגערופן דאָס שטוינען פון דער גאַנצער וועלט און איז געוואָרן אַ קוואַל פון דערמוטיקונג פאַר די פעלקער, וואָס האָבן געשמאַכט אין שקלאַפעריי ביי די בלוטיקע מערדער.

9) 1950־1945 — די יידישע באַפרייאונגס־מלחמה און די זעלבשטענדיקע מדינת ישראל

פאַריתומט נאָך דעם אומקום פון זעקס מיליאָן זיין און טעכטער איז געבליבן דאָס יידישע פאָלק נישט מער ווי צוויי־דריטל פון זיין באַשטאַנד. פון אַמאָליקן פוילישן יידנטום האָט זיך נישט אָפּגעראַטעוועט מער ווי אַ צענטל, בעיקר די, וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. פון סאָוועטישן יידנטום גופא איז געבליבן ווייניקער ווי אַ העלפט, בערך צוויי מיליאָן. אָבער דאָס אייראָפּייאישע יידנטום בכלל האָט שוין נישט געקאָנט אויפגעריכט ווערן, נאָכדעם, ווי עס זיינען חרוב געוואָרן ביז צום גרונט די טויזנט־יאָר אַלטע ישובים, דער חוט־השדרה פון ביאָלאָגישן און נאַציאָנאַל־קולטורעלן קיום פון גאַנצן פאָלק. די צוקונפט פון פאָלק האָט אויפגעלויכטן אין מזרח, אין זיין אַלט־נייעם היימלאַנד. די פאַר הונדערט טויזנט יידישע פּליטים פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין לאַגערן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע, האָבן דאָס רוב געהאַט נאָר איין שטרעבן: אָנצוקומען אין זייער נאַטירלעכן מקום מקלט, אין ארץ־ישראל. דאָס געראַנגל פון יידישן פאָלק פאַר זיין רעכט פון עליה און אויפבוי פון אייגענעם לאַנד, איז אַריין אין אַ נייער תקופה. דער קאַמף פון דער „הגנה" קעגן די גזירות פון בריטישן „ווייס־בוך" האָט זיך פאַרפלאָכטן מיט דער מוטיקייט פון די מעפּילים, וואָס האָבן זיך אַדורכגעריסן צום ברעג פון לאַנד אויף אַלע אומלעגאַלע וועגן. אין דער פּאָליטישער וועלט האָט אַלץ־מער זיך געשטאַרקט די איבערציייגונג, אַז עס איז איר חוב זיך אַריינצומישן לטובת דעם יידישן פאָלק. אַ ווענדפּונקט אין דער שטעלונג פון די „פאַראייניקטע פעלקער" איז געווען די רעדע פון סאָוועטישן פאָרשטייער אַנדריי גראָמיקאָ אין מאַי 1947 פאַר דער אויפשטעלונג פון צוויי באַזונדערע מדינות אין ארץ־ישראל, אַ יידישע און אַן אַראַבישע.

דעם 29טן נאָוועמבער 1947 איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער פאַרזאַמלונג פון די „פאַראייניקטע פעלקער" דער היסטאָרישער באַשלוס וועגן צעטיילונג פון ארץ־ישראל. באַלד דערנאָך ברעכט אויס דער שווערער קאַמף פון ישוב פאַר זיין קיום קעגן אַראַבישע באַנדעס, וואָס ווערן באַוואָפנט און געשטיצט דורך דער בריטישער ציווילער און מיליטערישער

מאַכט. דער ישוב פאַרטיידיקט זיך העלדיש אונטער דער אָנפירונג פון דער הגנה און פון זיין אַוואַנגאַרד, דעם פּלמ״ח; די פּאָראויסגערוקטע פּאָזיציעס פון קאַמף זיינען די קיבוצים. אין דעם גורל־שווערן געראַנגל פון פאָלק איז אויך בייגעשטאַנען די הילף פון דער סאָציאַליסטישער וועלט. בעת די קאַפּיטאַליסטישע גרויסמאַכטן פּרואוון אויף אַלע אופנים צו סאַבאָטירן און רעווידירן דעם באַשלוס וועגן אויפשטעלן די יידישע מדינה, שטעלט זיך איין די סאָציאַליסטישע וועלט מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד בראָש שטאַל און אייזן פאַר די רעכט פון דעם יידישן פאָלק און שפּאַרט אויך נישט קיין שטיצע אין באַוואָפענונג דעם קעמפנדיקן ישוב.

דעם 14טן מאַי 1948, אין טאָג, ווען די בריטישע חיילות האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, ווערט דורך דעם יידישן פאָלק אין אייגענעם לאַנד פּראָקלאַמירט דאָס צוריקאויפשטעלן פון דער זעלבשטענדיקער מדינת־ישראל נאָך אַ הפסקה פון צוויי טויזנט יאָר גלות. אין די סאַמע טעג פון שווערן פאַרטיידיקונג־קאַמף פון דער מדינה קעגן דער אינוואַזיע פון די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער, און אויך נאָך דעם וואָפן־שטילשטאַנד, שטראָמען אין באַפרייטן לאַנד צענדליקער טויזנטער עולים פון נאָענטע און ווייטע לענדער. אין משך פון צוויי יאָר, ביז פרילינג 1950, האָט זיך דער יידישער ישוב פאַרטאָפּלט ביז אַ מיליאָן און אַ פערטל נפשות. אויף דער שוועל פון דער צווייטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק די תקופה פון קיבוץ גלויות אין זיין אייגענער זעלבשטענדיקער מדינה.

די תקופה פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות.

אַריינפיר

§1. די לאַגע פון יידן ערב דער רעוואָלוציע

צעזייט און צעשפּרייט איבער פיר קאָנטינענטן איז געווען דאָס יידישע וועלט־פאָלק אין דער תקופה ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. פון אינדיע און פּערסיע אין אַזיאַטישן נאָענטן מזרח ביז די ענגלישע קאָלאָניעס אין צפון־אַמעריקע און פון שוועדן אין צפון־אייראָפּע ביז סורינאַם אין דרום־אַמעריקע, זיינען געווען צעוואָרפן קהילות פון דעם אַלטן וואַנדער־פאָלק, פאַראייניקט דורך איין רעליגיע, איין נאַציאָנאַלער קולטור־שפּראַך, איין גרויסער קולטור־ירושה און היסטאָרישער טראַדיציע און איין און דער זעלבער בענקשאַפט נאָך קיבוץ־גלויות און ווידעראויפריכטונג אין נאַציאָנאַלן היימלאַנד. דער איבערוועגנדיקער רוב, מער ווי פיר־פינפטל פון יידישן וועלט־פאָלק, איז אָבער נאָך אַלץ געווען קאָנצענטרירט אויף דעם קאָנטינענט פון אייראָפּע, וואוהין דער צענטער פון דער יידישער דיאַספּאָראַ האָט זיך געהאַט אַריבערגערוקט שוין אין דער תקופה פון פריען מיטלאַלטער. די געשיכטע פון יידן אויף דער שוועל פון דער נייעסטער צייט איז, בכן, בעיקר אַ געשיכטע פון אייראָפּיאישן יידנטום. בפרט, אַז מחוץ אייראָפּע זיינען בלויז די קליינע עדה'ס יידן אין צפון־אַמעריקע און ארץ־ישראל, באַרירט געוואָרן דורך די געשעענישן פון דער וועלט־געשיכטע, בעת די יידן אין צפון־אַפריקע און אין נאָענטן מזרח זיינען געבליבן פאַרגליווערט אין דער אָפּגעשטאַנענער סביבה פון זייערע וואוין־לענדער.

פונקט ווי נישט גלייכמעסיק עס איז געווען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע אַנטוויקלונג פון די פאַרשיידענע געביטן פון אייראָפּע, אַזוי נישט גלייכמעסיק איז אויך געווען די גרויס און פּראָפּאָרציע פון זייערע יידישע ישובים. ווייניקער ווי אַ צענטל פון העכער צוויי מיליאָניקן אייראָפּיאישן יידנטום האָט באַוואוינט די הויך־אַנטוויקלטע לענדער פון מערב־אייראָפּע, די לענדער ביים אַטלאַנטישן אָקעאַן, ענגלאַנד, האָלאַנד, פראַנקרייך און דאָס געאָגראַפיש און עקאָנאָמיש אויפן מיטללענדישן ים אָפּגערוקטע איטאַליע. אין צענטראַל־אייראָפּע, אין די לענדער דייטשלאַנד, בעהמען, מעהרען, עסטרייך, אונגאַרן, וואָס האָבן אויך אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פאַרנומען די מיט צווישן די פירנדיקע לענדער פון האַנדלס־קאַפּיטאַליזם אין מערב און די אָפּגעשטאַנענע פעאָדאַל־אַגראַרע לענדער אין מזרח־אייראָפּע, איז די צאָל יידן אין סך־הכל געווען מער ווי צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אין מערב

און באַטראַפן קוים אַ פערטל פון אייראָפּייאישן יידישן קיבוץ. דער רוב מנין ובנין, אַרום צוויי־דריטל פון אייראָפּייאישן יידנטום, העכער אַ מיליאָן מיט אַ פערטל נפשות, האָט באַוואוינט די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער, דהיינו: די גרויסע מלוכה פוילן, מיט ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע און דעם באַלקאַן־האַלב־אינדזל אונטער טערקישער הערשאַפט.

די דאָזיקע געאָגראַפישע צעטיילונג פון יידישע ישובים, וואו דער שווער־פּונקט פון אייראָפּייאישן יידנטום און ממילא פון יידישן פאָלק אי־בער דער וועלט, האָט זיך געפונען אין מזרח־אייראָפּע, איז שוין צום סוף פון מיטלאַלטער געוועזן אַ געשעענער פאַקט. מערב־אייראָפּע איז דורך די גירושים פון שפעטן מיטלאַלטער אינגאַנצן געהאַט אויסגעליידיקט גע־וואָרן פון יידן און אין מיטל־אייראָפּע זיינען יידן פאַרטריבן געוואָרן פון גרעסטן טייל פון דייטשלאַנד און עסטרייך. די געצוואונגענע און פריוויליקע עמיגראַציע פון יידן איז געגאַנגען קיין מזרח; ספרדישע יידן פון שפאַניע, פאַרטוגאַל און דרום־איטאַליע האָבן זיך באַזעצט בעיקר אויף דעם באַלקאַן־האַלב־אינדזל, און אשכנזישע יידן האָבן געפונען אַ מקום מקלט אין פוילן. אין דעם מזרח־טייל פון אייראָפּייאישן קאָנטינענט, וואָס איז געווען פאַרשפּע־טיקט אין זיין עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג, האָבן יידן געהאַט געפונען אַ גרויסן פּלאַץ פאַר זייערע עקאָנאָמישע טעטיקייטן, וואָס זיינען געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון פאַראויסגאַנג פון האַנדלס־קאַפּיטאַליזם אין יענע געביטן. אויב צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט זיינען בכלל פאַראַן יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע, איז עס געווען אַ רע־זולטאַט פון עקאָנאָמישן אויפשטייג פון די דאָזיקע לענדער אין דער תקופה פון קאָמערציעלן קאַפּיטאַליזם.

די זעלבע לענדער, וועלכע האָבן געהאַט פאַרטריבן יידן צום סוף פון דער מיטלאַלטערלעכער תקופה, האָבן שוין אין 16טן און 17טן יאָרהונ־דערט, אין שייכות מיט דעם אויפבלי פון קאָלאָניאַלן האַנדל און שפּעטער — פון דער מאַנופאַקטור־אינדוסטריע, וויליק אויפגענומען יידישע פּליטים פון פאָרטוגאַל, וואָס האָבן מיטגעבראַכט אי באַדייטנדיקע קאַפּיטאַלן, אי גרויסע געניטקייט אין וועלט־האַנדל. די פּיאָנערן פון יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע, פונקט ווי אין אַמעריקע אין דער פרייער ניי־צייט, זיינען בכן געווען דורכאויס ספרדים, מאַראַנען און זייערע אייניקלעך. צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט זיינען די ספרדים נאָך אַלץ דער אָממערסטן אייבּ־געפונדעוועטער און רייכסטער שיכט פון יידן אין אַלע מערב־אייראָפּיי־אישע לענדער און אין אַמעריקע. זיי שטעלן אָבער שוין צוזאַמען נישט מער ווי אַ מיעוט פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג; דער גרויסער רוב באַשטייט פון אשכנזישע יידן פון דייטשע לענדער און פון פוילן, וואָס זיינען געטריבן צו עמיגראַציע דורך עקאָנאָמישער נויט, אָדער דורך דעם

אויסקוק אויף גרויסע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן אין די פירנדיקע האַנדלס־מלוכות פון דער וועלט. דאָס אשכנזישע יידנטום האָט אין דער תקופה פון איבערגאַנג פון פעאָדאַליזם צום מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, ניט נאָר אַרומגענומען דעם גרויסן רוב פון יידישן וועלט־פאָלק אין זיינע מאַסן־קיבוצים אין מזרח־און מיטל־אייראָפּע, נאָר איז אויך געווען דער דאָמינירנדיקער עלעמענט אין די לפי־ערך נייע יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע און צפון־אַמעריקע.

ביז צום אויסברוך פון דער אַמעריקאַנער און פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז נישט געווען קיין איין לאַנד אין דער וועלט, וואו יידן זיינען געווען פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקט. די סיבה דערפון איז געווען קודם־כל, די, וואָס אין ערגעץ אין דער וועלט איז מלוכה נישט געווען אָפּגעטיילט פון רעליגיע. נישט נאָר איז קריסטלעכע רעליגיע געווען די הערשנדיקע רעליגיע אין קריסטלעכע לענדער, פונקט ווי די מוסולמאַנישע רעליגיע אין מוסולמאַנישע לענדער, נאָר די הערשנדיקע ריכטונג פון קריסטנטום אין לאַנד האָט אונטערדריקט די קריסטלעכע מינדערהייטן. אין קיין שום קאַטוילאַיש לאַנד האָט אַ פּראָטעסטאַנט נישט געטאָרט האַלטן קיין מלוכהשן און על פי רוב אויך ניט קיין שטאָטישן אַמט, נישט געטאָרט זיך באַטייליקן אין וואַלן, און כמעט אומעטום איז ער געווען אויסגעשלאָסן פון גילדיעס פון סוחרים און בעלי־מלאכות. געווען אויך קאַטוילישע לענדער, וואו פּראָטעסטאַנטישע רעליגיע איז געווען בכלל פאַרבאָטן און אירע אָנהענגער זיינען אכזריותדיק גערודפט געוואָרן, אפילו ביז גירוש. ענלעכע באַגרענעצונגען זיינען געווען איינגעפירט אין פּראָטעסטאַנטישע לענדער קעגן קאַטאָליקן און נאָך מער קעגן מיטגלידער פון רעליגיעזע פאָלק־סעקטעס, וואָס האָבן זיך געהאַט אָפּגעשפּאָלטן פון פּראָטעסטאַנטיזם, ווי אנאבאַפּטיסטן אויפן אייראָפּייאישן קאָנטינענט, קוועיקערס אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. פונקט ווי די פאַרקניפּטקייט פון מלוכה און קירך, וואָס איז אַליין געווען אַ דערשיינונג פון פעאָדאַלן סיסטעם, האָט דער־דאָזיקער סיסטעם גופא, וואָס איז געווען אויפגעבויט אויף פּריווילעגיעס פון שטאַנדן און קאָרפּאָראַציעס, אויך דירעקט געדריקט אויף יידן דורך אַלערליי דיס־קרימינאַציעס און באַגרענעצונגען.

אין דער פעאָדאַלער מלוכה האָט קיין באַוואוינער פון לאַנד נישט געקאָנט זיין פאַרבונדן מיט דער מלוכה אַנדערש ווי נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון שטאַנד אָדער קאָרפּאָראַציע, צו וועלכער ער האָט געהערט בירושה. די מלוכה איז געווען אויפגעשטעלט אויף אַ היעראַרכיע פון שטאַנדן מיט די פּריווילעגירטע שטאַנדן פון קלער און אַדל אָן דער שפּיץ און דער מאַסע פון דער באַפעלקערונג, שטאָטסלייט און פויערן אַלס דריטן, נידעריקן שטאַנד. דער דריטער שטאַנד גופא, הגם ווי אַ גאַנצער באַ־

עוולט דורך אויסשליסונג פון העכערע מלוכה־אַמטן, דורך באַגרענעצונג אין דער מלוכה־רעפּרעזענטאַנץ און דורך אויסטראָגן די לאַסט פון מלוכה־שטייערן, איז געווען דיפערענצירט אין אַ גאַנצער לייטער פון סאָציאַל־און פּאָליטיש אָפּגעשיידטע שיכטן. קודם כל, איז דאָס בירגערטום, דער שטאַנד פון די שטאָט־באַוואוינער, געווען לחלוטין פּריווילעגירט לגבי דער פּויערן־באַפעלקערונג: מיטן אויסנאַם פון קליינע שטעטלעך זיינען די שטאָט־בירגער געווען אַרויסגענומען פון דער יורידיקציע פון די פּריצים, פאַרמאָגט אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג און דאָס רוב אויך אַן אויטאָנאָמיע אויפן געביט פון אַדמיניסטראַציע, געריכט און אפילו פון לאָקאַלער געזעצגעבונג. די פּויערן זיינען אין גרויסן רוב פון אייראָפּייאישע לענדער געווען לייב־אייגענע ביי די פּריצים, און אפילו דאָרט וואו זיי זיינען געווען צינז־צאָלער (אין פראַנקרייך — בערך אַ העלפט פון אַלע פּויערן) זיינען זיי געווען אַחוץ אָפּצאָלן אונטערגעוואָרפן אַדמיניסטראַטיוו און געריכטלעך דער פּריצישער מאַכט. די שטעט אַליין זיינען אָבער אויך געווען אַ מיניאַטור פון דער מלוכה אין זין פון סאָציאַלער און פּאָליטישער שיכטונג.

דער הערשנדיקער שיכט אין די שטעט איז געווען דער סוחרים־קלאַס, וואָס האָט זיך געמאַכט אונטערטעניק די קרעמער, בעלי־מלאכות און קודם־כל די פּראָלעטאַרישע, אַרבעטנדיקע עלעמענטן. על פּי רוב האָט פון סוחרים־קלאַס גופא זיך אויסגעטיילט אַ גרופּע פון רייכסטע, פּאַטריציער, וואָס האָבן די מאַכט אין דער שטאָט איינגעטיילט צווישן זיך, און איבערגעגעבן בירושה זייערע קינדער. די אונטערדריקטע קרעמער און בעלי־מלאכות גופא זיינען געווען אָרגאַניזירט אין גילדיעס, וואָס האָבן נישט נאָר באַוואָרנט זייערע אינטערעסן ווי אַרבעטס־געבער קעגן די געזעלן, לער־יינגלעך און אַרבעטער, נאָר שטרענג אָפּגעהיט די אייגענע פּריווילעגיעס און דעם מאָנאָפּאָל אויף האַנדל און מלאכה סיי קעגן דער קאָנקורענץ מצד פרעמדע פון אַנדערע לענדער און „פרעמדע” פון אַנדערע שטעט, סיי קעגן אָרטיקע נישט־אָרגאַניזירטע, „פּושער” און „שטערער”, הענדלער און פּעדלער.

ווי שטאָט־באַוואוינער — מיטן אויסנאַם פון מזרח־אייראָפּע מיט אַ באַדייטנדיקער פּראָפּאָרציע דאָרף־עלעמענטן — און ווי באַשעפטיקטע מיט האַנדל, געלט־לייען און מלאכה, האָבן יידן אין דער פעאָדאַלער אָרדענונג, אין תוך, פאַרגעשטעלט אַן אינטעגראַלן באַשטאַנד־טייל פון בירגערטום. רעכטלעך־פּאָליטיש זיינען אָבער יידן, אַחוץ אין געוויסע הינזיכטן אין אַמעריקע און אין אַ טייל מערב־אייראָפּע, נישט באַטראַכט געוואָרן ווי שטאָט־בירגער, נאָר ווי אַ באַזונדערע גרופּע פון דער באַפעלקערונג, ווי אַ באַזונדערע קאָרפּאָראַציע, וואָס פלעגט דאָס רוב באַצייכנט ווערן מיטן נאָמען „נאַציע”. אַן ענלעכע רעכטלעכע שטעלונג פון אַ באַזונדערער קאָרפּאָראַ־

ציע האָבן אויך געהאַט אַנדערע עטנישע און רעליגיעזע גרופּעס אין גע־וויסע לענדער, ווי, למשל, די „פּראַנצויזישע נאַציע" און די „בעהמישע נאַציע" אין פּרייסן. עס איז אָבער קוים נויטיק צו באַמערקן, אַז אין גע־זעלשאַפטלעכן לעבן זיינען יידן געווען אַ סך שטאַרקער איזאָלירט, איי־דער די אַנדערע „נאַציעס", וואָרום זייער באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָפּשטאַ־מונג איז געווען פאַרבונדן מיט אַ נאַציאָנאַלער רעליגיע און מיט אַן אייגנ־אַרטיקער נאַציאָנאַלער קולטור.

דער כאַראַקטער פון דער פעאָדאַלער מדינה ווי אַ שטאַנדן־און קאָר־פּאָראַציע־מלוכה, פאַרקניפּט מיט דער הערשנדיקער קירך, איז בכן געווען דער עיקרדיקער גורם, וואָס האָט באַשטימט די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן אין אייראָפּע אין דער תקופה פאַר דער רעוואָלוציע. אויסגעשלאָסן פון די פּאָליטישע פּריווילעגיעס פון בירגערשטאַנד, ווי רעפּרעזענטאַנץ אין דער מלוכה און אין די מוניציפּאַלע אינסטיטוציעס, באַגרענעצט אין וואוין־רעכט כמעט אין אַלע לענדער אין אייראָפּע, און כמעט אומעטום אַריינגעקוועטשט אין סדום־בעט פון באַשטימטע פּרנסות און באַשווערט מיט באַזונדערע יידישע שטייערן, איז די יידישע באַפעלקערונג ווי אַ גאַנצע געווען לחלוטין אונטערדריקט אין פאַרגלייך מיט דער איבעריקער שטאָ־טישער באַפעלקערונג.

אין דעם זעלבן פעאָדאַלן סיסטעם איז אָבער די רעכטלעכע לאַגע פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער אַלגעמיינער שטאָט־באַפעלקערונג בלויז אין געוויסע הינזיכטן (שטייערן) געווען בעסער ווי פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע און די לאַגע פון די פּויערן איז אין רעכטלעכן זין, אין רוב אייראָפּע, געווען אפילו ערגער ווי פון יידן, וואָרום זיי האָבן נישט פאַרמאָגט אפילו די באַוועגונג־פרייהייט. אויך אין פאַרגלייך מיט קריסטלעכע רעליגיעזע מינדערהייטן, און בפרט מיט די גערודפטע פאָלקס־סעקטעס, האָבן יידן אין געוויסע לענדער פאַרמאָגט מער רעכט און אַ מער געזיכערטע שטע־לונג: בעת יענע האָבן אין אַ סך פאַלן עפנטלעך נישט געטאָרט אָפּהאַלטן זייער גאָטעס־דינסט, האָבן יידן געמעגט בויען שולן און זייערע רעליגיעזע און אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס זיינען געווען סאַנקציאָנירט און געשיצט דורך דעם געזעץ. די געזעצלעכע באַגרענעצונגען און די רעכטלעכע אויס־נאָם־לאַגע פון יידן זיינען בכן געווען אַן איינצל דערשיינונג פון פּאָליטישן סיסטעם פון פעאָדאַליזם, פון סיסטעם פון שטאַנדן און קאָרפּאָראַציע־פּרי־ווילעגיעס און געזעצלעך סאַנקציאָנירטער פאַרקנעכטונג אי פון די בריי־טסטע מאַסן פון דאָרף און שטאָט, אי פון רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן.

צוליב דער דערמאָנטער נישט גלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פון פאַר־שיידענע לענדער האָט אויך די רעכטלעכע לאַגע פון יידן אויפגעוויזן אַ

ברייטע סקאלע פון פאַרשיידנקייט, אָפּהענגיק אי דירעקט פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סטרוקטור פון לאַנד, אי פון דער פונקציע פון יידן אין עקאָנאָמישן לעבן. ביי קיין שום פאָלק אין דער וועלט האָט אין דער תקופה פאַר עמאַנציפּאַציע די רעכטלעכע לאַגע נישט אַזוי משפיע געווען אויף זיין עקאָנאָמישן לעבן ווי ביי יידן. די רעכטלעכע גזירות האָבן לכתחילה יידן דערווייטערט פון אַ ריי צווייגן פון דער ווירטשאַפט, ווי לאַנדווירטשאַפט כמעט אין אַלע לענדער און די מערסטע מלאכות אין רוב לענדער פון יידישע ישובים. אָבער די רעכטלעכע באַגרענעצונגען גופא זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין לאַנד, צווישן וועלכע די עקאָנאָמישע טעטיקייטן פון יידן זיינען אויך געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר. אַזוי, למשל, האָט אין אַ ריי לענדער די וויכטיקע ראָלע פון יידן אין האַנדל, בפרט אין הורט־האַנדל, נישט נאָר אַדורכגעבראַכט די צוימען פון געזעצלעכע פאַרבאָטן, נאָר אפילו דערפירט צו טיילווייזע ענדערונגען אין די געזעצן און צו אַ לעגאַלער סאַנקציאָנירונג פון יידישן האַנדל בכלל, אָדער פון האַנדל מיט באַשטימטע אַרטיקלען. פונקט אַזוי האָט אין אַ טייל לענדער פון צענטראַל־אייראָפּע און אין מזרח־אייראָפּע מלאכה זיך פאַרשפּרייט ביי יידן אין אַזאַ מאָס, אַז די מלוכה־מאַכט, שטאָט־ראַטן און גילדיעס זיינען געצוואונגען געוואָרן צו באַשטימטע הנחות, בפרט בנוגע שניידעריי און קרובהשע פאַכן.

אַחוץ צפון־אַמעריקע, וואו די קליינע עדה יידן האָט שוין פאַר דער רעוואָלוציע דערגרייכט ציווילע גלייכבאַרעכטיקונג, הגם זי האָט נאָך אַלץ נישט פאַרמאָגט קיין פּאָליטישע בירגער־רעכט, איז דער רעכטלעכער מצב פון יידן, לפי ערך, געווען דער בעסטער אין די הויך־אַנטוויקלטע לענדער פון מערב־אייראָפּע. אין ענגלאַנד און אין האָלאַנד, וואו דער פּאָליטישער סיסטעם פון פעאָדאַליזם איז שוין דעמאָלט געווען אַדורכגעבראָכן דורך דער אַנטוויקלונג פון האַנדלס־קאַפּיטאַליזם און דורך דער אויפשטייגנדיקער מאַנופאַקטור־אינדוסטריע, האָבן יידישע קאַפּיטאַליסטן גענאָסן פון אַזעלכע רעכט, וואָס האָבן געגעבן אומגעשטערטע מעגלעכקייטן פון באַשעפטיקונג אין אויסלענדישן־און אין הורט־האַנדל, ווי אויך אין באַנקוועזן. די אומוואַרפונג פון די צוימען פאַר דעם יידישן גרויסן קאַפּיטאַל האָט אויך פאַר דעם יידישן מיטלקלאַס געשאַפן געוויסע רעכטלעכע פאַרלייכטערונגען, ווי דאָס רעכט צו וואוינען כמעט אין אַלע שטעט און גלייכע באַשטייערונג מיט די איבעריקע בירגער, הגם דער יידישער קליינהאַנדל און מלאכה האָבן נאָך אַלץ אָנגעטראָפן אויף לעגאַלע מניעות. אַדאַנק דער וויכטיקער ראָלע אין אויסלענדישן האַנדל און אין דער מאַנופאַקטור האָבן איינצעלע ספרדישע קהילות פון מאַראַנישער אָפּשטאַמונג אויך אין לענדער, וואו דער פעאָדאַליזם איז געבליבן פעסט אין זיינע יסודות, געהאַט

פּריווילעגיעס, וואָס האָבן זיי כמעט אויסגעגליכט מיט די האָלענדישע און ענגלישע יידן. אַזעלכע ברייטע פּריווילעגיעס האָבן פאַרמאָגט די קהילות אין די גרויסע האַפן־שטעט באָרדאָ אין דרום־פראַנקרייך, האַמבורג (די ספרדישע קהילה) אין דייטשלאַנד און ליוואָרנאָ אין דעם איטאַליענישן גרויספירשטנטום טאָסקאַנאַ.

די שווערסטע רעכטלעכע באַגרענעצונגען פון יידן און די ברוטאַלסטע עקספּלואַטאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג דורך כל המינים באַזונדערע שטייערן און אָפּצאָלן זיינען געווען אַ שיטה אין די מיטל־אייראָפּעאישע לענדער: דייטשלאַנד, עסטרייך, בעהמען־מעהרן, אונגאַרן, ווי אויך אין די שכנותדיקע פראַנצויזישע פּראָווינצן עלזאַס־לאָטאַרינגיע און אין איטאַליע. אין די דאָזיקע לענדער, וואָס זיינען נאָך די אַנטדעקונגען אָפּגערוקט געוואָרן פון די וויכטיקסטע וועגן פון וועלט־האַנדל, איז, אין דער ירידה־תקופה פון פעאָדאַליזם, די עקאָנאָמישע נויט פון שטאָטישן קליינבירגערטום באַזונדער פאַרשאַרפט געוואָרן. דער פּאַמעלעכער, אָבער שטענדיקער פּראָויסמאַרש פון דעם קאַפּיטאַליסטיש־אָרגאַניזירטן האַנדל און פון דער מאַנופאַקטור־אינדוסטריע איז נישט געווען גענוג שטאַרק ווי אין מערב־אייראָפּע, כדי צו באַצווינגען די פעאָדאַלע אַגראַר־האַנטווערקערישע ווירטשאַפט, ער האָט אָבער אַרויסגעוויזן זיין צעשטערערישע ווירקונג אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון קרעמער, קליינהענדלער און בעלי־מלאכה און פאַרטיפט דאָס דחקות פון דער ברייטער מאַסע פויערן. דער אָפּיציעלער, ביז צו די קלענסטע פּרטים אויסגעאַרבעטער סיסטעם פון רעפּרעסיעס קעגן יידן אין די דאָזיקע לענדער האָט אַחוץ דעם פּאָליטישן צוועק פון אָפּווענדן די פאַרביטערונג פון די מאַסן אין דער ריכטונג פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם און רעליגיעזן האַס, געהאַט דירעקט פאַר אַ ציל צו באַוואָרענען דאָס „אייגענע" פאַראַרעמטע קליינבירגערטום קעגן דער קאָנקורענץ מצד יידן אין האַנדל און מלאכה.

אין אַ טייל לענדער פון דעם־דאָזיקן געביט איז יידן בכלל פאַרבאָטן געווען צו וואוינען, אין די איבעריקע איז זייער צאָל געווען לכתחילה באַגרענעצט לויטן געזעץ. נישט נאָר זיינען יידן געווען מחויב צו צאָלן הויכע סומעס „שוץ־געלט" פאַרן רעכט צו וואוינען אין לאַנד אָדער אין דער שטאָט, נאָר דער „שוץ" איז געווען דערלאָזבאַר בלויז פאַר אַ באַשטימטער צאָל פאַמיליעס. אין איטאַליע האָט דעם זעלבן צוועק אויסגעפירט די אָפּגרענעצונג פון יידן אין אַ באַזונדער געטאָ אין יעדער שטאָט, וואו זיי האָבן געמעגט וואוינען. אין גאַנץ דייטשלאַנד און עסטרייך האָבן יידן זיך נישט געטאָרט פאַרנעמען מיט קיין שום מלאכה, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט אין צעכן, אין געוויסע שטעט אין איטאַליע און אין בעהמען־מעהרן איז, על פּי רוב, יידן געווען דערלויבט בלויז שניי־

דעריי און ענלעכע מלאכות. דאָס זעלבע, בערך, איז שייך אָפּגעעם קליינהאַנדל אין קראָמען, וואָס איז אין די דייטשע לענדער געווען יידן, בדרך כלל, פאַרבאָטן און אין די אַנדערע לענדער געווען באַגרענעצט לויט דער צאָל קראָמען און האַנדלס־אַרטיקלען. לעגאַל איז געבליבן פאַר יידן בלויז די באַשעפטיקונג מיט גרויסהאַנדל, געלט־לייען און מאַנופאַקטור־אינדוסטריע. גרויסהאַנדל און מאַנופאַקטור־אינדוסטריע האָט אָבער, פאַר־שטייט זיך, געקאָנט קומען אין באַטראַכט בלויז פאַר דעם אויבערשטן די־נעם שיכט פון יידישע גבירים. די ברייטע יידישע באַפעלקערונג האָט אָדער, ווי אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע, דייטשלאַנד זיך פאַרנומען מיט קליינע וואוכער־געשעפטן — פונקט ווי אין אַ טייל געגנטן פון איטאַליע — מיט פעדלעריי און מיט תבואה און בהמות־האַנדל אין די דערפער, אָדער מיט קליינהאַנדל, פעדלעריי און מלאכה, ווי אין רוב איטאַליע, בעהמען־מעהרן און אונגאַרן. אין בעהמען־מעהרן און אונגאַרן איז נאָך צוגעקומען די באַשעפטיקונג פון יידן מיט אַרענדע פון פּריצישע הכנסות אין די דערפער, בעיקר ברייהייזער און בראַנפן־ברענערייען. אין דעם־דאָזיקן פּרט, פונקט ווי בנוגע מלאכה, האָט די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידן אין די דאָזיקע לענדער שוין פאַרגעשטעלט אַן איבערגאַנג צו די שכנותדיקע מזרח־אייראָפּייאישע לענ־דער מיט דער גרויסער יידישער מאַסן־באַפעלקערונג.

די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט פון מזרח־אייראָפּע, ווי אויך די מאָסנהאַפטיקייט פון די דאָרטיקע יידישע ישובים, וואָס איז אַליין אין אַ גרויסער מאָס מעגלעך געווען אַדאַנק דער־דאָזיקער אָפּגעשטאַנענקייט, האָבן באַשטימט אי זייער רעכטלעכע לאַגע אי זייער עקאָנאָמישע סטרוקטור. דער פאַקט אַליין פון דער גרויסער צאָל און פּראָ־פּאָרציע פון דער יידישער באַפעלקערונג — אין גרעסטן יידישן מאַסן־צענטער, אין דער פּוילישער מלוכה, איז לכל הפחות יעדער פופצנטער באַוואוינער פון לאַנד און יעדער צווייטער באַוואוינער פון שטעט און שטעטלעך געווען אַ ייד! — האָט גורם געווען אַ דערשייַנונג, וואָס איז נישט געווען באַקאַנט ערגעץ אַנדערש אין אייראָפּע: אַ גאַר גרויסער טייל יידן — אין פּוילן קרוב אַ דריטל — האָט געוואוינט צעשפּרייט אין דער־פער. אַ דירעקטע ווירקונג פון דער צאָל איז אויך געווען די באַשעפטי־קונג פון אַ גרויסער פּראָפּאָרציע יידן מיט פּראָדוקטיווע פּרנסות, ווי אַ ריי צווייגן פון מלאכה, טראַנספּאָרט, און פאַרשיידענע אַרבעטן אין דאָרף. די צוריקגעשטאַנענקייט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג איז אָבער געווען די עיקר סיבה דערפון, וואָס יידן אין מזרח־אייראָפּע האָבן אי גע־האַט אַ געזיכערט, אומאָפּגעפרעגט וואוין־רעכט אין לאַנד — הגם מיטן אויסנאַם פון געוויסע, דאָס רוב, גרויסע שטעט—און באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אינטעגראַלן שטאַנד פון דער באַפעלקערונג, אי אויסגעפירט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער ווירטשאַפט, ווי אין ערגעץ נישט אין דער וועלט.

אין דער פוילישער מלוכה און אין טיילן פון סלאָוואַקיע און רומעניע האָבן יידן זיך בערך אויסגעגליכט אין צאָל מיט דער איבעריקער שטאָטישער באַפעלקערונג און אין אַ טייל געגנטן, ווי ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע זיינען יידן געווען דער איבערוועגנדיקער שטאָטישער עלעמענט אין זין פון שטאָטישער עקאָנאָמיק, האַנדל און האַנטווערק. דאָמינירנדיק איז געווען דער אַנטייל פון יידן סיי אין אויסלענדישן האַנדל, סיי אין סחורות־אויסטויש צווישן די באַזונדערע פּראָווינצן, סיי אויך, ווי באַוואוינער פון שטעט, שטעטלעך און דערפער, אין אויסטויש צווישן שטאָט און דאָרף. גאָר גרויס איז אויך געווען דער חלק פון יידן אין מלאכה, און אַ ריי מלאכה־צווייגן זיינען לרוב געווען באַהערשט דורך יידן. די אַרענדע פון פריצישע הכנסות אין שטעטל און אין דאָרף, בעיקר די פאַכט פון בראַנפן־ברענערייען, ברויי־הייזער, שענקען, קרעטשמעס, וועג־און בריק־אָפּצאָלן א. ד. גל. איז געווען כמעט אויסשליסלעך אַ יידישע פרנסה, פונקט ווי די אַרענדע פון פריצישע גאַרבערייען אין בעהמען און מלוכהשע וואָל־און זייד־מאַנופאַקטורן אין טערקיי.

אויך דער פאָליטישער רעזולטאַט פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּערשפּעקטיקטער אַנטוויקלונג פון מזרח־טייל פון אייראָפּע, די אומבאַרירטע מאַכט פון פעאָדאַלן סיסטעם און די אומבאַגרענעצטע העגעמאָניע פון אַדל־קלאַס אין דער מלוכה, האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף דער רעכטלעכער לאַגע פון יידן. דער הערשנדיקער אַדל־קלאַס איז געווען פאַראינטערעסירט אין יידישן האַנדל און האַנטווערק אי פון שטאַנדפּונקט פון דער ווירטשאַפט פון דער מלוכה און פון אירע פינאַנצן, אי צוליב זיינע קלאַסן־אינטערעסן, וואָס האָבן געפאָדערט צו שאַפן אַ קעגן־וואָג קעגן דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פּאָזיציע פון דעם קריסטלעכן בירגער־שטאַנד. צוליב די רווחים פון יידן האָבן אַדל־לייט זיי גענומען אונטער זייער שוץ אין די קיניגלעכע שטעט, וואָס האָבן געהאַט פּריווילעגיעס „וועגן נישט טאָלערירן יידן". אין די פריצישע פּריוואַטע שטעט און שטעטלעך האָבן יידן געהאַט כמעט אומבאַגרענעצטע רעכט פון האַנדל און מלאכה, און יידישע בעלי־מלאכות זיינען אָפּט אפילו געווען אַנגעשלאָסן אין די אָרטיקע גילדיעס, בעת אין צענטראַל־און מערב־אייראָפּע איז דאָס געווען לחלוטין אויסגעשלאָסן. נאָך כאַראַקטעריסטישער פאַר דעם פּעאָדאַליזם פון מזרח־אייראָפּע איז דער פאַקט, וואָס אין געוויסע אוקראַאינישע און ווייסרוסישע געגנטן, בעיקר דאָרט, וואו די שטאָטישע באַפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע לויט איר נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן צוזאַמענשטעל, האָבן יידן אפילו גענאָסן פון באַשטימטע פּאָליטישע רעכט, ווי באַטייליקונג אין קאָנטראָל פון די שטאָט־פינאַנצן, און אין די וואַלן פון בירגערמייסטער.

אין דעם פעאָדאַליזם טיף פאַרזונקענעם מזרח־אייראָפּע האָבן יידן אי עקאָנאָמיש אי רעכטלעך נאָך אין 18טן יאָרהונדערט פאַרנומען אַ פּלאַץ, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ סך הינזיכטן די אַמאָליקע לאַגע פון יידן אין מערב־אייראָפּע אין דער תקופה פון פריען מיטלאַלטער, אין דער בליי־תקופה פון אייראָפּיאישן פעאָדאַליזם. בעת אָבער יענער פעאָדאַליזם איז געווען אַן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אויפשטייג־תקופה אין דער געשיכ־טע פון אייראָפּע, האָט זיך דער מזרח־אייראָפּיאישער פעאָדאַליזם אין 18טן יאָרהונדערט שוין געפונען אין זיין תקופה פון פוילונג און דעגענעראַציע. דער פּאָליטישער מאַכט־מאָנאָפּאָל פון פּריצים־שטאַנד האָט זיך געהאַלטן אויף דער מוראַדיקער פינצטערקייט פון די קליינשטעטלדיקע און פּויערי־שע מאַסן, אויף זייער אומבאַרחמנותדיקער גרענעצלאָזער עקספּלואַטאַציע, אויף אַכזריותדיקן טעראָר קעגן יעדער שטרעבונג פון סאָציאַלער אָפּאָ־זיציע, און האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערער שטיין אויף דער אָפּגעשטאַנע־נער ווירטשאַפט פון לאַנד, שטיקנדיק איר אַנטוויקלונג.

אין דער סביבה פון עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט און פון דלות פון די פאַרשקלאַפטע פּויערן, וואָס איז געווען אַ שם־דבר אין דער וועלט, האָבן אויך די ברייטע יידישע מאַסן פון שטאָט און דאָרף זיך געשטיקט אין אויסטערלישער דחקות און נויט. דער פאַרבאָט פון לאַנד־באַזיץ פאַר יידן, צוליב דעם שטרעבן פון דעם אַדל איינצוהאַלטן זיין מאָנאָפּאָל ווי אַ קלאַס פון גרונט־אייגנטימער, האָט פאַרמאַכט פאַר די יידישע מאַסן דעם וויכטיקסטן וועג פון פּראָדוקטיוויזאַציע. אין די קיניגלעכע שטעט האָבן יידן אויך אין האַנדל און האַנטווערק געהאַט אויסצושטיין אַ פאַרביטערטן קאַמף מצד די בירגער און געמוזט אָפּקויפן מיט גרויס געלט יעדע מינד־סטע לעגאַלע קאָנצעסיע. אַם בוילעטסטן איז אין מזרח־אייראָפּע די נאַ־ציאָנאַלע אונטערדריקונג לגבי די יידישע מאַסן געקומען צום אויסדרוק אין די הויכע באַזונדערע יידישע שטייערן פאַר דער מלוכה און אין כל המינים אָפּצאָלן פאַר די פּריצים. מיט דער פאַרטיפונג פון דער עקאָנאָמי־שער ירידה פון די מזרח־אייראָפּיאישע לענדער אין 18טן יאָרהונדערט, איז אויך געוואָקסן די פּאָליטישע רעאַקציע, וואָס האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ פאַרשאַרפטן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און שטייגנדיקער אומטאָלעראַנץ קעגן נישט־קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן און יידן. אויב אין פּרט פון עקאָנאָמישע רעכט איז די לאַגע פון יידן אין פעאָדאַלן מזרח־איי־ראָפּע נאָך אַלץ געווען בעסער ווי אין שכנותדיקע צענטראַל־אייראָפּיאישע לענדער, איז דאָ די שטיקנדיקע אַטמאָספערע פון קלעריקאַליזם און יע־זואיטן־העגעמאָניע און די אונטערטעניקייט פון יידן צום פּריץ געווען אַזאַ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גלייכן ערגעץ אַנדערש אין אייראָפּע. נאָר דאָ האָבן נאָך אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט זיך געקאָנט

טרעפן אויסטערלישע מעשים פון איזדעקעווען זיך פון פריצים איבער זייערע דאָרפישע און קליינשטעטלדיקע יידן, און די מוראדיקע כוואַליע פון עלילות־דם איז געווען אַ מין רעפּעטיציע פון דער מיטלאַלטערלעכער אינקוויזיציע אויפן שוועל פון דער מאָדערנער תקופה.

אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט דער אויפגעקלערטער אַבסאָלוטיזם אין מיטל־אייראָפּע אַריינגעטראָגן געוויסע רעפאָרמען אין דער רעכטלעכער לאַגע פון יידן, צוזאַמען מיט אַ געוויסער פאַרלייכטערונג אין דער לאַגע פון די פויערן. צוזאַמען מיט רעפאָרמען, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו הויבן די אַנטוויקלונג פון מאַנופאַקטור־אינדוסטריע און האַנדל, מיט דער באַגרענעצונג פון דער מאַכט פון דעם קלער און דער פּראָקלאַמירונג פון פּרינציפּ פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ, זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן טייל־ווייזע רעפאָרמען אין שייכות מיט דער יידישער באַפעלקערונג: אין תוך זיינען אָבער די דאָזיקע רעפאָרמען, נישט געקוקט אויף זייערע מליצהדיק־פאָרמולירטע צילן, באַשטאַנען אין סאַנקציאָנירן און אויסברייטערן די פּריווילעגיעס, פון וועלכע עס האָבן שוין פריער געהאַט געניאָסן די גרויסע יידישע סוחרים, באַנקירן און מאַנופאַקטור־אונטערנעמער. פאַר דער ברייטער יידישער באַפעלקערונג האָבן די הנחות וועגן צוטריטלעך מאַכן פאַר איר בילדונג (בעיקר אין די עסטרייכישע לענדער), מיטן בפירושן צוועק פון נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע בלויז נאָך מער אונטערגעשטראָכן איר צו־שטאַנד פון רעכטלאָזיקייט, וועלכער איז געבליבן בעצם אומגעענדערט. נאָך ווייניקער האָבן געהאַט אַ ממשות פאַר יידן די פּרוּוון פון רעפאָרמען אין פּוילן אין דער תקופה פון לעצטן קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט, הגם די אַטמאָספערע פון פינצטערע קלעריקאַלע גזירות איז לגבי די זאַקסישע צייטן אָנזעעוודיק שיטערער געוואָרן. אַ מער רעאַלע באַדייטונג האָבן גע־האַט די רעפאָרמען, וועלכע דער אויפגעקלערטער רוסישער אַבסאָלוטיזם האָט איינגעפירט אין דער רעכטלעכער לאַגע פון יידן אין די געביטן, וועלכע ער האָט אָפּגעריסן פון פעאָדאַלן פּוילן.

בעצם זיינען יידן אין 18טן יאָרהונדערט, אַדאַנק זייערע עקאָנאָמישע פונקציעס, וואָס זיינען געווען אַ רעזולטאַט אי פון היסטאָרישע באַדינגונגען, אי פון זייער רעכטלעכער אויסנאַם־לאַגע, געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע. אין מערב־אייראָפּע האָבן אין דעם אויפבוי פון קאַפּיטאַליזם זיך באַטייליקט יידישע גרויס־סוחרים און בערזע־שפּעקולאַנטן פונקט ווי יידישע פּעדלער און הענדלער. אין מיטל־אייראָפּע איז דער יידישער וואוכער געווען אַ גורם אין דער אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל. יידישע סוחרים זיינען געווען צווישן די פּיאָנערן פון נייע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען פון האַנדל און זיי האָבן פאַר־

אויסגעשטויסן דורך דעם פּאַרלעגער־אונטערנעמער סיסטעם די אַנטוויק־לונג פון דער מאַנופאַקטור־אינדוסטריע, — בעת די יידישע דאָרף־הענד־לער האָבן געהאָלפן דעם אויסטויש פון אַגראַר־פּראָדוקטן און דעם אָפּזאַץ פון סחורות צווישן דער ברייטסטער באַפעלקערונג. אין מזרח־אייראָפּע האָט דער יידישער מסחר געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דעם אויסלענ־דישן און אינערלעכן אויסטויש. דער קליינשטעטלדיקער און דאָרפס־ייד איז געווען דער הויפּט־פּאַקטאָר אין דער ווירטשאַפטלעכער פאַרבינדונג פון שטאָט און דאָרף. דער יידישער קרעטשמער האָט בכלל מעגלעך גע־מאַכט אין לאַנד טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע, און דער יידישער אַרענ־דאַר האָט פאַרשנעלערט דעם איבערגאַנג פון פעאָדאַלער צו קאַפּיטאַליס־טישער עקספּלואַטאַציע פון דער אַגראַר־ווירטשאַפט.

אַוודאי זיינען אין ערגעץ אין אייראָפּע יידן נישט געווען די איינציקע טרעגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און מחוץ מזרח־אייראָפּע זיינען זיי אויך אין ערגעץ נישט געווען דער באַדייטנדיקסטער גורם אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. אָבער אַ באַדייטנדיקע פּראָפּאָרציע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען קאָנצענטרירט אין די פונקציעס פון אויפשטייגנדיקן קאַפּיטאַליזם. דער דאָזיקער פאַקט גופא איז גענוג געווען, אַז די ברייטע מאַסן זאָלן באַטראַכטן יידן ווי די אויסשליסלעכע אָדער עיקר־דיקסטע פּראָמאָטאָרן פון נייעם ווירטשאַפטלעכן סיסטעם און אין די באַדינגונגען פון רעאַקציאָנערער, פעאָדאַל־קלעריקאַלער פּראָפּאַגאַנדע אַרויפוואַרפן אויף זיי די שולד פאַר אַלע דעסטרוקטיווע דערשיינונגען, וועלכע דער דאָזיקער סיסטעם האָט אַרום זיך פאַרשפּרייט: די צעשטערנ־דיקע קאָנקורענץ פון קאַפּיטאַליסטישן האַנדל און מאַנופאַקטור־אינדוסטריע לגבי די קרעמער און בעלי־מלאכות און די וואַקסנדע פּראָלעטאַריזאַציע פון דער פויערן־מאַסע.

די וויכטיקע ראָלע פון יידן אין פּאַראויסשטויסן די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, האָט לחלוטין נישט געשטערט דעם אומשטאַנד, וואָס די ברייטסטע יידישע מאַסן אין אַלע לענדער פון אייראָפּע זיינען אין יענער צייט געווען פאַרזונקען אין אַ תהום פון דלות, וואָס האָט, אַ סברה, נישט געהאַט קיין גלייכן אין קיין שום פריערדיקער און שפּעטערדיקער תקופה אין דער געשיכטע. אויסטערלישער דלות פון אויסגעוואָרצלטע פויערן און דעקלאַסירטע שטאָטישע עלעמענטן איז געווען אַן אַלגעמיינע דער־שיינונג אין דער תקופה פון ירידה פון פעאָדאַליזם, און בעטלעריי איז גע־ווען אַ מאַסן־דערשיינונג, וואָס קיין שום אכזריותדיקע רעפּרעסיעס האָבן זי נישט געקאָנט אונטערדריקן. ביי יידן איז אָבער דערביי נאָך צוגע־קומען די סיבה פון דער קרענקלעכער עקאָנאָמישער סטרוקטור און פון מצב פון רעכטלאָזיקייט, פון וועלכער זי איז געווען אַ פועל יוצא. אין מזרח־

איראָפּע איז דער יידישער דלות געווען אַ שם־דבר, נישט נאָר אין די שטעט און שטעטלעך, וואו עס האָט זיך בפרט געוואָרפן אין די אויגן די שרעקלעכע נויט פון די הענדלערישע, פאַרמיטלער און לופט־פּרנסה עלע־מענטן, נאָר אויך די מאַסע פון דאָרפישע יידן, קרעטשמער און שענקער האָט געלעבט אין דחקות, וואָס האָט זיי כמעט אויסגעגלייכט מיט די אָפּ־געריסענע, אָפּגעשליסענע, באָרוועסע פּויערן.

אין מיטל־איראָפּע איז דער פּעדלער, דער דאָרפסגייער געווען דער טיפּישער רעפּרעזענטאַנט פון יידישן פאָלקס־מענטש און די פאַרקערפּע־רונג פון יידישער אָרעמקייט. אין אַלע לענדער פון מערב־איראָפּע, אַריינ־גערעכנט איטאַליע, איז, נאָך מער ווי דער פּעדלער, געווען פאַרשפּרייט דער טיפּ פון יידישן אַלטוואַרג־און שמאַטע־הענדלער. אין רוים און אין מעץ, אין אַמסטערדאַם און אין לאָנדאָן, אומעטום האָט זיך געהערט דער זעלבער אויסגעשריי פון יידן, וואָס זיינען אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן פון שטאָט און מיט דעם זעלבן ניגון פון יידישער נויט און פּיין, און אין דעם זעלבן נוסח, הגם אין פאַרשיידענע לשונות, אויסגערופן: „אַלטוואַרג קויף איך, שמאַטעס, שמאַטעס . . . ״ שמאַטעס און שמוציקע אַלטע קליי־דער, וואָס דער יידישער הענדלער פלעגט נאָך אַ טאָג אַרומשמייען צוזאַ־מענשלעפּן אויף דעם „שמאַטע־פּלאַץ״ אין שטאָט, זיינען אפשר דער בוילעט־סטער סימבאָל פון דער מדרגה, צו וועלכן דער אונטערגייענדיקער פעאָ־דאַליזם האָט דערגראַדירט די יידישע מאַסע אין רוב איראָפּיאישע לענ־דער. אויב די גרויסע מאַסע יידן האָט זיך לויט דעם כאַראַקטער פון די נעבעכדיקע, מבוזהדיקע פּרנסות און לויט דער מדרגה פון דלות געפונען אויפן סאַמע ראַנד פון אָפּגרונט פון בעטלעריי, איז ממילא נישט קיין חידוש, אַז אַ גאָר גרויסע צאָל און פּראָפּאָרציע פון יידן אין אַלע לענדער איז באַשטאַנען פון פּרנסהלאָזע, טאַקע ממש בעטלערישע עלעמענטן. אין אַלע קהילות, פון די גרעסטע ביז די קלענסטע, איז איינע פון די וויכ־טיקסטע פּאָזיציעס אין בודזשעט פון קהל, צי פון חברות, געווען צדקה פאַר אָרטיקע אָרעמעלייט. נאָך מער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער תקופה איז די דערשיינונג פון וואַנדערנדיקע יידישע בעטלער. מחנות יידישע קבצנים מיט זייער הויזגעזינד האָבן זיך געשלעפּט פון קהילה צו קהילה און נישט געוואוסט אויך פון קיין גרענעצן פון לענדער און מלוכות: גאַנצע המונים בעטלערס פון פּוילן און פון בעהמען און דייטשלאַנד פלעגן אויף זייערע וואָגלענישן זיך פאַרוואַלגערן ביז קיין דרום־פראַנקרייך, האָלאַנד און נישט אָפּגעשטעלט זיך פון אַריבערגיין „איבערן מים״ קיין לאָנדאָן, כדי צו דערשלאָגן זיך צו ברעקלעך קיצבה.

צוזאַמען מיט דער גוואַלטיקער פאַרשאַרפונג פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן קריזיס פון די יידישע מאַסן האָט דער האַרמאָטירטער פעאָדאַליזם אויך

אַרויסגעבראַכט אַלע אַנגעוויטיקטע דערשיינונגען פון קריזיס פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, פון יידישע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען און פון דער יידישער קולטור. דער פּראָצעס פון צעפאַלונג פון די פעאָדאַלע פּאָליטישע אינ־סטיטוציעס האָט אויך ביי יידן דערפירט די פּאַרטיקולאַריסטישע צעברעק־לונג ביז צום עקסטרעם. דער ריס צווישן דער רייכער, מיוחסדיקער עדה פון ספרדים און די מאַסן אשכנזישע יידן האָט ערב דער רעוואָלוציע דער־גרייכט דעם טיפסטן פונקט. די צענטראַלע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען אין לענדער פון יידישע מאַסן־ישובים, מיט פוילן בראש, געהאַט אויסגעבויט געוואָרן אין משך פון יאָרהונדערטער, האָבן געהאַלטן אין איין קרישלען און פאַנאַנדערפאַלן צוליב דער אומאייניקייט צווישן די קהילות. די גרעסטע ירידה האָט איבערגעלעבט די עלטסטע און איינגע־פונדעוועטסטע טראַדיציאָנעלע יידישע אָרגאַניזאַציע־פאָרם, די קהילה.

אין דער ירידה־תקופה פון פעאָדאַליזם זיינען די אויטאָנאָמע פונק־ציעס פון דער קהילה שוין באַדייטנדיק געוואָרן פאַרשמעלערט און אין די לענדער פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם זיינען זיי רעדוצירט געוואָרן ביז צו אַ מינימום. די קהילה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרגאַן פון אַפּאַראַט פון דער מלוכה, וואָס האָט געהאַט די עיקר־אויפגאַבע צו זיכערן די פּינקטלעכע אויסצאָלונג פון כל המינים שטייערן מצד דער יידישער באַפעלקערונג. אין די פּריוואַטע שטעט פון מזרח־אייראָפּע איז די קהילה געוואָרן אַ ווילִיק געצייג אין די הענט פונעם פּריץ. אפילו די צדקה־פונקציעס זיינען אין יענער צייט שוין דאָס רוב אַרויסגענומען געוואָרן פון רשות פון דער קהילה און איבערגעגאַנגען אין דער קאָמפּעטענץ פון באַ־זונדערע חברות. פונקט ווי די שטאָט־פאַרוואַלטונג איז געווען אַ מאָנאָ־פּאָל פון ענגע קליקעס פון פּאַטריציאַט, אַזוי איז אויך די מאַכט אין די קהילות געלעגן אין די הענט פון אָרטיקע משפחות גבירים און די אומ־פאַרמעגלעכע קהילה־מיטגלידער זיינען אפילו פאָרמעל געווען אויסגע־שלאָסן פון וואַל־רעכט, אַ פשיטא פון דער דעה איבער קהל־ענינים. אַנ־שטאָט דער סאָלידאַרישקייט פון אינטערעסן פון אונטערדריקטן פאָלק האָבן די קהל־רעגירער אַרויסגעוויזן אַן ענגע באַגרענעצטע קלאַסן־סאָ־לידאַרישקייט פון אָרטיקן יידישן פאַרמעגלעכן שיכט און געשטאַנען אויף דער וואַך פון זייערע פּריווילעגיעס און פון זיין עקאָנאָמישן מאָנאָפּאָל. די טראַדיציאָנעלע קהילה איז פונקט ווי דער פעאָדאַלער סיסטעם בכלל, פון וועלכן זי איז געווען אַן אינטעגראַלער באַשטאַנדטייל, געוואָרן אַ מניעה אויפן וועג פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אויפשטייג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די עלטער־שוואַכקייט פון פעאָדאַליזם האָט אויך אַרויפגעלייגט איר חותם אויף דער טראַדיציאָנעלער יידישער קולטור אין יענער תקופה פון

בין השמשות צווישן צוויי וועלטן. די תלמודיש־רבנישע ליטעראַטור איז פאַרטריקנט און פאַרדאַרט געוואָרן און פאַרלוירן אַלע סימנים פון אָריגינעלקייט און שעפערישקייט. מיטן אויסנאַם פון געוויסע לעצטע אויפבליצן אין מזרח־אייראָפּע (דער ווילנער גאון) איז אויפן הלכהשן געביט קיין שום באַדייטנדיק ווערק מער נישט דערשינען. די ירידה פון דער רבנישער ליטעראַטור איז אָבער געווען סימפּטאָמאַטיש פאַר דעם טיפן קריזיס פון אַלטן אָרטאָדאָקסישן וועלט־באַנעם בכלל. שוין אין 17טן יאָרהונדערט האָט די משיחישע שבתי צבי־באַוועגונג אַריינגעבראַכט אַ פערמענט צווישן די יידישע מאַסן, וואָס האָט נאָך אַ יאָרהונדערט שפּעטער געהאַלטן אין יוירן אפילו אין דער דעגענערירטער סטאַדיע פון משיחיזם, אין דער פראַנקיסטן־שטרעמונג. די מחלוקה פון רבי יונתן אייבעשיץ און רבי יעקב עמדן אין דערמיט פון 18טן יאָרהונדערט האָט צוזאַמען מיט דער צעריסנקייט פון רבנישן לאַגער אַנטפּלעקט אויך זיין זקנהשע אָנמעכטיקייט, זיין צעפאַלונגס־פּראָצעס און זיין אומפעאיקייט איינצוהאַלטן זיין אידעאָלאָגישע הערשאַפט איבער די יידישע מאַסן.

צוזאַמען מיט די ערשטע דערשיינונגען פון דער אויפטרייסלונג פון דער וועלט פון דער פעאָדאַלער פאַרגליווערטקייט, האָבן אויך ביים יידישן פאָלק זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון אויפוואַכונג פון דאָגמאַטישן רעליגיעזן שלאָף. אין מזרח־אייראָפּע האָט די פאָלקס־שטרעמונג פון חסידות, אונטערן לאָזונג פון רעליגיעזער פאַרטיפונג, מיטגעריסן די מאַסן צום בונט קעגן פאַרעלטערטן, דריקנדיקן סיסטעם פון קהל־און רבנים־הערשאַפט און אויפגעלעבט זייער טיפע בענקשאַפט נאָך סאָציאַלער באַפרייאונג און נאַציאָנאַלער גאולה, נאָך שיבת ציון און אויפריכטונג אין אייגענעם לאַנד. אין דער זעלבער צייט איז אין מיטל־אייראָפּע די השכלה־באַוועגונג, די שטרעמונג פון דער אויפקומענדיקער מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע, אַרויסגעקומען מיט די פּיאָנערישע לאָזונגען וועגן איבערשטעלן דאָס יידישע לעבן אויף נייע יסודות דורך בילדונג, פּראָדוקטיוויזאַציע און קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער דערנענטערונג צו די באַוואוינער פון לאַנד. פונקט ווי אין דער גאַנצער וועלט בכלל איז דער פעאָדאַלער סיסטעם אידעאָלאָגיש אונטערגעגראָבן געוואָרן דורך דער שטרעמונג פון ראַציאָנאַליזם און אויפקלערונג, איידער ער האָט באַקומען דעם פּאָליטישן טויט־קלאַפּ פון דער רעוואָלוציע, אַזוי איז אויך דער אַלטפרענקישער, פאַרעלטערטער שטייגער פון יידישן לעבן, געשטיצט אויף פעאָדאַלער פאַרקנעכטונג פון דרויסן און קהל־קלעריקאַלער העגעמאָניע פון אינעווייניק, פאַרמשפּט געוואָרן צום אונטערגאַנג דורך דער אויפשטייגנדער השכלה, נאָך איידער ער איז ליקווידירט געוואָרן דורך דער עמאַנציפּאַציע, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער זעלבער בירגערלעכער רעוואָלוציע.

די רעוואָלוציע, וואָס האָט אויף די חורבות פון דער פעאָדאַלער גע־זעלשאַפט אויפגעשטעלט די בירגערלעכע, קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט־לעך־פּאָליטישע אָרדענונג, האָט צוזאַמען מיט דער גאַנצער ציוויליזיר־טער מענטשהייט אויך דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע וועלט־פאָלק אַרויפ־געפירט אויף נייע וועגן פון נאַציאָנאַלער, סאָציאַל־עקאָנאָמישער, פּאָלי־טישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. לכתחילה האָט די בירגערלעכע רע־וואָלוציע אַריינגעבראַכט אַ ממשותדיקע ענדערונג אין די לעבנס־באַדינ־גונגען בלויז פון די קליינע קיבוצים יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם שטח פון איר דירעקטן ווירקונגס־קרייז, מעבר לים און אין מערב־אייראָפּע. דער פּועל־יוצא פון דער דאָזיקער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער צעטיילונג איז געווען אַז אַלץ זיך פאַרטיפנדיקער ריס צווישן אייראָפּייאישן יידנטום, וועלכעס איז ביז צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט נאָך געווען איינהייטלעך אין פּרט פון לעבנסשטייגער, און דאָס רוב אויך געווען פאַראיי־ניקט דורך דער זעלבער יידישער שפּראַך און פאָלקס־קולטור. דער ניי־אויסגעפורעמטער טיפּ פון יידן אין מערב־אייראָפּע, ווערט אין דער מאָס פון זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער אינטעגראַציע מיט דער אַרומיקער בור־זשואַזיע און שפּראַכלעך־קולטורעלער אַסימילאַציע מיט דער סביבה, אַלץ מער אָפּגעפרעמדט פון מזרח־אייראָפּייאישע יידישע מאַסן, פון זייערע לעבנס־נויטן און געראַנגל פאַרן נאַציאָנאַלן קיום. בהדרגה איז אָבער אויך דער רוב מנין ובנין פון יידישן פאָלק, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אין מזרח־טייל פון אייראָפּייאישן קאָנטינענט, אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון אויפשטייגנדיקן מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם און אַדורכגעדרונגען געוואָרן דורך די אידייען, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגעבראַכט. להיפּוך צו דער נאַציאָנאַל־צעשטערערישער ווירקונג אין מערב־אייראָפּע האָט די פּראָגרעסיווע עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַנט־וויקלונג די יידישע מאַסן־קיבוצים אין מזרח־אייראָפּע קאָנסאָלידירט און זיי אויפגעוועקט צום נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע
און די עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין פראַנקרייך

§ 2. די רעוואָלוציע און די יידישע עמאַנציפּאַציע אין מערב־אייראָפּע

„וואָס איז דער דריטער שטאַנד? גאָרנישט; וואָס קאָן ער ווערן? אַלץ; וואָס וויל ער ווערן? עפּעס": דאָס זיינען די באַרימטע ווערטער, אין וועלכע דער גלח סיע האָט כאַראַקטעריזירט די פאָדערונגען פון ביר־גערטום נאָך אין לעצטן יאָר פאַר דער רעוואָלוציע. פאַקטיש האָט דער וואָרטזאָגער פון דער בורזשואַזיע דאָ מגזם געווען אין מינוס. די בור־זשואַזיע האָט געוואָלט ווערן אַלץ און איז אַדאַנק דער רעוואָלוציע עס געוואָרן.

דער ציל, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיך געשטעלט און אין שווע;יע ראַנגלעניש אים דערגרייכט, איז געווען איבערצובויען די געזעלשאַפט און מלוכה לויט די באַדערפענישן און אינטערעסן פון קאַפּיטאַליזם און פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, פון דער בורזשואַזיע. פאַר דעם דאָזיקן ציל איז געווען נויטווענדיק: אָפּצושאַפן די פּריווילעגיעס פון דעם קלער און אַדל־קלאַס און איינפירן די גלייכקייט פון אַלע בירגער לויטן געזעץ אָן אַ חילוק פון אָפּשטאַמונג און רעליגיע; באַפרייען די פּויערן פון לייב־אייגנשאַפט און פאַרזאָרגן זיי מיט לאַנד־אייגנטום; צעשטערן דעם אַב־סאָלוטיזם און איבערגעבן די אָנפירונג פון דער מלוכה אין די הענט פון דער בורזשואַזיע; אַ סוף מאַכן צו דער צעברעקלונג פון דער מלוכה אויף באַזונדערע אויטאָנאָמע פּראָווינצן און צו דעם סיסטעם פון גילדיעס און קאָרפּאָראַציעס און אויפשטעלן איין מלוכה מיט אַ צענטראַליזירטן אַדמיניסטראַציע־אַפּאַראַט און מיט איין, איינהייטלעכער געזעצגעבונג.

די אידעאָלאָגישע באַגרינדונג פון די דאָזיקע קאַמף־צילן האָט די רעוואָלוציע געשעפּט פון די ווערק פון דער אויפקלערונג־תקופה פאַר דער רעוואָלוציע, פון די מאָנטעסקיעס, וואָלטערס און רוסאָס, פון די מאַ־טעריאַליסטן און פיזיאָקראַטן. מיט דער גרעסטער התלהבות און טיפסטן פּאַטאָס זיינען געוואָרפן געוואָרן לאָזונגען וועגן פאַטערלאַנד און פּאַ־טריאָטישער פליכט; וועגן פאַרברידערונג פון אַלע פראַנצויזן און פון דער גאַנצער מענטשהייט; וועגן הייליקע באַטירלעכע רעכט פון יעדן מענטשן אויף פרייהייט און גלייכקייט; וועגן הייליקן קאַמף קעגן די טיראַנען און אַלע אונטערדריקער פון פאָלק; וועגן פאַריאָגן די גע־שפּענסטער פון אָבערגלויבן און פאָראורטיילן, וואָס האָבן אויפגעשטעלט קינסטלעכע מחיצות צווישן מענטשן; וועגן דער נייער ערא פון גליק, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר דער מענטשהייט. די פירער און וואָרט־זאָגער פון דער רעוואָלוציע זיינען געווען אומדערשיטערלעך איבערצייגט, אַז

דער סאָציאַלער און פּאָליטישער סדר, וועלכן זיי האָבן פּראָקלאַמירט, די בורזשואַזע אָרדנונג, לייזט אַלע שרייענדיקע סתירות פון דער געזעל־שאַפט און מאַכט ענדגילטיק אַ סוף צו סאָציאַלע עוולות, אונטערדריקונג און מענטשלעכע ליידן.

דער בלוטיקער, יאָרן־לאַנגער פאַרשלעפּטער קאַמף פון דער רע־וואָלוציע איז אָבער געווען אַרויסגערופן נישט נאָר דורך דעם פאַרבי־סענעם ווידערשטאַנד פון די שוואַרצע כוחות פון רעאַקציאָנערן קלער און אַדל־קלאַס, וואָס האָבן מיט דער הילף פון פרעמדע חיילות געפּרואווט צוריק אויפלעבן דעם „אַלטן רעזשים" און דערמיט צוריק געווינען זייערע פּריווילעגיעס. די גרויסע דראַמע פון דער רעוואָלוציע האָט זיך בעיקר אָפּגעשפּילט אין די אינערלעכע קאַמפן צווישן די פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס און, קודם כל, צווישן דער גרויס־בורזשואַזיע און קליין־בירגער־טום אַרום דער קאָנקרעטער באַדייטונג פון די לאָזונגען פון דער רעוואָ־לוציע. באַפרייען די פּויערן פולשטענדיק, אָדער איבערלאָזן זייערע געלט־התחייבותן לגבי די פריצים, באַפרייען זיי אָן אייגנטום, אָדער צעטיילן צווישן זיי די גיטער פון דער קירך און אַריסטאָקראַטיע? צעשטערן די מאָנאַרכיע ביז צום גרונט און אויפשטעלן אַ רעפּובליק, אָדער איבערלאָזן אַ מער אָדער ווייניקער באַגרענעצטע קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע? איינ־פירן אַ צענטראַליזירטע מלוכה, אָדער אַ פעדעראַליסטישע, וואָס זאָל אי־בערגעבן די מאַכט דער גרויס־בורזשואַזיע אין די פּראָווינצן, וואו זי איז שטאַרק? אַ מלוכה מיט וואַל־רעכט בלויז פאַר פאַרמעגלעכע, אָדער אַ דעמאָקראַטישע מלוכה אויפן יסוד פון אַן אַלגעמיינעם און גלייכן וואַל־רעכט? אומבאַגרענעצטע פרייהייט פאַר ספּעקולאַציע, אָדער אַ צוים קעגן יקרות? דאָס זיינען געווען די הויפּט־פראַגן אַרום וועלכע עס האָט זיך געפירט דער קאַמף צווישן די פּאַרטייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די יידישע פראַגע איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע אין אַלע אירע פאַזעס. ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָט די ירידה פון דער רעוואָלוציע נאָכן פאַלן פון ראָבעספּיערס ראַדיקאַלן יאַקאָ־בינער רעזשים, וואָס האָט אין קאָנסעקווענץ זיך דערקייקלט ביז צום אויפ־שטעלן פון נאַפּאָלעאָנס קיסרטום, שטאַרק אָנגערירט די יידישע גלייכבאַ־רעכטיקונג. די דאָזיקע גלייכבאַרעכטיקונג איז אָבער געווען אַ געשעענער פאַקט שוין בעת דער ערשטער פאַזע פון דער רעוואָלוציע און ממילא האָט אויך דער קאַמף אַרום איר אָפּגעשפּיגלט די פּאָליטישע כוחות־צעטיילונג אין פראַנקרייך אין יענער, פריערדיקער תקופה.

לויט דעם עצם כאַראַקטער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט די יידישע עמאַנציפּאַציע געמוזט ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון אירע אויפ־טוען. ווי ווייט דירעקט עס האָט דערביי געווירקט די אייגנטלעכע סיבה,

די עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט פון קאַפּיטאַליזם אַריינצוציען אין דער ווירטשאַפט אַלע עלעמענטן, וואָס קאָנען צושטייערן מיט זייער אַרבעט און קודם כל מיט זייער קאַפּיטאַל און אונטערנעמערישקייט, באַווייזט אפשר אויף דעם באַשיימפּערלעכסטן אופן דער פאַקט, וואָס מיט דער עמאַנציפּאַציע פון די גרויס־בורזשואַזע רייכע ספרדישע יידן האָט זיך די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג צוגעאײַלט אַ האַלב יאָר נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, בעת די קליין־בירגערלעכע מאַסע אשכנזישע יידן אין די מזרח־פּראָווינצן האָט געמוזט נאָך דערנאָך וואַרטן אויף דעם זעלבן אַקט קרוב צו צוויי יאָר. די זעלבע דערשיינונג באַווייזט זיך אייגנטלעך אויך פריער אין דער פּריווילעגירונג פון אַ קליין הייפל יידישע פּלוטאָקראַטן דורך דעם אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם אומעטום, און נאָך בוילעטער שפּעטער, אין דער נאַפּאָלעאָנישער און נאָך־נאַפּאָלעאָנישער תקופה, — אין צאַרישן רוסלאַנד אפילו ביז צו דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, — ווען יידישע גרויסע סוחרים, באַנקירן און אינדוסטריאַליסטן האָבן די ערשטע באַקומען פולע גלייכבאַרעכטיקונג אין עקאָנאָמישן לעבן, בעת די מאַסע האָט ווייטער געשמאַכט אין אַ צושטאַנד פון רעכטלאָזיקייט. לסוף האָט אָבער אויך די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון פראַנקרייך אין רעזולטאַט פון די זעלבע עקאָנאָמישע טענדענצן פון קאַפּיטאַליזם באַקומען דורך דער רעוואָלוציע גלייכבאַרעכטיקונג. הגם דאָ האָט אויך שטאַרק מיטגעווירקט דער אידעאָלאָגישער רעפלעקס פון די דאָזיקע טענדענצן, די קאָנסעקווענץ פון די לאָזונגען, וואָס די רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט און פון דעם פּאָליטישן סיסטעם, וואָס זי האָט איינגעפירט: עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס ביים כסדרדיקן אָפּלייגן די פראַגע פון גלייכע רעכט פאַר די אשכנזישע יידן, איז דאָך געקומען אַ סוף צו דער פאַרשלעפּונג, באַלד ווי די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען די נייע קאָנסטיטוציע. גאָר כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פאַל דער אויפטריט פון דעפּוטאַט רעניאַל, וועלכער האָט געפאָדערט פון פאַרזיצער צו רופן צו אָרדנונג יעדן, וואָס וועט פּרוּוון צו ריידן קעגן פּראָיעקט פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, ווי איינעם וואָס אַטאַקירט די אָנגענומענע קאָנסטיטוציע.

דער דאָזיקער פאַקטאָר פון אידעאָלאָגישער קאָנסעקווענץ דערקלערט אויך דאָס, וואָס די פלאַמענדיקסטע פּאַרטיידיקער פון זייערע רעכט האָבן יידן געפונען אין דער פאַריזער קאָמונע. די פאַריזער באַפעלקערונג, אָרגאַניזירט אין דער שטאָט־קאָמונע, האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן עפּעס אַן עפּיזאָדישן ענין פון אַ פּאָר הונדערט מענטשן אין פאַריז, אָדער אַ פּאָר צענדליק טויזנט אויף די מזרח־גרענעצן פון לאַנד, נאָר אַז דאָס איז אַ פּרינציפּיעלער ענין און אַ פּראָוו־שטיין פון קיום פון דער רעוואָלוציע גופא. און פּונקט ווי דעם גאַנצן פאַראויס־

גאַנג פון דער רעוואָלוציע האָבן אין אונטערשטן סך־הכל באַשטימט בישט די דעבאַטן און שיינע רעדעס אין פּאַרלאַמענט, נאָר דער אויפברויז און די אַקטיווקייט פון די מאַסן, באַזונדערס פון דער הויפּט־שטאָט. אַזוי האָט אויך אין דער פּראַגע פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע די שטימונג און ענערגישע אַקציע פון דער פּאַריזער קאָמונע געהאַט אַ דעצידירנ־דיקע באַדייטונג.

אין דער תקופה פון דער נאַציאָנאַל־פּאַרזאַמלונג, ווען די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג איז געשטאַנען אויפן סדר־היום, זיינען נאָך בישט געווען אויסגעפּורעמט די פּאַרטייען פון דער רעוואָלוציע. קאָנסטיטוציאָ־נעלע מאָנאַרכיסטן, שפּעטערדיקע זשיראָנדיסטן, יאַקאָבינער, האָבן פּאַר־געשטעלט אין בלאָק פון מער און ווייניקער ראַדיקאַלע גרופּעס אין קאַמף פּאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים, וואָס האָט געהאַט אַנטקעגן זיך די שוואַרצע פּאַרטיי פון אָנהענגער פון אַלטן פעאָדאַלן־אַבסאָלוטיסטישן רע־זשים, די רעאַקציאָנערע אַריסטאָקראַטיע און דעם הויכן קלער. אָבער אויך ביי דעם דאָזיקן פּאָליטישן צוזאַמענשטעל פון דער קאָנסטיטואַנטע קאָן מען בוילעט פעסטשטעלן, פּונקט ווי וועגן דער דעמאָלסטיקער פּרעסע, דעם זיכערן פּאַקט: די „שוואַרצע" ווענדן אָן אַלע אַרגומענטן און תירוצים נישט צו דערלאָזן צו יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. זייער פּרעסע העצט קעגן יידן און וואַרפט אָפּיר די פּאַרטיידיקער פון יידישע רעכט, אַז זיי האָבן זיך פאַרקויפט צו יידן פאַר געלט; זיי פּרואוון אַפילו אַרויסצורופן פּאָגראָמען אין דער פּראָווינץ, כדי אָפּצואווענדן די מאַסן פון רעוואָלוציאָ־נערן קאַמף. די וואָרטשפּרעכער פון יידישע רעכט זיינען די דעפּוטאַטן פון קאָנסטיטוציאָנעלן בלאָק. אַזוי איז שוין אויף דער שוועל פון דער מאָדערנער תקופה — פּונקט ווי אין תוך, אונטערן לבוש פון רעליגיעזע ריכטונגען אויך אין אַלע פריערדיקע תקופות, די שטעלונג צו דער יידי־שער פּראַגע דער באַראָמעטער פון פּראָגרעס און רעאַקציע, דער פּרואוו־שטיין פון פּאָליטישער אָריענטאַציע.

אין פלוג קאָן אַרויסרופן אַ חידוש דער אומשטאַנד, וואָס צווישן די פּאַרביסנסטע קעגנער פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין דער נאַציאָנאַלער פּאַרזאַמלונג האָט זיך אויך געפונען אַ „ראַדיקאַלער" דעפּו־טאַט, ווי רעוובעל און וואָס אויך אַנדערע עלזאַסער דעפּוטאַטן שטימען קעגן יידן צוזאַמען מיטן שוואַרצן בלאָק. אָבער אָפּגערעדט פון דער טונקע־לער און פּאַרדעכטיקער פּערזענלעכקייט פון רעוובעל (ער האָט שפּעטער שענדלעך פאַרראַטן די יאַקאָבינער, מיטגעאַנגען מיט יעדן נייעם רעאַק־ציאָנערן רעזשים צוליב קאַריערע און איז אויך געזעסן אין תפיסה אונ־טער דער באַשולדיקונג פון רייך ווערן פון מלוכה־אייגנטום), איז דעם ענין לייכט צו דערקלערן, ווען מען נעמט אין אַכט די סביבה פון וועלכער דער

דאָזיקער אַנטאַגאָניזם איז געוואַקסן: דאָס עלזאַסער קליינבירגערטום, וואָס איז געווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען און געקוקט אויף די יידן ווי אויף גע־פערלעכע קאָנקורענטן אין האַנדל, האָט בכלל זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, פּונקט ווי דאָס אָפּגעשטאַנענע קליינביר־גערטום אין אַלע רעוואָלוציעס. דערפון נעמט זיך, וואָס אפילו אין דער תקופה פון דער יאַקאָבינער הערשאַפט האָבן זיך געפונען אין עלזאַס יאַ־קאָבינער־קלובן, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע אַנטי־יידישע פּראָיעקטן, וועלכע זיינען, אגב, אַנטשיידן פאַרדאַמט געוואָרן דורך דעם צענטער פון דער פּאַרטיי. מאַסגעבנד פאַר דער שטעלונג פון דער רעוואָ־לוציע לגבי יידן זיינען נישט יחידים אויסנאַמען און אויך נישט באַזונ־דערע פאַרהעלטענישן, נאָר דער כלל פון פּאָליטישע כוחות לויט זייער פּראָגראַם און סאָציאַלער סטרוקטור. נישט בלויז דער לינקער פליגל פון קאָנסטיטוציאָנעלן בלאָק מיט בארנאַוו, דיופּאָר, רעדערער און ראַבעס־פּיער האָט מוטיק און ענערגיש געקעמפט אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמ־לונג פאַר יידישע רעכט, נאָר אויך דער דאָזיקער בלאָק אַלס אַ גאַנצער, וואָס האָט אין יענער תקופה רעפּרעזענטירט די רעוואָלוציע, האָט זיך געשטעלט אויף דער זעלבער זייט, הגם זיינע אומזיכערע מיטלויפער האָבן אַרויסגעוויזן זייער וואַקלדיקייט אויך אין דער יידישער פראַגע. פאַר דעם יאַקאָבינער־רעזשים איז שוין די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג געווען אומ־באַרירלעך ווי אַן ענין פון פּאָליטישן פּרינציפּ.

די עמאַנציפּאַציע פון יידן דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געוואָרן דאָס מוסטער פון דער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס יידן האָבן דער־נאָך אין פאַרשיידענע צייטן באַקומען אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אויך אין הינזיכט פון דער אויבערפלעכלעכקייט און האַלבקייט. לויטן געזעץ זיינען יידן דערקלערט געוואָרן פאַר גלייכבאַרעכטיקט, אָבער די מלוכה האָט נישט געהאַלטן פאַר איר חוב אונטערצונעמען שריט, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג זאָל טאַקע פולשטענדיק אַדורכגעפירט ווערן אין לעבן, אַז עס זאָלן נישט פאָרקומען קיין שום דיסקרימינאַציעס קעגן יידן ביי די וואַלן צו מוניציפּאַלע און מלוכהשע רעפּרעזענטאַנצן, אָדער ביים באַזעצן אַמטן. עס איז שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז מצד דער מלוכה איז לחלוטין גאָרנישט געטאָן געוואָרן אַריבערצופירן יידן צו אינדוסטריע (אין יענע צייטן — בעיקר מלאכה) און לאַנדווירטשאַפט, כדי זיי זאָלן פאַקטיש, עקאָ־נאָמיש זיך אויסגלייכן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. אין תוך האָט די גלייכקייט פון יידן לויטן געזעץ געהאַט די זעלבע מערכה ווי די גלייכ־קייט פון אַלע בירגער, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער רע־וואָלוציע.

די געזעצלעכע גלייכקייט פון יידן איז געווען אַ גוואַלטיקע דער־

גרייכונג לגבי דעם צושטאַנד פון רעכטלאָזיקייט אין פעאָדאַלן סיסטעם, פּונקט ווי די איינגעשטעלטע גלייכקייט לויטן געזעץ פון אַלע בירגער בכלל, איז געווען אַ מיילן־שטיין אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָבער פּונקט ווי לגבי די סאָציאַלע קלאַסן האָט זיך די בירגערלעכע מלוכה באַגנוגנט מיט דערקלערן זייער געזעצלעכע גלייכקייט, האַלטנדיק פאַר אומדערלאָזבאַר ווי אַ ברוך פון פּרינציפּ פון פרייהייט, יעדע סברה וועגן אויסגלייכן די סאָציאַלע קלאַסן, אַזוי איז איר אויך נישט איינגעפאַלן אויסצוגלייכן רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע גרופּעס פון דער באַפעלקערונג, האַלטנדיק איר עובדא פאַר דערליידיקט מיט דערקלערן זייער גלייכקייט לויטן געזעץ. עס פאַרשטייט זיך, אַז די מאָס פון פאַקטישער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס יידן האָבן גענאָסן אויפן יסוד פון דער געזעצלעך אָנערקענטער גלייכקייט, האָט זיך געווענדט אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער אָן דעם גראַד פון דעמאָקראַטישקייט פון דער נייער בירגערלעכער מלוכה. אין ברען פון דער רעוואָלוציע זיינען צעשמאָלצן געוואָרן בערג פון פאָראורטיילן און אומצוטרוי, אָנגעזאַמלטע אין משך פון דורות דורך דער העגעמאָניע פון פריצים און קירכע. עס זיינען פאָרגעקומען איינדרוקספולע סצענעס פון פייערן די פאַרברידערונג צווישן נישט־יידן און יידן; יידן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע און די פאַסיקע דערצו זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דורך דער גאַנצער באַפעלקערונג ווי רעפּרעזענטאַנטן און באַאַמטע. אין דער תקופה פון באַרג אַראָפּ פון דער רעוואָלוציע, בפרט אונטער נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט, האָט די אַנטי־יידישע שטימונג און פּראַקטיק זיך אומגעשטערט צעשפּרייט אפילו נאָך איידער זי האָט באַקומען אַן אָפיציעלע דערמוטיקונג אין די קיסרלעכע אַנטי־יידישע דעקרעטן.

צוזאַמען מיטן פאָראויסמאַרש פון נצחון פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין איראָפּע, האָט אויך די יידישע עמאַנציפּאַציע פון פראַנקרייך און לויטן מוסטער פון פראַנקרייך זיך אויסגעשפּרייט אויף די שכנותדיקע לענדער. נאָכדעם ווי נידערלאַנד, צפון־און מיטל־איטאַליע זיינען איינגענומען געוואָרן דורך די פראַנצויזישע חילות, איז אויך דאָרט איינגעפירט געוואָרן די נייע בירגערלעכע אָרדענונג און יידן פון יענע לענדער האָבן דערגרייכט גלייכבאַרעכטיקונג (1798־1796). דער עמאַנציפּאַציע־אַקט אין יענע לענדער איז נאָך אַלץ געווען אַדורכגעדרונגען מיטן גייסט פון התלהבות פון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס האָט אין פראַנקרייך גופא שוין געהאַלטן אין איין פאַרהאַמעוועט ווערן. אפילו אין האָלאַנד, וואו די עמאַנציפּאַציע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אונטערן דרוק פון פראַנקרייך קעגן דעם ווידערשטאַנד פון דער קאָנסערוואַטיווער בורזשואַזיע און פון אָפּגעשטאַנענעם קליינבירגערטום, וואָס האָבן מורא

געהאַט פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער יידישער קאָנקורענץ אין האַנדל און האַנטווערק, איז דער אַקט פון גלייכבאַרעכטיקונג געווען באַגלייט דורך פייערלעכע מאַניפעסטאַציעס פון פריינדשאַפט. אין איטאַליע זיינען געווען אַכט פאַלן, וואו געטאָ־מויערן זיינען ספּאָנטאַן אויפגעריסן געוואָרן דורך די שטאָט־איינוואוינער און פראַנצויזישע סאָלדאַטן, און אַזעלכע סצענעס זיינען געווען אַ שיינער סימבאָל פון גייסט פון דער פּאָליטישער איבערקערעניש און פון איר היסטאָרישער באַדייטונג פאַר יידן. בלויז אין אַ דריטער רעפּובליק, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך פראַנקרייך מחוץ אירע גרענעצן, אין דער העלוועטישער רעפּובליק אין לאַנד שווייצאַריע, האָט די אָפּגעשטאַנענקייט און קליין־השגהדיקע קנאה פון הערשנדיקן קלייןבירגערטום גורם געווען, אַז די קליינע עדה יידן איז געבליבן אין איר מצב פון רעכטלאָזיקייט אויך אונטער דעם נייעם פּאָליטישן רעזשים, וואָס האָט, אגב, גאָר שנעל זיך אונטערגעגעבן דער וואַקסנדיקער רעאַקציע.

אין דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה זיינען צוגעקומען צו די יידישע ישובים, וואָס זיינען אַרומגענומען געוואָרן דורך דער עמאַנציפּאַציע, די יידישע קהילות אין גרעסטן טייל מערב־דייטשלאַנד. אין אַלע דייטשע געביטן, וואָס זיינען דירעקט איינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין פראַנקרייך, ווי די געגנטן מערב־זייט פון רהיין און די שטאָט האַמבורג, און אויך אין יענע דייטשע לענדער, וואָס זיינען געווען אונטערגעוואָרפן נאַפּאָלעאָנען דורך זייערע הערשער, זיינע וואַסאַלן, ווי, למשל, אין וועסטפאַליע־ברוינשוויג־האַנאָווער און אין פראַנקפורט, איז אויפן יסוד פון דער נייער קאָנסטיטוציע פּראָקלאַמירט געוואָרן די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן. אָבער להיפוך צו דער עמאַנציפּאַציע פון ערשטן עטאַפּ, האָט די דאָזיקע גלייכשטעלונג פון יידן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימנים פון ספּאָנטאַנישקייט און יום־טובדיקייט, נאָר, פונקט ווי די נייע קאָנסטיטוציעס איז זי נישט געווען מער ווי אַ פראַנצויזישער געזעצגעבערישער אַקט. אין די איבעריקע לענדער פון דייטשלאַנד איז אויך אין דער רעכטלעכער לאַגע פון יידן נישט פאָרגעקומען קיין ממשותדיקע ענדערונג, אַחוץ, וואָס עס איז בטל געוואָרן דער דערנידערנדיקער לייבצאָל. אָבער, בעת לגבי דעם כלל יידן האָבן די אַלע לענדער יוצא געווען מיט נישטיקע רעפאָרמען, זיינען געגעבן געוואָרן ממשותדיקע הנחות די יידישע גרויסע סוחרים און פאַבריקאַנטן, מיטן צוועק פאָראויסצושטויסן די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. אַן אויסנאַם איז די פּרייסישע מדינה, וואָס איז געצוואונגען געווען נאָך דער צעשמעטערנדיקער מפּלה אין דער מלחמה קעגן נאַפּאָלעאָנען, איינצופירן גרונטלעכע רעפאָרמען אין דער מלוכה־אָרדענונג, כדי צו עפענען אַ ברייטן וועג פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט.

אין הסכם מיט די דאָזיקע רעפאָרמען האָבן אויך יידן אין פּרייסן באַקומען פולע ציווילע רעכט און אפילו געוויסע פּאָליטישע רעכט. לויט דעם פּרייסישן מוסטער איז אויך געווען צוגעשניטן די עמאַנציפּאַציע פון יידן אין דער מלוכה דענעמאַרק.

ביי די מזרח־גרענעצן פון פּרייסן, וואוהין עס האָט דערגרייכט די כוואַליע פון פּאָליטישע רעפאָרמען אין גייסט פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם אונטער דער השפּעה פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזער רעוואָלוציע, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט דער גאַנג פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע איבער אייראָפּע, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע. אין די לענדער פון דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע, עסטרייך, בעהמען־מעהרן, אונגאַרן, גאַליציע, זיינען די רעפאָרמען פאַר יידן, פּונקט ווי אַלע רעפאָרמען בכלל פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, פאַרהאַלטן געוואָרן נאָכן טויט פון קיסר יאָזעף דעם צווייטן, וואָס איז צונויפגעפאַלן מיט אָנהייב פון רעאַקציע קעגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. בעת די יידישע פּלוטאָקראַטיע און בפרט דער אַלץ־וואַקסנדיקער שיכט פון יידישע פאַבריקאַנטן האָט ווייטער גענאָסן פון די פּריווילעגיעס פון קיסר יאָזעפס רעפאָרמען און האָט אפילו באַדייטנדיק אויסגעשפּרייט זיין טעטיקייט, זיינען פאַר די ברייטע יידישע מאַסן דורך נייע גזירות פאַרשמעלערט געוואָרן אפילו די איינציקע רעכט, וואָס זיי האָבן געהאַט דערוואָרבן אין דער פריערדיקער תקופה.

אין פוילן, דער גרויסער, אָפּגעשטאַנענער פעאָדאַלער מלוכה אין מזרח־אייראָפּע, זיינען די פּאָליטישע רעפאָרמען אין די לעצטע יאָרן פאַר איר אונטערגאַנג, אין די יאָרן פון סאַמע ברען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, געווען נישט מער ווי אַ בלאַסער אָפּשיין פון סיסטעם פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם. די פּראָיעקטן פון רעפאָרמען פאַר יידן, וואָס זיינען אויך געווען נישט מער ווי אַן איבערפלעכלעכע קאָפּיע פון דער יידן־פּאָליטיק אין די שכנותדיקע אַבסאָלוטע מלוכות, האָבן אפילו אין דער דאָזיקער מאָס נישט דערלעבט אָנגענומען צו ווערן ווי אַ געזעץ, וואָרום באַלד איז געקומען די קאַטאַסטראָפע פון די לעצטע טיילונגען פון דער מלוכה. די יידן־פּאָליטיק פון די דריי גרויס־מאַכטן, עסטרייך, רוסלאַנד און פּרייסן, וואָס האָבן צעטיילט און געיִרשנט פוילן, ווייזט אויך אַ רייע בשותפותדיקע שטריכן, וואָס זיינען אַרויסגעדרונגען פון זעלבן פּאָליטישן סיסטעם פון אַבסאָלוטיזם. אין אַלע דריי מלוכות איז די שאַרף פון דער פּאָליטיק געווענדט קעגן דער מאַסע דאָרפס־יידן, אַרענדאַרן, קרעטשמערס און שענקערס און די דאָזיקע שטרענגע גזירות דערפירן שפּעטער צו אַ וויכטיקער עקאָנאָמישער איבערשיכטונג פון די יידישע מאַסן. אין הסכם מיט דער טענדענץ פון צענטראַליזאַציע פון דער מלוכה

ווערט אָפּגעשאַפט די יידישע אויטאָנאָמע קהילה און די פונקציעס פון דער קהילה ווערן באַגרענעצט בלויז צום געביט פון רעליגיע, הגם, אין דער פּראַקטיק ווערט אויף איר אַרויפגעוואָרפן דאָס אחריות פאַר די יידישע שטייערן און אין רוסלאַנד ווערט איר אפילו איבערגעלאָזט די שטייער־פאַרטיילונג. גלייכצייטיק מיט דער רעגלאַמענטאַציע פון דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פון יידן, וואָס ווערט אַמשטרענגסטן דורכגעפירט אין די געביטן פאַרנומענע דורך פּרייסן, ווערט אַרויסגערוקט אַ פּראָגראַם פון פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע מאַסן דורך אַריבערפירן זיי צו מלאכה, פאַבריק־אַרבעט און לאַנדווירטשאַפט. קיין שום ממשותדיקע פעולה האָבן די דאָזיקע פּראָגראַמען נישט געהאַט אפילו אין רוסלאַנד, וואו עס זיינען געגרינדעט געוואָרן בלויז עטלעכע אַרבעטער־קאָלאָניעס אין דרום־אוקראַינע. פון שטאַנדפּונקט פון דער רעכטלעך־פּאָליטישער לאַגע באַטייט דער נייער רעזשים פאַר יידן, נישט געקוקט אויף דעם המשך פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, בפרט אויפן שטייער־געביט (בלויז אין רוסלאַנד זיינען צום סוף פון דער דאָזיקער תקופה אָפּגעשאַפט געוואָרן די באַזונדערע יידישע שטייערן, אין די אַנדערע צוויי מלוכות זיינען זיי אפילו באַדייטנדיק געהעכערט געוואָרן!) אַ געוויסע דערהויבונג: אומעטום ווערן פאַר יידן געעפנט די טויערן פון די אַלגעמיינע שולן, אפילו אונטער דעם ברוטאַלן פּרייסישן רעזשים ווערט צום ערשטן מאָל געגעבן יידן וואוין־רעכט אין אַ רייע שטעט, וואָס זיינען אונטער פּוילנס הערשאַפט געהאַט געוועזן פאַר זיי פאַרשלאָסן און אונטער דער רוסישער הערשאַפט ווערן יידן אויך פאַררעכנט ווי שטאָטבירגער מיטן רעכט זיך צו באַטייליקן אין די שטאָטראַטן, מאַגיסטראַטן און שטאָט־געריכטן. פאַר די ברייטע יידישע מאַסן ווערן אַלע רעכטלעכע דערגרייכונגען אונטער דעם נייעם רעזשים איבערגעוואויגן דורך דער שווערער משא פון שטייערן און דורך די שווערע גזירות, וואָס גראָבן אונטער זייערע פּרנסות, נאָך איידער עס ווערט זיי דערמעגלעכט דער איבערגאַנג צו די אָפּיציעל פּראָפּאַגירטע ווירטשאַפט־צווייגן פון אינדוסטריע, מלאכה און לאַנדווירטשאַפט. פאַר דעם פאַרמעגלעכן יידישן קלאַס עפענען זיך, אין שייכות מיטן צוטריט צו נייע מערק און אַדאַנק דער נייער רעכטלעכער און פּאָליטישער לאַגע, ברייטע מעגלעכקייטן אויפן געביט פון גרויסהאַנדל און אינדוסטריע, און אַזוי ווערט אויך אין אָפּגעשטאַנענעם מזרח־איראָפּע געשאַפן דער יסוד פון דער מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע.

געוויסע ענלעכע טענדענצן און רעזולטאַטן ווייזט אויף די יידן־פּאָליטיק פון דער דורך נאַפּאָלעאָן צוריק־אויפגעבויטער פּוילישער מלוכה אונטערן נאָמען פון וואַרשעווער הערצאָגטום. הגם די קאָנסטיטוציע האָט

יידן געגעבן גלייכבאַרעכטיקונג, האָט דאָס דאָזיקע געזעץ געהאַט די זעלבע מערכה, ווי דער פּאַראַגראַף פון דער קאָנסטיטוציע וועגן באַפרייאונג פון פויערן. די פעאָדאַלע ווירקלעכקייט האָט גובר געווען דאָס געזעץ און לגבי יידן איז אפילו פאָרמעל די גלייכקייט אָפגעשאַפט געוואָרן אונטער דער דערמוטיקנדיקער השפעה פון נאַפּאָלעאָנס שענדלעכן דעקרעט קעגן יידן אין פראַנקרייך. אַן עליטע פון יידישע גרויסע סוחרים, ליוועראַנטן, באַנקירן און אינדוסטריאַליסטן האָט אָבער פונקט ווי אונטער די רעזשימען פון אַבסאָלוטיזם, — וואָס זיינען פאַר דער רעגירונג פון דער פוילישער מלוכה געווען אַ מוסטער אין דער יידן־פראַגע דוקא בנוגע ברוטאַלע גזירות — אויך דאָ גענאָסן פון ברייטע פריווילעגיעס און כמעט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין מניעות בנוגע וואוין־רעכט און ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט.

אין סך־הכל איז אין דער תקופה פון דער ערשטער עמאַנציפּאַציע אויך אין מערב־אייראָפּע, וואו עס האָט געזיגט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, געווען אַ חילוק אין די רעזולטאַטן, וואָס די נייע אָרדענונג האָט געבראַכט פאַר די פאַרשיידענע קלאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. פאַר דעם רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען די געענדערטע באַדינגונגען געקומען צום אויסדרוק בעיקר אין זייער רעכטלעכער לאַגע: עס זיינען בטל געוואָרן אויך לגבי דעם יידישן פאָלקס־מענטש די גזירות פון וואוין־רעכט, די באַזונדערע יידישע שטייערן, און ער איז געוואָרן וואָל־באַרעכטיקט גלייך מיט אַלע בירגער. עקאָנאָמיש האָט זיך די לאַגע פון כלל יידן אין פראַנקרייך, ווי אין האָלאַנד, איטאַליע אָדער וועסטפאַליע, ווייניק וואָס געענדערט. די פעדלער, קליינהענדלער און אפילו קליינע געלט־לייער זיינען געבליבן ביי זייערע טראַדיציאָנעלע פרנסות. דער איבערגאַנג צו מלאכה און לאַנדווירטשאַפט, הגם איצט לויטן געזעץ אומגעשטערט, איז געווען פאַרשוועכט אי דורך מאַנגל אין צוגרייטונג, אי דורך דעם אַנטאַגאָניזם פון אַרומיקן קליינבירגער און פויער. גענאָסן פון דער עמאַנציפּאַציע אין עקאָנאָמישן זין האָט בעיקר די יידישע פלוטאָקראַטיע, וועלכע האָט איצט פריי געקאָנט צעפירן די הענט און איר עקאָנאָמישע פאָזיציע האָט זיך אפילו אין משך פון דער קורצער תקופה ביז צו דער מפלה פון נאַפּאָלעאָן, שטאַרק אויסגעברייטערט. אַן ענלעכער פראָצעס, הגם אין אַ קלענערן פאַרנעם, און אין אַנדערע, שווערערע באַדינגונגען, קומט פאָר אין מזרח־אייראָפּע, אַדאַנק דעם איבערגאַנג פון פוילישן פעאָדאַליזם צום אַבסאָלוטיזם פון די דריי מלוכות. די תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און נאַפּאָלעאָנישע מלחמות איז אין גאַנץ אייראָפּע, אויך אין די לענדער, וואוהין די פּאָליטישע איבערקערעניש איז נישט דערגאַנגען, געווען אַן עטאַפּ פאָראויס אין אויפקום פון

מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. אַזוי איז ממילא אויך ביי דער יידישער באַפעלקערונג פאָראויסגעגאַנגען די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג אויך אין יענע לענדער, וואו די עמאַנציפּאַציע איז נאָך געווען אַן אומדערגרייכבאַרער וואונטש.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויך געוויזן דעם וועג אַלע שפּעטערדיקע בירגערלעכע רעוואָלוציעס אין איראָפּע פון נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע פון יידן, ווי אַ בפירושן אָדער שטילן תנאי פאַר זייער עמאַנציפּאַציע. אין תוך איז די דאָזיקע אַסימילאַטאָרישע שטעלונג פון דער נייער מלוכה נישט געווען קיין נייעס. זי איז געווען אַ המשך פון דער פּאָליטיק פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, וואָס האָט אי טיילוויז אָדער אינגאַנצן אָפּגעשאַפט די יידישע קהילה־אויטאָנאָמיע, איבערלאָזנדיק בלויז רעליגיעזע זעלבסט־פאַרוואַלטונג, אי אַרויסגעגעבן גזירות קעגן באַנוצן יידיש און העברייאיש און פאַרשפּרייט שפּראַכלעכע צוואַנג־אַסימילאַציע. דער עיקר האָט זיך געהאַנדלט אין די דיסקוסיעס, וואָס זיינען געפירט געוואָרן בעת דער רעוואָלוציע, וועגן דער יידישער פראַגע אין די פּאַרלאַמענטן פון פראַנקרייך און אַנדערע לענדער (האָלאַנד, שווייץ) וועגן דער פּאָליטישער זייט פון דער פראַגע און קודם־כל וועגן דער יידישער אויטאָנאָמיע. אויך דער באַרימטער אויסרוף פון קלערמאָן־טאָנער בעת דער דעבאַטע אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג: „מען דאַרף אַלץ אָפּזאָגן יידן ווי אַ נאַציע, מען דאַרף זיי אַלץ באַוויליקן ווי יחידים", הגם ער איז געוואָרן דער קלאַסישער לאָזונג פון פּראָגראַם פון אַסימילאַציע, איז ער געווען געווענדט לויט זיין כוונה בעצם קעגן יידישער אויטאָנאָמיע. וואָס שייך דער דאָזיקער פראַגע האָט די רעוואָלוציע באַהאַנדלט די יידן נישט אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מינדערהייטס פעלקער, וואָס פראַנקרייך האָט פאַרמאָגט: ברעטאָנער, איטאַליענער, באַסקן, דייטשן אין עלזאַס, פלעמען אין צפון.

די אָפּשאַפונג פון דער אויטאָנאָמיע איז געווען אַן אינטעגראַלער באַשטאַנדטייל פון פּראָגראַם פון דער רעוואָלוציע. אין פאַר־רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך האָט מען אָנערקענט ווי „נאַציעס" נישט נאָר די אויסגערעכנטע פעלקער, נאָר אויך די באַפעלקערונג פון באַזונדערע פּראָווינצן. עס האָבן אָפיציעל עקזיסטירט און געהאַט אפילו זייערע אויטאָנאָמע רעכט אַ „דעלפינישע נאַציע" (פּראָווינץ דאָפינע), אַן „אָווערנישע נאַציע", אַן „אַנדזשעווינישע נאַציע" (פּראָווינץ אַנזשו), אַ פּראָוואַנסאַלישע, פּיקאַרדישע א. אַז. וו. די רעוואָלוציע האָט אויפגעשטעלט דעם באַגריף פון אַן איינהייטלעכער „פראַנצויזישער נאַציע" קודם־כל אין מלוכהשן זין, ווי איינהייטלעכע אַדמיניסטראַציע, איינהייטלעכע געזעצן, איינהייטלעכע רעפּרעזענטאַנץ אין איין פּאַרלאַמענט, וואָס דאָס איז געווען אַ נויטווענדיקייט פאַר דער נייער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. די אידייע פון „פּאַטריאָטיזם", וואָס איז געווען

אַ דאָמינירנדיקע בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט אַריינגענומען אין כּלל אויך דאָס אָפּזאָגן זיך פון פּראָווינציעלן פּאַרטיקולאַריזם און פילן זיך אַ בירגער פון לאַנד ווי אַ גאַנצן. עס פלעגן אָרגאַניזירט ווערן אונטער נאָמען פון „פעדעראַציעס”, דאָס הייסט, פאַרברידערונגען, גרויסע פאָלקס־פייערונגען און פאָלקס־פאַרווייליונגען, וואו בירגער פון פאַרשיידענע שטעט און פּראָווינצן פלעגן אָננעמען פייערלעכע דעקלאַראַציעס וועגן דעם, אַז זיי זיינען אַלע איין פאָלק פראַנצויזן און בירגער פון איין מלוכה.

עס איז גאָר געווען אויסגעשלאָסן אין די דאָזיקע באַדינגונגען צו מאַכן אַן אויסנאַם פאַר יידן און איבערלאָזן זיי קהילות מיט אייגענע שטייער־קאָמיסיעס, אייגענע געריכטן און אייגענע ציווילע געזעצן. עס איז פולשטענדיק פאַרשטענדלעך, וואָס אפילו די אַקטיווסטע מאָנער פון יידישע רעכט, ווי קלערמאָן טאָנער, האָבן באַצייכנט די דאָזיקע אויטאָנאָמיע ווי אַ באַזונדערן פּאָליטישן אָרגאַניזם פון „אַ נאַציע אין אַ נאַציע”. אויב די יידישע פאָרשטייער פון עלזאַס און לאָטאַרינגיע האָבן אין משך פון ערשטן יאָר פון דער רעוואָלוציע נאָך אַלץ געפאָדערט אין זייערע פּעטיציעס, מען זאָל זיי איבערלאָזן נישט נאָר די „סינאַגאָגעס און רבנים”, נאָר אויך די אויטאָנאָמיע פון קהילות מיט סינדיקן בראש און מיט בית־דינס, וואָס משפּטן לויט יידישע געזעצן (אין אָנהייב 1790 האָבן זיי זיך פון דער דאָזיקער פאָדערונג לחלוטין אָפּגעזאָגט), באַווייזט עס, אַז זיי האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכנשאַפט וועגן די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען און וועגן סטרוקטור און כאַראַקטער פון דער נייער מלוכה. זיי האָבן עס באַוויזן אין יענער צייט אויך דורכדעם, וואָס זיי האָבן נאָך אַלץ נישט אַרויסגעשטעלט קיין פאָדערונג וועגן פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטי־קונג, איינגעשלאָסן פּאָליטישע רעכט, נאָר זיך באַגרענעצט מיט פאָדע־רונגען וועגן גלייכקייט אין שטייערן און אין ציווילע רעכט.

אָן אַ ספק האָט דערביי אויך געשפּילט אַ ראָלע קאָנסערוואַטיזם און ענגער גרופּעס־אינטערעס פון די, וואָס האָבן געהאַט די מאַכט אין דער קהילה. די פאָרשטייער פון דער קהילה מעץ, למשל, וואָס איז געווען באַ־זונדער שטאַרק פאַרחובט, האָבן באריכות אָנגעוויזן אין זייער באַזונדערן מעמאָראַנדום, אַז אויב מען וועט פּלוצים אויפלייזן די קהילה, וועלן די מיטגלידער זיך באַטראַכטן פאַר פּטור פון אָפּצאָלן די קהילה־חובות די רענטיערן. זיי האָבן בכן געזוכט פאַר זיך אַ סכנה, אַז זיי, די קהילה־פירער אַליין, וועלן דאַרפן טראָגן דאָס אחריות פאַר די חובות. אַז די פאָדערונג פון איבערלאָזן די קהילה־אויטאָנאָמיע איז על כּל פּנים נישט אַרויסגע־דרונגען פון אַ באַוואוסטזיניקן נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און ברייטן קוק אויף דער יידישער פראַגע, קאָן מען זען נישט נאָר פון דער צעשפּליטערט־קייט פון די אַקציעס פון די עלזאַס־לאָטאַרינגער יידן און באַזונדערע צוגאַב־

פּאַדערונגען און קעגן־פּאָדערונגען (לונעוויל); דאָס ווערט אויך באַ־שטעטיקט דורך דעם פאַקט, אַז אויטאָנאָמיע האָבן נאָך אין י. 1788 פאַר־לאַנגט אויך די ספרדישע יידן פון באָרדאָ, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן ענגן סעפּאַראַטיזם ביז צו דער גרענעץ פון שענדלעכן פאַרראַט, און אין זייער אָפּאָרטוניסטישער אַסימילאַטאָרישקייט דערקלערט אין זעלבן יאָר נאָך פאַר דער רעוואָלוציע (אין אַ בריוו פון משה גראַדיס צום אינטענדאַנט דיפּרע, וואָס איז געווען אַ מליץ פאַר די יידן פון באָרדאָביים מיניסטער מאַלזערב): „...עס איז אַלעמאָל געווען ביי אונדז אַ כלל, אַז מיר זאָלן זיך אַסי־מילירן מיט די אַנדערע מיטבירגער פון דער מלוכה, אויף ווי ווייט עס קאָן זיך נאָר ווענדן אין אונדז“. נישט ווינציקער כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס אין דעם זעלבן מעמאָראַנדום צום מיניסטער מאַלזערב אין 1788, וואו די ספרדישע יידן האָבן פאַרגעלייגט, אַז בנוגע קהילה זאָל בלייבן אַלץ ביים אַלטן (אַריינגערעכנט ריכטער־פונקציעס פון סינדיקן און אַ דעה איבער דער צעטיילונג פון שטייערן), האָבן זיי אויך פאַרלאַנגט, אַז קיין שום ייד זאָל זיך נישט טאָרן באַזעצן אין אַ שטאָט (געמיינט, נאָ־טירלעך, זייער רעזידענץ, באָרדאָ) אָן דעם הסכם פון צוויי־דריטל פון דער אָרטיקער יידישער קהילה. אויך די מנהיגים פון די אשכנזישע יידן גופא האָט דער פאַקט, וואָס זיי האָבן אַביסל לענגער ווי די ספרדים זיך געאַמפּערט וועגן קהילה־אויטאָנאָמיע, נישט געשטערט קוים עטלעכע חדשים שפּעטער צו דעקלאַרירן און פּראָפּאַגירן אַסימילאַציע פון יידן אין אַלע ענינים, אַחוץ רעליגיע.

נישט אין דעם איז באַשטאַנען די צרה פון יידן אין פראַנקרייך און אין מערב־אייראָפּע, וואָס עס איז אויפגעלייזט געוואָרן די אַלטע פאַרעלטערטע צעברעקלטע און ענג לאָקאַלע פאַרמאַכטע קהילה־אויטאָנאָמיע, נאָר אין דעם, וואָס קיין נייע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן די באַזונדערע באַדערפענישן פון יידישן פאָלק און אַנטוויקלען זיין קולטור, האָבן נישט די וואָרט־פירער פון דער רעוואָלוציע און פון דער נייער מלוכה פאַר־געלייגט, און נישט זעלבסט־געקרוינטע פירער פון יידן האָבן וועגן דעם אפילו געטראַכט.

די וואָרט־זאָגער פון דער נייער אָרדענונג האָבן נישט נאָר געפּאָדערט די ליקווידאַציע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, נאָר זיי האָבן אויך דער־וואָרט, הגם נישט אַלע האָבן לכתחילה דעם פאַרלאַנג בפירוש אַרויסגע־שטעלט, אַז זיי זאָלן ווערן פראַנצויזן אין יעדן פּרט, אין שפּראַך און קול־טור, דערלאָזנדיק בלויז די עקזיסטענץ פון דער יידישער רעליגיע. בעצם איז די דאָזיקע אַסימילאַציע־פּאָליטיק כמעט אין אַלע ביי־אויפגעקומענע בירגערלעכע מלוכות געווען געווענדט נישט נאָר קעגן יידן, נאָר קעגן אַלע מיעוטים־פעלקער פון דער מלוכה. אויך פון אַלע מינדערהייט־פעלקער

האָט מען דערוואַרט, אַז זיי זאָלן פונקט ווי אין פּראַגע פון פּראָווינצן־פּאַרטיקולאַריזם, אויך אין זין פון שפּראַך און קולטור זיך אַרויסווייזן ווי „פּאַטריאָטן" און צוזאַמענשמעלצן זיך מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג אין איין איינהייטלעכער נאַציע. שוין אין זיין „עסיי" פון פאַר דער רעוואָלוציע, האָט אַבאַט גרעגואַר דוקא אין שייכות מיט זיין פּראָגראַם וועגן אָפּשאַפן דעם יידישן „זשאַרגאָן" (אין משך פון אַ געוויסער צייט), אָנגעוויזן דערויף, אַז אַ מיליאָן פראַנצויזישע אונטערטאַנען, צווישן זיי די ברעטאָנער, רעדן אויף זייערע פאָלקס־דיאַלעקטן און קאָנען איגנאַנצן נישט קיין פראַנצויזיש, אָדער קוים אַ פּאָר ווערטער. ער האָט אויפגעפאָדערט די רעגירונג פון פראַנקרייך און די רעגירונגען פון אַלע לענדער אין אייראָפּע אויסצוואָרצלען די אַלע פאָלקס־דיאַלעקטן אין נאָמען פון „אויפקלערונג, לייכטער אויספירונג פון געזעצן, נאַציאָנאַלן גליק און פּאָליטישער מנוחה" . . . אין דער תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע בפרט, איז נאָך דער באַגריף נאַציע אַזוי ווייט געווען אידענטיפיצירט מיט מלוכה, אַז מען האָט נישט געקאָנט משיג זיין די מעגלעכקייט, אַז אין איין מלוכה זאָל זיך געפינען מער ווי איין נאַציע. בנוגע יידן איז אָבער אַזאַ השגה געווען נאָך שווערער. געזען האָט מען בלויז די עקסטריטאָריאַלקייט פון יידן — „אַ פאָלק צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַלע פעלקער". מען האָט אָבער נישט דערזען די טראַגעדיע פון דעם דאָזיקן עקסטעריטאָריאַלן מצב און ממילא נישט געפּרואווט צו געפינען פאַר דעם די אייגנציקע יושרדיקע לייזונג: פולע בירגערלעכע גלייכקייט, אָבער אָן דעם, מען זאָל דערביי דאַרפן פאַרלייקענען די אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך און קולטור, די אייגענע נאַציאָנאַלע געשיכטע און טראַדיציעס, און בעיקר די נאַציאָנאַלע, דורך אַלע דורות אין טיפער בענקשאַפט אויסגעטראָגענע אַספּיראַציעס, פון צוריק אויפבויען דאָס אייגענע פאָטערלאַנד אין ארץ־ישראל.

בלויז אין געציילטע מאָמענט־אויפבליצן רייסט זיך אַדורך שוין אין יענער תקופה דער דאָזיקער געדאַנק אין אַזעלכע פּראָיעקטן ווי נאַפּאָלעאָנס בעת זיין מלחמה אין ארץ־ישראל, אין פּאָליטישע פּלענער פון ענגלישע טעאָלאָגן, און אין אַ טייל רעדעס פון יידן־פריינד אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פון דער האָלענדישער רעפּובליק. די הערשנדיקע מיינונג פון דעם לאַגער פון פּראָגרעס און אָנהענגער פון יידישער עמאַנציפּאַציע האָט אָנגעשטאַט צו העלפן נאָרמאַליזירן דאָס יידישע פאָלק, געפּרואווט עס צו באַהאַנדלען ווי אַ טייל פון אַנדערע, נאָרמאַלע פעלקער, וואָס איז בלויז צוליב אומטערדריקונג אַ צייט לאַנג געווען פון זיי אָפּגעפרעמדט. מען האָט געהאַלטן, אַז יידן האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק, נאָר דער אַלטער רעזשים האָט זיי אָפּגעהאַלטן פון צונויפגיסן זיך מיטן פאָלק פון לאַנד. אויב יידן האָבן נישט קיין פאָטערלאַנד, —

האָט מען דערקלערט, — דאַרף פראַנקרייך ווערן זייער פאָטערלאַנד און פונקט אַזוי אנאלאָגיש יעדעס לאַנד, וואו יידן זיינען באַזעצט. פון יידן האָט מען פאַרלאַנגט, זיי זאָלן זיך אַליין באַטראַכטן בלויז ווי אַ רעליגיעזע גרופּע פון דער „נאַציע", און ווי אַזאַ דאַרפן זיי אויך באַהאַנדלט ווערן דורך דער גאַנצער „נאַציע".

דער אויסטערלישער פּאַראַדאָקס פון דער שטעלונג צו יידן אין יענער צייט, פונקט ווי שפּעטער נאָך ביז טיף אין 19טן י"ה (און טיילווייז אפילו אין 20טן י"ה!) איז געווען, וואָס דווקא די פאַרביסענע קעגנער פון יידן, וואָס האָבן אין די אינטערעסן פון דער רעאַקציע נישט געוואָלט צולאָזן צו יידישער עמאַנציפּאַציע, האָבן צוזאַמען מיט די פאַרשיידענע שקרים און רכילות אויף יידן דאָך צוליב טאַקטיק פון אַרגומענט אַרויסגעבראַכט דעם אמת וועגן דעם באַגריף פון יידן ווי אַ גרופּע: יידן, האָבן זיי געטענהט, זיינען נישט בלויז אַמאָל געווען אַ פאָלק, נאָר זיי האָבן עס אויך איצט נישט אויפגעהערט צו זיין. מען קאָן נישט פאַרגלייכן יידן מיט אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס, ווייל זיי זיינען מער ווי בלויז אַ רעליגיע; יידן פון אַלע לענדער זיינען פאַרבונדן ווי אין איינהייטלעך פאָלק; זיי האָבן נישט אָפּגעזאָגט זיך פון גלויבן אין משיח, וואָס וועט זיי אומקערן אין זייער אייגן לאַנד. די פּאַראַדאָקסאַלע שייד־ליניע אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַלן מהות פון יידן איז געווען אַזוי שאַרף אַנגעצייכנט, אַז עס איז גענוג געווען עמיץ זאָל רעדן וועגן יידן ווי אַ פאָלק, מען זאָל באַלד אין אים דערקענען זיין אַנטי־יידישן און אַנטי־רעוואָלוציאָנערן אני־מאמין.

די יידישע פאַרשטייער אין פראַנקרייך האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר יידישע רעכט, גערופן די יידישע באַפעלקערונג אַריבערצוגיין צו פּראָדוקטיווע פּרנסות, און דערמיט האָבן זיי—אין דער תקופה פון דער רעוואָלוציע, אָבער שוין נישט אין דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן — רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. אָבער פונקט ווי די פירער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן אַרויסגעבראַכט די באַדערפענישן פון גאַנצן פראַנצויזישן פאָלק נאָר אויף אַזוי פיל, אויף ווי ווייט זיי האָבן זיך געדעקט מיט די אינטערעסן פון זייער קלאַס, דער בורזשואַזיע, אַזוי זיינען די בורזשואַזע פירער פון יידן געווען באַגרענעצט אין זייער שטעלונג בנוגע דער לייזונג פון דער יידישער פראַגע דורך זייערע אייגענע קלאַס־אינטערעסן און קלאַס־האָריזאָנט. נישט מער, וואָס די יידישע בורזשואַזע פירער זיינען אין זייער שטעלונג נישט געווען פול־שטענדיק פריי, נאָר האָבן זיך געמוזט צופּאַסן צו די טענדענצן און פאַר־לאַנגען פון אַרומיקן בירגערטום.

אַ פּראָצעס פון שפּראַכלעכער און קולטורעלער אַסימילאַציע האָט זיך ביי די אויבערשטע שיכטן פון יידן אין פראַנקרייך אָנגעהויבן שוין לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע און איז געווען באַזונדער שנעל אין זיין גאַנג אין

אַזעלכע צענטרען ווי באָרדאָ און פּאַריז. אָבער די אויפגעקלערטע פירער פון דער יידישער בורזשואַזיע האָבן נאָך פאַר דער רעוואָלוציע די אַסימילאַציע באַוואוסטזיניק פּראָפּאַגירט, בעיקר אויפן שפּראַכלעכן געביט. בעת דער רעוואָלוציע זיינען זיי געגאַנגען ווייטער און צוגעפּאַסט זיך צו דער הערשנדיקער אידעאָלאָגיע פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע וועגן איבערפורעמען יידן אין פראַנצויזן פון יידישן גלויבן. אין דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן האָבן זיי שוין אומצווייטייטיק דערקלערט, אַז „יידן אין אונדזערע צייטן זיינען שוין נישט מער אין דער בחינה פון אַ נאַציע" און האָבן געאַרבעט מעשים, עס צו באַווייזן אין דער פּראַקטיק.

דער פּראָצעס פון דער קאָנסאָלידאַציע פון דער יידישער בורזשואַזיע אַרום דעם פּראָגראַם פון איבערפורעמונג פון יידישן לעבן אין גייסט פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם און פון שפּראַכלעכער און קולטורעלער אַסימילאַציע איז אין די פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע פאָרגעקומען אין אַ פאַרשיידענעם טעמפּאָ און האָט אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען, לויט די באַזונדערע באַדינגונגען פון יעדן לאַנד. אין האָלאַנד, וואו די יידישע באַזיצנדיקע קלאַסן האָבן — פונקט ווי אין ענגלאַנד און אין איטאַליעניש האַנדלס־צענטער ליוואָרנאָ — נאָך אין דער תקופה פון קאָמערציעלן קאַפּיטאַליזם גענאָסן פון ברייטע רעכט, האָט דער גרעסטער רוב פון דער יידישער בורזשואַזיע נאָך אין משך פון יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע זיך באַצויגן פיינטלעך צו דער נייער אָרדענונג און אין נאָמען פון „יידישקייט" און פון „יידישן דת" פאַרטיידיקט דעם אַלטן פּאָליטישן סיסטעם, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אויפגעבויט אויף דער רעכטלאָזיקייט און אונטערדריקונג פון דער ברייטער יידישער באַפעלקערונג. די איניציאַטיווע פון פאַרשפּרייטן די נייע לאָזונגען האָט אויף זיך גענומען אַן אויפגעקלערטער מיעוט, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון דער אויפקומענדיקער מאָדערנער יידישער האַנדלס־און אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. אין דעם קאַמף קעגן דער אַלטער אָרדענונג און קאָנסערוואַרטיוון קהל האָט די פּראָגרעסיווע יידישע בורזשואַזיע זיך באַמיט אַריינצוציען די ברייטע יידישע מאַסן דורך אויפקלערונג אין גייסט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אויך אין אָפּגעשטאַנענע לענדער פון מיטל־אייראָפּע ווי דייטשלאַנד, בעיקר דרום־דייטשלאַנד, בעהמען־מעהרן, אונגאַרן, די יידישע בורזשואַזיע געווען אַזוי שטאַרק עקאָנאָמיש פאַרוואָרצלט אין אַלטן רעזשים, און אַזוי ווייט פאַרפעסטיקט אויף אירע פּאָזיציעס אין די קהילות, אַז איר שטרעבן האָט נישט גערייכט ווייטער, ווי השתדלות וועגן אויסברייטערן די שטאַרק באַגרענעצטע האַנדלס־און וואוין־רעכט. אין די זעלבע לענדער, וואו די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געפונען גאָר אַ שוואַכן אָפּהילך, האָט אויך דער גאָר דינער שיכט פון דער אַנטשטייענ־

דיקער מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע און פון דער מיט איר פאַרבונדענער אינטעליגענץ נישט פאַרמאָגט קיין גרויסע השגות און געזען זיין הויפּט־פּראָגראַם אין דער יידישער פראַגע אין פאַרשפּרייטן אייראָפּעישע מנהגים און קולטור, ווי אַ מיטל צו דערגרייכן מיט דער צייט בירגערלעכע רעכט. אין די דאָזיקע לענדער האָט דער צוזאַמענשטויס פון דער אַלטער און נייער אָרדענונג אָנגענומען, קודם־כל, די פאָרם פון קולטור־קאַמף, צוערשט צווישן אָרטאָדאָקסיע און השכלה, שפּעטער צווישן אָרטאָדאָקסיע און אַסימילאַציע. אין מזרח־אייראָפּע האָט אין דער זעלבער צייט די גרופּע מאָדערנע יידישע קאַפּיטאַליסטן צוזאַמענגעשטעלט נישט מער ווי אַ הייפל; די השכלה שטעלט דאָרט נאָך אירע ערשטע טריט; דער הויפּט־קאַמף אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן שפּילט זיך נאָך אַלץ אָפּ צווישן די מתנגדים, די וואָרט־זאָגער פון דעם קאָנסערוואַטיוון, אַלטפרענקישן בירגערטום און צווישן דער מעכטיק זיך אויסשפּרייטנדיקער באַוועגונג פון חסידים, וואָס שפּיגלען אָפּ די שטימונגען און שטרעבונגען פון די ברייטע, קליינבירגערלעכע מאַסן.

די מיאוסטע פאָרם נעמט אָן די אַסימילאַציע־באַוועגונג פון דער נייער יידישער בורזשואַזיע אין דייטשלאַנד און בפרט אין דער מדינה פּרייסן. אין ערגעץ דערגייט נישט די יידישע בורזשואַזיע אין יענער תקופה אין אירע אַסימילאַציע־שטרעבונגען ביז צו אַזאַ מדרגה ווי דאָ, פון נאַציאָנאַלער זעלבסטדערנידעריקונג און זעלבסטפאַרלייקענונג, שוין אָפּגערעדט פון אָפּזאָגן זיך פון דער יידישער היסטאָרישער טראַדיציע. נאָר דאָ, אין דייטשלאַנד, דערקייקלען זיך די שפּיצן פון דער יידישער בורזשואַזיע, די גבירים פון די בערלינער און ברעסלויער סאַלאָנען, אין זייער דראַנג צו אַסימילאַציע פאַר יעדן פּרייז, ביז צום פולשטענדיקן עקסטרעם, ביז צו שמד. אויך דאָ איז די סיבה געלעגן אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פון לאַנד. אין דייטשלאַנד איז דער אָפּשטאַנד צווישן דער אַלטער טראַדיציאָנעלער יידישער קולטור און צווישן דער אַרומיקער אויפשטייגנדיקער קולטור געווען דער ווייטסטער. פון דער אַנדערער זייט איז דאָ אויך געווען אַמגרעסטן די סתירה צווישן דער וויכטיקער ראָלע פון דער יידישער בורזשואַזיע אין עקאָנאָמישן און קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, און צווישן דער געדריקטער רעכטלעכער און פּאָליטישער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל.

אַ פּלאַץ אויף דער אַנדערער זייט, אַ פּלאַץ פון כבוד בנוגע דער שטעלונג צום פאָלק און צו דער אייגענער קולטור, פאַרנעמט אין יענע צייטן צווישן די יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע דאָס איטאַליענישע יידנטום. אַסימילאַציע ווי אַ באַוואוסטזיניקע שטרעבונג איז דאָרט געקומען צום אויסדרוק בלויז אין די שיטערע רייען פון געלטזעק, וואָס זיינען געווען קרוב למלכות און אַסימילאַציע פּראָפּאַגאַנדע האָבן אָנגעפירט

בלויז עטלעכע רבנים, אויסגעצייכנטע מיט אָרדערן פאַר זייער מתעסק זיין זיך אין דער נאַנטאַבלען־פאַרזאַמלונג אין פּאַריז און אין פּאַריזער סנהדרין, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אויף נאַפּאָלעאָנס געבאָט. די היסטאָרישע אַנטוויקלונג און די קולטור־באַדינגונגען פון איטאַליענישע יידן זיינען טאַקע געווען פונקט דער היפך לגבי דייטשלאַנד. דאָס איטאַליענישע יידנטום איז געווען זינט הונדערטער יאָרן פאַרבונדן מיט דער באַפעלקערונג פון לאַנד אין הינזיכט פון שפּראַך, קולטור און געזעלשאַפטלעכן פאַרקער. די טראַדיציאָנעלע יידישע קולטור אין איטאַליע איז אויפן געביט פון דערציאונג, ליטעראַטור, וויסנשאַפט און קונסט זינט דורות געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ שפע פון וועלטלעכע עלעמענטן. די עמאַנציפּאַציע האָט פאַר איטאַליענישע יידן נישט באַטייט אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס פון אַלטן און נייעם לעבנס־נוסח, נאָר אַ פאַרלייכטערונג פון שוין פריער אויסגעטראָטענעם אַנטוויקלונגס־וועג.

באַזונדער דאַרף דערמאָנט ווערן צום שבח צווישן דעם מערב־אייראָפּייאישן יידנטום דער יידישער ישוב אין איטאַליע צוליב זיין באַציאונג צו דער היסטאָרישער שטרעבונג פון פאָלק, צו שיבת ציון. די וואָרט־זאָגער פון איטאַליענישן יידנטום, מיט דער אינטעליגענץ בראש, האָבן זיך נישט אָפּגעריסן פון פאָלק, וואָס האָט געבענקט נאָך אויסלייזונג און זיינען נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט דער שטרעמונג פון אָפּזאָגן זיך פון ציון און פון דער אידייע פון נאַציאָנאַלער גאולה אין ארץ־ישראל, דער שטרעמונג וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די נייע יידישע בורזשואַזיע אין רוב לענדער פון מערב־אייראָפּע, נאָר פאַרקערט: סיי אין יענער תקופה, סיי אין משך פון 19טן יאָרהונדערט האָבן זיי געגעבן אַן אויסדרוק פון זייער נאַציאָנאַלער געטריישאַפט אין דער העברייאישער פּאָעזיע און אין טעאָרעטישע ווערק, געשריבן העברייאיש און איטאַליעניש. אויך דער פאַרוואָרפענער יידישער ישוב מעבר לים, די קליינע עדה יידן אין אַמעריקע, וואָס האָט דערגרייכט בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פריער ווי די מערב־אייראָפּייאישע יידן, איז דורך דער עמאַנציפּאַציע נישט אַראָפּגעשטויסן געוואָרן פון וועג פון איבערגעגעבנקייט צו דער היסטאָרישער טענדענץ פון יידישן פאָלק אין גלות, נאָך מער: דער נצחון פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע אין זייער וואוין־לאַנד האָט אָנגעצונדן אין די הערצער פון אַמעריקאַנער יידן דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און געוועקט זייער בענקשאַפט נאָך דער פאַראייניקונג מיטן גאַנצן פאָלק אין ציון. די פירער פון דער עדה יידן אין אַמעריקע זיינען אויך געווען די ערשטע פון אַלע יידישע ישובים אין דער וועלט וואָס האָבן דער אידייע פון שיבת ציון געגעבן אַ מאָדערנע, רעאַל־פּאָליטישע אינטערפּרעטאַציע. די זעלבע רעאַליסטישע שטעלונג, וואָס איז געווען אַן אָנזאָג פון מאָדערנעם ציוניזם, און שפּעטער, אין דער ערשטער העלפט

פֿון 19טן י״ה, געקומען צום אויסדרוק אויך אין ענגלישן ייִדנטום.

די שטעלונג פֿון איטאַליענישע און אַמעריקאַנער ייִדן אין דער פֿראַגע פֿון ארץ־ישׂראל און שיבת ציון וואַרפֿט אַ שאַרף ביסל ליכט אויף דער טרויעריקער דערשיינונג פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פֿאַרלייקענונג ביי ייִדן אין אַ טייל מערבֿ־אייראָפּע אין דער תּקופֿה פֿון דער ערשטער עמאַנציפּאַציע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון צוויי טויזנט יאָריקער האָפֿענונג אויף ווידעראויפֿבוי אין ציון איז לחלוטין נישט געווען קיין נויטווענדיקער רעזולטאַט פֿון מאָדערניזאַציע פֿון ייִדישן לעבן אין די באַדינגונגען פֿון אויפֿשטייג פֿון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם און אויך נישט קיין לאָגישע קאָנסעקווענץ פֿון ראַציאָנאַליסטיש־סעקולערן וועלטבאַנעם, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט דורך דער מאָדערנער קולטור. דאָס האָט די ניי־אויפֿגעקומענע ייִדישע בורזשואַזיע אין איר ענגן קלאַסן־עגאָאיזם און קליינקעפֿלדיקער פּאָליטישער אויסרעכענונג זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט כּדי זיך איינצוקויפֿן אין חסד פֿון הערשנדיקן קלאַס און פֿון די מאַכט־פֿאַקטאָרן דורך אַרויסרייסן פֿון האַרץ פֿון פֿאָלק די פֿאַרהייליקטע וויזיע פֿון באַפֿרייאונג אין אייגענעם פֿאָטערלאַנד. צוליב דעם זעלבן קורצזיכטיקן קלאַסן־אינטערעס און הוילן קלאַסן־פּרעסטיזש האָט די נייע ייִדישע בורזשואַזיע אָנגעווענדט אַלע ברוטאַלע מיטלען כּדי אַרויסצורייסן פֿון מויל פֿון פֿאָלק זיין ייִדישע שפּראַך און צו דערשטיקן זיין נאַציאָנאַלע פֿאָלקס־קולטור. דער ייִדישער פֿאָלקס־מענטש האָט נישט נאָר אין לענדער ווי אַמעריקע, ענגלאַנד און איטאַליע, צוזאַמען מיטן ווערדיקן רובֿ פֿון ייִדישן בירגערטום, נאָר אויך אין פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, דייטשלאַנד און בעהמען קעגן אַלע אָנשטרענגונגען פֿון דער פֿאַררעטערישער ייִדישער בורזשואַזיע, געטריי געהיטן דעם טייערסטן גייסטיקן אוצר פֿון פֿאָלק, די אידייע פֿון נאַציאָנאַלער גאולה, פּונקט ווי ער האָט זיך לאַנגע יאָרן נישט אונטערגעגעבן די גזירות קעגן ייִדיש און ייִדישן טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער, אַפֿילו ווען זיי האָבן געטראָגן דעם אָפֿיציעלן שטעמפּל פֿון קאָנסיסטאָריעס.

ביי אַ גענויער באַטראַכטונג ווייזט זיך בכן אַרויס, אַז נישט דאָס מערבֿ־אייראָפּיאישע ייִדנטום ווי אַ כּלל האָט אין דער תּקופֿה פֿון דער ערשטער עמאַנציפּאַציע איבערגעריסן מיטן רובֿ מנין ובנין פֿון פֿאָלק אין מזרח־אייראָפּע און מיט זיינע נאַציאָנאַלע היסטאָרישע צילן, נאָר דער ריס איז פֿאָרגעקומען אויף דער סאָציאַלער שייד־ליניע: דער אויפֿשטייגנדיקער קלאַס פֿון ייִדישער בורזשואַזיע אין רובֿ לענדער פֿון מערבֿ־אייראָפּע האָט זיך געפּלייסט אויסצוגראָבן אַ תּהום צווישן זיך און צווישן די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן סיי אין די אייגענע וואוין־לענדער, סיי איבער דער וועלט. אין אַ שפּעטערדיקער תּקופֿה האָט דער זעלבער קלאַס פֿון מערבֿ־אייראָפּיאישן ייִדנטום צוליב די זעלבע צילן געווענדט זיין אָנ־

שטרענגונג אויף איבערצופורעמען די יידן איבער דער וועלט לויט זיין אייגענער געשטאַלט און גלייכעניש.

דער אינערלעכער קאַמף ביי יידן צווישן אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלער יידישקייט איז אָבער אויך געווען פאַרקניפּט מיט דעם קאַמף צווישן אויפקלערונג און קולטור־פּראָגרעס פון איין זייט און אָפּגעשטאַנענקייט און קאָנסערוואַטיזם פון דער צווייטער. דערין איז באַשטאַנען די אייגנט־לעכע טיפע טראַגיק פון דער מערכה פון יידן אין פראַנקרייך און אין גאַנץ מערב־אייראָפּע אין דער תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די אומות העולם האָט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, פונקט ווי די שפּעטער־דיקע רעוואָלוציעס אין 1848, געבראַכט נאַציאָנאַלע קאָנסאָלידירונג און געגעבן אַ מעכטיקן אימפּעט דער אַנטוויקלונג פון זייערע נאַציאָנאַלע קול־טורן. ביי יידן האָט זייער ביטערער היסטאָרישער מזל פון עקסטעריטאָ־ריאַלקייט, פון אַ פאָלק ווייט פון אייגענעם לאַנד, גורם געווען, אַז די זעלבע פּראָגרעסיווע איבערקערענישן פון דער וועלט האָבן פאַר זיי, אָנשטאָט אַ נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, מבשר געווען אַ תקופה פון נאַציאָנאַלער דעזינטעג־גראַציע און אַסימילאַציע. דער ווידערשטאַנד, וועלכן די יידישע מאַסן אין מערב־אייראָפּע האָבן נאָך לאַנגע צענדליקער יאָר אַנטקעגנגעשטעלט דער אַסימילאַציע, האָט אָנגענומען די פאָרם און כאַראַקטער פון רעלי־גיעזער אַלטפרענקישקייט.

דער פּראָגרעסיווער כוח פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט אָבער אין לעצטן היסטאָרישן סך־הכל נישט אויסגעמיטן זיין באַנייענדיקע ווירקונג אויך אויף דעם נאַציאָנאַלן קיום און אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק. „געדאַנקען ווייסן ניט פון קיין צאָל־גרענעצן". סיי דירעקט, אין דער תקופה פון דער רעוואָלוציע אַליין, און נאָך מער אומדירעקט אויף גע־שלענגלטע אומוועגן פון פעלקער־פרילינג אין 1848 און פון שפּעטער־דיקע פּאָליטישע איבערקערענישן, האָבן די אידייען פון דער רעוואָלוציע אַריינגעדרונגען אין די מאַסן פון די גרויסע יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע און געוועקט נישט נאָר צום קאַמף פאַר עמאַנציפּאַציע, נאָר אויך צו זעלבסט־עמאַנציפּאַציע, צו נאַציאָנאַלן אַקטיוויזם און נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַפרייאונג, צו דער פאַרווירקלעכונג פון היסטאָרישן דראַנג פון יידישן פאָלק ווידער אַמאָל, כימי קדם, צו קאָנסטיטואירן זיך ווי אַ נאַציע אין אייגענעם לאַנד. בהדרגה האָבן די דאָזיקע לאַזונגען פון יידישן נאַ־ציאָנאַלן רענעסאַנס אויך אַריבערגעהילכט אין די שוין האַלב און דריי־פערטל אַסימילירטע יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע. די נאַציאָנאַלע אידייע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט געפונען אַ תיקון אויך ביי די דירעקטע אור־אייניקלעך פון די יידן, וואָס האָבן זי מיטגעלעבט און טראַגיש מיספאַרשטאַנען.

אויף יענער זייט ים

צפון־אַמעריקע

§3. אין דער קאָלאָניאַלער תקופה

אין יאָר 1775, ווען עס איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע פון די 13 ענגלישע קאָלאָניעס אין צפון־אַמעריקע קעגן ענגלאַנד, איז דער דאָר־טיקער יידישער ישוב געווען איינער פון די קלענסטע יידישע ישובים אין דער וועלט, סיי לויט זיין צאָל, סיי לויט זיין פּראָפּאָרציע לגבי דער באַ־פעלקערונג פון לאַנד. די ערשטע פאָלקס־ציילונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אין יאָר 1790 האָט אויפגעוויזן אַ באַפעלקערונג פון קרוב 4 מיליאָן נפשות, דערפון אַ האַלבן מיליאָן נעגערס. קיין באַזונדערע רובריק פאַר נאַציאָנאַליטעטן און רעליגיע איז אין דער דאָזיקער ציילונג נישט געווען אויסגעטיילט, נאָר לויט אַלע שאַצונגען קומט אויס, אַז יידן האָבן אין גאַנצן לאַנד דעמאָלט באַטראָפן סך־הכל צוויי ביז דריטהאַלבן טויזנט נפשות, דאָס הייסט, בערך אַ האַלבן פּראָמיל פון דער באַפעלקערונג. אָבער פונקט ווי די באַפרייטע פאַראייניקטע שטאַטן בכלל, אַזוי האָט אויך דער מיניאַטור־ישוב פון אַמעריקאַנער יידנטום פון יענער צייט אַ היסטאָרישע באַדייטונג, וואָס איז גאָרנישט אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל: די פאַר טויזנט יידן ביים מערב־ברעג פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, וואָס האָבן אוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר דעם גרעסטן יידישן קיבוץ אין דער וועלט אין דער געשיכטע פון פאָלק, האָבן אויך שוין דערגרייכט אַ מדרגה פון רעכטלעכער און געזעלשאַפטלעכער גלייכקייט, וואָס איז דעמאָלט נישט גע־ווען באַקאַנט ערגעץ אַנדערש אין קיין שום לאַנד.

דער רוב מנין ובנין פון דער יידישער באַפעלקערונג אין צפון־אַמע־ריקע איז געווען קאָנצענטרירט פאַר דער רעוואָלוציע אין פינף קהילות: ניופּאָרט — ראָוד איילאַנד; ניו־יאָרק; פילאַדעלפיע — פענסילוועניע; טשאַרלזטאָן — סאַוט־קאַראָליינאַ, און סאַוואַנאַ — דזשאָרדזשיע. אַחוץ קלע־נערע גרופּעס יידן און איינצלנע משפחות, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט אין די זעלבע פינף קאָלאָניעס, ווי אויך אין אַנדערע, ווי מאַסאַטשוסעטס (באָסטאָן), קאָנעטיקוט (אין דער שטאָט ניו־היווען) און ניו־דזשורזי, האָבן אויך עקזיסטירט קלענערע יידישע קהילות אין פענסילוועניע, אין די שטעטלעך לאַנקאַסטער און רעדינג. די עלטסטע פון די יידישע קהילות, ניו־יאָרק, וואו די ערשטע גרופּע יידן אויפן צפון־אַמעריקאַנער קאָנטי־נענט האָט זיך געהאָט באַזעצט אין יאָר 1654, איז אויך געווען די גרעסטע:

אין י. 1750 האָט די קהילה פון ניו־יאָרק, „שארית ישראל״, געציילט העכער 60 יידישע משפחות, דאָס הייסט, בערך 400־350 נפשות (2 פּראָצענט פון דער שטאָט־באַפעלקערונג). די צווייטע קהילה, אי לויט איר עלטער, אי לויט דער גרויס, איז געווען אין ניופּאָרט, וואו עס ווערן דערמאָנט אין י. 1740 — 30 יידישע פאַמיליעס. אויך דאָ איז די פּראָפּאָרציע לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג (9,209 אין י. 1774) געווען די זעלבע ווי אין ניו־יאָרק. די פילאַדעלפיער יונגע קהילה איז נאָך דעמאָלט באַשטאַנען פון נישט קיין סך מער ווי „אַ טוץ״ משפחות. דאַקעגן די קהילה אין טשאַרלזטאַן, וואָס איז אין 1769 געהאַט געגרינדעט געוואָרן מיט בערך אַזאַ צאָל משפחות, האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט האָט זי שוין איבערגעשטיגן אין דער גרויס אַלע איבעריקע קהילות אין לאַנד. די קהילה אין סאוואַנא האָט אין יענער צייט געהאַלטן אין צוריק־אויפבויען זיך נאָך דער אויסוואַנדערונג צוזאַמען מיטן רוב פון דער איבעריקער באַפעלקערונג קיין סאוט־קאַראָליינא אין די יאָרן 1740־1741.

דער באַשיידענער, אָבער אומאויפהערלעכער וואוקס פון דעם יידישן ישוב אין דער נייער וועלט, האָט אָפּגעשפּיגלט דעם פונקט אַזוי פאַמעלעכדיקן, אָבער שטענדיקן דינעם שטראָם פון דער יידישער איינוואַנדערונג. די ספרדישע יידן, די אייניקלעך פון די מאַראַנען, פאַרנעמען נאָך אַלץ דעם אויבנאָן אין די קהילות, וואָס זייערע עלטערזיידעס האָבן געגרינדעט; אין דער איינוואַנדערונג באַטרעפן זיי שוין אָבער אַ מיעוט. עס קומען נאָך אַלץ אָן איינצעלנע אימיגראַנטן פון די מערב־אינדיעס, בפרט פון די בריטישע אינדזלען באַרבאַדאָס און דזשאַמייקא. פונקט ווי אין 17טן י״ה, באַזעצן זיך אויך נאָך אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה אין ניו־יאָרק און ניופּאָרט איינצעלנע ספרדישע משפחות פון האָלאַנד און פון לאָנדאָן, ווי אויך מאַראַנען, וואָס קומען אַריבער דירעקט פון פּאָרטוגאַל און פון שפּאַניע. דער איבערוועגנדיקער רוב פון נייע יידישע תושבים באַשטייט אָבער פון אשכנזישע יידן, וואָס שטאַמען פון האָלאַנד, דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אין אַן אַנזעעוודיקער צאָל אויך שוין פון פּוילן. בלויז אַ טייל פון די דאָזיקע אימיגראַנטן קומט קיין אַמעריקע דירעקט פון זייערע וואוין־לענדער, אַמאָל צוזאַמען מיט גרעסערע גרופּעס נישט־יידישע איינוואַנדערער, ווי, למשל, פון דייטשלאַנד; דאָס רוב, ווי עס ווייזט אויס, שפּאַרן אָן די אימיגראַנטן צוערשט אין לאָנדאָן און פון דאָרט לאָזן זיי זיך אַרויס מעבר לים, געטריבן פון דחקות, אָדער געלאָקט דורך די פּערספּעקטיוון פון גיך נתעשר ווערן, בפרט ווען עס האָבן זיך דאָרט שוין געפונען נאָענטע משפּחה־מיטגלידער.

דער פאַקט, וואָס די פינף קהילות אין לאַנד האָבן זיך אַלע געפונען אין די וויכטיקסטע האַפן־שטעט פון די באַזונדערע שטאַטן, זאָגט שוין פאַר זיך אַליין עדות וועגן דער ראָלע פון האַנדל אין עקאָנאָמישן לעבן פון דעם

יונגן יידישן קיבוץ. באַזונדער באַדייטנדיק איז געווען דער אָנטייל פון יידן אין האַנדל מיט די „מערב־אינדיעס", און דעם ערשטן פּלאַץ אין דעם־דאָזיקן האַנדל האָבן פאַרנומען די יידן פון ניופּאָרט. דער האַנדל מיט די מערב־אינדיעס האָט אין אַמעריקע צום סוף פון דער קאָלאָניאַלער תקופה געשפּילט אַלץ אַ גרעסערע ראָלע, ווי אַן אויסגלייך פון בילאַנס פון אויס־לענדישן האַנדל: דער אימפּאָרט פון פאַרטיקע סחורות פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע האָט באַטראָפן אַ סך מער ווי דער עקספּאָרט און דער עודף פלעגט געדעקט ווערן פון די גרויסע רווחים פון האַנדל מיט די שפּאַנישע קאָלאָניעס אין מערב־אינדישע אינדזלען. דער־דאָזיקער האַנדל פלעגט אָדורכגיין דריי פאַזעס אין דער פאָרם פון טרויעריק־באַרימטן דריי־עק: פון מערב־אינדיע האָט מען געבראַכט מעלאַסע (נישט־ראַפינירטן צוקער), פון דער מעלאַסע האָט מען אין אייגענע בראַנפן־ראַפינעריעס אויסגע־אַרבעט רום, וועלכן מען פלעגט פירן קיין אַפריקע און איינטוישן אים אויף שקלאַפן; די שקלאַפן האָט מען פאַרקויפט די מערב־אינדישע פּלאַנטאַ־טאָרן און איינגעהאַנדלט פאַר זיי נייע טראַנספּאָרטן מעלאַסע.

אין דעם קאָלאָניאַל־האַנדל פון דעם מין איז געווען באַטייליקט גאַנץ ניי־ענגלאַנד און בפרט באָסטאָן, וואָס האָט אפילו איבערגעטראָפן ניו־פּאָרט צווייפאַכיק לויט דער צאָל שיפן. טאָקע דערפאַר איז יידישע סוחרים שווער געווען אַריינצודרינגען אין באָסטאָן און צו קאָנקורירן מיט די דאָר־טיקע אַלטע האַנדלס־פירמעס, בעת אין ניופּאָרט האָבן זיי אַליין געהאַט אַ גרויסן חלק אין אַנטוויקלען די שטאָט ווי אַ וויכטיקן פּאָרט. דער האַנדל פון די ניופּאָרטער יידן איז געווען דירעקט אַ המשך פון דעם האַנדל, וועלכן זיי אַליין, אָדער זייערע עלטערן און קרובים, האָבן אָנגעפירט ווי מאַראַנען אין פּאָרטוגאַל, אָדער ווי אָפענע יידן דורך דער וועסט־אינדישער קאָמ־פּאַניע פון לאָנדאָן.

אַ גרויסע פאַרלייכטערונג איז פאַר די אַמעריקאַנער יידישע קאָלאָ־ניאַלע סוחרים געווען דער אומשטאַנד, וואָס אין באַרבאַדאָס, דזשאַמייקאַ, סורינאַם און קוראַסאַאָ האָבן זיי געקאָנט אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די דאָר־טיקע יידישע קהילות, און אפילו מיט זייערע אייגענע לייבלעכע קרובים. וועגן אהרן לאָפּעז, דעם גרעסטן סוחר פון ניופּאָרט, זאָגט עדות זיין קריסט־לעכער פריינט, דער פּרעזידענט פון יעיל־קאָלעדזש, עזרא סטיילס, אַז לויט דער פאַרצווייגונג פון זיין האַנדל האָט ער נישט געהאַט זיינס גלייכן אין אַמעריקע. זיינע געשעפטן האָבן געגרייכט פון קוראַסאַאָ און סורינאַם ביז קיין אַפריקע, פּאָרטוגאַל, האָלאַנד, ענגלאַנד, אירלאַנד און קאַנאַדע, און ער האָט ערב דער רעוואָלוציע פאַרמאָגט 30 שיפן, זיין אייגנס אָדער שותפות. אין דעם קאָלאָניאַל־האַנדל פון ניופּאָרט זיינען אויך געווען באַ־טייליקט פירמעס פון אשכנזישע יידן (האַרט פון ענגלאַנד, היס פון האָ־

לאַנד) און מאיר פּאָלאַק אין געווען אַ שותף מיט אהרן לאָפּעז אין דעם האַנדל מיט מעלאַסע. אין שייכות מיטן קאָלאָניאַל־האַנדל האָבן יידן אין ניופּאָרט אויפגעשטעלט אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, ווי בראָנפן־ברענע־רייען, צוקער־ראַפינעריעס, זייף־פאַבריקן, פּאַטאַש־ברענערייען (משה, דער ברודער פון אהרן לאָפּעז), מעבל־פאַבריקן. אין פאַרבינדונג מיט דעם וואַלפיש־פאַנג פון ניופּאָרט האָט יעקב ראָדריגעז ריווערא (אגב, אַ שווער פון אהרן לאָפּעז) אויפגעשטעלט די ערשטע פאַבריק פון ליכט, אויסגע־אַרבעט פון ספּערמאַסעטי (וואַלפיש־אייל).

אויך אין ניו־יאָרק און אין פילאַדעלפיע זיינען געווען אין דער זעלבער צייט עטלעכע פאַמיליעס פון יידישע קאָלאָניאַל־סוחרים, אייגנ־טימערס פון שיפן: אין ניו־יאָרק געהערן צו די אָנגעזעענסטע סוחרים־פאַמיליעס די גאָמעז, סימסאָן (סימפּסאָן) — סאַמפּסאָן סימסאָן, איינער פון די גרינדער פון דער ניו־יאָרקער האַנדלס־קאַמער — הייס; אין פילאַ־דעלפיע — די פאַמיליעס מאַרקס, לעווי און פראַנקס.

באַזונדער האָבן זיך אָבער אויסגעצייכנט די יידישע סוחרים פון ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע אין „אינדיאַנישן מסחר", דאָס הייסט, אין מסחר מיט פוטערס. די קאָמפּאַניע פון היימאַן לעווי אין ניו־יאָרק איז געווען די גרעסטע פירמע פון פוטער־וואַרג אין אַמעריקע, און אין פילאַדעלפיע האָבן די ברידער מיכאל און בארנארד גראַץ, אימיגראַנטן פון שלעזיע, אין פאַר־בינדונג מיט דער פירמע פון זייער שווער יוסף סימאָן אין לאַנקאַסטער, אָנגעפירט אַ מסחר מיט פוטערס, וואָס האָט געגרייכט טיף אין די ווילד־דערנישן פון מערב און צפון־מערב: פון לאַנד ביז קיין אילינאָי. דער־דאָזיקער „אינדיאַנישער" האַנדל, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע עסקים פון לאַנד־קניות, און טיילווייז אויך מיט ליווערונגען פאַר דער אַרמיי, איז נאָך דער רעוואָלוציע גוואַלטיק געשטיגן אין שייכות מיט דעם פּראָצעס פון קאָלאָניזאַציע פון די מיטל־מערב געביטן פון אַמעריקע. ווייט אין דרום, אין טשאַרלזטאָן, דרום־קאַראָליינע, איז דער יידישער גרוי־סער מסחר געווען קאָנצענטרירט אין עקספּאָרט פון די פּראָדוקטן פון די פּלאַנטאַציעס. משה לינדאָ, אַ באַדייטנדיקער סוחר פון לאָנדאָן, האָט אָר־גאַניזירט דעם עקספּאָרט פון אינדיגאָ מיט אַזאַ געניטער פאַכמענישקייט, אַז ער איז נאָמינירט געוואָרן דורך דעם גובערנאַטאָר ווי דער גענעראַל־אינספּעקטאָר פון דער אינדיגאָ־אינדוסטריע. אין ניו־יאָרק און אין פּי־לאַדעלפיע זיינען יידישע גבירים אויך אַקטיוו אין באַנק־וועזן און אין בערזע־ עסקים און צוויי ניו־יאָרקער יידן, בנימין סיישאס און אפרים האַרט זיינען געווען צווישן די גרינדער פון דער ניו־יאָרקער סטאָק־עקסטשיינדזש (בערזע).

דער קליינער יידישער ישוב האָט, בכן, דורך זיין אויבערשטן שיכט

פון גרויסע אונטערנעמער אין אַלע וויכטיקע האַפן־שטעט אין לאַנד — אַחוץ דעם צפון־ברעג פון ניו־ענגלאַנד — געשפּילט אַ ראָלע, וואָס איז געווען גאָר אָנזעעוודיק אין דעם האַנדל, פינאַנצן און אינדוסטריע פון די אויפשטייגנדיקע אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. די דאָזיקע ראָלע איז אויך געווען די סיבה פון באַדייטנדיקן אָנטייל פון יידישע סוחרים אין אַלע באָיקאָט־אַקציעס פון אַמעריקאַנער סוחרים קעגן ענגלאַנד, וואָס האָבן צוגעגרייט די רעוואָלוציע. אין פילאַדעלפיע האָבן אין י. 1765 אויף דעם אָפּמאַך קעגן אימפּאָרט פון ענגלישע סחורות זיך געחתמעט 9 אָרטיקע יידן; אין ניו־יאָרק געפינען מיר אין י. 1770 8 חתימות פון יידן אויפן אָפּמאַך פון 23טן יולי וועגן פאַרשאַרפן דעם באָיקאָט, און בערך אַזוי פיל חתימות אויף דער דעקלאַראַציע פון נאָך אַ גרעסערער צאָל בירגער וועגן באַגרענעצן דעם באָיקאָט בלויז צו געוויסע סחורות.*

דער מיטלקלאַס פון דער יידישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע האַנדלס־עלעמענטן און בעלי־מלאכות. אין אַלע קהילות איז געווען אַ צאָל יידישע האַנדלס־פאַרמיטלער, מעקלער פון הייזער, פלעצער און גיטער, מעקלער פון באַנק־הלוואות און מעקלער פון סחורות, וואָס פלעגן אויך אָננעמען סחורות צו פאַרקויפן „אין קאָמיס", צווישן אַנדערע אויך נעגער־שקלאַפן און שקלאַפינס (פילאַדעלפיע, טשאַרלזטאָן); צו זיי קאָן מען אויך צורעכענען די „מייסטערס פון ליציטאַציע". אַ סך גרע־סער איז געווען די צאָל פון געוועלבער אייגנטימער, און אפילו צווישן גרויסע סוחרים געפינען זיך אַזעלכע, וואָס אַחוץ זייער עקספּאָרט־און אימ־פּאָרט־מסחר האַלטן זיי אויך אייגענע קראָמען. אין די קלענערע גע־שעפטן פירן די קרעמער כלערליי סחורות און דעקן דעם גאַנצן באַדאַרף פון די אָרעמיקע פאַרמערס. סיי אין דער גרויסער שטאָט פילאַדעלפיע, סיי אין פאַרוואָרפענע מקומות טרעפן זיך יידישע גאַסט־הויז־באַזיצער (שענ־קער). אין שטאָט דזשאָרדזשיע, וואו די יידן זיינען געהאַט געבראַכט גע־וואָרן פון לאָנדאָן אַלס קאָלאָניסטן אין י. 1733, איז אַ טייל פון זיי גע־בליבן ביי לאַנדווירטשאַפט (וויינגערטנער, זייד־וואָרם פלאַנטאַציעס) אפילו נאָכדעם ווי זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען צו האַנדל ווי אַ הויפּט־באַשעפטיקונג.

אויך אין די שטאַטן ניו־יאָרק און פענסילווייניע זיינען פאַרצייכנט אין יענער צייט איינצעלנע סוחרים, וואָס אַחוץ זייער געוועלב אָדער

* די דעקלאַראַציע וועגן פאַרשאַרפן באָיקאָט האָבן געחתמעט 467 בירגער פון ניו־יאָרק; די דעקלאַראַציע קעגן דעם האָבן געחתמעט 794 פון ניו־יאָרק און פון דער קאָונטי.
New York Gazette and Post-Boy, July 23, 30, 1770.

גאַסטהויז, פאַרמאָגן זיי אויך עטלעכע אַקער לאַנד מיט שייערן, שטאַלן און אַנדערע איינריכטונגען, וואָס באַווייזן, אַז זיי האָבן זיך אויך אַקטיוו פאַר־נומען מיט לאַנדווירטשאַפט. יידישע האַנטווערקער געפינען מיר אין דער־דאָזיקער תקופה אין פאַרשיידנסטע צווייגן פון מלאכה: שניידער (ניו־יאָרק, טשאַרלזטאָן), זאַטלמאַכער, לעדער־אַרבעטער, בייטשן־מאַכער, טיש־לער, גלעזער, גראַווירער, ליכטציער, בראַנפן־ברענער, טאַבאַק־אַרבעטער, בעקער, קצבים (אויך אין סאַוואַנאַ), גאָלדשמידן, זילבערשמידן, קופּער־שמידן, זייגערמאַכער, באַרבירער, שייטל־מאַכער. אין ניו־יאָרק זיינען יידישע בעלי־מלאכות געווען אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער פּראָפּאָרציע, ווי עס ווייזט אויס פון אַזאַ רשימה: אין די יאָרן 1739־1769 זיינען 26 יידן פאַרשריבן געוואָרן אין דער ליסטע פון „פריימענער" (שטאָט־בירגער), און דערפון זיינען 12 פאַרצייכנט געוואָרן לויט זייער פאַך אין מלאכה. דער זילבערשמיד אין ניו־יאָרק, מאיר מייערס, האָט געמאַכט 6 כתרים פאַר ספרי־תורה פון דער ניי־געעפנטער יידישער ־שול אין ניופּאָרט און זיין געניטקייט אין פאַך האָט ער מסתמא געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס ער איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ פאָרזיצער פון דעם ניו־יאָרקער זילבערשמידן־פאַראיין. אַזוי איז אין ניו־יאָרק שוין צום סוף פון דער קאָלאָניאַלער תקופה אָנגעצייכנט געוואָרן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער קהילה, אויך אין דער ריכטונג פון אַ צענטער פון יידישער פּראָדוקטיווער אַרבעט.

נישט אַלע יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע אין יענער תקופה, זיינען געווען אימשטאַנד גלייך זיך איינצו־אָרדענען זעלבסטשטענדיק אין מסחר, אָדער אין מלאכה. פאַראַן ידיעות וועגן יונגעלייט, וואָס קומען אָן אין לאַנד, נעמען אויף אַרבעט ווי אָנגע־שטעלטע ביי גרויסע סוחרים און נאָך אַ פּאָר יאָר נעמען זיי זיך צו פירן געשעפטן אויפן אייגענעם חשבון. עס איז פאַרצייכנט אַ פאַל אויך פון אַ יידישן בעל־מלאכה, אַ קונסט־גלעזער, וואָס פאַרדינגט זיך אין פילאַ־דעלפיע אויף אַ יאָר ביי אַ קריסטלעכן אונטערנעמער.

געווען אויך פאַלן, וואו יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן ניט געהאַט צו באַצאָלן די שיפסקאַרט, האָבן זיך אַנטשלאָסן אויף „ווייסער שקלאַ־פעריי": ביז אין די דרייסיקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט איז געווען אַ מנהג אויף דעם נייעם קאָנטינענט, אַז אָרעמע פּאַסאַזשירן פלעגט דער שיפס־קאַפּיטאַן, נאָכן אָנקומען אין פּאָרט, פאַרקויפן צו אַרבעטס־געבער, וואָס האָבן באַצאָלט די נסיעה־הוצאות. אַזאַ אימיגראַנט האָט געמוזט אָפּ־דינען עטלעכע יאָר אָן אַ שום אַרבעטס־לוין, בלויז פאַר קאָסט, קוואַר־טיר און קליידונג. אָט ווי אַזוי עס באַשרייבט די דאָזיקע פּראָצעדור אין י. 1819 אין אַ בריוו צו זיינע עלטערן וואָלף שמואל פון בראַקענהיים אין

ווירטעמבערג *:

„נון ווירד דער מארק געהאלטן. דא קאממען דיא אמעריקאנער און פראגטן דען קאפיטען, וויא פיל מוז דען מאן בעצאהלן אונד וויאפיל דער אלז זא פאָרט (או. א. וו.). איין טהייל מוזטן 3 יאהר פאר איר פראכט דינען, איין טהייל 4 יאהר. נאיי (איצט) קאָמט איין יוד איין האָלענדער, דער איז דאן 17 יאהר אין אמעריקע, איין מיליאָהן רייך. ער האט איינע גראָסע פלאנטאס (פלאַנטאַציע) אונד 94 נעגער. דיא מיסען ארבייטען אונד איך מוז אללע טאג געהן אויז אינס פעלד, מוז קוקן, וואָס דיא ארבייטן. איך האבע דאס בעסטע עסן, זאָ גוט אלז דער העער זעלבסט. איך מוז פאר מיינע פראכט 2 יאהר דינען" . . . עס ווערט אויך דערמאָנט אַ פאַל, סוף 18טן יאָרהונדערט, פון אַנטלויפן פון אַזעלכע צוואַנג־אַרבעטער פון יידישן באַלעבאָס.

געווען אויך פאַלן, וואו יידישע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן די שיפסקאַרט, זיינען פאַרקויפט געוואָרן אויף דער אַרבעט צו נישט־יידישע אַרבעטס־געבער, און דאָס האָט אָפּגעשראָקן געוויסע יידן פון אימיגראַציע. אין איינעם אַזאַ פאַל פון י. 1807 בעט אַ יידיש פאַרפאָלק די קהילה אין ניו־יאָרק עס אויסצולייזן פון גוי, „וואָרום זיי ווילן בלייבן געטריי זייער רעליגיע" (בנוגע כשרות און שבת).

ווי גרויס מען זאָל נישט אָפּשאַצן די באַדייטונג און די פּיאָנערישע ראָלע פון יידן אין אַ ריי צווייגן פון האַנדל און אינדוסטריע אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס ערב דעם אויפשטאַנד קעגן ענגלאַנד, איז דאָך אין דעם־דאָזיקן פּרט דער נייער יידישער ישוב נישט געווען קיין אויסנאַם: בעצם די זעלבע ראָלע האָבן יידן געשפּילט אין דער תקופה פון האַנדלס־קאַפּיטאַליזם אויך אויף יענער זייט פון אַטלאַנטיק, אין האָלאַנד און דרום־פראַנקרייך, אין ענגלאַנד און אין געגנטן פון איטאַליע (ליוואָרנאָ).

אַ נייע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון יידישן וועלט־פאָלק איז אָבער געווען דער סכום פון רעכט, וואָס די פּיאָנערישע אַמעריקאַנער יידישע תושבים האָבן געגאָסן צום גרויסן טייל נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, און נאָך מער די מדרגה פון זייער געזעלשאַפטלעכער איינגעוואָרצלטקייט. אַחוץ דער סיבה, וואָס איז געווען בשותפותדיק פאַר אַלע לענדער פון אויפשטייגנדיקן קאַפּיטאַליזם, דהיינו, דער וויכטיקייט פון יידן אין

* מיר האָבן דעם אויסלייג פון אָריגינעלן טעקסט געענדערט אין די ווערטער, וואו דער שרייבער פון בריוו לייגט זיי אויס פאָנעטיש, לויט דער באַזונדערער אויסשפּראַך פון זיינע מקומות. דעם בריוו ברענגט פּראָפ. גווידאָ קיש אין די „פּאַבליקיישאָנס" פון דער אַמעריקאַנער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט, ב׳ 34, ז״ז 11־49.

עקאָנאָמישן לעבן און דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אויסגלייכונג פון דעם אויפגייענדיקן יידישן קאַפּיטאַליסטישן־קלאַס מיט דער בורזשואַזיע פון לאַנד, האָבן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט נאָך געווירקט אין דעם פּרט ספּעציפישע מאָמענטן: אַלע ווייסע תושבים פון לאַנד זיינען געווען אימיגראַנטן צי לויט אָפּשטאַמונג, צי אפילו גאָר אין צווייטן און אין ערשטן דור, און אַרויסרוקן דעם מאָמענט פון יחוס און אַלט־איינגעזעסנקייט לגבי יידן וואָלט אין די דאָזיקע באַדינגונגען געווען אַן אַבסורד; נישט געקוקט דערויף, וואָס די ענגלישע שפּראַך און קולטור איז שוין דעמאָלט געווען אין די קאָלאָניעס די הערשנדיקע, האָט די באַפעלקערונג נאָך אַלץ פאָרגעשטעלט אַ מאָזאַאיק פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: האָלענדער, דייטשן, אירלענדער, שאָטלענדער, שוועדן, פראַנצויזן און קלענערע גרופּעס אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אַ טייל פון זיי, ווי, למשל, די דייטשן (200 טויזנט נפשות, בעת דער רעוואָלוציע) האָבן זיך נישט נאָר געהאַלטן ביי זייער שפּראַך, נאָר האָבן אויך געהאַט אַן אייגענע פּרעסע, שולוועזן און קולטור־אינסטיטוציעס; נאָך פאַרשיידנאַרטיקער איז געווען דער רעליגיעזער צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג, וואו קיין איין רעליגיע האָט נישט געהאַט קיין אַבסאָלוטע מערהייט אין לאַנד: די 4 פאַרשפּרייטסטע פּראָטעסטאַנטישע רעליגיעס, קאָנגרעגאַציאָנאַליסטן (אַמאָליקע „אינדעפּענדענטס״), באַפּטיסטן, פּרעסביטעריאַנער און עפּיסקאָפּאַליסטן האָבן צווישן זיך ריוואַליזירט, אַחוץ קלענערע סעקטעס, ווי פראַנצויזישע הוגענאָטן — זיי האָבן זיך, אגב, על פּי רוב באַשעפטיקט מיט האַנדל, פּונקט ווי יידן — מעהרישע ברידער, לוטעראַנער, האָלענדישע רעפאָרמער, און אַ ריי אַנדערע. ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז די מערסטע קריסטלעכע רעליגיעס, וואָס האָבן געבליט אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, זיינען געווען גערודפט אין ענגלאַנד און אין אַנדערע אייראָפּיאישע לענדער פון אָפּשטאַמונג פון די אימיגראַנטן, איז נישט קיין חידוש, וואָס צווישן זיי האָבן זיך, וואו גאָר פריי און וואו אין משך פון 18טן יאָרהונדערט, על פּי רוב, איינגעשטעלט באַציאונגען פון קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ.

די נויטווענדיקייט צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד דורך קאָלאָניזאַציע האָט אָנגעשלאָגן אויף אַ גינסטיקן, היסטאָריש צוגעגרייטן גייסטיקן באָדן. בלויז בנוגע דער קאַטוילישער רעליגיע האָבן זיך אין די מערסטע קאָלאָניעס ביז צום אויסברוך פון דער רעוואָלוציע און אין אַ טייל שטאַטן אפילו נאָך דער פּראָקלאַמאַציע פון דער אומאָפּהענגיקייט, דערהאַלטן באַגרענעצונגען. עס זיינען אויך געווען קאָלאָניעס, וואו קאַטאָליקן זיינען געווען באַהאַנדלט לויט אויסנאַם־געזעצן, וואָס זיינען נישט געווען חל אויף יידן (מערילאַנד, דזשאָרדזשיע).

דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט אי פון טראַדיציעס פון לאַנג־דויערנדיקן

קאַמף קעגן דער קאַטוילישער קירך, אין וועלכן די פּראָטעסטאַנטישע ריכטונגען זײַנען אויסגעוואַקסן, אי פון פּאָליטישער ריוואַליזאַציע קעגן די צוויי קאַטוילישע מלוכות אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, פראַנקרייך אין צפון און צפון־מערב, און שפּאַניע אין דרום־מערב און אין דרום. אויך אָבער בנוגע די קאַטאָליקן זײַנען די באַגרענעצונגען, על פּי רוב, באַשטאַנען אין דערווייטערן זיי פון וואַל־רעכט און פון באַקליידן אַמטן און זעלטן איז די אומטאָלעראַנץ לגבי זיי דערגאַנגען, אין דער תקופה פאַר דער רעוואָלוציע, ביז פאַרווערן זיי עפנטלעך אָפּצוהאַלטן גאָטעס־דינסט, אָדער ביז באַגרענעצן זייערע עקאָנאָמישע טעטיקייטן. פּונקט אַזוי האָבן אין די מערסטע קאָלאָניעס אין יענער צייט די קוויקערס נישט געהאַט קיין פּאָליטישע רעכט צוליב זייער איסור פון אָפּגעבן אַ שבועה און פון דינען אין מיליטער (אין 1658 האָט מען נאָך 4 קוויקערס געהאַנגען אין באָסטאָן!). און די זעלבע באַגרענעצונג איז, בדרך כלל, געווען חל אויף דעאיסטן און אַטעאיסטן.

דער כסדרדיקער אויפשטײַג פון רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער טאָלעראַנץ האָט בלויז אויסגעמיטן צו ווירקן אויף דער לאַגע פון דער פאַרשקלאַפטער נעגער־באַפעלקערונג, וואָס איז געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, פאַר דער רעוואָלוציע אין אַ צאָל פון בערך אַ האַלבן מיליאָן. אין דעם האַנדל מיט נעגערס האָבן אינוועסטירט קאַפּיטאַלן די בכבודיקע בישאָפן פּונקט ווי די פּאַטענטאַטן פון מסחר, און, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זײַנען די ייִדישע סוחרים דערבײַ אויך געווען באַטייליקט.*

דער נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענער פּראָמינענטער היסטאָריקער פון אַמעריקע, טשאַרלז אַ. ביערד, דערציילט אַזאַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד: אַן אַקטיאָר, וואָס איז אין אַ טעאַטער אין ליווערפּול אויסגעפּיפן געוואָרן, האָט גענומען נקמה אין פּובליקום, אויסרופנדיק מיט צאָרן: „די שטיינער פון אײַערע הײַזער זײַנען צעמענטירט מיט דעם בלוט פון אַפריקאַנער שקלאַפן". און דער היסטאָריקער גיט דערצו אַזאַ באַמערקונג: „דאָס זעלבע האָט מען פּונקט אַזוי מיט רעכט געקאָנט זאָגן וועגן געוויסע שטעט פון ניו־ענגלאַנד, למשל, ניופּאָרט, ראָוד אײַלאַנד" . . .

* אָט אין אַ כאַראַקטעריסטישער בריוו פון אַ קריסטלעכן סוחר אין נאָרד־קאַראָליינא פון י. 1772 צו אהרן לאָפּעז אין ניופּאָרט: „די נעגערס, וואָס איך האָב אָפּגענומען אין דזשאַמייקא, זײַנען אַלע אין אַ גוטן געזונט־צושטאַנד; בלויז האָמער האָט געהאַט צוויי שלעכטע שטעלן אויף איינער פון זײַנע היפטן, וואָס ווילן זיך נישט היילן. אַחוץ דעם איז ער אָבער געזונט — — — איך האָב פאַרקויפט פיר פון זיי, דזשעק פאַר 70, קאַדזשאָ פאַר 70, האָמער פאַר 50 און דאָס ייִנגל פון ניו־באָי פאַר 57.10" — — —

אין די דרום־קאָלאָניעס, וואו די נעגערס האָבן געאַרבעט אין די פּלאַנטאַציעס און אפילו אין מערילאַנד, האָבן די נעגערס באַטראַפן אַ העלפט און מער פון דער באַפעלקערונג. אין ניו־יאָרק, וואו די נעגערס האָבן באַטראָפן אַ זעקסטל פון די שטאָט־באַוואוינער, און אין ניו־ענגלאַנד, וואו זיי האָבן צוזאַמענגעשטעלט בלויז 2 פּראָצענט, פלעגט מען זיי באַנוצן, על פי רוב, ווי הויז־דינסטן און ביי שוואַרצער אַרבעט. אין שייכות מיט אַ פאַרשווערונג אונטערצוצינדן די שטאָט, אין וועלכער די נעגערס פון ניו־יאָרק זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין י. 1741, ווערן מיר געוואָר, אַז עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן זיבן נעגערס פון 6 יידישע באַלעבאַטים (ספרדים און אשכנזים). אין ניופּאָרט זיינען בעת דער ציילונג פון י. 1774 ביי יידן פאַרצייכנט געוואָרן 30 משרתים, דאָס רוב נעגער, אָבער אויך ווייסע.

דאָס באַוואוסטזיין וועגן דער סאָלידאַרישקייט פון אינטערעסן פון דער ווייסער הערשנדיקער באַפעלקערונג לגבי די נעגער־שקלאַפן, פונקט ווי לגבי די אונטערדריקטע אינדיאַנער, האָט אָן ספק אויך געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף דער געשטאַלטונג פון דער סיי ווי אַלץ טאָלעראַנטערער באַציאונג צו דעם מיעוט פון יידן אין לאַנד. אין יענער צייט האָבן בלויז די קוויקערס אָפּגעוואָרפן שקלאַפעריי אויפן יסוד פון זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. זייער וואָרטזאָגער, דזשאָן וואולמאַן, איז אין י. 1746 אַרויסגעקומען מיט אַ שריפט פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון די נעגערס. ערשט אין די 50קער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט אין לאַנד אַ ברייטע באַוועגונג פאַר „אַבאָליציע", דאָס הייסט, פאַר אָפּשאַפן שקלאַפעריי, זיינען אויך די מערסטע אָנפירער פון די יידן אין אַמעריקע צוגעשטאַנען צו דער דאָזיקער באַוועגונג. אין 18טן יאָרהונדערט האָט דער הומאַניטאַריזם בלויז באַוואויגן אַמאָל אַ יידישן בעל־הבית — ווי עס באַווייזט דער ביישפּיל פון ניופּאָרט — צו באַפרייען זיין נעגער־שקלאַף אין דער צוואה, און אַמאָל אויך פאַרשרייבן אים דערביי אַ געוויסע סומע, כדי צו פאַרזאָרגן אים מיט עקזיסטענץ־מיטלען.

אין די 5 קאָלאָניעס, וואו יידן זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דער תקופה ערב דער רעוואָלוציע, האָבן זיי צו יענער צייט שוין געהאַט אויסגעקעמפט נישט נאָר פולשטענדיקע רעליגיעזע פרייהייט, נאָר אויך גלייכקייט אין עקאָנאָמישן לעבן, אַריינגערעכנט דאָס רעכט צו האַלטן קראָמען און צו באַשעפטיקן זיך מיט מלאכה. לויט דעם פּלאַנטאַציע־אַקט וואָס דער ענגלישער פאַרלאַמענט האָט אָנגענומען אין 1740, האָבן יידן אין די ענגלישע קאָלאָניעס, נאָך 7 יאָר וואוינען אין לאַנד, געהאַט דאָס רעכט אָנצוגעבן אין געריכט וועגן נאַטוראַליזאַציע און זיי זיינען דערביי בפירוש באַפרייט געוואָרן פון אָפּגעבן די שבועה לויט דעם קריסטלעכן נוסח.

להיפוך צו דער מעטראָפּאָליע ענגלאַנד, וואו דער אַקט פון נאַטוראַלי־זאַציע פאַר יידן, וואָס איז געהאַט אָנגענומען געוואָרן אין יאָר 1753, איז צום סוף פון זעלבן יאָר צוריקגערופן געוואָרן, האָבן, בכן, יידן אין די קאָלאָניעס אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, פונקט ווי אין די מערב־אינ־דישע אינדזלען (דזשאַמייקא) גענאָסן פון די רעכט פון בריטישע אונטער־טאַנען. די מערסטע יידישע פאַמיליעס, ווי עס ווייזט דער ביישפּיל פון ניו־יאָרק, האָבן טאַקע אָנגעגעבן פּעטיציעס וועגן נאַטוראַליזאַציע און די געריכטן האָבן עס זיי, אָן קיין שום שוועריקייטן, באַוויליקט. בלויז ראָוד־איילאַנד איז אין דעם פּרט געווען אַן אויסנאַם. אין דער־דאָזיקער קאָ־לאָניע איז אין פּרט פון גלייכקייט פון רעליגיעס אפילו פאַרגעקומען אין 18טן יאָרהונדערט אַן אַנטוויקלונג אויף צוריק, אין פאַרגלייך מיטן פאַ־ריקן יאָרהונדערט: אונטער דער השפּעה פון באַרימטן רעליגיעזן פירער, ראָדזשער וויליאַמס, וואָס האָט פאַרגליכן די מלוכה מיט אַ שיף, וואו קיין שום פּאַסאַזשיר, „פּאַפּיסטן (קאַטאָליקן), פּראָטעסטאַנטן, יידן אָדער טערקן, וואָס געפינען זיך אויפן דעק, ווערן נישט געצוואונגען צו באַזוכן דעם גאָטס־דינסט אויף דער שיף, אָדער אויפצוגעבן זייערע אייגענע נוסחאות (פון דאַוונען)״, איז אין י. 1665 דאָרט געהאַט אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, וואָס האָט נישט געשטעלט קיין שום באַדינגונגען וועגן רעליגיע אפילו בנוגע דער באַרעכטיקונג צו ווילן און געווילט צו ווערן אַלס באַאַמטע.*

אָבער אין י. 1728 האָט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער קאָלאָ־ניע אָנגענומען אַ נייעם נוסח פון פּראָווינציעלן קאָדעקס, פון י. 1719, וואו עס איז באַנייט געוואָרן אַ געזעץ פון י. 1662, וואָס האָט קריסטנטום אויס־גערעכנט ווי אַ באַדינג פון בירגער־רעכט און אויסגעשלאָסן דערפון קאַ־טאָליקן. די נייע טענדענץ פון רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט אפילו דעם רעכט וועגן נאַטוראַליזאַציע, וואָס איז געווען געהאַט אָנגענומען דורכן ענגלישן פּאַרלאַמענט.

אין י. 1761, — ווען די צוויי יידישע סוחרים פון ניופּאָרט, אהרן לאָפּעז און יצחק אליעזר, האָבן אָנגעגעבן אַ בקשה וועגן נאַטוראַליזאַציע, האָט די אונטערשטע פּאַלאַטע פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער פּראָ־ווינץ געשטעלט אַ תנאי, אַז די פּעטענטן, פונקט ווי יידן בכלל, טאָרן נישט

* די סתירה צווישן דעם־דאָזיקן ליבעראַלסטן געזעץ אויפן אַמעריקאַנער קאָנ־טינענט אין די שפּעטערדיקע באַגרענעצונגען פון רעכט פאַר יידן און קאַטאָליקן אין דער זעלבער קאָלאָניע איז אַזוי גרויס, אַז אַ טייל אַמעריקאַנער היסטאָריקער באַ־טראַכטן דעם נוסח פון געזעץ פון 1665 פאַר אַ צופאַל, אַ טעות ביים איבערשרייבן!

האָבן קיין אַקטיוו און פּאַסיוו וואַל־רעכט. די אויבערשטע פּאַלאַטע האָט דעם ענין געמאַכט אָפּהענגיק פון געריכט, און דאָס העכערע געריכט האָט אין י. 1762 געפּסקנט, אַז לויט די פּרינציפּן, אויף וועלכע די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן, קען נאָר אַ קריסט ווערן אַ „פרימאַן" (בירגער). לאָפּעז האָט לסוף, נאָך אין זעלבן יאָר, באַקומען די נאַטוראַליזאַציע דורך אַ געריכט אין מאַסאַטשוסעטס און אליעזר, מיט אַ יאָר שפּעטער, אין ניו־יאָרק.

דער שוין־דערמאָנטער געלערנטער, עזרא סטיילס, האָט פון דעם עפּי־זאָד אין ניופּאָרט, ראָוד איילאַנד, געמאַכט ווייט־גייענדיקע אויספירן: „איך וויל בלויז באַמערקן, אַז ווי עס זעט אויס, טוט די השגחה העליונה אַלצ־דינג אָנצוטאָן צער די יידן און צו שטערן זייער אינקאָרפּאָראַציע אין וועלכער נישט איז נאַציע; אַזוי אַרום זאָלן זיי אויך אויף ווייטער בלייבן אַ באַזונדער פאָלק . . . דאָס וואָס איז געשען אין ענגלאַנד, וואו מען האָט צוריקגערופן דעם נאַטוראַליזאַציע־ביל פון י. 1753, אין ראָוד־איילאַנד און דער טומל אין ניו־יאָרק * זאָגט אָן, אַז יידן וועלן קיינמאָל נישט ווערן איין קערפּער מיט דעם פאָלק פון אַמעריקע, פּונקט ווי זיי זיינען עס נישט אין אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע". דער קריסטלעכער טעאָלאָג האָט אָבער נישט בלויז דערלעבט די פּראָקלאַמירונג פון דער אַמעריקאַנער קאָנס־טיטוציע, וואָס האָט געלייקנט זיין פריצייטיקע און פאַלשע נבואה, נאָר אויך אין יאָר 1762, ווען ער האָט פאַרצייכנט די ציטירטע ווערטער אין זיין טאָגבוך, האָבן יידן אין אַמעריקע גענאָסן פון אַזעלכע רעכט, וואָס זיינען געווען דער היפּוך פון זיין גענעראַליזאַציע וועגן זייער פּאָליטישער איזאָלירונג.

די געזעצן פון די באַזונדערע קאָלאָניעס האָבן בכלל פאַראויסגעזעצן אַ באַשטימטן צענזוס פון פאַרמעגן אַלס באַדינג פאַר דער באַרעכטיקונג אָנטיילצונעמען אין וואַלן צו דער „אַסעמבלי" (פּראָווינץ־פאַרזאַמלונג): אין פּענסילוועניע האָט זיך געפאָדערט דערביי אַ פאַרמעגן פון 50 פונט, אָדער פרייער באַזיץ פון לאַנד, און אַזוי איז אויסגעקומען, אַז 90 פּראָ־צענט פון דער מענלעכער באַפעלקערונג פון פילאַדעלפיע האָט נישט גע־האַט קיין וואַל־רעכט; אין ניו־יאָרק איז דער צענזוס געווען אומבאַוועג־לעך אייגנטום אין ווערט פון 40 פונט, אָדער די מיטגלידערשאַפט („פרי־

* עזרא סטיילס מיינט דאָ מן הסתם די וואַלן אין ניו־יאָרק פון 1737, ווען עס איז אָפּגעפּרעגט געוואָרן פון איין צד דאָס וואַל־רעכט פון יידן. זע:
Abraham V. Goodman, American Overture, Philadelphia 1947, p. 55, 210.

מען״) אין אַ קאָרפּאָראַציע. צו דעם צענזוס פון פאַרמעגן זיינען צוגעקו־מען כמעט אומעטום באַדינגונגען אין שייכות מיט רעליגיע. אין י. 1701 האָט די געזעצגעבנדיקע פאַרזאַמלונג פון ניו־יאָרק אָנגענומען אַ געזעץ, אַז קאַטאָליקן ווערן נישט צוגעלאָזט צו וואַלן, אָבער בנוגע יידן איז נישט געווען קיין שום בפירושע באַגרענעצונג. ערשט אין י. 1737, איז אין שייכות מיט אַ סיכסוך וועגן רעזולטאַט פון די וואַלן צווישן צוויי קאַנדי־דאַטן פון דער שטאָט ניו־יאָרק אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע צי יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן, זיינען דערצו געווען באַרעכטיקט, און די געזעצגעבנדע פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, פאַררופנדיק זיך אויפן ביישפּיל פון גרויס־בריטאַניע, אַז „פּערזאָנען פון דער יידישער רעליגיע טאָרן נישט צוגעלאָזט ווערן צו די וואַלן פון רעפּרעזענטאַנטן״.

די אומשטאַנדן פון אָננעמען דעם־דאָזיקן באַשלוס און דער באַשלוס גופא זיינען אַ ראיה, אַז ביז דעמאָלט האָבן יידן אין ניו־יאָרק פאַרמאָגט פולע פּאָליטישע רעכט. אָבער אויך דער נייער באַשלוס איז, ווייזט אויס, נאָך אַ געוויסער צייט נישט מער אָפּגעהיט געוואָרן, וואָרום אין די וואַלן פון י. 1761 געפינען זיך עטלעכע נעמען פון יידן אין די רשימות פון די וויילער. אויך אין ניו־דזשוירסי איז די רעכטלעכע לאַגע פון די געציילטע דאָרטיקע יידן געווען בעסער ווי פון די קאַטאָליקן, וועלכע זיינען געווען אויסגעשלאָסן פון רעליגיעזער פרייהייט. און אין י. 1718 איז אפילו פאָר־געקומען אַזאַ כאַראַקטעריסטישער פאַל: צווישן די 12 בירגער פון וועסט־דזשוירזי, וואָס האָבן אָנגעגעבן אַ פּעטיציע צום ענגלישן קיניג קעגן דער באַשטימונג פון גובערנאַטאָר, אַז קוויקערס זאָלן צוגעלאָזט ווערן צו אַמטן, האָט זיך אויך געפונען משה לעווי, וואָס ווערט בפירוש באַצייכנט ווי „אַ ייד פון דאַנען״.

וועגן סאַוט־קאַראָליינאַ דערוויסן מיר זיך פון אַ פּראָטעסט פון יאָר 1703, אַז יידן האָבן זיך אין יענעם יאָר באַטייליקט אין די וואַלן צוזאַ־מען מיט „פרעמדע, מאַטראָזן, משרתים, נעגערס און כמעט אַלע פראַנצויזן״. ערשט אין יאָר 1721 איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער פּראָווינץ־פאַר־זאַמלונג אַ געזעץ, וואָס זאָגט בפירוש, אַז וואַל־רעכט קאָנען האָבן נאָר קריסטן. עס איז אָבער אַ סברה, אַז אַזוי ווי די פּאַקטישע סאָציאַלע פּאָ־זיציע פון יידן איז דאָ געווען אַ געהויבענע, איז אויך די באַגרענעצונג פון וואַל־רעכט, פּונקט ווי אין ניו־יאָרק, נישט אַדורכגעפירט געוואָרן אין דער פּראַקטיק. נישט בלויז איז אין טשאַרלזטאָן דער ייד לינדאָ, ווי דער־מאָנט, נאָמינירט געוואָרן דורכן גובערנאַטאָר אויף אַ וויכטיקן אַמט, נאָר מיר הערן אויך וועגן אַ ייד יוסף לוי, וואָס איז געווען אַ לייטענאַנט אין דער אינפאַנטעריע אין י. 1757 (ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אינ־דיאַנער מלחמה אין 1760־1761 און שפּעטער אין דעם אַמעריקאַנער אויפ־

שטאַנד). און אין י. 1774, בעת דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, איז פראַנסיס סאַלוואַדאָר, אַ יונגער ידישער פּלאַנטאַטאָר, וואָס איז סך־הכל אַ יאָר געווען אין לאַנד, אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד אין ערשטן און צווייטן קאָנגרעס פון דער סאַוט־קאַראָליינא פּראָווינץ. אויך אין סאַ־וואַנא, אין שטאַט דזשאָרדזשיע, ווערן ייִדן, האַרט פאַרן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, באַמינירט אויף אַמטן: דניאל און משה נונעז זיינען געווען אויפזעער פון פּאָרט, לויט אַ באַשלוס פון דער פּראָווינציעלער פאַרזאַמלונג.

דווקא דער אומשטאַנד, וואָס אין אַ טייל קאָלאָניעס זיינען די פּאָ־ליטישע רעכט פון ייִדן געווען אָנערקענט אין דער פּראַקטיק, אין סתירה צום בפירושן אות פון געזעץ, באַווייזט נאָך בולעטער, ווי ווייט ייִדן זיינען שוין פאַר דער רעוואָלוציע געווען איינגעבירגערט אין נייעם לאַנד, און ווי גרויס עס איז שוין דעמאָלט געווען דער כוח פון דער קעגנזייטיקער געזעלשאַפטלעכער דערנעענטערונג צווישן ייִדן און דער אָרומיקער באַ־פעלקערונג. דער וויכטיקסטער גורם פון דער דאָזיקער דערנעענטערונג איז געווען די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, בפרט אויפן געביט פון האַנדל, אינדוסטריע און באַנק־וועזן. אַחוץ פירמעס, וואו ייִדן און נישט־ייִדן זיינען געווען שותפים, הערן מיר אויך וועגן פאַלן פון קריסטן, אָנגעשטעלטע אין ייִדישע פירמעס אין ניו־יאָרק (דזשאָן דזשייקאָב אַסטאָר, באַגרינדער פון דער מיליאָנערן־פירמע) און אפילו אין אַזאַ שטעטל ווי רעדינג, פּענ־סילוויינע. פּונקט אַזוי זיינען, פון דער אַנדערער זייט, ייִדן געווען נישט נאָר אַגענטן, נאָר אויך בירוראָ־אָנגעשטעלטע אין גרעסערע האַנדלס־פיר־מעס (ניופּאָרט). אַ גאָר גרויסע השפעה האָבן ייִדן געהאַט אין די מאַסאָנען (פריימויערער)־לאָזשעס, און עס איז גאָר אַ סברה, אַז זיי זיינען געווען צווישן די ערשטע גרינדערס פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

אין 18טן יאָרהונדערט געהערן ייִדן אין דזשאָרדזשיע צו דער זעלבער מאַסאָנען־לאָזשע, ווי דער אָרטיקער גובערנאַטאָר, און אין טשאַרלסטאָן איז דער חזן פון דער קהילה — גלייכצייטיק אַן אָנגעזעענער סוחר — יצחק דא קאָסטא, אויסגעקליבן געוואָרן אין י. 1759 אַלס קאַסירער פון דער ערשטער מאַסאָנען־לאָזשע אין סאַוט־קאַראָליינא. אין ניו־יאָרק האָבן ייִדן אין י. 1769 אָרגאַניזירט די לאָזשע פון דוד המלך, און אין ניופּאָרט זיי־נען ייִדן געווען צווישן די גרינדער פון דער ערשטער לאָזשע מיט אַ צוואַנציק יאָר פריער, און פאַר דער רעוואָלוציע איז דאָרט כמעט נישט געווען קיין ראש־משפחה, וואָס זאָל ניט האָבן אָנגעהערט צו איינער פון די אָרטיקע לאָזשעס.

צום סוף 18טן י״ה הערן מיר שוין וועגן אָנטייל פון ייִדן אין לאָזשעס אויך אין די שטאַטן ווירדזשיניע, פּענסילוויניע, קאָנעטיקוט און מאַסאַטשו־סעטס, וואו משה מיכאל הייס, פון ניופּאָרט, ווערט גרויסמייסטער פון דער

„מאַסאָניק פראַטוירניטי". דער רעליגיעזער שלום־בית איז שוין אין אָנהייב 18טן י"ה געווען איינגעשטעלט אויף אַזאַ מדרגה, אַז ביי דער געלט־זאַמלונג אויף אויפצובויען אַ טורעם אויף דער טריניטי־קירכע אין ניו־יאָרק, אין 1711, האָבן 7 אָרטיקע יידן בייגעשטייערט גרעסערע סומעס. אַ ביישפּיל פון דער קעגנזייטיקייט איז די זאַמלונג אין 1788 לטובת דער ניי־אויפגעבויטער שול אין פילאַדעלפיע, וואו עטלעכע קריסטן פיגורירן אין דער רשימה פון ביישטייערער, צווישן זיי בענדזשאַמין פרענקלין. אין טשאַרלזטאָן איז אין יענער צייט אַ ייד, משה סאָלאָמאָן, אַ מיטגליד פון דער שאָטלענדישער פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון הייליקן אַנדריו. יידן באַטייליקן זיך אויך מיט אַ צושטייער ביי דער גרינדונג פון קולטור־אינסטיטוציעס: יידן אין ניופּאָרט טראָגן צו געלט און ביכער ביי דער גרינדונג פון דער רעדוואוד־ביבליאָטעק אין י. 1747, און משה לינדאָ, פון טשאַרלזטאָן, גיט אַ באַדייטנדע סומע פאַר דעם קאָלעדזש פון ראָוד־איילאַנד (שפּעטער באַקאַנט ווי „בראַון אוניווערסיטעט"), וואָס האָט זיך געגרינדעט אין י. 1770. אין אַ בריוו צום מנדב, האָט די פאַרוואַלטונג דערקלערט די גרייטקייט אָנצושטעלן אויך אַ דערציער פאַר יידישער רע־ליגיע, אויב עס וועלן זיך געפינען גענוג יידישע סטודענטן, וואָס וועלן די הוצאה דעקן.

די „סאָלאָן־פעאיקייט" פון יידן איז גאָרניט געשטאַנען אונטער אַ ספק, און צווישן די „בעסטע בירגער", וואָס האָבן אין י. 1748 געגרינדעט אין פילאַדעלפיע די „שטאָטישע טאַנץ־געזעלשאַפט", פיגורירן דריי אָרטיקע יידישע סוחרים אויף דער רשימה פון די שטיצערס. די ספּעציפישע אַט־מאָספערע פון קעגנזייטיקע יידיש־קריסטלעכע באַציאונגען אויפן אַמעריקאַנער באָדן האָט אַרויסגעפילט דער פראָמינענטער משולח רבי חיים יצחק קאַריגאַל פון ארץ־ישראל, און ער האָט פאַרשטאַנען זיך צו איר צוצופּאַסן. נאָכדעם ווי עזרא סטיילס, צוזאַמען מיטן גובערנאַטאָר און אַנדערע הויכע באַאַמטע פון דער פּראָווינץ, האָבן באַזוכט די שול אין ניופּאָרט, אין שבועות 1773, כדי זיך צוצוהערן צו זיין דרשה, איז קאַריגאַל געקומען אין דער קאָנגרעגאַציאָנעלער קירך צו דער פּריידיקט פון סטיילס. דער טויט פון אָנגעזעענע יידישע סוחרים אין ניופּאָרט, ניו־יאָרק און פילאַ־דעלפיע פלעגט פאַרצייכנט ווערן דורך אויספירלעכע נעקראָלאָגן אין דער אָרטיקער פּרעסע, און די ענגלישע אויפשריפט, וואָס איז נעבן דער העברייאישער אויסגעקריצט געוואָרן אויף דער מצבה פון אהרן לאָפּעז, איז פאַרפאַסט געוואָרן פון זיין לאַנג־יאָריקן אינטימען פריינט עזרא סטיילס. אמת, עס טרעפן זיך אויך פון צייט צו צייט פאַלן, וואו מען פּרואווט, צוליב פּאָליטישע חשבונות, אָדער קאָנקורענץ־טעמים, צו שאַפן אַ שטימונג קעגן יידן, ווי אין ניו־יאָרק אין י. 1737, און אין 1743, איז בעת אַ יידישער

לוויה, אין דער זעלבער שטאָט, פֿאַרגעקומען אַ צוזאַמענלויף, וואו מען האָט חוזק געמאַכט פֿון דער יידישער רעליגיע. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז דער פֿאַקט, וואָס דער ערשטער עפּיזאָד אין שייכות מיט די וואָלן האָט נישט איבערגעלאָזט קיין שום שפּורן, און אין צווייטן פֿאַל, איז באַלד דער־שינען אין דעם ניו־יאָרקער „וואָכן־זשורנאַל" אַן אָפֿענער בריוו, מיט אַן אויסדרוק פֿון פּראָטעסט אין נאָמען פֿון קריסטנטום.

§4. רעוואָלוציע און גלייכבאַרעכטיקונג

ביי אַזאַ עקאָנאָמישן, לעגאַלן און געזעלשאַפֿטלעכן מצב איז נישט קיין חידוש, אַז ווען עס איז אויסגעבראָכן די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע אין י. 1775, האָבן די ווינציקע יידן אין לאַנד זיך אין איר באַטייליקט אין אַ פּראָפּאָרציע, וואָס האָט וויט איבערגעשטיגן זייער אַנטייל אין דער באַפֿעלקערונג. דער יידישער ישוב, ווי אַ גאַנצער, איז געווען פֿאַראינטעע־רעסירט אין די זעלבע צילן פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס האָבן אויפֿגעהויבן די שטאָטישע מאַסן, האַנטווערקער און אַרבעטער, די פֿאַרמער און דעם באַוואוסטזיניקן טייל פֿון אַמעריקאַנער בירגערטום קעגן דער ענגלישער הערשאַפֿט: אומאָפּהענגיקייט ווי אַ באַפֿרייאונג פֿון פֿינאַנץ־לאַסטן לטובת ענגלאַנד, ווי אַ גאַראַנטיע פֿון אומגעשטערטער אַנטוויקלונג פֿון האַנדל און אינדוסטריע און פֿון פֿרייער קאָלאָניזאַציע אין די ריזיקע מערב־שטחים.

פּונקט ווי דער כלל פֿון סוחרים־קלאַס פֿון לאַנד, האָבן אויך די יידישע סוחרים און די אויפֿגעקומענע גרופּע יידישע פֿאַבריק־אונטערנעמער פֿאַר־שטאַנען, אַז זייער אינטערעס ליגט אין אָפּשאַפֿן די באַגרענעצונגען, מיט וועלכע ענגלאַנד האָט געשטיקט דעם אַמעריקאַנער אויסלענדישן האַנדל און אינדוסטריע. די צווייגן פֿון האַנדל, אין וועלכן די יידישע סוחרים זיינען געווען פֿאַרנומען, זיינען באַזונדער געווען געטראָפֿן פֿון די לעצטע אַקטן פֿון ענגלישן פּאַרלאַמענט, וואָס זיינען געווען דער דירעקטער גורם פֿון דער רעוואָלוציע: די אַדורכפֿירונג אין דער פּראַקטיק פֿון „צוקער און מעלאַסן־אַקט" פֿון י. 1733, האָט געהאַמעוועט דעם אַמעריקאַנער האַנדל מיט די מערב־אינדישע אינדזלען, אין וועלכן די יידישע סוחרים פֿון ניו־פּאָרט, ניו־יאָרק, פֿילאַדעלפֿיע און טשאַרלזטאָן זיינען געווען שטאַרק אָנ־זעעוודיק. די פֿאַראָרדענונג פֿון בריטישן קיניג, וואָס האָט אין די אינ־טערעסן פֿון בריטישע סוחרים פֿאַרבאָטן דעם פּעלץ־האַנדל אין די מערב־טעריטאָריעס אָן אַ ספּעציעלער קיניגלעכער דערלויבעניש, האָט דירעקט באַרירט אויך די יידישע „אינדיאַנישע" סוחרים פֿון ניו־יאָרק און פֿילאַ־דעלפֿיע. אָבער אויך אָפּגערעדט פֿון די דירעקטע אינטערעסן פֿון יידישן סוחרים־קלאַס האָט דער יידישער ישוב, ווי אַ גאַנצער, דווקא, אַדאַנק זיין גינסטיקער לאַגע, זיך געפֿילט סאָלידאַריש מיט דער גאַנצער באַפֿעלקע־רונג אין איר קאַמף, בפֿרט ווען עס איז אויך געווען באַרעכטיקט די האָפֿע־

נונג, אַז די נאָך־איבערגעבליבענע באַגרענעצונגען פון יידישן רעכט וועלן בטל ווערן צוזאַמען מיט דעם גאַנצן בריטישן געזעץ־סיסטעם, ווי נאָר דאָס לאַנד וועט באַפרייט ווערן פון דער פרעמדער אפּוטרופּסות. פּונקט ווי די אַמעריקאַנער באַוואוסטזיניקע פאָלקס־מאַסן פון שטאָט און דאָרף, וואָס האָבן אָן באַוואָרענישן איינגעשטעלט זייערע לעבנס פאַר דער רע־וואָלוציע, זיינען אויך די אַמעריקאַנער יידן, מיט באַגייסטערונג צוגע־שטאַנען צום קאַמף, אין דער זעלבער איבערצייגונג, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט נאָר וועגן אומאָפּהענגיקייט, נאָר אויך אין איינשטעלן אַ דעמאָקראַ־טישע אָרדענונג, אויפגעבויט אויף בירגער־גלייכקייט אָנשטאָט פּריווי־לעגיעס. צוליב דעם זעלבן טעם האָבן די דיסענטערס (אָנהענגער פון מינ־דערהייט־רעליגיעס), בכלל, באַטייליקט זיך אַ סך אַקטיווער אין רעוואָלו־ציאָנערן קאַמף און פּראָפּאַגאַנדע, איידער די רעליגיעזע פירער פון די הערשנדיקע רעליגיעזע ריכטונגען אין די קאָלאָניעס.

ווי דערמאָנט, האָבן יידישע סוחרים אין ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע, נאָך פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אָרגאַ־ניזירן דעם באָיקאָט אויף ענגלישע סחורות. זייער סאָלידאַרישקייט מיט דער רעוואָלוציע האָבן אויך די מערסטע ניו־יאָרקער יידן באַוויזן אין י. 1776, ווען זיי האָבן באַשלאָסן, אונטער דער אָנפירונג פון חזן גרשום מענדעס סייאַס, זיך צו עוואַקואירן קיין פילאַדעלפיע, כדי נישט צו זיין געצוואונגען צו שווערן געטריישאַפט די ענגלענדער, וואָס האָבן זיך גע־גרייט איינצונעמען די שטאָט. פּונקט אַזוי האָט דאָס רוב יידן פון ניו־פּאָרט, צום סוף פון זעלבן יאָר, זיך צעשפּרייט אין אַנדערע מקומות, הגם עס איז ניט באַקאַנט צי זיי האָבן עס געטאָן ווי אין ניו־יאָרק, אויפן יסוד פון אַ פאָרמעלן באַשלוס אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער קהילה. אין טשאַרלזטאָן, פון וואַנען די מערהייט יידן האָט אויסגעוואַנדערט באַלד נאָכן איינגעמען די שטאָט דורך די בריטישע חיילות (אַ צענדליק יידישע בעלי־בתים האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין פילאַדעלפיע), האָט טאַקע די בריטישע מאַכט פאַרטריבן פון לאַנד עטלעכע פון די פאַרבליבענע יידישע סוחרים און קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגן, אַנדערע גענומען אין געפאַנגענ־שאַפט אַלס שטראָף פאַר זייער שטעלונג לטובת דער רעוואָלוציע.

די הילף, וואָס יידישע סוחרים, בפרט פון פילאַדעלפיע, האָבן גע־געבן דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג ווי ליוועראַנטן פון דער אַרמיי, און ווי צייכנער פון מלוכה־הלוואות (יצחק מאָזעס), הגם זי איז מסתם געווען מאָטיווירט פּונקט אַזוי דורך דעם אויסקוק אויף רווח, ווי דורך פּאַטריאָטישע געפילן, באַווייזט זייער צוטרוי צו דער רעוואָלוציע: די פאַרצויגענע מלחמה צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן פון קאָנגרעס, איז ביז צו דער שלאַכט ביי יאָרקטאַון אין 1781, נישט געווען קלאָר אין אירע

פּערספּעקטיוון און דווקא אין פילאַדעלפיע האָבן אָנגעזעענע בירגער „געוואָרפן בייזע בליקן" אויף יעדן איינעם, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי אַן אָנהענגער פון אומאָפּהענגיקייט.

אין ליכט פון דער דאָזיקער לאַגע דאַרף מען אויך אָפּשאַצן די, אָן אַ ספק, פאַרדינסטפולע, הגם שטאַרק־איבערגעטריבענע אין שפּעטערדיקע דורות, טעטיקייט פון פּוילישן ייד (געבוירן אין ליסע, 1740, געשטאָרבן 1785) חיים סאָלאָמאָן: נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון בריטישער געפאַנגענשאַפט אין ניו־יאָרק, איז ער געווען באַשעפטיקט אין פילאַדעלפיע ווי אַ מעקלער פון מלוכה־הלוואות ביים פינאַנץ־אַמט אין קאָנגרעס, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט ראָבערט מאָריס. זיין פונקציע איז באַשטאַנען אין פאַרקויפן פּאַפּירן פון מלוכה־הלוואות, וועלכע ער פלעגט נעמען אין קאָמיסיע.* אויף אַזאַ פאַרבינדונג פון אייגענע און מלוכה־אינטערעסן האָט זיך אויך געשטיצט דער אַנטייל פון יידן בעת דער רעוואָלוציע אין „פּרייוועטירינג": סוחרים פלעגן בעת דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, פּונקט ווי פריער אין דער פראַנצויזיש־ענגלישער זיבן־יאָריקער מלחמה, אויפן אייגענעם חשבון אויסשטאַטן שיפן כדי צו פאַרהאַלטן פּראַכטשיפן פונעם שונא: פון דער סחורה, וואָס איז צוגענומען געוואָרן ביים שונא, האָבן די אייגנטימער פון די שיפן געדאַרפט בלויז אַ געוויסן חלק אָפּגעבן דער מלוכה.

יידן, וואָס האָבן געקעמפט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, האָבן געשטאַמט פון אַלע קהילות אין לאַנד, פון ניופּאָרט אין צפון ביז סאַוואַנאַ אין דרום. צווישן די פּאָר צענדליק פּערזאָנען, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט מיט די נעמען,** איז די צאָל אָפיצערן בערך אַזוי גרויס ווי די צאָל סאָלדאַטן, מן הסתם צוליב דעם, וואָס מיטגלידער פון סוחרים־פאַמיליעס

---

* דער פאַקט, אַז חיים סאָלאָמאָן איז געווען אַ „בראָוקער" און נישט קיין באַנקיר, איז פעסטגעשטעלט אויסער יעדן ספק. אַחוץ פאַרמיטלונג ביים פאַרקויף פון מלוכה־הלוואות, איז סאָלאָמאָן אויך געווען דער געלט־מעקלער פון דעם פראַנצויזישן קאָנסול און פון די פראַנצויזישע חיילות אין אַמעריקע. ער פלעגט אויך באַזאָרגן הלוואות פאַר אַמעריקאַנער גענעראַלן און פּראָמינענטע מיטגלידער פון קאָנגרעס, ווי דזשעימס מעדיסאָן. פאַראַן אַ באַגרינדעטע סברה, אַז נישט געקוקט אויף די תביעות פון זיינע זין און יורשים, איז אים נישט נאָר גאָרנישט געקומען קיין חוב ביי דער רעגירונג, נאָר ער איז נאָך דער מלוכה־קאַסע געבליבן שולדיק פאַר ווערטפּאַפּירן, וואָס ער האָט איבערגענומען צו פאַרקויפן. יעדנפאַלס, האָט חיים סאָלאָמאָן אַליין ביי דער רעגירונג גאָרנישט געמאָנט.

** צווישן די העכער פערציק נעמען, וואָס סימאָן וואָלף גיט אָן אין דעם שייכות אין זיין באַקאַנטן בוך „דער אַמעריקאַנער ייד אַלס פּאַטריאָט, זעלנער און בירגער", זיינען פאַראַן עטלעכע וואָס די פּרטים וועגן זיי זיינען שטאַרק אָפּגעפרעגט, און אפילו אַזעלכע, וואָס זיינען דורך אים על־פּי טעות פאַררעכנט געוואָרן אַלס יידן.

האָבן לויט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען אין דער אַרמיי, אַדאַנק זייער פֿאַר־מעגן־צושטאַנד און בילדונג, באַלד באַקומען נאָמינאַציעס. איינער פֿון די דאָזיקע אָפֿיצערן, קאָלאָנעל דוד סאָליסבורי פֿראַנקס, האָט נאָך דער מלחמה אויסגעפֿירט דיפּלאָמאַטישע שליחותן פֿאַר אַמעריקע אין אייראָפּע און מאַראָקאָ. אַחוץ דער רעגולערער אַרמיי, האָבן יידן געדינט אין דער אָרטיקער מיליץ, וואָס איר איז אויסגעקומען אָפֿט צו קעמפֿן אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון די איינצעלנע שטאַטן. אין טשאַרלזטאָן האָבן בערך 20 יידישע מיליציאַנטן באַטראָפֿן אַ דריטל פֿון אַ קאָמפּאַניע פֿון שטאַטישן רעגימענט (פֿאָלק) פֿון מיליץ.

דער מיעוט פֿון יידן, וואָס האָט בעת דער רעוואָלוציע אַרויסגעוויזן לאָיאַלקייט צו דער בריטישער מאַכט, איז באַשטאַנען אין אַ ריי פֿאַלן, פֿון יחידים צווישן גרויסע סוחרים, וואָס האָבן געהאַט פֿון פֿריער האַנדלס־פֿאַרבינדונגען מיט ענגלאַנד, אָדער פֿון סוחרים, וואָס האָבן געמאַכט געשעפֿטן מיט דער בריטישער אַרמיי אין לאַנד. דער גביר אהרן לאָפּעז האָט לכתחילה נישט געוואָלט צושטיין צום באָיקאָט אויף ענגלישע סחורות; ערשט שפּעטער האָט ער זיך דעצידירט צו סאָלידאַרישקייט מיטן אויפֿשטאַנד. פֿיר סוחרים פֿון דער ניופּאָרטער פֿאַמיליע האַרט זיינען אַלע געווען באַשולדיקט אין מאַכן יד־אחת מיט דעם שונא און איינער פֿון זיי, יצחק האַרט, איז אַלס שטראָף דערהרגעט געוואָרן דורך די פּאַטריאָטן. אין ניו־יאָרק האָבן צוזאַמען מיט אַנדערע סוחרים אויך 15 יידן זיך געחתמעט אויף אַן אַדרעס פֿון לאָיאַלקייט צום בריטישן אַד־מיראַל, צווישן זיי די פֿאַמיליע גאָמעז (עקספּאָרטערן פֿון תבואה!). עט־לעכע יידישע סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די בריטישע חיילות, האָבן זיך אויך געפֿונען אין טשאַרלזטאָן, און צוויי פֿון זיי, זיינען דער־פֿאַר דערנאָך באַשטראָפֿט געוואָרן מיט קאָנפֿיסקאַציע פֿון פֿאַרמעגן.

אַזעלכע „טאָריס" זיינען אָבער אין פּראָפּאָרציע געווען אַ סך מער צווישן די רייכע קלאַסן פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג, גרויס־גרונט־באַזיצער און סוחרים. וואָס שייך האַנדלס־פֿאַרבינדונגען מיט דעם שונא, דאַרף מען אויך אין אַכט נעמען דעם אומשטאַנד, אַז פֿאַרמערס פֿלעגן צו־שטעלן דער בריטישער מאַכט אַלערליי פּראָדוקטן, בעת די אַרמיי פֿון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט געהונגערט. אַרום הונדערט טויזנט טאָריס זיינען אַנטלאָפֿן פֿון לאַנד און געהעצט קעגן דער רעוואָלוציע, פּונקט ווי שפּעטער די אַריסטאָקראַטישע עמיגראַנטן פֿון רעוואָלוציאָנערן פֿראַנקרייך, און די פֿאַרבליבענע האָבן געפּרוּווט אונטערצוגראָבן דעם אויפֿשטאַנד פֿון אינעווייניק, ווי, למשל, דער בירגערמייסטער פֿון ניו־יאָרק, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט. ביי יידן איז די פּראָ־בריטישע אָריענטאַציע געווען אַן ענין פֿון יחידים און דער

פּאַטריאָטיזם פון דעם יידישן ישוב ווי אַ גאַנצן, בעת דער מלחמה, איז אַזוי ווייט געווען אויסער יעדן ספק, אַז יידן האָבן זיך דערויף געקאָנט פאַררופן אין אָפיציעלע דעקלאַראַציעס באַלד נאָך דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע.

די רעוואָלוציע האָט אין רעזולטאַט געבראַכט די אַמעריקאַנער יידן די גלייכבאַרעכטיקונג, אויף וועלכער זיי האָבן אַרויסגעקוקט, הגם דאָס איז נישט געשען מיטאַמאָל, נאָר אין עטלעכע פּאַזעס. אין י. 1783 איז פאַרענדיקט געוואָרן די מלחמה דורך דעם פּאַריזער שלום, אין וועלכן ענגלאַנד האָט אָנערקענט די אומאָפּהענגיקייט פון די 13 שטאַטן, ווי אויך זייער רעכט אויף דער טעריטאָריע אין מערב ביז צום טייך מיסיסיפּי. אין י. 1787 איז דורך דער קאָנווענציע אין פילאַדעלפיע אָנגענומען געוואָרן די פעדעראַלע קאָנסטיטוציע, וואָס אַנטהאַלט אין אַרטיקל 6 אַזאַ באַשטימונג: „... קיין רעליגיעזער עקזאַמען זאָל קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט ווערן ווי אַ קוואַליפיקאַציע פאַר וועלכן נישט איז אַמט אָדער אַנגעטרויטער עפנטלעכער פונקציע אונטערן רשות פון די פאַראייניקטע שטאַטן״. אין י. 1791 איז אָנגענומען געוואָרן צווישן די ערשטע צען אויסבעסערונגען פון דער קאָנסטיטוציע, באַקאַנט אונטערן נאָמען „ביל אָוו ראַיטס״, אַרטיקל איינס, וואָס באַוואָרנט, אַז „דער קאָנגרעס טאָר נישט מאַכן קיין געזעץ וועגן איינפירן אַ (אָפיציעל־אָנערקענטע) רעליגיע אָדער וועגן פאַרבאָט פון פרייער פּראַקטיצירונג פון רעליגיע״.

אַזוי האָט די נייע אַמעריקאַנער רעפּובליק, אין רעזולטאַט פון דער זיגרייכער רעוואָלוציע, צוזאַמען מיט דער גלייכקייט פון אַלע בירגער לויטן געזעץ, וואָס איז געוואָרן אַ פּרינציפּ פון אַלע מאָדערנע בירגערלעכע מלוכות, אויך פּראָקלאַמירט די קאָנסעקווענץ דערפון, די גלייכבאַרעכטיקונג פון בירגער, אומאָפּהענגיק פון רעליגיע. דערמיט זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן אויך געווען די ערשטע מלוכה אין דער ניי־צייט, וואָס האָט אָנערקענט די פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידישע באַוואוינער.

פאַר דער פעדעראַלער אַמעריקאַנער מלוכה, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון שטאַטן מיט פאַרשיידענע קריסטלעכע רעליגיעזע מאַיאָריטעטן אין יעדן איינצלנעם שטאַט, איז די קאָנסטיטוציאָנעל־גאַראַנטירטע צעשיידונג פון מלוכה און רעליגיע געווען אַ נויטווענדיקייט פון אויפהאַלטן די פעדעראַציע. אַנדערש זיינען אָבער נאָך דעמאָלט געווען די פאַרהעלטנישן בנוגע רעליגיעזער גלייכבאַרעכטיקונג אין די איינצעלנע שטאַטן, לויט זייערע אויטאָנאָמע קאָנסטיטוציעס. בעת אַ טייל שטאַטן האָבן אין משך פון דער רעוואָלוציע אָנגענומען געזעצן וועגן רעליגיעזער פרייהייט פון אַלע רעליגיעזע ריכטונגען אין קריסטנטום, בעת די קאָנסטיטוציע פון שטאַט ניו־יאָרק פון י. 1777 האָט אָפּגעשאַפט בכלל יעדע

דיסקרימינאַציע קעגן וועלכער נישט איז רעליגיע,* זיינען אין עטלעכע שטאַטן געבליבן גילטיק באַגרענעצונגען פון קריסטלעכע מינדערהייטן, בפרט קאַטאָליקן און קוועיקערס, ביז שפּעט אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה, און בנוגע אַטעאיסטן, אויך שפּעטער. באַזונדער באַדייטונגספול איז די פולשטענדיקע גלייכקייט פון אַלע רעליגיעס אָן אָן אויסנאַם, וואָס איז נאָך פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע אָנגענומען געוואָרן ווי אַ געזעץ אין ווירדזשיניע, דעם שטאַט פון וואַשינגטאָן, דזשעפערסאָן און מעדיסאָן. אין י. 1779 האָט טאָמאַס דזשעפערסאָן אַריינגעטראָגן אין דער געזעצגעבנדער פאַרזאַמלונג פון ווירדזשיניע „אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן איינשטעלן רעליגיעזע פרייהייט", וואָס איז פונקט ווי די דורך אים פאַרפאַסטע „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט", איינער פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון פּראָגרעס פון פרייען מענטשלעכן געדאַנק. דזשעפערסאָן, דער אויפגעקלערטער דעאיסט, דעמאָקראַט און אָנהענגער פון באַפרייאונג פון די שקלאַפן, וואָס האָט אויך דעם פאַרדינסט פון פאַרבאָט אויף שקלאַפן־האַנדל אין זיין היים־שטאַט ווירדזשיניע, און פון אָפּשאַפן אין זעלבן שטאַט דעם אַלטן דראַקאָנישן שטראָף־קאָדעקס פון דער בריטישער תקופה, קומט אַרויס אין דער באַגרינדונג פון דעם געזעץ וועגן רעליגיעזער פרייהייט, צווישן אַנדערע, מיט אַזעלכע שלאָגנדיקע אַרגומענטן: „היות גאָט דער אַלמעכטיקער האָט באַשאַפן דעם גייסט אַ פרייעם; היות אַלע פּרואוון אים משפּיע צו זיין דורך וועלטלעכע שטראָפן אָדער לאַסטן, אָדער דורך באַגרענעצן בירגערלעכע רעכט, זיינען עלול בלויז אַרויסצוברענגען מידות פון צביעות און געמיינקייט...; היות, אונדזערע בירגערלעכע רעכט האָבן פּונקט אַזוי ווייניק אַ שייכות מיט אונדזערע רעליגיעזע מיינונגען, ווי מיט אונדזערע מיינונגען וועגן פיזיק און געאָמעטריע — — — "

עס האָט געדויערט עטלעכע יאָר, ביז 1785, איידער דער פּראָיעקט פון דזשעפערסאָן איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ געזעץ פון שטאַט ווירדזשיניע. בעת דזשעפערסאָן איז געווען אין אויסלאַנד, ווי דער דיפּלאָמאַטישער פאַרטרעטער פון אַמעריקע אין פראַנקרייך, האָט דעם קאַמף פאַר דעם פּראָיעקט געפירט מעדיסאָן, וואָס האָט זיך אַנטשידן אַנטקעגנגעשטעלט דעם פאַרבייטן פון פּרינציפּ פון רעליגיעזער גלייכקייט דורך דער פאָרמולע וועגן רעליגיעזער טאָלעראַנץ און אָנגעוויזן, אַז „דער גלאַנץ

---

* די שטאַטן סאוט־קאַראָליינאַ און ראָוד־איילאַנד האָבן ערשט אין 1790 פאָרמעל דעקלאַרירט פולשטענדיקע גלייכקייט פון אַלע רעליגיעס; ראָוד־איילאַנד האָט אָבער שוין אין י. 1776 געגעבן אינסטרוקציעס אין דעם דאָזיקן זין די דעלעגאַטן צום פעדעראַלן קאָנגרעס.

פון אונדזער לאַנד" איז דער אומשטאַנד, וואָס עס איז געוואָרן, „אַן עיר־מקלט פאַר די גערודפטע און אונטערדריקטע פון אַלע נאַציעס און רע־ליגיעס". הגם אַ טייל פון אָריגינעלן טעקסט פון דזשעפערסאָנס הקדמה צום געזעץ איז דורך דער געזעצגעבנדער פאַרזאַמלונג געענדערט געוואָרן, איז מיט אַ גרויסער מערהייט אָפּגעוואָרפן געוואָרן דער פאָרשלאָג צוצו־שטעלן צו די ווערטער „דער הייליקער באַשעפער פון אונדזער רעליגיע", די הוספה „יעזוס קריסטוס", וואָס האָט געצילט אויסצושליסן די יידן פון גלייכבאַרעכטיקונג.

דאָס געזעץ פון ווירדזשיניע פון י. 1785 האָט געמאַכט אַ רושם אויף דער וועלט. דזשעפערסאָן אַליין האָט עס פאַרשפּרייט אין פראַנקרייך, עס איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף איטאַליעניש און אַריינגענומען געוואָרן אין דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע. פּונקט ווי די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע בכלל האָט געדינט דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע ווי אַ קוואַל פון אינספּיראַציע און אַ מוסטער פון אידייען און אינסטיטוציעס, אַזוי האָט דער ווירדזשיניער „אַקט וועגן רעליגיעזער פרייהייט" בפרט, געליווערט אַרגומענטן די קעמפער פאַר יידישער גלייכ־באַרעכטיקונג אין דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. מיראַבאָ, ראַבאָ סענט עטיען, און די יידן אַליין אין זייער פּעטיציע וועגן רעכט (1790) האָבן זיך דירעקט פאַררופן אויפן ביישפּיל פון אַמעריקע, וואָס „האָט דאָס וואָרט טאָלעראַנץ אויסגעשטראָכן פון איר קאָדעקס" און אַנ־שטאָט דעם אַריינגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון גלייכקייט און גערעכטיקייט. אויך די, וואָס האָבן בפירוש אַמעריקע בישט דערמאָנט, ווי קלערמאָן־טאָנער, דיופּאָר, האָבן אין זייערע רעדעס וועגן יידישע רעכט איבערגע־חזרט די פּרינציפּן פון דזשעפערסאָנס מוסטער־דאָקומענט.

אין שטאָט פּענסילוועניע איז פולשטענדיקע יידישע גלייכבאַרעכטי־קונג אַדורכגעפירט געוואָרן ערשט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין רעזול־טאַט דערפון, וואָס יידן אַליין זיינען אַרויסגעטראָטן מיט פאָדערונגען פון רעכט. אין סעפּטעמבער 1776, ווען עס איז אָנגענומען געוואָרן די נייע שטאַט־קאָנסטיטוציע, האָבן זיך באַוויזן אָפענע בריוו אין דער פילאַדעל־פיער פּרעסע, מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער באַשטימונג, אַז דער גלויבן אין „גאָט, דעם בורא און רעגירער פון דער וועלט" זאָל זיין גענוג ווי אַ תנאי פאַר באַקליידן אַמטן; די מחברים האָבן אפילו זיך נישט אָפּ־געשטעלט פאַר שרעקן דערמיט, אַז „יידן און טערקן" וועלן מיט דער צייט ווערן די גרעסטע לאַנד־באַזיצער און העכסטע באַאַמטע אין שטאַט און אַמעריקאַנער וועלן דערלעבן „נאַציאָנאַלע פאַרשקלאַפונג". ביי דער זעל־בער געלעגנהייט ווערן אויך די קאַטאָליקן פאַרגעשטעלט ווי אַ סכנה פאַר דער „קריסטלעכער מלוכה". די דאגות פון די העצער זיינען אָבער

געווען אומבאַגרינדעט, וואָרום אין דער זעלבער שטאַט־קאָנסטיטוציע איז אַריינגענומען געוואָרן אַ באַשטימונג, וואָס פאָדערט פון אַ מיטגליד פון דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג, און פונקט אַזוי פון יעדן באַאַמטן, אַ שבועה, אַז ער גלייבט אין דער געטלעכער אינספּיראַציע פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט.

באַלד נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער מלחמה, סוף 1783, האָבן פינף אָנפירער פון דער פילאַדעלפיער קהילה „מקווה ישראל", דער חזן גרשם מענדעס סיישאַס, דער פּרנס, און דריי מיטגלידער פון „מעמד" (קהילה־פאַרוואַלטונג), צווישן זיי חיים סאָלאָמאָן, אַריינגעטראָגן אַ פּעטיציע צום „ראַט פון צענזאָרן", פאָדערנדיק אָפּצושאַפן פון דער קאָנסטיטוציע דעם פאַראַגראַף, וואָס שליסט אויס יידן פון פּאָליטישער רעכט. פאַררופנדיק זיך אויף דעם, אַז יידן האָבן געהאָלפן דעם לאַנד בעת דער מלחמה צו־זאַמען מיט אַלע בירגער, און גלייך ווי אַנדערע צוגעטראָגן זייערע שטייערן, און אָנווייזנדיק, אַז די באַגרענעצונג פון רעכט פון יידן איז אין סתירה לגבי אַן אַנדערן פאַראַגראַף פון דער שטאַט־קאָנסטיטוציע, רוקן אַרויס די פּעטענטן אויך אַזאַ כאַראַקטעריסטישן מאָטיוו: „די געחתמעטע פּעטענטן קאָנען נישט באַהויפּטן, אַז יידן זיינען באַזונדער להוט צו זיין רעפּרעזענטאַנטן פון פאָלק אין דער (געזעצגעבנדיקער) פאַרזאַמלונג, אָדער ציווילע באַאַמטע און ריכטער אין שטאַט; אָבער זיי דריקן אויס מיט גרויס דרך־ארץ דעם חשש, אַז (אַזאַ) קלויזולע אין דער קאָנסטיטוציע... איז אַ פלעק אויף זייער נאַציע און אויף זייער רעליגיע" . . .

פיר יאָר שפּעטער, אין 1787, האָט אַ פילאַדעלפיער ייד, יונה פיליפּס, וואָס באַצייכנט זיך ווי „איינער פון פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַלע נאַציעס", אַריינגעטראָגן אַ פּעטיציע וועגן זעלבן ענין צו דער פעדעראַלער קאָנווענציע, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן די אויסאַר־בעטונג פון דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע. אויך פיליפּס ווייזט אָן אויף דער סתירה פון דיסקרימינאַטאָרישן פאַראַגראַף לגבי דער גאַראַנטיע פון בירגער־רעכט דורך דער שטאַט־קאָנסטיטוציע. ער שטעלט זיך אָבער אָפּ באריכות אויף דעם פּאַטריאָטיזם, וואָס יידן האָבן אַרויסבאַוויזן בעת דער אַמעריקאַנער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט: „עס איז גוט באַקאַנט אַלע בירגער פון די 13 פאַראייניקטע שטאַטן, אַז די יידן זיינען פון תמיד אמתע און געטרייע וויגס*; און בעת דעם לעצטן פאַרמעסט מיט ענג־לאַנד האָבן זיי זיך אַרויסגערוקט אין העלפן און שטיצן די שטאַטן מיט זייערע לעבנס און פאַרמעגנס; זיי האָבן ...מוטיק געקעמפט און גע־

* להיפך צו די „טאָריס", האָט מען אין אַמעריקע אין יענער תקופה גערופן „וויגס" די קעגנער פון ענגלאַנד און אָנהענגער פון דער אומאָפּהענגיקייט.

בלוטיקט פאַר דער פרייהייט, וועלכע זיי טאָרן נישט געניסן״. — — —
די דיסקרימינאַטאָרישע קלויזולע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין דער נייער קאָנסטיטוציע פון פּענסילווייניע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין י. 1760 (געבליבן איז בלויז די באַוואָרעניש קעגן אַטעאיסטן!).

אַ סך לענגער ווי אין פּענסילווייניע האָט זיך דערהאַלטן די דיס־קרימינאַציע קעגן יידן בנוגע פּאָליטישע רעכט אין שטאַט מערילאַנד מיט דער מעטראָפּאָליע באַלטימאָר. די שטאַט־קאָנטיטוציע פון 1776 האָט געמאַכט אָפּהענגיק דאָס רעכט צו באַקליידן אַמטן פון אָפּגעבן אַ דעקלאַ־ראַציע וועגן קריסטלעכן גלויבן. אין 1797 האָבן די פאַרשטייער פון די יידישע תושבים פון באַלטימאָר, שלמה עטינג און באַרנאַרד גראַץ, אַריינ־געטראָגן וועגן דעם אַ פּעטיציע צו דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג, אָבער אָן אַ פּעולה. אַ נייע פּעטיציע פון י. 1802 איז אַדורכגעפאַלן אין דער אָפּשטימונג אין דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג און אויך אין די יאָרן 1803 און 1804 זיינען געזעץ־פּראָיעקטן וועגן יידישער גלייכבאַ־רעכטיקונג אָפּגעוואָרפן געוואָרן, הגם מיט קלענערער מערהייט. אין 1816 איז דער קאַמף אין דער פראַגע ווידער אויפגענומען געוואָרן און ערשט אין 1824 איז אַדורכגעגאַנגען אַ געזעץ וועגן פּאָליטישע רעכט פאַר יידן אין מערילאַנד. אין נאָרד־קאַראָליינא האָט די שטאַט־קאָנסטיטוציע אין יאָר 1776 אויסגעשלאָסן פון אַמטן אַלע נישט־פּראָטעסטאַנטן, ממילא נישט בלויז קאַטאָליקן, וועלכע זי האָט בעיקר געהאַט אין זין, נאָר אויך קוואַ־קערס, יידן און, ווי אַ רייע אַנדערע שטאַט־קאָנסטיטוציעס, אויך דע־איסטן און אַטעאיסטן. דאָ איז אָבער אין דער פּראַקטיק די באַגרענעצונג נישט אָפּגעהיט געוואָרן און נישט בלויז קאַטאָליקן זיינען נאָך בעת דער רעוואָלוציע אויסגעקליבן געוואָרן אויף הויכע אַמטן, נאָר אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט האָט אויך אַ ייד פאַרנומען אַ פּלאַץ אין דער גע־זעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג. אָבער בעת די פאָרמעלע באַגרענעצונג פון קאַטאָליקן איז בטל געוואָרן אין 1835, האָבן יידן אין נאָרד־קאַראָליינא באַקומען פולע געזעצלעכע גלייכבאַרעכטיקונג ערשט אין דער נייער שטאַט־קאָנסטיטוציע פון י. 1868.

די באַגרענעצונגען פון פּאָליטישע רעכט פון יידן, אין עטלעכע שטאַטן, אַחוץ דעם, וואָס זיי זיינען געווען על־פּי־רוב פאָרמעלע און נישט אָפּ־געהיט געוואָרן אין דער פּראַקטיק, זיינען נוגע געווען בלויז אַ קליינעם מיעוט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין צפון־אַמעריקע. און די שטאַטן, וואו עס איז געווען קאָנצענטרירט דער רוב מנין ובנין פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב, אין אַלע גרעסערע קהילות, איז די גלייכבאַרעכטיקונג גע־ווען אַ פולשטענדיקע, אי לויט דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע אי לויט די שטאַט־קאָנסטיטוציעס. די קהילה־פאַרוואַלטער פון פילאַדעלפיע, וואָס

האָבן אין זייער פּעטיציע פון 1783 פּאַרזיכערט, אַז די אָפּשאַפונג פון פּאָ־ליטישע באַגרענעצונגען האָט פאַר יידן בלויז אַ פּרינציפּיעלע באַדייטונג, ווייל זיי האָבן נישט בדעה צו קאַנדידירן אויף אַמטן, האָבן בלויז אויס־געדריקט די שטימונג פון אַ גרופּע גרויסע סוחרים: אין דער ווירקלעכ־קייט האָבן באַלד נאָך דער דערגרייכטער גלייכבאַרעכטיקונג שוין אין לעצטן צענדליק פון 18טן י״ה יידן אין די דריי גרעסערע קהילות, ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע און טשאַרלזטאָן, פאַרנומען אַמטן אין די פאַרשיידענע צווייגן פון אַדמיניסטראַציע, און אפילו אין געריכטסוועזן, און אויסגע־קליבן געוואָרן אין עטלעכע פאַלן אין די געזעצגעבנדיקע פאַרזאַמלונגען. אַם גרעסטן אין פּראָפּאָרציע איז שוין דעמאָלט געווען די צאָל יידישע באַאַמטע אין דרום־קאַראָליינאַ, וואו אין משך פון בלויז 6 יאָר, 1794־1800, זיינען פאַרצייכנט דריי יידן נאָמינירטע אויף אַמטן פון פּאָסט־מייסטער, אַחוץ נאָמינאַציעס אויף שטאָט־קאָמיסאַרן, שטאָט־ריכטער, שטייער־איינמאָנער א. אַנ. אין אַ נוסח, וואָס שלאָגט אָן דעם טאָן פון באַרימטן בריוו פון חסדאי אבן שפּרוט פון קאָרדאָווע צו יוסף, דעם מלך פון די כוזרים, דערציילן מיט צופרידנקייט וועגן דער דאָזיקער רעכטלעכער און געזעלשאַפטלעכער לאַגע, צוויי אָנגעזעענע יידן פון ניו־יאָרק, אלכסנדר בר צבי און שלמה בר יוסף שמשון (סימסאָן), געוועזענער פּרנס פון דער קהילה, אין אַ בריוו פון י. 1795 צו די יידן אין קעפּאַנג אין וויטן כינע:

„צו דער שטאָט קעפּאַנג אין דער מדינה האָנאַן צו די פּרנסים און זקנים אין דער אויבן־דערמאָנטער שטאָט אין כינע: ב״ה נייא יאָרק ראש חודש שבט תקנ״ה... און אגב בין איך אייך מודיע, אַז מיר וואוינען דאָ אין דער מדינה אַמעריקע אין נייא יאָרק און אין אַנדערע מקומות אין גרויס שלווה און יידן זיצן מיט ערלים אַלס ריכטער סיי אין ציווילע פּראָצעסן, סיי אין שטראָף־פּראָצעסן. דאָ איז פאַראַן אַרום 72 באַלעבאַטים און מיר האָבן אַ שול, וואָס הייסט שארית ישראל און אַנדערע מקומות מיט שולן און אַלע וואוינען אין גרויס שלווה . . . ״ („לעיר קעפּאַנג במדינת האנאן ליד פּרנסים וזקנים בעיר הנ״ל בטשעני. ב״ה נייא יארק ר״ח שבט תקנ״ה באלף הששי ליצירה... ואגב הנני מודיע לכם שאנו יושבים בכאן מדינת אמעריקא בנייא יארק ובשאר מקומות בשלוה גדול. וישראלים יושבים עם ערלים על הדין דיני ממונות הן דיני נפשות. בכאן יש כמו ע״ב בעלי בתים ויש לנו בה״כ הנקרא שארית ישראל ושאר מקומות עם בתי כנסיות וכולם יושבים בשלוה גדול . . . . ״).

די גלייכקייט פון אַלע בירגער פון לאַנד אָן אַ חילוק פון פאָלק און רעליגיע איז אויך באַטאָנט געוואָרן ווי די דערגרייכונג פון דער אַמע־ריקאַנער רעוואָלוציע אין דעם בריוו־אויסטויש צווישן די יידישע קהילות און וואַשינגטאָן. נאָך דער אינאַגוראַציע פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אַלס

פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין אַפּריל 1789, האָבן די פאַר־שטייער פון די פאַרשיידענע קירכעס אין לאַנד אים אַריינגעשיקט באַגרי־סונג־אַדרעסן, און וואַשינגטאָן האָט אויף יעדן אַדרעס באַזונדער גע־ענטפערט און אין אַ טייל פאַלן זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף די פאַרדינסטן און מעלות פון דער געגעבענער סעקטע (קוועיקערס) און אויף דעם פּרינ־ציפּ פון רעליגיעזער פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג. פון די זעקס אָר־גאַניזירטע יידישע קהילות אין לאַנד, האָבן די קהילות אין סאַוואַנאַ (אין מאַי 1789), ניופּאָרט (ביי דער געלעגנהייט פון וואַשינגטאָנס באַזוך אין דער שטאָט) און טשאַרלזטאָן, געשיקט איטלעכע באַזונדער איר באַגרי־סונג און צום סוף 1790 האָבן די קהילות („היברו קאָנגרעגעישאָנס") פון פילאַדעלפיע, ניו־יאָרק, ריטשמאָנד און טשאַרלזטאָן זיך פאַראייניקט אין איין באַגריסונג־בריוו.

באַזונדער כאַראַקטעריסטיש זיינען די באַגריסונגען דווקא פון די איינצעלנע קהילות, סאַוואַנאַ, ניופּאָרט און טשאַרלזטאָן, וואו עס ווערט בפירוש דערמאָנט, אַז אַדאַנק דער רעוואָלוציע, אין וועלכער וואַשינגטאָן האָט זיין גרויסן חלק, זיינען יידן „דערהויבן געוואָרן פון מצב פון פאָ־ליטישער דעגראַדאַציע און שווערער אונטערדריקונג צו וועלכן די פניות־דיקע, ענגע און אומליבעראַלע פּאָליטיק און אומטאָלעראַנטע פאַרפרומט־קייט („ביגאָטרי") האָט אונדז דערנידעריקט כמעט אין אַלע טיילן פון דער וועלט" (אַדרעס פון טשאַרלזטאָן) צו אַ גלייכן אָנטייל און געניוס פון „אַלע פּריווילעגיעס און רעכט פון פרייע בירגער" (סאַוואַנאַ).

אין ניופּאָרטער אַדרעס, אין נאָמען פון „די קינדער פון שטאַם פון אברהם", ווערט די גלייכקייט, וואָס די נייע רעגירונג, „אויפגעשטעלט דורך דער מאַיעסטעט פון פאָלק", האָט איינגעפירט, באַצייכנט נישט נאָר ווי אַ גלייכבארעכטיקונג פון רעליגיעס, נאָר ווי אַ גלייכבאַרעכטיקונג פון פעלקער: „זי האָט מיט אַ פרייגיביקייט צוגעטיילט אַלע די פרייהייטן פון געוויסן און אומבאַרירבאַרע רעכט („אימוניטעטן") פון בירגערשאַפט, און באַטראַכט יעדן איינעם פון יעדער איינער נאַציע, לשון און שפּראַך, ווי אַ גלייכן טייל פון גרויסן רעגירונג־אַפּאַראַט". אויך די פראַזן אין סטיל און אין דער טראַדיציע פון תנ"ך, מיט וועלכע עס זיינען אַדורכגעפלאָכטן, בפרט די באַגריסונג־בריוו פון ניופּאָרט און טשאַרלזטאָן, שפּיגלען אָפּ דאָס באַוואוסטזיין פון רעליגיעזע טראַדיציעס פון יידן, ווי אַ פאָלק: אין סטיל פון תהילים („הנותן תשועה") דערמאָנט דער בריוו פון ניופּאָרט אָן די צייטן פון דער רעוואָלוציע, ווען „דער גאָט פון ישראל, וואָס האָט אויסגעלייזט דודן פון דער סכנה פון שווערד, האָט באַשירעמט דיין קאָפּ אין טאָג פון קאַמף" און פאַרענדיקט מיט אַ תפילה, אַז „די מלאכים, וואָס האָבן געפירט אונדזערע אבות דורך דער מדבר אין צוגעזאָגטן לאַנד, זאָלן

מיט גנאָד דיך פירן דורך אַלע שוועריקייטן און סכנות פון עולם הזה״...

אין טשאַרלזטאָנער אַדרעס ווערט וואַשינגטאָן פאַרזיכערט, אַז „מיר און אונדזערע קינדס־קינדער וועלן נישט אויפהערן צו פאַרצייכענען און געדענקען דיך, צוזאַמען מיט משה, יהושע, עתניאל, גדעון, שמואל, דוד, יהודה המכבי, און אַנדערע הייליקע מענער פון פאַרצייטנס, וואָס גאָט האָט זיי אויפגעשטעלט, כדי אויסצולייזן אונדזער נאַציע, זיין פאָלק, פון זייער אונטערדריקונג.״

אין דער אויף סעקטאַנטיזם און תנ״ך־דערצויגענער אַמעריקע זיינען בכלל בעת דער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט פאַרגלייכן פון דער פאָליטישער לאַגע און קאַמף פון אַמעריקאַנער פאָלק מיט דער געשיכטע פון פאָלק ישראל: די פּריידיקער, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע, פלעגן פאַרגלייכן דעם ענגלישן קיניג דזשאָרדזש דעם IIIטן מיט פּרעה מלך מצרים, וואָס האָט נישט געוואָלט באַפרייען דאָס פאָלק ישראל, און זיי האָבן אים פאָראויסגעזאָגט דעם סוף פון אונטערדריקער פון פאָלק, דעם מלך רחבעם; עזרא סטיילס האָט געלויבט וואַשינגטאָנען ווי אַ נייעם יהושע בן נון, און די שטאַטן, וואָס זיינען געווען הינטערשטעליק אין העלפן דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי מיט געלט און רעקרוטן, פלעגן דערמאָנט ווערן ווי די באַוואוינער פון דער שטאָט מרוז, וואָס ווערן פאַרשאָלטן אין ליד פון דבורה הנביאה, דערפאַר „ווייל זיי זיינען נישט געקומען צו דער הילף פון גאָט צווישן די גבורים״.

דעם דאָזיקן נוסח ברענגט אויך אַריין וואַשינגטאָן אין זיינע ענטפערס אויף די באַגריסונגען פון די יידישע קהילות. דעם בריוו צו דער קהילה אין סאַוואַנאַ פאַרענדיקט ער מיט אַ וואונטש: „זאָל די זעלבע וואונדערלעכע גאָטהייט, וואָס האָט אַמאָל אויסגעלייזט די העברייער פון זייערע מצרישע אונטערדריקער און זיי פאַרפלאַנצט אין אַ צוגעזאָגטן לאַנד, וועמענס השגחה עליונה איז לעצטנס געווען אַזוי באַשיימפערלעך אין אויפריכטן די דאָזיקע פאַראייניקטע שטאַטן ווי אַן אומאָפּהענגיקע נאַציע, אויך אויף ווייטער זיי באַוואַסערן מיט דעם טוי פון הימל און מאַכן, אַז אַלע באַוואוינער פון יעדער דענאָמינאַציע זאָלן אָנטיילנעמען אין די וועלטלעכע און גייסטלעכע ברכות פון דעם פאָלק, וואָס זיין גאָט איז יעהאָוואה״. דער קהילה אין ניופּאָרט ווינטשט וואַשינגטאָן: „זאָלן די קינדער פון שטאַם פון אברהם, וואָס וואוינען אין דעם דאָזיקן לאַנד, אויך אויף ווייטער פאַרדינען און געניסן „פון דער פריינטלעכקייט („גוד וויל״) פון די אַנדערע איינוואוינער, בעת יעדער איינער וועט זיצן אין זיכערקייט אונטער זיין אייגענעם וויינשטאָק און פייגנבוים און עס וועט נישט זיין קיינער אייך צו דערשרעקן״. וואַשינגטאָן שטעלט זיך אויך אָפּ גאַנץ באריכות אויף

דער פראַגע פון גלײכבאַרעכטיקונג, וואָס איז באַטאַנט געוואָרן אין די באַגריסונגען. אין הסכם מיט דעם אויבן־דערמאַנטן אַקט פוןווירדזשיניע דערקלערט ער: „איצט איז שוין נישט קײן רײד מער וועגן טאָלעראַנץ, וואָרום עס וואָלט אויסגעקומען גלײך, ווי עס וואָלט געווען אַדאַנק דער נאָכגיביקײט פון אײן קלאַס פון פאָלק, וואָס אַן אַנדער (קלאַס) געניסט די מעגלעכקײט פון באַניצן זיך מיט זײנע אײנגעבוירענע נאַטירלעכע רעכט" (ענטפער דער קהילה ניופאָרט). אין ענטפער די קהילות אין סאַוואַנאַ און ניופאָרט דערקלערט וואַשינגטאָן, אַז אַמעריקע מעג זיך באַרימען דערמיט, וואָס זי האָט געגעבן דער מענטשהײט אַ בײשפּיל פון געוויסנס־פרײהײט און גלײכע רעכט פאַר אַלע בירגער. ער דריקט אויס זײן „פרײד, וואָס אַ גײסט פון ליבעראַליזם און מענטשן־ליבע הערשט אַ סך מער ווי אַמאָל צווישן די אויפגעקלערטע נאַציעס פון דער ערד, און וואָס אײערע ברידער וועלן דערפון געניסן אין דער מאָס, ווי ער וועט זיך נאָך מער פאַרשפּרײטן."

§5. יידן אין קאַמף צווישן פעדעראַליסטן און רעפּובליקאַנער

די באַציאונג צו יידן מצד דער אַרומיקער באַפעלקערונג איז אָבער אין יענער תקופה דאָך נישט געווען קײן אומגעשטערטע אידיליע, נאָר האָט אויך אַנטפּלעקט סימנים פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס פלעגן זיך באַווײזן ווי אַ באַגלײט־דערשײנונג פון אַנטי־דעמאָקראַטישע טענדענצן. נאָך בעת דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה זײנען פאָרגעקומען עפּיזאָדן פון עפנטלעכע דערקלערונגען, אומפרײנטלעכע צו יידן, נישט נאָר אין שײכות מיט דער פראַגע פון קאָנסטיטוציאָנעלער גלײכבאַרעכטיקונג, ווי אין אויבן־דערמאַנטן פאַל אין פילאַדעלפיע. אין דער „גאַזעט" פון סאַוט־קאַראָלײנאַ איז אין י. 1778 דערשינען אַן אָפענער בריוו, מיט אַ באַשולדיקונג, אַז בעת דזשאָרדזשיע איז אַטאַקירט געוואָרן דורך די ענגלענדער, זײנען מענטשן פון „שבט ישראל", וועלכע דער שרײבער האָט דערקענט לויט זײערע פּנימער, אַנטלאָפן פון דאָרט „מיט זײער אומערלעך דערוואָרבענעם פאַרמעגן" קײן טשאַרלזטאָן און „מיט פײגהײט אויסגעדרײט זיך מיט דער פליִיצע אין אַ מאָמענט פון סכנה צו דעם לאַנד, וואָס האָט זײ געגעבן ברויט און שוץ." די פאַלשקײט פון דער באַשולדיקונג איז אָבער באַלד אויפגעדעקט געוואָרן אין אַן ענטפער אין דער זעלבער צײטונג, געחתמעט דורך „אַן אמתן אַמעריקאַנער און געטרײען איזראַעליט": די פליטים, וועלכע דער שונא ישראל האָט געזען אויף די גאַסן פון טשאַרלזטאָן, זײנען געווען לויטער פרויען און קינדער; די מענער האָבן באַלד זיך אומגעקערט קײן דזשאָרדזשיע, אַזוי ווי זײ האָבן נאָר געהערט וועגן דער בריטישער אײנ־

וואָזיע „און זיי געפינען זיך איצט אויפן שלאַכטפעלד מיט זייערע מיט־בירגער, און טוען דאָס, וואָס יעדער ערלעכער אַמעריקאַנער דאַרף טאָן . . . די איזראַעליטן פון טשאַרלזטאָן האָבן זיך, די ליוב צו גאָט, ביז איצט אַזוי שטאַנדהאַפטיק געהאַלטן, ווי אַלע אַנדערע בירגער פון דעם דאָזיקן שטאַט . . . "

ספּאָראַדישע באַשולדיקונגען קעגן יידן אין נישט־לאָיאַלקייט באַווייזן זיך נאָך אין י. 1784 און 1785 אין דער פּובליציסטיק פון שטאַט דזשאָרדזשיע. ווי אַ באַזונדערן חשד קעגן לאָיאַלקייט פון יידן האָט אויך אויפגענומען דער פּראָמינענטער ייד פון ניופּאָרט משה מיכאל הייס די אויפפאָדערונג פון אַ קאָמיסיע פון דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון ראָוד־איילאַנד אין י. 1776, ער זאָל זיך פאַר איר שטעלן און דערקלערן דורך אַ חתימה זיין געטרייקייט צו דער רעוואָלוציע, הגם צווישן די אויפגעפאָדערטע 71 פּערזאָנען זיינען געווען בלויז פיר יידן, און צווישן זיי טאַקע יצחק האַרט, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ווי אַן אַנהענגער פון שונא; הייס — פּונקט ווי די איבעריקע דריי יידן — האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן די געפאָדערטע חתימה, האַלטנדיק עס פאַר אַ באַליידיקונג, בעת אַזאַ דעקלאַראַציע ווערט נישט געפאָדערט פון אַלע בירגער, און אויסדריקנדיק דערביי אויך, דרך אגב, דעם פּראָטעסט, וואָס יידן האָבן נישט „קיין שטים־רעכט און קיין שטימע צוזאַמען מיט אַלע שטימערס", אין דער דאָזיקער קאָלאָניע. אַ בפירוש אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער און אַן אויסגערעכנטע פּאָליטישע טענדענץ ווייזן אויף עטלעכע שאַרפע אַטאַקעס קעגן יידן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין רעאַקציאָנערע אָרגאַנען פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע אין די לעצטע יאָרן פון 18טן י"ה.

די אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה האָט פּונקט ווי איר ייִנגערע שוועסטער, די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, געבראַכט אין רעזולטאַט, אַחוץ דער איינשטעלונג פון אַ רעפּובליקאַנער סיסטעם, אויך באַדייטנדיקע סאָציאַלע ענדערונגען. נישט נאָר זיינען בטל געוואָרן די אָפּצאָלן פון פאַרמערס און פּלאַנטאַטאָרן פאַר דעם ענגלישן קיניג און פאַר עטלעכע פאַמיליעס פון פּריוואַט־באַזיצער פון קאָלאָניעס, נאָר די פאַרמערס האָבן אויך באַקומען אַ שפע פון לאַנד: פון איין זייט זיינען איצט פריי געוואָרן פאַר קאָלאָניזאַציע די ריזיקע שטחים אין מערב פון דער אַמאָליקער גרענעץ פון די קאָלאָניעס, די אַלעגעני־בערג; פון דער אַנדערער זייט זיינען די גרויסע גיטער פון אַ הונדערט טויזנט אַנטלאָפענע „טאָריס" קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג און פאַרצעלירט געוואָרן צווישן פאַרמערס פאַר אַ צוגענגלעכן פּרייז.

באַלד נאָך דער זיגרייכער פאַרענדיקונג פון דער מלחמה זיינען אָבער אויפגעשוואומען די ברענענדיקע סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען,

וואָס האָבן אויפגערודערט דאָס לאַנד: די פראַגע פון די גרויסע חובות פון דער פעדעראַלער רעגירונג און פון די שטאַטן, וועלכע די רייכע קלאַסן האָבן איבערגעוואָרפן אויף דער ברייטער אַרבעטנדיקער באַפעל־קערונג; די פראַגע פון פאַרבאַטן דעם שקלאַפן־האַנדל און פון אָפשאַפן שקלאַפעריי; דער ענין פון אַ דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע מיט גלייכע פּאָליטישע רעכט פאַר אַלע, אָן אַ חילוק פון פאַרמעגן־צושטאַנד און פון רעליגיעזער אָנגעהעריקייט, סיי אין דער פעדעראַלער מלוכה סיי אין די באַזונדערע שטאַטן; די גרענעצן פון דער אויטאָנאָמיע פון די באַזונדערע שטאַטן לגבי דער צענטראַל־מאַכט פון דער פעדעראַלער רעגירונג.

אין קאַמף צווישן די צוויי פּאַרטייען, די פּלוטאָקראַטישע פעדעראַ־ליסטן אונטער דער אָנפירונג פון אַלעקסאַנדער האַמילטאָן און די דע־מאָקראַטישע אַגראַריער, רעפּובליקאַנער, אָנגעפירט דורך טאָמאַס דזשע־פערסאָן, איז די פעדעראַלע קאָנסטיטוציע פון י. 1787 געווען אַ קאָמ־פּראָמיס; די רעגירונג איז אָבער ביז 1801 געבליבן אין די הענט פון די פעדעראַליסטן, צו וועלכע עס האָט זיך אויך גענייגט דער ערשטער פּרעזידענט, וואַשינגטאָן, און וועלכע האָבן אויך אַדורכגעפירט די וואַל פון דזשאָן אַדאַמס אַלס זיין נאָכפאָלגער. אַחוץ די פראַגן פון אינער־לעכער פּאָליטיק זיינען די צוויי פּאַרטייען געווען שאַרף צעטיילט אין דער אויסערלעכער אָריענטאַציע. אין דער מלחמה צווישן רעוואָלוציאָ־נערן פראַנקרייך און ענגלאַנד האָט אַמעריקע אין י. 1793 דערקלערט איר נייטראַליטעט, אָבער דער דאָזיקער צושטאַנד איז ביי דעם דרוק פון ביידע קעמפנדיקע מלוכות געווען שווער צו דערהאַלטן. בעת די רעפּובלי־קאַנער האָבן אָפן דעקלאַרירט זייערע סימפּאַטיעס פאַר דער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע, האָבן די פעדעראַליסטן, צוליב דער מורא פאַר אַ רע־וואָלוציאָנערן אויפשטייג אין לאַנד, געהעצט צו אַ מלחמה קעגן פראַנק־רייך, און געשטעמפּלט די דעמאָקראַטישע רעפּובליקאַנער ווי „יאַקאָבי־נער", אַ באַצייכנונג, וואָס איז אין זייער מויל געווען אַ זידל־וואָרט. אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע האָבן זיך אויך באַוויזן פרואוון פון עטלעכע פעדעראַליסטישע פּובליציסטן צו דיסקרעדיטירן די דעמאָקראַטישע ריכ־טונג דורך צוקלעפּן איר דעם שטעמפּל פון אַ יידישער באַוועגונג און צו פאַרשוואַרצן די יידן דורך נידעריקע זילזולים.

עס האָט געאַרט די רעאַקציאָנערע פעדעראַליסטן, די שונאים פון דעמאָקראַטיע, די מלחמה־העצער און בעגער־האָסער, וואָס יידן זיינען טאַקע געווען אַקטיוו אין דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין לאַנד, בפרט אין ניו־יאָרק און אין פילאַדעלפיע. אין דער „דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט", וואָס האָט זיך געגרינדעט אין ניו־יאָרק אין י. 1794, איז דער דערמאָנ־טער אָנפירער פון דער יידישער קהילה, שלמה סימסאָן (שמשון) געווען

וויצע־פּרעזידענט און שפּעטער פּרעזידענט. דער זעלבער שלמה סימסאָן איז געווען אין י. 1798 פאַרזיצער פון אַ מאַסן־מיטינג אין ניו־יאָרק, וואָס האָט אויפגעפאָדערט דעם קאָנגרעס אָנצונעמען מיטלען קעגן די אַטאַקעס פון ענגלאַנד אויף דעם אַמעריקאַנער האַנדל. אַן אַנדער פּרנס פון דער ניו־יאָרקער קהילה, דער דרוקער און בוך־הענדלער נפתלי יודא איז געווען טעטיק אין דער זעלבער „דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט", און איז אויך, צוזאַמען מיט עטלעכע אַנדערע יידן, געווען אַן אָנגעזעענער מיט־גליד פון דער „טעמעני געזעלשאַפט", דער מוטער־אָרגאַניזאַציע פון הייב־טיקן ניו־יאָרקער „טעמעני־האָל". אין פילאַדעלפיע איז געווען אַקטיוו אין דער דאָרטיקער „דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט", בנימין נאָנעס, לאַנג־יאָריקער פּרנס פון דער קהילה. אַ סך מוט און ווירדע האָט אויך אַרויס־געוויזן דער רעליגיעזער אָנפירער פון דער ניו־יאָרקער קהילה, דער חזן גרשום מענדעס סיישאַס. אין זיין דרשה פון 9טן מאַי 1798, אין טאָג וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווי אַ נאַציאָנאַלער תענית, האָט ער להיפך צו די מערסטע פּריי־דיקער פון יענעם טאָג, וואָס האָבן זייער שטענדער אויסגענוצט פאַר אַ מלחמה־העצע קעגן פראַנקרייך, אַפּעלירט צום שלום און איינשטימיקייט.

פאַר אַ טייל פעדעראַליסטישע זשורנאַליסטן זיינען די אַלע פאַקטן געווען אַ גלעגנהייט אונטערצונעמען אַן אַטאַק קעגן יידן. אין 1795 האָט דער רעדאַקטאָר פון אַ ניו־יאָרקער פעדעראַליסטישער צייטונג דזשעימס ריווינגטאָן, אין דער הקדמה צו אַן אַמעריקאַנער אויסגאַבע פון אַ בריטישן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן ראָמאַן, באַצייכנט די דעמאָקראַטישע קלובן ווי פראַנצויזישע אַגענטורן און די ניו־יאָרקער דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט ווי „אַ באַנדע שלעפּער, וואָס מען קען לייכט דערקענען לויט זייער פּי־זיאָגנאָמיע; זיי אַלע ווייזן אויס צו זיין ווי זייער וויצע־פּרעזידענט (גע־מיינט שלמה סימסאָן) קינדער פון שבט שיילאָק..."

דעם יידן־העצער האָט אָפּגעענטפערט איינער פון די דעמאָקראַטישע פירער אין ניו־יאָרק, דער רעדאַקטאָר טאָמאַס גרינליף: צווישן אַנדערע האָט ער אָנגעוויזן, אַז אין דעם אָריגינעלן מקור פון דער דערציילונג, אויף וועלכער שעקספּיר האָט אויפגעבויט זיין „סוחר פון ווענעציע" איז דווקא אַ קריסט צוגעטיילט געוואָרן די ראָלע פון אַ שיילאָק; מיט אַ רמז אויף ריווינגטאָנס דינסט לטובת ענגלאַנד בעת דער רעוואָלוציע, פאַר־זיכערט ער אים, אַז דער „צאַלרייכער קלאַס בירגער" (יידן), וועלכע ער האָט באַליידיקט, „זיינען לכל הדעות מער אויפריכטיק אין זייער איבער־געגעבנקייט צו די אינטערעסן פון אַמעריקע" ווי ער אַליין; וואָס שייך דעם וויצע־פּרעזידענט (שלמה סימסאָן) דריקט ער אויס די איבערצייי־גונג, אַז ער פילט זיך געערט דורך דער באַצייכנונג ייד, „וואָרום יודאַאיזם

איז זיין רעליגיעזער גלויבן, פונקט ווי דעמאָקראַטיע איז זיין פּאָליטישע איבערצייגונג."

פונקט אַזוי אומווירדיק ווי דער אַטאַק פון אַ ניו־יאָרקער פעדעראַליסט אויף שלמה סימסאָן, איז געווען אַן אָנפאַל אויף בנימין נאָנעס, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער פילאַדעלפיער פעדעראַליסטישער „גאַזעט אָוו דהי יונייטעד סטייטס" אין י. 1800, און וואָס איז פונקט ווי יענער געווען געצילט צו פאַרשוואַרצן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. דער שרייבער פון דער קאָרעספּאָנדענץ מאַכט חוזק, וואָס אויף אַ מיטינג פון „יאַקאָבינער" (דער „דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט"), וועלכע ער האָט באַזוכט, האָט זיך געפונען „דער אָפּפאַל און שמוץ פון דער געזעלשאַפט"; דער פאָרזיצער איז געווען אַ שניידער, דער סעקרעטאַר אַ שוסטער, און צווישן עולם איז אויך געווען אַ נעגער און אַ ייד (בנימין נאָנעס), וואָס האָט זיך מכלומרשט פאַרענטפערט, אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין סך געלט ביישטייערן פאַר די קאָסטן פון זאַל.

בנימין נאָנעס' ענטפער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אַ דעמאָקראַטישער צייטונג — די „גאַזעט" האָט אים נישט געוואָלט אָפּדרוקן — איז אַזוי ווירדיק אין טאָן און אינהאַלט, אַז ער פאַרדינט אַריינגענומען צו ווערן צווישן די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון דער געשיכטע פון יידישן זעלבסטבאַוואוסטזיין און פון יידישן פּאָליטישן געדאַנק. אָט זיינען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטעלן פון בנימין נאָנעס' אַרטיקל:

„איך ווער באַשולדיקט, אַז איך בין אַ ייד, אַז איך בין אַ רעפּובליקאַנער און אַז איך בין אָרעם. איך בין אַ ייד. איך בין שטאָלץ, וואָס איך געהער צו דער דאָזיקער רעליגיע, וואָס אפילו אירע קעגנער, קריסטן פונקט ווי מאַהאָמעדאַנער זיינען מודה, אַז זי איז פון אַ געטלעכן מקור; צו דער דאָזיקער רעליגיע, וואָס האָט איר אמונה דערהאַלטן גאַנץ און אומבאַפלעקט אין משך פון קרוב דריי טויזנט יאָר און וואָס אירע אָנהענגער האָבן קיינמאָל נישט געמאָרדעט איינער דעם אַנדערן אין רעליגיעזע מלחמות . . . אַ רעליגיע, וואָס אירע געדולדיקע נאָכגייער זיינען אויסגעשטאַנען דורך דורות די פרומע אכזריותן פון געצנדינער און פון קריסטן און וואָס האָבן אויסגעהאַלטן . . . יסורים, שטראָפן, קאָנפיסקאַציעס, גירושים, מאַטערנישן און טויט, וואָס האָט נישט קיין גלייכן ביי קיין שום אַנדער סעקטע, וועלכע איז ביז היינט פאַרצייכנט אין די בלעטער פון דער געשיכטע — — — אָבער איך בין אַ ייד; יאָ, איך בין עס; און דאָס איז געווען אברהם און יצחק און משה און די נביאים, און דאָס איז אויך געווען קריסטוס און זיינע אַפּאָסטאָלן; און איך האַלט עס נישט פאַר קיין אומכבוד צו זיין פאַררעכנט צווישן אַזאַ געזעלשאַפט. — — —

איך בין אַ רעפּובליקאַנער! גאָט צו דאַנק בין איך נישט אַזוי אומ־

גערוואָרנט און אַזוי איגנאָראַנט וועגן דעם וואָס איז פאָרגעקומען און וואָס
קומט איצט פאָר אין דער פּאָליטישער וועלט. איך בין נישט אַזאַ בעל־
גאווה אָדער אַזוי פאַרבלענדט דורך פאָראורטיילן, אַז איך זאָל זיך אָפּ־
זאָגן פון דער זאַך, פאַר וועלכער איך האָב געקעמפט ווי אַן אַמעריקאַנער
אין משך פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער מלחמה; אין דער מיליץ
פון טשאַרלזטאָן און אין פולאַסקיס לעגיאָן האָב איך געקעמפט כמעט אין
יעדער אַקציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַראָליינאַ און אין דעם אומ־
גליקלעכן עפּיזאָד פון סאַוואַנאַ האָב איך אָנטיילגענומען אין די מאַטער־
נישן פון יענעם בלוטיקן טאָג*; אין משך פון 23 יאָר האָב איך נישט
געפילט קיין נטיה צו ענדערן מיינע פּאָליטישע פּונקט ווי מיינע רעליגיעזע
פּרינציפּן און אויף צו להכעיס די פעדער־קראַצער פון דער אַריסטאָ־
קראַטיע וועל איך זיי האַלטן הייליק ביז צום טויט . . . צוליב רעלי־
גיעזע מאָטיוון בין איך אַ רעפּובליקאַנער . . . אין דער געשיכטע פון יידן
זיינען פאַראַן די פריסטע וואָרנונגען קעגן דער רעגירונג פון מלכים,
ווי עס ווייסט יעדער וואָס האָט געלייענט די מעשה מיט אבימלך, אָדער
די אזהרות פון שמואל . . . איך בין אַ ייד, און אויב נישט צוליב אַן
אַנדערן טעם, בין איך צוליב דעם טעם אַ רעפּובליקאַנער. ביי די פרומע
פּריסטער פון דער קירך האָט מען רחמנות און מען שטעלט אונדז אין
איין רייע מיט טערקן, אומגלייביקע און כופרים. אין די מאָנאַרכיעס פון
אייראָפּע ווערן מיר געיאָגט פון דער געזעלשאַפט, באַצייכנט ווי אומווירדיק
פאַר געוויינלעכער העפלעכקייט, באַזייטיקט פון פאַרקער מיט מענטשן —
אַ געגנשטאַנד פון שפּאָט און שאַנד פאַר צעלאָזטע קינדער, אַ צילברעט
פאַר וואולגאַרע וויצן און געמיינע ליצנות, אַזאַ, פון וועלכן אייער קאָ־
רעספּאָנדענט** שעמט זיך נישט אונדז צו געבן אַ ביישפּיל. צווישן די
נאַציעס פון אייראָפּע זיינען מיר אומעטום איינוואוינער, אָבער בירגער
אין ערגעץ נישט, אַ חוץ אין רעפּובליקן. בלויז דאָ, אין פראַנקרייך און
אין דער באַטאַווישער רעפּובליק,*** ווערן מיר באַהאַנדלט ווי מענטשן
און ווי ברידער. אין רעפּובליקן האָבן מיר רעכט, אין מאָנאַרכיעס לעבן
מיר בלויז כדי אויסצושטיין אומרעכט. — — — ווי אַזוי קאָן בכן אַ ייד
זיין עפּעס אַנדערש ווי אַ רעפּובליקאַנער? בפרט אין אַמעריקע. אָן גע־
פיל און אָן דאַנקבאַרקייט וואָלט אַ ייד געווען, ווען ער זאָל זיין פאַרהאַר־
טעוועט (אומעמפּינדלעך) לגבי דער גלאָררייכער און מענטשן־פריינטלע־

* געמיינט די שלאַכט פון 29טן דעצעמבער 1778, ווען די בריטישע חיילות
האָבן איינגענומען סאַוואַנאַ.

** געמיינט דעם מחבר פון אָפענעם בריוו אין דער „גאַזעט".

*** האָלאַנד.

כער זאַך, וואָס איז די סיבה פון חילוק צווישן זיין לאַגע אין דעם דאָזיקן לאַנד פון פרייהייט און זיין לאַגע ביי די גאָוהדיקע און פּריווילעגירטע געזעץ־געבער פון אייראָפּע.

„אָבער — (מען וואַרפט מיר אָפּיר) איך בין אָרעם. יאָ, איך בין עס, איך האָב אויך אַ גרויסע, אָבער ערנסט און אָנשטענדיק־דערצויגענע פאַמיליע. זיי זיינען נישט אויסגעלערנט חוזק צו מאַכן פון אַ קריסט דער־פאַר, וואָס זיין רעליגיע איז נישט אַזוי אַלט ווי זייערע. — — — איך ווייס, אַז פאַר דער שטאָלצער אויפן געלט־בייטל אַריסטאָקראַטיע איז אָרעמ־קייט אַ פאַרברעכן, אָבער עס טרעפט זיך, אַז אָרעמקייט גייט אַמאָל צו־זאַמען מיט ערלעכקייט, אַפילו ביי אַ ייד" . . .

די אַנטיסעמיטישע עפּיזאָדן פון סוף 18טן י״ה, הגם כאַראַקטערי־סטיש ווי אַ באַגלייט־דערשיינונג פון רעאַקציע, האָבן דאָך אין אַמעריקע פון יענער צייט זיך נישט פאַרשפּרייט אין אַ באַוועגונג אַפילו אין רעכטן, פעדעראַליסטישן לאַגער * און האָבן אויך נישט איבערגעלאָזט קיין דויערנדיקן רושם אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. פאַרקערט אָבער די פעסטע האַלטונג פון די דעמאָקראַטישע רעפּובליקאַנער, אין וועלכער יידישע פּאָליטיקער האָבן אויך געהאַט אַ ווירדיקן חלק, האָט פאַרהיט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מלחמה פון אַמעריקע קעגן פראַנקרייך און איז געקרוינט געוואָרן מיט דער וואַל פון טאָמאַס דזשעפערסאָן אַלס פּרעזי־דענט אין 1800. אין משך פון 8 יאָר פון דזשעפערסאָנס רעגירונג איז נישט בלויז מעכטיק אויסגעוואַקסן די טעריטאָריע פון די פאַראייניקטע שטאַטן (דער קויף פון לואיזיאַנאַ), נאָר עס האָט זיך אויך סטאַביליזירט אי דער דעמאָקראַטישער רעזשים אין לאַנד, אי די אויסערלעכע פּאָלי־טיק, וואָס איז געווען געשטיצט אויף שלום מיט פראַנקרייך. די דאָזיקע

---

* וואָס דער פעדעראַליסטישער פּרעזידענט פון אַמעריקע, דזשאָן אַדאַמס, האָט אַליין געטראַכט וועגן יידן, קאָן מען זען פון זיין בריוו פון סוף 1808 צום גע־לערנטן פ. א. פאַן דער קעמפּ, וואו ער דריקט אויס זיין דערשטוינונג איבער דער אַנטי־יידישער שטעלונג פון וואָלטערן: „ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז דער דאָזיקער אַלטער מאַן זאָל האָבן פאַרגעשטעלט די העברייער אין אַזאַ פאַראַכטלעכן ליכט? זיי זיינען די גלאָררייכסטע נאַציע, וואָס האָט ווען עס איז באַוואוינט די ערד. די רוימער מיט זייער אימפּעריע זיינען געווען נישט מער ווי אַ זייפן־בלאָז אין פאַרגלייך מיט די יידן. זיי האָבן געגעבן רעליגיע דריי־פערטל פון ערד־קיילעך און האָבן משפּיע געווען די ענינים פון דער מענטשהייט מער און דערפאָלגרייכער ווי יעדע אַנדערע נאַציע סיי אין אַלטערטום סיי אין דער ניי־צייט". די דאָזיקע איבערצייגונג פון פּרע־זידענט אַדאַמס האָט אים נישט געשטערט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט זיך אויסצודריקן אין אַ בריוו, אַז ער האָט יידן נישט שטאַרק ליב, פּונקט ווי אויך נישט פראַנצויזן, ענגלענדער, רוימער און גריכן; אויך דערביי חזרט ער אָבער איבער זיין באַוואונ־דערונג פאַר דעם אויפטו פון יידן פאַר דער ציוויליזאַציע. ער האָט בכן אָפּגעטיילט איבערצייגונג פון פּערזענלעכן מאַנגל אין סימפּאַטיע!

פּאָליטיק האָט אויך פאַרגעזעצט דער אַ סך געמעסיקטערער נאָכפאָלגער פון דזשעפערסאָן אויפן אַמט פון פּרעזידענט, דזשעימס מעדיסאָן. אין דער בלאָקאַדע־מלחמה צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואָס האָט געשטערט דעם אַמעריקאַנער האַנדל אויפן ים, איז ענגלאַנד אָנערקענט געוואָרן ווי דער שונא און ענגלאַנדס פּראָוואָקאַציעס האָבן דערפירט צו דער בריטיש־אַמעריקאַנער מלחמה פון י. 1812.

§6. די מלחמה פון 1812 און אויסשפּרייטונג פון יידישן ישוב

די מלחמה פון 1812 האָט בכלל אין לאַנד אַרויסגערופן אַ סך ווייניקער פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם ווי די אומאָפּהענגיקייט־מלחמה קעגן ענגלאַנד מיט קנאַפּע פיר צענדליק יאָר פריער. בפרט האָבן די שטאַטן פון ניי־ענגלאַנד, צוליב צייטווייליקן היזק אין האַנדל, באָיקאָטירט די מלחמה, וועלכע זיי האָבן אָנגערופן „מיסטער מעדיסאָנס מלחמה". אין דער דאָזיקער לאַגע איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש דער אָנטייל פון יידן אין דער מלחמה, וואָס איז לויט דער צאָל באַטייליקטע אָפיצערן און סאָלדאַטן נישט געווען קלענער ווי אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. בעת אין דער ערשטער מלחמה זיינען יידן געווען טעטיק אין קאַמף בעיקר אין דער מיליץ, באַשטייט איצט די רשימה פון יידישע מיליטערלייט, קודם כל, פון מיטגלידער פון דער רעגולערער אַרמיי.

די נייע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע שטעלונג פון יידן אין לאַנד אילוסטרירט די גאָר באַדייטנדיקע פּראָפּאָרציע פון יידישע אָפיצערן. בעת אין סאַוט־קאַראָליינא קאָן אין דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה פעסטגעשטעלט ווערן מיט זיכערקייט בלויז איין יידישער אָפיצער, אַ קאַפּיטאַן, געפינען מיר אין דער מלחמה פון 1812 אין זעלבן שטאַט 6 יידישע אָפיצערן אין דער אַרמיי, אַחוץ 2 אין דער מיליץ. עס טרעפט זיך שוין אויך אַ יידישער אָפיצער וואָס האָט געענדיקט די מיליטערישע אַקאַדעמיע אין וועסט פּאָינט. עטלעכע יידן דינען שוין איצט אויך אין פלאָט, צווישן זיי דער שיפסקאַפּיטאַן אוריה לעווי, וואָס איז שפּעטער געווען פּאָפּולער אונטערן טיטול פון אַ קאָמאָדאָר. אין זיין צוואה האָט ער געהייסן אויסקריצן אויף זיין מצבה דעם פאַרדינסט, וואָס ער האָט גורם געווען אָפּצושאַפן די שטראָף פון שמיץ אין אַמעריקאַנער מלחמה־פלאָט. פּונקט ווי אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה באַטייליקן זיך אויך אין 1812 יידישע סוחרים אין „פּריוואַטיר"־עסקים פון אויפכאַפּן דעם שונאס שיפן און פּונקט ווי דעמאָלט ווייזן זיי אַרויס זייער פּאַטריאָטיזם דורך צייכענען די מלוכה־הלוואות. דעם המשך פון דער פּאַטריאָטישער שטעלונג פון אַמעריקאַנער יידן סימבאָליזירט אָבער אַמבעסטן דער פאַקט, וואָס די יידישע אָפיצערן

אין דער אַנטי־בריטישער מלחמה זיינען על פּי רוב זין און קרובים פון יענע יידישע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער רעוואָ־לוציאָנערער מלחמה, די פיליפּס, סאַלאָמאָנס, גראַץ, סיישאַס א. אַז. וו. אויך נאָך דער מלחמה פון 1812 ווערן די פּאַטריאָטישע פאַרדינסטן פון יידן דערמאָנט ווי אַ באַגרינדונג פאַר זייער רעכט אויף בירגערלעכער גלייכ־קייט אין די שטאַטן וואו עס זיינען נאָך געבליבן דיסקרימינאַטאָרישע גע־זעצן: אין דער דעבאַטע אין דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג פון מע־רילאַנד וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג ווייזט אָן אַ קאָלאָנעל אויף דער ראָלע פון מאַיאָר אברהם מאסיאַס, אַ מיטגליד פון דער קהילה אין טשאַרלזטאָן און רעפּרעזענטאַנט אין קאָנגרעס, אין דער פאַרטיידיקונג פון די דרום־שטאַטן קעגן דער ענגלישער אינוואַזיע אין י. 1815.

אין דער תקופה צווישן די צוויי מלחמות, 1775־1812, איז די יידישע באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן געשטיגן ביז לערך 3,000־3,500 נפשות. די מלחמה באַדינגונגען און די בלאָקאַדע אויפן ים האָבן גורם געווען, אַז די אימיגראַציע פון יידן קיין אַמעריקע אין יענע יאָרן זאָל ניט זיין קיין גרויסע. בעת דער אומאָפּהענגיקייט מלחמה איז אָנ־געקומען אַ צאָל יידן פון דייטשלאַנד צוזאַמען מיט דער העסישער אַרמיי פון געדונגענע זעלנער אין דינסט פון ענגלאַנד, אַלס מאַרקעטאַנער און הענדלער. נאָך דער רעוואָלוציע איז פאַרגעקומען אַן אימיגראַציע פון קליינע גרופּעס פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, האָלאַנד, פּוילן און וועסט־אינדיעס. אַם מערסטן האָט געוואַקסן פון דער דאָזיקער אימיגראַ־ציע די קהילה פון טשאַרלזטאָן (דרום־קאַראָליינאַ), וואָס האָט אין 1812 געציילט 600־700 נפשות און איז ביז צום סוף פון ערשטן פערטל פון 19טן י״ה געבליבן די גרעסטע יידישע קהילה אין אַמעריקע.

די ניו־יאָרקער קהילה איז איצט געווען די צווייטע אין דער ריי, מיט בערך 400־450 נפשות. אויסגעוואַקסן איז אויך די קהילה איי פילאַ־דעלפיע, וואָס האָט געציילט בערך 30 משפחות (150־200 נפשות) און עס איז צוגעקומען די קהילה אין ריטשמאָנד (אין שטאַט ווירדזשיניאַ) בערך פון דער זעלבער גרויס. אַ סך גרעסער ווי פאַר דער רעוואָלוציע איז איצט די צאָל קליינע גרופּעס יידן איבערן לאַנד, בפרט אין דרום־קאַראָליינאַ און אין פּענסילווייניע, אָבער אויך אין שטאַטן וואו יידן האָבן נישט גע־וואוינט פאַר דער רעוואָלוציע, ווי מערילאַנד (שטאַט באַלטימאָר), קאָנע־טיקוט, מאַסאַטשוסעטס (שטאַט באָסטאָן). פון די עלטערע צוויי קהילות אין דזשאָרדזשיע און ראָוד־איילאַנד, איז די קהילה אין סאַוואַנאַ אין דער דאָזיקער תקופה שטאַרק רעדוצירט געוואָרן דורך אויסוואַנדערונג קיין דרום־קאַראָליינאַ און די אַמאָל־בליענדיקע קהילה אין ניופּאָרט האָט צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט, אַחוץ עטלעכע יידישע פאַמיליעס פאַרבליבענע

אין שטאָט, אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די ספרי־תורות פון דער שיינער שול „ישועת ישראל" זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ניו־יאָרק.

דער דירעקטער גורם פון דער ליקווידאַציע פון דער קהילה אין ניופּאָרט איז געווען די צעשטערונג פון דער שטאָט בעת דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה. דער פאַקט אָבער, וואָס די צעשטערטע שטאָט האָט שפּעטער שוין צענדליקער יאָרן ניט געקאָנט קומען צו זיך, איז געווען אַ רעזולטאַט פון ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון לאַנד נאָך דער רעוואָלוציע. דער „דריי־עק" שקלאַפן־האַנדל איז אין די צפון־שטאַטן אונטערגעגאַנגען און נאָך דעם פאַרבאָט פון האַנדל מיט אימפּאָרטירטע שקלאַפן אין 1807 איז דער דאָזיקער האַנדל אָנגעפירט געוואָרן, אומלעגאַל, בלויז אין די דרום־שטאַטן. דער קאָלאָניאַלער האַנדל בכלל, פונקט ווי דער אַמאָליקער אויסטויש פון רוי־שטאָפן אויף סחורות פון ענגלאַנד האָט אויפגעהערט צו שפּילן די ראָלע אין אַמעריקעס האַנדלס־בילאַנס. דער אויפבלי פון אַגריקולטור אין די אַלטע דרייצן שטאַטן גופא און בפרט אין די ריזיקע טעריטאָריעס אין מיטל־מערב, האָט אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַץ פון אַמעריקאַנער אויסן־האַנדל דעם עקספּאָרט פון תבואה, פלייש, באַוול, טאַבאַק, האָלץ און אַנדערע פּראָדוקטן פון פאַרמער און פּלאַנטאַטאָרן. די דאָזיקע אַנטוויקלונג צייכנט זיך אויך אויס אין יידישן עקאָנאָמישן סעקטאָר מיט דעם אויפקום פון נייע כוחות. דאָס אָרט פון די אַמאָליקע קאָלאָניאַלע גרויס־סוחרים פאַרנעמען איצט אונטערנעמער אויפן געביט פון האַנדל מיט די ניי־איינגענומענע שטחים אין מיטל־מערב. די יידישע פּיטער־סוחרים פון פּענסילווייניע, בפרט פון דער פאַמיליע גראַץ, דרינגען אַריין אין זייער מסחר אין די נייע טעריטאָריעס פון אָהייאָ, קענטאָקי, אינדיאַנאַ, אילינאָי, מישיגען און מיסיסיפּי, בויען אויף האַנדלס־סטאַנציעס און נעמען אָנטייל אין קאָמפּאַניעס, וואָס נעמען אונטער די גרינדונג פון ישובים אין די דאָזיקע געגנטן. די באָדן־ספּעקולאַציע פון די זעלבע סוחרים נעמט אַרום אויך די אַלטע טעריטאָריע פון די פאַראייניקטע שטאַטן: די שטאָט אַראָנסבורג אין פּענסילווייניע איז אין י. 1780 געגרינדעט געוואָרן דורך דעם סוחר אהרן לעווי פון לאַנקאַסטער, וועלכער האָט זי אויך אַליין אויספּלאַנירט. צום סוף פון דער דאָזיקער תקופה באַווייזן זיך אויך שוין די ערשטע וואַנדערנדיקע יידישע פּעדלער, וואָס פאַרזאָרגן די ניי־באַזעצטע פאַרמער מיט גאַלאַנטעריע און אַנדערע אַרטיקלען.

§7. די קהילה, איר אָרגאַניזאַציע און טעטיקייט

אין משך פון דער תקופה זינט דער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט

זיינען אויך פאַרגעקומען גאַנץ באַדייטנדיקע שינויים סיי אין דער אָר־גאַניזאַציע פון די עטלעכע קהילות אין לאַנד, סיי אין קולטור־מצב פון די פאַר טויזנט קהילה־מיטגלידער.

אַלע אַמעריקאַנער יידישע קהילות פון דער דאָזיקער עפּאָכע זיינען אָר־גאַניזירט געוואָרן דורך ספרדישע יידן און האָבן אויך געהאַט אַנטשפּרעכנ־דיקע נעמען, וואָס זיינען געווען אַ טראַדיציע ביי די אַמאָליקע פּליטים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל אין מערב־אייראָפּע: „שארית ישראל" אין ניו־יאָרק; „ישועת ישראל" אין ניופּאָרט; „מקווה ישראל" אין סאַוואַנאַ; „בית אלהים" אין טשאַרלזטאָן; „מקווה ישראל" אין פילאַדעלפיע. די אָרגאַניזאַציע־פאָרם פון די קהילות און דער נוסח פון תפילה איז געבליבן ספרדיש, הגם שוין צום אָנהייב פון דער דאָזיקער תקופה איז דער רוב פון די קהילה־מיטגלידער אומעטום באַשטאַנען פון אשכנזים: בנוגע ניו־יאָרק באַשטעטיקט דעם דאָזיקן פאַקט בפירוש אין אַ בריוו צו דער דאָרטי־קער קהילה דער חכם (רב) פון דער קהילה אין קוראַסאַאָ פון י. 1729. אין סאַוואַנאַ זיינען די ערשטע יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון לאָנדאָן אין דער זעלבער צייט (1733) באַשטאַנען פון צוויי גרופּן, איינע פון אשכנזים און די צווייטע פון ספרדים, בערך אין גלייכער צאָל (43 אשכנזים און 40 ספרדים). די קהילה פון טשאַרלזטאָן, וואָס איז אויס־געוואַקסן בעיקר פון איבערוואַנדערער פון סאַוואַנאַ, האָט ממילא אויך פאַרגעשטעלט לכתחילה דעם זעלבן צוזאַמענשטעל. די אימיגראַציע פון מעבר לים צום סוף פון 18טן י"ה האָט אָבער באַלד געגעבן דעם אשכנזישן עלעמענט אַן איבערוואָג. אין ניופּאָרט איז אַרום 1770 צווישן די פּראָ־מינענטסטע 25 יידישע פאַמיליעס, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט מיט זייערע נעמען, בערך אַ דריטל אַזעלכע וואָס זייער אשכנזישער אָפּשטאַם איז באַ־קאַנט, אַן אַנדער דריטל האָט שפּאַנישע פאַמיליע־נעמען, און די איבעריקע פאַרמאָגן נעמען, וואָס זיינען ספק אשכנזישע, ספק ספרדישע. אין פי־לאַדעלפיע זיינען די אשכנזים לויט זייער פּאָזיציע אין דער קהילה על־כל־פּנים נישט געווען קיין מיעוט און די יידן אין די פּראָווינץ־שטעט פון פּענסילווייניע, רעדינג, לאַנקאַסטער און איסטאָן זיינען אַלע דורכאויס באַקאַנט ווי אשכנזים. אין י. 1801 האָט אַ גרופּע אשכנזים זיך אָפּגע־שפּאָלטן פון דער פילאַדעלפיער קהילה און אָרגאַניזירט אַ באַזונדערע קהילה אונטערן נאָמען „רודף שלום". אין סך־הכל זיינען אין גאַנצן לאַנד די אשכנזים שוין פאַרן אויסברוך פון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה געווען דער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע און זייער פּראָפּאָרציע איז געוואָרן נאָך גרעסער אין אָנהייב פון 19טן י"ה.

אין דער שפּיץ פון דער קהילה איז געשטאַנען דער פּרנס, וואָס האָט געהאַט צו זיך צוויי שטעלפאַרטרעטער, „חתן בראשית" און „חתן תורה",

און 5־3 אַסיסטענטן (ajuntos). זיי פלעגן אויסגעקליבן ווערן דורך אַ פאַרזאַמלונג פון די מערסטע קהילה־שטייער־צאָלער, די „יחידים“, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען יעדעס יאָר צום גדליה, אָדער פאַר ראש השנה. אַ געוויסע צייט, אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה, פלעגן אין ניו־יאָרק אַמטירן צוויי פרנסים, איינער פון פסח ביז ראש השנה, דער אַנדערער פון ראש השנה ביז פסח. אין 18טן י״ה פלעגט זיך אויך טרעפן אין ניו־יאָרק, אַז די וואַלן זיינען אינגאַנצן אויסגעמיטן געוואָרן און דער אָפּטרעטנדיקער פרנס מיט זיינע צוויי שטעל־פאַרטרעטער, אָדער מיט די אַסיסטענטן פלעגט באַשטימען די פאַרוואַלטונג אויף דעם נאָענטסטן יאָר. דאָס אַמט פון פרנסים פלעגן באַקליידן די גרעסטע גבירים אין שטאָט, ווי אהרן לאָפּעז און זיין ברודער משה אין ניופּאָרט, אָדער באַרנאַרד גראַץ אין פילאַדעלפיע, היימען לעווי אין ניו־יאָרק. אין ניופּאָרט איז לסוף איינגעשטעלט געוואָרן אַ מנהג, אַז בעת איין פרנס איז געווען אַ ספרדי, איז דאָס אַנדערע יאָר דאָס אַמט געגעבן געוואָרן אַן אשכנזי.. פאַר באַליידיקן דעם פרנס אָדער חזן פלעגט מען באַשטראָפן מיט צאָלן קנס, און פאַר שלעכטער אויפפירונג אין שול אפילו מיט שטוב־אַרעסט. אין י. 1769 האָט אַ פאַרזאַמלונג פון יחידים אין ניו־יאָרק אַוועקגענומען ביי 6 מיטגלידער פון דער קהילה אויף אַ חודש זייערע רעכט דערפאַר, וואָס זיי זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן פרנס און זיינע אַסיסטענטן און קעגן די תקנות פון דער קהילה. די רעוואָלוציע אין לאַנד האָט אַריינגעבראַכט אויך אין דער קהילה דעמאָקראַטישע רעפאָרמען. אין י. 1784 האָט די ניו־יאָרקער קהילה זיך רעגיסטרירט לויטן שטאַט־געזעץ וועגן רעליגיעזע געזעלשאַפטן און אין הסכם מיט דעם דאָזיקן געזעץ באַשטימט, אַז אַלע וואָס צאָלן פאַר אַ „שטאָט“ אין דער שול זיינען באַרעכטיקט צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן פון דער פאַרוואַלטונג און פון די באַאַמטע פון דער קהילה. אָבער אויך דעמאָלט זיינען געבליבן אָן וואַלרעכט די פולשטענדיק אומפאַרמעגלעכע, וואָס האָבן נישט געצאָלט קיין שום קהילה־שטייער. אַ געוויסע צאָל יידן האָט בכלל נישט געהערט צו דער קהילה אַלס מיטגלידער: אַ טייל פון זיי זיינען געווען ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, אַנדערע זיינען געווען רעליגיעז גלייכגילטיק און נישט געקומען אין שול אַריין אַ גאַנץ יאָר. לויטן באַריכט פון חזן סייכאַס פון י. 1812 זיינען אין ניו־יאָרק, צווישן 400 יידישע נפשות, בערך 50 געווען אַזעלכע, וואָס זיינען נישט געווען קיין מיטגלידער פון דער קהילה. די תקנות פון דער ניו־יאָרקער קהילה פון י. 1752, באַווייזן אָבער, אַז די קהילה האָט איבער אַזעלכע יידן געהאַט די בייטש פון באַגראָבן אויפן בית־עולם „מן הצד“ (הינטערן פלויט) און פון אַ הויכן פרייז פאַר דער קבורה. אין י. 1795 נעמט שוין די קהילה אָן אַ מילדערע תקנה, דראָענדיק אין אַזעלכע פאַלן

בלויז מיט אַ שטראָף פון קבורה־געלט; אין י. 1805 באַשטימען די תקנות, אַז „אַלע פּערזאָנען פון דער יידישער אמונה אין דער שטאָט ניו־יאָרק, וואָס שטייען מיט אונדז נישט אין פאַרבינדונג", דאַרפן צאָלן 10 דאָלער אַ יאָר, כדי צו געניסן פון די אינסטיטוציעס פון דער קהילה.

אַחוץ אויסהאַלטן די שול, דעם בית־עולם און די באַאַמטע פון דער קהילה, חזן, שמש, שוחט, מלמד, האָט די אַמעריקאַנער קהילה, ווי אין אייראָפּע, אויך אַריינגענומען אין איר טעטיקייט דאָס געביט פון צדקה. מען פלעגט פאַרטיילן מצות אויף פסח, האָלץ אויף ווינטער, פאַרזאָרגן מיט מעדיצינישער הילף אָרעמע קראַנקע, געבן שטיצע פאַר אורחים אויף הוצאות הדרך; די קהילות (ניו־יאָרק, ניופּאָרט) פלעגן אויך אויסהאַלטן אָרעמע אלמנות און זקנים, מיט אַ לעבנס־לענגלעכער פּענסיע. עס פלעגט זיך אויך טרעפן, אַז עלטערע מענטשן האָבן זייערע אָפּגעשפּאָרטע קאַ־פּיטאַלן איבערגעגעבן דער קהילה און דערפאַר באַקומען אַ רעגולער געהאַלט. דעם דאָזיקן סיסטעם האָבן די אַמעריקאַנער קהילות איבערגענומען פון דער ספרדישער קהילה אין לאָנדאָן, „שערי־שמים". אין משך פון 18טן י״ה זיינען ביי די קהילות אָרגאַניזירט געוואָרן באַזונדערע צדקה־חברות, ווי „חברה קדושה צדקה" (La Santa Sedaca) אין ניופּאָרט, „ח״ק גמילות חסדים", „קלפּי צדקה מתן בסתר" אין ניו־יאָרק און אין 1802 איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן אַ חברה „חסד ואמת", וואָס האָט זיך מתעסק געווען מיט דער קבורה פון אָרעמעלייט. בדרך כלל האָט מען נישט צוגעלאָזט, אַז אַ ייד זאָל דאַרפן אָנקומען צו אַלגעמיינער שטאָ־טישער פילאַנטראָפּיע, אי צוליב דעם פּרעסטיזש פון דער קהילה, אי כדי אויסצוהיטן פון טרפות, חילול שבת א. ד. גל.

די עטלעכע קהילות אין לאַנד האָבן צווישן זיך אָנגעהאַלטן אַ קאָנ־טאַקט און אין אַ רייע פאַלן זיך אויך קעגנזייטיק אַרויסגעהאָלפן. אַ משולח פון אויסלאַנד, על־פּי־רוב פון ארץ־ישראל, פלעגט איבערגעשיקט ווערן פון איין קהילה אין אַ צווייטער מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו. מען פלעגט זיך אויך פאַרשטענדיקן וועגן בשותפות אויסטראָגן די הוצאות־הדרך פון אָרעמע אורחים. די קהילות פלעגן זיך אָדורכשרייבן וועגן קאַנדידאַטן אויף דער שטעלע פון חזן, שוחט און מלמד און קומען צו הילף איינע דער אַנדערער אין רעליגיעזע ענינים. אין י. 1760, ווען עס האָט זיך געבויט די שול אין ניופּאָרט, האָט די ניו־יאָרקער קהילה „שארית ישראל" אַהין אויסגעבאָרגט אַ ספר־תורה, וואָס איז ביי איר געווען דעפּאָנירט פון דער צייטווייליק־ליקווידירטער קהילה אין סאַוואַנאַ, און אַ יאָר שפּעטער אויך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ ספר־תורה דעם ניי־געגרינדעטן מנין אין רע־דינג, פּענסילווייניע. די קהילה אין ניו־יאָרק, וועלכע האָט אַליין געהאַט געגאָסן פון געלט־שטיצע פון יידן איבערן לאַנד און באַזונדער פון דער

ווייטער קהילה אין קוראַסאַאָ אין י. 1730, ווען זי האָט אויפגעבויט די ערשטע שול אויף מיל־סטריט, האָט אין י. 1759 געמאַכט אַ ספּעציעלע זאַמלונג און איבערגעשיקט קרוב 150 פונט אויף דעם אויפבוי פון דער שול אין ניופּאָרט. אין י. 1775 האָט אויך די קהילה „בית אלהים" אין טשאַרלזטאָן זיך געווענדעט קיין ניו־יאָרק נאָך שטיצע פאַר דעם אויפבוי פון דער שול. די הילף איז אָפּגעזאָגט געוואָרן בפירוש צוליב דער שווערער פינאַנציעלער לאַגע, מן הסתם אין רעזולטאַט פון דער מלחמה. אין 1782, ווען עס איז אויפגעבויט געוואָרן די שול „מקוה ישראל" אין פילאַדעלפיע, האָבן די יידן אין ניופּאָרט נישט פאַרגעסן די הילף, וואָס זיי אַליין האָבן באַקומען מיט 20 יאָר צוריק און האָבן צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק פאַר דער שול פון דער נייער קהילה. דער קאָנטאַקט מיט די קהילות אין וועסט־אינדיע איז אויך געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט האַנדלס־אינ־טערעסן: די גרויסע האַנדלס־פירמעס פון ניופּאָרט, לאָפּעז און ריווערא פלעגן עקספּאָרטירן קיין דזשאַמאַיקע, סורינאַם און באַרבאַדאָס כשרע פלייש־פּראָדוקטן און כשרן קעז, און אויך ניו־יאָרקער סוחרים פלעגן שיקן פעסלעך כשר פלייש סיי קיין סורינאַם, סיי קיין קוראַסאַאָ. די ניו־יאָרקער קהילה האָט פאַר דער באַשטעטיקונג פון כשרות גענומען אַן אָפּצאָל פון עקספּאָרטער. פון דער אַנדערער זייט איז אויך פאַרצייכנט אַ פאַל, וואו יידן פון פילאַדעלפיע באַשטעלן כשרן קעז אַזש פון לאָנדאָן.

אין פּאָליטישע פראַגן איז, ווייזט אויס, די סאָלידאַריטעט פון די קהילות ניט געווען קיין אַבסאָלוטער כלל; ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, איז די באַגריסונג פאַר וואַשינגטאָנען צו דער געלעגנהייט פון זיין דער־וויילונג אַלס פּרעזידענט אריינגעשיקט געוואָרן באַזונדער פון די קהילות סאַוואַנאַ, טשאַרלזטאָן און ניופּאָרט און דערנאָך בשותפותדיק פון די דריי איבעריקע קהילות צוזאַמען מיט טשאַרלזטאָן. וואָס שייך דעם סעפּאַראַ־טיזם פון דער קהילה ניופּאָרט, זייַנען די מאָטיוון אָפּן אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין איר ענטפער פון 2טן יולי 1790 אויף דער איינלאַדונג פון דער ניו־יאָרקער קהילה אָנצושליסן זיך אין דעם באַגריסונג־בריוו און פאַרצולייגן אַן אייגענעם (אין דער דאָזיקער איינלאַדונג באַקלאָגט זיך, אגב, די ניו־יאָרקער קהילה אויף די יידן אין סאַוואַנאַ, דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַליין אַרויסגעשיקט אַ באַגריסונג, אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיט אַנ־דערע קהילות). דער ניופּאָרטער פּרנס מוסרט די ניו־יאָרקער, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי שפּעט אויסגעקליבן מיט דער אַקציע, הגם יענע האָבן זיך פאַרענטפערט מיט „לאָקאַלע ענינים" (מן הסתם פּאָליטישע, אין צו־זאַמענהאַנג מיט אַ גרויסער קעגנערשאַפט אין שטאַט ניו־יאָרק צו דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע). ער איז מודה, אַז די ניופּאָרטער קהילה האָט פריער נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אַרויסשיקן אַזאַ באַגריסונג פון איי־

גענער איניציאַטיוו, כל־זמן דער שטאַט ראָוד־איילאַנד איז נישט צוגעשטאַנען צו דער קאָנפעדעראַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן (דער דאָזיקער שטאַט האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פעדעראַלער מלוכה דער לעצטער פון אַלע שטאַטן, ערשט דעם 29טן מאַי 1790). צום סוף דריקט אויס דער פאָרשטייער פון דער ניופּאָרטער קהילה די האָפענונג, אַז דער בשותפותדיקער באַגריסונג־אַדרעס פון די קהילות וועט „בפירוש און אומצווייטייטיק" אויסדריקן די געפילן „וועגן דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס איז אונדז, יידן, גאַראַנטירט דורך דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע". די ניופּאָרטער יידן האָבן זיך אַרויסגעוויזן באַרעכטיקט אין זייער באַוואָרעניש: להיפּך צו די באַזונדערע אַדרעסן פון די דריי קהילות ווערט אין בשותפותדיקן אַדרעס פון 4 קהילות די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן דורך דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע נישט דערמאָנט, נאָר עס רעדט זיך דאָרט וועגן דער „הערשאַפט פון פרייהייט" בכלל, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אַדאַנק דער־דאָזיקער קאָנסטיטוציע. לאָקאַלע שטאַט־פּאָליטיק האָט בכן גורם געווען ניט נאָר, אַז דער אַקט פון באַגריסן דעם ערשטן פּרעזידענט האָט נישט פאַראייניקט אַלע קהילות, נאָר אויך כאַראַקטעריסטישע אונטערשיידן אין איינהאַלט פון די באַגריסונגען גופא.

§8. שפּראַך, דערציאונג און קולטור

דער מצב פון יידישער בילדונג איז צוליב דער ווינציקייט און צעשפּרייטקייט פון די קהילות און קודם־כל צוליב דער קליינער צאָל יידן אין יעדער קהילה באַזונדער, געווען אין יענער תקופה אין אַמעריקע גאָר נידעריק, אַ סך נידעריקער נישט נאָר ווי אין יעדן קלענסטן ישוב אין איירָאָפּע, נאָר אפילו אין פאַרגלייך מיט די קהילות אין די מערב־אינדיעס, דזשאַמייקע, באַרבאַדאָס, קוראַסאַאָ, סורינאַם. בעת יענע וועסט־אינדישע קהילות האָבן געהאַט אייגענע רבנים („חכם"), האָבן די אַמעריקאַנער קהילות זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַ חזן אַלס רעליגיעזן פירער, וועלכן זיי פלעגן דאַרפן אַריבערברענגען פון לאָנדאָן, אַמסטערדאַם, אָדער פון די וועסט־אינדיעס. דאָס זעלבע איז אויך געווען שייך לערער פון תלמוד־תורות, אין פאַל אויב דער חזן אַליין האָט נישט איבערגענומען די דאָזיקע פונקציע, און שוחטים. כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאָזיקע באַדינגונגען איז אַ היתר אויף שחיטה, וואָס דער פּראָמינענטער סוחר פון פילאַדעלפיע, באַרנאַרד (ישכר בער) גראַץ האָט אין י. 1782 אויסגעשטעלט דעם 18־יעריקן בחור שלמה עטינג (שפּעטער איינער פון די דירעקטאָרן פון דער באַלטימאָר־אָהייאָ אייזנבאַן־קאָמפּאַניע), כדי ער זאָל

מעגן בלויז פאַרן אייגענעם געברויך שעכטן אין זיין שטאַט לאַנקאַסטער. אין ווײַכטיקע רעליגיעזע שאלות פלעגן די אַמעריקאַנער קהילות זיך ווענדן צום בית־דין פון די ספרדים אין לאָנדאָן, און פון דאָרט, אָדער פון אַמסטערדאַם, האַמבורג, פלעגט מען מוזן באַשטעלן כלי־קדושה, ווי למשל אַ שופר (כתרים פאַר ספרי־תורה האָבן שוין געמאַכט אייגענע זילבער־שמידן). ביי אַזעלכע שוועריקייטן איז נאָך מער צו באַוואונדערן דאָס עקשנות, מיט וועלכע די קהילות האָבן זיך באַמיט צו געבן די קינדער אַ יידישע דערציאונג.

דאָס עפּענען אַ תלמוד־תורה איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דער ערשטער פליכט פון יעדער ניי־געגרינדעטער קהילה. אין דער בקשה צו דער ניו־יאָרקער קהילה וועגן הילף פאַר אויפבויען אַ שול, ווייזן אָן די ניופּאָרטער יידן אויף דער דערציאונג פון קינדער, ווי דער ערשטער נויטווענדיקייט, צוליב וועלכער זיי האָבן דעם שריט אונטערגענומען. ביי דער ניופּאָרטער שול איז טאַקע אויפגעבויט געוואָרן אַ באַזונדערער בנין פאַר דער תלמוד־תורה. תחילת פלעגט דער פּראָגראַם פון דער תלמוד־תורה אַרומנעמען בלויז רעליגיעזע לימודים. אָבער אָנגעהויבן פון דער מיט פון 18טן י״ה האָט מען אין דער ניו־יאָרקער תלמוד־תורה איינגעפירט אויך די לימודים פון ענגליש, צייטנוויליז אויך שפּאַניש און אַחוץ דעם אַריפמעטיק. אין ניופּאָרט איז אויך אַריינגענומען געוואָרן האָלענדיש אין דעם לערן־פּראָגראַם. די וועלטלעכע לימודים זיינען געווען אַ נויטווענדיקייט, היות די קינדער האָבן חוץ דער תלמוד־תורה קיין שום אַנדערע שולע נישט באַזוכט: די עלעמענטאַרע שולן, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אין לאַנד, זיינען דורכאויס געווען פאַרבונדן מיט די באַזונדערע קריסטלעכע רעליגיעזע ריכטונגען. צום סוף פון 18טן י״ה פלעגן די תלמוד־תורה באַזוכן אַלע קינדער אָן אַ חילוק פון פאַרמעגלעכקייט פון די עלטערן, און אָרעמע תלמידים פלעגן באַפרייט ווערן פון שכר־לימוד. אויך מיידלעך האָבן צום סוף 18טן י״ה שוין באַזוכט די תלמוד־תורה, הגם אין אַ קלענערער מאָס.

דער מצב פון ידיעות פון העברייאיש איז בכלל נאָך אין דער תקופה פאַר דער רעוואָלוציע געווען אַ נידעריקער אויך ביי דעם דערוואַקסענעם דור. ווען דער ניופּאָרטער גביר יצחק האַרט האָט אין י. 1771 באַקומען אַ העברייאישן בריוו פון חברון, האָט ער געמוזט אָנקומען צום קריסטלעכן געלערנטן עזרא סטיילס, ער זאָל אים דעם בריוו איבערזעצן. אין די ווינציקע העברייאישע דאָקומענטן פון יענער צייט, וואָס האָבן זיך דערהאַלטן, ווי אין דערמאָנטן היתר־שחיטה פון פילאַדעלפיע, אָדער אין אַ בריוו פון חיים סאָלאָמאָן צום לאָנדאָנער רב דוד טעבעלע שיף פון י. 1784 (אגב, האָט עס פאַר אים אָנגעשריבן אַן אימיגראַנט, וואָס איז נאָר־וואָס אָנגע־

קומען פון פּראָג!). באַמערקט זיך אָפּט גרייזן אין העברייאישן אויסלייג פונקט ווי אין די העברייאישע ווערטער אין יידישע בריוו פון יענער צייט. די אשכנזים, ווי נייע איינוואַנדערער, האָבן בדרך כלל געהאַט מער יידיש וויסן, ווי די אַלטע ספרדישע תושבים. צווישן די 17 קהילה־מיט־גלידער, וואָס חתמענען אין י. 1728 אויף די תקנות פון דער ניו־יאָרקער קהילה, זיינען פאַראַן 14 וואָס חתמענען זיך מיט לאַטייניש ער שריפט, און די איבעריקע 3, וואָס שרייבן זיך אונטער מיט העברייאישע אותיות זיינען אַלע אשכנזים (עמדן, שוואב, מברעסלאב). אַרום דער העלפט פון 18טן י״ה איז די פּראָפּאָרציע העברייאישע חתימות נאָך אַ קלענערע (אין י. 1746 — איינע צווישן 47). אין י. 1761 איז אין ניו־יאָרק דערשינען דער ערשטער מחזור אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, און דער מחבר, יצחק פּינטאָ, פאַרענטפערט זיך אין דער הקדמה, אַז צו דער אויסגאַבע האָט אים באַוואויגן דער פאַקט, וואָס „אַ סך פאַרשטייען העברייאיש נישט זייער גוט, און אַ טייל אינגאַנצן נישט". דאָך איז אויך אין יענער תקופה העברייאיש געבליבן די שפּראַך פון דער תפילה, פון רעליגיעזע דאָקומענטן, ווי כתובות, גטין און פון אויפשריפטן אויף די מצבות (צוזאַמען מיט ענגליש). אין די ענגלישע פּראָטאָקאָלן פון דער קהילה אין ניו־יאָרק באַמערקט זיך דווקא אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה אַן אָפטער געברויך פון העברייאישע זאַצן און פון העברייאישע ווערטער מיט העברייאישן אויסלייג, וואָס פלעגן פריער אויסגעלייגט ווערן מיט לאַטייניש אותיות. די דאָזיקע פאַרשטאַרקונג פון העברייאישן עלעמענט, וואָס ווייזט אָן אויף אַ געוויסער אויפלעבונג אין די ידיעות פון דער שפּראַך, איז בלי־ספק געווען אַ רעזולטאַט פון צוויי גלייכצייטיקע גורמים: דער איינוואַנדערונג פון אשכנזישע יידן און דער הויבונג פון דערציאונגס־מצב דורך די תלמוד־תורות. די דערציאונג אין דער ניופּאָרטער תלמוד־תורה איז, ווייזט אויס, געשטאַנען אויף אַ גאַנץ גוטער מדרגה, אויב לויטן עדות פון בן־דור עזרא סטיילס, האָט אַ יינגל פון 13 יאָר געקאָנט דאַוונען פון עמוד און אַ יינגל פון 8־9 יאָר האָט געקאָנט זאָגן די הפטורה. אויך אין ניו־יאָרק האָט די יידישע דערציאונג אין יענער תקופה, אַ סברה, געהאַט אַ פעולה, אויב אַ געבוירענער אַמעריקאַנער, גרשום מענדעס סיישאַס, איז אין 1768 געוואָרן חזן פון דער אָרטיקער קהילה און אי געוואוסט צו זאָגן אַ דין לויטן שולחן־ערוך אי געקאָנט פאַרפאַסן אַ העברייאישע רעדע און אָנשרייבן זי אַן גרייזן.

די תקופה פון דער רעוואָלוציע האָט אויפן געביט פון דערציאונג אַריינגעבראַכט אַן ענדערונג. קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן פלעגן שוין באַקומען וועלטלעכע דערציאונג אין פּריוואַטע שולן און די תלמוד־תורה איז רעדוצירט געוואָרן צו אַ דערגאַנצונג־שולע אין יידישע לימודים.

אין ניו־יאָרק איז די תּלמוד־תּורה צוריק באַנייט געוואָרן אין י. 1802 בלויז אַדאַנק דער פאַרשריבענער ירושה פון מאיר פּאַלאַני (פון פּוילן), אויף וועמענס נאָמען זי איז אָנגערופן געוואָרן. די פאַרוואַלטונג פון דער תּלמוד־תּורה האָט אין אַ דערקלערונג פון י. 1804 געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערמאָנען, אַז מען מוז קענען עברי, כּדי אימשטאַנד צו זיין צו דאַווענען. מרדכי עמנואל נח האָט אין י. 1818 אין זיין רעדע ביי דער חנוכּת־הבּית פון דער באַנייטער שול אין ניו־יאָרק געוואָרנט, אַז „דער פאַרלוסט פון דער העברייאישער שפּראַך איז עלול צו ברענגען מיט זיך דעם אונ־טערגאַנג פון הויז פון ישראל". ערשט די פאַרשטאַרקטע אימיגראַציע אין משך פון דער שפּעטערדיקער תּקופה האָט ווידער געהויבן אין אַ געוויסער מאָס דעם מצב פון יידישער דערציאונג אין לאַנד פון אימיגראַנטן.

אויפן געביט פון אַלגעמיינער בילדונג איז זינט דער תּקופה פון דער רעוואָלוציע יאָ פאַרגעקומען ביי אַמעריקאַנער יידן אַ באַדייטנדיקער פּראָגרעס, גלייכצייטיק מיט דעם קולטור־אויפשטייג פון לאַנד. בעת פאַר דער רעוואָלוציע הערן מיר בלויז וועגן איין יידישן סטודענט, וואָס האָט גראַדוּאירט פון קאָלומביאַ־קאַלעדזש אין ניו־יאָרק און עטלעכע יידישע סטודענטן אין פּענסילווייניע־קאַלעדזש, וואַקסט די צאָל יידישע סטו־דענטן אין די קאַלעדזשעס צום סוף פון 18טן י״ה, בפרט אויף דעם פאַקולטעט פון רעכט: די גלייכבאַרעכטיקונג האָט געעפנט פאַר יידן דעם צוטריט צו דער פּראָפעסיע פון אַדוואָקאַטור. יידישע אַדוואָקאַטן באַווייזן זיך שוין צו דער צייט אין אַלע שטאָטן מיט יידישע ישובים און שטעלן פאַר די ערשטע גרופּע פון יידישער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ אין לאַנד. כּדאַי צו פאַרצייכענען, אַז אין י. 1800 האָט דער גראַדואַנט פון קאָלומביאַ־קאַלעדזש, שמשון סימסאָן, דער זון פון ניו־יאָרקער קהילה־פּרנס שלמה סימסאָן, געהאַלטן ביי דער גראַדואיר־פייערונג, אויף דער איניציאַטיווע פון זיין פּראָפעסאָר, אַ רעדע אויף העברייאיש. די טעמע פון דער רעדע, וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן דורכן ניו־יאָרקער חזן גרשום מענדעס סייאַס, איז געווען די געשיכטע פון די יידן אין ניו־יאָרק ביז צו זייער באַטייליקונג אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה.

די ענדערונגען אין יידישן רעליגיעזן לעבנסשטייגער זיינען געווען אַ פּועל־יוצא אי פון דער פאַרשפּרייטונג פון אויפקלערונג צווישן דער גאַנצער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, אי פון די ספּעציפישע באַדינגונ־גען פון קליינע און צעוואָרפענע יידישע ישובים. אין דער תּקופה פאַר דער רעוואָלוציע פלעגן בדרך־כּלל אָפּגעהיט ווערן די דינים פון שבת און יום־טוב און די דינים פון כּשרות נישט נאָר אין די אָרגאַניזירטע קהילות, נאָר אויך אין פאַרוואָרפענע מקומות. הושענא רבּה איז געווען פאַרצייכנט ווי אַ יום־טוב אפילו ביי אַ ייד, מן הסתּם אַן איינציקן, אין אַ

שטעטל בעדפאָרד, הגם ער האָט דאָס וואָרט אויסגעלייגט אין אַן ענג־לישן בריוו מיט לאַטיינישע אותיות, און פּורים איז געווען אַ שמחה נישט נאָר אין ניו־יאָרק, וואו מען פלעגט זיך שיקן משלוח־מנות, אָדער אין ניופּאָרט, וואו מען פלעגט באַקן המן־טאַשן, נאָר אויך ביי אַ „קאַונטרי שאָפּקיפּער" (דאָרפישער קרעמער) אין רעדינג מיט אַ מנין יידן. אין ניו־פּאָרט פלעגן אויך די יידישע אָנגעשטעלטע אין קריסטלעכע פירמעס אַוועקגיין פון דער אַרבעט ערב־שבת נאָכמיטיק און אין ניו־יאָרק האָט געהערט צו די פליכטן פון שמש (אָפּמאַך פון 1753) אָנצוקלאַפּן אין די הייזער פון אַלע „יחידים" (שטים־בארעכטיקטע קהילה־מיטגלידער) ערב־שבת פאַרנאַכט און רופן אין שול אַריין; אין דער ערשטער העלפט פון 18טן י"ה ווערט אויך בפירוש דערמאָנט, אַז דער שמש דאַרף וועקן דעם עולם צו סליחות. שוין אין י. 1757 הערן מיר אָבער אויך וועגן אַזעלכע דאָרפס־יידן אין דער פּראָווינץ פון ניו־יאָרק, וואָס האַנדלען אין שבת און היטן נישט אָפּ כשרות, און די פאַרוואַלטונג פון דער ניו־יאָרקער קהילה באַשליסט זיי אויסצושליסן פון מיטגלידערשאַפט אין דער קהילה און פון אַלע מצוות אין דער שול און „נישט באַגראָבן לויטן מנהג פון אונדזערע ברידער", אויב זיי וועלן ווייטער ברעכן דעם דין. פון אַ באַריכט פון פּרנס מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער דערוויסן מיר זיך, אַז די וואָרנונג האָט „אין אַ באַשטימטער מאָס געהאָלפן". אויך אין ניו־יאָרק גופא איז שוין ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע טראַדיציאָנעלע פרומקייט, ווי עס ווייזט אויס, געווען וויניקער אָפּגעהיט, אויב עס איז פאַרצייכנט בלויז אין פאַל פון אַ ייד, וואָס איז אויף זיין בקשה באַפרייט געוואָרן פון דינסט אין דער מיליציע פרייטיק־צונאַכטס. אין 1790 זיינען שוין די תקנות פון דער ניו־יאָרקער קהילה בנוגע אַזעלכע, וואָס זיינען מחלל שבת און עסן טריפות, אַ סך מילדער. פאַר אַזעלכע עבירות ווערט בלויז באַשטימט די שטראָף פון נישט געבן אַן עליה און אַנדערע כיבודים אין שול און נישט צולאָזן צו קיין אַמט אין דער קהילה. אין די תקנות פון י. 1805 ווערן שוין בכלל נישט דערמאָנט קיין שום סאַנקציעס קעגן בעלי־עבירות. בלויז פון משרתי קהילה האָט מען געפאָדערט אָפּגעהיטקייט אין כשרות, און אין אַ פאַל מיט אַ לערער פון דער תלמוד־תורה אין י. 1809, וואָס איז באַ־שולדיקט געוואָרן אין עסן טריפות ביי איינעם פון די בעלי־בתים — וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט אמת — איז אפילו נישט געווען קיין רייד וועגן באַשטראָפן דעם בעל־הבית. די צייטן האָבן זיך געביטן. די ניו־יאָרקער קהילה האָט אויך אין דער זעלבער תקופה אַרויסגעוויזן אַלץ־מער טאָלעראַנץ לגבי געמישטע חתונות, מסתמא נישט נאָר צוליב אַלגעמיינער ירידה פון פרומקייט, נאָר אויך ווי אַ פועל־יוצא פון דער שוועריקייט פון אויסשליסלעך יידישע שידוכים ביי אַן איבערוואָג פון

מענער צווישן די אימיגראַנטן, בפרט, אַז די קהילה האָט זעלטן מסכים געווען די קריסטלעכע פרויען מגייר צו זיין. אין י. 1790 האָט אַ תקנה פון דער קהילה „שארית ישראל" אויסגעשלאָסן יידן וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטלעכע פרויען פון רעכט צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן צו קהל, אָבער נישט פון באַזיצן אַ שטאָט אין דער שול. צווישן די תקנות פון 1805 איז שוין אויך די דאָזיקע תקנה אויסגעלאָזט, זי ווערט ערשט באַנייט אין 1836.

די שטייגנדיקע שפּראַך־אַסימילאַציע האָט גאָר פרי אַרומגעכאַפּט די עלטערע, ספרדישע תושבים. דאָס שפּיגלען אָפּ די פּראָטאָקאָלן פון דער ניו־יאָרקער קהילה, וועלכע זיינען ביז 1741 פאַרשריבן געוואָרן בלויז אויף פּאָרטוגעזיש, אַ געוויסע צייט שפּעטער — אין צוויי שפּראַכן, פּאָרטו־געזיש און ענגליש, און אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון 18טן י"ה בלויז אויף ענגליש. אין לימוד פון חומש איז די אַלטע טראַדיציע פון פאַרטייטשן אויף שפּאַניאַליש אויך נישט לענגער אָפּגעהיט געוואָרן: אין י. 1757 ווענדט זיך נאָך די ניו־יאָרקער קהילה קיין לאָנדאָן וועגן פאַר־זאָרגן זי מיט אַ חזן, וואָס „זאָל אויך קענען לערנען מיט די קינדער העב־רייאיש און פאַרטייטשן עס אויף ענגליש און אויף שפּאַניש". אין 1762 ווערט אָבער אין דעם אָפּמאַך מיט דעם ניי־אויפגענומענעם לערער און שטעל־פאַרטרעטער פון חזן בלויז אָפּגערעדט, אַז ער דאַרף „לערנען העב־רייאיש און פאַרטייטשן דאָס זעלבע אויף ענגליש." אין ניופּאָרט, וואו די ספרדישע אימיגראַציע איז געווען אַ יינגערע, איז אויך אין דער צוויי־טער העלפט פון 18טן י"ה שפּאַניש געווען באַקאַנט אַ טייל מיטגלידער פון דער קהילה און מען פלעגט דאָרט נאָך זיך באַנוצן מיט סידורים, וואָס האָבן אחוץ דעם העברייאישן טעקסט, אויך געהאַט אַ שפּאַניאַלישע אי־בערזעצונג. די אשכנזישע אימיגראַנטן פון ערשטן דור האָבן נישט נאָר גערעדט צווישן זיך יידיש — ווי עס באַווייזט באַשיימפּערלעך אַ ציטאַט פון אַ מינדלעכער דערקלערונג אין אויבן־דערמאָנטן העברייאישן בריוו אין נאָמען פון חיים סאַלאָמאָן — נאָר אויך קאָרעספּאָנדירט אויסשליס־לעך אויף יידיש, סיי מיט זייערע באַקאַנטע און משפחה אין אייראָפּע (ווען אַ טייל פלעגט שיקן רעגולער געלט־שטיצע!), סיי צווישן זיך אין אַמעריקע. דער כוח פון יידיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך פון רוב יידן אין לאַנד, איז געווען אַזוי גרויס, אַז אויך דער ספרדישער חזן פון ניו־יאָרק, גרשום סייסאָס, פלעגט אין זיינע ענגלישע בריוו נישט נאָר אַריינמישן יידישער ווערטער, נאָר אפילו געוויסע העברייאישע ווערטער (שבת, טלית, חברותא, שלוח־מנות א. ד. גל.) אויסלייגן מיט לאַטיינישע אותיות לויט דער אשכנזישער יידישער אויסשפּראַך. דאָס יידיש איז פון אייך זייט כאַראַקטעריסטיש דורך דעם שלל פון העברייאישע פראַזן און ווער־

טער, לויט דעם שטייגער פון יענער צייט אין איראָפּע, צווישן אַנדערע אַזעלכע, וואָס ווערן היינט שוין אין יידיש נישט באַנוצט (חילוף — געלט־איבערווייזונג, ספינה — שיף, בכאן — דאָ־הי, מעות — געלט); פון דער אַנדערער זייט פלעגט מען שוין דעמאָלט אויך אין בריוו אַריינמישן אַ סך פון די דאָזיקע ענגלישע ווערטער, וואָס זיינען נאָך היינט כאַראַק־טעריסטיש פאַר דעם אַמעריקאַנער „פלייִנעם" יידיש (גליכן — ליבהאָבן, סטאָר — געוועלב, ספרינג — פרילינג, טרייען — פּרוּאוון, טשער — בענקל א. אַז. וו.). עס איז גריילעך מעגלעך, אַז די שפּעטערדיקע דורות יידישע אימיגראַנטן האָבן גאַרנישט באַדאַרפט אויפסניי אָנצוהייבן דעם פּראָצעס פון אַריינגעמען ענגלישע ווערטער אין זייער יידיש, נאָר האָבן איבערגענומען אַ פאַרטיקן שפּראַך־נוסח פון די אָרטיקע נאָך נישט אַסי־מילירטע יידיש־רעדנדיקע תושבים. להיפּך צו דער ספרדישער אימי־גראַציע, וועלכע האָט זיך אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י"ה כמעט אין גאַנצן אָפּגעשטעלט, האָט זיך דאָך די אימיגראַציע פון אשכנזישע יידן געצויגן אומאויפהערלעך און איז נאָך פאַר דער מאַסן־אימיגראַציע פון די 80ער יאָרן כסדר געוואַקסן אין אַליִץ אַ גרעסערן פאַרנעם. דער חלל, וואָס עס האָט אויסגעהוילט דער אומאויפהערלעכער פּראָצעס פון שפּראַכ־לעכער־און קולטור־אַסימילאַציע, איז, בכן, כסדר אויסגעפילט געוואָרן מיט אַן עודף דורך דער אַליִץ־וואַקסנדיקער צאָל פון ניי־געקומענע אימי־גראַנטן. די נאַציאָנאַל־נעגאַטיווע אַסימילאַציע־זייט פון דעם דאָזיקן צוויי־זייטיקן שפּראַך־פּראָצעס איז שוין אויף דער שוועל פון 18טן און 19טן י"ה געווען גאַנץ שטאַרק, ווי עס באַווייזט דער ביישפּיל פון דער פאַ־מיליע גראַץ אין פילאַדעלפיע, דער זעלבער פאַמיליע, וועמען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דאָס רוב אַמעריקאַנער יידישע בריוו פון דער תקופה פאַר דער רעוואָלוציע. איבעריקנס, פאַרענטפערט זיך אויך שוין אין י. 1776 יונה פיליפּס פון פילאַדעלפיע אין אַ געשעפטלעכן בריוו, וואָס ער האָט געשריבן קיין אַמסטערדאַם אין אַ גוטן יידיש, הגם אין אַ משונהדיקן אויס־לייג („דיא מלחמה ווערט גאַנצ ענגילאַט מכולה מאַכין"): „איך קענט מיין מיינונג בעזיר שרייבין אין ענגליש אַלש יִדיש" — — — נאָך פאַר דער רעוואָלוציע איז אויך אין ניו־יאָרק איינגעפירט געוואָרן אַ מנהג, אַז דער חזן פלעגט אין די טעג פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע יום־טובים, נאַ־ציאָנאַלע און פּאַטריאָטישע פייערלעכקייטן האַלטן אַן ענגלישע דרשה אין דער שול, אַזוי ווי עס פלעגן טאָן די „מיניסטערס" פון די קריסטלעכע קירכעס.

§9. אַמעריקאַנער יידן און ארץ־ישראל

נישט געקוקט אויף דעם פאַראויסגאַנג פון דער שפּראַכלעכער און קולטורעלער אַסימילאַציע און אויף דעם נידעריקן מצב פון יידישער בילדונג, האָט דער פאַרוואָרפענער, ווינציקער יידישער ישוב אין צפון־אַמעריקע נישט נאָר נישט איבערגעריסן זיין פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל און נישט אויפגעגעבן די האָפענונג אויף נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וואָס האָט אין יענער תקופה נאָך אַלץ זיך אויסגעדריקט אין גלויבן אין משיחישער גאולה, נאָר האָט אין דער־דאָזיקער הינזיכט, להיפך צו אַ רייע מערב־אייראָפּייִשע יידישע ישובים פון יענער תקופה, זיך אויסגעצייכנט מיט זיין נאַציאָנאַלער שטאַנדהאַפטיקייט און נאַציאָנאַלן שטאָלץ. געווירקט האָט דאָ אַ גאַנצע ריי סיבות אין שייכות מיט דער ספּעציפישער לאַגע פון די צעוואָרפענע עטלעכע יידישע קהילות אויפן נייעם קאָנטינענט. די יידן אין אַמעריקע פון יענער צייט, אָפּגעריסן דורך אָקעאַנען פון די יידישע מאַסן־ישובים אין אייראָפּע, האָבן געהאַט דאָס געפיל, ווי זיי אַליין וואָלטן געווען די פאַרשטויסנסטע צווישן די „נדחי ישראל“, די צעזייטע שפּליטערס פון ישראל, וואָס זייער קיבוץ־גלויות פון די פיר עקן פון דער וועלט האָבן אָנגעזאָגט די נביאים. די נאַטירלעכע בענקשאַפט נאָך אַ יידיש מאַסן־לעבן, נאָך אַ פאַראייניקונג מיטן גאַנצן יידישן פאָלק האָט געפונען די טרייסט אין אַ פאַרשטאַרקטער האָפענונג אויף משיחישער גאולה. די דאָזיקע געפילן פון אָפּגעזונדערטקייט און איינזאַמקייט האָבן אויך געוועקט ביי די אַמעריקאַנער יידן אַ באַזונדערן אינטערעס אין גורל פון די לעגענדאַרע עשרת השבטים, בפרט, אַז צווישן די קריסטלעכע סעקטאַנטן אין אַמעריקע איז געווען גאַנץ שטאַרק פאַרשפּרייט דער גלויבן אין דער אָפּשטאַמונג פון די אינדיאַנער, אָדער אין זייער אייגענער פאַרקערפּערונג פון יענע פאַרלוירענע שבטים. נישט נאָר עזרא סטיילס פון ניופּאָרט דערציילט וועגן דעם אויפגעוואַכטן גלויבן פון די אַמעריקאַנער יידן, אַז עס האָבן זיך אָפּגעזוכט די עשרת השבטים; אין י. 1788 איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אַ ייד מיטן נאָמען יוסף אבאָ און האָט פאַרזיכערט לויט אַ מיטגעבראַכטער מאַפּע, אַז ער קען גענוי אָנצייכענען וואו די עשרת השבטים געפינען זיך. סוף כל סוף האָט מען זיך אין אים אַנטוישט און אים משלח געווען אין אַנדערע מקומות. דער אינטערעס אין די פאַרלוירענע ברידער איז אָבער דורך דער אַפּערע בלויז סטימולירט געוואָרן. דער מנהיג פון דער ניו־יאָרקער קהילה, שלמה סימסאָן, האָט נאָך פריער געהאַט אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די „שוואַרצע יידן“, די „בני ישראל“ אין מאַלאַבאַר, מזרח־אינדיע און אין י. 1787 געהאַט דערהאַלטן פון זיי אַ בריוו מיט אַ גענויער באַשרייבונג

פון זייער האַלב־לעגענדאַרער געשיכטע. אין י. 1794 האָט שלמה סימסאָן, ווי שוין דערמאָנט, אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו די כינעזישע יידן פון קע־פאָנג, וואו ער האָט זיי בפירוש אָנגעפרעגט, צי זיי זיינען פאַרטריבן גע־וואָרן פון ארץ־ישראל פונקט ווי די יידן פון מאַלאַבאַר ערשט נאָכן חורבן בית שני, אָדער זיי שטאַמען פון די עשרת השבטים. דאָס מאָל איז אָבער דער שיף־קאַפּיטאַן, מיט וועמען דער בריוו איז מיטגעגעבן געוואָרן, צוריקגעקומען פון דער נסיעה מיט אַ תשובה, אַז ער האָט די אַדרעסאַטן נישט געקאָנט אויסגעפינען. הגם אין דער קאָרעספּאָנדענץ מיט די יידן אין מאַלאַבאַר אַנטפּלעקט זיך אויך דער פּראַקטישער סוחר — שלמה סימסאָן פרעגט זיך אויך אָן וועגן מעגלעכקייטן פון אָנקניפּן האַנדל מיט זיי — איז די צייט און אומשטענדן פון זיינע בריוו דורכאויס אַן עדות וועגן דער זוכעניש פון די פאַרלוירענע שבטים אַלס פונקט אַזאַ שטאַרקער מאָטיוו, ווי מסחר־כוונות.

אַן אַנדערער גורם, וואָס האָט פאַרשטאַרקט די משיחישע האָפענונגען ביי די אַמעריקאַנער יידן, איז געווען די מאַראַנען־אָפּשטאַמונג פון אַ טייל פון זיי, בפרט אין אַזעלכע קהילות, ווי ניופּאָרט און טשאַרלזטאָן. ביי אַזעלכע יידן ווי אהרן לאָפּעז און זיינע ברידער, וואָס האָבן אַליין מיט מסירות־נפש זיך צוריקגעקערט פון דער קריסטלעכער צו דער יידישער אמונה, איז פונקט ווי ביי מאַראַנען בכלל, באַזונדער טיף געווען איינ־געוואָרצלט דער גלויבן אין ביאת המשיח ווי אין אַ רעאַלער, נאָענטער צו־קונפט. דעם גלויבן האָט באַזונדער באַפעסטיקט דער פאַקט, וואָס ביי קריסטלעכע סעקטאַנטן אין אַמעריקע איז געווען שטאַרק אָנגענומען די איבערצייגונג אין דער משיחישער אויסלייזונג פון יידישן פאָלק, וואָס איז לויט זייער טעאָריע, פונקט ווי לויט דער טעאָריע פון פּראָמינענטע רעליגיעזע פירער אין ענגלאַנד, אין יענער צייט, געווען אַ תנאי פאַר דעם מקויים ווערן פון מלכות שמים אויף דער וועלט. דווקא אין ניופּאָרט האָט געווירקט דער טעאָלאָג עזרא סטיילס, וואָס זיין אינטערעס פאַר יידן אין שייכות מיטן משיח־גלויבן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט פאַר־נאָטירט יעדן מינדסטן פּרט וועגן יידן אין ניופּאָרט און אין אַמעריקע בכלל און זיינע זכרונות זיינען אַ קוואַל פון ידיעות וועגן אַמעריקאַנער יידן אין יענער תקופה. סטיילס האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין משולח, וואָס איז געקומען קיין ניופּאָרט, אַ רב פון אַפּט צי פון קראָקע און קודם־כל די משולחים פון ארץ־ישראל, ער זאָל מיט זיי נישט האָבן פאַרפירט לאַנגע שמועסן וועגן זוהר, וועגן תלמוד, וועגן יידן אין ארץ־ישראל און בעיקר וועגן די אויסזיכטן אויף משיחס קומען אין דער נאָענטסטער צייט.

זיין פּרעדיקט וועלכע ער האָט געהאַלטן אין דער קירך אין דער אַנ־וועזנהייט פון איינגעלאַדענעם גאַסט, דעם רב חיים יצחק קאַריגאַל פון

חברון, איז געווען איין קייט פון ראיות אויפן יסוד פון תהלים און ירמיהו, וועגן דער גאולה פון אויסדערוויילטן יידישן פאָלק און קיבוץ־גלויות אין משיחס צייטן און וועגן „דעם פאַרלאַנג פון קריסטן און פון אַלע נאַציעס צו האָבן אַ חלק אויף להבא צוזאַמען מיט ישראל אין זייער צוקונפטיקן הערלעכן שטאַנד". דער דאָזיקער משיחישער גלויבן האָט גורם געווען, וואָס סטיילס, ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, האָט מיט אַ באַזונדערער הנאה פאַרצייכנט פאַקטן פון פּאָליטישער דיסקרימינאַציע קעגן יידן אין דער תקופה פאַר דער רעוואָלוציע, אין די שטאַטן ראָוד־איילאַנד און ניו־יאָרק: אין דער פּאָליטישער אָפּזונדערונג פון יידן האָט ער געזען אַ באַשטעטיקונג פון זיין מיסטיש־טעאָלאָגישער טעאָריע, אַז יידן וועלן זיך דערהאַלטן ווי אַ באַזונדערע נאַציע, כדי זוכה צו זיין צו דער גאולה און ביאת המשיח. דעם גלויבן, אַז יידן זיינען אַן אויסדערוויילט פאָלק, וואָס איז באַרופן צו ברענגען אַ גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט, האָט אפילו אין קרייזן ווייטע פון טעאָלאָגיע, הפנים, געמוזט זיין שטאַרק פאַרשפּרייט, אויב וואַשינגטאָן פאַרענדיקט זיין דאַנק־בריוו צו דער קהילה אין סאַוואַנאַ מיט אַ וואונטש, אַז אַלע איינוואוינער זאָלן האָבן אַ חלק אין דער ברכה פון יעהאָוואַס פאָלק (פגל. אויבן).

דער עיקרדיקסטער גורם, וואָס האָט פאַראורזאַכט, אַז יידן אין אַמע־ריקע האָבן אויך אין דער תקופה פון זייער פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע נישט פאַרלייקנט זייער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין און נישט אָפּגעזאָגט זיך פון יידישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און האָפענונגען, איז געלעגן אין די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע באַדינגונגען אין לאַנד, אויף וועלכע מיר האָבן שוין טיילוויז אָנגעוויזן אין שייכות מיט דער תקופה פאַר דער אומאָפּ־הענגיקייט־מלחמה. להיפך צו מערב־אייראָפּע אין דער תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון נאַפּאָלעאָנען, איז אין די שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, בעת דער רעוואָלוציע, גאָרנישט געשטאַנען אויפן סדר־היום די פראַגע פון צענטראַליזאַציע פון דער מלוכה דורך אָפּשאַפן פעאָדאַלן פּאַרטיקולאַריזם, נאָר די פראַגע וועגן די גרענעצן פון דער אויטאָנאָמיע פון די איינצעלנע שטאַטן אין אַ פעדעראַלער מלוכה. ממילא איז אויך נישט געווען קיין רייד וועגן בטל מאַכן די יידישע קהילה־אויטאָ־נאָמיע, ווייל אַזאַ אויטאָנאָמיע אין פעאָדאַלן זין האָבן יידן אין לאַנד קיינ־מאָל נישט געהאַט פאַרמאָגט. אין לאַנד פון אימיגראַנטן האָט אויך די פּאָליטישע רעוואָלוציע נישט אַרויסגערוקט קיין לאָזונג וועגן שפּראַכ־לעכער און נאַציאָנאַל־קולטורעלער איינהייט פון לאַנד און עס האָט קיי־נעם נישט געאַרט, אויב נאַציאָנאַלע מיעוטים האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערע אייגענע שפּראַכן און קולטורן. נישט נאָר יידן אַליין האָבן זיך געהאַלטן פאַר אַ פאָלק, נאָר אויך אין דעקלאַראַציעס פון אָפיציעלע פאַק־

טאָרן — וואַשינגטאָנס ענטפערס אויף די יידישע באַגריסונג־אַדרעסן — פלעגן זיי באַצייכנט ווערן גלייכצייטיק אי ווי אַ רעליגיעזע גרופּע, אי ווי אַ פאָלק. צוליב די זעלבע טעמים איז אויך אין אַמעריקע נישט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פּגם אין לאָיאַליזם, אויב יידן האָבן אָפן זיך באַקענט צום גלויבן אין משיחישער גאולה און שיבת־ציון און דעם־דאָזיקן גלויבן עפנטלעך געגעבן אַן אויסדרוק. די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע פון יידן אין אַמעריקע איז דערפאַר פאַר זיך אַליין נישט געווען קיין קריזיס אין זייער באַוואוסטזיין פון אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק און אין זייער שטעלונג צו ארץ־ישראל ווי דעם היים־לאַנד, וואוהין דאָס פאָלק וועט זיך אין דער צוקונפט אומקערן. פאַרקערט, פאַראַן אפילו סימנים, אַז די זיגרייכע רעוואָלוציע פון אַמעריקאַנער פאָלק האָט, על־כל־פּנים ביי אַ טייל יידן, געווירקט ווי אַ ביישפּיל פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, געוועקט אַ געפיל פון נאַציאָנאַלער קנאה און פאַרשטאַרקט די בענקשאַפט נאָך דער משיחישער גאולה.

דער טראַדיציאָנעלער גלויבן אין ביאת המשיח און שיבת ציון פלעגט אין די אויגן פון די נישט־יידישע באַאָבאַכטער באַצייכנט ווערן ווי דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער יידישער רעליגיע, וועלכע זיי האָבן אָבסערווירט ביי די אַמעריקאַנער יידן. סטיילס דערציילט אפילו וועגן אַ מנהג ביי די יידן אין ניופּאָרט צו עפענען טיר און פענצטער בעת אַ שטורעם און זאָגן ביי דער געלעגנהייט תפילות און זינגען שירים וועגן ביאת המשיח. אין זיין געאָגראַפיש־היסטאָרישער באַשרייבונג פון אַמעריקע דערציילט וו. ווינטערבאָטאַם אין י. 1796 וועגן די יידן אין טשאַרלזטאָן: „זיי דערוואַרטן בכלל אַ גלאָררייך אומקערן זיך אין דעם הייליקן לאַנד ווען זיי וועלן דערהויבן ווערן איבער אַלע נאַציעס אויף דער ערד, און זיי באַרימען זיך, אַז די צייט פון זייער אומקערן זיך וועט בקרוב קומען, הגם זיי וואָגן נישט צו באַשטימען גענוי דעם טערמין״. אין דעם־דאָזיקן שייכות גיט ער אויך איבער, אַז די טשאַרלזטאָנער יידן לייגן אַריין דעם מת אין קבר אַ זעקעלע ערד פון ירושלים „ווי אַ צייכן פון געדענקען אָן דעם הייליקן לאַנד און פון זייער דערוואַרטונג אומצוקערן זיך אַהין״. זעקלעך ארץ־ישראל־ערד פלעגט אויך האָבן אין רעזערוו די ניו־יאָרקער קהילה, און ווען אַ ארץ־ישראל משולח האָט אין 1832 זיי געבראַכט „2 פונט ארץ־ישראל־ערד״, האָט מען זי פאַרגליכן מיט זייער אייגענער ארץ־ישראל־ערד, כדי פעסטצושטעלן די עכטקייט. אפילו ביי אַזאַ געלעגנהייט ווי דאָס אַרויסגעבן אַ מחזור אין ענגלישער איבערזעצונג אין י. 1761 האָט דער מחבר, יצחק פינטאָ געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז דער טעם, פאַרוואָס מען דאַוונט אין העברייאיש, איז נישט נאָר די פאַרהייליקונג פון דער־דאָזיקער שפּראַך ווי אַ שפּראַך „אין וועלכער דער אויבערשטער האָט

באַוויליקט זיך צו אַנטפּלעקן צו אונדזערע אבות״, נאָר אויך „אַ ווילן צו דערהאַלטן זי, אין דער פעסטער איבערצייגונג, אַז זי וועט ווידער אויפגעריכט ווערן אין ישׂראל.״

די פאַרבינדונג פון די אַמעריקאַנער קהילות מיט ארץ־ישראל פלעגט אונטערגעהאַלטן ווערן דורך די נדבות פאַר דעם ארץ־ישׂראל ישוב. אין ניו־יאָרק זיינען אין י. 1775 אויסגעקליבן געוואָרן צוויי גבאים פאַר דער זאַמלונג פון די ארץ־ישראל־געלטער. בריוו וועגן הילף פאַר די יידן אין ירושלים, חברון, צפת פלעגן אָפט אָנקומען פון דער ספרדישער קהילה אין לאָנדאָן און אַמאָל אויך דירעקט פון ארץ־ישׂראל. זינט דער מיט פון 18טן י״ה פלעגן אַלץ־אָפטער באַזוכן צפון־אַמעריקע די משולחים גופא און פון דאַנען וייטער זיך לאָזן אין וועג אין די וועסט־אינדיעס און קיין סורינאַם. איינער פון די בכבודיקסטע משולחים איז געווען דער דערמאָנטער תלמיד־חכם פון חברון, רבי יצחק קאַריגאַל. דער כבוד, מיט וועלכן מען האָט אים אויפגענומען, באַוויזט דער פאַקט אַליין, אַז זיין דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן שבועות אין ניופּאָרט, אין י. 1773, האָט אהרן לאָפּעז איבערגעזעצט פון שפּאַניש אויף ענגליש און אַרויסגעגעבן ווי אַ בראָשורע. אין דער־דאָזיקער דרשה, וואָס איז געווען געווידמעט דער הויפּט־טעמע פון יום־טוב, מתן־תורה און דער מצווה פון לערנען תורה, איז פאַראַן אויך אַ רוף צום „פעסטן גלויבן אין די אומצייליקע נביאות, וואָס זאָגן פאָראויס אונדזער אויפריכטונג״, אַחוץ דער טראַדיציאָנעלער פאַרענדיקונג „ובא לציון גואל״: „אַז די גליקלעכע און אַזוי לאַנג אויסגעבענקטע צייט זאָל זיך דערנעענטערן, ווען צו די דערנידעריקונגען פון אונדזער נאַציע וועט אויף אייביק נעמען אַ סוף״. אין איינעם פון זיינע לאַנגע שמועסן מיט עזרא סטיילס האָט דער משולח קאַריגאַל אַזוי געענטפערט אויף דער פראַגע, „צי די היינטצייטיקע רבנים האַלטן, אַז זיי האָבן אַ באַזונדערן גרונט צו דערוואַרטן דאָס קומען פון משיח תיכף ומיד?״ ניין (נישט תיכף ומיד); אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז די העכסטע צייט משיח זאָל קומען, און צוגעגעבן, אַז „ווען אַלע פעלקער וואָלטן זיך געפונען אין אַ מלחמה און אין אַן אַלגעמיינער מהומה און צערודערונג, וואָלט ער אים דערוואַרט תיכף ומיד״. געווען אָבער משולחים, וואָס האָבן להיפּך צו קאַריגאַל יאָ פאַרשפּרייט דעם גלויבן, אַז די צייטן פון משיח זיינען שוין געקומען. עזרא סטיילס דערציילט וועגן אַזעלכע צוויי משולחים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָבן אויפן יסוד פון גימטריאות פון פסוקים געהאַט איבערגעצייגט די יידן אין ניו־יאָרק, אַז 1768 איז דאָס יאָר פון משיח. אַ יאָר שפּעטער, גיט איבער דער זעלבער טעאָלאָג, האָבן די יידן אין ניופּאָרט, אויפן יסוד פון אַ בריוו פון דייטשלאַנד, אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז משיח וועט קומען אין י. 1783. דעם זעלבן חשבון־הקץ געפינען מיר אויך

פאַרנאָטירט ביים חזן פון דער ניו־יאָרקער קהילה, גרשם סייקסאָס. און שפּעטער ברענגט דעם חשבון אויך דער מקובל אליקים בן אברהם פון לאָנדאָן אין זיין ספר „עשרה מאמרות" 1794).

אָבער אויך אומאָפּהענגיק פון די משיחישע שטימונגען, וועלכע עזרא סטיילס האָט נישט מגזם געווען, הגם ער איז געווען פאַראינטערע־סירט אין זיינע אייגענע מיסטישע טעאָריעס, איז די אמונה אין ביאת־המשיח ביי די אַמעריקאַנער יידן עיקר, וואָס איז אַריינגעדרונ־גען אין זייער באַוואוסטזיין. אין אַ תפילה — פאַרפאַסט פון רבי הענדל יוחנן פאן עטינגען, — וועלכע דער ציטווייליקער חזן יעקב כוהן האָט אין י. 1784, נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, געזאָגט בקהל אין דער ניו־יאָרקער שול, קומט נאָך אַ געבעט לכבוד דעם ניו־יאָרקער גאָווערנאָר קלינטאָן און לכבוד דעם קאָמענדאַנט וואַשינגטאָן, דאָס לעצטע געבעט, וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

„אַזוי ווי דו האָסט אויסגעשטעלט די דרייצן מדינות פון אַמעריקע אויף אייביקער פריהייט, אַזוי זאָלסט דו אונדז צום צווייטן מאָל אַרויס־פירן פון קנעכטשאַפט צו פריהייט און זאָלסט בלאָזן אין אַ גרויסן שופר פאַר אונדזער פריהייט, אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק (ישעיה כ״ז, י״ג): און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, וועט געבלאָזן ווערן אין אַ גרויסן שופר און עס וועלן קומען די פאַרלוירענע אין לאַנד אשור און די פאַרשטויסענע אין לאַנד מצרים און זיי וועלן זיך בוקן צו גאָט אויפן הייליקן באַרג אין ירושלים — — — און ער וועט אונדז שיקן דעם כוהן צדק און ער וועט אונדז פירן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ אין אונדזער לאַנד . . . "

(„כשם שנתת שלש־עשרה מדינות אמעריקא האלו לחירות עולם, כן תוציאנו שנית מעבדות לחירות, ותתקע בשופר גדול לחירותנו, כמה שנאמר והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לה׳ בהר הקדש בירושלים — — — וישלח לנו כהן צדק והוא יוליכנו קוממיות לארצנו . . . ").

דער בפירושער, וואונדערלעכער פאַרגלייך צווישן דער דעראָבערטער פריהייט פון אַמעריקאַנער פאָלק און צווישן דער גאולה און שיבת ציון, אויף וועלכער עס בעט דאָס יידישע פאָלק, איז אַ רירנדיקע ראיה, ווי אַזוי די באַר־וואָס איבערגעלעבטע באַפרייאונגס־מלחמה האָט ביי אַמעריקאַנער יידן (די תפילה האָט דער מחבר אָנגעשריבן פאַר דער קהילה, זי צו זאָגן אין שול) אין דעם טראַדיציאָנעלן משיח־גלויבן, אַריינגעבראַכט אַן אַקטועלן, רעאַלן, קאָנקרעט־פּאָליטישן נאַציאָנאַלן טאָן. ביי גרשום מענדעס סייקסאָס, — וואָס האָט פון יעקב כוהן צוריק איבערגענומען דאָס אַמט פון חזן אין דער קהילה ניו־יאָרק, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון פילאַדעלפיע, — איז די אידייע פון שיבת ציון איינע פון די צענטראַלע טעמעס פון

זיינע דרשות. אין דער פּריידיקט „אַ רעליגיעזער דיסקורס", וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 26טן נאָוועמבער 1789, אין הסכם מיט דער פּראָקלאַמאַציע פון פּרעזידענט וועגן „טהענקסגיווינג־דעי" (טאָג פון דאַנק),* האָט ער געגעבן אַזאַ אַנאַליז פון דער לאַגע און פּערספּעקטיוון פון די יידן בכלל און אין אַמעריקע בפרט: אויסדריקנדיק אַ דאַנק צו גאָט דערפאַר, וואָס דאָס לאַנד האָט דערגרייכט אַ קאָנסטיטוציע און בפרט, וואָס יידן זיינען געוואָרן גלייכבאַרעכטיקט, דערמאָנט ער באַלד זיינע צוהערער אָן „דער לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט און אין וועלכער מיר זיינען געוועז פאַרצייטנס, ווען מיר זיינען געזעסן אין אונדזער אייגענעם לאַנד..." ער שטעלט זיך אָפּ באריכות דערויף, ווי אַזוי יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל צוליב זייערע זינד, ציטירט די נבואות וועגן אויסלייזונג און פּירט אויס: „די אַלע אומשטאַנדן זיינען אונדז מחייב צו גלייבן, אַז הגם מיר זיינען צוליב אונדזערע זינד און עבירות, פּונקט ווי צוליב די זינד פון אונדזערע אבות, אַריינגעשלעפּט אין דעם דאָזיקן גלות, קענען מיר דאָך, דורך באַקענען זיך צו אונדזערע שלעכטע מעשים, געפינען גנאָד אין די אויגן פון אונדזער בורא און צוריק אויפגעשטעלט ווערן אין אונדזער אייגן לאַנד — — — אַז ער וועט זיך דעמאָלט צוהערן צו אונדזערע תפילות און תחנונים און ווירקן, אַז מיר זאָלן ווידער ווערן אויפגעריכט אונטער אונדזער אייגענער רעגירונג, אַזוי ווי מיר זיינען געווען אַמאָל..." ** ער פאַררופט זיך אויף דער וויזיע פון נביא יחזקאל וועגן טאָל פוןביינער, ווי אויף אָן אָנזאָג פון „דעם הערלעכן טאָג, אויף וועלכן יעדער אמתער בן־ישראל קוקט אַרויס מיט אומרואיקייט . . . "

מיט באַזונדערער שאַרפקייט אונטערשטרייכט דער גייסטיקער פירער פון דער ניו־יאָרקער קהילה דעם געדאַנק, אַז בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג, ווי וואַרעמפול זי זאָל נישט זיין, מיינט נאָך נישט דעם סוף פון גלות. וואָרום „הגם מיר זיינען מיטן חסד פון גאָט געוואָרן גלייכע אַנטיילנעמער מיט די איבעריקע באַוואוינער אין די טובות פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג פון די דאָזיקע שטאַטן, קענען מיר דאָך זיך נישט באַטראַכטן אַנדערש ווי אין גלות אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס מיר זיינען געווען אַמאָל

---

* Gershom Seixas, A Religious Discourse, New York, 1789.
אַ מיקראָפילם־קאָפּיע פון דערדאָזיקער זעלטענער בראָשורע האָבן מיר באַקומען פון דער Historical Society of Pennsylvania. וועמען מיר דריקן אויס ביי דער געלעגנהייט דעם בעסטן דאַנק.

** "... That He will then hearken to our prayers and supplications, and cause us to be again established under our own government as we were formerly."

און וואָס מיר דערוואַרטן צו ווערן להבא, ווען די פאַרשטויסענע פון ישראל וועלן איינגעזאַמלט ווערן, ווי עס שטייט אין ישעיה...״*

מיט דער זעלבער קלאָרקייט זאָגט זיך אַרויס גרשום סייזאַס וועגן דער דאָזיקער פראַגע אין זיין צווייטער געדרוקטער דרשה, פון 9טן מאַי 1798, דעם טאָג פון אַ ספּעציעלער תפילה וועגן שלום, וואָס פּרעזידענט אַדאַמס האָט פאַראָרדנט.** ווידער האַלט דאָ סייזאַס פאַר נויטיק צו דערמאָנען, אַז אין אַמעריקע האָבן יידן דערגרייכט דאָס מאַקסימום, אָבער אַלץ אין אַ מצב פון גלות.*** סייזאַס רעדט אָבער דאָ שוין אויך וועגן גאולה אין דער האָפענונג, אַז זי איז גאָר נאָענט. די איבערקערעניש אין אייראָפּע, אין רעזולטאַט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און די נאַ־פּאָלעאָנישע מלחמות האָבן ביי דעם ווירדיקן רעפּרעזענטאַנט פון אַמע־ריקאַנער יידנטום, פּונקט ווי ביי יידן אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט, געוועקט די איבערצייגונג, אַז דאָס זיינען די חבלי המשיח, די אתחלתא דגאולה: „ווען מיר פאַרטראַכטן זיך וועגן דער לאַגע און די אומשטאַנדן פון די איצטיקע מלחמות און וועגן דער שלעכטקייט און דעם פאַרדאַר־בענעם שטאַנד פון דער מענטשלעכער נאַטור, וואָס הערשט כמעט אור־מעטום איבער דער וועלט, מוזן מיר קומען צום גלויבן, אַז די הערלעכע תקופה פון גאולה האַלט אין אָנקומען און אַז אונדזער גאָט וועט אַנט־פּלעקן זיינע כוונות ווידער איינצוזאַמלען דאָס צעשפּרייטע שארית פון ישראל און זיי אויפריכטן לויט זיין געטלעכן צוזאָג . . .״

די שפּעטערדיקע געשעענישן, בפרט דאָס איינעמען ארץ־ישראל דורך נאַפּאָלעאָן אין יאָר 1799 און דאָס צוזאַמענרופן דורך אים די נאַ־טאָבלען־פאַרזאַמלונג און דאָס סנהדרין אין פּאַריז, האָבן נאָך מער גע־שטאַרקט גרשם סייזאַס אין דער האָפענונג אויף דער נאָענטער גאולה. אין זיינע דרשות, אין די יאָרן 1799־1807 רופט ער צו תשובה און מעשים טובים, ווי אַ תנאי פאַר דער גאולה, וואָס אירע צייכנס האָבן זיך שוין באַוויזן.

* “ . . . Still we cannot but view ourselves as captives in comparison to what we were formerly, and what we expect to be hereafter, when the outcasts of Israel shall be gathered . . . ”

** Rev. G. Seixas, Discourse, New York, 1798.
די דאָזיקע בראָשורע געפינט זיך אין דער American Jewish Historical Society אין ניו־יאָרק.

*** “It hath pleased God to have established us in this country where we posses every advantage that other citizens enjoy, and which is as much as we could in reason expect in this captivity . . .

אין זיין דרשה פון ב׳ בשבט תקס״ז (11 יאַנואַר, 1807), וואָס ער האָט געהאַלטן לטובת דער חברה „צדקה מתן בסתר״, דריקט אויס סייסאס זיין דערהויבענעם געמיט־צושטאַנד אין שייכות מיט נאַפּאָלעאָנס עווענטועלע פּלענער: „צווישן די פילע געשעענישן, וואָס די נביאים האָבן פאָראויס־געזאָגט, אַז זיי וועלן קומען פאַר דער אויפריכטונג פון ישראל צו זיין אַמאָליקער הערלעכקייט און גלאַנץ, קען די פאַרזאַמלונג פון אונדזערע ברידער אין צרפת באַטראַכט ווערן, ווי עפּעס גאָר אויסערגעוויינלעכעס. — — — לאָמיר מתפלל זיין, אַז גאָט פון ישראל זאָל זיי אַזוי פירן. — — — אַז זיי זאָלן געפינען גנאָד אין די אויגן פון זייער קיסר, אַז ער זאָל מיט גאָטס ווילן זיין אַ שליח אויסצופירן אונדזער באַנייאונג אויב נישט ווי אַ נאַציע אין אונדזער אַלטן לאַנד, איז לכל־הפּחות ווי אַ באַזונדערע עדה, מיט גלייכע רעכט און פריהייטן ווי אַלע אַנדערע רעליגיעזע עדה׳ס. — — — צוויי מאָל זיינען מיר אויסגעלייזט געוואָרן, ווי עס שטייט אין די כתבי הקודש, און מיר האָבן יעדן גרונט צו דערוואַרטן, אַז די דריטע צייט איז גאָר נאָענט, ווען מיר וועלן אויפגעריכט ווערן אויף אייביק, אַזוי ווי עס שטייט:* „נאָך צוויי טעג וועט ער אונדז אויפלעבן, אויפן דריטן טאָג וועט ער אונדז אויפריכטן, און מיר וועלן לעבן פאַר אים״.

די האָפענונג פון אַמעריקאַנער יידן אויף נאַפּאָלעאָן, אַז ער וועט צו־ריקאויפשטעלן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, איז געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם, וואָס אַ טייל פון דער רעפּובליקאַנער פּרעסע האָט אויך צו־געשריבן נאַפּאָלעאָנען אַזעלכע פּלענער.**

די דאָזיקע שטימונג פון אַ ניי־אויפגעוואַכטער בענקשאַפט נאָך דעם יידישן לאַנד, האָט נאָך אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר איבער־געלאָזט שפּורן אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן. אויך צווישן נייעם דור יידן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע שוין נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, געפינען מיר אַ רייע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן פאַר ארץ־ישראל אַ באַזונדערן אינטערעס: דער באַרימטער פילאַנטראָפּ און אָנטיילנעמער אין דער מלחמה פון 1812, יהודה טורא, און דער אַדוואָקאַט שמשון סימסאָן, וואָס האָט זיין קאַריערע אָנגע־הויבן מיט אַ העברייאישער רעדע צו דער גראַדואירונג אין קאָלומביאַ אוניווערסיטעט, האָבן ביידע געפּרואווט צו אָרגאַניזירן אַ פאָנד פאַר ארץ־ישראל און ביידע האָבן איבערגעלאָזט גרויסע טיילן פון זייער ירושה אויף צו פאַרשפּרייטן אין ארץ־ישראל־ישוב האַנטווערק און ערד־אַרבעט. צו דעם דאָזיקן דור געהערט אויך מרדכי עמנואל נוח, וואָס האָט אויפגעג־

---

* הושע ו׳, ב׳.

** וועגן דעם, אין צווייטן בוך, אין קאַפּיטל וועגן ארץ־ישראל.

רודערט די עפנטלעכע מיינונג מיט זיינע אָריגינעלע פּלענער וועגן אויפ־בויען אַ יידישע טעריטאָריע אין אַמעריקע, ווי אַ צוגרייטונג פֿאַר דער באַנייאונג פון דער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל.

די עמאַנציפּאַציע פון יידן אין אַמעריקע איז פֿאָרגעקומען אין אַנדערע אומשטאַנדן און באַדינגונגען ווי אין מערב־אייראָפּע, און דערפֿאַר וויזט זי אויך תחילת אַן אַנדערן נוסח. אַ נוסח וואָס איז געווען פריי פון פאַרלייקענונג פון פאָלק און פון זיינע היסטאָרישע שטרעבונגען, פריי פון דעם־דאָזיקן שפלות־קאָמפּלעקס, וועלכן אחד־העם האָט אַזוי קלאַסיש באַצייכנט ווי „עבדות בתוך חירות”. ערשט אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 19טן י״ה באַוויזן זיך און וואַקסן אַלץ מער אויך אין אַמעריקאַנער יידישן ישוב די זעלבע באַוואוסטזיניקע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן און שטרעמונגען, ווי ביי דער יידישער בורזשואַזיע אין מערב־אייראָפּע, פון וואַנען די זיינען אויך טיילווייז גרייטערהייט אַריבערגעפּלאַנצט געוואָרן.

ענגלאַנד

ע נ ג ל אַ נ ד

§10. יידן אין ענגלאַנד אין סוף 18טן און אין אָנהייב 19טן י״ה

ערב דעם אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז ענגלאַנד, די גרעסטע וועלט־אימפּעריע און האַנדלס־מאַכט, געווען דאָס לאַנד, וואו דער רעכטלעכער מצב פון די יידן איז געווען, לפי־ערך, דער בעסטער אין אייראָפּע. אין דעמדאָזיקן צענטער פון וועלט־האַנדל האָבן יידן, באַלד נאָך זייער צוריק־באַזעצן זיך אין 17טן י״ה, באַקומען אַלע מעגלעכקייטן זיך צו באַטייליקן אין קאָלאָניאַלן אימפּאָרט און עקספּאָרט, ווי אויך אין באַנק־וועזן. אין דעם העכסט־אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד האָט אויך דער יידישער סוחרישער קלאַס, אין משך פון דער אַנדערער העלפט פון 18טן י״ה, זיך אַרויסגערוקט ווי דער רייכסטער פון אַלע יידישע ישובים אין אייראָפּע. נישט קיין חידוש, אַז דער יידישער ישוב אין דעם־דאָזיקן לאַנד האָט אויך אין דער שנעלקייט פון זיין וואוקס איבערגעשטיגן די יידישע ישובים אויפן קאָנטינענט: ענגלאַנד איז אין משך פון 18טן י״ה געוואָרן דער באַדייטנדיקסטער צענטער פון יידישער אימיגראַציע, וועלכע האָט ביי דעם דעמאָלסטדיקן עקאָנאָמישן, רעכטלעכן, פּאָליטישן און קול־טור־מצב פון די יידישע מאַסן בכלל נאָך נישט דערגרייכט קיין גרויסן פאַרנעם. אין משך פון הונדערט יאָר, זינט יידן זיינען אַריינגעלאָזט גע־וואָרן קיין ענגלאַנד, פון 1660 ביז 1760, איז די צאָל יידן אין לאַנד גע־וואַקסן פון אַ פּאָר צענדליק משפחות ביז בערך 6־8 טויזנט נפשות. בערך 40 יאָר שפּעטער, ביים סוף פון 18טן י״ה, האָט דער־דאָזיקער ישוב שוין געציילט 20־25 טויזנט נפשות.

פּונקט ווי אין אַלע ישובים מיט אַ געמישטן ספרדישן און אשכנזישן עלעמענט סיי אין אייראָפּע סיי מעבר־לים (אין ארץ־ישראל און אין אַמעריקע) אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה, איז אויך אין ענגלאַנד דער וואוקס פונעם ישוב פאָרגעקומען, קודם־כל, דורך דער אימיגראַציע פון אשכנזישע יידן, בעת די ספרדישע גרופּע איז געבליבן בערך סטאַביל. די מילדערונג פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל אין 18טן י״ה, און איר פּאַקטישע אומטעטיקייט אונטער דער רעגירונג פון מיניסטער פּאָמבאַל האָט אָפּגעשטעלט דעם צופלוס קיין לאָנדאָן פון מאַראַנען, אַחוץ אַ קורצע צייט נאָך דער ערד־ציטערניש אין ליסבאָן אין 1755, ווען געציילטע משפחות צווישן זיי, האָבן אונטערן איינדרוק פון דער קאַטאַסטראָפע באַשלאָסן אויסצוואַנדערן און אומקערן זיך צו יידישקייט. קלענערע גרופּעס

ספרדים האָבן אין יענער צייט איינגעוואָנדערט קיין לאָנדאָן פון האָלאַנד, וואו די עקאָנאָמישע ירידה איז געוואָרן אַלץ טיפער, אויך פון איטאַליע, גיב־ראַלטאַר (נאָך דער באַלאַגערונג אין 1781) און פון צפון־אַפריקע, בעיקר פון מאַראָקאָ. אין דער זעלבער צייט וואַקסט אין ענגלאַנד די אשכנזישע גרופּע פּילפאַכיק דורך אַ שטענדיקן צושטראָם פון אימיגראַנטן פון האָ־לאַנד, עלזאַס, בעהמען־מעהרן, פּוילן און, קודם־כל, פון דייטשלאַנד. יעדע נייע קאַטאַסטראָפע פון יידן אויפן קאָנטינענט, ווי די גזירה פון גירוש אין בעהמען אין 1744, די גאַנטע־פּאָגראָמען אין אוקראַינע אין 1768, ברענגט קיין לאָנדאָן אַ נייעם שטראָם פון אויסגעוואָרצלטע פּליטים, וואָס זוכן אַ דאָך איבערן קאָפּ און רעטונג פון הונגער־טויט. די פּראָפּאָרציע פון ספרדים אין יידישן ישוב אין ענגלאַנד ווערט אַלץ קלענער. אַרום י. 1760 באַ־טרעפן די ספרדים בלויז בערך אַ פערטל פון ישוב, און אַרום י. 1795 שוין נישט מער ווי אַ זעקסטל ביז אַ פינפטל.

לויט דער ספּעציפישער וואָג פון סאָציאַלן שטאַנד פאַרנעמען אָבער די ספרדים, ביז צום אָנהייב פון 19טן י"ה, נאָך אַלץ דעם אויבנאָן ביי די יידן אין ענגלאַנד. זיי, די אייניקלעך פון פּאָרטוגאַלישע און שפּאַנישע מאַראַנען, זיינען די גרויסע סוחרים, וואָס באַטייליקן זיך אין קאָלאָניאַל־האַנדל מיט ביידע אַמעריקעס און מזרח־אינדיעס און מיטן האַנדל אין נאָענטן מזרח (לעוואַנט); דער פּרנס פון דער ספרדישער קהילה „שער השמים", יוסף סאַלוואַדאָר (ישורון ראָדריגעז), ווערט אין דער מיט פון 18טן י"ה אויסגעקליבן דירעקטאָר פון דער מזרח־אינדיע קאָמפּאַניע; ספרדישע גבירים פאַרמיטלען אין דער זעלבער תקופה הלוואות פאַר דער רעגירונג; זיי נעמען אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פון דער זייד־און באַוול־אינדוסטריע און שטעלן צוזאַמען אַ העלפט פון די גרויסע 16 קרעלן־עקספּאָרטערן פון לאָנדאָן אין יענער צייט; זיי שטעלן אויך צו די 12 מעקלער פון דער קיניגלעכער בערזע, וואָס זיינען נאָך צום סוף פון 17טן י"ה באַוויליקט געוואָרן יידן צווישן די 124 פון דער דאָזיקער אָפיציעלער פּאָזיציע; קאָמפּאַניעס פון ספרדישע יידן נעמען איבער לי־ווערונגען פאַר דער אַרמיי ווי „קאָמיסאַרן", אין די מלחמות פון 18טן י"ה, פּונקט ווי פריער אין 17טן י"ה. די פאַרמעגלעכע באַטרעפן אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י"ה בערך אַ העלפט פון דער ספרדישער קהילה אין לאָנדאָן, ווי מען קאָן זען פון די רשימות פון „פינטא", דאָס הייסט, קהילה־שטייער: אין יאָר תקכ"ד (1764) ווערן די הוצאות פון דער ספרדישער קהילה אין דער סומע פון 750 פונט צעלייגט אויף 240 „יחידים". דאָס באַטרעפט אין דורכשניט מער ווי 3 פונט אויף אַ פאַ־מיליע; צווישן זיי זיינען פאַראַן 26 פאַמיליעס, וואָס ווערן באַשטייערט מיט מער ווי 10 פונט, דערפון 8 פאַמיליעס צו 18 פונט. אין אַנדערע יאָרן

דערגרייכט דער קהילה־שטייער פון די מיטגלידער 2 טויזנט פונט. נע־מענדיק אין אַכט, אַז די פּראָפּאָרציע פון באַשטייערונג האָט באַטראָפן נישט קיין סך מער ווי אַ פערטל פּראָמיל פון דעם האַנדלס־אומזאַץ, אָדער פון דער סומע פון האַנדלס־פאַרמיטלונג פון די קהילה־מיטגלידער,* קומט אויס, אַז זייערע דירעקטע, אָדער פאַרמיטלטע געשעפטן האָבן אַרומ־גענומען אַ סכום פון 8 מיליאָן פונט. אויפן פאָן פון דער־דאָזיקער פאַר־מעגלעכקייט וואַרפט זיך נאָך בוילעטער אין די אויגן דאָס דלות פון דער אַנדערער העלפט פון דער ספרדישער קהילה. אין דער זעלבער צייט, אין י. 1767, פאַרטיילט די קהילה צווישן 300 פּערזאָן קיצבה פון אַ ספּע־ציעלער זאַמלונג, וואָס האָט געבראַכט אין סך־הכל קוים 197 פונט: יע־דער פון די אָרעמעלייט האָט באַקומען דערפון צוגעטיילט חודשלעכע שטיצע אין דער גרויס פון קנאַפּע אַנדערטהאַלבן שילינג ביז קנאַפּע 7 שילינג . . . די אָרעמסטע זיינען געווען די צוגעוואַנדערטע „בערבעריס־קאָס" (יידן פון צפון־אַפריקע) און „איטאַליאַנאָס", וועמען די איינגעזע־סענע ספרדים האָבן, נישט געקוקט אויף דער בשותפותדיקער אָפּשטאַ־מונג, באַצייכנט גלייך מיט די „טודעסקאָס" (דייטשע יידן) און „פּאָלאַ־קאָס", ווי „פאַרעסטעיראָס", דאָס הייסט, פרעמדע.

די אשכנזישע יידן, וואָס האָבן באַטראָפן דעם רוב מנין ורוב בנין פון ישוב אין ענגלאַנד, זיינען אַחוץ אַ גאַר דינעם שיכט פון פאַרמעגלעכע הורט־סוחרים, אַקציעס־פאַרמיטלער און יוֹוועלירן, און אַ לפי־ערך גרע־סערער גרופּע פון מיטל־קלאַס, קרעמער, גאָלדשמידן און זייגערמאַכער, באַשטאַנען דורכאויס פון אַן אָרעמער מאַסע, וואָס איר עלנט איז געווען אַ שם דבר. בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון דער דאָזיקער מאַסע האָט זיך איינגעאָרדנט ווי בעלי־מלאכות, אין אַזעלכע פאַכן ווי פון שניידער, היטל־מאַכער, העפטער, קראַוואַטן־מאַכער, דיאַמאַנטן־שלייפער, פען־שניצער, גלאָז־גראַווירער א. אַז. וו. דער כלל אשכנזישע יידן אין ענגלאַנד האָט זיך פאַרנומען מיט די כאַראַקטעריסטישע פרנסות פון דער יידישער אָרעמ־קייט אין גאַנץ מערב־און מיטל־אייראָפּע אין 18טן י״ה, אַלטוואַרג־האַנדל, גאַסן־האַנדל און פּעדלערײַ. אין די רייזע־באַשרייבונגען פון לאָנדאָן פון יענער צייט חזרט זיך איבער רעגולער דאָס בילד פון יידישע הענדלער אין די אָרעמע קוואַרטאַלן פון שטאָט, וואָס זיצן ביי שטעלכעלעך מיט כל־

---

* אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די „יחידים" (מיטגלידער) פון דער ספרדישער קהילה אין לאָנדאָן אין יאַנואַר 1809 איז באַשלאָסן געוואָרן צו רעדוצירן די פּראָפּאָרציע פון קהילה־שטייער ביז 6 פּעניס פון 100 פונט האַנדלס־אומזאַץ. דאָס הייסט, אַ פערטל פּראָמיל. פאַר דער־דאָזיקער רעדוקציע איז, בכן, די ראַטע פון קהילה־שטייער געווען עפּעס העכער.

המינים ביליקע סחורות; יידישע יינגלעך וואָס פּעדלען איבער די גאַסן מיט פּאַנטאָפל, בלייפּעדער, גאַלאַנטעריע, מאַראַנצן, טאַרבעלעך מיט זיס־קייטן; קודם־כל אָבער וואַרפן זיך אין די אויגן די אַלטוואַרג־הענדלער, וואָס אין אַלע גאַסן הערט זיך זייער טראַדיציאָנעלער ניגון: „קליידער, קליידער, אַלטע קליידער". זייער צאָל אין לאָנדאָן צום סוף 18טן יאָר־הונדערט ווערט געשאַצט בערך 1,500, דאָס הייסט, אַז די דאָזיקע קלאַ־געדיקע פּרנסה האָט „געשפּייזט" בערך אַ דריטל פון דער יידישער באַ־פעלקערונג אין לאָנדאָן. אין די אָוונטן פלעגט מען זען אין לאָנדאָן אויפן „שמאַטע־מאַרק" („רעג פעיר") הונדערטער אַלטוואַרג־הענדלער, וואָס פלעגן נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן, דאָרט זיך צוזאַמענקומען פון אַלע זייטן פון דער שטאָט, כדי צו סעגרעגירן די איינגעקויפטע סחורה, אָדער זי באַלד אויפן אָרט צו פאַרקויפן. אַ טייל אַלטע קליידער פלעגן דורך יידישע שניידער און שניידערינס פאַרריכט ווערן און דורך הורט־סוחרים עקספּאָרטירט ווערן אין אויסלאַנד. פּונקט אַזוי זיינען די פּעדלער און גאַסן־הענדלער געווען די אָפּנעמער פון סחורה, אויף באַרג אָדער אין קאָ־מיסיע, פון יידישע סוחרים, די פּני פון די קהילות. אַ טייל פּעדלער פלעגן זיך אַרויסלאָזן איבער דער מדינה ווי „פּאַקנטרעגער" מיט פּעקלעך אויף דער פּלייצע, און דערגרייכן די וייטסטע, פאַרוואָרפנסטע מקומות, ווי פאַרזאָרגער מיט גאַלאַנטעריע, מעסערלעך, שפּילוואַרג, זייגערלעך, ביליקע בילדער, גלעזער, טריפּוואַקס, טאַבאַק א. ד. גל. זיי פלעגן אָפט זיין אויס־געשטעלט אויף די שווערסטע פאַרפאָלגונגען און דערבידעריקונגען און אין צייטן פון הרצעס האָט מען — לויטן עדות פון אַ רייזנדיקן — „היינט נישט אַזוי באַהאַנדלט, ווי מען האָט באַהאַנדלט די יידן אויף די גאַסן". און דאָך האָט אַ טייל פון די דאָזיקע פּעדלער, מיט זייער עקשנות און אויסדויער, באַוויזן זיך צו באַזעצן אין די פאַרשיידנסטע שטעט אין ענג־לאַנד און אַדאַנק זייער פּיאָנערישקייט קומען אויף, אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה, יידישע קהילות אין אַזעלכע שטעט ווי פּאָרטסמוט, בריסטאָל, פּלימוט, ליווערפּול, מאַנטשעסטער, בירמינגהעם און אין אַ 15 אַנדערע שטעט, על פּי רוב פּאָרט־שטעט. צום סוף פון 18טן י״ה וואוינען שוין מחוץ לאָנדאָן אַ 5־6 טויזנט יידן, דאָס הייסט, בערך אַ פינפטל ביז אַ פערטל פון יידישן ישוב אין לאַנד.

די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן אין לאַנד האָט זיך פאַרמעל נישט געענדערט זינט סוף 1753, ווען עס איז צוריקגערופן געוואָרן דער אַקט וועגן נאַטוראַליזאַציע. די איינציקע גייע באַרעכטיקונג וואָס דער דאָזיקער אַקט האָט אין תוך געהאַט פאַראויסגעזען, דאָס רעכט צו דערוואַרבן אומ־באַוועגלעך אייגנטום, איז סיי ווי סיי אין דער פּראַקטיק געווען אָנערקענט און ביי די יידישע געלט־מאַגנאַטן האָט זיך גאָר פאַרשפּרייט אַ מאָדע פון

איינקויפן זיך ווילעס אין דער געגנט פון לאָנדאָן.* קיין שום באַזונדערע שטייערן האָבן יידן נישט באַדאַרפט אויסטראָגן. די איינציקע ממשותדיקע באַגרענעצונג פון רעכט אויפן עקאָנאָמישן געביט איז געווען דער פאַר־באָט פאַר יידן צו עפענען לאחדים־קראָמען אין די גרענעצן פון דער שטאָט לאָנדאָן. אָבער אַחוץ יחידים, וואָס האָבן באַקומען דאָס שטאָטישע ביר־גער־רעכט („פרימען״), פלעגן אויך אַנדערע סוחרים זיך אָן עצה געבן און אָנרופן זייערע קראָמען הורט־געשעפטן. דאָס רוב אָבער האָבן יידישע קרעמער זיך באַזעצט אויף דער אַלץ־וואַקסנדיקער פעריפעריע פון לאָנ־דאָן, וואו דאָס שטאָט־בירגער־רעכט איז נישט געווען חל. בלויז די פראַגע פון פּאָליטישע רעכט פאַר יידן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט ביז צו דער תקופה פון פאַרלאַמענטאַרישע רעפאָרמען אין אָנהויב פון די 30ער יאָרן פון 19טן י״ה, הגם אין דער פּראַקטיק זיינען יידן שוין צום סוף פון 18טן י״ה צוגעלאָזט געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן צום פּאַרלאַ־מענט. אין פרט פון סאָציאַלער פּאָזיציע און פּרעסטיזש האָט זיך די יידישע פּלוטאָקראַטיע אין לאָנדאָן שוין אַזוי ווייט אויסגעגליכט מיט דער אַרומיקער בורזשואַזיע, אַז זי האָט שוין אין אָנהייב 18טן י״ה פאַר־נומען הויכע אַמטן אין די מאַסאָנען לאָזשעס, און יידישע נאָטאַבלען פלעגן אַריינגענומען ווערן אין אָפיציעלע דעלעגאַציעס פון לאָנדאָן צום קיניג. די שווערע האַנט פון ענגלישן רעזשים אין דער אָנהייב־תקופה פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש האָט זיך געלייגט אויף די מאַסן פון פאַר־יאָגטע פעדלער און כסדר אַריינשטראָמענדיקע מחנות פון אָפּגעריסענע וואַנדערער פון קאָנטינענט, און אין דער דאָזיקער אכזריותדיקער אַרבעט האָבן די פאַרשטייער פון דער איינגעזעסענער, פאַרפונדעוועטער יידישער בורזשואַזיע, נישט בלויז סאָלידאַריש צוגעהאָלפן, נאָר אפילו אַליין אַרויס־געוויזן די טרויעריקע איניציאַטיווע.

די שטייגנדיקע כוואַליע פון יידישער אימיגראַציע קיין לאָנדאָן אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה, האָט געבראַכט אַהין אויך אַ גרויסע צאָל אָרעמעלייט און סתם בעטלער, וואָס האָבן געהאָפט צו געפינען שטיצע ביי די רייכע קהילות פון דער שטאָט. די דריי אשכנזישע קהילות פון לאָנדאָן האָבן, לויט אַ הסכם צווישן זיך, אויסגעצאָלט די אָרעמעלייט איין

* דער באַרימטער משולח פון ארץ־ישראל חיד״א (אזולאי) פאַרצייכנט אין זיין רייזע־באַריכט אונטער דער דאַטע י״ב אייר תקט״ו (1755) וועגן זיין באַזוך אין לאָנ־דאָן: „וכבואי כל הגבירים יצאו את העיר לרעות בגנים ולא איתא אנש דש בעירו״ (ווען איך בין אָנגעקומען, האָבן אַלע גבירים געהאַט פאַרלאָזט די שטאָט כדי זיך צו ווילן אין די גערטנער און עס איז ניט געווען קיין מענטש, וואָס זאָל זיין פאַרבונדן מיט דער שטאָט).

שילינג אַ וואָך. היות אָבער, ווי אויך די דאָזיקע פּרוטות זיינען געווען אַ לאָקונג פאַר נייע קאָנטינגענטן בעטלערס און אַ צייטווייליקע נשמה־דערהאַלטונג פאַר הילפלאָזע איינוואַנדערער, האָט די „גרויסע סינאַגאָגע", די עלטסטע און גרעסטע אשכנזישע קהילה אין לאָנדאָן, אין י. 1753, באַשלאָסן אָפּצוזאָגן שטיצע די אַלע פרעמדע יידן, וואָס וועלן נישט באַווייזן קיין גענוגנדיקע סיבה פאַר זייער אויסוואַנדערונג פון דער היים. אויך דער־דאָזיקער באַשלוס איז נישט געווען אימשטאַנד אָפּצושטעלן דעם שטראָם פון יידישער אָרעמקייט. אין 1764 האָט דער פּרנס פון דער „גרויסער סינאַגאָגע", אויף אַן אָנפראַגע פון דער מאַכט, זיך דערקלערט גרייט מיטצוהעלפן אין באַגרענעצן די איינוואַנדערונג פון פאַרברעכערישע עלעמענטן. דערווייל האָבן די געשעענישן אין פּוילן אין 1768, די גזירה אומאַן און די באַרער קאָנפעדעראַציע, געבראַכט קיין לאָנדאָן נייע איינוואַנדערער אינגאַנצן אָן מיטלען צום לעבן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען אונטערוועלט עלעמענטן. אין 1771 איז אפילו פאָרגעקומען אין טשעלסי אַ רויב־אָנפאַל מיט אַ מאָרד דורכגעפירט דורך אשכנזישע יידן. דער אינצידענט איז אויסגענוצט געוואָרן דורך אַנטי־יידישע אַגיטאַטאָרן און עס האָבן זיך געהערט אויסרופן אויף די גאַסן קעגן פאַרבייגייענדיקע יידן „גיי קיין טשעלסי". די פאָרשטייער פון דער אשכנזישער „גרויסער סינאַגאָגע" האָבן אויף דער אָנפראַגע פון דער רעגירונג פאָרגעלייגט מיטלען, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן, כדי אָפּצושטעלן די אימיגראַציע פון אָרעמע יידן. אין זייער מעמאָראַנדום צום מלוכה־סעקרעטאַר האָבן זיי אָנגעוויזן אויף דער לאַגע פון די יידן אין פּוילן, ווי די סיבה פון פאַרשטאַרקטער אימיגראַציע און אויף איר אומגעשטערטן גאַנג; פון פאָרט העלוואָוטסלייס אין האָלאַנד פלעגן רעגולער אָוועקגיין ענגלישע פאָסט־שיפן קיין לאָנדאָן, וואו אומפאַרמעגלעכע האָבן באַקומען הנחה־בילעטן פאַר אַ העלפט פּרייז (6 שילינג) און אָרעמע האָבן באַקומען בילעטן אין גאַנצן בחינם. די יידישע פאָרשטייער האָבן פאַרזיכערט דעם מיניסטער, אַז די גראַטיס־פּאַסאַזשירן זיינען אַלע „וואַגאַבונדן", וואָס זיינען נישט אימשטאַנד צו פאַרדינען אָנשטענדיק אויף חיונה . . .

אויפן יסוד פון דעם־דאָזיקן מעמאָראַנדום האָט דער מלוכה־סעקרעטאַר אַרויסגעגעבן, אין זעלבן יאָר 1771, אינסטרוקציעס דעם הויפּט־פּאָסטמייסטער, אַז אויף ווייטער טאָר מען נישט אַרויפלאָזן אויף די ענגלישע פּאָסט־שיפן קיין יידן, וואָס באַצאָלן נישט דעם פולן פּרייז פון בילעט און פאַרמאָגן נישט אַחוץ דעם קיין „פּאַספּאָרט" (וויזע) פון ענגלישן אַמבאַסאַדאָר. „אַרבעטזאַמע אָרעמעלייט פון אַלע נאַציעס" האָבן יאָ, ווי ביז איצט, געמעגט אַריינקומען קיין ענגלאַנד אומזיסט, מן הסתם דערפאַר, וואָס

די ענגלישע אינדוסטריע האָט זיך געגוטיקט אין ביליקע אַרבעטס־הענט. גלייכצייטיק האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָליציייאישע אָנפאַלן אויף יידישע פּעד־לערס איבער גאַנץ ענגלאַנד און די אַרעסטירטע זיינען דעפּאָרטירט גע־וואָרן פון לאַנד. אַ דעלעגאַציע פון דער „גרויסער סינאַגאָגע״ האָט אָפּ־געשטאַט אַ וויזיט דעם מיניסטער לאָרד סאָפאַלק כדי אים פּערזענלעך צו דאַנקען פאַר דער טובה און אַחוץ דעם האָט די פאַרוואַלטונג פון דער סינאַגאָגע אים אויך אַריינגעשיקט אַ שריפטלעכן דאַנק־בריוו. אַ דעלע־גאַציע פון דער סינאַגאָגע איז אויך אָוועקגעגאַנגען צום לאָרד־מאַיאָר (ביר־גערמייסטער) פון לאָנדאָן און אויסגעהערט מיט צופרידנקייט זיין פאַרזי־כערונג, אַז יעדער אָרעמער ייד, וואָס וועט זיך מעלדן צו פאַרלאָזן ענג־לאַנד וועט באַקומען אַן אומזיסטיקע שיפס־קאַרט . . . די אַרויפגעאַרבעטע אשכנזישע גבירים האָבן זיך לחלוטין אויסגעגלייכט מיט דער ספרדישער אַריסטאָקראַטיע פון לאָנדאָן, וואָס האָט מיט אַ יאָרהונדערט פריער זיך אַ פּאָר מאָל געהאַט משתדל געווען ביי דער שטאָטישער מאַכט (1669, 1677) וועגן נישט אַריינלאָזן קיין לאָנדאָן אומפאַרמעגלעכע יידן.

די אידייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן אומפאַרמיידלעך אויך געהאַט זייער השפעה אויף דער עפנטלעכער מיינונג פון אויפגע־קלערטע קרייזן אין ענגלאַנד בנוגע יידן. דער באַרימטער עסיי פון אַבאַט גרעגואַר וועגן יידן איז אין יאָר 1791 אַרויסגעגאַנגען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג און אין זעלבן יאָר איז אויך אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ צווייטע אויפלאַגע אין ענגליש פון לעסינגס „נאַטאַן דער וויזע״. עס זיינען אויך דערשינען אָריגינעלע ענגלישע בראָשורן וועגן רעכט פאַר יידן. צו דער ברייטער עפנטלעכקייט זיינען אָבער די דאָזיקע שטימען נישט דערגאַנ־גען. נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ גרעסערע צאָל יידן האָט געדינט אין פלאָט און געקעמפט אונטער אַדמיראַל נעלסאָן, און הונדערטער יידישע פרייוויליקע האָבן זיך געמאָלדן אין דער אַרמיי אין 1803, ווען עס איז באַנייט געוואָרן די מלחמה מיט פראַנקרייך, איז לויטן אויסגעפרואווטן נוסח פון דער רעאַקציע אין אַלע לענדער, סיסטעמאַטיש פאַרשפרייט געוואָרן אַ העצע קעגן יידן אונטער דער באַשולדיקונג, אַז זיי האַלטן מיט די יאַקאָבינער. אין לאַנד איז טאַקע אונטער דער השפעה פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע געוואַקסן די באַוועגונג פאַר רעפאָרמען פון פאַר־לאַמענטאַרישן סיסטעם און פאַר אַלגעמיין וואַל־רעכט.

די רעגירונג פון וויליאַם פּיט (דעם יינגערן) האָט דערויף געענט־פערט מיט אַדורכפירן אין פאַרלאַמענט געזעצן, וואָס האָבן פאַרשמע־לערט די פּערזענלעכע פרייהייט און פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען. אין אָנהייב 1793, איז ווי אַן אָנזאָג פון דער כוואַליע פון רעפּרעסיעס, אַדורכ־געפירט געוואָרן אין פאַרלאַמענט — קעגן דער אָפּאָזיציע פון פאָקס און

זיין לינקן פליגל פון די „וויגס" — אַ „געזעץ וועגן פרעמדע" וואָס האָט זיי אונטערגעוואָרפן אונטער אַ שטרענגן קאָנטראָל פון דער רעגירונג. אויפן יסוד פון דעם־דאָזיקן געזעץ זיינען באַלד אַדורכגעפירט געוואָרן אַרעסטן פון יידישע פעדלערס און הענדלערס איבערן לאַנד און אַ צאָל פון זיי איז דעפּאָרטירט געוואָרן. הגם צוליב דער מלחמה האָט זיך די איינוואַנדערונג פון יידן אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, איז דאָס גייעג פון דער פּאָליציי אויף די הילפלאָזע יידישע האָרעפּאַשנע עלעמענטן פאָרגעזעצט געוואָרן אין משך פון די ווייטערדיקע יאָרן. אין י. 1795 איז דער לאָנ־דאָנער ריכטער קאָלקהון, אין זיין ווערק וועגן דער הויפּט־שטאָט, אַרויס־געקומען מיט פאַקטן וועגן דעם אויסטערלישן דלות פון די יידישע מאַסן אין לאָנדאָן. אַלס ענטפער אויף די דאָזיקע רעוועלאַציעס, האָט דער דאָק־טאָר פון דער „גרויסער סינאַגאָגע", ד״ר יהושע אָוען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון סיסטעמאַטישער הילף פאַר דער יידישער אָרעמקייט און איר פּראָדוקטיוויזאַציע, דורך אויפשטעלן אַ „הויז פון אינדוסטריע", לויטן מוסטער פון די צוואַנג־אַרבעטס־הייזער פאַר אָרעמעלייט אין ענגלאַנד. דער פּלאַן איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן צוליב דער אָפּאָזיציע פון די ספרדישע און אשכנזישע קהילה־פירער, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגע־שטעלט אַ צוואַנג־באַשטייערונג פאַר אָרעמעלייט און אפילו אויסגעדריקט די מורא, אַז אַזאַ סיסטעמאַטישע הילף־אַרבעט וועט גורם זיין אַ נייע כוואַליע פון אָרעמע יידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע. אַנשטאָט אָרגאַניזירטער הילף פון יידישע קהילות זיינען געקומען נייע רדיפות פון דער רעגירונג. אין י. 1798 זיינען די פּרנסים פון די סינאַגאָגעס אין לאָנדאָן אויפגעפאָדערט געוואָרן דורך דעם לאָרד־מעיאָר, לויט אַ בפירושן באַפעל פון מיניסטעריום, צוצושטעלן אין משך פון דריי וואָכן אַ רשימה פון אַלע פרעמדע יידן; פאַר נישט־רעגיסטרירטע יידן איז גע־ווען פאָראויסגעזען אַרעסט און דעפּאָרטאַציע. די סינאַגאָגעס האָבן די געפאָדערטע רשימות צוגעשטעלט און ווי עס ווייזט אויס, האָבן די אשכנזי־שע קהילה־פירער רעגיסטרירט בלויז די, וואָס האָבן געהאַט אַ שטאָט אין אַ שול, ווי אויך זייערע משרתים. די איבעריקע, נישט־איינגעזעסענע פאַמיליעס זיינען ממילא אויסגעשטעלט געוואָרן אויף הפקר.

אין דער זעלבער צייט פון סוף 18טן און אָנהייב 19טן י״ה, ווען עס האָבן זיך אַ שיט געטאָן גזירות אויף דעם אָרעמסטן קלאַס איינגעוואַנ־דערטע יידן, איז פאָרגעקומען אַ באַדייטנדיקער סאָציאַלער אויפשטייג און עקאָנאָמישע קאָנסאָלידאַציע פון דעם איינגעזעסענעם טייל פון יידישן ישוב אין ענגלאַנד. אַדאַנק דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע און דער קאָניונקטור פון די מלחמה־יאָרן האָט אַ גרויסע צאָל געוועזענע אַלטוואַרג־הענדלער און פעדלער אין לאָנדאָן זיך אַרויפגעאַרבעט אַלס סוחרים, בעלי־

מלאכות, פאַבריקאַנטן און עקספּאָרטערן. אין די אַנדערע האַפּן־שטעט אין לאַנד האָבן טייל ייִדישע פּעדלער און הענדלער זיך דערשלאָגן צו דער פּאָזיציע פון שיף־אַגענטן, וואָס פלעגן פאַרזאָרגן די שיפן מיט אַלע נויטיקע פּראָוויאַנטן. אין דערדאָזיקער רייכער האַנדלס־בראַנזשע האָבן ייִדן שוין דעמאָלט באַטראָפן 25 פּראָצענט. פון דעם באַפעסטיקטן ייִדישן מיטלשטאַנד טיילט זיך אויס אַ גרופּע גרויס־בורזשואַזיע, וואָס שטעלט אַלץ מער אַוועק אין שאָטן די אַמאָל מעכטיקע ספרדישע פּלוטאָקראַטיע, וועלכע האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך נאָך דעם קריזיס פון וועסט־אינדיע־האַנדל אין רעזולטאַט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און דער ירידה פון דער מזרח־אינדיע קאָמפּאַניע. אויב אין דער מיט פון 18טן י״ה זיינען די באַנקירן פון דער רעגירונג געווען די ספרדישע פאַמיליעס ווי גדעון און סאַלוואַדאָר, רוקן זיך אַרויס אין די מלחמות מיט נאַפּאָלעאָן די אשכנזישע ברידער גאָלדסמיד, ווי אָרגאַניזאַטאָרן פון מלוכה־הלוואות און צום סוף פון דער תקופה דאָס באַנקהויז ראָטשילד (נתן מאיר). דער אויפקום פון דער נייער ייִדישער פּלוטאָקראַטיע שפּיגלט אָפּ אין די ראַמען פון ייִדישן קאַפּיטאַל דעם איבערגאַנג פון ענגלאַנד פון האַנדלס־קאַפּיטאַליזם צום אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם.

פּונקט ווי אין האָלאַנד און אין פראַנקרייך, איז אויך אין ענגלאַנד דער ייִדישער ישוב געווען אָרגאַניזירט באַזונדער אין ספרדים און אשכנזים. די ספרדים האָבן אַלע געהערט צו דער „שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער סינאַגאָגע״, בעת די אשכנזים זיינען שוין אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה געווען צעטיילט אויף דריי סינאַגאָגעס, אין לאָנדאָן (אַחוץ אַ פּערטער אין דער פּאָרשטאָט), וואָס די עלטסטע (געגרינדעט 1690), גרעסטע און רייכסטע פון זיי איז געווען די „גרויסע סינאַגאָגע״. פּונקט ווי די צווייינגערע אשכנזישע סינאַגאָגעס זיינען אויפגעקומען דורך אָפּשפּאַלטן זיך פון דער גרויסער סינאַגאָגע, אַזוי זיינען צום סוף פון 18טן י״ה אויפגעקומען 4 בתי־מדרשים מיט אייגענע מגידים, דערפון צוויי בתי־מדרשים פון פּוילישע ייִדן. נישט האָבנדיק אָבער קיין אייגענע בית־עולמס זיינען די מיטגלידער פון די בתי־מדרשים געווען אָנגעשלאָסן אין איינער פון די דריי אשכנזישע קהילות. די ניי־אויפגעקומענע ייִדישע ישובים איבערן לאַנד האָבן אָנערקענט די פירונג פון דעם רב פון דער גרויסער סינאַגאָגע אין לאָנדאָן און אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט דאָס אַמט פון דעם הויפּט־רב („טשיעף־ראַבאַי״) פון ענגלאַנד.

אין 1760 האָבן די פאָרשטייער פון די ספרדים מסכים געווען אין אַלע פאַלן וואו עס וועט זיין נויטיק אַ פּאָליטישע אַקציע, וואָס איז נוגע „ביידע נאַציעס״, זיך צו באַראָטן מיט די דעפּוטאַטן פון די אשכנזישע סינאַגאָגעס און דערמיט איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער אָרגאַניזאַציע „באָארד

און דעפּיוטיס״ פון אַלע ענגלישע יידן. אַחוץ דער דערציאונגס־טעטיקייט און פילאַנטראָפּישער טעטיקייט פון די קהילות, האָבן סיי ביי די ספרדים, סיי ביי די אשכנזים עקזיסטירט באַזונדערע צדקה־חברות און חברות אויף אויסצוהאַלטן ישיבות, חברה צו לערנען רמב״ם (ספרדים), „חברה ש״ס״ (פּוילישע יידן) א. אַז. וו.

נישט געקוקט אויף דעם ברוטאַלן עגאָאיזם פון די קהילה־אָנפירער פון ספרדים און אשכנזים לגבי די אָרעמע אימיגראַנטן און בפרט בעטלער, האָבן זיי זיך נישט אָפּגעזאָגט פון געבן הילף יידישע קהילות איבער דער וועלט, וואָס האָבן אַלץ אָפטער זיך געווענדט סיי נאָך געלט־שטיצע סיי וועגן פּאָליטישער אינטערווענץ. אַזוי האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען פאָלקס־סאָלידאַרישקייט די פּני פון די יידן אויך אין אַנדערע לענדער: שטיצע פאַר „אייגענע״ אָרעמעלייט און פאַר בויט־באַדערפטיקע קהילות אין אַנ־דערע לענדער — יאָ, אַבי נישט צולאָזן קיין מאַסן־איינוואַנדערונג פון אָרע־מעלייט, וואָס רירט אָן די עקאָנאָמישע חזקה פון די תושבים, וואַרפט אויף זיי אַרויף גרויסע פינאַנציעלע לאַסטן און שטעלט אין אַ סכנה זייער פּרעסטיזש לגבי די הערשנדיקע קלאַסן אין לאַנד.

ביי דער ספרדישער קהילה פלעגט אויסגעקליבן ווערן צוזאַמען מיט אַנדערע פרנסים אַ באַזונדערער פּרנס פאַר פדיון שבויים, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט זאַמלען געלט און איבערשיקן קיין ליוואָרנאָ אויף אויס־צולייזן יידישע געפאַנגענע פון די הענט פון קאָרסאַרן אויפן מיטלענ־דישן ים און אפילו אין ווייטן פּערסיע. באַזונדערע גבאים האָבן געהאַט די השגחה איבער שטיצע פאַר ארץ־ישראל, וואָס פלעגט רעגולער גע־שיקט ווערן קיין ירושלים, צפת און טבריה, אַחוץ זאַמלונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן יעדעס מאָל, ווען עס זיינען געקומען פון דאָרט משולחים.* גרעסערע הילף־אַקציעס, ווי, למשל, פאַר די בעהמישע יידן נאָכן צייטווייי־ליקן גירוש אין דער מיט פון 18טן י״ה, זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן סאָלי־דאַריש דורך דער ספרדישער קהילה צוזאַמען מיט די אשכנזישע קהילות אין לאָנדאָן.

דאָס קולטור־לעבן פון די ענגלישע יידן אין 18טן און אָנהייב 19טן י״ה איז כאַראַקטעריסטיש דורך דער אויסערלעכער אַסימילאַציע פון די

---

* כדאי אָבער אויך צו באַמערקן, אַז חיד״א גיט איבער אונטער דער אויבנדער־מאָנטער דאַטע, אַז זיין זאַמל אַקציע אין לאָנדאָן איז געווען אַן אויסנאַם, וואָרום „שליחים פון צפת זיינען געקומען שוין פריער עטלעכע מאָל און זיינען אַוועק מיט ליידיקע הענט״. נישט געקוקט אויף זיין פערזענלעכן דערפאָלג אין דער זאַמלונג, שפּאָרט חיד״א נישט קיין שאַרפע רייד קעגן די יידישע פּלוטאָקראַטן פון לאָנדאָן: „וואָרום די גבירים, זייער האַרץ איז צוויי־פּנימדיק און זיי זיינען נישט אויפריכטיק״.

רייכערע שיכטן און זייער גלייכצייטיקן פּאַרמעלן קאָנסערוואַטיזם אין ענינים פון רעליגיע. די ספרדישע יידן האָבן נישט געטראָגן קיין בערד, זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דער ענגלישער שפּראַך אין טאָג־טעגלעכן לעבן און אין שריפט און בכלל אויסערלעך זיך ווייניק אונטערשיידט פון ענג־לענדער פון זייער קלאַס. דאָך האָבן נאָך אין דער מיט פון 18טן י״ה די פּרנסים פאַרבאָטן, אונטער אַ געלט־שטראָף פון 5 פונט, צו באַנוצן, קויפן, אָדער פאַרקויפן אַ סידור מיט אַן ענגלישער איבערזעצונג. די פּראָטאָקאָלן פון דער קהילה זיינען ביז 1819 געפירט געוואָרן אויף שפּאַניש און ביז צו דער מיט פון 19טן י״ה פלעגט מען נאָך אין דער תלמוד־תורה („עץ־חיים") לערנען מיט די קינדער חומש מיט דעם שפּאַנישן טייטש, פּונקט ווי בערך ביז צו דער דאָזיקער תקופה פלעגן די דרשות געהאַלטן ווערן אויסשליסלעך אויף שפּאַניש. אין אָנהייב 19טן י״ה האָט נאָך די ספרדישע קהילה אויסגעהאַלטן נעבן דער תלמוד־תורה אַ ישיבה „מדרש", וואו בחורים און דערוואַקסענע האָבן געלערנט אַ בלאַט גמרא.

ביי די אשכנזישע יידן איז צו דער זעלבער צייט נאָך אַלץ געווען אַ גרויסע גרופּע, על פּי רוב נייע אימיגראַנטן פון פּוילן, וואָס האָט נישט בלויז געטראָגן בערד, נאָר געהאַלטן זיך ביי דער לאַנגער טראַדיציאָנעלער טראַכט. די קהילה־פירער פון די אשכנזישע יידן זיינען אָבער געווען ווייניקער קאָנסערוואַטיוו ווי די ספרדים. זיי האָבן שוין אין 1815 איינ־געפירט ענגלישע פּריידיקטן און נאָך פריער אַריבערגעגאַנגען צו ענגליש ווי די שפּראַך פון פּראָטאָקאָל. אין די פּראָווינץ־שטעט איז, ווי עס באַ־ווייזט דער יידישער פּנקס פון דער קהילה פּלימוט, דער דאָזיקער פּראָ־צעס געווען פּאַמעלעכער, און אין לאָנדאָן גופא זיינען די בתי־מדרשים פון די פּוילישע יידן געווען די היטער פון דעם טראַדיציאָנעלן לעבן־שטייגער. אָבער שוין אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה איז, נישט געקוקט אויף דעם אויסערלעכן רעליגיעזן קאָנסערוואַטיזם, דער מצב פון יידישער בילדונג ביי ביידע צווייגן פון ענגלישע יידן געווען, בדרך־כלל, אויסערגעוויינלעך נידעריק.

לויט אַ באַריכט פון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון דער ספרדישער קהילה, וואָס האָט אין י. 1779 אויסגעפאָרשט דעם מצב פון דער תלמוד־תורה, האָבן פון 67 תלמידים נאָך 7־8 יאָר לערנען קוים 8 געקאָנט גע־העריק עברי! ביי די אשכנזים איז שוין פריער דער מצב געווען ערגער און דער פּרואוו פון רב הערשל לעווין, אַרום 1760, צו גרינדן אַ ישיבה, האָט זיך נישט איינגעגעבן. אין 1780 באַקלאָגט זיך זיין נאָכפאָלגער, דער רב פון דער אשכנזישער „גרויסער סינאַגאָגע", רבי דוד טעוועלע שיף אין אַ בריוו צו זיין ברודער: „איך בין דאָ ווי אין אַ מדבר! איך האָב נישט קיין חברים און נישט קיין תלמידים צום לערנען און אפילו קיינעם

נישט, מיט וועמען איך קען שמועסן וועגן די דאָזיקע ענינים (פון הלכה).״ הגם אין 1772 איז געעפנט געוואָרן אין לאָנדאָן אַ יידישע דרוקעריי, זיינען קיין שום ווערק פון באַדייטנדיקן ווערט נישט דערשינען, נישט אויפן רעליגיעזן געביט, נישט אויפן וועלטלעכן געביט. די איינציקע צוויי אָרטיקע שרייבער מיט אַ וועלטלעכער בילדונג, וואָס האָבן געשריבן וועגן יידישע ענינים זיינען אין דער דאָזיקער תקופה אליקום בן אברהם (יעקב האַרט), אַ יואוועליר פון פאַך, אַ מחבר פון ספרים וועגן קבלה און דיקדוק און פון אַ רעליגיעזן פּאָלעמישן ווערק קעגן פילאָזאָפיע „מלחמות ה׳״ (1794) און דוד לוי, אַ קאַפּעלוש־מאַכער, וואָס האָט אויף ענגליש פאַרעפנטלעכט אייניקע אַפּאָלאָגעטישע ווערק וועגן יידישער רעליגיע און פּאָלעמיזירט קעגן ענגלישע פּאַסטאָרן און קעגן דעם פריידענקער טאָמאַס פּעין פון אַמעריקע. אליקים בן אברהם, דער מקובל, האָט געזען אין די געשעענישן פון דער שטורמישער תקופה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט רעוואָלוציעס אין אַמעריקע און אין פראַנקרייך, די חבלי המשיח, וואָס זאָגן אָן די נאָענטע גאולה.

דער אימיגראַנטישער כאַראַקטער פון אשכנזישן ישוב און דער פאַרשטיינערטער קאָנסערוואַטיזם פון די ספרדים זיינען געווען די מניעה פאַר דעם אויפקום פון וועלכער נישט איז שעפערישער קולטור־שטרעמונג אין ענגלישן יידנטום. אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט די עקסטרעמע אַסימילאַציע און שמד־באַוועגונג פאַרכאַפּט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל פון דער יידישער פּלוטאָקראַטיע, בפרט אין דער ספרדישער קהילה (די פאַמיליעס גדעון, דיזראַעלי, בערנאַל, ריקאַרדאָ). אין דער זעלבער צייט איז סיי דער יידישער אָרעמער קלאַס, סיי דער מיטלשטאַנד געווען ווייט פון באַוואוסטזיניקע אַסימילאַציע־שטרעבונגען און איז געבליבן געטריי דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק פון שיבת ציון. שוין אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה, מיט עטלעכע צענדליק יאָר פאַר דעם אויפקום פון דער חיבת־ציון באַוועגונג, זיינען ענגלישע יידן אַרויסגעקומען מיט פּראָיעקטן וועגן קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל. מיט דער דאָזיקער שטעלונג איז געווען פאַרבונדן די פּיאָנערישע טעטיקייט פון משה מאָנטעפיאָרע אויפן געביט פון פאַרבעסערן די לאַגע פון אַלטן יידישן ישוב אין היסטאָרישן לאַנד פון פאָלק. אָבער עס האָט געדויערט קרוב דריי־פערטל יאָרהונדערט, ביז דאָס ענגלישע יידנטום, האָט אַדאַנק דער מאַסן־איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע, פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

אין מערב־איראָפּע

פראַנקרייך

א) אין דער תקופה פון פעאָדאַליזם און אַבסאָלוטיזם

§11. די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאַגע

אין דעם לאַנד פון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס האָט געענדערט ביז צום גרונט די לעבנס־באַדינגונגען פון די יידן אין מערב־אייראָפּע, איז דער יידישער ישוב ערב דער איבערקערעניש נישט געווען קיין באַ־דייטנדיקער אפילו אין פאַרגלייך מיט דעם שכנותדיקן דייטשלאַנד. אין סך־הכל האָט די צאָל יידן אין גאַנץ פראַנקרייך נישט דערגרייכט מער ווי בערך 40 טויזנט נפשות,* און אין פּראָפּאָרציע צו דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג פון לאַנד (אַרום 25 מיליאָן נפשות) האָבן זיי באַטראָפן קוים אַנדערטהאַלבן אויף טויזנט. דער פראַנצויזישער יידישער ישוב איז אָבער נישט געווען צעשפּרייט גלייכמעסיק איבערן גאַנצן לאַנד, נאָר ער איז געווען כמעט אין גאַנצן קאָנצענטרירט אין דריי געגנטן, וואָס זיינען געווען געאָגראַפיש ווייט פאַנאַנדערגעשיידט. דאָס זיינען געווען די פּראָווינצן עלזאַס־לאָטאַרינגיע אין מזרח, אוויניאָן אין דרום־מזרח און גואיען אין דרום־מערב.

די דאָזיקע געאָגראַפישע צעטיילונג איז געווען אַ פּועל־יוצא פון אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון הונדערטער יאָרן. נאָך די גירושים פון די יידן צום סוף מיטלאַלטער איז פראַנקרייך, פּונקט ווי גאַנץ מערב־אייראָפּע, כמעט אינגאַנצן אויסגעליידיקט געוואָרן פון יידן. געבליבן איז בלויז, ווי אַ מין פאַראיינזאַמטער אינזל אין יודען־ריינעם לאַנד, אַ רעשטל פון אַמאָליקן גרויסן ישוב אין דער געגנט פון דער שטאָט אוויניאָן און סביבה, וואָס איז געווען אַרויסגענומען פון רשות פון פראַנצויזישן קיניג און גע־ווען אונטערגעוואָרפן דער הערשאַפט פון פּויפּסט. אין 16טן י״ה האָבן

---

* די רעפּרעזענטאַנטן פון יידן אין עלזאַס לאָטאַרינגיע גיבן אָן אין זייערע מעמאָראַנדומס פון י. 1789 די צאָל יידן אין לאַנד 50 טויזנט. די נייערע היסטאָרישע פאָרשונג האַלט אָבער, אַז אין ווירקלעכקייט איז נישט געווען מער ווי 40 טויזנט, און אַזוי פיל גיט אויך אָן זאַלקינד הורוויץ אין זיין „אַפּאָלאָגיע פון יידן“ פון י. 1787.

זיך אין דרום־פראַנקרייך, באַזונדער אין די שטעט באָרדאָ און באַיאָן באַ־זעצט אנוסים (מאַראַנען) פון פּאָרטוגאַליע און זייערע קהילות האָבן צו־זאַמענגעשטעלט דעם ספרדישן יידישן ישוב פון פראַנקרייך. אין רעזול־טאַט פון די זיגרייכע פראַנצויזישע מלחמות אין 17טן און אָנהייב 18טן י״ה זיינען די פּראָווינצן עלזאַס און לאָטאַרינגיע (לאָרען), וואָס זיינען אין משך פון הונדערטער יאָרן געהאַט געווען אַ „סלע המחלוקת״ צווישן פראַנק־רייך און דייטשלאַנד, באַהאַפטן געוואָרן מיט פראַנקרייך און אַזוי האָט פראַנקרייך אין 18טן י״ה פאַרמאָגט אַן אשכנזישן יידישן ישוב, וואָס האָט לויט דער צאָל מער ווי פירפאַכיק איבערגעשטיגןביידע דרום־פראַנצוי־זישע יידישע קיבוצים צוזאַמענגענומען, די ספרדישע און אוויניאָנישע יידן.

פונקט ווי לויט דער אָפּשטאַמונג, אַזוי איז אויך אין אַלע אַנדערע הינזיכטן, אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן צוזאַמענשטעל, אין דער רעכטלעכער לאַגע, אין לעבנשטייגער און קולטור־מצב געווען אַ באַדייטנדיקער חילוק צווישן די דריי קיבוצים יידן אין פראַנקרייך, ספרדים, אוויניאָנער און אשכנזים.

די פּריווילעגירטע גרופּע צווישן די יידן אין פראַנקרייך זיינען געווען די ספרדים אין דרום פון לאַנד. אייניקלעך פון רייכע פּאָרטוגאַלישע מאַ־ראַנען, האָבן זיך די ספרדישע יידן, אויך נאָך אין 18טן י״ה, פאַרנומען מיט הורט־האַנדל און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע איןווירטשאַפטלעכן לעבן פון זייערע וואוין־ערטער. די רייכסטע און וויכטיקסטע ספרדישע קהילה איז געווען אין דער גרויסער האַפן־שטאָט באָרדאָ, וואָס האָט געציילט בערך 2 טויזנט נפשות, צווישן זיי אַ גרעסערע צאָל יידן פון אוויניאָן און געגנט. די צווייטע, לויט דער גרויס, איז געווען די ספרדישע קהילה אין באַיאָן, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אין דער פאָרשטאָט סענט־עספּרי, וואו זי האָט באַטראָפן אַ דריטל פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. קלע־נערע ספרדישע קהילות האָבן זיך געפונען אין עטלעכע שכנותדיקע שטעט ווי ביאַריץ, פּייִרעהאָראַד א. אַנד. גרופּעס ספרדישע יידן זיינען אויך געווען באַזעצט אין די האַפן־שטעט רואַן, נאַנט, מאַרסעל, אין דעם צענטער פון זייד־אינדוסטריע ליאָן און אין אַנדערע שטעט אין דרום.

אַדאַנק זייער עשירות און האַנדל־טעטיקייט האָבן די ספרדישע יידן נאָך אין 16טן י״ה באַקומען פון פראַנצויזישן קיניג הענריק דעם ווטן פּאַטענטן, וואָס האָבן זיי באַרעכטיקט צו וואוינען אין דער פּראָווינץ וואו זיי האָבן זיך באַזעצט, צו האַנדלען אומגעשטערט און צו דערוואַרבן אומ־באַוועגלעך אייגנטום. די דאָזיקע פּאַטענטן פלעגן באַשטעטיקט ווערן פון די שפּעטערדיקע מלכים און לואי דער XVIטער האָט אין י. 1776 די פּרי־ווילעגיעס פון די יידן אין באָרדאָ אויסגעברייטערט, דערלויבנדיק זיי צו באַזעצן זיך און האַנדלען אין די גרענעצן פון גאַנץ פראַנקרייך. צווישן

די יידן אין באָרדאָ האָבן זיך געפונען גרויסע באַנקירן, ווי די פאַמיליעס פעיסאָטאָ, ראַבאַ, יצחק ראָדריגעס, אָדער אברהם פורטאַדאָ, וואָס האָט שוין פאַר דער רעוואָלוציע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ווי אַ קרוב למלכות און שפּעטער, אין דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה, געווען דער פּרעזידענט פון דער יידישער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג אין פּאַריז; גרויסע אויסלענדישע סוחרים, און סוחרים פון זייד און שטאָפן, ווי די פאַמיליע פון מי־ליאָנערן, גראַדיס, אַרמאַטאָרן (ליוועראַנטן) פון דעם קיניגלעכן מלחמה־פלאָט, די פאַמיליעס פעריירא, דאַ קאָסטאַ, מענדעז, דאַ סילוואַ, לאַמיירא, לאַפּעז א. אַנד. די יידן פון באָרדאָ האָבן אייגנטלעך געפעלט צו דער גלייכבאַרעכטיקונג בלויז פּאָליטישע רעכט, בעיקר דאָס רעכט אָנטיילצו־נעמען אין מוניציפּאַל־ראַט און אין דער האַנדלס־קאַמער.

נישט אַלע ספרדישע יידן האָבן אָבער גענאָסן פון אַזאַ פּריווילעגירטער שטעלונג ווי די יידן אין באָרדאָ. די יידן פון באַיאָן (אין דער פאַר־שטאָט סענט עספּרי) האָבן נישט געהאַט דאָס רעכט, לויט די מוניציפּאַלע געזעצן, צו וואוינען אין דער שטאָט גופא, צו פאַרנעמען זיך מיט לאַחדים־האַנדל, און צו דערווערבן אומבאַוועגלעך אייגנטום. דער חילוק אין דער רעכטלעכער לאַגע לגבי די יידן פון באָרדאָ איז געווען אַזוי גרויס, ווי דער חילוק אין דער סאָציאַלער מדרגה צווישן קליינהענדלער און גרויסע סוחרים און פינאַנצירן. דאָך זיינען אויך אין באַיאָן די רעכט פון די יידן אויף אַזוי פיל געווען אָנערקענט, אַז זיי זיינען צוגעלאָזט געוואָרן, פונקט ווי די יידן פון באָרדאָ, זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן צו די גע־נעראַל־שטאַטן אין יאָר 1789.

צווישן די ספרדישע יידן, באַזונדערס ביי דער יידישער פּלוטאָקראַטיע פון באָרדאָ, האָט די אויפקלערונג אין 18טן י״ה געפונען אַ גרויסע אָנהענגערשאַפט. די טראַדיציאָנעלע רעליגיעזקייט איז שוין אין דער מיט פון יאָרהונדערט געווען דאָרט אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ווען דער באַרימטער רב און געלערנטער, חיים יוסף דוד אזולאי, איז דאָרט אָנגעקומען ווי אַ משולח פון חברון, אין י. 1755, האָט ער זיך געהיט צו עסן ביי חשובע בעלי־בתים אפילו מילכיקס, אַחוץ ביי סעניאָר בנימין גראַדיס. אויך צווישן די אָנפירער פון דער קהילה האָבן זיך געפונען וואָלטעריאַנער, וואָס האָבן יעדע באַזונדערע רעליגיעזע באַטראַכט פאַר אבערגלויבן און געהאַלטן בלויז פון ראַציאָנאַליסטישן דעאיזם. אזולאי, וואָס באַקלאָגט זיך אויף דעם דאָזיקן אפּיקורסות אין באַריכט וועגן זיין צווייטן באַזוך אין באָרדאָ, אין י. 1777, דערציילט אויך מיט פאַרדרוס וועגן דערציאונג ביי די דאָרטיקע ספרדים: „בעוונותינו הרבים לערנט מען נישט אין דער תלמוד־תורה עפּעס אַנדערש, ווי תנ״ך; רש״י ווילן זיי נישט לערנען, ווייל ער ברענגט מדרשים און פירושים פון חז״ל, און אפילו דעם רמב״ם

ווילן זיי נישט — ווי צו די אויגן, וואָס זעען דאָס!" די אויפגעקלערטע יידן פון באָרדאָ האָבן זיך אויך באַהעפט מיט דער פראַנצויזישער שפּראַך און קולטור אויף אַזוי ווייט, אַז צווישן זיי האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יידישע שרייבער אין דער פראַנצויזישער שפּראַך: יצחק פינטאָ, מחבר פון אַ ווערק וועגן באַנק־וועזן, האָט נאָך אין י. 1762 געענטפערט אין אַ פראַנצויזישער שריפט אויף דעם אַטאַק קעגן יידן פון וואָלטער; יעקב ראָדריגעז פעריירא א. אַנד.

די אוויניאָנער יידן, אונטערגעוואָרפן דער הערשאַפט פון פויפסט, האָבן באַוואוינט די א. ג. „ארבע קהילות": אוויניאָן, קאַרפּאַנטראַס, קאַוואַיאָן און איל־סיר־סאָרג. אין אַלע פיר שטעט, האָבן די יידן, סך־הכל בערך 2,500 נפשות, געוואוינט אין געטאָס carriere וואו די טויערן זיינען געווען פאַרשלאָסן אַ גאַנצע נאַכט. דאָס גרעסטע געטאָ איז געווען אין קאַרפּאַנטראַס (1,500 נפשות); די ענגשאַפט אין דער איינציקער לאַנגער און שמאָלער גאַס פון דאָזיקן געטאָ איז געווען נאָך פיינלעכער דורך דעם, וואָס צוליב מאַנגל אין פּלאַץ פלעגט מען די הייזער אויסבויען ביז צען שטאָק אין דער הייך.

לויט די פויפסטלעכע דעקרעטן האָבן די יידן פון די פיר קהילות נישט געטאָרט זיך פאַרנעמען מיט עפּעס אַנדערש, ווי געלט־לייען, גאַסן־האַנדל און האַנדל מיט אַלטוואַרג, און נישט געטאָרט דינגען אַ צימער אויסער די געטאָס אפילו אויף איבערצושלאָפן איין נאַכט. די געזעצן פון עקאָנאָמישן לעבן האָבן אָבער געהאָלפן די יידן אַדורכצוברעכן אַ סך פון די מיטלאַלטערלעכע גזירות. אין 18טן י"ה האָט זיך דער האַנדל פון די פויפּסטלעכע יידן אויסגעשפּרייט אויף אַזעלכע אַרטיקלען ווי פערד און מויל־אייזלען, תבואה, ווייז און בוימל, קליידונגס־שטאָפן, זייד, וואָוועלן און גאַלאַנטעריע. זיי פלעגן באַזוכן די יאַרידים אין אַלע וויכטיקע שטעט אין דרום־פראַנקרייך, דערגרייכנדיק קיין טולוז, מאַנפּעליער, באָרדאָ, נים. אין קאַרפּאַנטראַס האָט זיך געפונען אַ צאָל גרויסע סוחרים, וואָס האָבן פאַרמאָגט מער ווי צו הונדערט טויזנט ליוור. אַ טייל פון שיכט רייכע סוחרים האָט באַוויזן זיך צו באַזעצן אין פאַרשיידענע שטעט פון דרום־פראַנקרייך, אַזוי, אַז ערב דער רעוואָלוציע האָט שוין בערך אַ פינפטל פון דער צאָל מיטגלידער פון דער קאַרפּאַנטראַסער קהילה געוואוינט מחוץ זייער היים־שטאָט. אין אוויניאָן און אין איל האָבן זיך אויך געפונען יידישע אייגנטימער פון זייד־שפינערייען. אויך מלאכה, בפרט שניידעריי, האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין עקאָנאָמישן לעבן פון די אוויניאָנער יידן און יידישע שניידער פון אוויניאָן זיינען געווען צעשפּרייט אין די זעלבע ערטער, ווי דאָרטיקע סוחרים, בפרט אין דער גרויסער קהילה באָרדאָ. יידישע געלט־לייער איז געווען דערלויבט צו נעמען 9 פּראָצענט פון

הלוואות, בעת פאַר קריסטלעכע געלט־לייער איז די נאָרמע געווען 7 פּראָצענט.

די פאַבריקאַנטן פון שטאָפן, זייד און קליידער אין דרום־פראַנקרייך האָבן גערן אָנגעטרויט זייערע סחורות די אוויניאָנער יידישע הענדלער, וואָס אַדאַנק זייער אומדערמידלעכער ענערגיע האָבן זיי געקאָנט דער־גרייכן קונים אין אַלע ווינקלען פון יענעם טייל פון לאַנד. אויך די צענ־טראַלע און לאָקאַלע מלוכה־מאַכט פלעגט באַשיצן די דאָזיקע הענדלער, נעמענדיק אין אַכט די אינטערעסן פון דער מלוכה. זיי האָבן אָבער גע־האַט אויסצושטיין אַ פאַרעקשנטן קאַמף מצד די קריסטלעכע סוחרים־גילדיעס, וואָס האָבן געפּרואווט פּטור צו ווערן פון דער אומלעגאַלער קאָנקורענץ. נישט קיין סך פריינדלעכער איז געווען די באַציאונג צו די נייע תושבים מצד דער רייכער ספרדישער קהילה אין באָרדאָ, וועלכע האָט אין משך פון 18טן י״ה עטלעכע מאָל אינטערוועניִרט ביי דער מלוכה־מאַכט, זי זאָל אַרויסלאָזן אַ פאַרבאָט פאַר די „פרעמדע״ יידן סיי פון אוויניאָן סיי פון עלזאַס־לאָטאַרינגיע צו באַזעצן זיך אין באָרדאָ און סביבה.

אָבער אפילו די פּויפּסטלעכע אַדמיניסטראַציע האָט זיך געמוזט רע־כענען מיט די געבאָטן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און אין י. 1781 דערלאָזט געוויסע הנחות אין די איזאָלאַציע־גזירות קעגן יידן. אַזוי איז דעמאָלט דערלויבט געוואָרן יידן צו דינגען שטאַלן און היי־שפּייכ־לערס ביי קריסטן מחוץ דער געטאָ. פונקט אַזוי ווי אויפן עקאָנאָמישן געביט, האָבן אוויניאָנער יידן אויך אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט באַוויזן אַדורכצולעכערן די אייזערנע וואַנט פון אָפיציעלער איזאָלאַציע לגבי דער אַרומיקער באַפעלקערונג. אַ טייל יידן אין קאַרפּאַנטראַס האָט געגעבן די קינדער אַ וועלטלעכע דערציאונג, איינגעשלאָסן אפילו לעקציעס פון רייטן און פון מוזיק, און די קירך אַליין האָט צום סוף (אין י. 1784) דערלויבט יידן אַריינצוקומען אין אַ קריסטלעך קאַפע־הויז אין דער שטאָט. קאַרפּאַנט־ראַסער יידן האָבן אויך שוין דעמאָלט געהערט צו אָרטיקע מאַסאָנען־לאָדזשעס.

נישט געקוקט אויף אַלע לעגאַלע הנחות און אומלעגאַלע היתרים האָט אָבער די מערהייט אוויניאָנער יידן פונקט ווי דער רוב מנין ובנין פון פראַנצויזישן יידנטום געשמאַכט אין צושטאַנד פון רעכטלאָזיקייט. אין משך פון אַ גאַנץ יאָר מחוץ די נסיעות אויף יאַרידים האָבן דאָך די יידן פון די אַרבע קהילות געמוזט פאַרברענגען אין די ענגע שטיקנדיקע געטאָ־גאַסן און זייטן־געסלעך. אַחוץ די רעגולערע שטייערן פון אַלע איינוואוינער האָבן זיי געמוזט צאָלן באַזונדערע יידישע שטייערן און אָפּצאָלן, און פונקט ווי אין די מערסטע לענדער פון אייראָפּע אויך „מתנות״ פאַר די באַאַמטע און גלחים פון העכסטן ביז צום נידעריקסטן: מתנות פאַר די שטאָט־באַאַמטע

ביי געלעגנהייט פון חגאות, אַ יערלעך געהאַלט פאַר דעם שטאַט־קאָמאַנ־דאַנט, פאַר דעם אַפּיצער פון רייטער־פּאָליציי, פאַר דער קאַפּיטולע פון דער קירך, פאַר די וועכטער פון די שטאַט־טויערן און געטאָ־טויערן, שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע הוצאות, ווי קאָסטן פון קרוינען דעם פּויפּסט, אָדער פון פּאַראַד לכבוד נאָמינירן אַ קאַרדינאַל. נישט קיין חידוש, אַז ביי אַזעלכע הוצאות זיינען די קהילות געווען פאַרזונקען אין חובות, בפרט אַז אַ גאַר גרויסער טייל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג — אין קאַרפּאַנטראַס פון אַ פערטל ביז אַ דריטל! — האָט געמוזט אָנקומען צו צדקה. די סומע פון חובות אין די ארבע קהילות, וואָס זיי זיינען געווען שולדיק על פי רוב גלחים, קירכעס און מאָנאַכן־אָרדנס, אָבער אויך איינצעלנע אַדל־לייט און שטאָט־בירגער, ווערט געשאַצט ערב דער רעוואָלוציע אין דער הויך פון לכל הפחות 800 טויזנט ליוור. די חובות האָבן אָבער אויך דאָ, פּונקט ווי אין אַ סך אַנדערע קהילות אין אייראָפּע, געהאַט די פּאַראַדאָקסאַלע מעלה, וואָס זיי זיינען געווען אַ סגולה קעגן גזירות פון גירוש און אַן אַרגומענט קעגן מוטווילעקן העכערן די באַזונדערע יידישע שטייערן.

צו דער אכזריותדיקער עקאָנאָמישער אונטערדריקונג זיינען צוגע־קומען דערנידערנדיקע גזירות פון דער קירך, ווי די גזירה פון טראָגן אַ געלן קאַפּעלוש (אַחוץ אויף נסיעות), — אַ גזירה, פון וועלכע רייכע יחידים פלעגן באַפרייט ווערן אויפן יסוד פון ספּעציעלע דאָקומענטן, — פון אויסהערן די מיסיאָנערישע דרשות פון גלחים יעדן שבת, אָדער יעדן צווייטן שבת (וואָס דערפאַר האָט די קהילה געדאַרפט צאָלן דעם גלח אַ שטענדיק געהאַלט!), די גזירה צו האַלטן אין שטוב דעם תלמוד און קבלה־ספרים. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער גזירה, וואָס האָט געפירט נישט איינמאָל צו רעוויזיעס אין יידישע הייזער און קאָנפיסקאַציעס פון ספרים, האָבן די אַוויניאָנער יידן אויפגעהיט דאָס לערנען גמרא און צווישן זיי האָבן זיך נאָך אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה — לויטן עדות פון דערמאָנטן רב חיים אזולאי — געפונען שאַרפע תלמידי־חכמים. דאָך האָט דער קליינער ישוב פון די ארבע קהילות נישט פאַרמאָגט גענוג מעגלעכקייטן אַרויסצוברענ־גען אייגענע רבנים און סיי אין 17טן סיי אין 18טן י״ה האָבן זיי די דאָזיקע שטעלעס באַזעצט מיט קאַנדידאַטן פון פאַרשידענע לענדער מחוץ פראַנקרייך, ווי איטאַליע, בולגאַריע, בעהמען, דייטשלאַנד און פּוילן. צו די פליכטן פון רבנות האָט אויך געהערט דאָס מלמדות. ביי די אַוויניאָנער יידן האָט זיך אין יענער צייט אויך נאָך דערהאַלטן נישט בלויז די באַ־זונדערע אויסשפּראַך פון העברייאיש און דער באַזונדערער נוסח פון תפילות, נאָר אויך די באַזונדערע יידישע שפּראַך, אַ יידישער דיאַלעקט אַ פּראָוואַנסאַלישער. נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער אָפּגעזונדערטקייט

האָבן די אווינִיאָנער יידן צו יענער צייט אַלץ־מער און זייער לעבן־שטיי־גער און אויסערלעכקייט זיך דערנעענטערט צו די ספרדישע יידן, מיט וועלכע זיי האָבן אין אַ טייל שטעט אין דרום־פראַנקרייך אפילו שוין צו־זאַמענגעוואוינט.

מער ווי פיר־פינפטל פון פראַנצויזישן יידנטום איז געווען קאָנ־צענטרירט אין די צפון־מזרח פראָווינצן מיט אַ געמישטער דייטש־פראַנ־צויזישער באַפעלקערונג, עלזאַס־לאָטאַרינגיע (אין עלזאַס האָבן די פויערן גערעדט בלויז דייטש). הגם די דאָזיקע יידן־אשכנזים זיינען געווען שאַרף אָפּגעטיילט פון די דרום־פראַנצויזישע, ספרדישע און אווינִיאָנער יידן, איז אויך צווישן זיי גופא, אין די באַזונדערע צוויי פּראָווינצן, געווען אַ געוויסער חילוק אין דער עקאָנאָמישער און רעכטלעכער לאַגע און אפילו אין קול־טור־מצב.

אין דער פּראָווינץ עלזאַס איז די צאָל „טאָלערירטע" יידן, לויט דעם קיניגלעכן דעקרעט פון י' 1784, געווען באַשטימט אויף קרוב 20 טויזנט נפשות (געגוי 19,707). עס איז אָבער באַגרינדעט די השערה, אַז אין ווירק־לעכקייט האָבן דאָרט געוואוינט נאָך עטלעכע טויזנט יידן נישט־פאַררע־גיסטרירטע (אין י. 1789 דערמאָנט דער שתדלן סערף־בער אין אַן אָפּי־ציעלן מעמאָראַנדום 5 טויזנט יידישע פאַמיליעס אין עלזאַס). לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער פּראָווינץ (700־800 טויזנט) האָבן יידן באַטראָפן בערך 3 פּראָצענט. אַ סך העכער איז אָבער געווען די פּראָפּאָר־ציע פון יידן אין די איינצעלנע שטעטלעך און דערפער, היות זיי האָבן גע־וואוינט בלויז אין 255 פון די בערך טויזנט אָרטשאַפטן אין דער פּראָווינץ און אַמגעדיכטסטן באַוואוינט דעם דרום־דיסטריקט סונדגוי. געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל שטעטלעך, וואו די יידן האָבן באַטראָפן מער ווי אַ צענטל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און אין עטלעכע צענדליק שטעט־לעך האָט זייער פּראָפּאָרציע דערגרייכט פון אַ פינפטל ביז אַ דריטל און מער. די שטעטלעך גופא זיינען אָבער געווען אַזוי קליין, אַז אפילו די גרעסטע יידישע קהילות אין דער פּראָווינץ, ווי העגענהיים, ווינצענהיים, בישהיים (ביי שטראַסבורג), דורמענאַך, האָבן נישט געציילט מער ווי צו 400 ביז 500 נפשות. אין די גרעסערע שטעט פון דער פּראָווינץ, ווי קאָל־מאַר, מילהויזען האָבן יידן בכלל נישט געטאָרט וואוינען, און פונקט אַזוי איז זיי, לויטן געזעץ, געווען פאַרווערט צו וואוינען אין דער הויפטשטאָט שטראַסבורג. אין דער דאָזיקער אַמאָל דייטשער שטאָט, וואו עס איז נאָך אָנגערופן געוואָרן אַ גאַס מיט נאָמען „בראַנדגאַס", צום זכר פון דער מאַסן־פאַרברענונג פון יידן בעת דער שוואַרצער מגפה אין י. 1349, האָבן יידן געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע פּאָליציי־באַווילִיקונג אפילו כדי צו מעגן אַי־בערנעכטיקן. ביים אַריינקומען אין שטאָט, האָט אַ ייד געמוזט באַצאָלן

דריי ליוור לייבצאָל און פּונקט ווי אין אייניקע שטעט אין דייטשלאַנד איז ער אויך אויף טריט און שריט באַגלייט געוואָרן פון אַ ספּעציעלן שטאָטישן וועכטער. ביים זון־אונטערגאַנג פּלעגט, לויט אַ מנהג פון מיטלאַלטער, אַרומגיין איבער די גאַסן און בלאָזן אַ גרויסן אייזערנעם טראָמפּייט, דער א. ג. „קרעסל הערנער״ וואָרנענדיק די יידן, אַז זיי דאַרפן תיכף פאַרלאָזן די שטאָט. אַזוי האָט מען פאַרטריבן פון שטאָט יעדן טאָג די אַלטוואַרג־הענדלער, די א. ג. „קליידער יודען״, וואָס האָבן זיך אויסגעשריגן דעם האַלדז אַרומגייענדיק איבער די גאַסן מיט דעם אויסרוף: „ניקס צו האַנדלע?״.

ערשט אין י. 1771 האָט דער רייכער תבואה־ליוועראַנט סערף־בער, פאַר זיינע באַזונדערע פאַרדינסטן בעת אַ הונגער־יאָר, באַקומען פון קיניג די דערלויבעניש צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע צו וואוינען אין שטראַסבורג און אפילו צו קויפן דאָרט הייזער, נישט געקוקט אויף דעם פאַרביסענעם ווידערשטאַנד מצד דעם שטאָט־מאַגיסטראַט און די בירגער. סערף־בער מיט זיינע זין און איידעמס האָט אויך געבראַכט אַהין זיינע באַאַמטע און משרתים און אויך אַ רב, אַלץ אויפן יסוד פון זיין פערזענלעכער פּריווי־לעגיע, און אַזוי איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אַ יידישער קהילה אין דער הויפּט־שטאָט פון עלזאַס, וואָס האָט געציילט אָפיציעל ביז צו דער רעוואָלוציע 68 נפשות. די אַלע, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע פון עט־לעכע און פופציק פּערזאָן זיינען געווען באַפרייט פון לייבצאָל אויפן יסוד פון סערף־בערס ליווערונגען פאַר דעם שטראַסבורגער גאַרניזאָן.

דערוויילט פון די גרויסע שטעט, וואָס האָבן זיך באַוואָפנט קעגן זיי מיט קיניגלעכע פּריווילעגיעס, האָבן יידן אין עלזאַס זיך צעשפּרייט אין די שטעטלעך און דערפער, וואו זיי האָבן געקאָנט געפינען שוץ פון די „סעניאָרן״, די פּריצים. פאַר דער „באַשיצונג״ האָבן יידן געצאָלט אַ הויכן פּרייז: דער „וואוין־שטייער״ פאַר די סעניאָרן האָט באַטראָפן אין אויבערן עלזאַס 10 פלאָרען יערלעך פון אַ פאַמיליע, אַחוץ בערך אַזאַ סומע פון שוץ־געלט פאַרן קיניג. אויך דאָס יערלעכע שוץ־געלט איז אָבער נישט געווען קיין באַוואָרעניש פאַר דעם רעכט צו וואוינען, וואָרום אין פאַל פון טויט פון סעניאָר האָט דער שוץ־ייד, אין אַ טייל עלזאַס, באַדאַרפט איינ־צאָלן אַן איינמאָליקע סומע, פון בערך 18 פלאָרען, פאַר זיין יורש, און פונקט אַזוי האָט מען זיך נוהג געווען ווען אַ זון האָט ביים זעלבן סעניאָר געוואָלט ירשנען דאָס שוץ־רעכט פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. אַחוץ דעם איז געווען איינגעפירט אין אַ טייל ערטער אַ באַזונדערער שטייער פאַר יידן פאַר פאַרקויפן כשר־פלייש, פאַר פעדלערס, פאַר האַנדל מיט אייזן א. אַנד.

און ביי די אַלע שווערע אָפּצאָלן האָבן יידן אין גאַנץ עלזאַס, לויטן געזעץ, נישט געטאָרט זיך פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט, נישט גע־טאָרט זיין קיין מיטגלידער פון האַנטווערקער־גילדיעס און ממילא נישט געקאָנט זיך פאַרנעמען מיט קיין מלאכה, אַחוץ גאָלדשמידעריי, און אויך נישט געהאַט קיין רעכט צו קויפן אומבאַוועגלעך אייגנטום אַחוץ אַ וואוינ־אָרט פאַר דעם אייגענעם געברויך.

אין רוב פון דער פּראָווינץ איז יידן געווען אויך פאַרבאָטן צו פאַר־נעמען זיך מיט האַנדל, אַחוץ האַנדל מיט אַלטע קליידער. אַזוי איז דער קליינשטעטלדיקער און דאָרפישער ייד אין עלזאַס באַגרענעצט געוואָרן בלויז צום קליינהאַנדל און פּעדלעריי, — מיט וועלכע ער האָט זיך פאַר־נומען דאָס רוב אומלעגאַל — און צום באָרגן געלט אויף פּראָצענט. יידישע קליינהענדלער זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער און איינגעהאַנדלט בעיקר פערד און בהמות, טיילווייז אויך תבואה, וויין און אַנדערע פּראָ־דוקטן. יידישע פּעדלער האָבן געוואַנדערט איבער דער מדינה מיט פּעק־לעך סחורה און פאַרן געלייזטן געלט אויך איינגעקויפט לאַנד־פּראָדוקטן. אין שייכות מיטן בהמות־האַנדל האָט זיך אויך אָנגענומען ביי יידן דאָס קצבים־פאַך, פּונקט ווי דער קליידער־האַנדל האָט געגעבן אַ דריסת־הרגל אין שניידער־פאַך און קרובהשע נאָדל־פאַכן. ווי אַ פּועל־יוצא פון די אויסטערלישע באַגרענעצונגען האָט זיך אָבער באַזונדער פאַרשפּרייט ביי עלזאַסער יידן די פּרנסה פון וואוכער, פון באָרגן געלט אויף פּראָצענטער.

די וואוכער־טעטיקייט פון די עלזאַסער יידן איז געווען אַ ברענענ־דיקער ענין סיי אין די יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע, סיי בעת דער רע־וואָלוציע און נאָך מער שפּעטער, אין דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן. אָן אַ ספק איז דער וואוכער געווען אַ סאָציאַלע מכה, אָבער אַ מכה, וואָס איז געווען אַן איינצעל־דערשיינונג און אַ רעזולטאַט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן און פּאָליטישן סיסטעם פון פראַנקרייך אין יענער תקופה. סיי פון די „קאַיעס", וואו די באַפעלקערונג האָט פאָרמולירט אירע פאָדערונגען ביי די וואַלן צו די גענעראַל־שטאַטן אין 1789, סיי פון אַנדערע דאָקומענטן פון יענער צייט דרינגט אַרויס קלאָר, אַז יידן זיינען נישט געווען די איינציקע אין עלזאַס, און לחלוטין נישט אין לאָטאַרינגיע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט קרעדיט־אָפּעראַציעס. די גרויסע בענק, וואָס האָבן זיך געפונען אין די גרויסע שטעט, ווי שטראַסבורג, זיינען איינגעשטאַנען דווקא ביי נישט־יידן. אויך מיט אזשיאָטאַזש (האַנדל מיט קרעדיט וועקס־לען) האָבן זיך פאַרנומען אויסשליסלעך נישט־יידן. צווישן די יידישע וואוכערער האָבן די אייגנטלעכע באַנקירן אַרומגענומען בלויז אַ קליינע גרופּע. דער יידישער וואוכער איז געווען על פּי רוב באַגרענעצט צו קליינע

הלוואות פאַר פויערן, הלוואות, וועלכע דער לווה האָט אין דער באַנק גאָר־
נישט געקאָנט באַקומען.*

דער יידישער וואוכערער איז אויך אַנטקעגנגעקומען דעם געלט־דוחק
פון פויער דורכדעם, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען אויך מיט האַנדל און
אָפּגענומען פון אים תבואה און אַנדערע פּראָדוקטן אויפן חשבון פון גע־
באָרגטן קאַפּיטאַל און פון צינזן. נישט די עקזיסטענץ פון יידישן וואו־
כערער האָט פאַרשקלאַפּט דעם פויער צום צינז־קאַפּיטאַל, נאָר פאַרקערט,
די לאַגע פון פויער, זיינע שוועריקייטן נאָכצוקומען די הויכע צינזן פאַר
דעם פריץ, האָבן אים געצוואונגען צו זוכן קרעדיט ביים ייד. צו גרעסערע
הלוואות פלעגט דער פויער על פּי רוב אָנקומען דווקא אין די פאַלן, ווען
ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און געהאַלטן ביים צוקויפן אַ שטיקל לאַנד,
אָדער איינגעפירט פאַרבעסערונגען אין זיין ווירטשאַפט. דער קליינער
יידישער וואוכערער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין פּרנסה נישט ווייל זי איז
געווען די בעסטע און לייכטסטע, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען
כמעט זיין איינציקע ברירה. אויב די קריסטן זיינען געווען בלויז אַ מינ־
דערהייט צווישן די קליינע וואוכערער אין עלזאַס — און וועגן אַזעלכע
קריסטלעכע וואוכערער הערן מיר כמעט פון אַלע געגנטן פון דער פּראָ־
ווינץ — איז עס געווען דערפאַר, וואָס אַלס באַרעכטיקטע שטאָט־בירגער
האָבן זיי געהאַט בעסערע און זיכערערע פּרנסות.

ביי דעם גאַנצן געשריי, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן קעגן דעם
יידישן וואוכער, איז דאָך אַ פאַקט, וואָס ווערט אויך באַשטעטיקט דורך
קריסטלעכע שרייבער פון יענער צייט, אַז כמעט די גאַנצע יידישע באַ־
פעלקערונג פון עלזאַס האָט געלעבט אין דלות און דחקות. אין י. 1778
זיינען די פאַרשטייער פון די יידישע קהילות אין עלזאַס נישט געווען אימ־
שטאַנד צונויפצוברענגען די סומע פון 40 טויזנט ליוור אויף דרינגענדיקע
הוצאות און האָבן זיך געמוזט ווענדן צו די יידן אין פּאַריז נאָך הילף.
דער קליינער יידישער וואוכערער, הגם ער האָט גענומען ביים פויער
הויכע פּראָצענטער (ביז 25־30 פּראָצענט און אין אַ טייל פאַלן ביז 50
פּראָצענט), איז געווען פּונקט אַזאַ קרבן פון הערשנדיקן פעאָדאַלן און קאַ־
פּיטאַליסטישן קלאַס, ווי דער פויער גופא. נישט זעלטן פלעגט דער קליי־

---

* לויט אַן אויספאָרשונג, וואָס דער פראַנצויזישער ראַט פון עלזאַס (Conseil souverain d'Alsace) האָט אַדורכגעפירט פאַר דער רעוואָלוציע אין קרייז פּערעט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין 88 דערפער זיינען די פויערן שולדיק געווען יידן 335,612 ליוור. דערביי איז אַרויסגעקומען, אַז גרעסערע הלוואות, איבער 600 אָדער 1,000 ליוור, זיינען געווען זעלטן. אַ סך הלוואות האָבן באַטראָפן ווייניקער ווי צו הונדערט ליוור און עס זיינען אויך געווען הלוואות צו עטלעכע ליוור, סך הכל.

נער יידישער וואוכערער אַליין באַרגן געלט אין דער קריסטלעכער באַנק, און נישט בלויז ביים יידישן באַנקיר. פונקט ווי דער יידישער קליינהענדלער און פעדלער פלעגט נעמען סחורה אויף אַ וועקסל ביים קריסטלעכן סוחר און צאָלן פּראָצענטער פון חוב. אין זייער מעמאָראַנדום צו דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, פון 28טן יאַנואַר 1790, ווייזן אָן די פאַרשטייער פון די יידישע קהילות אין עלזאַס־לאָטארינגיע, אַז בערך אויף אַ העלפט פון די חובות, וואָס זיי איז געקומען אויף היפּאָטעק, זיינען יידן אַליין געווען פאַרשולדיקט ביי אַנדערע.

די הערשנדיקע קלאַסן פון עלזאַס האָבן אויסגענוצט די לאַגע, וואו דער יידישער וואוכערער האָט געטאָן די שוואַרצע אַרבעט פון וואוכער קאַפּיטאַל,* כדי אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַרויפצוואַרפן דאָס אחריות פאַר דער געדריקטער לאַגע פון די פּויערן. שוין צום סוף פון די 70ער יאָרן פון 18טן י״ה איז אין עלזאַס אויפגעהויבן געוואָרן אַ קאַמפּאַניע קעגן יידן אין שייכות מיט דער אַפערע העל. העל, אַ געריכט־סעקרעטאַר אין אַ שטעטל, האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט פאַרשפּרייטן די פאַרביסענע אַגיטאַציע קעגן יידן, נאָר האָט נאָכגעמאַכט פאַלשע קוויטאַנציעס אויף חובות און אויף זייער יסוד אויפגעפאָדערט די פּויערן אָפּצוזאָגן זיך צו צאָלן זייערע הלוואות. העל איז, לויט דעם פּסק־דין פון קיניג, פאַרטריבן געוואָרן פון עלזאַס אין י. 1780, אָבער אין אַ צייט אַרום צוריקגעקומען און אויפגענומען זיין העץ־קאַמפּאַניע מיט דער הילף פון די פאַרשטייער פון דער פּראָווינץ. די דאָזיקע פאַרשטייער האָבן אויף זייער אייגענעם אחריות אָנגעהויבן אַקציעס קעגן יידן. אין די יאָרן 1783 און 1784 האָט דער דיסטריקט־ראַט (קאָנסיי סואווערען) פון קאָלמאַר באַשלאָסן אַ מאָראַטאָריום פון איין יאָר אויף חובות און אין 1787 אפילו אויף צוויי יאָר, ביז 10 יאָר, אָפּהענגיק פון דער גרויס פון דער הלוואה. אין י. 1788 האָט די פּראָווינציאַל־פאַרזאַמלונג פון עלזאַס, קוים אַ יאָר נאָכדעם, ווי זי האָט זיך קאָנסטיטואירט, באַאויפטראַגט נישט קיין אַנדערן ווי דעם דערמאָנטן פעלשער און שונא ישראל העל, אויסצואַרבעטן אַ פּראָיעקט פון פאַראָרדנונגען אין שייכות מיט אַדורכפירן די קיניגלעכע פּאַטענטן וועגן עלזאַסער יידן פון י. 1784.

די דאָזיקע פּאַטענטן זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער טענדענץ פון באַנקראָטירטן פראַנצויזישן אַבסאָלוטיזם פון איין זייט איבערצולאָזן דעם סיסטעם פון יידישער רעכטלאָזיקייט און אפילו אים נאָך

---

* זייער טרעפלעך האָט די דאָזיקע ראָלע כאַראַקטעריזירט ישעיה בער ביינג אין דער פּעטיציע פון דער קהילה מעץ פון 1789: „אין אמתן זיינען מיר גיכער די ווירקנדיקע כוחות אין דער צירקולאַציע פון געלט, ווי די אייגנטימער דערפון״.

מער באַוואָרענען, פון דער אַנדערער זייט צו מאַכן הנחות פאַר געוויסע גרופּעס יידן, אין וועלכע די מלוכה איז געווען באַזונדער פאַראינטערע־סירט פון שטאַנדפּונקט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, און קודם־כל פון האַנדל און אינדוסטריע. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער לייבצאָל (ביים אַריינקומען קיין שטראַסבורג), וועלכן דער קיניג אַליין האָט דאָס מאָל באַצייכנט ווי אַ „דערנידעריקונג פון מענטשלעכקייט״. הגם יידן האָבן באַדאַרפט באַצאָלן דערפאַר דעם קיניג אַ גרויסע סומע (48,000 ליוור) צו דעקן די אַנטשעדיקונג פאַר דער שטאָט. עס איז דערלויבט געוואָרן יידן צו פאַרנעמען זיך מיט אינדוסטריע, באַנק־וועזן און מיט האַנדל, מיט דער באַוואָרעניש, וואָס איז געווען אַ באַשטעטיקונג פון אַ פאַראָרדענונג פאַר עלזאַס פון י. 1735, אַז די האַנדלס־ביכער טאָרן נישט געפירט ווערן אין דער העברייאישער שפּראַך, נאָר אויף פראַנצויזיש און אין פראַנצויזישע אותיות. אויך די קבלות פאַר אָפּגעצאָלטע חובות האָבן די יידישע געלט־לייער געדאַרפט אויסשטעלן אויף פראַנצויזיש, אָדער אויף דייטש. יידן האָבן געמעגט דערווערבן הייזער מיט גערטנער, אָבער בלויז פאַרן אייגענעם געברויך. זיי האָבן געמעגט זיך פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט, אָבער בלויז אין די ערטער וואו זיי האָבן געהאַט אַ רעכט צו וואוינען און נאָר ווי פאַכטער, נישט ווי אייגנטימער, און בתנאי, אַז זיי וועלן באַאַרבעטן די ערד אַליין און נישט מיט דער הילף פון קריסטלעכע לאַנדאַרבעטער.

די אינסטיטוציע פון סינדיקס (פּרנסים), ווי פאַרשטייער פון יידישע קהילות איז באַשטעטיקט געוואָרן און עס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט גע־וואָרן די פליכט אויפצומאָנען די קיניגלעכע שטייערן. גלייכצייטיק האָט דער פּאַטענט איינגעפירט באַגרענעצונגען פון יידישן קרעדיט: אַן אָפּ־מאַך וועגן אַ הלוואה איז געווען גילטיק נאָר דעמאָלט ווען ער איז געשלאָסן געוואָרן אין דער קעגנוואַרט פון אַ נאָטאַר אָדער פון קיניגלעכע שטייער־באַאַמטע און אויב דאָס גאַנצע געלט איז אויסגעצאָלט געוואָרן פאַר די דאָזיקע עדות.

אין די זעלבע פּאַטענטן זיינען אויך באַשטימט געוואָרן אַזעלכע נייע גזירות: יידן, וואָס האָבן נישט געקאָנט אויפווייזן, אַז זיי האָבן אַ שטענ־דיקן וואוין־אָרט, אַז זיי האָבן געצאָלט שוץ־געלט דעם קיניג, דעם סע־ניאָר, דער שטאָט און שטייער אין דער קהילה, זיינען געווען מחויב צו פאַרלאָזן עלזאַס אין משך פון דריי חדשים אונטער אַלע האַרבע שטראָפן, וואָס זיינען געווען פאַראויסגעזען פאַר „וואַגאַבונדן״. אויסלענדישע יידן האָבן געמעגט אַריינקומען קיין עלזאַס בלויז אויף אַ טערמין פון דריי חדשים און אויך בתנאי, אַז זיי וועלן ברענגען געהעריקע צייגענישן פון דער אָרטיקער מאַכט. נאָך האַרבער ווי די גזירה קעגן אימיגראַציע איז געווען די גזירה קעגן באַטירלעכער פאַרמערונג: אַ ייד אין עלזאַס האָט

נישט געטאָרט חתונה האָבן אָן אַ ספּעציעלער באַוויליקונג פון קיניג און פאַר געבן חופּה וקדושין אָן אַזאַ בפירושער באַוויליקונג איז געווען פאַר־אויסגעזען פאַרן רב אַ גרויסע געלט־שטראָף און גירוש פון לאַנד.

די ווינציקע הנחות פון דעקרעט האָבן געקאָנט צונוץ קומען בלויז יידישע באַנקירן, פאַבריקאַנטן און גרויסע סוחרים. דער היתר פון לאַנד־ווירטשאַפט איז געווען אילוזאָריש, בעת אָן דער הילף פון געניטע קריסט־לעכע לאַנדווירטן האָט אַ ייד סיי ווי נישט געקאָנט אויסנוצן דאָס רעכט פון פאַכטן לאַנד. דאַקעגן די נייע גזירות פון קיניג וועגן גירוש פון יידן אָן שוץ־רעכט און וועגן איסור פון חתונה אָן אַ קיניגלעכער דערלויבעניש, זיינען געווען גאָר ממשותדיק. עס איז באַקאַנט, אַז דער ראַטגעבער פון קיניג ביים אַרויסגעבן דעם דאָזיקן פּאַטענט, דער אינטענדאַנט לאַ גאַ־לעזיער, האָט געהאַט פאָרגעלייגט דעם קיניג צו באַגרענעצן די צאָל דער־לויבטע חתונות פאַר עלזאַסער יידן אויף נישט מער ווי 72 אַ יאָר.

אין לאָטאַרינגיע (לאָרען) האָט די צאָל יידן סיי אַבסאָלוט סיי אין פּראָפּאָרציע לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג באַטראָפן אַ סך ווייניקער, ווי אין עלזאַס. אויף אַ באַפעלקערונג, וואָס איז געווען כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אין עלזאַס (אין י. 1806 — קרוב אַ מיליאָן מיט 400 טויזנט) זיינען געווען בלויז 600 טאָלערירטע יידישע פאַמיליעס (איינ־געשלאָסן די יידישע קהילה אין מעץ) און פאַקטיש מסתמא בערך 8 טויזנט יידישע נפשות,* נישט קיין סך מער ווי אַ האַלבן פּראָצענט. די גרעסטע יידישע קהילה אין דעם שטח, ווי בכלל אין גאַנץ עלזאַס־לאָרען, איז געווען אין דער שטאָט מעץ, וואָס האָט צוזאַמען מיט די שטעט טול און ווערדען געהערט צו אַ באַזונדערער פּראָווינץ אונטערן נאָמען „דריי בי־שאָפטומס". לויט די קיניגלעכע פּאַטענטן פון די יאָרן 1718 און 1777, האָבן אין מעץ געמעגט וואוינען 480 יידישע פאַמיליעס. אין אייגנטלעכן לאָטאַרינגיע איז די גרעסטע יידישע קהילה געווען אין נאַנסי מיט 40 אָנערקענטע פאַמיליעס און פאַקטיש קרוב 100; פון די איבעריקע 50 יידישע קהילות אין י. 1753 האָט קיין איינע נישט געציילט לויט דער אָפיציעלער רשימה פון יענעם יאָר אפילו קיין 15 פאַמיליעס. לויט דעם פאַרגלייך מיט די ציפערן פון נאָפּאָלעאָנס צייטן איז אָבער אַ סברה, אַז אויך ערב דער רעוואָלוציע זיינען שוין געווען אין לאָרען קהילות, וואָס האָבן געציילט צו עטלעכע צענדליק פאַמיליעס, און בכלל מער קהילות ווי אין י. 1753.

---

* אַבאַט גרעגואַר גיט אָן אין י. 1789 די צאָל יידן אין לאָרען בערך 4 טויזנט. דערצו רעכנט ער באַזונדער די צאָל יידן אין מעץ (1865 נפשות) און אין דער געגנט פון מעץ (בערך 1,500).

די רעכטלעכע באַגרענעצונגען פון די יידן אין לאָטאַרינגיע זיינען געווען פונקט אַזוי דריקנדיק ווי אין עלזאַס, און אין אַ סך פּרטים נאָך שווערער. ביז קרוב פאַר דער רעוואָלוציע האָבן אפילו די שוץ־יידן נישט געטאָרט ענדערן זייער וואוין־שטאָט אויף אַן אַנדערער. אין אייניקע שטעט איז זייער וואוין־רעכט געווען באַגרענעצט בלויז צו אַ באַשטימטן קוואַר־טאַל און אין אַ טייל פאַלן איז יידן אפילו געווען פאַרבאָטן צו וואוינען אין אַן אַנדער הויז ווי דאָס, וואָס איז געווען באַשטימט דורך דער אָרטיקער מאַכט. אין דער גרעסטער קהילה, מעץ, האָבן יידן געוואוינט אין אַ געטאָ, וואָס איז געווען אַ שם דבר מיט אירע שמאָלע גאַסן און 5־6 שטאָקיקע הייזער, וועלכע מען האָט געמוזט בויען אַזוי הויך צוליב דוחק אין פּלאַץ. בלויז אין נאַנסי איז אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה בטל גע־וואָרן די גזירה וועגן געטאָ און בערך אַ דריטל יידן, דער רייכערער עלע־מענט, האָט געוואוינט מחוץ דעם יידישן קוואַרטאַל אין אַלע טיילן פון דער שטאָט. די יידן פון מעץ און סביבה האָבן אויך געצאָלט אַ ספּעציעל שוץ־געלט אין דער סומע פון 20 טויזנט ליוור אַ יאָר פאַר די יורשים פון הערצאָג בראַנקאַס, אַ ריזיקער שטייער, וואָס איז בטל געוואָרן ערשט אין י. 1790 דורך אַ באַשלוס פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג.

אויך אין לאָטאַרינגיע איז וואוכער געווען פאַרשפּרייט ווי אַ יידישע באַשעפטיקונג, אָבער ביי דער פאַרהעלטנישמעסיק קליינער צאָל יידן אין דער פּראָווינץ האָט ער ממילא נישט געשפּילט אַזאַ ראָלע אין עקאָנאָמישן לעבן ווי אין עלזאַס, מיטן אויסנאַם פון דיסטריקט מאַזעל אַרום מעץ, וואו די יידישע באַפעלקערונג האָט געוואוינט געדיכטער. דערמיט איז אויך פאַרבונדן די דערשיינונג, וואָס קריסטלעכע וואוכערער זיינען אין לאָ־טאַרינגיע געווען לפי ערך אָפטער ווי אין עלזאַס. דער איבערוועגנדיקער רוב פון יידן אין לאָטאַרינגיע האָט זיך נישט פאַרנומען מיט וואוכער אפילו ווי אַ נעבן־באַשעפטיקונג, נאָר געצויגן חיונה פון הענדלעריי און פּעד־לעריי. אין די קליינע שטעטלעך און דערפער האָט מען געהאַנדלט ווי אין עלזאַס מיט פערד, בהמות, קליידונג און אַנדערע אַרטיקלען. אין דער שטאָט מעץ, וואָס האָט מיט דער סביבה קאָנצענטרירט לכל הדעות אַ העלפט, אויב ניט מער, פון דעם יידישן ישוב פון דער גאַנצער פּראָווינץ, איז גאַסן־האַנדל און בעיקר אַלטוואַרג־האַנדל געווען די פּרנסה פון רוב פון דער קהילה.

אָט ווי עס באַשרייבט אין י. 1787 דער אויבן־דערמאָנטער ישעיה בער בינג די קלאָגעדיקע לאַגע פון זיינע בני־עיר אין זיין ענטפער אויף דעם אַנטי־יידישן פאַמפלעט „געשריי פון אַ בירגער איבער די יידן פון מעץ: „...אַ טייל מאַכן באַנק־געשעפטן מיט סוחרים פון אַנדערע מלוכות; אַנדערע פירן אַ מסחר מיט שטאָפן, פערד און יוואוועלן; די מערסטע נעמען

זיך אונטער אַלע מינים געשעפטן. די איבעריקע, וואָס, ליידער, שטעלן זיי צוזאַמען צוויי־דריטל פון דער נאַציע, שמאַכטן אַוועק, נישט האָבנדיק קיין שום אַנדערע פּרנסה ווי קליינהענדלעריי . . . קוקט זיך צו, אויב דער ווידערווילן פון זען אומגליקלעכע לאָזט אייך נאָר, צו אַזאַ גרויסער צאָל מענטשלעכע וועזנס דורכאויס באַדערפטיקע, וואָס אַ טיראַניש געזעץ דער־ווייטערט זיי פון וואַרשטאַטן און לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט און וואָס זייער אויסטערלישע אָרעמקייט שטערט זיי צו ציען חיונה פון האַנדל; נאָר דאָרט, אין די וואוינונגען פון די דאָזיקע באַעוולטע פון גורל, אין דער מיט פון זייערע אומגליקלעכע פאַמיליעס, דאַרף מען גיין זען ווי אַזוי באַטור און רעליגיע ראַנגלען זיך מיט יאוש. מאָלט אייך אויס טאַטעס פון פאַמיליעס, וואָס לויפן אַרום איבער דער שטאָט פון מאָרגן ביז אין אָונט, און קלאַפּן אָן אין אַלע טירן כדי צו קויפן אָדער פאַרקויפן אָרעמע מלבושים; און זיי זיינען נאָך גליקלעך, אויב צוזאַמען מיט דער באַליי־דיקונג און פאַראַכטונג דערכאַפּן זיי זיך צום ברויט פון צער, וואָס נאָר דער הונגער אַליין קאָן זיי באַוועגן עס צו זוכן. צופרידענע, וואָס זיי קאָ־נען שטילן דאָס קלאָגן פון די אומשולדיקע וועזנס, וועלכע ווייסן נאָך ניט וואָס פאַר אַ גורל עס דערוואַרט זיי, קומען זיי צוריק אין אָונט אין זייער מקום־מנוחה כדי עס צומאָרגנס ווידער צו פאַרלאָזן מיט דער איינ־ציקער נחמה, אַז זיי זיינען מיט נאָך איין טריט נעענטער צום קבר...״ *

ביי דעם דאָזיקן דלות פון רוב פון דער קהילה אין מעץ, האָט זי נישט בלויז געמוזט אויפברענגען די הויכע שטייערן פאַרן קיניג און פאַר די שוץ־הערן, נאָר אויך גערדאַרפט אָפּצאָלן רעגולערע מתנות דער קירך (240 ליוור אַ יאָר דעם גלח פון דער פאַראָפיע) און די מאָנאַכן (ליכט, פּאַ־פּיר און אפילו הוצאות אויף ביכער פאַר דער קלויסטער־שולע) און פאַר אַלע באַאַמטע פון דער פּראָווינץ־אַדמיניסטראַציע און פון דער שטאָט מתנות ביי זייער נאָמינאַציע, אויף חגאות און ביי אַנדערע געלעגנהייטן. די קהילה האָט געצאָלט אַ צענטל פון גאַנצן שטאָטישן קאָפּגעלט, הגם יידן האָבן באַטראָפן בלויז אַ צוואַנציקסטל פון דער שטאָט־באַפעלקערונג, און קרוב 8 טויזנט ליוור האַנדלס־שטייער, בעת די קריסטלעכע סוחרים האָבן בלויז געצאָלט טויזנט. ווי אַ פּועל־יוצא פון אַזאַ באַלאַסטונג האָבן די חובות פון דער קהילה געהאַלטן אין איין וואַקסן און ערב דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע האָט די יערלעכע ראָטע פון אָפּצאָל באַטראָפן מער ווי 42 טויזנט ליוור. פון די דאָזיקע חובות האָט זיך די גאַנצע קהילה נישט געקאָנט אויסצאָלן ביז אין דער מיט פון 19טן י״ה, ביז 1853. די קרעדי־

* אַן ענלעכע באַשרייבונג פון יידישן דלות אין מעץ געפינען מיר אין דער אַנאָנימער Requête צו די גענעראַל־שטאַטן פון י. 1789.

טאָרן פון דער קהילה זיינען געווען רייכע שטאָט־באַוואוינער, וואָס האָבן פונקט ווי אין אוויניאָן און אין די מערסטע לענדער פון אייראָפּע געהאַלטן אַזעלכע הלוואות פאַר אַ זיכערער אינוועסטיציע פון זייערע קאַפּיטאַלן. דאָס געשריי וועגן עקספּלואַטאַטאָרישן וואוכער פון יידן האָט בישט גע־שטערט די הערשנדיקע קלאַסן צו מעלקן פון זיי „מתנות" און צינז־רווחים.

ווי מען קאָן זען פון אויבן־ציטירטן פראַגמענט פון בער־בינג'ס בראָ־שורע, איז אָבער אין דער מעצער קהילה אויך געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע גרופּע פון אַ פאַרמעגלעכן מיטלקלאַס און אַ דינער שיכט פון גרויסע גבירים, הורט־סוחרים און באַנקירן. די רייכסטע זיינען געווען די באַנ־קירן, אין דער צאָל פון בערך 15־20, וועלכע דער מחבר פון אַן אַנאָנימער „רעקעט" (בקשה) פון י. 1789 באַצייכנט ווי וואוכערער. אויך אין דער קליינער קהילה פון נאַנסי איז געווען בערך אַזאַ פּראָפּאָרציע פון מיטל־שטאַנד און גבירים. די דאָזיקע יידישע באַנקירן, ליווראַנטן און גרויסע סוחרים האָבן געוואוינט אין די הויפּט־גאַסן פון דער שטאָט אין אייגענע הייזער מיט שטאַלן פאַר פערד און קאַרעטע. אפילו אַזאַ אַפּצאַל, ווי דער לייבצאָל איז געווען אַ קוואַל פון רווחים פאַר יידישע גבירים. זינט דעם י. 1738 האָבן דעם לייבצאָל אין שטראַסבורג געפּאַכט יידן, און איינער פון זיי, משה בלים, האָט זיך אפילו געדונגען מיט דער שטאָט, מען זאָל אים דערלויבן צו פאָדערן לייבצאָל פאַר צוויי טעג פון יידן, וואָס בלייבן אין שטאָט איבערנאַכט . . . סערף בער אַליין, דער גרויסער ליווראַנט און פּרנס־המדינה, האָט געפּאַכט דעם לייבצאָל אין משך פון אַ צענדליק יאָר און געהאַט סיכסוכים מיט יידישע סוחרים וועגן דער הייך פון יער־לעכן אָבאָנאַמענט אויף דעם דאָזיקן אַפּצאָל . . .

עטלעכע רייכסטע יידן פון עלזאַס און לאָריין, ווי דער דערמאָנטער סערף־בער, סערף וואָרמס, האָבן, פונקט ווי אַ צאָל אוויניאָנער יידן, באַ־קומען אפילו נאַטוראַליזאַציע־בריוו פון קיניג, וואָס אויף זייער יסוד האָבן זיי געהאַט פולע פריהייט פון וואוינען און האַנדלען אין גאַנץ פראַנקרייך און פון דערווערבן אומבאַוועגלעך אייגנטום. די צאָל פון אַזעלכע פּריווי־לעגירטע, אַחוץ די יידן פון באָרדאָ, האָט באַטראָפן אין גאַנץ פראַנקרייך אין י. 1787 סך־הכל עפּעס מער ווי אַ צענדליק.

§ 12. קולטור און קהילה

דאָס קולטור־לעבן פון די יידן אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע האָט בעצם פאַרגעשטעלט דאָס זעלבע בילד ווי אין שכנותדיקן דייטשלאַנד. דער לעבן־שטייגער איז געווען זייער אַ פרומער און די רבנים האָבן אַכטונג געגעבן, אַז קיין שום מאָדערנע מנהגים זאָלן זיך אין דעם־דאָזיקן טראַדיציאָנעלן

גאַנג נישט אַריינגעריסן. נאָך אין י. 1777 באַנייען די עלזאַסער פּרנסים אַ תּקנה קעגן דעם מנהג פון יונגעלייט צו טאַנצן אום שבת און יום־טוב, באַצייכנענדיק עס ווי אַ חילול שבת און יום־טוב און „פּריצות גדול" (צעלאָזנקייט), און אין זעלבן יאָר נעמט דער וועד עלזאַס אָן אַ תּקנה, וואָס אסרט „יינגלעך און מיידלעך צוזאַמען צו שפּאַצירן שבת און יום־טוב". אפילו אין דער תּקופה פון נאַפּאָלעאָן איז נאָך די פרומקייט פון עלזאַסער יידן געווען אַזוי גרויס, אַז דאָרטיקע יידישע סאָלדאַטן האָבן ליבערשט געהונגערט, איידער צו עסן טריפה. דער לימוד פון גמרא איז פאַרשפּרייט געווען דורך די ישיבות, סיי קלענערע ווי אין סירץ און עטענדאָרף, סיי דער גרויסער ישיבה אין מעץ, וואָס אָן דער שפּיץ זיינען געשטאַנען אין 18טן י"ה באַרימטע לומדים, ווי ר' יעקב יהושע, דער מחבר פון „פּני יהושע" (חידושים אויף ש"ס), ר' יונתן אייבעשיץ און ביז עטלעכע יאָר פאַר דער רעוואָלוציע, ר' אריה לייב בן אשר, דער מחבר פון „שאגת אריה" (שאלות ותשובות אויפן ערשטן חלק שולחן ערוך). די שפּראַך פון די עלזאַס־לאָטאַרינגער יידן איז געווען דורכאויס יידיש, נאָר פון אַ באַזונדערן עלזאַסער דיאַלעקט, פּונקט ווי דאָס דייטש פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג (די העכערע קלאַסן האָבן גערעדט פראַנצויזיש) איז געווען אַ ספּעציפיש עלזאַסער דייטש.* אין דער יידישער דרוקעריי פון מעץ און שטראַסבורג (דרוקעריי פון אַ קריסטלעכן אייגנטימער) האָבן זיך געדרוקט נישט נאָר העברייאישע ספרים פון הלכהשן אינהאַלט, נאָר אויך יידישע ספרים, ווי דער „צאינה וראינה" און יידישע לוחות.

אין דער תּקופה פאַר דער רעוואָלוציע האָט נאָך דער שטראָם פון דער השכלה קוים באַרירט דעם עלזאַס־לאָטאַרינגישן ישוב; פּונקט ווי ער־געץ־אַנדערש האָבן אויך דאָ די אָנהענגער פון דער אויפקלערונג זיך רעקרוטירט פון דעם שיכט יידישער בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויספורעמען, דהיינו, פון דער קליינער גרופּע רייכע באַנקירן, גרויסע סוחרים און ליוועראַנטן און פון דעם הייפעלע אינטעליגענץ, וואָס איז מיט זיי עקאָנאָמיש און אידייאיש געווען פאַרבונדן. צו זיי געהערן סערף־בער (זיין יידישער נאָמען איז געווען נפתלי הערץ בישע, דאָס הייסט,

---

* נאָך אין 20טן י"ה, ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז דער דאָזיקער יידישער דיאַלעקט גערעדט געוואָרן פון אַ גרויסן טייל עלזאַסער יידן. אין דעם־דאָזיקן דיאַלעקט זיינען אויפגעהיט געוואָרן די זעלבע העברייאישע און אַרמישע (גמרא) אויס־דרוקן און ווענדונגען ווי אין אַלגעמיינעם יידיש, ווי, למשל, הוה אמינא, ווי שייך, עזותקייט, תכשיט, מר בר רב אשי, מהיכא תיתי און אויך אַזעלכע, וואָס ווערן ער־געץ־אַנדערש הייַנט נישט באַנוצט, ווי יניקלע (אַ קליין קינד), רגזן, ניחוש (פאָר־אויסזאָגונגען) א. אַנד.

פון בישהיים, אין העברייאיש, הירש מעדלסהיים), דער שטראַסבור־בורגער ליוועראַנט, בער יצחק בער, דער טאַבאַק־פאַבריקאַנט פון נאַנסי, און ישעיה בער בינג פון מעץ, איבערזעצער פון משה מענדעלסאָנס „פעדאָן" אויף העברייאיש און מחבר פון שריפטן אויף פראַנצויזיש; די ייִנגערע גענעראַציע רעפּרעזענטירט יעקב בער, כירורג פון מעץ (ברודערן־זון פון בער יצחק בער). זייער פּראָגראַם איז געווען אַ סך געמעסיקטער און קאָנסערוואַטיווער, איידער פון די תּלמידים פון מענדעלסאָן אין בערלין. אויך זיי קומען אַרויס פאַר פאַרשפּרייטן וועלטלעכע בילדונג און פּראָדוקטיווע אַרבעט ביי יידן (אין דער פאַבריק פון שטאָפּן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך צוויי פון סערף־בערס משפּחה, זיינען טאַקע געווען באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער), אָבער זיי זיינען אַליין נאָך פאַרבונדן מיטן פרומען לעבנשטייגער (סערף־בער האָט אויסגעהאַלטן אַ ישיבה און געהאַלפן אַרויסגעבן לומדישע ספרים), ווייזן אַרויס אַ פאַרשטענדניש פאַר די היסטאָרישע סיבות פון נידעריקן מצב פון וועלטלעכן וויסן ביי יידן, ריידן בכלל מיט שטאָלץ וועגן יידישער געשיכטע און רעליגיע.

זיי אַליין, זייערע נאָענטסטע קרובים, זיינען געווען די פּרנסים אין די קהילות און די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון קאַמף פון עלזאַס־לאָטאַרינגישע יידן פאַר זייער רעכט. און דאָך, ביי זייער גאַנצן קאָנסערוואַטיזם אין ענינים פון רעליגיע, קהילה, זיינען זיי געטרייע נאָכפאָלגער פון דער בערלינער שיטה אין שייכות מיטן פּראָגראַם פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע. אויך זיי באַצייכענען יידיש ווי די „אומפאַרשטענדלעכע און צעקאַליעטשעטע שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט כמעט אומעטום פון די נידעריקע שיכטן יידן" (בער־בינג) און אויך זיי זעען אין דער דאָזיקער „פאַרדאָרבענער שפּראַך" איינע פון די עיקרדיקסטע מניעות פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג און אויפקלערונג ביי יידן. די באַצייכענונג פון יידיש ווי די שפּראַך פון „די נידעריקע שיכטן" דערקלערט טאַקע פולשטענדיק די דאָזיקע פאַרביסענע קעגנערשאַפט צו דער שפּראַך פון פאָלק. אויך דער קרייז פון די עלזאַס־לאָטאַרינגישע משכילים האָט אין זין געהאַט קודם־כל די אינטערעסן און דעם פּרעסטיזש פון דער אויפקומענדיקער יידישער בורזשואַזיע, וואָס האָט באַטראַכט יידיש פאַר אַ שטער אין איר שטרעבן צו סאָציאַלער דערהייבונג איבער די מאַסן און צום אויסגלייכן זיך בנוגע רעכט און סאָציאַלער שטעלונג מיט דער בורזשואַזיע פון לאַנד.

די יידישע קהילות אין עלזאַס און לאָטאַרינגיע האָבן געהאַט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע, הגם אונטערן קאָנטראָל פון דער מלוכה. ווי אומעטום, איז אויך די אויטאָנאָמיע געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער פעאָדאַלער מלוכה, אַן אַפּאַראַט וועלכער האָט פאַר דער מלוכה אַדורכגעפירט די צעטיילונג פון דער שטייער־סומע אויף די איינצעלנע קהילה־

מיטגלידער און איינגעצאָלט די שטייערן קאָלעקטיוו אין דער מלוכה־קאַסע. די קהילה האָט געהאַט אַ רעכט נישט נאָר צו רעגולירן אַלע פראַגן פון רעליגיעזן לעבן, נאָר איר בית־דין איז אויך געווען קאָמפּעטענט אין ציווילע סכסוכים צווישן יידן (אין דער ערשטער אינסטאַנץ), אין ענינים פון ירושה, אפּוטרופּסות, קאָנטראַקטן א. אַז. וו. אפילו ווען די צדדים האָבן זיך געווענדט מיט זייער סיכסוך צום מלוכה־געריכט, האָט דער ענין באַדאַרפט געמשפּט ווערן לויטן יידישן דין. אָן דער שפּיץ פון די קהילות זיינען געשטאַנען געוויילטע פּרנסים (אויף פראַנצויזיש: סינדיקן) און רבנים. יעדע פון די באַזונדערע דריי „מדינות", עלזאַס, לאָטאַרינגיע און מעץ האָט אויך געהאַט אירע גענעראַל־סינדיקן (פּרנסי ושתדלני המדינה) און רב פון דער מדינה, וואָס זיינען געקליבן געוואָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די קהילות. די גענעראַל־סינדיקן פון מעץ און לאָטאַרינגיע זיינען אָבער קיינמאָל ניט געווען אָפיציעל אָנערקענט, און אויך אין עלזאַס איז זייער אַמט בטל געוואָרן דורך די פּאַטענטן פון 1784. אין לאָטאַרינגיע איז זיך די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָווינץ צעפאַלן צוליב דעם, וואָס די איינצעלנע קהילות האָבן געוואָלט זיין אומאָפּהענגיק. סיי די סינדיקן, סיי די רבנים, האָבן געמוזט באַשטעטיקט ווערן דורך דער מאַכט, דעם אינטענדאַנט פון קיניג, אָדער די סעניאָרן.

איינס פון די וויכטיקסטע געביטן פון דער טעטיקייט פון דער קהילה אין די באַדינגונגען פון גרויסן דלות פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען דאָס פאַרטיילן צדקה. די קליינע קהילה אין איל ביי אוויניאָן פלעגט צעטיילן בערך 3 טויזנט ליוור אַ יאָר שטיצע פאַר אייגענע אָרעמעלייט, אָבער די צען מאָל גרעסערע קהילה אין מעץ — נישט מער ווי בערך 10 טויזנט ליוור. אין דער קריטישער צייט אין ערשטן יאָר פון דער רעוואָלוציע האָט די מעצער קהילה פאַרקויפט מעל צווישן דער אומפאַרמעגלעכער באַפעלקערונג פאַר כמעט אַ העלפט פון פּרייז און די גאָר אָרעמעלייט פאַרטיילט ברויט בחנם. דאָס געלט אויף דער ברויט־פאַרטיילונג האָט אָבער די קהילה געשאַפן דורך אַ ספּעציעלער זאַמל־אַקציע, און אַזאַ פילאַנטראָפּישע אַקציע האָט אויך אַדורכגעפירט די קהילה אין פּאַריז.

די קהילות פלעגן אויך אָנמערקן אין די יערלעכע בודזשעטן אַ באַשטימטע סומע פאַר די משולחים פון ארץ־ישראל. בעת די קהילות אין עלזאַס האָבן אויפגעמאַנט פאַר ארץ־ישראל אַ „מחצית השקל", האָט די אוויניאָנער קהילה אין י. 1775 באַשלאָסן נישט אויסצוגעבן מער ווי 100 ליוור פאַר משולחים פון ארץ־ישראל, אפילו ווען עס קומען צוויי אויף אַמאָל, און נישט אויסצוהאַלטן זיי מיט קעסט מער ווי אַכט טעג. אַ שטענדיקע פּאָזיציע אין קהילה־בודזשעט זיינען אויך געווען הוצאות אויף וואַנדערנדיקע אורחים. מיט אַזעלכע בעטלער האָט מען זיך נוהג געווען, אַז

מען האָט זיי געגעבן נאָכטלעגער און עטלעכע גראָשנס און געשיקט זיי ווייטער. נישט תמיד איז עס אָבער אָנגעקומען אַזוי גלאַטיק. דאָס יידישע עלנט האָט נישט געוואוסט פון קיין מלוכה־גרענעץ און נאָך גרעסער ווי די צאָל „אייגענע" בעטלער פון לאַנד, איז געווען די צאָל בעטלער, וואָס פלעגן זיך אַדורכרייסן איבער אַלע וואַכן און אַריינקומען קיין פראַנקרייך צו זוכן ברויט. טויזנטער יידן, לייבלעכע קרובים פון פישקע דעם קרומען, מענטשן איינגעהילטע אין שמאַטעס מיט אַ זאַק אויף דער פלייצע, גאַנצע פאַמיליעס מיט קינדער אין די אָרעמס, האָבן זיך פון מזרח־אייראָפּע און מיטל־אייראָפּע אַרויסגעלאָזט אויפן וועג קיין מערב און געשלעפּט זיך פון שטאָט צו שטאָט, בעטלענדיק ברויט. אין י. 1773 איז פאָרגעקומען אַזאַ טרויעריקער עפּיזאָד: אַ גרופּע פון בערך הונדערט בעטלער, „וואָס האָבן גערעדט אַלע לשונות פון אייראָפּע", האָט אין משך פון דריי וואָכן עטלעכע מאָל זיך אַריינגעריסן אין דער שטאָט איל־סיר־סאָרג נאָכדעם, ווי מען האָט זיי געהאַט פאַרטריבן פון די איבעריקע דריי פון די „ארבע קהילות" פון אוויניאָן. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט באַגנוגען מיט די עטלעכע גראָשנס, וואָס מען האָט צווישן זיי פאַרטיילט און אויך נישט דערמיט, וואָס מען האָט די קראַנקע און די שוואַנגערע פרויען יאָ אַריינגעלאָזט. זיי האָבן עטלעכע מאָל אויפגעבראָכן די טויערן פון דער שטאָט און אָנגעפאַלן אויף די אָרטיקע יידן, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרבאַריקאַדירט אין געטאָ, מיט שטעקנס און שטיינער. ערשט ווען עס איז אָנגעקומען צום צווייטן מאָל אַן אָפּטיילונג גרענאַדירן פון אוויניאָן, זיינען זיי אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה און פאַריאָגט געוואָרן פון דער געגנט. די ארבע קהילות האָבן נאָך דעם פאַל נאָך מער פאַרשאַרפט די תקנות וועגן נישט אַריינלאָזן פרעמדע יידן, און די קהילה אין קאַרפּאַנטראַס האָט אויף זיך גענומען צו צאָלן די קריסטעלכע וועכטער פון די שטאָט־טויערן און געטאָ־טויערן אַ ספּעציעל צוגאָב־געהאַלט פון קרוב טויזנט ליוור אַ יאָר, כדי זיי זאָלן אָוועקטרייבן אַזעלכע אורחים . . .

פונקט ווי אין אַלע לענדער אונטערן פעאָדאַלן סיסטעם, איז אויך אין פראַנקרייך די קהילה געווען באַהערשט פון קלאַס פון די גבירים. אין באָרדאָ איז די אָנפירונג פון דער קהילה געווען אין די הענט פון עטלעכע רייכסטע פאַמיליעס, ווי גראַדיס, פערנאַנדעז, סילוואַ, לאַמיראַ, דאַקאָסטאַ, פעריירא, פּעיסאָטאַ א. אַנד. אין אוויניאָן און אין קאַרפּאַנטראַס האָבן די, וואָס האָבן פאַרמאָגט ווייניקער ווי 5 טויזנט ליוור — זייער צאָל האָט באַטראָפן בערך אַ העלפט פון דער קהילה — נישט געהאַט קיין רעכט געקליבן צו ווערן און אפילו קלייבן אין קהל. לויט די תקנות פון וועד עלזאַס פון יאָר 1777 האָבן די פרנסי ושתדלני המדינה געדאַרפט באַשטעטיקן בלויז אַזעלכע אויסגעוויילטע פרנסים אין די קהילות,

וואָס האָבן געהאַט, צווישן אַנדערע קוואַליפיקאַציעס, אויך די מעלה פון פאַרמעגלעכקייט. אין עלזאַס־לאָטאַרנגיע האָבן פּאַקטיש די געצײלטע פאַמיליעס פון באַנקירן, גרויסע סוחרים און ליוועראַנטן, סערף־בער, בער יצחק בער, וואָלף, לעווי, מאַרקס, געקניפּט און געבונדן צווישן זיך דורך קרובהשאַפט און מחותנשאַפט, באַזעצט די אַמטן פון סינדיקן (פּרנסים) אין די קהילות און פון גענעראַל־סינדיקן אין די פּראָווינצן (סערף־בער אין עלזאַס, בער יצחק בער אין לאָטאַרינגיע). אין פּאַל, וואו דער גרעסטער גביר אין שטאָט איז אַליין נישט געווען ראש־הקהל, האָט ער אָנגעוואָרפן דער קהילה אויף דעם אַמט זיין אייגענעם קאַנדידאַט. אין סכסוך, וואָס איז אויסגעבראָכן עטלעכע יאָר פאַר דער רעוואָלוציע אין דער קהילה בישהיים, ביי שטראַסבורג, צווישן סערף־בער און זיין קאָנקורענט לעמאַן (ר׳ ליימע), צוליב דעם, וואָס יענער האָט גורם געווען מען זאָל אים אויסדינגען די פּאַכט פון לייבצאָל, האָבן זיך ביידע צדדים קעגנזייטיק אָפּגעוואָרפן דיקטאַטור אין דער קהילה דורך אַרויפזעצן יעדער זיין אייגענעם ראש הקהל. אין דעם זעלבן סכסוך האָט סערף־בער באַוואויגן דעם רב דוד זינצהיים (דעם שפּעטערדיקן נשיא פון פּאַריזער סנהדרין), וואָס איז, אגב, געווען זיין אייגענער שוואָגער, צו באַשטראָפן זיין קאָנקורענט מיט אַ פּאַקטישן, הגם נישט פאָרמעלן חרם. סערף־בערס דעצידירנדיקע דעה אין דער אויטאָנאָמער פאַרוואַלטונג פון גאַנץ עלזאַס האָט זיך גענומען נישט נאָר דערפון, וואָס ער איז געווען דער פּרנס־המדינה: כמעט אַ העלפט חובות פון די עלזאַסער קהילות איז געקומען סערף־בערן, וועלכער האָט זיי געליען די סומע, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט באַצאָלן ווי אַנטשעדיקונג פאַר דער אָפּשאַפונג פון לייבצאָל.

ביי אַזאַ מאַכט פון די פּרנסים איז אויך די שאַצונג פון שטייער, הגם אַ באַזונדערער רעסאָרט פון שאַצונגס־קאָמיסיעס (שמאים), געווען אָפּהענגיק פון זייער הסכם, פּונקט ווי דער צוזאַמענשטעל פון די דאָזיקע קאָמיסיעס גופא. אין לאָטאַרינגיע האָבן די קהילות אין לונעוויל און סאַרגעמין זיך אַזוי שטאַרק געפילט באַעוולהט אין דער שטייער־צעטיילונג דורך דער הערשנדיקער קהילה אין נאַנסי, אַז זיי האָבן אין י. 1789 זיך דעריבער באַקלאָגט אין זייער סעפּאַראַטן מעמאָראַנדום צו דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג און געבעטן זיך צו מעגן אָרגאַניזירן אונטער אייגענע סינדיקן און רבנים. אין די ארבע קהילות אין אַוויניאָן זיינען סיי די פאַרמעגלעכע, סיי די קליינע שטייער־צאָלער געווען אַזוי אויפגעבראַכט קעגן די שאַצמייסטער פון די קהילות, אַז מען פלעגט אויף זיי אָנפאַלן אויף די גאַסן, און אין י. 1764 איז אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע געשיקט געוואָרן דורך די קהילה פאַרוואַלטערס צום וואַטיקאַן, כדי אויסצופועלן אַ פאַראָרדענונג, וואָס האָט געדראָט מיט תפיסה און געלט־שטראָף פאַר

אַזאַ אָפּאָזיציע. אָבער אויך אויסער דעם אומ׳יושר ביי דער צעטיילונג פון שטייער צווישן די מיטגלידער פון דער קהילה, ווי אויך צווישן דער הויפט־קהילה און אירע סביבות, איז דער סיסטעם גופא פון קהילה־באַשטייערונג געווען אויפגעבויט אויף דעם חשבון פון דער אומפאַרמעג־לעכער באַפעלקערונג. אין קאַרפּאַנטראַס האָבן פאַרמעגן־שטייער באַ־דאַרפט צאָלן אויך די, וואָס האָבן פאַרמאָגט בלויז טויזנט ליוור, הגם זיי זיינען נישט געווען שטים־באַרעכטיקט אין קהל און אַ קאָפּ־שטייער פון 4 ליוור אַ יאָר זיינען געווען מחויב צו צאָלן אַלע מענער עלטער ווי דרייצן יאָר, אומאָפּהענגיק פון זייער פאַרמעגן. אין דער מעצער קהילה איז אַחוץ דירעקטע שטייערן (קרוב 12 און אַ האַלבן ליוור פון יעדע טויזנט ליוור פאַרמעגן) און אָפּצאָלן פון נדן, ירושה, געווען איינגעפירט אַ „קאַראָבקע״ אויף פלייש און ווין.

אַחוץ די ישובים אין דרום פון לאַנד און אין די צפון־מזרח פּראָווינצן, עלזאַס־לאָטארינגיע, האָט פאַר דער רעוואָלוציע שוין עקזיסטירט אַ קליי־נער יידישער ישוב אין דער הויפּט־שטאָט, אין פּאַריז. פונקט ווי אין אַ ריי הויפּט־שטעט פון אייראָפּע, בריסל, ווין, פעסט, מינכען, ברין, וואַרשע, פעטערבורג, וואו יידן האָבן לעגאַל נישט געטאָרט וואוינען אין יענער תקופה, האָט אויך דאָ דער גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג צו־געהאָלפן דער אונטערנעמערישקייט פון יחידים קאַפּיטאַליסטן אין דער געוואַגטקייט פון האַרעפּאַשנע עלעמענטן אַדורכצוברעכן די צוימען פון געזעץ. ערב דער רעוואָלוציע האָבן זיך אין פאַריז געפונען אָפיציעל פאַררעגיסטרירטע בערך 500 יידן, פאַקטיש אַרום 800 נפשות. זיי זיינען באַשטאַנען פון אַלע דריי גרופּעס פראַנצויזישע יידן, ספרדים, אַוויניאָנער און אשכנזים, דעם איבערוועגנדיקן רוב האָבן אָבער צוזאַמענגעשטעלט די אשכנזים, בעיקר פון עלזאַס־לאָטארינגיע, מיט שפּרענקלעך פון האָלאַנד, דייטשלאַנד און אפילו פון פוילן. די רייכסטע זיינען געווען די ספרדישע יידן פון באָרדאָ, באַנקירן, סוחרים און ליוועראַנטן, בעת די אשכנזישע יידן האָבן על פי רוב זיך באַשעפטיקט מיט קליין־האַנדל, גאַסן־האַנדל, האַנדל מיט אַלטוואַרג, געלט־טוישן א. ד. גל. האַנטווערקער, ווי שניידער, גראַווירער זיינען געווען צווישן זיי געציילטע. געווען אָבער אויך צווישן זיי מיטעלע פאַרמעגלעכע סוחרים פון גאַלאַנטעריע, יואוועלן, שטאָפן און אויך יחידים, וואָס האָבן מיט זייערע גרויסע געשעפטן זיך געקאָנט פאַר־גלייכן מיט די רייכע ספרדים. די פאַריזער יידן זיינען, מיטן אויסנאַם פון אַ גרופּע נאַטוראַליזירטע גבירים, געווען אונטערגעוואָרפן אַ ספּעציעלער פּאָליציי־אָפּטיילונג פון „אינספּעקציע איבער יידן און שווינדלער״. זייער עקזיסטענץ איז געווען אַ האַלב לעגאַלע: די פּאָליציי פלעגט צווישן זיי אַדורכפירן יעדע וואָך־צוויי, נאַכט־רעוויזיעס, און צונעמען די, וועמענס

פּאַספּאָרט איז אויסגעגאַנגען, אָדער נישט געוואָרן פאַרלענגערט. אַחוץ דער פּאָליציי, האָבן די פּאַריזער ייִדן געהאַט אויסצושטיין אַ קאַמף מיט די סוחרים־גילדיעס, וואָס האָבן דעם ייִדישן מסחר און פּעדלערײַ גע־פּרוואוט כסדר צו שטערן ווי אַ ברוך פון זייערע פּריווילעגיעס. נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן אומזיכערן און אומקלאָרן רעכטלעכן מצב, האָט די מלוכה אָנערקענט סינדיקן (שתדלנים) פון די ספרדישע, אוויניאָ־נישע און אשכנזישע ייִדן אין פּאַריז און דער סינדיק פון די ספרדים (יעקב ראָדריגעס פּערייראַ, נאָך זײַן טויט — דוד סילווייראַ) האָט אפילו געהאַט די פונקציע פון אויסשטעלן פאַר דער פּאָליציי רשימות פון אַלע אָנגעקומענע ייִדן און אָנווײַזן, וועלכע פון זיי קאָנען פאַרבלײַבן אין דער שטאָט.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט די פּאַריזער ייִדישע באַפעלקערונג בכלל געלעבט אָפּגעזונדערט פון דעם אַרומיקן רויִשיקן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. דאָס רוב פּאַריזער ייִדן האָט נאָך אין נאַפּאָלעאָנס צייטן באַנוצט ייִדיש ווי זייער טאָג־טעגלעכע שפּראַך. בלויז אין די קרייזן פון דער רײַכער יוגנט האָט דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע זיך פאָראויסגע־רוקט נישט נאָר אין זין פון שפּראַך, נאָר אויך אין צעלאָזנקייט, לויטן מוסטער פון דער „גאָלדענער יוגנט", אויף וואָס עס שטעלט זיך אָפּ מיט פאַרדרוס דער באַזוכער אזולאי. עס באַווײַזן זיך אָבער שוין פאַר דער רעוואָלוציע אויך אין פּאַריז געציילטע ייִדן מיט גרויסער בילדונג, די ערשטע שוואַלבן פון אַ מאָדערנער ייִדישער אינטעליגענץ אין דער הויפּט־שטאָט. דער דערמאָנטער סינדיק פון די ספרדים אין פּאַריז, יעקב ראָדריגעז פּערייראַ, אַן אַנטלאָפענער פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל, דערנאָך אַ תושב אין באָרדאָ, האָט אין פּאַריז זיך דערוואָרבן גרויסע אָנ־טונג אין די קולטור־קרייזן ווי דער גרינדער פון דער ערשטער שולע פאַר טויב־שטומע.

אַ תושב פון פּאַריז איז געווען דער משכיל משה ענסהיים פון מעץ, אַ מאַטעמאַטיקער, מיטאַרבעטער פון „המאסף" און מחבר פון העברייִשע שירים. אומפאַרגלײַכלעך באַדייטנדיקער פון אים ווי אַ פּערזענלעכקייט, קעמפער פאַר ייִדישע רעכט און גייסטרײַכער, רעוואָלוציאָנער, הגם עק־סטרעם אַסימילאַטאָריש געשטימט, איז געווען „דער פּוילישער ייִד", ווי ער פלעגט זיך חתמענען אויף פראַנצויזיש, זאַלקינד הורוויץ (געבוירן אַרום 1740 אין לובלין, געשטאָרבן 1812). האָבנדיק פאַרבראַכט זײַן יוגנט אין ישיבות אין פּוילן, איז ער אויפן וועג איבער בערלין, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט משה מענדעלסאָן, נאַנסי, מעץ און שטראַסבורג, געקומען קיין פּאַריז. הגם ער האָט דאָ געמוזט שווער האָרעווען אויף פּרנסה ווי אַ הענדלער מיט אַלטע קליידער, האָט ער באַוויזן גרינטלעך זיך אויסצולער־נען פראַנצויזיש, און בעת דער רעוואָלוציע האָט ער זיך אָפּט געלאָזט

הערן אין דער פרעסע מיט זיינע שאַרפע, טעמפּעראַמענטפולע אַרטיקלען סיי וועגן דער יידן־פראַגע, סיי וועגן פראַגן פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק. ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע איז הורוויץ געווען ביבליאָטעקאַר אין דער אָריענטאַלישער אָפּטיילונג פון דער קיניגלעכער ביבליאָטעק (היינט נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק) אין פּאַריז.

אַזוי איז דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך אין דער תקופה פאַר דער רעוואָלוציע געווען געאָגראַפיש צעטיילט אין דריי גרופּעס פון אַ פאַרשיידענער אָפּשטאַמונג און סאָציאַלער סטרוקטור, וואָס האָבן אפילו אין דעם פּאַריזער קליינעם צענטער, וואו זיי זיינען זיך צונויפגעקומען, נישט געקאָנט זיך צונויפנעמען אין איין אָרגאַניזירטער גאַנצקייט. דער גרעסטער מהלך איז געווען צווישן די גאַוואַדיקע ספרדים אין באָרדאָ און צווישן די אשכנזים. נישט בלויז שפּעטער, בעת דער רעוואָלוציע, האָבן די ספרדים אַרויסגעוויזן זייער עגאָאיסטישן סעפּאַראַטיזם, נאָר אויך פריער, אין די אַקציעס, וואָס האָבן זיך געפירט פאַר דער רעוואָלוציע וועגן פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן, האָבן זיי געהאַנדלט פּונקט אין היפּך צום פּרינציפּ פון סאָלידאַרישקייט פון אַ באַעוולהט און אונטערדריקט פאָלק.

באַזונדער כאַראַקטעריסטיש זיינען אין דעם פּרט די אינסטרוקציעס, וואָס די סינדיקן פון דער פּאָרטוגאַלישער קהילה אין באָרדאָ האָבן געגעבן אין מאַי 1788 זייערע פאָרשטייער אין פּאַריז, לאָפּעז־דיבעק און פורטאַדאָ, וועגן אופן פון פאָרשטעלן זייערע פאָדערונגען פאַר דעם פאַרמיטלער פון מיניסטער: זיי באַקומען די אָנווייזונג, פון איין זייט, בשום אופן נישט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַ חילוק אין עיקרים פון אמונה צווישן זיי און די „אַנדערע" יידן; פון דער אַנדערער זייט זאָלן זיי אָבער יאָ געבן צו פאַרשטיין, אַז יענע יידן זיינען פאַרזונקען אין לעכערלעכע צערעמאָניעס, אַבערגלויבן און פאַנאַטיזם און אַז דערפאַר האָבן זיך די ספרדים מיט זיי קיינמאָל נישט משדך געווען. „אויב דאָס וועט זיין אַבסאָלוט נויטיק" — און עס ווערט דערביי אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז עס וועט נישט זיין נויטיק, — ווערט די פאָרשטייער אויך געגעבן דאָס רשות אָפּצושטעלן זיך אויף דעם, אַז זיי, די ספרדים, שטאַמען פון די בני יהודה, וואָס נבוכדנאצר האָט פאַרטריבן נאָך פאַר גלות בבל (מיטן מלך יהויכין) און וואָס זיינען פון דאָרט גלייך אַריבערגעקומען קיין שפּאַניע . . . *

אַז ביי אַזאַ האַנדלונג האָט געשפּילט אַ ראָלע דער ענגער לאָקאַלער

*מיט דער דאָזיקער מה־יפיתדיקער סברה איז שוין אין י. 1762 אַרויסגעקומען יצחק פּינטאָ אין זיין ענטפער וואָלטערן.

קלאַסן־אינטערעס, קאָן מען זען דערפון, וואָס צווישן די ספרדישע יידן גופא איז אויך נישט געווען קיין סאָלידאַריש אויפטרעטן. ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָבן אין אָנהייב 1790, נאָכדעם ווי עס איז אָפּגעלייגט געוואָרן די אַנטשיידונג וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן, די ספרדים פון באָרדאָ נישט אַריינגענומען אפילו די קהלה אין באַיאָן אין זייער אַקציע, נאָר בלויז אין אייגענעם נאָמען אַריינגעשיקט צו דער נאַציאָנאַל־פאַר־זאַמלונג אַ מעמאָראַנדום וועגן רעכט. צום זכות פון די ספרדים דאַרף אָבער דערמאָנט ווערן, אַז אין פּרט פון גרופּעס־אינטערעס זיינען אויך פאַרשטייער פון די אשכנזישע יידן נישט געווען בריײט־האַרציקער און ווייט־זיכטיקער. די וואָרט־זאָגער פון די יידן פון לאָטאַרינגיע האָבן אין זייער מעמאָראַנדום פון אָקטאָבער 1789 צווישן אַנדערע פּונקטן אויך פאַרגעלייגט, אַז קיין נייע יידן זאָלן זיך נישט טאָרן באַזעצן אין דער פּראָווינץ, סיידן אַזעלכע וואָס פאַרמאָגן 10 טויזנט ליוור וואָס ווילן ווערן תושבים אין נאַנסי, 3 טויזנט ליוור אין אַנדערע שטעט און 1,200 ליוור אין די דערפער. אויך די סינדיקן פון די יידן אין עלזאַס האָבן אין זייער מעמאָראַנדום פון י. 1780 דערקלערט, אַז זיי וועלן עס באַטראַכטן פאַר „אַ נייעם חסד", אויב עס וועלן אָנגענומען ווערן די שטרענגסטע מיטלען, כדי פרעמדע יידן זאָלן זיך דאָרט נישט באַזעצן, סיידן אויפן יסוד פון אַ ספּעציעלער קיניגלעכער דערלויבניש. דערמיט האָבן זיי אַליין פּאַקטיש צוגעגרייט די אויבן־דערמאָנטע גזירה פון י. 1784. די בקשה וועגן אַ גזירה קעגן פרעמדע האָט אויך איבערגעחזרט סערף־בער אַלס דעפּוטירטער פון עלזאַסער יידן, אין זיינע צוויי מעמאָראַנדומס פון י. 1784, וועלכע דער פּאַטענט האָט גענומען אין אַכט.

אַזאַ ענג־האַרציקער פּאַרטיקולאַריזם האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט וואַקסן נאָר אויף דעם באָדן פון אונטערגייענדיקן פעאָדאַליזם מיט זיין פּאָליטישער צעבראָקלונג; ער איז געווען דער אויסדרוק פון דעם זעלבן סאָציאַל־פּאָליטישן סיסטעם, ביי וועלכן די ברייטע יידישע באַפעלקערונג האָט נישט געהאַט קיין שום דעה אין די קהילות, און זייערע פירער און וואָרטזאָגער זיינען געווען פאַמיליע־קאַטעריעס פון גבירים. דער־דאָזיקער עקסטרעמער פּאַרטיקולאַריזם, פּונקט ווי דער סיסטעם פון הערשאַפט פון ענגע גרופּעס פּריווילעגירטע אין די קהילות, איז אַ בוילעטער באַווייז, אַז די אַלטע קהילה־אָרגאַניזאַציע איז אין דער תקופה פון דער שקיעה פון פעאָדאַליזם געווען פאַרעלטערט, פּונקט ווי דער פעאָדאַלער סיסטעם גופא, און אַז זי האָט נישט געקאָנט בלייבן די אָרגאַניזאַציע־פאָרם פון די יידישע מאַסן ביים אויפגאַנג פון דער נייער, קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

§ 13. די יידן־פראַגע אין דער פּאָליטישער ליטעראַטור

פונקט ווי אין אַלע פּאָליטישע פראַגן, איז פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געווען צוגעגרייט דער אידייאישער באָדן דורך דעם קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט אין דער ליטעראַטור און אין געזעלשאַפטלעכע דיסקוסיעס פאַר דער רעכטלעכער גלייכקייט פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. אַזוי האָט אויך אין דער באַזונדערער יידישער פראַגע די עמאַנציפּאַציע, וואָס די רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט, געהאַט אירע פאַראויסלויפער און די ליטעראַרישע קעמפער פאַר יידישע רעכט. די אויפקלערונגס־תקופה האָט נישט נאָר עקאָנאָמיש קעגנזייטיק דערנענטערט די גבירישע עליטע פון יידישע באַנקירן, גרויסע סוחרים, אינדוסטריאַליסטן און הויף־ליוועראַנטן מיט דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, נאָר האָט זיי אויך געזעלשאַפטלעך־קולטורעל צונויפגעבראַכט אין קולטור־צענטערס ווי באָרדאָ, מעץ, נאַנסי און קודם־כל — פּאַריז. דער עיקר אָבער האָט דער עקאָנאָמישער אינטערעס פון דער אויפשטייגנדיקער בורזשואַזיע געפאָדערט אָפּצושאַפן די געזעצלעכע מניעות פאַר דעם יידישן קאַפּיטאַל, אין הסכם מיט דעם הויפּט־לאָזונג פון נייעם קלאַס אויסצוברעכן אַ פרייען וועג פאַר די עקאָנאָמישע כוחות פון קאַפּיטאַליזם, וואָס האָבן שוין געשפּאַרט דורך אַלע פאַרצוימונגען פון דעם אַלטן רעזשים. די זעלבע אידייען וועגן גלייכקייט פון מענטשלעכן מין, וועגן נאַטור־רעכט מיט וועלכע יעדער מענטש ווערט געבוירן, וועגן דעם אַז דער מענטש ווערט געפורעמט דורך די געזעלשאַפטלעכע אומשטאַנדן און ווערט נישט געבוירן לכתחילה אַ גוטער, אָדער אַ שלעכטער, אַן אידעלער (אַדלמאַן!) אָדער אַ געמיינער (פון נידעריקן שטאַנד!), האָבן מיט אַ לאָגישער קאָנסעקווענץ אויך געמוזט אָנגעווענדט ווערן אויף דער פראַגע פון יידן און זייער מצב. אויך דער קאַמף גופא קעגן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און אומטאָלעראַנץ, קעגן דער מאַכט און פּריווילעגיעס פון קלער, האָט ממילא נישט געקאָנט פאַרבייגיין גלייכגילטיק די רעכטלאָזיקייט פון יידן, וואָס איז געווען אַ קלאָרע דערשיינונג פון הערשנדיקן קלעריקאַליזם.

נישט קיין חידוש דעריבער, אַז אַ באַדייטנדיקע צאָל פון די זעלבע טעאָרעטיקער, וואָס זיינען פאַר דער רעוואָלוציע אַרויסגעקומען מיט דעם פּראָגראַם פון די נייע פּאָליטישע אידייען, האָבן אין זייערע שריפטן שוין דעמאָלט אויך אויפגעהויבן די יידישע פראַגע. עס איז דעריבער געווען נאַטירלעך, אַז די יידישע אויפגעקלערטע יחידים האָבן אין דער דאָזיקער ליטעראַטור זיך באַטייליקט סיי דירעקט, סיי דורך אינפאָרמאַציע און אָנווייזונגען פאַר די נישט־יידישע שרייבער און אַמאָל אפילו אַרויסגע־

וויזן די איניציאַטיווע אין אַרויסגעבן אַ ווערק.

כמעט די אַלע שריפטן באַווייזן זיך ערשט אין די 80ער יאָרן, אין משך פון עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע. אין י. 1782 איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער איניציאַטיווע פון סערף־בער אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג די באַרימטע שריפט פון קריסטיאַן דאָהם „וועגן דער בירגערלעכער פאַרבעסערונג פון יידן". אין דעם זעלבן יאָר האָט דער בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פּאָפּולער געוואָרענער קאָס־מאָפּאָליטישער יאַקאָבינער אַנאַקאַרסיס קלאָאָץ אַרויסגעגעבן זיינע „בריוו וועגן יידן". אין י. 1787 דערשיינט די אויבן־דערמאָנטע בראָשור פון ישעיה בער בינג, אַן ענטפער אויף אַן אַנאָנימען מעצער אַנטי־יידישן פּאַמפלעט; אין זעלבן יאָר גיט אַרויס דער באַרימטער גראַף מיראַבאָ אַ שריפט „וועגן משה מענדעלסאָן און וועגן דער פּאָליטישער רעפאָרם פון יידן", שטיצנדיק זיך אויף דעם ווערק פון דאָהם, מיט וועמען ער איז געווען גוט באַפריינדט.

אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט אין דער פרעסע דער קאָנקורס, וואָס די קיניגלעכע מעצער „געזעלשאַפט פאַר קונסט און וויסנשאַפט" האָט דורכגעפירט אין י. 1785 — אויף דער פראַגע „צי איז מעגלעך צו מאַכן די יידן אין פראַנקרייך ניצלעכער און גליקלעכער?". אין דעם קאָנקורס האָבן זיך באַטייליקט 9 שרייבער און בלויז 2 פון זיי האָבן געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער: העלקור, אַ פראָקוראַטאָר פון מעצער פּאַרלאַמענט, האָט אויסגעדריקט די מורא פאַר יידישער קאָנקורענץ אין האַנדל און מלאכה מצד דעם אָפּגעשטאַנענעם בירגערטום; ער האָט פאַרגעלייגט אָפּ־צושיקן די יידן אין די וויסטעניש פון פראַנצויזישן גוויאַנע... דער צווייטער, דער בענעדיקטינער מאָנאַך דאָם־שע, האָט צוליב רעליגיעזע טעמים, כדי צו האָבן אַ לעבעדיקע באַשטעטיקונג פון דער אמתדיקייט פון דער קריסטלעכער רעליגיע, געהאַלטן, אַז יידן דאַרפן בלייבן אין צו־שטאַנד פון רעכטלאָזיקייט. די איבעריקע זיבן אָנטיילנעמער פון קאָנ־קורס, איינגעשלאָסן דריי גלחים און אַן אַנדערן יוריסט פון לאָטארינגיע, דעם אַדוואָקאַט טיערי פון נאַנסי, האָבן אַלע כמעט אין זעלבן זין אַרגו־מענטירט, אַז די חסרונות פון יידן זיינען אַ רעזולטאַט פון זייער רעכטלאָ־זיקייט און אַז אויב מען וועט זיי געבן אַלע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, וועלן זיי ווערן ניצלעכע און גליקלעכע בירגער פון לאַנד. די דאָזיקע אַר־גומענטאַציע קלינגט אָפּ — שפּעטער בעת דער רעוואָלוציע — פון אַלע רעדעס אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג לטובת דער יידישער גלייכבאַ־רעכטיקונג.

אין י. 1787 האָט די רעגירונג פון לואי דעם XVIטן אַזוי ווייט גע־מוזט נאָכגעבן דער עפנטלעכער מיינונג אין אַנבליק פון טיפן עקאָנאָמישן

קריזיס, אַז זי האָט אַרויסגעגעבן אַ קיניגלעכן דעקרעט וועגן הנחות פאַר נישט־קאַטאָליקן, ד. ה. פּראָטעסטאַנטן, צולאָזנדיק זיי צו מיטגלידער־שאַפט אין די מוניציפּאַליטעטן און געבנדיק זיי דאָס רעכט צו דער־ווערבן אומבאַוועגלעך אייגנטום. דער דאָזיקער אַקט האָט געגעבן דעם שטויס דער מעצער אַקאַדעמיע צו פאַרעפנטלעכן די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע. דריי באַטייליקטע האָבן געוואונען פּרייזן: דער דערמאָנטער אַדוואָקאַט טיערי, דער באַרימטער ליבעראַל און יידן־פריינט גלח גרעגואַר (ער האָט שוין אין י. 1779 געהאַט צוגעשטעלט דער פילאַנטראָפּישער גע־זעלשאַפט אין שטראַסבורג אַ מעמאָראַנדום וועגן יידן) און „דער פּויליי־שער ייד“, זאַלקינד הורוויץ. גלח גרעגואַר האָט אין זיין שריפט דער־מאָנט די אינפאָרמאַציעס, פון וועלכער ער האָט גענאָסן ביי זיין אַרבעט מצד משה ענסהיים און מצד ישעיה בער־בינג, וועלכן ער באַצייכנט ווי זיינעם אַ פריינט.

די פרעמירטע שריפטן זיינען אַרויס פון דרוק סאַמע ערב דער רע־וואָלוציע אין 1788 און 1789 און געפונען די פולשטענדיקע צושטימונג פון אויפגעקלערטן פראַנקרייך. זאַלקינד הורוויץ האָט זיין ווערק צוגע־שיקט דער אַדל־קאַמער פון פאַריז און דערמיט משפיע געווען אויף איר שטעלונג לטובת דער יידישער עמאַנציפּאַציע. זיין שריפט איז געלייענט געוואָרן דורך די אַקטיווע קעמפער פאַר יידישער גלייכבארעכטיקונג בעת דער רעוואָלוציע, די ליבעראַלן מיראַבאָ, קלערמאָן־טאָנער און דיופּאָר (ביידע האָבן זיך וועגן דער בראָשור אויסגעדריקט מיט גרויס אָנערקע־נונג) און אָן אַ ספק זיי באַפעסטיקט מיט אַרגומענטן, אַ סברה אויך אין דער פראַגע פון אָפּשאַפן די יידישע אויטאָנאָמיע.

בעת דער אַדוואָקאַט טיערי האָט אין דער פראַגע פון אויטאָנאָמיע פאַרנומען כמעט די פּאָזיטיווע שטעלונג פון דאָהם, און בכל אופן געהאַלטן, אַז אַ געוויסע צייט דאַרפן יידן בלייבן ביי אייגענע קהילות און ראָשי־קהילות, האָבן גלח גרעגואַר און ז. הורוויץ זיך אַרויסגעזאָגט אין גייסט פון דער שטעלונג פון מענעדלסאָנען, אַז די רבנים טאָרן לחלוטין נישט האָבן קיין אַנדערע קאָמפּעטענץ, ווי נאָר אויסשליסלעך אין רע־ליגיעזע פראַגן, און יעדנפאַלס טאָרן זיי נישט האָבן קיין געריכטלעכע מאַכט. באַזונדער שאַרף איז זאַלקינד הורוויץ אַרויסגעטראָטן אין דער דאָזיקער פראַגע. נישט בלויז לייגט ער פאָר צו באַגרענעצן די סינדיקן צו דער פונקציע פון גבאים פון דער סינאַגאָגע און הקדש, נאָר ער פאָר־דערט אויך צו פאַרווערן די רבנים דאָס רעכט נישט אַריינצולאָזן אין דער סינאַגאָגע אָדער נישט צוצוטיילן כיבודים (געמיינט עליות, הקפות א. אז. וו.) יידן, וואָס שערן זיך אָפּ די פיאות און גאָלן זיך די באָרד, אָדער וואָס גייען אָנגעטאָן ווי קריסטן און באַזוכן „ספּעקטאַקלען“ (טעאַטער).

אין אַ הערה אונטן, באַמערקט הורוויץ: „עס וואָלט גאָר געווען געוואונטשן, אַז מען זאָל זיי בכלל פאַרביטן צו האָבן רבנים, וואָס זייער אויסהאַלטן קאָסט צו טייער און וואָס זיינען לחלוטין אומניצלעך“. ער האַלט, אַז עס איז גענוג אויסצוהאַלטן דיינים, כדי צו פּסקנען שאלות, בעת די רבנים האַלטן דרשות צוויי מאָל אַ יאָר, וואָס זיינען אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט פּילפּול, אַז „ביין־צענטל פון עולם פאַרשטייט נישט דערפון קיין וואָרט“. דאָס זעלבע חזרט איבער וועגן דער אומניצלעכקייט פון רבנים, אַבאַט גרעגואַר. הורוויץ קומט זיך אויך צונויף מיט אַבאַט גרעגואַר אין דער נעגאַטיווער שטעלונג צו יידיש. בעת אָבער גרעגואַר האָט געפאָדערט פאַר יידן דאָס רעכט צו באַקליידן אַמטן, הגם מיט געוויסע באַגרענעצונגען, איז הורוויץ דערויף מותר, פונקט ווי אויף מיליטערישן דינסט, און פאַרלאַנגט פאַר יידן בלויז עקאָנאָמישע גלייכבאַרעכטיקונג לויטן מוסטער פון די ספרדים אין באָרדאָ. בלויז אין זיין שטעלונג צו רעליגיע האָט הורוויץ אויסגעדריקט ראַדיקאַליזם, דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אַסימילירטן, וואָלטעריאַנישן פליגל פון דער יידישער בורזשואַזיע. הגם ער פאַרטיידיקט דעם תלמוד קעגן בילבולים, וואַגט ער אויך צו דערקלערן, אַז נישט אַלע מיינונגען פון תלמוד זיינען מחייב, און וואַרפט אָפּ די אגדות ווי „וויזיאָנערישע“ פאַנטאַזיע. הורוויץ פאָרמולירט אויך נאָך שאַרפער ווי גרעגואַר, דאָס, וואָס דער פאַריזער סנהדרין האָט שפּעטער דערקלאַרירט אויפן באַפעל פון נאַפּאָלעאָנען, אַז אין תורת משה זיינען פאַראַן ריין־רעליגיעזע און פּאָליטישע דינים און אַז די לעצטע האָבן פאַרלוירן זייער גילטיקייט זינט די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד.

צוליב די זעלבע עקאָנאָמישע מאָטיוון, וואָס האָבן באַוואויגן דעם פּראַנצויזישן אַבסאָלוטיסטישן רעזשים צו דעקרעטירן הנחות פאַר פּראָטעסטאַנטן, האָט די רעגירונג באַלד דערנאָך באַשלאָסן צו רופן אַ באַראַטונג פון יידישע נאָטאַבלען וועגן רעפאָרמירן דעם מצב פון יידן אין לאַנד. פאַר דער קאָמיסיע פון מיניסטער מאַלזערב זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו דערשיינען אַכט מנהיגים: דריי פון באָרדאָ (צווישן זיי פורטאַדאָ), איינער פון באַיאָן, סערף־בער פון עלזאַס, בער יצחק בער פון נאַנסי און צוויי פון פּאַריז. עס האָבן זיך שוין געהערט די דונערן פון אָנקומענדיקן שטורעם. איידער אָבער דער מיניסטער האָט ביי זיך געקאָנט פועלן צו אַקטיוויזירן די דאָזיקע קאָמיסיע, האָט דער דונער געטראָפן דעם צעפוילטן בנין פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע: פראַנקרייך האָט אויפגעשיינט אין ליכטיקן פייער פון דער גרויסער רעוואָלוציע.

(ב) די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די עמאַנציפּאַציע פון יידן אין פראַנקרייך

§14. די וואַלן צו די גענעראַל־שטאַטן און די יידישע רעפּרעזענטאַנץ

ווען דער קיניג איז אין פרילינג 1789 געווען געצוואונגען צוליב פאַרהיטן דעם פינאַנציעלן באַנקראָט צוזאַמענצורופן די גענעראַל־שטאַטן, אַ רעפּרעזענטאַנץ פון די דריי שטאַנדן פון דער גאַנצער מלוכה, וואָס איז נישט געהאַט זיך צוזאַמענגעקומען אין משך פון די לעצטע 175 יאָר, האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכנשאַפט, אַז מיט דעם אַקט אַליין האָט ער געגעבן דעם סיגנאַל פאַרן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע.

לויט דעם באַנייטן אַלטן מנהג, האָט יעדער פון די דריי שטאַנדן פון דער באַפעלקערונג געדאַרפט אויסקלייבן, אויף אַן אומדירעקטן אופן, דורך עלעקטאָרן, זיינע דעפּוטאַטן און מיטגעבן זיי אינסטרוקציעס אין די אַזוי־גערופענע „קאַיעס" (cahiers de doléance) („העפטן פון באַקלאָגן זיך"). די אָריגינעלע קאַיעס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף די פאַרזאַמלונגען אין די באַזונדערע געמיינדעס, שטעט און דערפער, דערנאָך זיינען זיי צוזאַמענגענומען געוואָרן אין קאַיעס פון דיסטריקטן.

אין די קאַיעס פון די מזרח־פּראָווינצן, ווערן אין די געגענטן וואו יידן האָבן געוואוינט, דורך די דריי שטאַנדן, בפרט דורך דעם דריטן שטאַנד, שטאָט־בירגער און פויערן, כמעט אומעטום דערמאָנט פאָדערונגען וועגן יידן, אַחוץ אין ערטער מיט געציילטע יידישע תושבים. אויפן ערשטן בליק, אין אַלגעמיינעם סך־הכל, אַנטפּלעקן די אינסטרוקציעס וועגן יידן אין די קאַיעס פון עלזאַס און לאָטאַרינגיע, און בפרט פון דער ערשטער פּראָווינץ, אַן אויסטערליש טרויעריק בילד פון שנאה צו יידן מצד אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג. אין עלזאַס, פון וואַנען עס האָבן זיך דערהאַלטן בלויז די סומירטע קאַיעס פון די דיסטריקטן, באַקלאָגט זיך דער גלחים־שטאַנד, אַז יידן עקספּלואַטירן די פויערן; דער אַדל באַצייכנט די יידן ווי די מכת־מדינה צוליב זייער צאָל און זייערע וואוכערערס, און אַלע דריי שטאַנדן פאָדערן שטרענגערע באַגרענעצונגען קעגן יידן, ווי דער רעגולאַמין פון י. 1784, באַזונדער בנוגע דער צאָל יידישע חתונות, און פאַרבאָט פון יידישן קרעדיט אויף להבא. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די שטאָט שטראַסבורג האָט געפאָדערט, אַז יידן זאָלן נישט טאָרן קויפן בהמות, תבואה און אַנדערע פּראָדוקטן אַנדערש ווי אין דער אָנוועזנהייט פון אָרטיקע באַאַמטע, בעת דער דריטער שטאַנד פון דיסטריקט קאָלמאַר, וואו יידן האָבן אין דער שטאָט בכלל נישט געטאָרט וואוינען, האַלט, אַז יידן דאַרף דערלויבט ווערן צו פאַרנעמען זיך סיי מיט מלאכה סיי מיט האַנדל,

אחוץ האַנדל מיט אומבאַוועגלעכע גיטער. דער דיסטריקט האַגענוי האָט אויך אַריינגעשטעלט די פאָדערונג וועגן אָפּשאַפן די יידישע אויטאָנאָמיע.

אין די קאַיעס פון לאָטאַרינגיע, בפרט אין די אָריגינעלע, פון איינצעלנע געמיינדעס, זיינען די פאָדערונגען וועגן יידן אַביסל פאַרשיידן. אויך דאָ טרעט אַרויס דער גלחים־שטאַנד און על פי רוב אויך דער אַדל פאַר באַגרענעצן דעם יידישן וואוכער, קעגן דעם וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג און אַחוץ דעם אויך פאַר אויסברייטערן אויף לאָטאַרינגיע די קיניגלעכע גזירות אויף עלזאַסער יידן. אָבער דער דריטער שטאַנד, באַזונדער אין די קלענערע שטעט, באַקלאָגט זיך נישט נאָר אויף דעם יידישן וואוכער, נאָר אויך אויף דעם האַנדל פון יידן, וועלכן זיי פאָדערן צו באַגרענעצן. פאַראַן אויך אין די זעלבע אינסטרוקציעס פון אַ ריי שטעטלעך און דערפער פאָדערונגען קעגן וואוכערער בכלל, אָדער אַזעלכע, וואָס דערמאָנען בפירוש נישט־יידישע וואוכערער, צוזאַמען מיט יידישע. אמת, עטלעכע שטעטלעך און דערפער מאַכן אפילו פאַרשלאָגן וועגן פאַרטרייבן יידן פון לאַנד אָדער באַזעצן זיי אַלס פויערן אויף אַן אינדזל. פונקט אַזוי כאַראַקטעריסטיש זיינען אָבער פאַר דער שטימונג פון פויערן און קליינבירגער פאָדערונגען פון עטלעכע ערטער וועגן אַריבערפירן יידן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

דאָס שטעטעלע סען קירין לייגט פאָר ווי אַן אַלטערנאַטיוו צום גירוש, אַז נישט מער ווי יעדער צענטער ייד זאָל מעגן זיך פאַרנעמען מיט האַנדל און די איבעריקע זאָלן צוגעלאָזט ווערן צו ניצלעכער מלאכה. אויב דער מאָטיוו פון האַנדלס־קאָנקורענץ איז דאָ גאָר דורכזיכטיק, איז אַ סך יושרדיקער דער דריטער שטאַנד פון דיסטריקט דיעז, וואָס פאַרלאַנגט, אַז יידן זאָלן האָבן דאָס רעכט צו פאַרנעמען זיך סיי מיט האַנדל, סיי מיט אַלע מלאכות און אויך צוגעלאָזט ווערן צו בירגערשאַפט, און ערשט נאָך דריי יאָר, אויב זיי וועלן נישט אויסנוצן די געגעבענע רעכט, זאָל מען זיי פאַרטרייבן. דער פויערישער יושר אָן קונצן, אָבער אויך די באַציאונג צו יידן, ווי צו פרעמדע, קומט צום אויסדרוק אין אַזאַ אינסטרוקציע פון דאָרף העסע: „יידן זיינען אַזעלכע בשר ודמס ווי די קאַטאָליקן, זיי וואָלטן גאַנץ גוט געקאָנט באַאַרבעטן די ערד, כדי צו פאַרדינען אויף חיונה, פונקט ווי דער פויער — און דערצו אין אַ פרעמד לאַנד". אין די גרעסערע שטעט פון לאָטאַרינגיע באַמערקט זיך שוין אי די השפעה פון די אידייען פון דער אויפקלערונג אי די דערנענטערונג אין עקאָנאָמישן לעבן צווישן יידישן און נישט־יידישן בירגערטום.

דער דריטער שטאַנד פון דער שטאָט מעץ רוקט בכלל נישט אַרויס קיין שום פאָדערונגען בנוגע יידן. דער דריטער שטאַנד פון דיסטריקט מעץ פאָדערט מען זאָל די יידן מאַכן פאַר ניצלעכע בירגער, און דער אַדל

פון דיסטריקט פאָדערט שטאָט־רעכט פאַר אַלע תושבים פון דער מלוכה; דער דריטער שטאַנד אין דעם דיסטריקט נאַנסי באַגנוגנט זיך מיט אַן אַלגעמיינער פאָדערונג וועגן אויסבעסערן געזעצן וועגן יידן און רעדט בפירוש בלויז וועגן פאַרווערן יידן דעם תבואה־האַנדל; די שטאָט לור־נעוויל פאָדערט מען זאָל מער קיין יידן אַהין נישט אַריינלאָזן און די אָרטיקע זאָל מען מאַכן פאַר ניצלעכע בירגער פון דער געזעלשאַפט. די דאָרטיקע שענקערס פאָדערן מען זאָל פאַרווערן יידן דעם אומלעגאַלן האַנדל און זיי זאָלן זיין מחוייב זיך צו נעמען צו „אַן אַנשטענדיקן האַנדל", אין אָפענע קראָמען. אין דעם דיסטריקט טול דערמאָנט נישט דער דריטער שטאַנד קיין שום טענות צו יידן און דער דאָרטיקער אַדלשטאַנד, הגם ער טרעט אַרויס קעגן וואוכער, דערקלערט, אַז דאָס איז נישט די שולד פון יידן און פאַרלאַנגט מען זאָל זיי דערלויבן צו פאַרנעמען זיך מיט פרייע פּראָפעסיעס און מיט מלאכה. פאַראַן אויך קאַיעס פון עטלעכע שטעטלעך, וואו עס קומט צום אויסדרוק דער זעלבער שטאַנדפּונקט: די חסרונות פון יידן זיינען נישט זייער שולד, נאָר אַ רעזולטאַט פון אונטערדריקונג; יידן דאַרפן צוגעלאָזט ווערן צו מלאכה און לאַנדווירטשאַפט און צאָלן די זעלבע שטייערן וואָס אַנדערע.

די קאַיעס זיינען ווייט פון אָפּשפּיגלען געטריי די געפילן און מיינונגען פון דער באַפעלקערונג. אין עלזאַס האָבן די פּויערן בכלל נישט געקאָנט קיין פראַנצויזיש, ממילא זיינען די קאַיעס נישט פאַרפאַסט געוואָרן דורך זיי. אין דעם זעלבן עלזאַס האָט דער דערמאָנטער שונא ישראל און דאָקומענטן־פעלשער, העל, באַקומען גאָר אָפיציעל אַן אויפטראַג פון דער פּראָווינציעלער פאַרזאַמלונג אויסצואַרבעטן אַ „מוסטער־קאַיע" פאַר די וואָלן, און פאַראַן דיסטריקטן וואו די מחברשאַפט פון קאַיע דורך העלן איז אָן אַ ספק פעסטגעשטעלט. אין עלזאַס זיינען בכן די קאַיעס אין שייכות צו יידן געווען אַ רעזולטאַט פון אַ פאַראויס גוט אָרגאַניזירטער אַקציע. אָבער אפילו אין לאָרען דערקענט מען אין דער שפּראַך פון די קאַיעס גאָר אָפט די ווערטער פון אָרטיקן גלח אָדער אַדוואָקאַט, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס קאַיעס פון שכנותדיקע דערפער און שטעטלעך זיינען אָפט נישט מער ווי ווערטערלעכע קאָפּיעס. דאָך, אויך אין דעם דאָזיקן קרומען שפּיגל באַווייזן זיך שטימונגען ספּאָנטאַנע, און נאָך מער קינסטלעך־אַרויסגערופענע דורך אַגיטאַציע. אין עלזאַס האָט אויפן פּאָן פון דער וואוכער־טעטיקייט פון יידן זיך פאַרשפּרייט אַ קעגנערשאַפט און טיילווייז אפילו פיינטשאַפט צו זיי, און אויף דעם באָדן איז אין ערשטן יאָר פון דער רעוואָלוציע אויסגעוואַקסן דאָרט די פּאָגראָם־פּראָפּאַגאַנדע, אָנגעפירט דורך דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער רעאַקציע. אין לאָטאַרינגיע ווערט צוליב קאָנקורענץ דער האַנדל פון יידן אַטאַקירט צוזאַמען מיטן וואוכער.

עס קומט אָבער דאָרט אויך צום אויסדרוק אַ פריינטלעכערע און יושרדיקע באַציאונג צו יידן, און צווישן אויפגעקלערטן בירגערטום און טיילוויז אויך ביים געבילדעטן אַדל הערן זיך שוין טענער, וואָס זאָגן אָן אין דער יידן־פראַגע דעם רעוואָלוציאָנערן פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג.

אין אוויניאָן, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אונטער דער הערשאַפט פון פּויפּסט, האָט פון 5 גילדיעס, פון וועלכע עס האָבן זיך דערהאַלטן קאַיעס, בלויז איינע, פון גאַסטהויז־אייגנטימער, דערמאָנט יידן און גע־פאָדערט פאַר זיי ציווילע רעכט. אין י. 1790, שוין אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע, קומען אַרויס אַלע געמיינדעס פון קאָמטאַט אוויניאָן, מיטן אויסנאַם פון איינער, מיט דער פאָדערונג פון פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן, אַנגעבנדיק ווי אַ מאָטיוו די מורא, אַז זיי זאָלן נישט אויסוואַנדערן פון דער געגנט. אַלע פאָדערן אָבער אַ רעדוקציע פון פּראָצענט, וואָס יידן מעגן נעמען געזעצלעך פון הלוואות און זאָגן זיך אַרויס גלייכצייטיק קעגן געבן יידן פּאָליטישע רעכט.

מיט דער דערפרישנדיקער אַטמאָספערע פון דער רעוואָלוציע אָטעמט שוין דער פּאַסוס וועגן דער יידן־פראַגע אין קאַיע פון דריטן שטאַנד פון פּאַריז, אַריינגעטראָגן דורך דע בורזש (ער האָט דורך אַ צופאַל נישט גע־קאָנט אָנטיילנעמען אין דער וואַל־פאַרזאַמלונג און די פאָרמולירונג פאַר־עפנטלעכט ערשט אין י. 1790):

„קיינמאָל קאָן די בירגערלעכע און פּאָליטישע פרייהייט אין פראַנק־רייך נישט זיין פולקאָמען געזיכערט, כל־זמן עס וועלן נאָך זיין שקלאַפן אויף אונדזערע אינדזלען, לייב־אייגענע (אונטערטעניקע) פּויערן אין אונ־דזערע פּראָווינצן און לסוף, כל־זמן די יידן וועלן זיין אָפּגעטיילט פון אונדז דורך דעם אַלעם, וואָס אַ באַרבאַרישע און אומגערעכטע פאַראַכטונג קאָן אויסטראַכטן, כדי אין רעזולטאַט צו מאַכן אירע קרבנות פאַראַכט“.

אין זיין בין־השמשות האָט דער אַלטער אונטערגעגראָבענער רעזשים נאָך באַוויזן אָפּצוטאָן די לעצטע גרויסע עוולה דער יידישער באַפעלקע־רונג, אויסצושליסן איר רוב מנין ובנין פון דער באַטייליקונג אין די וואַלן צו די גענעראַל־שטאַטן.

בלויז די ספרדישע יידן האָבן זוכה געווען צוגעלאָזט צו ווערן צו די וואַל־פאַרזאַמלונגען. זיי האָבן אָבער צוליב דער קליינער צאָל אין באָרדאָ און צוליב דעם דיסקרימינאַטאָרישן וואַל־מאָדוס אין באַיאָן נישט דער־גרייכט קיין פאָרטרעטונג אין פּאַרלאַמענט. אין באָרדאָ איז די קולטור־רעלע און געזעלשאַפטלעכע אַסימילאַציע פון די דאָרטיקע יידן, ווי אויך דער מאַנגל אין קאָנקורענץ לגבי זיי, ווי גרויסע סוחרים, זיי בייגעשטאַנען, וואָס באַלד לכתחילה איז, נישט געקוקט אויף אַ געוויסער אָפּאָזיציע, אָנ־ערקענט געוואָרן זייער רעכט אָנטיילצונעמען אין די וואַלן. דעם מיליאָנער

דוד גראַדיס, וואָס איז נאָמינירט געוואָרן ווי איינער פון די פיר פאָר־שטייער פון דער ספרדישער קהילה (די אַוויניאָנער יידן אין באָרדאָ האָבן אַחוץ דעם אויסגעקליבן זייערע אייגענע צוויי), האָבן געפעלט בלויז ווינ־ציקע שטימען כדי אַדורכצוגיין ווי אַ דעפּוטאַט אין די גענעראַל־שטאַטן. אין באַיאָן זיינען יידן צוגעלאָזט געוואָרן צו די וואַלן ערשט נאָך אַן אָנ־פראַגע ביים מיניסטער און נאָך אַן אינטערווענץ מצד זייער פאָרטרעטער אין פּאַריז. אָבער אָנשטאָט 4 עלעקטאָרן, וואָס איז זיי געקומען, האָט די שטאָט זיי צוגעפּסקנט בלויז 2 און דורך דעם האָבן זיי אויך פאַרשפּילט די שאַנסן פון אַ רעפּרעזענטאַנץ. אפילו אין עלזאַס־לאָרען האָבן נישט אַלע דיסטריקט־באַאַמטע, פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די וואַלן, געהאַלטן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יידן זיינען ניט באַרעכטיקט זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן. פון צוויי דיסטריקטן און פון אַ ביגערמייסטער זיינען גע־שיקט געוואָרן אָנפראַגעס צום מיניסטער, וואו עס איז אַרויסגערוקט גע־וואָרן דער מאָמענט, אַז יידן זיינען לעגאַליזירטע באַוואוינער פון דער פּראָ־ווינץ און טראָגן אויס צוזאַמען מיט אַלע די שטייער־לאַסטן. דער מי־ניסטער האָט געענטפערט נעגאַטיוו.

די פאָרשטייער פון די יידן אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע האָבן נישט גע־האַט די דרייסטקייט צו פאָדערן באַטייליקונג אין די אַלגעמיינע וואַלן. זיי האָבן אָבער יאָ אויסגענוצט די געלעגנהייט אַרויסצוקומען מיט אַ פּראָג־ראַם פון פאָדערונגען וועגן פאַרבעסערן די יידישע לאַגע, בפרט, אַז נאָך פאַר דער רעוואָלוציע פלעגן זיי זיך ווענדן מיט מעמאָראַנדומס וועגן רע־פאָרמען, ווי אין י. 1780 אין שייכות מיט דער שווינדל־אַפּערע העל און אין 1784 אַלס ענטפער אויף דער גזירה פון די קיניגלעכע פּאַטענטן. די אָרגאַניזירטע אַנטי־יידישע אַקציע אין עלזאַס בעת די וואַלן האָט זיי באַ־וויזן, אַז זיי טאָרן נישט פאַרלירן קיין צייט. אָנהייב אַפּריל 1789 האָט סערף־בער, ווייזט אויס לויט דער איניציאַטיוו פון גלח גרעגואַר, זיך געווענדט צום מיניסטער נעקער מיט אַ מעמאָראַנדום, וואו ער האָט אָנגע־וויזן אויף דעם רעכט פון יידן אַלס מיטבאַטייליקטע אין שטייערן אַרויס־צוזאָגן אויך זייערע וואונטשן דורך זייערע „קאַיעס" און צו זיין פאָרטראַטן אין די גענעראַל־שטאַטן דורך איינעם אָדער מער שוין אויסגעווײלטע קריסטלעכע דעפּוטאַטן, וועמען זיי וועלן באַשטימען. ערשט דעם 15טן מאַי, ווען די גענעראַל־שטאַטן זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט, האָט דער מיניסטער מודיע געווען סערף־בערן, אַז די יידן פון עלזאַס־לאָטאַרינגיע זיינען באַפולמעכטיקט אויסצוקלייבן אויף ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען 6 דעפּוטאַטן, צו 2 פון יעדער פון די דריי פּראָווינצן, וואָס זאָלן זיך צוזאַ־מענקומען אין פּאַריז, אונטערן פאָרזיץ פון סערף־בער (איצט אָפיציעל טיטולירט גענעראַל־סינדיק) און פאָרמולירן זייערע קאַיעס אויפן יסוד

פון די באַשלוסן פון זייערע ווײלער. די פאַרזאַמלונגען זײַנען טאָקע פאַר־געקומען און עס זײַנען דערוויילט געוואָרן 6 דעפּוטאַטן, די ביז־איצטיקע מנהיגים פון די מדינות; צווישן די 6 האָט זיך געפונען בער יצחק בער און דריי מיטגלידער פון סערף־בערס משפחה! די דעפּוטאַטן האָבן אָבער זייער אַרבעט פאַרענדיקט ערשט אין אויגוסט, ווען די רעוואָלוציע איז שוין געווען אין פולן ברען.

§15. די יידישע אַקציעס פאַר רעכט אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע

ווי אַ מעכטיקע לאַווינע האָט פאַראויסגעשטורעמט די רעוואָלוציע נאָכדעם ווי די גענעראַל־שטאַטן אין ווערסאַל האָבן אונטערן דרוק פון דעם פאָלק אָנגענומען דעם 17טן יוני, 1789, דעם היסטאָרישן באַשלוס זיך צו קאָנסטיטואירן ווי אַ נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג. די דעראָבערונג פון דער באַסטיליע, דורך די פאַריזער מאַסן דעם 14טן יולי, 1789, איז געווען דער צייכן פאַר דער באַפעלקערונג איבערן גאַנצן לאַנד צו נעמען די רעוואָלוציע אין אירע הענט. אין די שטעט ווערן אַראָפּגעוואָרפן די אָליגאַרכישע מוניציפּאַל־פאַרוואַלטונגען און עס ווערן אויפגעשטעלט דע־מאָקראַטישע שטאָט־קאָמונעס. די אין משך פון הונדערטער יאָרן פאַר־שקלאַפטע פּויערן האָבן זיך אויפגעהויבן אין פאַרשיידנסטע געגנטן פון לאַנד קעגן זייערע אונטערדריקער, אונטערגעצונדן די שלעסער פון די פּריצים און די אַרכיוון וואו עס האָבן זיך געפונען די דאָקומענטן וועגן זייערע „פליכטן" לגבי די סעניאָרן. די דאָזיקע כוואַליע פון פאָלקס־צאָרן האָט אַריינגעיאָגט אַזאַ שרעק אין די רייען פון די הערשנדיקע שטאַנדן, אַז זיי האָבן מסכים געווען די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג זאָל צוטרעטן צו באַטראַכטן די פראַגע פון אָפּשאַפן די לייב־אייגנשאַפט. אין דער נאַכט פון פערטן אויגוסט איז פאָרגעקומען די זיצונג, וואו עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס אָפּצושאַפן די פעאָדאַלע רעכט. וועגן דעם אופן פון אַדורכפירן אין לעבן דעם דאָזיקן באַשלוס איז אָבער נאָך אויסגע־קומען צו פירן אַ קאַמף אַ לאַנגע צייט. דערווייל איז די נאַציאָנאַלע פאַר־זאַמלונג אַריבערגעגאַנגען צו דער פאָרמולירונג פון דער „דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטש און פון בירגער" ווי אַ יסוד פאַר דעם נייעם פּאָלי־טישן סדר. ביים באַטראַכטן דעם פּונקט פון דער דעקלאַראַציע לויט דעם פאָרשלאָג פון דעפּוטאַט דע קאַסטעלאַן: „קיין מענטש טאָר נישט באַ־לעסטיקט ווערן צוליב זיינע רעליגיעזע מיינונגען און טאָר נישט גע־

שטערט ווערן אין אויספירן זיין גאָטעסדינסט״, האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטורמישע דעבאַטע צוליב דעם טומל מצד דעם קלער און רעאַקציאָנערן אַדל. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט איז צום ערשטן מאָל דערמאָנט גע־וואָרן אין דער נאַציאָנאַלער־פאַרזאַמלונג אויך די פראַגע וועגן יידישע רעכט. גראַף מיראַבאָ איז אַרויס מיט אַ פייערדיקער רעדע קעגן דעם פּרינציפּ פון אַ הערשנדיקער רעליגיע און קעגן דעם עצם באַגריף פון טאָלעראַנץ, ווי אַ סתירה צו אמתער פרייהייט פון רעליגיע. בפירוש האָט זיך אָנגענומען פאַר יידן דער פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר סענט־עטיען, וואָס האָט דערקלערט: „נישט טאָלעראַנץ איז דאָס, וואָס איך פאַרלאַנג; . . . איך פאַרלאַנג פרייהייט, וואָס דאַרף זיין איינע פאַר אַלע מענטשן . . . פאַר די פּראָטעסטאַנטן פון פראַנקרייך, פאַר אַלע נישט־קאַטויליקן, וואָס באַוואוינען אונדזער מלוכה, פאָדער איך דאָס, וואָס איר פאַרלאַנגט פאַר זיך: פרייהייט, גלייכע רעכט! איך פאַרלאַנג דאָס אויך פאַר דעם פאָלק, וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער ערד פון אַזיע, און געוואָרן נע־ונד, געטריבן און פאַרשטויסן זינט אַכצן הונדערט יאָר, און וואָס וואָלט זיכער אָנגענומען אונדזערע דרכים און מנהגים, ווען אונדזערע געזעצן וואָלטן אים דערלויבט אַריינצוגיין אין אונדזער געזעלשאַפט; דאָס דאָ־זיקע פאָלק טאָרן מיר נישט מוסרן צוליב זיינע מאָראַלישע חסרונות, ווייל זיי זיינען אַ רעזולטאַט פון אונדזער באַרבאַריזם, פון דעם נידעריקן מצב, אין וועלכן מיר האָבן עס אומגערעכט אַוועקגעשטעלט.״

מיט דער דאָזיקער רעדע האָט סענט־עטיען אָנגעשלאָגן דעם טאָן פאַר אַלע שפּעטערדיקע דעבאַטעס לטובת יידן אין דער נאַציאָנאַלער פאַר־זאַמלונג. די יידישע פראַגע איז אָבער דאָס מאָל נאָך נישט געשטאַנען אויף דעם סדר־היום. קעגן אַ שטאַרקער אָפּאָזיציע איז אָנגענומען גע־וואָרן דער פּאַראַגראַף 10 פון דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, וואָס האָט אויך שפּעטער געדינט ווי אַ פּרינציפּיעלער יסוד אין אָוועקשטעלן די פאָדערונג וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג: „קיין מענטש טאָר נישט באַלעסטיקט ווערן צוליב זיינע מיינונגען, אפילו אין רעליגיעזע ענינים, כל־זמן דאָס וואָס ער טוט אויף זייער יסוד שטערט נישט די עפנטלעכע אָרדענונג, וואָס איז באַשטימט דורכן געזעץ״.

די שטורמישע געשעענישן פון די ערשטע חדשים פון דער רעוואָ־לוציע האָבן מיטגעריסן מיט דער אַלגעמיינער באַגייסטערונג קודם־כל די יידן פון פּאַריז. „אַ סך יידן וואָס וואוינען אין פּאַריז, — הערן מיר פון אַ יידישער ,באַשרייבונג פון דער רעוואָליסיאהן' אונטער דער דאַטע פון 5טן אויגוסט, — האָבן זיך אויך געמאָלדן אין דער בירגערלעכער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. מען האָט זיי אויפגענומען מיט כבוד. אויך איז איינער נאָמינירט געוואָרן פאַר אַ קאַפּיטאַן און איינער פאַר אַן אונטער־

אַפּיצער. די בירגער האָבן נישט געמאַכט קיין שום אונטערשייד לגבי די קאַטאָליקן״.

אויך אין באָרדאָ זיינען צו יענער צייט יידן אַריינגעטראָטן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און אויך דאָרט האָבן זיי דערגרייכט אויך קאָמאַנ־דיר־שטעלן. די עלזאַס־לאָטאַרינגער יידן האָבן וועגן די געשעענישן אין דער הויפּטשטאָט געהאַט די מעגלעכקייט צו שעפּן דירעקטע באַריכטן פון זייער לאַנדסמאַן, דעם מחבר פון דער אויבן־דערמאָנטער „באַשריי־בונג״, דעם מעצער דרוקער „אברהם בן געטשליק שפּייאר שמש״, וואָס האָט דעמאָלט פאַרבראַכט אין פּאַריז און האָט אַליין צוגעזען די גרויסע איבערקערעניש.* אויך ער שרייבט מיט באַגייסטערונג אין זיין דייטש־מערישער שפּראַך וועגן דעם שטורעם פון דער באַסטיליע: „נון גשאהט איינע וואונדערליכע פּיקטאריע (וויקטאָריע, נצחון) דאז די פּאַטרעיאָטע אין צייט 4 שטונד דיא (באַשטיל) איין גענומן האבע״. די פירער פון די עלזאַס־לאָטאַרינגישע קהילות האָבן אָבער דערוויל נאָך אַלץ נישט באַ־וויזן צו פאַרשטיין דעם גייסט פון דער רעוואָלוציע.

די 6 יידישע דעפּוטאַטן, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דורך די קהילות אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע, זיינען נאָך לאַנגע באַראַטונגען ערשט אָנהייב אויגוסט זיך צוזאַמענגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון סערף־בער אין פּאַריז און אויסגעאַרבעט זייערע קאַיעס. אין דעם בשותפותדיקן קאַיע פון אַלע דריי פּראָווינצן, וואָס איז געוואָרן איבערגעגעבן דער רעגירונג, זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאָדערונגען וועגן גלייכע שטייערן פאַר יידן „ווי אַנדערע בירגער״, וועגן רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכה, פון באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט און צו מעגן זיך באַזעצן אין אַלע פּראָווינצן פון דער מלוכה, ווי אויך אין אַלע קוואַרטאַלן פון די שטעט. צום סוף קומט אויך די פאָדערונג פון דער פרייהייט פון יידישער רע־ליגיע און אין שייכות דערמיט פון איבערלאָזן די רבנים, סינדיקן און קהילות.

צו די דאָזיקע בשותפותדיקע פאָדערונגען זיינען צוגעגעבן געוואָרן באַזונדערע פאָדערונגען פון יעדער פון די דריי פּראָווינצן: עלזאַסער יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם רעכט צו באַשעפטיקן קריסטלעכע אַר־בעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט, פאַרלאַנגט מבטל צו מאַכן די גזירות אויף חתונות און אַ ספּעציעלער דערלויבעניש, ווי אויך צו פאַרווערן דאָס

---

* אַחוץ דער „באַשרייבונג״, וואָס נעמט אַרום די געשעענישן פון 1787 ביז אָנהייב נאָוועמבער 1789, האָט אברהם שפּייער אַרויסגעגעבן, אויך אין צעקאַליעטשעטן דייטש מיט יידישע אותיות, אַ וואָכנשריפט אונטערן נאָמען „צייטונג״, פון דער דאַטע, וואו עס ענדיקט זיך די „באַשרייבונג״ ביז אָנהייב אַפּריל 1790.

באצייכענען יידן מיט באליידיקנדיקע עפיטעטן און עפנטלעכע דאקו־מענטן; יידן פון מעץ האבן פארלאנגט, צווישן אנדערן, אפצושאפן דאס אויסטערלישע שוץ־געלט פון 20 טויזנט ליוור א יאר, און אנגעוויזן, אז די קהילה אליין האט ארויסגעלאזט תקנות קעגן מיסברויכן פון וואוכער; אין אנבליק פון די גרויסע חובות פון דער קהילה פאדערן אויך די יידן פון מעץ, אז קיינער זאל נישט טארן פארלאזן די קהילה, כל־זמן ער האט נישט אפגעצאלט זיין חלק אויפן קהילה־חוב; יידן פון לארען האבן אחוץ אזעלכע פאדערונגען, ווי צו מעגן בויען א שול „אן אויסערלעכער דעקא־ראציע", פארלאנגט צוצולאזן יידן ווי סטודענטן אין קאלעגיומס און אוני־ווערסיטעטן, זיי האבן אויך פארמולירט אין פרטים די קאמפעטענץ פון בית־דין און אויך ארויסגערוקט דעם שוין דערמאנטן פארלאנג נישט אריינצולאזן קיין נייע יידישע תושבים אין לארען אן א באשטימטן מינימום קאפיטאל.

ווי מיר זעען, זיינען די יידישע ווארט־זאגער אין יענער צייט נאך אלץ קוים אנגעהויבן געווארן דורך דער רעוואלוציע; אנשטאט א פרינציפיע־לער שטעלונג וועגן פולשטענדיקער גלייכבארעכטיקונג, געפינען מיר דא בלויז די פאדערונג וועגן איינצעלנע עקאנאמישע רעכט, דערביי אומדרייסט און אומקאנסעקווענט פארמולירט; די מנהיגים פון די באזונדערע דריי פראווינצן האלטן פאר נויטיק יעדער באזונדער צו באווארענען זיך מיט זייערע לאקאלע באקלאגענישן, און אפילו מיט פאדערונגען (ווי אין לא־רען), וואס זיינען געווען געצילט צו באשיצן זייערע ענגע, עגאאיסטישע אינטערעסן אויפן חשבון פון יידן פון די שכנותדיקע פראווינצן.

אביסל דרייסטער איז דער טאן און אינהאלט פון „אדרעס", וואס די זעלבע יידישע דעפוטאטן פון עלזאס־לאטארינגיע האבן אריינגעגעבן אין דער נאציאנאל־פארזאמלונג דעם 31טן אויגוסט. דא ווערט שוין, בפירוש אונטער דער השפעה פון דער דעקלאראציע פון מענטשן־רעכט ארויסגע־רוקט די פאדערונג פון „טיטול און רעכט פון בירגער" פאר יידן, הגם עס ווערן נאך איבערגעחזרט די איינצעלנע פאדערונגען בנוגע וואוין־רעכט און שטייער־גלייכקייט.

גלייכצייטיק שטעלן זיך די יידישע דעפוטאטן דא נאך אלץ אפ און דווקא גאר באריכות אויף דער פאדערונג איבערצולאזן „אונדזערע רבנים און אונדזערע פרנסים אויף דעם זעלבן אופן, ווי דאס אלץ עקזיסטירט ביז איצט". זיי האלטן די אויטאנאמיע פאר אזוי וויכטיק, אז זיי אפעלירן וועגן איר צו דער נאציאנאל־פארזאמלונג אין די ווערטער: „אן א ספק איז נישט אייער כוונה, דערהויבנדיק אונדז פון איין זייט, צו דערנידעריקן אונדז פון דער צווייטער זייט". פאר דער דערהאלטונג פון דער אלטער יידישער אויטאנאמיע רוקן ארויס די מנהיגים אלע מעגלעכע ארגומענטן.

זיי ווייזן אָן, אַז די קהילה־אויטאָנאָמיע איז אַ טייערע טראַדיציע: „די פאָרמען, אין וועלכע מיר האָבן געלעבט ביז היינט, זיינען אונדז טייער; זיי זיינען אונדזער טרייסט אין אונדזערע עת צרות״ . . . די קהילה, קלערן זיי אויף ווייטער, העלפט אויפהאַלטן די יידישע רעליגיע און ממילא פאַרשטאַרקט זי די לאָיאַלקייט פון יידן צום קיניג און צו דער פראַנצויזישער נאַציע. „וואָרום עס איז דאָך די פינקטלעכקייט אָדער גלייכגילטיקייט אין פראַקטיצירן די רעליגיעזע פליכטן, פון וועלכער עס הענגט אָפּ די פינקטלעכקייט אָדער גלייכגילטיקייט אין פראַקטיצירן די געזעלשאַפטלעכע פליכטן״. צום סוף ווערט געבראַכט דער גאָר איבערצייגנדיקער אַרגומענט, אַז דורך בטל מאַכן די קהילות, וואָלט „פלוצים אַ בהלה זיך פאַרשפּרייט צווישן דער גרויסער צאָל קרעדיטאָרן, על פי רוב קאַטאָליקן״ (אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל).

עס האָט זיך אָבער אויך געפונען אַ גרופּע לאָטאַרינגער יידן, וואָס האָט געבראָכן די דיסציפּלין פון די איינגעפונדעוועטע מנהיגים און אַרויסגעשטעלט אייגענע פאָדערונגען פון פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג. דאָס באַוואוסטזיין וועגן רעכט פון יידן אויף פולער עמאַנציפּאַציע איז סטימולירט געוואָרן, דורך לאָקאַלע אומשטענדן, דורך דעם פאַרלאַנג פּטור צו ווערן פון אַפּוטרופּסות פון די מנהיגים פון דער אויבער־קהילה. אין אויגוסט האָבן יידן פון די שכנותדיקע לאָטאַרינגישע קהילות לונעוויל און סאַרגעמין, נישט וואַרטנדיק אויף דעם בשותפותדיקן קאַיע פון די 6 דעפּוטאַטן, אַרייגעשיקט אַ באַזונדער מעמאָראַנדום צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. זיי פאָדערן אַז יידן זאָלן באַקומען אויך אַלע רעכט פון די איבעריקע בירגער, אַרייגענומען אויך דאָס רעכט אויף אַמטן „אויף שטעלעס און פונקציעס, וואָס אַ בירגער קאָן האָבן״. הגם נאָך פאַר דער דעבאַטע וועגן דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, פאַרשטייען זיי שוין צו שטעלן אַזאַ פראַגע, פאַררופנדיק זיך אויפן פּרינציפּ פון פרייהייט, וואָס די רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט: פאַרוואָס ווערן יידן נישט באַפרייט, „אפשר דערפאַר, וואָס די יידישע רעליגיע איז נישט די הערשנדיקע אין פראַנקרייך?״ זיי „זיינען נישט מסופק, אַז זייער בקשה וועט אונטערשטיצט ווערן דורך אַלע יידן, וואָס זיינען צעזייט אין דער פראַנצויזישער מלוכה״. אויב אַנדערע וועלן אָבער האַלטן פאַר מעגלעך צו שווייגן „קען די דאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע זאָרגלאָזיקייט אויף קיין שום אופן נישט שאַטן יענע, וואָס פאָדערן הויך אויף אַ קול זייערע רעכט״. זיי בעטן „מען זאָל זיי נישט מער אויסטיילן פון די איבעריקע בירגער פון זייערע שטעט און נישט מער באַטראַכטן ווי אַ קאָרפּאָראַציע, וואָס איז פרעמד דעם איבעריקן טייל פון זייערע מיטבירגער״. זיי ווילן טראָגן די זעלבע שטייערלאַסטן און זיין ראוי צו די זעלבע רעכט. ווי אַ ראיה

פון זייער צוגעבונדנקייט צו זייערע מיטבירגער ברענגען זיי א באשטע־טיקונג פון שטאט־קאמיטעט פון לונעוויל, פון 3טן אויגוסט 1789, וועגן זייער פריווילעגיקער ביישטייערונג לטובת הכלל.

נאכדעם, ווי די יידישע דעפוטאטן פון עלזאס־לאטארינגיע האבן אריינגעשיקט זייער מעמאראנדום פון 31טן אויגוסט, זיינען די קהילות לונעוויל און סארגעמין ארויסגעקומען צו דער נאציאנאל־פארזאמלונג מיט א שריפטלעכן פראטעסט. זיי דערקלערן, אז יענע דעפוטאטן האבן נישט געהאט קיין רעכט צו ריידן אין נאמען פון זייערעביידע קהילות און בפרט פראטעסטירן זיי קעגן דעם פארלאנג פון יענע איבערצולאזן די יידישע אויטאנאמיע אזוי ווי זי איז געווען. זיי ווילן נישט זיין אונ־טערגעווארפן דער קהילה פון נאנסי, וועלכע פלעגט אויף זיי ארויפלייגן אן אומפראפארציאנעל גרויסן טייל פון שטייערן אן זייער הסכם. פונקט אזוי ווילן זיי נישט זיין אונטערגעסדרט דעם רב פון נאנסי, וואס פלעגט פון זיי נעמען היוכע אפצאלן פאר חתונות, צוואות א. אז. וו. זיי האלטן זיך פאר בירגער פון זייערע שטעט, ממילא זיינען זיי בארעכטיקט צו האבן אייגענע פרנסים און רבנים.

די סתירה אין דער שטעלונג פון די צוויי לאטארינגער קהילות האט גוט אויפגעכאפט א בן־דור, וואס האט אנאנים צוגעגעבן א לענגערע הערה צו זייער צווייטן, פארעפנטלעכטן מעמאראנדום. ער פרעגט מיט פארוואונדערונג: אויב יידן ווערן בירגער און זיינען נישט מער מחויב צו צאלן קיין באזונדערע שטייערן, צו וואס דארפן זיי אייגענע פרנסים, פארוואס דארפן זיי נישט זיין אונטערגעווארפן דער ארטיקער מאכט? ער האלט אבער אויך די אינסטיטוציע פון פרנסים, גליך ווי רבנים, פאר שעדלעך פון שטאנדפונקט פון דער „רעגענעראציע" און „קולטור־פראגרעס פון דער דאזיקער נאציע". פארופנדיק זיך אויף אן אויס־דרוק פון א פראנצויזישן שרייבער, אז יידן זיינען ביז אהער געווען גע־גליכן צו גאלערע־שקלאפן, וואס פלעגן זיך טיילמאל שמייסן מיט זייערע אייגענע קייטן, דערקלערט ער, אז „די בייטשן פלעגן האלטן בטבע זייערע רבנים, פרנסים און עלטסטע". היות לויטן דין קענען אלע רע־ליגיעזע ריטואלן, ווי מילה, חתונה, גט און קבורה אדורכגעפירט ווערן דורך יעדן פשוטן ייד, איז די אינסטיטוציע פון רבנים אומנויטיק, והראיה, א סך באדייטנדיקע קהילות באגייען זיך אן זיי. דער לעצטער ארגומענט פירט אויפן געדאנק, אז דער אנאנימער מחבר פון דער הערה איז גע־ווען זאלקינד הורוויץ, וואס האט די זעלבע שטעלונג געהאט ארויסגע־בראכט אין זיין פרייז־שריפט ערב דער רעוואלוציע.

די אומקאנסעקווענץ פון די קהילות לונעוויל און סארגעמין האבן אויסגעמיטן די פאריזער יידן אין דער פעטיציע, וואס זיי האבן אריינ־

געשיקט צו דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג דעם 6טן אויגוסט.

צום ערשטן מאָל האָבן זיך ביי דער געלעגנהייט פאַראייניקט די דריי גרופּעס יידן אין דער הויפּט־שטאָט — ספרדים, אוויניאָ־נער און אשכנזים, און אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פון זעקס. אין דער פּעטיציע פאַררופן זיך די פּאַריזער יידן אויף דער גראַד מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָנגענומענער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט און פאַרלאַנגען, אַז עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ ספּעציעלער דעקרעט וואָס זאָל באַשטעטיקן די רעכט פון יידן אַלס בירגער. זיי ווייזן אָן, אַז אַזאַ דעקרעט וועט אָפּהילכן איבער דער גאַנצער וועלט און פראַנקרייך וועט ווערן אַ ביישפּיל פאַר אַלע לענדער. וואָס שייך אויטאָנאָמיע דערקלערן זיי: „מיר זאָגן זיך אָפּ ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, פאַר דער עפנטלעכער זאַך און פאַר אונדזער אייגענער טובה וועגן, וואָס איז תמיד אונטערגע־וואָרפן דעם אינטערעס פון כלל, פון פּריווילעגיע, וואָס האָט אונדז געגעבן דאָס רעכט צו האָבן ספּעציעלע אָנפירער, געוויילטע פון צווישן אונדז און נאָמינירטע דורך דער רעגירונג.“

אין די ווערטער פון מחבר פון דער „בעשרייבונג“, וואָס האָלט זיי דווקא אָפּיר „דז יעדר איינר עטייאש אַבזונדר צו קלאגן האט“, דער־קלערן זיי, אַז זיי קאָנען זיך פאַרמעסטן, „מיט אללע פראַנצאָזע אויף איהרע פּאַטרעיאָטעשהייט אונ׳ טענהן אב זאגן דיא הערשאפטע פון יהודים אונ׳ פאדערן צו זיי נעהמליך וויא אללע בארגר אונטר טעניג צו דיא נעהמליכע געריכטע אונ׳ אמטע פאליצייא“.

אָפּזאָגנדיק זיך בפירוש פון דער קהילה־אויטאָנאָמיע האָבן די פּאַ־ריזער יידן דאָך געהאַלטן פאַר בויטיק אָפּצושטעלן זיך באריכות אויף דער צוגעבונדנקייט צו „אונדזער רעליגיע, [וואָס] איז פאַרשיידן פון דער הערשנדיקער אין פראַנקרייך“. זיי האַלטן עס פאַר אַ מעלה פון שטאַנד־פּונקט פון די מלוכה־אינטערעסן, אונטערשטרייכנדיק, אַז זייער געטריי־קייט צו דער יידישער רעליגיע איז אַ גאַראַנטיע, אַז זיי וועלן אויך להבא זיין די זעלבע געטרייע בירגער ווי פריער, וואָרום דאָס ערגסטע — האַלטן זיי — וואָלט געווען, ווען זיי ווערן גלייכגילטיק צו ענינים פון רעליגיע. מיר זעען בכן, אַז הגם די וואָרטשפּרעכער פון די פּאַריזער יידן, די גרויסע סוחרים, באַנקירן, יואווילערן א. אַז. וו. זיינען געווען אַ סך מער אַסימילירט, ווי די יידן אין עלזאַס־לאָטארינגיע, האָבן זיי דאָך צו דער יידישער רעליגיע נישט אַרויסגעוויזן קיין קילערע באַ־ציאונג ווי יענע. די פראַגע פון רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע האָבן זיי טאַקע געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו פאַרשווייגן, אָבער זייער שטעלונג אויף אין דער דאָזיקער פראַגע, ווי זי איז שפּעטער געקומען צום אויסדרוק אין נאַפּאָלעאָנס צייטן, איז על כל פנים נישט געווען פאַרשיידן פון דער

שטעלונג פון די רעפּרעזענטאַנטן פון יידן אין איבעריקן פראַנקרייך. דער־ווייל איז געווען דער עיקר די פראַגע פון דער קהילה־אויטאָנאָמיע און די פריינד פון יידן אין לאַגער פון דער רעוואָלוציע, ווי אַבאַט גרעגואַר, האָבן טאַקע אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג די פּאַריזער יידן פאַר זייער שטעלונג, וועלכע זיי האָבן פאַרגליכן, אין פרט פון פּאַטריאַטיזם, מיט דעם אָפּזאָגן זיך פון פעאָדאַלע פּריווילעגיעס מצד דעם אַדלשטאַנד.

בלויז די ספרדישע יידן האָבן קיין שום אַקציע וועגן יידישע רעכט נישט אונטערגענומען. אין זייער בריוו צו אַבאַט גרעגואַר פון 14טן אויגוסט 1789, וועלכן זיי האָבן דערנאָך געלאָזט אָפּדרוקן, האָבן די פאַר־שטייער פון די ספרדים פון באָרדאָ אין פּאַריז אויפגעקלערט זייער שטאַנד־פּונקט: זיי האַלטן, אַז די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער צוקונפטי־קער קאָנסטיטוציע, וואָס זיינען אויסגעדריקט אין דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, מאַכן איבעריק אַ באַזונדערן געזעץ וועגן יידן, און גיבן אָפּ דערביי אַזאַ דערקלערונג: „אויב די אויפפירונג אָדער דער אומ־גליקלעכער גורל פון געוויסע יידן אין עלזאַס און אין די דריי בישאָפּטי־מער זאָל באַוועגן די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג איינצופירן פאַראָרדענונגען, און אויסשפּרייטן זיי אויף אַלע יידן פון דער מלוכה, וועלן די יידן פון באָרדאָ פּונקט ווי זייערע מיטבירגער מיט רעכט עס באַטראַכטן ווי אַן אומבאַ־גרינדעטע און ברוטאַלע אומגערעכטיקייט״. די ספרדישע יידישע פּלו־טאָקראַטן האָבן בכן זיך לכתחילה געוואָלט באַוואָרענען, מען זאָל זיי חלילה נישט אַרייננעמען אין כלל, אויב עס וועט עווענטועל אַרויסגע־געבן ווערן אַן אויסנאַם־געזעץ קעגן יידן אין עלזאַס־לאָטארינגיע. דאָס איז אָבער נאָך אַלץ נישט געווען די לעצטע פּערל פון פעלשונג אין יידי־שער סאָלידאַרישקייט מצד די זעלבסטצופרידענע רייכע מיוחסים.

אַזוי האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג סוף אויגוסט געהאַט פאַר זיך דריי פאַרשיידענע מעמאָראַנדומס וועגן רעכט פאַר יידן. זיי זיינען גע־לייענט געוואָרן דעם 3טן סעפּטעמבער און געוואָרן אָפּגעשיקט אין דער קאָמיסיע: די נאַציאָנאַל פאַרזאַמלונג איז געווען דעמאָלט פּונקט פאַר־טאָן אין אַן ענין, וואָס האָט אויפגערודערט די געמיטער אין גאַנצן לאַנד, אין קאַמף אַרום פּונקט וועגן וועטאָ־רעכט פון קיניג. די דראַענדיקע לאַגע פון די יידן אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע האָט אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום געצוואונגען די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג צו שטעלן אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע פון יידן לכל הפחות פון שטאַנדפּונקט פון זייער זיכערקייט.

שוין צום סוף יולי, 1789, נאָכדעם, ווי דער רעוואָלט פון די פויערן קעגן די פּריצים האָט שוין געהאַט לאַנג אויסגעבראָכן, הייבט זיך אָן אין עלזאַס אַ באַוועגונג קעגן יידן, וואָס טראָגט זיך אויך איבער אין אַ טייל לאָטאַרינגיע. פויערן פאַלן אָן אויף יידישע הייזער, רויבן אויס אַלץ וואָס זיי געפינען און קודם־כל צעשטערן זיי די געשעפט־ביכער, וואו עס זיינען פאַרשריבן זייערע חובות. אָנהייב אויגוסט האָבן די פּאָגראָמען זיך פאַרשפּרייט איבער 19 שטעטלעך און דערפער אין דיסטריקט סונדגוי. הונדערטער יידן זיינען בלויז מיטן באָקעטן לעבן אַנטלאָפן אין דער שכנותדיקער שווייץ, וואו די שטאָט באַזעל האָט די פליטים אַריינגענומען. אַ געוויסע צאָל יידן האָט געפונען אַ מקום־מקלט אין דער עלזאַסער שטאָט מילהויזן, וואו די בירגער האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ סך מענטשלעכקייט. דעם 3טן אויגוסט איז גרעגואַר אויפגעטראָטן אין דער נאַציאָנאַלער פאַר־זאַמלונג און געפאָדערט אָנצונעמען מיטלען צו פאַרזיכערן דאָס לעבן און אייגנטום פון יידן. אין דריי טעג אַרום שיקט אַרויס די פּראָווינץ־קאָמיסיע פון לאָטאַרינגיע אַ דרינגנדיקן באַריכט צו דער נאַציאָנאַלער פאַר־זאַמלונג וועגן רויבערייען קעגן יידן, וואָס האָבן בפרט אין ליקסהיים אָנ־גענומען אַ דראָענדיקן כאַראַקטער. אין סעפּטעמבער קומען קיין פּאַריז באַריכטן וועגן אַ נייער כוואַליע פון פּאָגראָמען אויף יידן אין עלזאַס. אין דעם שטעטל הונינג האָבן די אָנפאַלער אפילו אַראָפּגעריסן די דעכער פון יידישע הייזער און אַריינגעשאָסן אין דער שול. אַבאַט גרעגואַר איז ווי־דער אַרויף אויף דער טריבונע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, דעם 28טן סעפּטעמבער, מיט אַ דרינגענדיקער אינטערפּעלאַציע, דערמאָנענדיק, אַז עס איז פאַר יום־כיפור און די יידישע שולן קענען ווערן אַן אָרט פון מאַסן־מאָרד. אים האָט אונטערשטיצט גראַף קלערמאָן־טאָנער אין אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזן אויף דער שולד פון דער געזעלשאַפט אין דער דורות־לאַנגער אונטערדריקונג פון „אומגליקלעכן שארית ישראל". אויך דער האַס קעגן יידן מצד דעם המון, „וואָס זיי האָבן ליידער זיך פאַר־דינט", איז אַ פועל־יוצא פון זייער אונטערדריקונג און דערנידעריקונג. האָפנדיק, אַז די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג וועט שוין מער לאַנג נישט אָפּ־לייגן די פראַגע פון בירגער־רעכט פאַר יידן צוליב אַנדערע דרינגנדע ענינים, פאָדערט ער פאַר זיי שוץ אין איצטיקן מאָמענט. די פאַרזאַמלונג האָט דערויף באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו דער אָרטיקער מאַכט אין עלזאַס ווי אויך צום קיניג וועגן אָנגעמען ענערגישע מיטלען צו באַשיצן יידן.

פאראן אלע סימנים, אז די עקסצעסן קעגן יידן אין עלזאס־לאטארינגיע זיינען נישט געווען קיין ספאנטאנער אויסברוך פון „פאלקס־צארן", ווי די רעאקציאנערע שונאי ישראל האבן עס דעמאלט געוואלט דערקלערן, נאר א רעזולטאט פון א פלאנמעסיק ארגאניזירטער סאציאלער און פאליטישער דיווערסיע קעגן דער רעוואלוציע. פיל־זאגנדיק איז שוין דער פאקט אליין, וואס דרינגט ארויס פון די באריכטן, אז נישט די זעלבע פויערן, וואס האבן זיך געווארפן אויף די שלעסער פון זייערע פריצים האבן אנטיילגענומען אין די אנפאלן אויף יידישע הייזער, נאר אז דאס זיינען געווען צוויי פארשיידענע באוועגונגען. ווען מען נעמט נאך אין אכט, אז די אנטי־יידישע באוועגונג שפרייט זיך אויס נישט גלייכצייטיק, נאר עטלעכע וואכן נאך דעם ווי עס זיינען אויסגעבראכן די רעוואלטן קעגן פריצים, מוז מען מסכים זיין מיט דער באהויפטונג פון מחבר, הגם ווי עס ווייזט אויס אליין א ייד, פון „בריוו פון אן עלזאסער וועגן די יידן אין עלזאס", וואס איז ארויס אין 1790: „בכדי צו ראטעווען זייערע שלעסער פון דעם שטורעם, וואס האט זיך אויפגעהויבן אין גאנץ פראנקרייך, האבן די סעניארן אנגערייצט דאס פאלק אויף יידן".

נישט בלויז די פריצים און די גייסטלעכע, אויך די שטאטישע קאנקורענטן פון יידן האבן, א סברה, געהאט א האנט אין דער דאזיקער אקציע. עס איז מסתם נישט קיין צופאל, וואס אין מאי 1790 האט די מוניציפאל־פארוואלטונג פון דערמאנטן שטעטל הונינג, וואס איז געווען דער צענטער פון אומרוען קעגן יידן פון סעפטעמבער 1789, ארגאניזירט א פעטיציע צו דער נאציאנאל־פארזאמלונג פון 80 ארטשאפטן קעגן געבן יידן גלייכבארעכטיקונג. בכלל האבן די מוניציפאליטעטן פון די שטעטלעך אין עלזאס, מיט ווינציקע אויסנאמען, ווי מילהויזן, נישט געגעבן יידן קיין שוץ בעת די אנפאלן, הגם דער גובערנאטאר האט די יידן דווקא צו זיי אפגעשיקט. אין פרט פון ארגאניזירונג פון פאגראמען ווי קאנטר־רעוואלוציאנערע דיווערסיע, איז די רעאקציע בעת דער פראנצויזישער רעוואלוציע געווארן א מוסטער פאר דער טאקטיק פון דער רעאקציע אין אלע שפעטערדיקע מאמענטן פון רעוואלוציאנערן אויפברויז אין 19טן און 20טן י"ה. דאס ערשטע מאל ווערן אויך דא די פאגראמען אויסגענוצט ווי א סטראטעגיע אפצושרעקן די רעוואלוציע פון געבן יידן גלייכבארעכטיקונג אונטערן תירוץ פון מכלומרשטער אויפגעבראכטקייט פון פאלק קעגן אזא גלייכקייט.

די אנטי־יידישע אומרוען האבן באוואויגן די פירער פון די עלזאס־לאטארינגישע יידן צו ווענדן זיך צו דער נאציאנאלער פארזאמלונג וועגן צואיילן די באהאנדלונג פון דער פראגע פון יידישע רעכט. היות עס איז שוין דעמאלט געווען אן אנגענומענער מנהג ביי דער נאציאנאלער פאר־

זאַמלונג אויפֿצונעמען דעלעגאַציעס, האָבן זיי געבעטן, אַז אויך זייערס אַ דעלעגאַציע זאָל צוגעלאָזט ווערן, אַרויסרוקנדיק דערביי בפּרט דעם מאָטיוו, אַז דאָס אָפּשלעפּן פֿון אויסהערן זייערע בקשות קאָן אויסגע־טייטשט ווערן ווי אַ ביטול־באַציאונג און דערביי פֿאַרשטאַרקן די שנאה צו יידן. דעם 14טן אָקטאָבער, 1789, איז דערשינען די דעלעגאַציע, לויט ווי עס ווייזט אויס, אין באַשטאַנד פֿון די 6 מנהיגים, אָנגעפֿירט פֿון בער יצחק בער פֿון נאַנסי, פֿאַר דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג. אויף דעם פֿאָרשלאָג פֿון אַבאַט גרעגואַר איז קעגן דער אָפּאָזיציע פֿון אַ צאָל דעפּו־טאַטן באַשלאָסן געוואָרן זיי אַריינצובעטן אין זאַל.

לויט ווי עס פֿלעגט זיך פֿירן, האָבן זיי זיך געשטעלט פֿאַר דער באַריערע, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס פּובליקום פֿון די מיטגלידער פֿון פּאַרלאַמענט. די רעדע פֿון בער יצחק בער אין נאָמען פֿון דער דעלעגאַ־ציע איז געווען קורץ, ווייל גלייכצייטיק איז דערלאַנגט געוואָרן אַ שריפֿט־לעך מעמאָראַנדום. די רעדע איז אָבער געווען אַ פּאַטעטישע, באַזונדער אין איר אָנהייב, וואו עס האָט אָפּגעקלונגען דער טויזנטיאָריקער צער פֿון אַ געיאָגט און געפּלאָגט פֿאָלק:

„אין נאָמען פֿון אייביקן גאָט פֿון גערעכטיקייט און פֿון אמת, אין נאָמען פֿון גאָט, וואָס האָט יעדן געגעבן די זעלבע רעכט און געבאָטן די זעלבע פֿליכטן; אין נאָמען פֿון דער מענטשהייט, וואָס ווערט זינט אַזוי פֿיל הונדערטער יאָרן באַליידיקט דורך דער שענדלעכער באַהאַנדלונג כמעט אין אַלע לענדער פֿון דער וועלט פֿון די אומגליקלעכע אייניקלעך פֿון עלטסטן פֿון אַלע פֿעלקער, קומען מיר היינט אייך באַשווערן, אַז איר זאָלט דאָך באַוויליקן צו נעמען אין באַטראַכט זייער קלאָגעדיקן גורל . . . .“

דער המשך פֿון דער רעדע איז אָבער געווען געהאַלטן אין אַ טאָן פֿון תחנונים: ער האָט אַפּעלירט צו רחמנות „מיט טרערן אין די אויגן“ און דערמאָנט דערביי אויך „טאָלעראַנץ“, אַ באַגריף, וואָס איז מיט רעכט גע־האַט אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דורך די פֿאַרשטייער פֿון דער רעוואָלוציע בעת דער דעבאַטע אַרום דער דעקלאַראַציע פֿון מענטשן־רעכט. פֿולשטענדיק אין האַרמאָניע מיט דער דאָזיקער פֿאָרם איז אויך געווען דער קורצער אינהאַלט פֿון די פֿאַרלאַנגען, וועלכע ער האָט אַליין באַצייכנט ווי אומ־דרייסטע (timides): פֿאַררופֿנדיק זיך אויף דער געטלעכער ליבע צווישן מענטשן און אויף ברידערלעכקייט האָט ער געבעטן, אַז אַ גרינטלעכע רעפֿאָרם זאָל אַדורכגעפֿירט ווערן אין דער יידישער לאַגע, אין זין פֿון די פֿריער אַריינגעבראַכטע מעמאָראַנדומס. די מנהיגים פֿון עלזאַס־לאָטאַרינגיע האָבן נאָך אַלץ נישט געהאַלטן אַזוי ווייט ווי אַ פֿאָדערונג פֿון פֿולשטענ־דיקער גלייכבאַרעכטיקונג. דער עיקר גורם איז דאָ נאָך אַלץ געווען, ווי אין אויגוסט, דער גייסט פֿון טראַדיציאָנעלן שתדלנות און דאָס נישט באַ־

נעמען די וועלט־דערשיטערנדיקע איבערקערעניש, וואס איז פארגעקומען אין משך פון די לעצטע עטלעכע חדשים.

די רעדע פון יידישן פארשטייער האט געמאכט א רושם אויף די דעפוטאטן און דער פארזיצער האט דער דעלעגאציע פארזיכערט, ביי אפלא־דיסמענטן פון זאל, אז די נאציאנאלע פארזאמלונג וועט דעם ענין נעמען אין באטראכט „און וועט זיך האלטן פאר גליקלעך צוריקצושטעלן אייערע ברידער אין מצב פון שלווה און גליק". אלס צייכן פון כבוד, האט די פאר־זאמלונג, לויט ווי עס איז געווען אנגענומען ביים אויסהערן דעלעגאציעס, אויפן פארלאנג פון גלח גרעגואר, הגם עס האט זיך געהערט א מורמלען פון אומצופרידנקייט ביים קלער, איינגעלאדן די דעלעגאציע אריבערצו־גיין די באריערע און צו בלייבן אויף דער זיצונג אלס געסט.

§16. די דעבאטע אין דער נאציאנאל־פארזאמלונג וועגן יידישער גלייכבארעכטיקונג

בעת בער יצחק בער האט אין זיין רעדע פאר דער נאציאנאלער פאר־זאמלונג אפעלירט צו איר, זי זאל „צווישן אירע וויכטיקע ארבעטן מיט וועלכע זי איז פארנומען, נישט גרינגשעצן אויך די יידישע פארלאנגען", האט ער געטראפן אין פינטל. דאס איז געווען די צייט, ווען די רעוואַ־לוציע האט געבראכט יעדע פאר טעג נייע גרויסע געשעענישן. מיט עטלעכע טעג פאר דעם אויפטריט פון דער יידישער דעלעגאציע, דעם 5טן אקטאבער, 1789, האט דאס פאריזער פאלק אין טריאומף אריבער־געפירט דעם קיניג פון ווערסאל קיין פאריז, כדי צו האבן א קאנטראל איבער זיינע מעשים. צוויי טעג נאך דעם ווי די דעלעגאציע איז אויפגע־נומען געווארן, האט זיך אויך די נאציאנאלע פארזאמלונג אריבערגע־טראגן קיין פאריז און אירע בארטונגען זיינען איצט פארגעקומען פאר די אויגן פון די רעוואלוציאניזירטע מאסן. דעם 2טן נאוועמבער האט די נאציאנאלע פארזאמלונג באשלאסן, קעגן דער ביטערער אפאזיציע פון קלער און רעאקציאנערער אריסטאקראטיע, צו קאנפיסקירן די גיטער פון דער קירכע לטובת דער מלוכה. אין זיין מאכטלאזיקייט האט דער קלער אונטערגענומען א פארשטארקטע פראפאגאנדע קעגן יידן, באמיענדיק זיך פארצושטעלן די קאנפיסקאציע ווי אן ענין פון יידישע מאכינאציעס. נאך בעת דער דעבאטע ארום די קירכן־גיטער אין דער נאציאנאלער פארזאמ־לונג, האט איינער פון די זיילן פון דער רעאקציאנערער פארטיי, דער גלח מארי, אין זיין רעדע געווארנט, אז די יידן, צוזאמען מיט דער בערזע, האבן

דאָס צוגעטראַכט די קאָנפיסקאַציע, און אַז נישט בחינם באַמיען זיי זיך גלייכצייטיק צו באַקומען בירגערשאַפט; זיי ווילן ווערן די באַלעבאַטים פון די רייכטימער פון דער קירך און ברענגען אַ חורבן אויף גאַנץ פראַנקרייך. נאָך אין סעפטעמבער האָט די רעאַקציע אויך פאַרשפרייט אַ פּאַמפלעט מיט מוראדיקע סענסאַציעס וועגן מכלומרשטן פּלאַן פון יידן אין אוויניאָן אַדורכצופירן אַן אַטענטאַט אויף דעם אַרכיבישאָף, דעם פּויפּסטלעכן וויצע־לעגאַט און די שטאָטישע באַאַמטע. אין די דאָזיקע הייסטע טעג האָט די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויפצונעמען די פראַגע פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. בלויז אַבאַט גרעגואַר האָט נישט גערוט און דעמאָלט אַרויסגעלאָזט זיין שריפט „אַ פאָרשלאַג לטובת די יידן“, וואו ער האָט אַפּעלירט צו די דעפּוטאַטן צו באַפרייען „פּופציק טויזנט פראַנצויזן“ וואָס זיינען נאָך אַלץ פאַרשקלאַפט.

ערשט סוף דעצעמבער איז די פראַגע פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין דער גאַנצער ברייט געשטעלט געוואָרן פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. געשען איז עס אין שייכות מיט דעם ענין פון אַקטיווע בירגער־רעכט פאַר פּראָטעסטאַנטן. דעם 21טן דעצעמבער איז אַ ליבעראַלער דעפּוטאַט אַרויסגעקומען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג מיט אַ פאָרשלאַג וועגן אַ דעקרעט, וואָס זאָל געבן די פּראָטעסטאַנטן בפירוש דאָס רעכט פון אַקטיווע בירגער, דאָס הייסט, באַרעכטיקטע צו וויילן און געווילט צו ווערן און צו באַקליידן אַלע אַמטן. אַן אַנדערער דעפּוטאַט האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ דערמאָנונג פון פּראָטעסטאַנטן איז גאָרנישט נויטיק, דאָס געזעץ דאַרף בלויז אַלגעמיין באַשטימען, אַז אַלע וואָס אַנטשפּרעכן די פאָרגעשריבענע באַדינגונגען * זיינען ראוי צו אַלע אַמטן, און אַז אַלע סותרדיקע געזעצן ווערן בטל. דער דעפּוטאַט רעדערער, אַ באַקאַנטער ליבעראַל און יידן־פריינט, איינער פון עקסטרעם לינקן פליגל אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, צו וועלכן עס האָט אויך געהערט ראָבעספּיער, האָט דאַן געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל אויך געבן אַקטיווע בירגער־רעכט אַ גרופּע פון באַפעלקערונג, וואָס ווערט מיט אומרעכט אויסגעשלאָסן פון אַלע אַמטן, דהיינו די וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן אָדער „קאָמעדיאַנטן“. דעמאָלט האָט גענומען דאָס וואָרט דער פריער אין דער דעבאַטע פון 28טן סעפּטעמבער דערמאָנטער גראַף סטאַניסלאַס קלערמאָן־טאָנער און פאָרגעלייגט אַ פּראָיעקט פון אַ געזעץ, וואָס זאָל דערקלערן, אַז קיין שום אַקטיווער בירגער, וואָס אַנטשפּרעכט די געפאָדערטע באַדינגונגען, טאָר נישט

* פאַר אַקטיווער בירגערשאַפט האָט זיך נאָך דעמאָלט געפאָדערט אַ באַשטימטער צענזוס פון פאַרמעגן לויט דעם סכום פון דירעקטן שטייער. ערשט דער יאַקאָבינער רעזשים האָט דעם דאָזיקן תנאי אָפּגעשאַפט.

אויסגעשלאָסן ווערן פון קיין שום אַמט צוליב זיין פּראָפעסיע, אָדער רע־ליגיע. דער אַנטי־יידישער לאַגער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. דער עלזאַסער דעפּוטאַט רעוובעל האָט באַקומען דאָס וואָרט און דערקלערט: „איך טראַכט וועגן יידן, דאָס זעלבע וואָס די יידן אַליין; זיי האַלטן זיך נישט פאַר בירגער. אין דעם זין בין איך מסכים אויף דער פאָרמולירונג פון קלערמאָן־טאָנער, וואָרום באַ־נוצנדיק דעם דאָזיקן אויסדרוק ,אַקטיווער בירגער׳, שליסט ער זיי [ממילא] אויס״. קלערמאָן־טאָנער האָט דערויף אויפגעקלערט, אַז ער מיינט דווקא יאָ איינצושליסן די יידן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ אויפרודערונג, אַז דער פאָרזיצער האָט די זיצונג געשלאָסן. צומאָרגנס, דעם 22טן דעצעמבער איז דורך אַ ריי מכלומרשט אומפּאַרטייאישע דעפּוטאַטן די דיסקוסיע אָוועק־געפירט געוואָרן אויף אַ זייטן־וועג, וועגן רעכט פאַר קאָמעדיאַנטן און תליינים.

ערשט דעם 23טן דעצעמבער איז די פראַגע וועגן יידישער גלייכבאַ־רעכטיקונג ווידער געשטאַנען אויפן סדר היום. דאָס וואָרט האָט גע־נומען קלערמאָן טאָנער. ער האָט קודם כל אויפגעוויזן, ווי אַזוי עס דרינגט אַרויס פון דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, אַז קיינער טאָר נישט אויסגעשלאָסן ווערן פון אַן אַמט צוליב זיין פּראָפעסיע און דערנאָך אַרי־בערגעגאַנגען צו דער יידישער פראַגע אין די ווערטער: „און איצט וויל איך אַריבערגיין צום ענין רעליגיע . . . איר האָט זיך שוין אַרויסגעזאָגט אין דער דאָזיקער פראַגע . . . דערקלערנדיק אין דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, אַז קיינער טאָר נישט באַלעסטיקט ווערן פאַר זיינע רע־ליגיעזע מיינונגען . . . צי הייסט נישט בעצם באַלעסטיקן . . . פּראָטעס־טאַנטן, וועלכע מען דערווייטערט נאָך אַלץ פון עפנטלעכע אַמטן . . . יידן, וועלכע מען זאָגט אָפּ די רעכט פון בירגער? . . . עס איז נישט מעגלעך קיין מיטל־וועג: אָדער איר באַשטימט אַ נאַציאָנאַלע רעליגיע, באַוואָפנט זי מיט אַ וועלטלעכער שווערד . . . און מעקט אויס דעם אַרטיקל פון אייער דעקלאַראַציע פון רעכט, אָדער דערלויבט יעדן איינעם צו האָבן זיין רעליגיעזע מיינונג און שליסט נישט אויס פון עפנטלעכע אַמטן די, וואָס מאַכן אַ געברויך פון אייער דערלויבעניש״. — — — צוגעבנדיק, אַז אַ רעליגיע, וואָס וואָלט געפּריידיקט מאָראַלישע פאַרברעכנס, וואָלט נישט באַדאַרפט געניסן פון קיין פרייהייט, שטעלט ער זיך אָפּ אויף די פאַר־וואורפן וואָס ווערן געמאַכט יידן: „די פאַרוואורפן, וואָס מען מאַכט זיי, זיינען אַ גרויסע צאָל; די שווערסטע זיינען אומגערעכט, די אַנדערע האָבן צו טאָן נישט מער ווי מיט קליינע עבירות. וואוכער ווערט לחלוטין נישט באַפוילן יידן דורך זייערע דינים . . . ,זאָלסט נישט נעמען קיין וואוכער,

סיידן פון אַ פרעמדן׳.* דער דאָזיקער פסוק איז אַ געזעץ פון גמילות־חסדים צווישן זיי, וואָס באַפעלט זיי נישט, זיי זאָלן נעמען וואוכער פון אונדז . . . מענטשן, וואָס פאַרמאָגן נישט עפּעס אַנדערש ווי געלט, קאָנען נישט לעבן ווי נאָר דורך פאַרווערטן דאָס דאָזיקע געלט; דאָס איז דאָס בייז. אַז זיי וועלן האָבן לאַנד און אַ פאָטערלאַנד, וועלן זיי מער נישט באָרגן״ . . .

אָפּשטעלנדיק זיך אויף דעם אַרגומענט, אַז יידן האָבן אייגענע ריכטער און באַזונדערע געזעצן, רופט אויס קלערמאָן־טאָנער: „מען דאַרף אַלץ אָפּזאָגן יידן ווי אַ נאַציע; מען דאַרף זיי אַלץ באַוויליקן ווי יחידים... די אַזוי־גערופענע געזעצן פון זייער יידישער קאָרפּאָראַציע דאַרפן דורך דעם געזעץ נישט געשיצט ווערן. מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז יידן זאָלן צוזאַמענשטעלן אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט, אָדער שטאַנד אין דער מלוכה. זיי דאַרפן אינדיווידועל ווערן בירגער. וועט מען זאָגן, אַז זיי ווילן עס גאָרנישט ווערן; . . . זאָלן זיי עס זאָגן, וועט מען זיי פאַרטרייבן. עס רופט אַרויס אַ ווידערווילן, עס זאָל זיין אין דער מלוכה אַ געזעלשאַפט פון נישט־בירגער, אַ נאַציע אין אַ נאַציע. אָבער זיי זאָגן עס נישט. די יידישע דעפּוטירטע פון די דריי בישאָפּטימער שטעלן אַרויס אַ פאַרקערטן פאַרלאַנג.״ **

ווייטער דערציילט דער רעדנער, אַז יידן זיינען געווען צוגעלאָזט צו אַלע אַמטן אין דער אַמאָליקער רוימישער אימפּעריע און אויך אין פראַנק־

---

* קלערמאָן־טאָנער ציטירט, הגם נישט גענוי, דעם באַקאַנטן פסוק פון דער תורה: „לנכרי תשיך ולאחיך לא תשיך״ (דברים כ״ג, כ״א) און דערקלערט ריכטיק, אַז דער זין פון דעם געבאָט איז צו אסרן דאָס נעמען פּראָצענט ביי הלוואות צווישן יידן און נישט, אַז עס איז אַ מצוה צו באָרגן אויף פּראָצענטער נישט־יידן. די פראַגע פון פּירוש אויף דעם דאָזיקן פסוק פאַרנעמט שפּעטער אַ וויכטיקן פּלאַץ אין די דערקלערונגען פון סנהדרין אין פּאַריז.

** קלערמאָן־טאָנער מיינט צו זאָגן: זיי, די יידן פון די דריי בישאָפּטימער, דאָס הייסט פון מעץ און סביבה, זאָגן נישט, אַז זיי ווילן זיין אַ נאַציע אין אַ נאַציע. קאָן זיין, אַז דער רעדנער האָט דאָ פאַרטוישט די יידן פון לונעוויל און סאַרגעמין, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פולער בירגערשאַפט און קעגן דער ביז־איצטיקער אויטאָנאָמיע, מיט די יידן פון לאָטאַרינגיע בכלל. אין דער אומגעקירצטער רעדע פון ק. טאָנער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אַלס בראָשור (געפינט זיך אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק) און פון וואַנען מיר ציטירן די אויביקע פראַגמענטן — גיט צו קלערמאָן־טאָנער אין אַ פוס־נאָטע, אַז אויב די יידן פון אַלזאַציע האַלטן זיך נאָך פאַר אַ נאַציע מיט באַזונדערע געזעצן, דאַרף מען טאַקע אָפּלייגן די פראַגע פון זייער גלייכבאַרעכטיקונג און דערווייל בלויז געבן בירגערשאַפט יידן, וואָס זיינען וויליק אויסצופירן אַלע באַדינגונגען פון געזעץ וועגן בירגערשאַפט, בפרט אַזעלכע, וואָס וועלן אָפּגעבן די בירגער־שבועה.

דייך פלעגט מען זיי אַמאָל איבערגעבן וויכטיקע עפנטלעכע פונקציעס. ער ווייזט אָן, אַז יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן צו די גענעראַל־שטאַטן (אין באָרדאָ און אין באַיאָן), אַז זיי ווערן אָנגענומען אין מיליטער און ווייזן אויך אַרויס זייער פּאַטריאָטיזם דורך שפּענדן לטובת דעם פאָטערלאַנד און ער פירט אויס: „מען דאַרף איבערלאָזן אַלע פראַנצויזן אין זייער נאַטירלעכן צושטאַנד, נעמען אין אַכט, אַז אַ טייל צי צוליב זייער רעליגיע, צי צוליב זייער פּראָפעסיע, פאַרלאַנגען מען זאָל זיי דערקלערן פאַר נישט־בירגער און לעת־עתה קאָן מען דערקלערן, אַז די בירגער, וואָס זיינען דאָ, וועלן נישט אָנטרעפן נישט אין איינעם (רעליגיע), נישט אין צווייטן (פּראָפעסיע) אויף קיין מניעה פאַר זייער רעכט צו ווערן בירגער". צום סוף אַפּעלירט קלערמאָן־טאָנער צו דער פאַרזאַמלונג זי זאָל אין נאָמען פון יושר, פון אמת און שכל הישר נישט אַריבערגיין איבער דעם ענין צום סדר היום, נאָר געבן אַ קלאָרע אַנטשיידונג, „סיידן מען וויל אַרויפזעצן אויף דער זעלבער מלוכה־שטול פאָראורטייל און רעכט, פאַרגרייזטע מיינונגען און שכל".

די ציטירטע רעדע פון קלערמאָן־טאָנער איז אין אַלע אירע טיילן כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטעלונג אין דער יידן־פראַגע מצד דעם פּראָגרעסיוון לאַגער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. לויט דעם ביישפּיל פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און באַזונדער פון דזשעפערסאָנס קלאַסישן „אַקט פאַר רעליגיעזער פרייהייט" אין ווירדזשיניע, אַרגומענטירט אויך קלערמאַן־טאָנער, אַז דאָס אָפּזאָגן אַ רעליגיעזן קיבוץ פולע בירגער־רעכט צוליב זיין רעליגיע איז אין תוך אַ פאַרגוואַלטיקונג פון פּרינציפּ פון רעליגיעזער פרייהייט. דער פאָרוואורף וועגן יידישן וואוכער ווערט אָפּגעוואָרפן מיט דער באַגרינדונג, אַז ער דאַרף געווענדט ווערן קעגן דער אָרדענונג, וואָס האָט יידן פאַרצוימט דעם וועג צו אַנדערע פּרנסות. יידן ווערן באַטראַכט ווי אַ רעליגיעזער קיבוץ, וואָס דאַרף זיך בלויז אָפּזאָגן פון קהילה־אויטאָנאָמיע מיט אייגענע געזעצן און אַדמיניסטראַציע, כדי צו באַקומען בירגער־רעכט און פאָרמעל איינגעשלאָסן צו ווערן אין דער פראַנצויזישער נאַציע, ווי אַ פּאָליטישן אָרגאַניזם.

ווי אַ פאָרשטייער פון שוואַרצן בלאָק האָט נאָך קלערמאָן־טאָנערן גענומען דאָס וואָרט דער גלח מאָרי. ער האָט קודם־כל זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם פאָרשלאַג וועגן געבן פּאָליטישע בירגער־רעכט די קאָמעדיאַנטן און תּליינים און דערנאָך געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע וועגן יידן:

„און איצט לאָמיר אַריבערגיין צו אַ מער ווירדיקן ענין, וואָס שטייט אויפן סדר־היום פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג. קודם־כל וויל איך באַמערקן, אַז דאָס וואָרט ,ייד' איז נישט קיין נאָמען פון אַ סעקטע, נאָר פון אַ נאַציע, וואָס האָט געזעצן, וועלכע זי האָט תמיד געפאָלגט, און וויל

ווייטער פאָלגן. אָנרופן יידן בירגער, וואָלט געווען פונקט ווי מען וואָלט געזאָגט, אַז ענגלענדער און דענער וואָלטן געקאָנט ווערן פראַנצויזן אָן פאַטענטן וועגן נאַטוראַליזאַציע און נישט אויפהערנדיק צו זיין ענגלענדער און דענער". אַריינכאַפנדיק, דרך־אגב, אַ מעשה, אַז אַ יידישער דאָקטאָר האָט אין 9טן י"ה פאַרסמט דעם פראַנצויזישן קיניג קאַרל דעם פליכעוואַטן און פאַררופנדיק זיך אויף וואָלטערן, אַז יידן זייַנען פאַרטריבן געוואָרן פון פראַנקרייך זיבן מאָל צוליב געלט־גייציקייט, מאָלט ער אַזאַ בילד פון יידישער עקספּלואַטאַציע: „די יידן זייַנען אַדורכגעגאַנגען זיבעצן יאָרהונדערטער און האָבן זיך נישט אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, ווי געלט־האַנדל; זיי זייַנען געווען די פּלאָג פון אַגריקולטורעלע פּראָווינצן; קיינער פון זיי האָט נישט געוואוסט צו פאַראיידלען זייַנע הענט און קערעווען אַן אַקעראייזן און אַ סאָכע. דאָס געזעץ, וועלכעס זיי פאָלגן, לאָזט זיי נישט איבער קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט לאַנדווירטשאַפט; אַחוץ שבת האָבן זיי זעקס־און־פופציק יום־טובים אַ יאָר, מער ווי קריסטן. אין פּוילן פאַרמאָגן זיי אַ גרויסע פּראָווינץ. יאָ! אוודאי! דער שוויס פון קריסטלעכע שקלאַפן באַנעצט די בייטן, וואו עס גייט אויף די רייכקייט פון יידן, וואָס בעת זייערע פעלדער ווערן אַזוי באַאַרבעט, וועגן זיי דוקאַטן און ספּעקולירן" . . .

נאָך אַזאַ לעקציע וועגן יידן אין פּוילן קומט ווידער אַ „היסטאָרישע" חקירה וועגן דעם, אַז יידן זייַנען מקדמונים פויל, אַז אפילו אין די צייטן פון דוד און שלמה האָבן זיי זיך נישט פאַרנומען מיט אַרבעט, נאָר מיט מסחר, אַלס „באַרבאַרישע פּיראַטן, דאָס וואָס זיי זייַנען היינט". יידן, טענהט ער, קאָנען נישט זיין קיין סאָלדאַטן צוליב דעם וואָס זיי האָבן חתונה יונגערהייט און צוליב שבת און די פיל יום־טובים, וועלכע שטערן זיי אויך צו ווערן בעלי־מלאכות.

צום סוף קומט אַרויס מאָרי מיט דעם גאַנצן אַרסענאַל שקרים, דעמאַגאָגיע און שאַנטאַזש פון די שונאי־ישראל: „אין עלזאַס איז ביי זיי פאַרמשכונט לאַנד־אייגנטום אין ווערט פון צוועלף מיליאָן. אין אַ חודש אַרום איז מעגלעך, אַז אַ העלפט פון דער דאָזיקער פּראָווינץ זאָל אַריבערגיין אין זייער אייגנטום; אין צען יאָר אַרום, וועלן זיי זי אפשר איינגאַנצן איינעמען און זי וועט ווערן אַ יידישע קאָלאָניע. דאָס פאָלק פילט אַ האַס צו יידן, און אויב זייער גליק זאָל זיך פאַרגרעסערן, וועט די דאָזיקע שנאה ברענגען צו אַ גרויסן אויסברוך. צוליב זייער (אייגענעם) שלום דאַרף מען אויסמיידן אפילו צו רעדן וועגן דער דאָזיקער פּראַגע (פון גלייכבאַרעכטיקונג). מען טאָר זיי נישט רודפן: זיי זייַנען מענטשן און ממילא זייַנען זיי פאַר אונדז ברידער, און פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער

מענטש, וואס וועט רעדן קעגן טאלעראנץ. קיין מענטש טאר נישט באַ־לעסטיקט ווערן צוליב זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען. איר האט דע־רויף מסכים געווען, האט איר דעריבער זיי פארזיכערט דעם ברייטסטן שוץ. זאלן זיי דעריבער געפינען שוץ ווי יחידים, אבער נישט ווי פראב־צויזן, ווייל זיי קאנען נישט ווערן קיין בירגער". מארי באמערקט נאך צום סוף, אז מען קאן נישט פארגלייכן יידן מיט פראטעסטאנטן, ווייל יענע „האבן די זעלבע רעליגיע און די זעלבע געזעצן וואס מיר, זיי האבן נאר נישט דעם זעלבן קולט".

נאך גלח מארי איז געקומען צום ווארט ראבעספיער. קיינער פון די פארטיידיקער פון יידישע רעכט פאר אים און נאך אים האט נישט אזוי שארף און קלאר אוועקגעשטעלט די פראגע פון פרינציפיעלן שטאנדפונקט. קיינער האט אויך נישט אזוי אן באווארענישן אנגעוויזן אויף דער שולד פון דער אונטערדריקונג אין דעם מצב פון יידן.

אויך ראבעספיער האט צוערשט זיך ארויסגעזאגט פאר דער גלייכ־בארעכטיקונג פון קאמעדיאנטן און תלינים, דערקלערנדיק, אז נישט גע־קוקט אויף דער פארשיידנקייט פון אומשטאנדן, דארף מען אויך די דא־זיקע גרופעס, פונקט ווי יידן, באטראכטן פון שטאנדפונקט פון פרינציפ. דעם הויפט־טייל פון זיין רעדע האט ער אבער אפגעגעבן דער פראגע פון יידן: „מען האט אייך דערציילט וועגן יידן זאכן, וואס זיינען די ווילדסטע גוזמאות און א סך אזעלכע, וואס זיינען דער היפוך פון דער געשיכטע. די חסרונות פון יידן נעמען זיך פונעם מצב פון דערנידעריקונג, אין וועלכן איר האט זיי אראפגעשליידערט; זיי וועלן זיין גוטע מענטשן, ווען זיי וועלן געפינען עפעס א נוצן עס צו זיין . . . ווי אזוי האט מען גאר געקאנט פירהאלטן די יידן די רדיפות, פון וועלכע זיי זיינען געווען א קרבן ביי פארשיידענע פעלקער? פארקערט, דאס זיינען די נאציאנאלע שווערע זינד, וואס מיר זיינען מחויב אויף זיי מכפר צו זיין, צוריקגעבנ־דיק זיי די אומאויסלעשלעכע מענטשן־רעכט, וואס קיין שום מענטשלעכע מאכט קאן עס פון זיי נישט צורויבן... .....לאמיר זיי צוריק אפגעבן צום גליק, צום פאטערלאנד, צו דער טוגנט, דורך דעם וואס מיר וועלן זיי צוריקגעבן די ווירדע פון מענטשן און בירגער"... צום סוף אפעלירט ער אי צום יושר־געפיל, אי צום אינטערעס פון דער געזעלשאפט: „לאמיר א טראכט טאן, אז עס קאן גאר קיינמאל נישט זיין פאליטיש גוט, וואס מען זאלן נישט זאגן, צו פארמשפטן אויף דערנידעריקונג און אונטער־דריקונג א גאנצן המון מענטשן, וואס לעבן צווישן אונדז. ווי אזוי קאן געמאלט זיין, אז דער אינטערעס פון דער געזעלשאפט זאל זיך שטיצן אויף דער פארשוועכונג פון די אייביקע פרינציפן פון גערעכטיקייט און פון שכל, וואס זיינען די יסודות פון יעדער מענטשלעכער געזעלשאפט?"...

ראָבעספּיער מאַכט דעם אויספיר ווידער וועגן יידן און די צוויי גרופּעס, וועלכע מען האָט צו זיי צוגעטשעפּעט: „איך האַלט, אַז מען קען נישט צונעמען ביי קיין יחיד פון די דאָזיקע קלאַסן די הייליקע רעכט, וואָס עס גיט זיי דער טיטול מענטש. די דאָזיקע פראַגע איז אַן אַלגעמיינע פראַגע, מען דאַרף באַשליסן דעם פּרינציפּ.“

ווי אַ גרילץ האָט זיך געהערט, נאָך דער דאָזיקער רעדע פון ראָבעספּיער, דער ענטפער פון גלח מאָרי'ס פּאַרטיי־חבר, לאַפאַר, הגם ווי אַן אַריסטאָקראַטישער בישאָף (פון נאַנסי) האָט ער זיינע גיפטיקע ווערטער זיך געפליסט צו פאַרצוקערן מיט העפלעכע פראַזן וועגן מענטשלעכקייט און אפילו מיט קאָמפּלימענטן אויפן אַדרעס פון יידן. ער האָט אָנגעהויבן דערפון, אַז ער האָט גאָרנישט וואָס צוצוגעבן צו די רייד פון אַבאַט מאָרי, אַחוץ רעזולטאַטן פון פּערזענלעכע אָבסערוואַציעס, וואָס ער האָט געמאַכט אין שייכות מיט זיין פונקציע אַלס בישאָף אין אַ געגנט וואו עס איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל יידן: „יידן האָבן אַן אַ ספק אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן; מען דאַרף בטל מאַכן די געזעצן, וואָס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן, פאַרגעסנדיק, אַז די יידן זיינען מענטשן און אומגליקלעכע מענטשן. מען דאַרף זיי באַוויליקן שוץ, זיכערקייט, פרייהייט; אָבער צי דאַרף מען אַריינגעמען אין דער משפּחה אַ שבט, וואָס איז איר פרעמד, וואָס ווענדט זיינע אויגן כסדר צו זיין אייגן פאָטערלאַנד, וואָס שטרעבט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס ער באַוואוינט?“

נאָכדעם ווי ער חזרט איבער די אויסטראַכטענישן פון גלח מאָרי, אַז דער יידישער דין דערלאָזט נישט יידן זאָלן ווען עס איז ווערן סאָלדאַטן, בעלי־מלאכות, באַאַמטע, פּראָפעסיאָנאַלן און אפילו משרתים, און וויזט אַ חשבון, אַז ווען יידן זאָלן פייערן די געזעצלעכע חגאות אַחוץ זייערע אייגענע יום־טובים, קומט זיי אויס צו רוען הונדערט און אַכט טעג אין יאָר, מאַכט ער אַזאַ דיפּלאָמאַטישע הנחה: „למען האמת מוז איך זאָגן, אַז די יידן האָבן גרויסע פאַרדינסטן לגבי לאָטאַרינגיע, באַזונדער אין דער שטאָט נאַנסי. איך געפין זיך אָבער אין אַ צוואַנגס־לאַגע. מיין קאַיע הייסט מיר אַרויסטרעטן קעגן דעם פאָרשלאַג, וואָס איז דאָ געמאַכט געוואָרן“. אַראָפּוואַרפנדיק אויף אַזאַ אופן דאָס אחריות פון זיך, גייט דער בישאָף אַריבער צו דעמאַגאָגישע דראָאונגען קעגן יידן מיטן צאָרן פון פאָלק, און נעמט זיך כלל נישט איבער, וואָס דערמיט איז ער סותר, דאָס צייגעניש וואָס ער האָט נאָר־וואָס יידן אויסגעשטעלט: „דער אינטערעס פון די יידן גופא פאָדערט, איך זאָל זיך אַרויסזאָגן קעגן (דער גלייכבאַרעכטיקונג). דאָס פאָלק האַסט זיי בתכלית השנאה; אין עלזאַס פאַלן זיי אָפט אַ קרבן פון פאָלקס־באַוועגונגען“. לאַפאַר דערציילט דערביי, אַז מיט פיר חדשים צוריק, ווען מען האָט אין נאַנסי זיך געגרייט צו רויבן

אין יידישע הייזער, האָט דער צוזאַמענגעלאָפענער אויפגערעגטער המון פאַר אים אויסגעלאָדן אַזעלכע טענות: יידן קויפן אויס תבואה פאַר ספעקולאַציע; יידן צעשפרייטן זיך צופיל, קויפן זיך די שענסטע הייזער און בקרוב וועלן זיי באַזיצן די גאַנצע שטאָט. איינער פון צעבונטעוועטן המון האָט אפילו פאַראויס געזאָגט, אַז עס פעלט נאָר, ער, לאַפאַר זאָל אָוועקגיין, כדי אַ ייד זאָל אויך ווערן זייער בישאָף, וואָרום יידן „זיינען פייאיק אַלץ צו פאַרכאַפּן . . . " נאָך אַמאָל וואָרנט דער בישאָף אין זיין רעדע, אַז „אַ דעקרעט וואָס וואָלט געגעבן יידן בירגער־רעכט איז עלול אָנצוצינדן אַ גרויסע שׂרפה." דער בישאָף שטעלט זיך אפילו נישט אָפּ פאַר אַזאַ פאַרדרייאונג פון היסטאָרישע פאַקטן: ער דערציילט, אַז ווען דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט (אין י. 1753) באַשלאָסן צו נאַטוראַליזירן די יידן, האָבן די בעקער זיי נישט געוואָלט פאַרקויפן קיין ברויט און יידן אַליין זיינען גלייך געלאָפן בעטן, מען זאָל דאָס געזעץ מבטל מאַכן . . . לאַפאַר לייגט פאָר צום סוף צו באַשטימען אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל רעווידירן די גאַנצע געזעצגעבונג וועגן יידן.

דעם בישאָף האָט אָפּגעענטפערט אַדריאַן דיופּאָר, איינער פון די פּאָפּולערסטע פירער פון לינקן בלאָק אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, אָנהענגער פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט און איניציאַטאָר פון געזעץ־פּראָיעקטן וועגן געשוואָוירענע געריכטן און וועגן אָפּשאַפן טויט־שטראָף. ער האָט אַלס געניטער יוריסט אָוועקגעשטעלט די פראַגע פון אַבסטראַקט יורידישן שטאַנדפּונקט, אָן שיין־רעדנעריי, אָבער אויך רעאַליסטישער ווי קלערמאָן־טאָנער: סיי בנוגע דער צוגעבונדנקייט פון יידן, — וועמען ער האָט, אגב, אָנגערופן אַ נאַציע און נישט אַ רעליגיע — צו זייערע דינים, סיי בנוגע די אויסזיכטן אויף אַ שנעלער ענדערונג אין דער באַציאונג צו יידן מצד דער אַרומיקער באַפעלקערונג: „ווען עפּעס אַ נאַציע וואָלט געקומען זיך אויסמישן מיט אונדז, ווען זי וואָלט פאַרלאַנגט די רעכט פון פראַנצויזישע בירגער פאַר די יחידים, פון וועלכע זי איז צוזאַמענגעשטעלט, צי וואָלט איר געקענט נישט אָננעמען אַזאַ פאַרלאַנג? די יידישע נאַציע געפינט זיך געגנוי אין אַזאַ לאַגע. עס איז גאָר נישט אונדזער חוב צו עקזאַמענירן, צי די יידן זיינען געטריי זייער געזעץ; עס וועט גענוג זיין, אַז זיי וועלן אויספילן די פליכטן, וואָס מיר וועלן אויף זיי אַרויפלייגן און וואָס מיר וועלן מיט זיי טיילן. עס איז דאָ שוין געזאָגט געוואָרן, אַז דאָס געזעץ קאָן נישט באַפעלן קיין מיינונג, ווייל עס איז אַליין נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ פועל־יוצא פון מיינונגען. מען דאַרף אַ חילוק מאַכן צווישן געזעץ, וואָס איז געגנוי די גערעכטיקייט און צווישן די זיטן, וועלכע גייען נאָך די קאָנוועניאַנסן פון געזעץ. דאָס געזעץ וועט זאָגן, אַז די יידן האָבן דאָס רעכט דערוויילט צו ווערן (ווי באַאַמטע), די זיטן וועלן אפשר זיך

אַנטקעגנשטעלן, אַז זיי זאָלן טאַקע דערוויילט ווערן; אָבער סוף כל סוף וועלן די זיטן זיך דערנעענטערן צום געזעץ. ווי עס זאָל נישט זיין, טאָרט איר נישט אָפּזאָגן זיך צו סאַנקציאָנירן אַ גרויסן פּרינציפּ, אויב ער ווערט פאַר אייך אַוועקגעשטעלט."

דיופּאָר האָט פאָרגעלייגט אַ נייע, מער אַלגעמיינע פאָרמולירונג פון געזעץ־פּראָיעקט, וואו עס איז נישט דערמאָנט געוואָרן דער ענין רע־ליגיע (פּראָטעסטאַנטן, יידן), אָדער פּראָפעסיע: „סיי בנוגע אַקטיווער בירגערשאַפט, סיי בנוגע דעם רעכט אויסגעקליבן צו ווערן אויף עפנטלעכע אַמטן, טאָר מען קיין שום פּראַנצויז נישט אויסשליסן צוליב אַ מאָטיוו, וואָס איז נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די דעקרעטן פון דער נאַציאָ־נאַלער פאַרזאַמלונג. אַלע געזעצן און פאַראָרדענונגען וואָס שטייען אין סתירה צו דעם, ווערן דערמיט בטל". אין דער אָפּשטימונג איז דיופּאָרס פאָרשלאַג אַדורכגעפאַלן מיט גאָר אַ קליינער מערהייט (408 שטימען קעגן 403) און די זיצונג איז באַלד דערנאָך אָפּגעלייגט געוואָרן.

דאָס אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאַג פון דיופּאָר האָט אַרויסגעוויזן די לויזקייט אין דער גרופּירונג פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. ביז דע־מאָלט, האָט מען געקאָנט האָבן דעם איינדרוק, אַז די קאָנסטיטואַנטע איז צעטיילט אין דער דאָזיקער פראַגע אין צוויי שאַרף־אָפּגעגרענעצטע לאַ־גערן; פון איין זייט — די שוואַרצע, די פאַרטיידיקער פון „מאָנאַרך און אַל־טאַר", דער קלער און רעאַקציאָנערע אַריסטאָקראַטיע, מיט אַ צוגאָב פון עטלעכע אָפּגעשטאַנענע עלזאַסער דעפּוטאַטן (פון די לאָטאַרינגער, איז אחוץ דעם בישאָף פון נאַנסי קיינער נישט אַרויסגעטראָטן קעגן יידן); פון דער אַנדערער זייט — דער לינקער בלאָק, וואָס האָט דורך זיינע בעסטע פאַרטרעטער געפאָדערט באַלד צו באַשליסן אַ דעקרעט וועגן גלייכבאַ־רעכטיקונג פאַר יידן צוזאַמען מיט פּראָטעסטאַנטן. די אָפּשטימונג פון 23טן דעצעמבער, האָט אַנטפּלעקט די וואַקלדיקייט פון געמעסיקטן פליגל פון לינקן קאָנגלאָמעראַט, וואָס האָט לאַווירירט צווישן די רעכטע און לינקע און האָט פאַרמאָגט אויך עלעמענטן פון ראָיאַליסטן, פאַרשטעלטע פאַר ליבעראַלן. דער רוב לינקע דעפּוטאַטן האָט אין די באַדינגונגען, צוליב טאַקטישע טעמים, געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק נישט צו פאָדערן קיין אָפּ־שטימונג וועגן רעכט פאַר יידן. זיי האָבן געלערנט פון דורכפאַל פון דיופּאָרס פאָרשלאַג, אַז זיי קאָנען נישט רעכענען אין דער פראַגע אויף די שטימען פון גאַנצן בלאָק און דערפאַר האָבן זיי באַשלאָסן צו שטימען פאַר אַ באַזונדערן פאָרשלאַג וועגן פּראָטעסטאַנטן און אָפּלייגן די באַ־האַנדלונג פון דער יידישער פראַגע.

אויף דער זיצונג פון 24טן דעצעמבער האָט פּרינץ דע בראָלי, אַ ראַיאָליסטישער דעפּוטאַט פון דער שטאָט קאָלמאַר אין עלזאַס, אַריינגע־

טראָגן אין אַ געענדערטער פאָרם דעם פאָרשלאַג פון דיופּאָר און דערביי פאָרגעלייגט אָפּצולייגן די דיסקוסיע וועגן יידן. קלערמאָן טאָנער האָט באַלד דעם פאָרשלאַג אונטערשטיצט. רעוובעל האָט זיך נאָך אַלץ געוואָלט באַוואָרענען, זיך צעלאָזט וועגן באַרעכטיקטן האַס פון דער באַפעלקערונג צו יידן צוליב זייער פירעכץ, און אויסגעפירט, אַז אַ דעקרעט איז נויטיק, אָבער נישט וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן, נאָר אַזאַ וואָס זאָל באַרואיקן די געמיטער, אַנדערש איז ער נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קאָנסעקווענצן אין זיין פּראָווינץ עלזאַס. באַרנאַוו, איינער פון די פּראָמינענטע פירער פון לינקן בלאָק, האָט דערנאָך דערקלערט, אַז ער האַלט זיך ביי דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, וועגן גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער אָן אַ חילוק פון רעליגיע און פּראָפעסיע, אָבער אויב די פאַרזאַמלונג וויל באַשליסן אַ דעקרעט, לייגט ער פאָר, זי זאָל זיך אַרויסזאָגן נאָר וועגן די פּראָטעסטאַנטן. דער בישאָף פון קלערמאָן האָט באַלד דערנאָך פאָרגעשלאָגן צו צעטיילן די פראַגע פון פּראָטעסטאַנטן און יידן. אַן אַנדער רעכטער דעפּוטאַט, דע לאַ גאַליסאָניער, האָט געמאַכט אַן אויסבעסערונג, כדי אויסצומיידן יעדן טעות, אַז צום וואָרט נישט־קאַטאָליקן זאָל מען צושרייבן קריסטן (דער פאָרשלאַג איז דורכגעפאַלן).

די ענדגילטיקע פאָרמולירונג פון געזעץ־פּראָיעקט האָט געמאַכט דע באָמעץ, דעפּוטאַט פון אדל־קלאַס פון ארטוא, אַ באַהאַלטענער ראָיאַליסט, וואָס הגם ער האָט זיך דעקלאַרירט פאַר אַ געמעסיקטן לינקן, האָט ער געשטימט נאָך פריער קעגן דער נאַציאָנאַליזירונג פון די קירכלעכע גייטער און שפּעטער, אין 1792, דעמאַסקירט געוואָרן ווי אַן אַגענט פון די עמיגראַנטן. דע באָמעץ האָט באַגרינדעט דעם פאָרשלאַג וועגן אָפּלייגן די באַהאַנדלונג פון דער יידישער פראַגע מיט אַזעלכע אַרגומענטן: „אפשר ווילן יידן גאָר נישט די ציווילע און מיליטערישע אַמטן, און אייער דעקרעט וואָלט דעמאָלט געווען אַ שלעכט פאַרשטאַנענע גרויס־מוטיקייט". מען דאַרף פריער זיך דערוויסן ביים יידישן פאָלק „וואָס עס וויל זיין; פאַר וועלכן פּרייז וויל עס באַקומען די פרייהייט און לסוף, צי עס איז ראוי זי צו באַקומען". די רעדע פון דע באָמעץ — איז פאַרשריבן אין אָפּיציעלן באַריכט — האָט באַקומען „די גרעסטע אַפּלאָדיסמענטן". גראַף מיראַבאָ האָט דאַן געהאַלטן פאַר נויטיק ריכטיק צו שטעלן די ווערטער פון באָמעץ וועגן יידן „דעם דאָזיקן פאָלק וואָס איז נישט אַזוי ווייט שולדיק ווי אומגליקלעך", און געבראַכט אַ ראיה פון דער לעצטער פּעטיציע, וואו „יידן דריקן אויס שטאַרק דעם ווונטש צו ווערן אָנערקענט פאַר בירגער". נישט געקוקט דערויף דערקלערט ער, אַז ער שליסט זיך אָן אָן דעם פאָרשלאַג וועגן אָפּלייגן די יידישע פראַגע, „ווייל זי איז נאָך נישט גענוג אויפגעקלערט". דער מוסר־זאָגער פון באָמעצן איז אין תוך

געוועזן געפערלעכער פאַר יידן, ווי יענער אָפענער קעגנער: אַ חודש שפעטער, דעם 21טן יאַנואַר, האָט מיראַבאָ אין אַ געהיימען בריוו צו די מקורבים פון קיניג פאָרגעלייגט אַ פלאַן אויסצונוצן די פראַגע פון יידן, פונקט ווי פון גלחים, כדי אין נאָמען פון דער באַליידיקטער קאַטוילישער רעליגיע צו פאַרשפרייטן אומצופרידנקייט צווישן פאָלק, ד. ה. לייכטער פאַרקערעווען עס קעגן דער רעוואָלוציע. — — —

די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען דעם דעקרעט וועגן אַקטיווע בירגער־רעכט פאַר נישט־קאַטאָליקן מיט אַ באַוואָרעניש „דערביי ווערט פאַרשטאַנען, אַז קיין שום נייע זאַך ווערט נישט איינגעפירט בנוגע יידן, וואָס וועגן זייער לאַגע וועט זיך די פאַרזאַמלונג נאָך אַרויסזאָגן". די זעלבע פאָרמולע איז נאָך שפעטער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט געוואָרן אין משך פון קרוב צוויי יאָר, ביז יידן אין פראַנקרייך האָבן דערגרייכט דעם דעקרעט וועגן עמאַנציפאַציע.

די הייסע דעבאַטעס פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָבן אויך געפונען אַ ברייטע אָפשפיגלונג אין דער פאַריזער פרעסע. די ליבעראַלע פרעסע האָט דעם ענין באַטראַכט קודם־כל פון שטאַנדפונקט פון קאַמף קעגן קלעריקאַליזם און אינטערעסן פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, אָבער אויך פון שטאַנדפונקט פון די נייע ליבעראַלע פרינציפן. דער „זשורנאַל דע פאַרי" האָט אָפגעדרוקט אַן אויספירלעכן אַרטיקל אויף געווי פיר זייטן צו באַווייזן די שקרים פון גלח מאָרי. קעגן זיין טענה וועגן שבת האָט די צייטונג אַרויסגעבראַכט, אַז שבת איז לכתחילה איינגעפירט געוואָרן ווי אַ וויכטיקע סאָציאַלע דעראָבערונג פון אַרבעטנדיקן פאָלק; וואָס שייך יום־טובים, ווערט אין אַרטיקל סאַרקאַסטיש באַמערקט, אַז אַחוץ בשותפותדיקע יום־טובים מיט יידן „האָבן מיר איינגעפירט נאָך אַ סך אַנדערע, כדי אָפצוגעבן כבוד דעם גאַנצן המון פון הייליקע, מיט וועלכע דאָס קריסטנטום האָט באַפעלקערט דעם הימל". גלח מאָרי'ס אַטאַק אויף יידן וועגן זייער אומטויגלעכקייט צו מיליטער, ווענדט־אָפ דער זשורנאַל ווי רכילות אויף דעם פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן „זיגערישע קעמפער, נביאים און מלכים".

עס ווערט אויך אין אַרטיקל אָנגעוויזן אויף די גרויסע היסטאָרישע אויפטוען פון יידן אין דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און באַנק־וועזן און דערביי ווערט אין הסכם מיט די פרינציפן פון פרייען וועג פאַרן קאַפּיטאַליזם פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל אויפהערן זיך צו באַנוצן מיטן אויסדרוק „וואוכער", „עס איז קרעדיט־הלוואה". אין הסכם מיט דער זעלבער שטעלונג וועגן פרייע הענט אין עקאָנאָמישן לעבן, שטעלט די צייטונג די פראַגע: אויב מען זאָל אפילו אָננעמען, אַז יידן וועלן קיינמאָל נישט ווערן קיין לאַנדווירטן, גוטע זעלנער און גוטע בעלי־מלאכות, קומט זיי אויך

צו געבן רעכט; מיר האָבן בלויז די ברירה דעמאָלט זיי נישט אויסצו־קלייבן אַלס דעפּוטאַטן און באַאַמטע; זיי וועלן גאַרנישט פאַרלירן דורך דער גלייכבאַרעכטיקונג און מיר וועלן אַ סך געווינען. צום סוף ווערט אויסגעדריקט די שטעלונג, אַז אויב יידן באַטייליקן זיך נישט אין מאַכן געזעצן, זיינען די געזעצן לגבי זיי אַ געוואַלט־אַקט. אַן אַנדער ליבעראַלער זשורנאַל, „לע פּאַטריאָט פראַנסע", ענטפערט אויף די דראָאונגען פון רעוובעלן וועגן פּאָגראָמען אויף יידן אין עלזאַס: „עס איז אַ משונהדיקע זאַך צו פאַררופן זיך אויף איין אומרעכט, כדי צו פאַרענטפערן די נויטווענדיקייט פון באַגיין אַן אַנדער אומרעכט".

צומאַרגנס, דעם 25טן דעצעמבער, נאָך דעם אָפּלייגן פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, ווייזט שוין אַרויס די ליבעראַלע פרעסע אַ געוויסע אַפּקילונג אין איר שטעלונג צו דער פראַגע און באַמיט זיך בכלל צו באַווייזן, אַז דערמיט איז געשען אַ טובה פאַר יידן, ווייל מיט דער צייט וועלן זיך די געמיטער באַרואיקן. אין דער זעלבער פרעסע הערט זיך שוין אפילו אַ טאָן, וואָס איז אַן אָפּקלאַנג פון דער שטימונג פון וואָקל־דיקן קאָנסערוואַטיוון פליגל פון ליבעראַלן בלאָק אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. דער זעלבער „פּאַטריאָט פראַנסע", וואָס האָט אַזוי טרעפלעך געהאַט אָפּגעענטפערט רעוובעלן, קומט שוין אַרויס מיט אַ טרייסט, אַז דורך דעם, וואָס דער ענין פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג איז אָפּגעלייגט געוואָרן, איז געגעבן געוואָרן צייט, אַז די „פאָראורטיילן זאָלן זיך צעגיין", און אַז אויך „יידן איז איבערגעלאָזט געוואָרן צייט צו ווערן ראוי די רעכט פון בירגער" . . .

עס האָבן זיך אָבער אויך געפונען אַזעלכע ליבעראַלע זשורנאַלן, וואָס האָבן דאָס אָפּלייגן געהעריק באַצייכנט ווי אַ גרויס אומרעכט. דער דער־מאָנטער „זשורנאַל דע פּאַרי" האָט אויסגעדריקט דאָס באַדויערן, וואָס יידן ווערן אָפּגעשטויסן ניט נאָר דורך פאַנאַטישע מענטשן, נאָר אויך דורך „מענטשן פון גייסט און פון טאַלאַנט". דער „קוריער דע גאַרסאָ" האָט פּאַטעטיש אויסגערופן: „אומגליקלעכע יידן! מען הייסט אייך בלייבן אויף אייביק פרעמד דער נאַציע, ביי וועלכער איר מאָנט יושר". וואָס שייך דער פרעסע פון ראַדיקאַלן קליינבירגערטום און אינטעליגענץ האָט זי זיך אין יענעם מאָמענט מיט דעם ענין צופיל נישט אינטערעסירט, האַלטנדיק, אַז די רעוואָלוציע האָט דרינגנדערע זאַכן צו דערלעדיקן, דאָך האָט זי בפירוש זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג: מאַראַ האָט אין זיין „אַמי די פּעפּל", אָרגאַן פון אָרעמען קליינבירגערטום און נידעריקע באַאַמטע, איראָניש באַמערקט וועגן „די קינדערישע זאַכן מיט וועלכע די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פאַרנעמט זיך אין דעם מאָמענט" (און זיין איראָניע איז זיכער געווען ריכטיק, אויב זי איז געווען געווענדט

קעגן דעם פטרן צייט אויף דעבאַטעס וועגן קאָמעדיאַנטן און תלינים; ער האָט אָבער פאַרטיידיקט די רעכט פון די קאָמעדיאַנטן און וועגן יידן האָט ער דערקלערט, אַז „הגם עס זעט נישט אויס, אַז זיי זאָלן זיך נעמען צו פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אַמטן, גיט עס נאָך אַלץ נישט קיין רעכט זיי אויסצושליסן".* קאַמיל דעמולען, רעדאַקטאָר פון „רעוואָלוסיאָן דע פראַנס", אַ זשורנאַל, וואָס איז געווען פּאָפּולער צווישן סטודענטן, ליטעראַטן און קינסטלער, וויצלט זיך אויפן חשבון פון רעוובעלן, אָפּרעכענענדיק זיך גלייכצייטיק מיט דעם בורזשואַזן יושר פון געבן וואַלרעכט בלויז פאַרמעגלעכע בירגער: „אַחוץ אַ קבלה אויפן איינגעצאָלטן געלט (פאַר שטייער) וועט מען נאָך דאַרפן באַווייזן, אַז מען איז נישט געמלט" . . .

§17. די גלייכבאַרעכטיקונג פון דער גרופּע ספרדים

די אָפּשטימונג פון 24טן דעצעמבער, 1789, אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג איז געווען אַ ביטערע אַנטוישונג פאַר די יידן אין פראַנקרייך. צום מערסטן געטראָפן האָבן זיך אָבער געפילט די ספרדישע יידן פון באָרדאָ. ביז אַהער האָבן זיי זיך פאַרלאָזט אויף די אָנגענומענע דעקלאַראַטיווע פּרינציפּן פון מענטשן־רעכט, אויף זייער יחוס און אויף זייער פּריווילעגירטער לאַגע; איצט זיינען זיי אַרונטערגענומען געוואָרן אונטער איין טלית מיט די אָרעמע אשכנזישע יידן פון מזרח און צוזאַמען מיט זיי אויסגעשלאָסן געוואָרן פון בירגער־רעכט. דעם 22טן יאַנואַר האָבן זיי אַריינגעשיקט אַ פּעטיציע צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און זי אויך געלאָזט דרוקן און פאַרשפּרייטן איבערן לאַנד. אין זייער פּעטיציע דריקן זיי אויס די פאַרוואונדערונג אויף די יידן פון מזרח וואָס „אויב מען זאָל משפּטן לויט די עפנטלעכע פּאַפּירן — — — שטרעבן זיי צו לעבן אין פראַנקרייך אונטער אַ באַזונדערן רעזשים (צו) האָבן געזעצן, וואָס זיינען פאַר זיי אייגנטימלעך און צו קאָנסטיטואירן זיך ווי אַ קלאַס בירגער, וואָס איז סעפּאַרירט פון אַלע אַנדערע". זיי, די באָרדאָ יידן, זיינען נוטה צו דערקלערן די דאָזיקע פאַרלאַנגען (פון די עלזאַס־לאָטאַרינגער יידן) „נאָר דורך דעם גלי פון אַ שלעכט פאַרשטאַנענעם רעליגיעזן ברען" . . . „זיי

---

*"bien qu'il ait pas d'apparence de les voir s'adonner aux divers emploi de la société, ce n'est pas la un titre pour les exclure." אויפן יסוד פון אַ שלעכטער איבערזעצונג פון דעם דאָזיקן זאַץ, האָט דער היסטאָריקער א. טשעריקאָווער געמאַכט לחלוטין פאַלשע אויספירן וועגן דער באַציאונג פון די ראַדיקאַלן צו יידן, אין זיין אָפּהאַנדלונג אין זאַמלבוך „יידן אין פראַנקרייך", בד' 1, ז' 140.

האָבן מורא איצט מער ווי ווען עס איז, אַז די נישט אַדורכגעטראַכטע פאַר־לאַנגען פון זייערע רעליגיאָנס־ברידער, וואָס געפינען זיך אין אַ נידע־ריקערן לעגאַלן מצב, ווי זיי, זאָלן זיי נישט שאַדן אין זייערע וועלטלעכע רעכט". ביי זיי, די ספרדים, „איז די פראַגע נישט אַזוי ווייט וועגן דער־ווערבן (רעכט), נאָר וועגן נישט פאַרלירן". זיי ווייזן אָן אויף זייערע אַלטע פּאַטענטן פון די פראַנצויזישע מלכים, פאַררופן זיך אויף זייער אָנטייל אין די וואַלן צו די גענעראַל־שטאַטן, זייער אָנטייל אין די פּאַטריאָטישע רע־גימענטן, וואו עטלעכע פון זיי האָבן דערגרייכט דעם ראַנג פון קאַפּיטאַן און לייטענאַנט א. אַז. וו. צום סוף דריקן זיי אויס די האָפענונג, אַז מען וועט „נישט צונויפמישן זיי, די בני־יהודה . . . מיט די יידן פון אַנדערע נאַציעס"; זיי, די פּאָרטוגעזן און ספרדים, האָבן זיך קיינמאָל נישט אויסגעמישט און נישט פאַראייניקט מיטן המון פון די איבעריקע קינדער פון יעקב".

נאָך די שוין פריער דערמאָנטע מעשים פון דער ספרדישער יידישער בורזשואַזיע קאָן שוין נישט חידושן דער נייער פאַרראַט, וואָס זי האָט אין דער דאָזיקער פּעטיציע אַרויסגעוויזן לגבי דעם רוב פון יידן אין לאַנד. די פּעטיציע גיט פאַקטיש אַ באַרעכטיקונג דער פראַנצויזישער רעאַקציע פאַר אָפּזאָגן די עלזאַס־לאָטאַרינגער יידן בירגער־רעכט, דורך דעם וואָס זי פאַרשוואַרצט זיי בפירוש ווי פאַנאַטיקער און איינגעעקשנטע סעפּאַראַטיסטן. אָבער אפילו לגבי די אייגענע, אויך לויט זייער דעה, „שטאַם־ברידער", „בני יהודה", לגבי דער אָרעמערער ספרדישער קהילה אין באַיאָן, האָבן די יידישע פני פון באָרדאָ נישט אַרויסגעוויזן די מינד־סטע מאָס סאָלידאַריטעט: זיי האָבן זי נישט איינגעלאַדן צו באַטייליקן זיך אין זייער אַקציע און די קהילה באַיאָן האָט געמוזט אַריינשיקן אַ באַ־זונדערע פּעטיציע אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

נאָכדעם, ווי די פּעטיציע פון די יידן אין באָרדאָ מיט די חתימות פון זייערע סינדיקן און 215 באַלעבאַטים איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך אַ דעלעגאַציע דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמ־לונג, האָט די קאָמיסיע איבערגעגעבן דעם בישאָף פון אָטען, דעם שפּעטער באַרימטן דיפּלאָמאַט, טאַלייראַן, צוצוגרייטן אַ באַריכט פאַר דעם פּלענום. דעם 28טן יאַנואַר 1790 האָט טאַלייראַן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין נאָמען פון דער קאָמיסיע פאָרגעלייגט „צו געבן די יידן פון באָרדאָ דאָס, וואָס זיי פאַרלאַנגען מיט רעכט און צו דערקלערן זיי פאַר אַקטיווע בירגער, אונטער די זעלבע באַדינגונגען ווי אַלע אַנדערע בירגער". זיין באַגרינדונג איז געווען, אַז „די רעוואָלוציע וואָס האָט צוריקגעגעבן אַלע פראַנצויזן זייערע רעכט, קאָן נישט פירן דערצו, אַז געוויסע בירגער זאָלן ווייערע (רעכט) פאַרלירן". טאַלייראַן האָט זיך דערביי טאַקע פאַררופן אויף

די טענות פון די באַרדאָ־יידן, אַז זיי פאַרמאָגן רעכט שוין פון לאַנג דורך די קיניגלעכע פּריווילעגיעס, און ער האָט אויך געלויבט זייערע פאַרדינסטן.

הגם דער פאָרשלאַג האָט אויך אַריינגענומען אַ בפירושע באַוואָרעניש „נישט באַשטימענדיק דערביי גאָר נישט וועגן דער אַלגעמיינער פראַגע, וואָס איז אָפּגעלייגט געוואָרן", האָט רעווּבעל גלייך גענומען אַ וואָרט קעגן. נאָך דעם ערשטן זאַץ „מען וויל אייך דאָ איבערצייגן, אַז די יידן פון באַרדאָ זיינען נישט קיין יידן", האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ טומל, אַז ער האָט דעם זאַץ געמוזט דריי מאָל איבערחזרן און דערנאָך אַראָפּגעגאַנגען פון דער טריבונע. ווען דער רעש האָט זיך איינגעשטילט, האָט ער נאָך אַמאָל גענומען דאָס וואָרט און אויסגעפירט, אַז די גלייכבארעכטיקונג פון די יידן אין באַרדאָ איז אין סתירה צו דעם באַשלוס פון 24טן דע־צעמבער וועגן אָפּלייגן די יידן־פראַגע, און אַז זי וועט מוזן קאָנסעקווענט פירן צו דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די עלזאַסער יידן. לויט אַ באַריכט אין דער פרעסע האָט ער געדראָט: „עלזאַס וועט אַרומגעכאַפּט ווערן פון אַ שרפה אויב מען וועט אָננעמען אַזאַ דעקרעט".

די צעטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָט ביי דער באַ־האַנדלונג פון דער פראַגע פון די באַרדאָ־יידן פאַרגעשטעלט שוין גאָר אַן אַנדער בילד, ווי קוים מיט אַ חודש צוריק, אין דעצעמבער, בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַלע יידן. די גרויס־בורזשואַזיע און ליבע־ראַלע אַריסטאָקראַטיע האָט געהאַלטן פאַר איר חוב אַרויסצואווייזן קלאַסן־סאָלידאַרישקייט דער רייכער און שוין האַלב־אַסימילירטער בורזשואַזער עליטע פון פראַנצויזישן יידנטום. עס האָט אונטערשטיצט דעם פאָרשלאַג נישט נאָר דער דעפּוטאַט פון באַרדאָ, דע סעז — וואָס האָט אַפּעלירט צו דער גערעכטיקייט און אָנגעוויזן אויף די גרויסע פאַרדינסטן פון זיינע יידישע בני־עיר — און נישט נאָר די לינקע דעפּוטאַטן ווי אַבאַט גרעגוואַר און לעשאַפּעליער, וואָס האָט, אגב, געהאַלטן פאַר בויטיק צו דערמאָנען, אַז יידן פון באַרדאָ און פון עלזאַס זיינען נישט דאָס זעלבע. עס האָבן אויך גערעדט פאַרן פאָרשלאַג אַזעלכע ליבעראַליזירנדיקע אַריסטאָקראַטן, וואָס זייער צוגעבונדנקייט צו דער רעוואָלוציע האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן פאַר זייער ספקדיק, ווי וויצע־גראַף נאַאיי (Noailles) און וויצע־גראַף דע באָארנע Beauharnai. אפילו דער זעלבער באַמעץ, וואָס איז, ווי דער־מאָנט, געווען דער ראש המדברים פון די קעגנער פון יידישער גלייכ־באַרעכטיקונג אין דעצעמבער, האָט איצט נישט נאָר גענומען אַ וואָרט פאַרן פאָרשלאַג, נאָר ער האָט צוגעגעבן אַן אויסבעסערונג, מען זאָל אַריינגעמען אין כלל פון די פּאָרטוגעזן אויך די פּאָרטוגעזישע יידן פון באַיאָן! אין אַנבליק פון דער סיטואַציע, האָט דער גלח מאָרי אַליין נישט געוואַגט צו אַטאַקירן דעם פּראָיעקט ווי אַ גאַנצן, נאָר ער האָט אים גע־

פּראוווט ווי ווייט מעגלעך צו רעדוצירן, פאַרלייגנדיק, אַז די יידן פון באָרדאָ זאָלן „לעת עתה" („פּראָוויזאָריש") בלייבן ביי די לאָקאַלע רעכט, וואָס זיי פאַרמאָגן אויפן יסוד פון די קיניגלעכע פּאַטענטן. בלויז דער געטרייער פריינד פון יידן, אַבאַט גרעגואַר האָט אויך ביי דער געלעגנ־הייט נישט פאַרגעסן וועגן די באַ׳עול׳טע קהילות פון עלזאַס־לאָטאַרינ־גיע. נאָך דעם ווי ער האָט פאָרגעלייגט אויסצובררייטערן דעם דיסקו־טירטן דעקרעט אויף אַלע יידן פון דרום־פראַנקרייך, וואָס ווערן אָנגע־רופן פּאָרטוגעזן, שפּאַניער און אוויניאָנער, האָט ער פאַרלאַנגט, מען זאָל באַשטימען די געניע דאַטע ווען מען וועט באַהאַנדלען די פראַגע פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די אשכנזישע יידן.

דווקא ווייל דער פּראָיעקט האָט געהאַט לכתחילה אַלע שאַנסן אדורכ־צוגיין, האָט דער קלער און אַדל געמאַכט אַ גרעסערע אָבסטרוקציע, ווי ביים באַהאַנדלען די פראַגע פון אַלע יידן אין דעצעמבער. צוויי מאָל האָט דער פאָרזיצער געפּרוווט אַדורכצופירן די אָפּשטימונג דורך אויפשטעלן זיך פון די, וואָס האָבן געשטימט פאַר, אָבער אָן רעזולטאַט, ווייל די קעגנער האָבן זיך בכיוון געדרייט אַריין און אַרויס. אָבער אויך די אָפּ־שטימונג דורך אויסרופן די נעמען איז איבערגעחזרט געוואָרן אָן ערך 20 מאָל און כסדר איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם טומל מצד דעם שוואַרצן בלאָק. דער פאָרזיצער האָט דאַן דערקלערט, אַז ער וועט ביי אַלע אומשטאַנדן די אָפּשטימונג אַדורכפירן, הגם אַ סך דעפּוטאַטן האָבן בכיוון פאַרלאָזט דעם זאַל. מיט בערך צוויי־דריטל שטימען (374 קעגן 224) איז לסוף אָנגענומען געוואָרן דער פּראָיעקט אין אַזאַ נוסח: „... אַלע יידן, וואָס זיינען באַקאַנט אין פראַנקרייך אונטערן נאָמען פון פּאָרטו־געזישע, שפּאַנישע און אוויניאָנער * יידן, וועלן בלייבן ביי די רעכט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט ביז איצט און וואָס זיינען סאַנקציאָנירט געוואָרן לטובת זיי דורך די פּאַטענט־בריוו; און אין קאָנסעקווענץ דערפון, פאַרמאָגן זיי די רעכט פון אַקטיווע בירגער, אויב זיי וועלן דערצו אויך אַנטשפּרעכן די באַדינגונגען וואָס פאָדערן זיך לויט די דעקרעטן פון דער דאָזיקער פאַר־זאַמלונג".

כדי זיך אַבסאָלוט צו פאַרזיכערן, אַז דער דעקרעט וועגן גלייכבאַ־רעכטיקונג פון די ספרדים האָט נישט קיין שום שייכות מיט די יידן אין

---

* דאָ האָט מען געמיינט די אוויניאָנער יידן, וואָס האָבן געוואוינט מחוץ דעם פּויפּסטלעכן דיסטריקט אוויניאָן אין פאַרשיידענע געגנטן אין פראַנקרייך. דער דאָ־זיקער דיסטריקט, וואו עס האָבן זיך געפונען די „ארבע קהילות", איז ערשט דעם 12טן סעפּטעמבער 1791 פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, ווי אַ טייל פון פראַנקרייך.

עלזאַס־לאָטאַרינגיע האָט באַלד צומאָרגנס, דעם 29טן יאַנואַר, דער דעפּוטאַט פון עלזאַס, שווענדט, געפאָדערט צוצוגעבן צום דעקרעט אַ באַמערקונג, וואָס זאָל דאָס באַוואָרענען. הגם שווענדט האָט, לויטן מוסטער פון זיין חבר רעוובעל, אַרגומענטירט, אַז אַזאַ קלויזולע איז דורכאויס נויטיק כדי איינצוהאַלטן די עפנטלעכע רואיקייט אין עלזאַס און די זיכערקייט פון די דאָרטיקע יידן, איז די פאַרזאַמלונג איבער זיין פאַרשלאָג אַריבערגעגאַנגען צו דער טאָג־אָרדענונג. אַזוי קלאָר איז געווען פאַר אַלע, אַז אין רעכטלעכן מצב פון די יידן, מחוץ דעם קליינעם מיעוט ספרדים, האָט זיך גאָרנישט געענדערט.

די מאָנאַרכיסטיש־קלעריקאַלע פּרעסע האָט אויך די הנחה פאַר אַ פאָר טויזנט ספרדישע יידן נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען. די „גאַזעט דע פאַרי", וועלכע האָט נאָך וועגן דער אָפּשטימונג פון דעצעמבער געהאַט באַמערקט, אַז „די תורה פון משה איז ענג פאַרקניפּט מיט פּאָליטיק און אַז דערפאַר איז כמעט אוממעגלעך פאַר אַ ייד צו ווערן אַ פראַנצויזישער בירגער, נישט אָפּזאָגנדיק זיך פון אַ גרויסן טייל פון די יסודות פון זיין תורה", האָט איצט חוצפּהדיק געשטעלט די קשיא: „צי האָבן מיר נישט שוין אַ סך מאָל פאַרגעסן, אַז דער קיניג פון פראַנקרייך איז אויך דער „קריסטלעכסטער קיניג"? * „צי קאָן ער נישט זיין קיין קיניג פון די פראַנצויזן, אָן דעם, ער זאָל זיין אַ קיניג פון יידן?" די זעלבע צייטונג פאַרגעסט אויך נישט צו דערמאָנען די קרייציקונג פון קריסטוס: „קריסטן קאָנען נישט קוקן אָן אַ שוידערלעכן האַס אויף מענטשן, וואָס האָבן אויפגעהויבן זייערע בלוטיקע הענט אויף דעם געטלעכן באַשעפער".

דער „קוריער דע ל'אייראָפּ" האָט פּראָוואָקאַטאָריש אויסגערופן צו די יידן: „דער משיח, אויף וועלכן איר וואַרט, איז געקומען". אַן אַנדערער קלעריקאַלער אָרגאַן, די „גאַזעט אוניווערסעל" איז אַרויסגעקומען מיט אַ באַשולדיקונג פון די דעפּוטאַטן, אַז זיי שטיצן יידן, כדי צו פאַרזיכערן זייער באַטייליקונג אין אָפּקויפן די קאָנפיסקירטע קירכלעכע גיטער. דער „ראָדער פראַנסע" האָט נאָך מיט קאַרגע צוויי וואָכן פאַרן דעקרעט וועגן ספרדים געוואוסט צו דערציילן, אַז זיי זיינען גרייט אָפּצוקויפן די דעפּוטאַטן פאַר צוויי מיליאָן. די זעלבע פּרעסע האָט אויך פאַרשפּרייט ידיעות וועגן אַן אויפרודערונג פון דער באַפעלקערונג אין באָרדאָ קעגן יידן, ווי אַ רעאַקציע קעגן זייער גלייכבאַרעכטיקונג. דער ענין איז אָבער באַלד אָפיציעל אויפגעקלערט געוואָרן. דעם 9טן סעפּטעמבער האָט דער דעפּוטאַט גאַראַ איבערגעלייענט פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַר־

* די פראַנצויזישע מלכים האָבן געהאַט פון דער קירכע דעם טיטול „אַרכי־קריסטלעך".

זאַמלונג אַ בריוו פון די ייִדן אין באָרדאָ וועגן דער דאָזיקער פראַגע: אַ קליינע גרופּע יוגנט האָט אין טעאַטער „בורס״ (די בערזע) פון באָרדאָ בעת אַ פאָרשטעלונג געמאַכט אויסרופן „נידער מיט די ייִדן״ און געפאָדערט די ייִדן זאָלן פאַרלאָזן דאָס טעאַטער. אָבער נישט נאָר האָט די מערהייט פון עולם אויפן אָרט זיי פאַרדאַמט; צומאָרגנס האָבן די פאָרשטייער פון די סוחרים און מיליטערלייט אין שטאָט אויסגעדריקט דער ייִדישער קהילה זייער באַדויערן און פּראָטעסט צוליב דעם אינצידענט. און אַ פאַרזאַמלונג פון 800 מענטשן האָט אָפּגעגעבן אַ שבועה פון געטרייקייט צו די דעקרעטן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און פון בריודערשאַפט מיט ייִדן. דעם זעלבן אָוונט איז פאָרגעקומען אין טעאַטער אַ מאַניפעסטאַציע פון אַפּלאָדירן די ייִדישע באַזוכער, און די מאַרין־אָפיצערן האָבן איינגעלאָדן ייִדן אין זייער לאָזשע. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט נאָכן אויסהערן דעם בריוו אויסגעדריקט איר צופרידנקייט דורך אַפּלאָדיסמענטן.

די ליבעראַלע פּרעסע האָט, באַגריסנדיק דעם באַשלוס וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון די ספרדים, זיך אויך וואַרעם אָנגענומען פאַר די רעכטלאָזע אשכנזישע ייִדן. דער „קוריער דע פּראָוואַנס״ (אָרגאַן פון מיראַבאָ!) האָט אַפּעלירט נישט אָפּצושטויסן „אויך דעם דאָזיקן טייל פון דער פאַמיליע״. די „קראָניק דע פּאַרי״ האָט אויסגערופן: „צערייסט, צערייסט, אייער ,דעקלאַראַציע פון רעכט׳, אָדער רופט אויס עפנטלעך די פרייהייט פון די איזראַעליטן, וואָס וואוינען אין דער מלוכה . . . צי האָבן זיי (די ספרדים) נישט די זעלבע עיקרים פון אמונה ווי די דייטשע ייִדן?...״ דער „זשורנאַל דע פּאַרי״ האָט נאָך וועגן דער שפּאַלטערישער פּעטיציע פון די ספרדים זיך געהאַט אויסגעדריקט: „עס איז קלאָר, אַז זיי זיינען נישט קיין דייטשן, פּונקט ווי יענע זיינען נישט קיין פּאָרטוגעזן״, זיי זיינען אַלע פראַנצויזן. נאָך דער אָפּשטימונג האָט דער זעלבער זשורנאַל געשריבן: „ . . . די ייִדן פון עלזאַס און לאָטאַרינגיע קענען זאָגן דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, ווי עשׂיו צו זיין פאָטער: ,צי האָסטו דו נישט מער ווי איין ברכה׳?״

ביי די ייִדן פון באָרדאָ איז די שׂמחה מיטן דעקרעט געווען אַזוי גרויס, אַז — ווי עס גיט איבער אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „לע מאָניטער״ — האָט אַ דאָרטיקער ייִד אין אַ שמועס זיך אויסגעדריקט: „לואי XVI דער איז אונדזער משיח, קיין אַנדערן דערוואַרטן מיר שוין נישט מער״ . . .

אויך דער אָרגאַן פון דער בערלינער השׂכּלה „המאסף״, האָט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון פּאַריז (געשריבן, ווייזט אויס, פון דערמאָנטן משׂכּיל משה ענסהיים) אויסגעדריקט זיין התפּעלות אין די ווערטער: „פון פּאַריז איז גע־

קומען אַ קול מבשר פון ישועה און גאולה פאַר אונדזערע ברידער אַזוי צו זאָגן: אַ געזעץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די שׂרים פון דעם גרויסן וועד [אַסאַמבלעע נאַציאָנאַל], צו די יידן פון באָרדאָ, אויסרופנדיק פאַר זיי פריי-הייט. ווי טייער איז דיין חסד, גאָט! האָסט נאָך איבערגעלאָזט אַ ליכט פאַר די קינדער פון ישראל דיינע קנעכט...“ די שטימונג פון די באַליידיקטע און דערנידעריקטע עלזאַסער יידן האָט אָבער אויסגעדריקט דער דערמאָנטער אברהם שפּייאר אין זיין וועכנטלעכער צייטונג: „דיזער בשלוס ואר איינע בעשימפּונג פר דיא (יהודים) אויז דיא אנדרע פּראָווינצן“. אויך די וואָרט-פירער פון די עלזאַס-לאָטאַרינגישע יידן האָבן איצט אָנגעהויבן אַן אַנדער טאַקטיק אין דער אַקציע פאַר רעכט.

§18. די אינטערווענץ פון דער פּאַריזער קאָמונע

דעם 28טן יאַנואַר, 1790, איידער עס איז נאָך באַשלאָסן געוואָרן די פראַגע פון די ספרדים, האָבן די מנהיגים פון די עלזאַס-לאָטאַרינגישע יידן, צוזאַמען מיט פאָרשטייער פון אשכנזישע יידן אין פּאַריז, אַריינגעטראָגן אַ פּעטיציע צו דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג, וואָס רעדט שוין גאָר אַן אַנדער שפּראַך, ווי די פריערדיקע השתדלותן. זיי פאָדערן איצט פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע יידן און פאַרלאַנגען, אַז זייער פראַגע זאָל באַהאַנדלט ווערן צוזאַמען מיט דער פראַגע פון די באָרדאָ-יידן, מיט וועלכער זי ווערט „אַבסאָלוט אידענטיפיצירט“. זיי דערקלערן, אַז „עס וואָלט געווען אי אַן אומרעכט אי אַ סכנה“ צו געבן די גלייכבאַרעכטיקונג בהדרגה און נישט „מיט דער גרעסטער שנעלקייט“. כל-זמן יידן וועלן זיין רעכטלאָז, וועט דאָס פאָלק האַלטן, אַז אפילו די דעקלאַראַציע פון מענטשן-רעכט איז אויף זיי נישט חל. זיי וואַרפן אָפּ אַנטשיידן דעם באַגריף טאָלעראַנץ און פאַררופן זיך אויף אַמעריקע „וועמען די פּאָליטיק וועט האָבן צו פאַרדאַנקען אַזוי פיל ניצלעכע לעקציעס“, און וואָס האָט דאָס דאָזיקע וואָרט „אַרויסגעוואָרפן פון איר געזעץ-בוך“. זיי שטעלן זיך אויספירלעך אָפּ אויף אַלע באַשולדיקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן יידן אין דער דעבאַטע אין דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג וועגן וואוכער, פּאַרטיקולאַריזם, שלעכטע מידות און אפילו וועגן די סיבות פון אָפּוואַרפן דעם נאַטוראַליזאַציע-ביל פון יידן אין ענגלאַנד און וועגן דער באַהערשונג פון פוילן דורך יידן. זיי ציטירן דאָהמ׳ס שריפט ווי אַ ראיה, אַז תורת-משה פאַרווערט נישט יידן צו דינען אין מיליטער און צו

טאָן אַלע סאָלדאַטן־פליכטן אום שבת. בנוגע דער טענה, אַז יידן קאָנען נישט זיין קיין גוטע פּאַטריאָטן צוליב אַרויסקוקן אויף שיבת ציון, ווייזן זיי אָן אויף דעם איסור פון תלמוד צוצואיילן די גאולה, איידער עס באַווייזן זיך די מופתים, וואָס זאָגן אָן ביאת המשיח.* דערמיט זאָגן זיי זיך אָבער לחלוטין נישט אָפּ פון דער האָפענונג אויף קיבוץ־גלויות און בית המשיח; אין אַן אַנדערן שייכות נוצן זיי אפילו אויס בפירוש די דאָזיקע האָפענונג, ווי אַן אַרגומענט קעגן די קעגנער פון יידישער עמאַנציפּאַציע: אויף דער קריסטלעך־רעליגיעזער טענה, אַז יידן זיינען פאַרמשפּט דורך גאָט צו זיין אומגליקלעך אויף אייביק און ממילא טאָרן זיי נישט ווערן גלייכבאַרעכטיקט, ווערט געגעבן אונטער דער השפּעה פון אַבאַט גרעגואַרס צווייטער בראָשורע** אַזאַ תשובה: „ווען דען יידן נישט זיין

---

* אין דעם זעלבן זין, אָנווייזנדיק אויף דעם איסור פון תלמוד „דוחק צו זיין דעם קץ" וואַרפט אָפּ אַבאַט גרעגואַר אין זיין „עסיי" פון י. 1787 די טענה פון מיכאעליס, וואָס האָט געהאַט אָנגעשריבן אַ פּאָלעמיק קעגן דאָהם. די דאָזיקע ראיה פון תלמוד חזרט איבער גרעגואַר נאָך משה מענדעלסאָן, וואָס האָט פריער געהאַט אָפּגעענטפערט דעם זעלבן מיכאַעליס. זאַלקינד הורוויץ האָט אין זיין קאָנקורס־אַרבעט פון יענעם יאָר, אויך אונטער דער השפּעה פון מענדעלסאָן, אָבער באַנוצנדיק אַ משל, וואָס איז זיכער נישט געווען לויט יענעמס געשמאַק און איבערצייגונג, אַזוי געשטעלט די פראַגע: „עס איז אמת, אַז זיי (די יידן) גלויבן נישט, אַז זיי וועלן תמיד בלייבן אין די לענדער, וואָס זיי באַוואוינען איצט, און אַז זיי דערוואַרטן דאָס אָנקומען פון אַ משיח, וואָס וועט זיי צוריק אויפריכטן אין פּאַלעסטינע; אָבער זיי דערוואַרטן דעם טויט מיט נאָך מער זיכערקייט, און דאָס שטערט זיי נישט, פונקט ווי אויך נישט אַנדערע מענטשן, צו בויען, צו זייען און צו פלאַנצן אומעטום וואו מען דערלויבט זיי". אָפענע ציניקייט ווייזט אַרויס דער וואָלטעריאַנער זאַלקינד הורוויץ אין אַן אַנדערער שטעלע פון זעלבן ווערק (ז' 72), וואו ער זעט פאָראויס — אָדער וויל עס איינרעדן דעם קריסטלעכן לייענער — אַז יידן, וואָס וועלן באַקומען בירגער־רעכט, וועלן מיט דער צייט אָנערקענען יעזוס קריסטוס אַלס משיח . . .

** אין זיין בראָשורע פון 1789 „פאַרשלאַג לטובת יידן" ווענדט גרעגואַר אָפּ די זעלבע קלעריקאַלע טענה קעגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין די ווערטער:

„די נבואות וועגן דער צעזייטקייט פון ישראל ווייזן אָן, אַז באחרית הימים וועט אויפהערן זייער אומגליק; אָבער אפילו ווען מיר זאָלן אין אמתן פאַר דער דאָזיקער צייט אַראָפּנעמען פון די יידן די קייטן, וועלן זיי דאָך בלייבן אָן אַ מזבח (לויט הושע, ג', ד': „כי ימים רבים ישבו בני ישראל אין מלך ואין שר ואין זבח" — ר. מ.), וואָרום מיר האָבן נישט בדעה זיי צוריקצוגעבן ירושלים; און אָן אַ מלוכה, וואָרום אפילו ווען מיר זאָלן פאַר זיי באַשטימען אַ גושן, וועלן מיר דאָך אונדזערע פרעה'ס נישט פון דאָרט אויסקלויבן".

דער חילוק לגבי דעם אַרגומענט אין דער שפּעטערדיקער יידישער פּעטיציע איז בכן, וואָס גרעגואַר פאַרזיכערט דווקא, אַז די האָפענונג פון יידן אויף צוריק אויפ־

תּמיד אומגליקלעך שוין בלויז צוליב דעם, וואָס זיי זיינען צעשפּרייט איבער דער ערד . . . כּל זמן ווי וועלן זיך נישט אויפשטעלן ווי אַ מעכטיק פֿאָלק אַזאַ, ווי עס האָט עקזיסטירט אין ירושלים?" ווייטער ווענדן זיי אויך אָפּ די זעלבע טענה, פֿאַררופנדיק זיך אויף אַבאַט גרעגואַרס פּרעמירטן עסיי, פֿון וואַנען זיי ציטירן כּמעט ווערטערלעך אַ גאַנצע שטעלע, דער־צווישן אַזאַ טרעפֿלעכן זאַץ: „די געטלעכע נקמה לאָזט אויס צו זיי אירע חומרות, אָבער צי האָט זי אייך באַפֿולמעכטיקט צו זיין אירע טאַ־אַפּשעס?"

אין אַלע ענינים, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו רעליגיע, — זער־קלערן די פּאַרשטייער פֿון אַשכּנזישן קיבוץ — דאַרפֿן יידן אונטערגע־וואָרפֿן ווערן די געזעצן פֿון לאַנד. אַממערטטן כאַראַקטעריסטיש איז די נייע ווענדונג, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער דאָזיקער פּעטיציע בנוגע דער פֿראַגע פֿון קהילה־אויטאָנאָמיע. נישט בלויז ווערט די פֿאָדערונג פֿון אויטאָנאָמיע מער נישט דערמאָנט, נאָר אַלע „באַזונדערע רעגולאַ־ציעס" פֿאַר יידן, אַחוץ אינערלעכע רעגולאַמינגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אויספֿירונג פֿון רעליגיעזע דינים", ווערן באַצייכנט ווי אַ „באַ־פֿעסטיקונג פֿון דער דעמאַרקאַציע־ליניע, וואָס האָט עקזיסטירט ביז איצט צווישן קריסטן און יידן". זיי ווילן, „אַז אין אַלע ענינים זאָלן יידן זיך געפֿינען אויסגעמישט, אויסגעקניפּט און פֿאַראייניקט מיט די פֿראַנצויזן".

די מנהיגים פֿון דער מעצער קהילה, וואָס האָט געוואָלט אַ באַזונדער אָנגעוויטיקט פּראָבלעם פֿון חובות, האָבן טאַקע צוליב דעם אַנטשיידענעם אָפּזאָג פֿון אויטאָנאָמיע זיך אָן דער פּעטיציע נישט אָנגעשלאָסן. אָנשטאָט זייערע צוויי התימות פֿיגורירן אונטער דער פּעטיציע צוזאַמען מיט די פֿיר פֿאַרשטייער פֿון די יידן אין עלזאַס און לאָטאַרינגיע (מיט סערף־בער אַלס פֿינפֿטן) די חתימות פֿון צוויי פֿאַרשטייער פֿון אַשכּנזישע יידן אין פּאַריז. צוליב דעם זעלבן טעם, וואָס האָט דערווייטערט די מעצער פּרנסים, האָבן די אַשכּנזישע פּאַריזער יידן איצט צום ערשטן מאָל זיך פֿאַראייניקט מיט זייערע ברידער אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע אין איין אַקציע.

דער דעקרעט פֿון דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג וועגן רעכט פֿאַר ספֿרדים האָט באַוויזן, אַז די בשותּפֿותדיקע פּעטיציע פֿון די אַשכּנזישע יידן האָט נישט געהאַט קיין שום פּעולה. אין דעם זעלבן טאָג פֿון 28טן יאַנואַר האָבן אָבער די פּאַריזער יידן אָנגעהויבן אַן אַקציע, וואָס האָט

שטעלן אַן אייגענע מלוכה אין ארץ ישראל וועט קיינמאָל ניט מקויים ווערן. אויך אין אַ פֿריערדיקן פּאַסוס אין דער זעלבער בראָשורע דערמאָנט גרעגואַר דאָס לאַנד „וואו זיי (די יידן) זיינען געבוירן געוואָרן, צו וועלכן זיי ווענדן נאָך אַלץ זייערע אויגן, וואָס זיי וועלן אָבער שוין קיינמאָל מער נישט זען".

געהאַט אַ גוואַלטיקע באַדייטונג פאַרן ווייטערדיקן גאַנג פון קאַמף פאַר יידישער עמאַנציפּאַציע. זיי האָבן באַשלאָסן צו באַוועגן דעם סאַמע דעצידירנדיקן כוח פון דער רעוואָלוציע, די פּאַריזער קאָמונע, אַז זי זאָל זיך אַריינוואַרפן אין קאַמף פאַר יידישע רעכט. אַ דעלעגאַציע פון 50 יידישע מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, מיט וועלכער עס איז אויך געקומען זאַלקינד הורוויץ, האָט זיך געמאָלדן אין ראַטהויז ביי דער פאַרזאַמלונג פון דער פּאַריזער קאָמונע: די דעלעגאַציע האָט פאָרגעשטעלט פאַר דער קאָמונע דער אַדוואָקאַט גאָדאַר, אַליין אַ מיטגליד פון דער קאָמונע, וואָס האָט אויך ווי אַ באַראַטער פון די עלזאַס־לאָטאַרינגער יידן געהאַט רעדאַגירט זייער פּעטיציע צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. ער האָט אָנגעהויבן פון דער דערקלערונג, אַז ער איז דער באַפולמעכטיקער פאַרטרעטער „פון רוב יידן אין דעם לאַנד" פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און אויך דער פאַרטרעטער פון די יידן אין פּאַריז. אויסדריקנדיק אַ דאַנק אין נאָמען פון די פּאַריזער יידן דער שטאָט פּאַריז דערפאַר, וואָס זי האָט אָנגעהויבן זיי צו באַהאַנדלען ווי ברידער, נאָך איידער זיי זיינען געוואָרן אָנערקענט ווי בירגער, וואָס אַ באַווייז דערפאַר איז די גרויסע צאָל אָנוועזנדע יידישע גוואַרדיסטן, האָט ער אויך מיט פּאַטאָס געשילדערט דעם הייסן פּאַטריאָטיזם פון דער פּאַריזער יידישער באַפעלקערונג: פון פינף הונדערט יידן אין פּאַריז * האָבן זיך הונדערט אָנגעשלאָסן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע; ווי אַ ביישפּיל פון יידישער ברייט־האַרציקייט אין שטיצן די רעוואָלוציע, האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם אָנוועזנדיקן געלערנטן זאַלקינד הורוויץ, וואָס האָט אַ פערטל פון זיין באַשיידענעם געהאַלט אַלס ביבליאָטעקאַר מנדב געווען אויף שטענדיק פאַרן פאָטערלאַנד, הגם דער כלל איז געווען, זיך צו באַשטייערן בלויז אויף אַ יאָר. אין נאָמען פון די דאָזיקע פּאַטריאָטישע יידן בעט ער די קאָמונע, זי זאָל עפנטלעך עדות זאָגן וועגן זייערע גוטע מידות און וועגן זייער פּאַטריאָטיזם און דערמיט וועט די קאָמונע זיך דערווערבן אַ פאַרדינסט נישט נאָר פאַר די יידן אין פּאַריז, נאָר זי וועט „צוגרייטן דאָס גליק" פון פופציק טויזנט יידן ** אין לאַנד. אויף דער רעדע פון גאָדאַר, האָט דער פאָרזיצער פון דער קאָמונע־פאַרזאַמלונג, אַבאַט מיולאַ, פאַרזיכערט די יידישע דעלעגאַציע, „אַז דער באַשלוס פון דער פאַרזאַמלונג וועט זיין אין הסכם מיט די כללים פון שכל און פון מענטשלעכקייט" און אַז ער וועט זיין „דער

---

* ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט האָט די פאַקטישע צאָל יידן אין פּאַריז באַטראָפן מער, בערך 800.

** די דאָזיקע צאָל גיט אויך אָן אַבאַט גרעגואַר, הגם די היסטאָריקער שאַצן נישט מער ווי 40 טויזנט, ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט.

ערשטער צו אָפּלאָדירן אַלץ, וואָס וועט באַשטימט ווערן לטובת אייער נאַציע". ער האָט צום סוף פאַרבעטן די דעלעגאַציע צו בלייבן אויף דער זיצונג, באַצייכנענדיק די איינלאַדונג ווי „דעם ערשטן באַווייז פון אונדזער ברידערלעכקייט".

צומאָרגנס, דעם 29טן יאַנואַר, איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער קאַרמעליטן־סעקציע, דעם קוואַרטאַל, וואָס האָט פון אַלע 60 סעקציעס פון דער הויפּטשטאָט געהאַט די גרעסטע צאָל יידן. די סעקציע האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו בעטן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער קאָמונע צו טאָן אַלץ אין אירע מעגלעכקייטן, אַז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג זאָל אָנערקענען יידן פאַר גלייכבאַרעכטיקטע. אין די מאָטיוון פון דער רעזאָלוציע ווערט אַרויסגעזאָגט די דאַנקבאַרקייט פון דער סעקציע לגבי יידן פאַר זייער פּאַטריאָטיזם און גוטער אויפפירונג און עס ווערט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז די פּאַריזער יידן האָבן אין זייער פּעטיציע צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג * זיך מתחייב געווען אונטערצוואַרפן זיך אַלע געזעצן פון לאַנד און אָפּגעזאָגט זיך פון דער פּריווילעגיע אויסצוקלייבן אייגענע אָנפירער, ווי אויך פון אַנדערע פּריווילעגיעס. די דאָזיקע רעזאָלוציע איז באַשלאָסן געוואָרן צוצושטעלן סיי דער פּאַריזער קאָמונע, סיי אַלע איבעריקע 59 סעקציעס. דעם אַנדערן טאָג, דעם 30טן יאַנואַר, איז אַ דעלעגאַציע פון דער קאַרמעליטן־סעקציע אויפגענומען געוואָרן אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער קאָמונע.

אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע האָט גערעדט דע זשערוויל:

זיין סעקציע האָט צוליב דער גרויסער צאָל יידן „מער ווי יעדע אַנדערע געהאַט די מעגלעכקייט זינט דעם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע צוצוקוקן זיך צו דעם פירעכץ פון די יידן, צו באַקענען זיך מיט זייערע פּרינציפּן און צו משפּטן וועגן זייער מאָראַל. וואונדערט זיך נישט בכן, וואָס די סעקציע פון די קאַרמעליטן האָט דעם כבוד צו זיין די ערשטע סעקציע אין אויסדריקן עפנטלעך אָנערקענונג פאַר זייער פּאַטריאָטיזם, זייער מוט און ברייטהאַרציקייט. קיין שום בירגער האָבן נישט אַרויסגעוויזן מער ברען ווי יידן אין דער דעראָבערונג פון דער פרייהייט; קיין שום אַנדערע האָבן זיך נישט אַזוי געאיילט זיך אָנצוטאָן אין די נאַציאָנאַלע מונדירן; נישטאָ קיין גרעסערע ליבהאָבער פון אָרדענונג און פון גערעכטיקייט; קיינער איז נישט מער ווי זיי גרייט צו געבן גמילות־חסדים פאַר אָרעמע און מנדב צו זיין פאַר די באַדערפנישן פון דיסטריקט — — — אויב די יידן, וואָס וואוינען אין פּאַריז זיינען נאָך נישט (אַנ־

* געמיינט איז דאָ די אויבן־דערמאָנטע פּעטיציע פון 26טן אויגוסט, 1789.

ערקענט) פראַנצויזן, גלייבט אונדז, אַז זיי האָבן זיך פאַרדינט עס צו זיין. לאָמיר אויסזאָגן אַ סוד: זיי זיינען עס שוין ביי אונדז. יאָ, אַזוי איז עס. דער דיסטריקט פון קאַרמעליטן האָט נישט געוואָלט מען זאָל מאַכן אַ חילוק צווישן זיי און די בירגער. מען לאָזט זיי צו צו די באַראַטונגען, זיי באַטייליקן זיך מיט אונדז אין דעם כבוד און שווערער אַרבעט פון מיליטערישן דינסט און קיין מינדסטער מורמל האָט מען קיינמאָל נישט געהערט קעגן אַזאַ באַזיצן פון שטאָט בירגער־רעכט, וואָס עס פעלט בלויז דערביי נאָך אַלץ אַ חתימה פון געזעץ. אַזאַ אַלגעמיינע צושטימונג, נישט געקוקט אויף דער אומפאַרמיידלעכער אַגיטאַציע מצד עגאָאיסטישע אינ־טערעסן, וועט איר דאָך מודה זיין, איז איינער פון די זיכערסטע סימנים פון דער עפנטלעכער מיינונג. — — — יידן, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון זייערע אַלטע חסרונות, האָבן דערפילט אַ באַדערפניש אין אַ פּאַטערלאַנד און מיר האָבן זיי אָנגעבאָטן אונדזערס — — — —". אַפּעלירנדיק צו דער קאָמונע, זי זאָל זיך איינשטעלן ביי דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פאַר די בירגער־רעכט פון די „נייע בירידער", פאַרזיכערט ער, עס וועט איר נישט אָנקומען שווער צו דערגרייכן פאַר די יידן אין פּאַריז, דאָס, וואָס עס האָבן שוין באַקומען די ספרדים: „וואָרום וואָס זאָל זיין דער מאָטיוו פון העכער שטעלן יענע? איז נישט די תורה פון אַלע יידן די זעלבע? צי זיינען אונדזערע פּאָליטישע באַציאונגען מיט די און יענע נישט גלייך? אויב די אבות פון די יידן, וועמענס זאַך מיר פאַרטיידיקן, זיינען אויס־געשטאַנען מער רדיפות און שגעון פון טיראַניע, ווי די פּאָרטוגעזישע יידן, דאַרף די לאַנגדויערנדיקע און אכזריותדיקע אונטערדריקונג, וואָס זיי האָבן געליטן, זיין נאָך אַ נייער זכות צו פאָדערן נאַציאָנאַלן יושר..."

אין דער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער קאָמונע נאָך דער רעדע פון דע זשערוויל, האָבן זיך אויך געלאָזט הערן שטימען פון אָפּאָזיציע. זייערע אַרגומענטן באַווייזן קלאָר, אַז דאָ איז געקומען צום אויסדרוק די השפעה פון דער רעאַקציאָנערער פּרעסע אויף אַ הייפל אָפּגעשטאַנענע קלעריקאַלע מיטגלידער פון דער קאָמונע: איינער האָט איבערגעחזרט דעם אויבן־דערמאָנטן אַרגומענט פון בישאָף לאַפאַר, אַז דער ביישפּיל פון צוריקרופן דאָס געזעץ וועגן נאַטוראַליזאַציע פון יידן דורך דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט אין 1753, באַווייזט ווי אַזוי עס איז אין די אינטערעסן פון יידן גופא נישט אויפצורייצן די באַפעלקערונג מיט פאָדערונגען וועגן גלייכבארעכטיקונג. אַ צווייטער האָט אויסגעש־שריגן: „דער הימל אַליין שטעלט זיך אַנטקעגן אָט־די יידישע פּראָיעקטן". פון אַן ערנסטערן כאַראַקטער איז געווען דער פאַרלאַנג פון עטלעכע מיט־גלידער, אַז יידן זאָלן זיין מחויב אָפּצוגעבן אַ שבועה, אַז זיי וועלן שוין מער נישט זיין „קיין באַזונדערע נאַציע אין אַ נאַציע", און וועלן זיין

געטריי דער נאַציע, די געזעצן און דעם קיניג. מיר האָבן דאָ פּאַר זיך נאָך אַ באַווייז, וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָלע עס האָט געשפּילט אין דער שטעלונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע לגבי יידן די פראַגע וועגן אָפּשאַפן די יידישע אויטאָנאָמיע, און אָפּגעזונדערטקייט דורך אייגענע דינים און בית־דינס, וועגן פולשטענדיקן אונטערוואַרפן זיך די געזעצן פון דער מלוכה.

די אָפּאָנענטן האָט אָפּגעענטפערט אין אַ גאָר אויספירלעכער רעדע, וואָס האָט באַרירט דאָס פראָבלעם פון פאַרשיידענע זייטן, אַבאַט בערטאָליאַ, אַ גלח און אַדוואָקאַט אין פּאַרלאַמענט, און שפּעטער אַמבאַסאַדאָר פון רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך אין רוים. אָנווייזנדיק אויף דער „דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטש“ און אויף דער גלייכבאַרעכטיקונג פון פּראָטעסטאַנטן, האָט ער דערקלערט: „מיר האָבן ענדלעך דערגרייכט דעם מאָמענט, ווען מען האַלט ביים פאַרריכטן אַ טעותדיקע מיינונג, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַזוי פיל מויערן פון סעפּאַראַציע צווישן מענטשן, וועלכע וואָלטן אייביק געווען באַדאַרפט צוזאַמענשטעלן בלויז איינע און די־זעלבע פאַמיליע... די דאָזיקע פּרינציפּן האָבן ערשט דאָ נישט לאַנג אָפּגעהאַלטן אַ נצחון בנוגע אַן אַנדער פאָראורטייל, וואָס איז נאָך מער איינגעוואָרצלט . . . ” די יידן פון באָרדאָ, באַיאָן און אַוויניאָן האָבן באַקומען פייערלעך־באַשטעטיקט זייערע בירגער־רעכט. „די זעלבע גערעכטיקייט פאָדערן איצט די פראַנצויזישע יידן, וואָס וואוינען אין פּאַריז און אין די אַנדערע טיילן פון דער מלוכה; צי קאָן מען עס זיי אָפּזאָגן? אויף וואָס פאַר אַ ממשותדיקן חילוק קאָן מען אָנווייזן צווישן זיי און צווישן זייערע ברידער פון באָרדאָ? זאָל מען אפשר זאָגן, אַז יענע האָבן פּאַטענט־בריוו און אַ באַשטעטיקטע רעכטלעכע לאַגע, וואָס די אַנדערע האָבן נישט? די פּאַטענט־בריוו פון די פראַנצויזישע יידן זיינען פאַראַן אין דער נאַטור, און די חתימה פון דער נאַטור איז זיכער אַזוי פיל ווערט ווי די חתימה פון אַלע קאָנצעלאַריעס פון איראָפּע . . . דאָס וואָס זייערע אומגליקן האָבן אַזוי לאַנג געדויערט איז נאָך אַ דרינגענדער טעם, אַז מיר זאָלן דאָס דאָזיקע בייז אָפּשטעלן. לאָמיר זיך צואיילן זיי צו מאַכן פאַרגעסן די פאַרברעכנס פון אונדזערע אבות“ . . .

פון שטאַנדפּונקט פון מלוכה־פּאָליטיק — פירט ווייטער אויס בערטאָליאַ, איז דאָס צולאָזן יידן צו בירגער־רעכט אַ גרויס געווינס: די פאַרוואָרלאָזטעווירטשאַפט פון לאַנד וועט געווינען „די אַרבעטס־הענט און די קאַפּיטאַלן פון יידן“ אין פראַנקרייך. נאָך מער: „איר וועט זען, אַז זיי וועלן קומען צו לויפן פון אַלע עקן וועלט, אין מאָמענט, ווען זיי וועלן וויסן, אַז די זון פון פרייהייט לייכט אין פראַנקרייך פאַר די אַלע, וואָס זיינען דאָרט געבוירן געוואָרן, אָדער וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט;

און די מלוכה וועט צוקריגן בייע בירגער, וואָס וועלן אויך זיין ניצלעך דורך זייער אַקטיווקייט, אינטעליגענץ, זייערע געלט־פאַרמעגנס און זייער אַרבעט..." וואָס שייך דער פראַגע פון דער יידישער רעליגיע, האַלט ער, אַז די מלוכה טאָר זיך נישט מישן אין רעליגיעזע ענינים. איר דאַרף בלויז אינטערעסירן די מאָראַל. די קריסטלעכע מאָראַל איז בלויז די אַנטוויקלונג פון דער יידישער מאָראַל, ביידע שטיצן זיך אויף דעם „ואהבת לרעך כמוך".

שאַרף זיינען די פּאָלעמישע שטעלן, וואו דער רעדנער צעלייגט די טענות פון די אָפּאָנענטן. אויף דער טענה, אַז „דער הימל אַליין שטעלט זיך אַנטקעגן די יידישע פּראָיעקטן" און אַז דער גורל פון די יידן איז אַ נקמה אַן זיי מן השמים, רופט אויס דער גייסטרייכער אבאַט בערטאָליאַ: „וואָס איז דאָס פאַר אַ טענה, רבותי? ווען וועט מען שוין אויפהערן צו רעדן רכילות אויף דעם רבונו של עולם?... גאָט נעמט נישט קיין נקמה.* לויט אַזאַ סאָפיסטיק וואָלט מען געקאָנט באַרעכטיקן אַלע גרויסע פאַר־ברעכנס קעגן דער מענטשהייט . . . די אָפּשטויסנדיקע שקלאַפעריי פון די נעגערס... דער גורל פון דער נאַטוראַליזאַציע פון יידן אין ענגלאַנד איז דווקא אַ ראיה לטובת דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן: עס באַווייזט, אַז די געזונטע עפנטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד האָט שוין מיט יאָרן צוריק געטראַכט דאָס זעלבע וועגן יידן וואָס ער האַלט און מיט אים צוזאַמען דאָס אויפגעקלערטע פראַנקרייך, נאָר די קעגנער אין ענגלאַנד זיינען נאָך דע־מאָלט נישט געווען אַזוי וויט אויפגעקלערט.

די ווירדיקע רעדע פון בערטאָליאַ, וואָס האָט אויסגעדריקט אי די גוט־פאַרשטאַנענע אינטערעסן פון אויפשטייגנדיקן פּראָגרעסיוון קאַפּיטאַ־ליזם בנוגע דער יידישער פראַגע, אי די אייזערנע אויסגעהאַלטנקייט פון די שענסטע אידייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט איינגע־נומען די גאַנצע פאַרזאַמלונג פון דער קאָמונע. אין דער רעזאָלוציע זיינען אָנגענומען געוואָרן אַלע טיילן פון בערטאָליאַס פאָרשלאָגן צוזאַמען מיט דער באַגרינדונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קאָמונע זאָל תיכף פאַרעפנטלעכן איר שטעלונג וועגן צולאָזן יידן צו אַקטיווע בירגער־רעכט און עדות זאָגן וועגן דעם פּאַטריאָטיזם און גוטע מידות פון פּאַריזער יידן. דער דאָזיקער באַשלוס זאָל אָבער געבראַכט ווערן פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג ערשט נאָכדעם, ווי אַלע סעקציעס פון דער שטאָט וועלן זיך וועגן דעם אַרויסזאָגן אויף פאַרזאַמלונגען, וואָס דאַרפן ספּעציעל פאַר דעם צוועק צונויפגערופן ווערן. דער מאָטיוו פאַר אַזאַ רעפערענדום איז אָנגעגעבן געוואָרן דער: די אייגנטלעכע מאַכט צו באַשליסן פאַרמאָגן

* אַ ביישפּיל פון טרעפלעכן אָפּפאַרטיקן דעם קלעריקאַלן אַנטי־יידישן אַרגומענט האָט שוין געגעבן אַבאַט גרעגואַר אין זיין „עסיי". פגל. אויבן.

די סעקציעס און זייער אַרויסגעזאָגטע שטעלונג „וועט האָבן מער חשיבות און וועט זיין מער פייערלעך פאַר די יידן, ווי די אַרויסגעזאָגטע שטעלונג בלויז פון דער (אַלגעמיינער) פאַרזאַמלונג". אויף דעם באַשלוס האָט זיך געחתמעט דער בירגערמייסטער פון פּאַריז ביילי און דער פאָרזיצער פון דער קאָמונע־פאַרזאַמלונג מיולאַ, וואָס האָט באַגריסט די רעזאָלוציע „פון גאַנצן האַרצן". גאָדאַר האָט געדאַנקט אין נאָמען פון די יידן פון פּאַריז און אויסגערופן, לויט אַ מנהג וואָס דער בירגערמייסטער האָט נאָר־וואָס איינגעפירט ביי פייערלעכע געלעגנהייטן: „לאָמיר באַגריסן די רעוואָלוציע, וואָס וועט אונדז אַלע פאַראייניקן ווי ברידער!"

אין משך פון דריי וואָכן זיינען אין דער קאָמונע אָנגעקומען ענטפערס פון 53 סעקציע־פאַרזאַמלונגען, וואו דער הסכם אויף דער רעזאָלוציע פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ווערט אויסגעדריקט על פי רוב מיט דער באַמערקונג: „איינשטימיק אָנגענומען", „פולקאָמען איינשטימיק", „מיט דער פולקאָמענסטער איינשטימיקייט". אַ געוויסן חלק אין דעם האָבן אויך געהאַט די אָנפירער פון די פּאַריזער יידן, דורך זייער ענערגישער אויפקלערונגס־אַקציע אין די סעקציעס. בלויז 6 סעקציעס האָבן נישט באַוויזן צוצושיקן זייער ענטפער און אים אויך שפּעטער נישט באַקאַנט געמאַכט. איין איינציקע סעקציע, פון דיסטריקט מאַטיורען, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז יידן זאָלן באַלד באַקומען די רעכט פון אַק־טיווע בירגער און האָט פאָרגעלייגט, אַז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג זאָל נישט באַשליסן וועגן ענין, איידער זי וועט אָנפרעגן אַלע פּראָווינצן פון לאַנד. זייער כאַראַקטעריסטיש איז די באַגרינדונג פון דעם דאָזיקן באַ־שלוס: די סעקציע האַלט אויך, אַז לויט אַלע כללים פון יושר, מענטש־לעכקייט און מענטשן־רעכט דאַרפן יידן באַקומען ציווילע בירגער־רעכט. דורך דעם „וועט זיך פראַנקרייך פאַרזיכערן יעדן נוצן, וואָס קען אַרויס־קומען פון זייער אונטערנעמערישקייט, צאָל און זייערע רייכקייטן, וועט פאַרלייכטערן זייער גורל און וועט זיי נאָך אַלץ האָבן געגעבן מער, ווי זיי וועלן האָבן דערגרייכט אין די מערסטע לענדער פון אייראָפּע — און אין דער זעלבער צייט וועט זי אויסמיידן אַלע סכנות און אומבאַקוועמלעכ־קייטן פון צולאָזן צו אַקטיווע בירגער־רעכט אַ פאָלק אָדער יחידים, וואָס זיינען בעצם אַזוי נישט פאַראייניבאַר inalliable מיט די אַנדערע ביר־גער"; יידן זיינען בטבע סעפּאַראַטיסטיש אי אין פראַנקרייך אי ערגעץ אַנדערש; זיי זיינען „אַ באַזונדער און אָפּגעשיידט פאָלק"; זיי אַליין שטעלן צוזאַמען אַ באַזונדערע נאַציע, וואָרום זיי האָבן זיך זייערע פאַר־שיידענע געזעצן, זייער אייגענע קאָנסטיטוציע, זייערע אייגענע ריכטער, באַאַמטע „סנהדרינס", רבנים און פּרנסים און אפילו „זייער אייגענעם מלך, אויף וועמען זיי קוקן נאָך אַלץ אַרויס." נישט געקוקט אויף דעם,

וואָס אין דער דאָזיקער שטעלונג קומט צום אויסדרוק די הערשנדיקע מיינונג אויך פון די רעוואָלוציאָנערע קרייזן וועגן יידישער אויטאָנאָמיע, האָט די קעגנערשאַפט פון דער סעקציע מאַטיורען צו פולער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אָן אַ ספק געהאַט ריין לאָקאַלע סיבות: דאָס איז געווען די סעקציע פון האַלעס און די דאָרטיקע הענדלער האָבן געהאַט שוואַכע סימפּאַטיעס פאַר זייערע יידישע קאָנקורענטן . . .

דער איזאָלירטער גרילץ פון דער מאַטיורען־סעקציע איז אפילו נישט גענומען געוואָרן אין אַכט דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער פאַריזער קאָמונע, וואָס האָט דעם 24טן פעברואַר אויפן יסוד פון די תשובות פון די סעקציעס אָנגענומען אַ נייע, אויספירלעכע רעזאָלוציע וועגן דער פראַגע פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג און וועגן אינטערווענץ ביי דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. מיט רעכט האָט מיולאָ זיין רעדע פאַר די פאָרשטייער פון פראַנקרייך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „גאַנץ פאַריז רעדט אין דעם מאָמענט צו אייך דורך אונדזער מויל!"

אין דער רעזאָלוציע ווערן נאָך אַמאָל איבערגעחזרט די הויפּט־אַרגומענטן, וואָס בערטאָליאָ האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין רעדע, איינשליסלעך דעם פּאַסוס וועגן דעם גרויסן נוצן, וואָס די גלייכבאַרעכטיקונג פון פראַנצויזישע יידן איז עלול צו ברענגען דורך דעם, וואָס זי וועט צוציען יידן פון אַנדערע לענדער זיי זאָלן איינוואַנדערן קיין פראַנקרייך; די רעזאָלוציע גיט נאָך צו, אַז דורך אַזאַ אימיגראַציע וועט אַ סך פאַרגיטיקט ווערן דער שאָדן פון עדיקט פון נאַנט (גירוש פון די קאַלוויניסטן), וואָס איבער אים קאָן פראַנקרייך נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך. מיט כאַראַקטעריסטישער עקשנות ווערט אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע, פּונקט ווי אין דער דערמאָנטער רעזאָלוציע פון דער קאַרמעליטן־סעקציע, ווידער באַרירט די פראַגע וועגן אָפּזאָגן זיך פון קהילה־אויטאָנאָמיע: „נעמענדיק אין אַכט, אַז, אויב אפילו עטלעכע באַזונדערע דאָגמעס פון דער יידישער רעליגיע זעען אויס צו זיין אין סתירה מיט די געזעצן פון דער פראַנצויזישער מלוכה, קאָן מען דאָס געביט פון איבערלעכן געוויסן נישט אָפּירהאַלטן די יידן, היות בנוגע דעם דרויסנדיקן געריכט וועלן זיי שוין מער נישט זיין אויסגעטיילט פון די אַנדערע בירגער, וואָרום זיי זיינען מסכים געמשפּט צו ווערן דורך אונדזערע טריבונאַלן, נישט דורך זייערע באַזונדערע געזעצן . . . אָפּזאָגנדיק זיך פון אַלע זייערע פּריווילעגיעס . . ."

עס איז אויך ווערט צו באַמערקן, אַז אין מעמאָראַנדום צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג ווערט אַפּעלירט צו געבן רעכט אַלע יידן אויך אין נאָמען פון אַזאַ מאָטיוו: נישט צו שאַפן „ביי יידן אַ מין אַריסטאָקראַטיע" (פון ספרדים). דאָס באַווייזט, אַז די וואַרעמע פאַרטיידיקונג פון אשכנזישע יידן דורך דער פאַריזער קאָמונע איז אַחוץ אַלע דערמאָנטע

מאַטיוון סטימולירט געוואָרן אויך דורך דעם דירעקטן פּאָליטישן אײַנ־טערעס פון דער דעמאָקראַטיע, אַז ביי יידן גופא אין זעלבן לאַנד זאָל אויך הערשן דעמאָקראַטיע, על כל פנים וואָס שייך די רעכטלעכע לאַגע פון באַזונדערע גרופּעס.

אַ טאָג נאָך דער פאַרזאַמלונג, דעם 25טן פעברואַר, האָט אַ דעלעגאַציע פון חשובסטע מיטגלידער פון דער פּאַריזער קאָמונע, צווישן זיי אַבאַט מיולאַ, גאַדאַר, אַבאַט בערטאַליאַ, זיך געשטעלט פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. מיולאַ האָט ביים איבערגעבן די רעזאָלוציע פון דער קאָמונע, געהאַלטן אַ הייסע רעדע, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „מיר באַטראַכטן זיי (די יידן) ווי ברידער; מיר קענען זיך קוים דערוואַרטן זיי צו (מעגן) אָנרופן אונדזערע מיטבירגער“.

דער פאָרזיצער פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, טאַליראַן, האָט די דעלעגאַציע פאַרזיכערט, אַז די פראַגע וועט באַטראַכט ווערן אין גייסט פון די אָנגענומענע פּרינציפּן וועגן מענטשן־רעכט און פון די אָנגענומענע געזעצן וועגן אַקטיוון בירגער־רעכט און וועט דערביי נעמען אין אַכט די מאָטיוון, וואָס די דעלעגאַציע האָט „אויף אַזאַ רירנדיקן אופן אַרויס־געבראַכט“. אויך דאָס, פּונקט ווי די אײַנלאַדונג פון דער דעלעגאַציע פון דער קאָמונע צו בלייבן אויף דער זיצונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט מער ווי דיפּלאָמאַטישע העפלעכקייט: צומאַרגנס האָט דער הערצאָג דע ליאַנקור (דע לא ראָשפוקאָ) געפאָדערט, אַז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג זאָל באַשטי־מען די דאַטע, ווען זי האָט בדעה צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן יידישן רעכטלעכן מצב. באַלד האָט זיך אויפגעשטעלט אַ דעפּוטאַט (זיין נאָמען איז נישט פאַרצייכנט אין פּראָטאָקאָל) און דערקלערט, אַז הגם „די פראַגע פון יידן איז אָן אַ ספק זייער וויכטיק“, איז זי נוגע בלויז איין גרופּע מענטשן; פאַראַן אָבער אויפן סדר היום אַ רייע וויכטיקערע פראַגן, און וועלכע האָבן אַ שייכות צום גאַנצן לאַנד, און די דרינגענדיקסטע זיינען די אָרגאַניזאַציע פון געריכטן, די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרמיי און אַ פאַר־אָרדנונג וועגן פינאַנץ־וועזן. די דאָזיקע פראַגן פאָדערן אָפּצוגעבן די גאַנצע נאָענטסטע צייט און דערפאַר לייגט ער פאָר אָפּצולייגן דאָס באַ־טראַכטן די פראַגע וועגן יידן. דער פאַרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן. די דעמאָקראַטישע פּאַריזער קאָמונע האָט טאַקע געמעגט אַלאַרמירן, אַז זי קאָן זיך גאָר נישט דערוואַרטן אויף דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן, וועלכע זי האָט אויפגענומען ווי ברידער. די הויכע נאַציאָנאַל־פאַרזאַמ־לונג, וואו די ליבעראַלע בורזשואַזיע און דער ליבעראַלער אַדל האָט זיך אַרומגעריסן מיט דער אָפּאָזיציע פון שוואַרצן קלער און ראָיאַליסטישער אַריסטאָקראַטיע, האָט נישט געאַרט, אַז יידן וועלן ווייטער שמאַכטן לאַנגע חדשים אין אומזיכערקייט און רעכטלאָזיקייט און אויסקוקן זיך די אויגן אויף דער אַנטשיידונג.

§19. די רעאַקציאָנערע אַנטי־יידישע קאַמפּאַניע און דאָס אָפּליינגן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג

כדי אָנטקעגנצואווירקן דער ווירדיקער אינטערווענץ פון דער פּאַ־ריזער קאָמונע לטובת די רעכט פון יידן, סוף פעברואַר 1790, האָט דער קלער און רעאַקציאָנערער אַדל מיט אַ נייעם בייזן אימפּעט פאַרשטאַרקט זיין אַנטי־יידישע קאַמפּאַניע סיי אין פּאַריז, סיי אין דער פּראָווינץ. אחוץ דעם דירעקטן ציל פון נישט צולאָזן צו יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, איז די קאַמפּאַניע געווען אויסגערעכנט אויף אַ ווייט גרעסערן ענין: דער פּלאַן איז געווען אָפּצואווענדן די באַפעלקערונג פון דער רעוואָלוציע און פאַרקערעווען זי אין אַ באַוועגונג קעגן די מכלומרשטע שונאים פון דער קאַטוילישער רעליגיע. דאָס באַווייזט באַשיימפּערלעך דער פאַקט, אַז אין גאַנץ פראַנקרייך איז די אַגיטאַציע פון קלער געווען געווענדט גלייכצייטיק אויך קעגן די קאַלוויניסטן און אַנדערע פּראָטעסטאַנטן, וועלכע מען פלעגט טאַקע פאַרשטעלן ווי די פאַרבינדעטע פון יידן און על פּי רוב דער־מאָנען צוזאַמען מיט זיי. אין געגענטן פון דרום־פראַנקרייך, וואו עס איז נישט געווען קיין יידן, אָדער זייער צאָל איז געווען גאָר ווינציק, איז די אַגיטאַציע געווען געווענדט אויסשליסלעך קעגן פּראָטעסטאַנטן: אין די שטעט נים און מאָנטאָבאַן האָבן די קלעריקאַלע אַגיטאַטאָרן אין 1790 פּונקט אַזוי פּלאַנמעסיק אויפגעהעצט די באַפעלקערונג קעגן פּראָטעס־טאַנטן, ווי זיי האָבן עס געטאָן אין דער זעלבער צייט אין עלזאַס קעגן יידן.

קיין שום שקר און דעמאַגאָגיע איז נישט געווען צופיל גרוזאַמדיק פאַר דער קלעריקאַלער שונד־פּרעסע כדי אויפצורייצן דעם האַס קעגן יידן. צוויי טעג נאָך דער אינטערווענץ פון דער פּאַריזער קאָמונע האָט אַ קלעריקאַל בלאַט דערציילט, אַז „די אייניקלעך פון אהרן, משה, אליהו און פון אַלע פּאַטריאַרכן פון פּאַלעסטינע" פּלאַנירן בהדרגה איבערצונעמען די שטילע קלויסטערס פון „די תלמידים פון הייליקן ברונאָ, הייליקן בענוא, דעם מלאך אלהים הייליקן פראַנציסקוס, דעם . . . הייליקן דאָ־מיניק און אַנדערע הייליקע פון דער זעלבער מדרגה" . . . יידישע וואָ־כערער וועלן זיך אַרומדרייען דאָרט וואו מען האָט פריער געזונגען מאַ־נאַכן . . . מען האָט אפילו געוואוסט צו דערציילן גענוי, וועלכע קירכע אין פּאַריז ווערט אָפּגעקויפט דורך יידן און וועלכע דורך פּראָטעסטאַנטן און מוסולמענער. די גלחים וועלן גיין בעטלען, בעת „דער גאַוהדיקער פּראָטעסטאַנט און דער חוצפּהדיקער ייד" וועלן טרעטן אויף די קירכלעכע הייליקע בגדים — האָט געשריבן די „גאַזעט דע פּאַרי", סוף מערץ, 1790.

אַלע ליבעראַלע דעפּוטאַטן און באַזונדער די, וואָס האָבן זיך אַרויס־געשטעלט ווי פאַרטיידיקער פון יידישע רעכט, האָט מען געפּרואווט פאַר־

שוואַרצן ווי כאַבאַרניקעס און אָנגעגעבן אפילו די סומע, וואָס זיי האָבן געזאָלט באַקומען פון יידן, ווי איבעריקנס אויך פון פּראָטעסטאַנטן. באַזונדער האָט מען זיך באַמיט צו פּאַרמיאוסן גלח גרעגואַר, אויף וועמען מען האָט דערציילט, אַז ער דאַוונט יעדן שבת אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וועלכע ער האָט פאַרוואַנדלט אין אַ סינאַגאָגע. שפּעטער, אין 1791, האָט די זעלבע פּרעסע אים שוין גערופן נישט אַנדערש ווי „ראַבין גרעגואַר" און אינפאָרמירט די לייענער, אַז דער דאָזיקער „ראַבין" גרייט צו אַ דעקרעט, אַז אַלע פראַנצויזן זאָלן מוזן זיך פּאַרלאָזן בערד. אַ מער בכבודיקע ראַיאַליסטישע צייטונג, ווי „מערקור דע פראַנס", האָט דירעקט אַטאַקירט די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, צוליב „רעליגיעזע" טעמים און געוואָרנט אַז „גאָט האָט דערקלערט, אַז יידן מוזן שטענדיק זיין אומגליקלעך".

פון פּאַריז אויס איז דורך די רעאַקציאָנערע דעפּוטאַטן פון עלזאַס אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּלאַנמעסיקע אַקציע קעגן עלזאַסער יידן. אַחוץ די פריער־אַרויסגעגעבענע בראָשורן פון פירשט דע בראָלי, פון העל, גלח טיבאָ, איז אָנהויב 1790 פאַרשפּרייט געוואָרן אַ נייע בראָשור פון דערמאָנטן בישאָף לאַפאַר פון נאַנסי (אויף וועלכער בער יצחק בער און יעקב בער האָבן פאַרעפנטלעכט ענטפערס). אויך אַרטיקעל נייע מחברים האָבן זיך געפונען אין עלזאַס, וואָס זיינען אַרויסגעקומען קעגן יידן מיט בראָשורן אויף פראַנצויזיש און אויף דייטש, וואו זיי האָבן באַשולדיקט יידן אין וואוכער, און, אגב, אויך אָנגעפאַלן אויף דער יידישער רעליגיע. אין דער דאָזיקער ליטעראַטור איז שוין בפירוש אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג ווי אַ נאָענטער סכנה, וואָס קאָן ברענגען נויט און אומגליק אויף דער באַפעלקערונג. גלייכצייטיק מיט דער דאָזיקער שריפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע פירן אָן די דאָרטיקע גייסטלעכע אַ מינדלעכע אַגיטאַציע, דערציילנדיק, אַז יידן גרייטן זיך אָפּצוקויפן אַלע נאַציאָנאַליזירטע גיטער פון דער קירך און אַז דער פויער וועט דורך דעם נישט נאָר פאַרלירן די געלעגנהייט צוצוקויפן לאַנד, נאָר ער וועט דורך די נייע יידישע גרונדבאַזיצער געשטעלט ווערן בדלות. ביי דער גאַנצער אָנשטרענגונג האָט זיך אָבער די פאַראייניקטע כוחות פון דער עלזאַסער רעאַקציע נישט איינגעגעבן אַרויסצורופן פּאָגראָמען אויף יידן, אַזוי ווי דאָס איז געשען אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע. אַחוץ אַ פאַראיינצלטן פאַל, וואו נאַציאָנאַלע גוואַרדיסטן אין אַ שטעטל האָבן זיך דערלויבט צו טשעפּן יידן און אויספּרעסן פון זיי געלט, אָדער אַן אַנדערן איינציקן פאַל, וואו מען האָט באַוואָרפן מיט שטיינער אַ יידיש הויז, הערן מיר בלויז וועגן קליינלעכע שיקאַנעס מצד די שטעטלדיקע מוניציפּאַל־פאַרוואַלטונגען, וואָס זיי־

נען געווען אַ פּרוּוו פאַרצוזעצן די פּראַקטיק פון פאַר דער רעוואָלוציע. געווען שטעטעלעך וואו מען האָט יידן ניט געלאָזט פאַשען זייערע קי אָדער ציגן אויפן פאַשע פעלד פון דער גמינע; צוגענומען ברויט ביי אַ יידישער בעקערין, אָדער די „סחורה" פון אַ „כשר־קעז פאַרקויפער", ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַוויליקונג פון דער שטאָט, אָדער אונטער דעם זעלבן תירוץ געשטערט אין אַן אַנדער שטעטל די דאָרטיקע קצבים אין זייער פאַך. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער נייער תקופה איז דאָ דווקא די באַציאונג פון דער פּראָווינץ־אַדמיניסטראַציע, די דירעקטאָריאַטן פון דיסט־ריקטן און נידער־ריין דעפּאַרטמענט צו יידן: נישט נאָר מאַכט דער דירעקטאָריאַט פאַראַנטוואָרטלעך די מוניציפּאַליטעטן פאַר די איינצעלנע פאַרגעקומענע אָנפאַלן אויף יידן און בעמט זיך אָן פאַר זיי ביי יעדן פאַל פון שיקאַנעס; דער דירעקטאָריאַט גיט אויך צו פאַרשטיין די מאַגיסט־ראַטן, אַז די רעוואָלוציע האָט איינגעפירט פרייהייט פון האַנדל, אַז מען טאָר נישט אַרויפלייגן אויף יידן קיין שום באַזונדערע שטאַטישע אָפּצאָלן, ווייל דאָס הייסט „צוריק אויפשטעלן פעאָדאַלע רעכט", און אַז מען טאָר נישט אָנווענדן קעגן יידן דאָס געזעץ פון 1784 וועגן פאַרבאָט פון חתונה אָן אַ קיניגלעכער דערלויבעניש, ווייל דאָס איז אין אַ סתירה מיט דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט.

די זעלבע שטעלונג, ווי די נייע מלוכה־פאַרוואַלטונג, פאַרנעמט אין דעם זעלבן עלזאַס אויך אַ פּראָגרעסיווע אויפגעקלערטע עליטע פון דער באַפעלקערונג. אין שטראַסבורג גופא, דער הויפּטשטאָט פון דער עלזאַסער פּראָווינץ און דעם נעסט פון אַנטי־יידישער אַגיטאַציע, נעמט אָן די דאָר־טיקע „געזעלשאַפט פון פריינד פון דער קאָנסטיטוציע", סוף פעברואַר, 1790, ביי לעבעדיקע אַפּלאָדיסמענטן, אַ רעזאָלוציע וועגן יידישער גלייכ־באַרעכטיקונג און באַשליסט זי אַריינצושיקן דער אָרגאַניזאַציע פון דער זעלבער „געזעלשאַפט" אין פּאַריז (שפּעטער באַקאַנט ווי דער „יאַקאָבי־נער־קלוב"), כדי זי זאָל זי צושטעלן דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. די שטאָט־טאַטעס פון שטראַסבורג האָבן אין אַזאַ מאַניפעסטאַציע פון פאַר־ברידערונג דערזען די סכנה פון באַנקראָט פון דער גאַנצער ביז־איצטיקער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט און זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ קעגן־מאַניפעסטאַציע. ווי אַ מין קאַריקאַטור פון פּלעביסציט פון דער פּאַריזער קאָמונע, האָט די שטראַסבורגער „קאָמונע" אויך אָרגאַניזירט פאַרזאַמלונגען פון אַלע שטאָט־סעקציעס און דערנאָך אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע „אַקטיווע ביר־גער". די שטראַסבורגער פּאַטריציער האָבן נישט נאָר געפּרוּווט אויס־צושפּילן דעם נידעריקסטן רעליגיעזן האַס, אָרגאַניזירנדיק די אַקציע דווקא אין דער וואָך פאַר פּסחא, נאָר זיי האָבן אויף די פאַרזאַמלונגען פון די סעקציעס טעראָריזירט יעדן, וואָס האָט געפּרוּווט צו נעמען אַ וואָרט

לטובת יידן (בערך אַ צענדליק אַזעלכע מוטיקע שטימען זיינען פֿאַרפּראָ־טאָקאָלירט געוואָרן). די רעדל־פֿירער פֿון דער אַקציע זיינען געווען די גלחים און די רייכע סוחרים.

דער מאָטיוו פֿון מורא פֿאַר דער קאָנקורענץ פֿון יידן, אויב זיי וועלן באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג, איז בפֿירוש אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אַ טייל רעזאָלוציעס פֿון די סעקציעס, צוזאַמען מיט אַזאַ „באַגרינדונג״ ווי, למשל, אַז יידן באַליידיקן דעם נאָמען פֿון קריסטוס. די רעזאָלוציעס זיינען געווען די פֿאַרקערטע זייט פֿון די באַשלוסן פֿון די פּאַריזער סעקציעס אפֿילו אין אַזאַ פּרט ווי שרעקן מיט דער סכנה, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג פֿון פּראָווינציזישע יידן קאָן ברענגען אויף שטראַסבורג אַן אינוואַזיע־איינ־וואַנדערונג פֿון „עלנטע דייטשע און פּוילישע יידן״, וואָס וועלן דערפֿירן די שטראַסבורגער בירגער צו עמיגראַציע. די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון די שטראַסבורגער אַקטיווע בירגער האָט נאָך אַזאַ „פּלעביסציט״ אָן שווע־ריקייטן דעם 8טן אַפּריל 1790 אָנגענומען אַ רעזאָלוציע קעגן דער פּע־טיציע פֿון יידן פֿון 28טן יאַנואַר און קעגן דעם מעמאָראַנדום פֿון דער שטראַסבורגער געזעלשאַפֿט פֿריינט פֿון דער קאָנסטיטוציע און די רע־זאָלוציע אָפּגעדרוקט, אויסגעקלעפּט איבער דער שטאָט און אַריינגעשיקט אין דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג. אַן ענלעכע אַקציע איז באַלד אָרגאַני־זירט געוואָרן אין אַנדערע שטעט און די בירגער פֿון קאָלמאַר (וואו קיין יידן האָבן נישט געוואוינט) און נאָך דריי שטעטלעך האָבן באַלד נאָכגע־טאָן דעם ביישפּיל פֿון שטראַסבורג.

די אומדערמידלעכע אַקציע פֿון שוואַרצן בלאָק אין עלזאַס איז גע־ווען ענג קאָאָרדינירט מיט זיינע מאַנעווערס אין דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמ־לונג נישט צו דערלאָזן צו אַ באַשלוס וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. יעדעס מאָל ווען פֿון ליבעראַלן צד איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוואו צו שטעלן די פֿראַגע פֿון יידן, האָבן די שוואַרצע אַרויסגעשטעלט די על־זאַסער צו פֿאָדערן אַראָפּצונעמען די פֿראַגע פֿון סדר היום, כדי צו פֿאַר־היטן אַן אויסברוך פֿון „פֿאָלקס־צאָרן״. אַזוי איז געווען דעם 15טן אַפּריל, ווען די פֿראַגע האָט אַרויסגערופֿן אַ דיסקוסיע, און גלה מאַרי און דער־נאָך רעוובעל האָבן געפֿאָדערט דעם ענין אָפּצולייגן. דער הערצאָג דעלאַ ראָשפֿוקאָ, האָט דערויף געענטפֿערט, אַז דווקא דאָס כסדרדיקע אָפּלייגן די פֿראַגע פֿון גלייכבאַרעכטיקונג שטעלט אויס די יידן אויף אַ סכנה, ווייל עס איז עלול צו דערמוטיקן די אַנטי־יידישע באַוועגונג. דערביי האָט ער געבראַכט ווי אַ ראיה, אַז די באַפֿעלקערונג פֿון עלזאַס רעכנט זיך שוין מיט דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין דער נאָענטסטער צו־קונפֿט, וואָס געוויסע דאָרטיקע געמיינדעס האָבן פֿאַר זיי רעזערווירט אַ חלק ביים פֿאַרטיילן פֿון די געמיינדע־גיטער. די פֿאַרזאַמלונג האָט אויך

דאָס מאָל באַשלאָסן דעם ענין איבערצושיקן אין דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָמיסיע, דאָס הייסט, אָפּלייגן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. די דריי געמיינדעס אין עלזאַס, וועלכע דער ליבעראַלער הערצאָג האָט אָנגערופן, האָבן שפּעטער, מן הסתם אונטער דעם דרוק פון דער אַגיטאַציע, גע־לייקנט, אַז זיי גרייטן זיך צו דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. אָבער באַלד צומאָרגנס, דעם 16טן אַפּריל, איז אויף דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמ־לונג פאַרגעלייענט געוואָרן אַ בריוו פון אַ מוניציפּאַליטעט אין עלזאַס, וואָס האָט געמאָנט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג זי זאָל אָננעמען תיכף ומיד אַ דעקרעט וועגן יידן, ווייל די אומזיכערקייט פון דער יידישער לאַגע שטעלט די יידן אין אַ סכנה. אויף דער זעלבער זיצונג איז אויך באַקאַנט געוואָרן דער בריוו פון סערף בער, וואו ער ווייזט אָן אויף דער טעראָר־אַגיטאַ־ציע פון שטראַסבורג און אויף דער סכנה פון נייע פּאָגראָמען אין עלזאַס. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט דערויף אָנגענומען כמעט איינשטימיק דעם פאָרשלאָג פון דעפּוטאַט רעדערער: „די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג שטעלט אויפסניי די יידן פון עלזאַס און אַנדערע אונטערן שוץ פון גע־זעץ; פאַרווערט וועמען עס איז אָנצוגרייפן זייער באַזיץ און פאַראָרדנט די מוניציפּאַליטעטן און די נאַציאָנאַלע גוואַרדיעס צו באַשיצן זייערע פּערזאָנען און זייער פאַרמעגן מיט זייער גאַנצער מאַכט“.

נישט געקוקט דערויף, וואָס דער דעקרעט, געחתמעט דורכן קיניג, איז אַריין אין קראַפט, איז די אַגיטאַציע קעגן דאָרטיקע יידן נישט אָפּגע־שטעלט געוואָרן. דעם 20טן אַפּריל האָט דער עלזאַסער דעפּוטאַט שווענדט איבערגעגעבן דעם פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג דעם מעמאָראַנדום פון שטראַסבורג און שפּעטער זיינען אָנגעקומען, ווי דער־מאָנט, אויך מעמאָראַנדומס פון עטלעכע אַנדערע שטעט. דער דעקרעט האָט אָבער געהאַט די ווירקונג, וואָס די דירעקטע סכנה פון פּאָגראָמען איז אַריבערגעגאַנגען. און דאָך האָט זיך דער ליבעראַלער צד אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג ווייטער געהאַלטן ביי דער טאַקטיק צו לאָזן הענגען די פראַגע פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, און נישט געוואָלט דערפירן אין דעם דאָזיקן פּונקט צו אַ נייער פאַרמעסטונג פון כוחות מיט די שוואַרצע, און אפשר אויך מיט אייגענע אומזיכערע מיטגלידער. אין עטלעכע טעג אַרום, דעם 30טן אַפּריל, האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אָנגענומען אַ דעקרעט, אַז אַלע אויסלענדער, וואָס וואוינען אין פראַנק־רייך לכל־הפחות 5 יאָר, ווערן אונטער באַשטימטע תנאים (אומבאַוועגלעך אייגנטום אָדער אַן אייגענע געשעפט־אונטערנעמונג, אָדער חתונה מיט אַ פראַנצויזין) באַרעכטיקט צו ווערן אַקטיווע בירגער. הגם דער דעקרעט האָט מכוון געווען בעיקר צו רעגולירן די רעכטלעכע לאַגע פון דער באַ־פעלקערונג אין די גרענעץ־געביטן און אין די האַפן־שטעט, איז די עוולה

פון אויסלאָזן אויך ביי דער געלעגנהייט די פראַגע פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג געווען אַ שרייענדיקער פּאַראַדאָקס: האָבן דאָך יידן על־כל־פנים, אפילו באַטראַכט פון שטאַנדפּונקט פון אויסלענדער, געוואוינט אין פראַנקרייך נישט 5 יאָר, נאָר זינט די רוימישע צייטן, און געקאָנט זאָגן ווי אברהם אבינו אין דעם טראַדיציאָנעלן טייטש פון פסוק: „גר ותושב אנכי עמכם“: ממה נפשך, אָדער מיר זיינען גרים, אויסלענדער, אָדער מיר זיינען תושבים? דאָס האָבן גוט פאַרשטאַנען די רעדל־פירער פון שוואַרץ־עלזאַסישן בלאָק. צומאָרגנס, ביים לייענען דעם פּראָטאָקאָל, האָט רעוובעל פאָרגעלייגט אַריינצונעמען אין דעקרעט אַן אויסבעסערונג לויטן שוין אָפּגעריבענעם נוסח, וואָס איז נאָך שפּעטער כסדר איבערגעחזרט געוואָרן: „דערביי ווערט פאַרשטאַנען, אַז קיין שום זאַך ווערט נישט באַשלאָסן וועגן דער פראַגע פון בירגערלעכן מצב פון די יידן, וועלכע ווערט אָפּגעלייגט“. די אויסבעסערונג איז אָנגענומען געוואָרן.

די ליבעראַלע פּרעסע וואָס האָט די גאַנצע צייט געשטיצט די פאָדערונג פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג און אפילו געמאָנט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג זאָל נישט אָפּלאָזן דעם ענין („זשורנאַל דע פּאַרי“, 25טן מערץ, 1790), האָט לכתחילה, נאָכן אָננעמען דאָס געזעץ וועגן בירגערשאַפט פאַר פרעמדע, געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער דעקרעט דאַרף קאָנסעקווענט אָנגעווענדט ווערן אויך אויף יידן („קוריער פּראַנסע“). אָבער נאָך דעם, ווי די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט בפירוש ווידער באַשלאָסן לויטן פאָרשלאָג פון רעוובעל, די פראַגע אָפּצולייגן, האָט אפילו דער אויסגעהאַלטענער ליבעראַלער זשורנאַל אין דער באַציאונג, דער „זשורנאַל דע פּאַרי“, נישט מער געפונען ווי אַ טרייסט, אַז מן הסתם האַלט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר צו־וויכטיק, זי זאָל זי באַשליסן אומדירעקט, דורך אגב און נישט אויף אַ באַזונדערן און פייערלעכן אופן. דער אָרגאַן פון מיראַבאָ, „קוריער דע פּראָוואַנס“, האָט גאָר גאַנץ אָפן, דעם 14טן אַפּריל, מודיע געווען יידן, אַז דער ענין פון זייער גלייכבאַרעכטיקונג ווענדט זיך אָן זיי, אָן זייער הסכם אויף די תנאים וועגן אָפּזאָגן זיך פון אויטאָנאָמיע. אָט־וואָס ער שרייבט, צי אויף דעם אייגענעם אחריות, צי אפשר אינספּירירט דורך אַ געוויסער גרופּע ליבעראַלן: „צוויי־דריי פראַגן פון ,קאַטעכיזם׳ (אני מאמין) דאַרפן באַשטימען דעם דאָזיקן ענין! רבותי! צי זיינען אונדזערע געזעצן (אויך) אייערע געזעצן? צי זיינען אונדזערע געריכטן (אויך) אייערע געריכטן? צי זייט איר אין זין פון געזעץ אונדזערע מיטבירגער, אונדזערע ברידער? צי קאָנט איר אָפּגעבן די בירגערלעכע שבועה מינדלעך און אויך אין האַרצן? אויב יאָ, איז מה טוב! זייט איר גוטע פראַנצויזן, זייט איר אַקטיווע בירגער. אויב נישט, טאָ בלייבט־זשע זיך פּאַסיווע בירגער, און

וואָרט, אַז ירושלים זאָל צוריק־אויפגעשטעלט ווערן, וואו איר וועט זיין אַקטיווע אָדער פּאַסיווע, ווי עס וועט אייך געפעלן".

עס איז נישט קיין צופאַל, אַז דער זעלבער זשורנאַל „קוריער דע פּראָוואַנס" האָט נאָך בעת דער דעצעמבער־דעבאַטע אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג געהאַט געשטעלט די פראַגע: „די יידן, געבוירענע אין פראַנקרייך — זיינען פראַנצויזן; דאָס זיינען אונדזערע לאַנדסלייט, אונ־דזערע מיטבירגער. צי ווילן זיי געניסן פון אַלע בירגער־רעכט? עס איז נויטיק, אַז זיי זאָלן זיך אונטערוואַרפן אַלע בירגערלעכע און פּאָליטישע געזעצן פון דער מלוכה . . ." אי דער נוסח, אי דער טאָן איז אָבער איצט גאָר אַן אַנדערער. איצט שטעלט שוין מיראַבאָ'ס צייטונג די פראַגע נישט רעטאָריש, נאָר היפּאָטעטיש, ווי אַ ברירה, און דערמאָנט די אַנדערע ברירה וועגן ירושלים, וואָס האָט שוין אַ ביי־טעם פון אַן אַנטיסעמיטי־שער דראָאונג.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַפּריל 1790 איז שוין דער באַדינג וועגן בטל מאַכן די אויטאָנאָמיע נישט געווען מער ווי אַ תירוץ, הגם דער גאַנצער בירגערלעכער לאַגער האָט געהאַלטן, אַז גלייכבאַרעכטיקונג און אויטאָ־נאָמיע קאָנען נישט געמאָלט זיין אינאיינעם. האָבן דאָך די עלזאַס־לאָ־טאַרינגישע יידן שוין אין זייער בשותפותדיקער פּעטיציע מיט די פּאַרי־זער אשכנזישע יידן, סוף יאַנואַר, זיך לחלוטין געהאַט אָפּגעזאָגט פון קהילה־אויטאָנאָמיע. * אַ תירוץ וועגן אויטאָנאָמיע האָט אויך אַרויסגערוקט רעוו־בעל אין זיין בריוו פון 5טן יאַנואַר, 1790, צו קאַמיל דעמולען, וואָס האָט אים געהאַט אַטאַקירט אין זיין זשורנאַל פאַר דער אַנטי־יידישער אַרויס־טרעטונג: „איך בין שטאַרק מסופק, — האָט זיך פאַרענטפערט רעוובעל, — צי עס איז דאָ עמיץ אין דער גאַנצער (נאַציאָנאַל) פאַרזאַמלונג, וואָס איז מער טאָלעראַנט פון מיר... אָבער וואָס האַלט איר וועגן מענטשן, וואָס ווילן ווערן פראַנצויזן און אין דער זעלבער צייט אויפהיטן יידישע פּאַרוואַלטערס, יידישע נאָטאַרן . . . און ווילן האָבן אַנדערע געזעצן וועגן ירושה, וועגן חתונה־רעכט א. אַז. וו. — — — ווי איר זעט, בין נישט איך דער, וואָס שליסט אויס די יידן; זיי שליסן זיך אַליין אויס". רעוובעל פאַררופט זיך דערביי בפירוש אויף דעם „אַדרעס" פון די עלזאַס־לאָ־

* דאָס האָט נישט געשטערט, אַז אַ טייל מנהיגים פון די עלזאַס־לאָטאַרינגישע יידן, האָבן זיך ווייטער געהאַלטן ביי זייער שטאַנדפּונקט וועגן קהילה־אויטאָנאָמיע. אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט נאָך אַלץ אַרויסגעבראַכט אין י. 1790 בער יצחק בער אין זיין איבנדערמאָנטן ענטפער אויף דער אַנטי־יידישער בראָשורע פון בישאָף לאַפאַר. זיין פלימעניק יעקב בער האָט דערפאַר אין זיין בראָשורע זיך בפירוש אָפּגעגרענעצט פון זיין פעטערס „סעפּאַראַטיזם".

טאַרינגישע יידן פון 31טן אויגוסט, 1789. און דאָך האָט ער אויך נאָך דער פעטיציע פון די זעלבע יידן פון סוף יאַנואַר 1790, נאָך זייער עפנטלעכן אָפזאָג פון אויטאָנאָמיע, ווייטער געפירט זיין דעמאַגאָגישע העצערישע קאַמפּאַניע קעגן יידן, סיי אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, סיי אין עלזאַס.

בישט די יידישע אויטאָנאָמיע איז געווען די מניעה פאַר דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אין יענער תקופה אַוועקצושטעלן די פראַגע פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אויפן סדר היום, גאָר די פּרינציפּלאָזיקייט, די פשרה־טאַקטיק פון איר ליבעראַלן צד גופא, וואָס איז געווען אינערלעך צעשפּליטערט, און האָט פאַרמאָגט אויך אַזעלכע עלעמענטן, ווי דעם רעדאַקטאָר פון „קוריער דע פּראָוואַנס", מיראַבאָ.

מיט דער פולער אויפריכטיקייט און קאָנסעקווענץ האָט איצט ווייטער געפירט איר אַקציע פאַר יידישע רעכט, די פאַריזער קאָמונע.

§20. נייע אינטערווענצן פון דער פאַריזער קאָמונע און די פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע

דעם דעקרעט פון 30טן אַפּריל 1790 וועגן אַקטיווע בירגער־רעכט פאַר אויסלענדער מיטן אויסשלוס פון יידן און די גלייכצייטיקע אַנטי־יידישע אַקציע פון מעמאָראַנדומס צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג מצד אַ ריי עלזאַסער שטאָט־פאַרוואַלטונגען מיט שטראַסבורג בראש, האָבן יידן נישט געקאָנט אַדורכלאָזן מיט שטילשווייגן. די פאַריזער יידן, וואָס האָבן זינט יאַנואַר 1790 גענומען איבערגענומען די איניציאַטיווע און פירונג אין קאַמף פאַר יידישע רעכט, האָבן באַשלאָסן אין דער דאָזיקער סיטואַציע אונטערצונעמען אַ נייע אַקציע ביי דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און דערצו ווידער אויסצונוצן די אַקטיווע הילף פון דער פאַריזער קאָמונע. דער פאָרמעלער גרונט פאַר אַזאַ נייער אַקציע האָט זיך אָנגעבאָטן אין שייכות דערמיט, וואָס אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג איז אין יענע טעג באַהאַנדלט געוואָרן די נייע אָרגאַניזאַציע פון שטאָט־פאַרוואַלטונגען, וואָס האָט אויך אַריינגענומען די פראַגע פון וואַל־רעכט צו די מוניציפּאַליטעטן.

נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט פירנדיקע מיטגלידער פון דער קאָמונע האָבן די פאַריזער יידן אָנהייב מאַי 1790 אַריינגעשיקט אַ פּעטיציע צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, געחתמעט פון מרדכי אַלי, פאָדערנדיק אַז מען זאָל זיי באַווייליקן זייערע אַקטיווע בירגער־רעכט. דער בריוו איז גע־

לייענט געוואָרן אויף דער זיצונג פון 10טן מאַי. גלייכצייטיק האָט דער רעפּרעזענטאַנט פון דער פּאַריזער קאָמונע ביי דער נאַציאָנאַלער פאַר־זאַמלונג, דע בורזש, אַריינגעשיקט צו דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע אַ מעמאָראַנדום, וועלכעס ער האָט אויך געלאָזט אָפּדרוקן ווי אַ בראָשור, וואו ער האָט אויספירלעך באַגרינדעט דעם פאַרלאַנג פאַר פולער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. אין דע בורזשס מעמאָראַנדום ווערט דעמאַס־קירט די אַקציע פון די עלזאַסער שטעט, און בפרט שטראַסבורג (וואָס האָט איר מעמאָראַנדום געהאַט אריינגעשיקט אויך צו דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע) ווי אַזאַ, וואָס שפּיגלט נישט אָפּ די מיינונגען פון דער באַ־פעלקערונג, ווייל זי איז אַדורכגעפירט געוואָרן אונטערן טעראָר פון קלער און רייכע סוחרים. ער באַווייזט, אַז דעם זעלבן רעליגיעזן האַס באַמיט זיך דער קלער אין אַנדערע געגנטן פון פראַנקרייך צו וועקן קעגן פּראָ־טעסטאַנטן, „כדי צו באַרעכטיקן דאָס אומרעכט קעגן יידן, וואַרפט מען רכילות אויף קריסטן, אַז זיי זיינען גרייט צו ווערן מערדער". באַזונדערס ווערטפול זיינען די שטעלן אין דע־בורזש׳ס מעמאָראַנדום, וואו ער קלערט אויף רעאַליסטיש (פונקט ווי שוין פריער דיופאָר אין דער דעצעמבער־דע־באַטע; פגל. אויבן), אַז אַ פּראָקלאַמירונג פון יידישער פולער גלייכבאַ־רעכטיקונג מיינט ממילא נישט מער ווי בהדרגהדיקע אויסגלייכונג פון יידן מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג: „...די פּאַראורטיילן פון קריסטן וועלן נישט תיכף ומיד באַזיגט ווערן; ממילא הייסט צולאָזן זיי (צו פּאָליטישע רעכט) נישט עפּעס אַנדערש, ווי נישט אויסשליסן זיי פון אַ לאָטעריע, וואָס אירע שאַנסן וועלן נאָך אַ לאַנגע צייט זיין פאַר זיי אומגינסטיק." דע־בורזש וואַרפט אויך אָפּ די טענות וועגן מאָראַלישע חסרונות פון יידן, וואָרום ער האַלט, אַז די קאָנסטיטוציע איז טאַקע צוליב דעם דאָ, זי זאָל אויסבעסערן די מדות פון מענטשן, און אין דעם בויטיקן זיך קריסטן פונקט אַזוי ווי יידן.

דע בורזש האָט זיין מעמאָראַנדום אויך צוגעשיקט דער פּאַריזער קאָ־מונע, בעטנדיק, זי זאָל עס אָפיציעל באַשטעטיקן ווי אירס אַן אַקט. די פאַרזאַמלונג פון דער קאָמונע האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע פון דריי צו־צושטעלן אַ באַריכט וועגן דע בורזשס מעמאָראַנדום. דעם 29טן מאַי האָט בריסאָ דע וואַרוויל, אין נאָמען פון דער קאָמיסיע, געלייענט דעם באַריכט, וואו ער האָט דע בורזשס מעמאָראַנדום געבראַכט אין ברייטע אויסצוגן און אים מיט טעמפּעראַמענט אונטערשטיצט, צוגעבנדיק נייע שטאַרקע אַר־גומענטן: אויב מען איז נאָר מסכים, האָט ער דערקלערט, אַז יידן זיינען אויך מענטשלעכע באַשעפענישן, זיינען די רעכטלעכע אויסנאָמען, וואָס מען מאַכט פאַר זיי, אַ פאַרברעכן פון באַליידיקן די מענטשהייט (crimen laease humanité). אויב אַן אַנדער קאָמונע (שטראַסבורג) האָט אונ־

טערגענומען רדיפות אויף יידן, דאַרף די פאַריזער קאָמונע וויזן אַ ביי־שפּיל, בפרט, אַז זינט דער לעצטער אינטערווענץ ביי דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג רירט זיך דער ענין נישט פון אָרט. עס איז אַן ענין פון האַלטן זיך ביי דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט.

די עטלעכע אומדרייסטע דיסקוטאַנטן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ נייער פאַריזער תושב פון עלזאַס, וואָס האָט איבערגעחזרט די טענות פון רעוובעל וועגן דער סכנה פון אויפרייצן די פּויערן, האָט גע־ענטפערט אַבאַט מיולאַ. ער האָט זיך פאַררופן אי אויף „די רעכט וואָס זיינען אָנגעשריבן אויפן וויגעלע פון יידן" אי אויף דעם פולשטענדיקן הסכם פון די סעקציעס פון פאַריז וועגן דער פראַגע, און קיינער האָט שוין נישט געוואָגט צו אָפּאָנירן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז „נעמענ־דיק אין אַכט, אַז ערב דער פאַרמירונג פון דער נייער מוניציפּאַל־פאַר־וואַלטונג פון פאַריז, טאָר מען נישט איבערלאָזן קיין שום ספק וועגן די אַקטיווע בירגער־רעכט פון יידן, באַשליסט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די רעפּרעזענטאַנטן פון דער פאַריזער קאָמונע — צוצושטעלן דער קאָנ־סטיטוציע־קאָמיסיע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג דעם באַריכט פון בריסאָ און דאָס מעמאָראַנדום פון דע בורזש און רעקאָמענדירן דער קאָ־מיסיע די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אין דער פראַגע.

צוויי חדשים נאָך דער דאָזיקער שריפטלעכער אינטערווענץ פון דער גאַנצער פאַריזער קאָמונע, סוף יולי 1790, האָט די קאַרמעליטן־סעקציע, וואָס האָט איצט געענדערט דעם נאָמען אויף „סעקציע פון דער באָבור־גאָס", געשיקט אַ דעלעגאַציע צו דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע און אויך אַריינגעשיקט אַ בריוו צום פאָרזיצער פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג: אָנווייזנדיק דערויף, אַז די וואַלן צו דער מוניציפּאַל־פאַרוואַלטונג האָבן זיך שוין אָנגעהויבן, האָט זי געפאָדערט אַ דעקרעט, וואָס זאָל לעגאַליזירן דעם אָנטייל פון די פאַריזער יידן, דאָס רוב קאָנצענטרירט אין איר דיס־טריקט, אין די פּאָליטישע טעטיקייטן פון די סעקציעס.

אויך די דאָזיקע, צווייטע אינטערווענץ פון דער פאַריזער קאָמונע, איז געבליבן אָן רעזולטאַטן און אוודאי האָט זיך די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמ־לונג אויך נישט גענומען צום האַרצן אַ נייע פּעטיציע פון עלזאַסער יידן, פון 13טן יוני 1790, וואו זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויף דעם, וואָס די יידישע פראַגע איז נאָך אַלץ געבליבן שטעקן אין דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע. יעדעס מאָל ווען עס איז אַדורכגעגאַנגען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמ־לונג אַ דעקרעט, וואָס האָט באַשטעטיקט פולע רעכט פאַר נישט־קאַטאָ־ליקן, ווי, למשל, אין שייכות מיט פּראָווינציעלער רעפּרעזענטאַנץ, אָדער וואַלן פון ריכטער, האָט מען נישט אויסגעלאָזט צוצוגעבן די באַוואָרע־ניש, אַז וואָס שייך יידן, וועט דער ענין באַזונדער באַטראַכט ווערן. בלויז

איין אויסטערלישע דערשיינונג פון יידישער רעכטלאָזיקייט האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג יאָ באַוויליקט בטל צו מאַכן, גישט וואַרטנדיק אויף דער פּרינציפּיעלער אַנטשיידונג: דעם 20טן יולי 1790 איז לויטן פאָרשלאַג פון דעפּוטאַט וויזם באַשלאָסן געוואָרן אָפּצושאַפן דעם ריזיקן שוץ־שטייער, וואָס די מעצער יידן האָבן געצאָלט דער פירשטלעכער פאַמיליע בראַנקאַס און ביי דער געלעגנהייט אויך אַלע איבעריקע באַזונדערע יידישע שטייערן אין לאַנד. די פּראָמינענטסטע פירער פון לינקן לאַגער, ווי דיופּאָר, רעגיאָל, ראָבעספּיער, באַרנאַוו, האָבן זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע, און באַצייכנט די שוץ־שטייערן ווי אַן אומדערהערטע חרפּה פאַר אַ „פריי לאַנד" און אַ דערנידעריקונג פאַר יידן.

די רעכטע, מיט דעם „ראַדיקאַלן" רעוובעל בראש האָבן אפילו דאָ מיט אַלע דריידלעך געפּרוּווט צו שטערן. ווען אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט רעוובעל צומאַרגנס געשטעלט די פראַגע, צי וועלן יידן זיין דערמיט פּטור פון אַלע שטייערן בכלל. דערויף האָט דיופּאָר פאָרגעלייגט אַריינצושטעלן אין דעקרעט אַ זאַץ, אַז יידן „וועלן דאַרפן צאָלן שטייערן ווי אַלע אַנדערע בירגער". רעוובעל האָט אפילו אין אַזאַ אויסדרוק געזען אַ סכנה פון אַ דרך־אַגבדיקער באַשטעטיקונג פון יידישער בירגערשאַפט און מען האָט אים נאָכגעגעבן: אָנשטאָט ווי אַלע אַנדערע בירגער, אַריינגעשטעלט „ווי אַלע אַנדערע יחידים" . . .

צוליב דער אָפּאָזיציע פון בלאָק שוואַרצע און עלזאַסער צוזאַמען מיט אַ טייל אומזיכערע עלעמענטן פון ליבעראַלן צד (דער צוויי־דייטיקער באַראָן אַלקיע) איז דעם 18טן יאַנואַר 1791 אַדורכגעפאַלן קעגן „אַ גאָר גרויסער מערהייט" דער פאָרשלאַג, אַז די עטלעכע נאַטוראַליזירטע אשכנזישע יידן אין לאַנד, פון דער קאַטעגאָריע פון ליוועראַנט סערף־בער, זאָלן אויטאָמאַטיש באַקומען רעכט פון אַקטיווע בירגער, פּונקט ווי דאָס איז געהאַט באַוויליקט געוואָרן די ספרדים, און אויף דעם זעלבן יסוד פון זייערע פּאַטענט־בריוו. דער עלזאַסישער הערצאָג בראָלי האָט ביי דער געלעגנהייט געהאַלטן אַ העצערישע רעדע וועגן „די אינטריגעס פון פיר־פינף יידישע גבירים סוחרים" פון עלזאַס, וואָס גיבן אויס אַ מטמון מיט געלט אין פּאַריז אויף זייער פּראָפּאַגאַנדע און ווידער געשראָקן מיט דער פאַרביטערונג פון דער עלזאַסער באַפעלקערונג. דער דורכפאַל פון דעם פּראָיעקט וועגן נאַטוראַליזירטע יידן, הגם עס האָט זיך געהאַנדלט סך־הכל וועגן עטלעכע יחידים, איז געווען סימפּטאָמאַטיש פאַר דער כוחות־צעטיילונג אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און באַוויזן, אַז אין דער־דאָזיקער לאַגע האָט אַ דעקרעט וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע פראַנצויזישע יידן אַוודאי נישט געהאַט קיין שום שאַנסן אַדורכצוגיין. די רעוואָלוציע איז אָבער אויך אויף יענעם שטאַפּל נישט געבליבן שטיין און

יעדער טריט פאָראויס האָט אויך צוגעאײַלט דעם מאָמענט פון אַנטשיידונג פאַר יידן.

דעם 7טן מאַי 1791 האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג קעגן אַ ביטערער אָפּאָזיציע פון קלער באַשטעטיקט אַ פאַראָרדנונג פון פאַריזער דעפּאַרטמענט וועגן קאַטוילישן קולט: די פּאַראָפיאַלע קירכעס זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון אַ וועלטלעכער פאַרוואַלטונג און אַלע איבעריקע קירכעס האָבן געדאַרפט פאַרקויפט ווערן לטובת דער מלוכה און זייערע קויפער האָבן באַקומען דאָס רעכט זיי צו באַנוצן פריי פאַר יעדן צוועק. דער דאָזיקער דעקרעט, וואָס האָט באַדייט דאָס אויספירן אין דער פּראַקטיק פון פּרינציפּ וועגן פרייהייט פון רעליגיע, האָט דערמוטיקט די פאַריזער יידן אַרויסצוקומען אין צוויי טעג אַרום, דעם 9טן מאַי, מיט אַ נייער פּעטיציע צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. זיי האָבן דאָס מאָל דער עיקר אָנגעוויזן אויף דער סתירה, וואָס זיי, אַלטע תושבים פון פּאַריז, נישט געקוקט אויף זייער אויסגעפּרוּווטן פּאַטריאָטיזם און התלהבותדיקער מסירת־נפש פאַר דער פרייהייט, ווערן נישט נאָר נישט באַטראַכט פאַר בירגער, נאָר זיי האָבן אויך נישט דאָס רעכט צו באַקומען בירגערשאַפט ווי אויסלענדער, וואָס וואוינען אין לאַנד 5 יאָר. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אָבער, אויף דער זיצונג פון 16טן מאַי, אויך די דאָזיקע פּעטיציע באַשלאָסן איבערצושיקן אין דער קאָמיסיע, נאָר דאָס מאָל נישט ווי געוויינלעך בלויז אין דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע, נאָר אויך אין דער באַריכט־קאָמיסיע.

אַ וואונק אויף אַן עווענטועלער אויסנאַם פאַר פאַריזער יידן, האָט נאָך מיט עטלעכע טעג פריער, דעם 11טן מאַי, געהאַט געמאַכט דער דערמאָנטער ליבעראַלער זשורנאַל פון מיראַבאָ'ס שיטה „קוריער דער פּראָווינס": די מאָטיוון פון פאַרזיכטיקייט, האָט די צייטונג געטענהט, וואָס וואָלטן געקאָנט אָפּהאַלטן די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון דערפילן דעם באַגער פון עלזאַסער יידן, קאָנען נישט האָבן קיין שייכות צו פאַריזער יידן. אַן אויסגעהאַלטענע ליבעראַלע שטעלונג האָט באַוויזן די צייטונג „מערקיור נאַסיאָנאַל", דערקלערנדיק, אַז עס וואָלט געווען אַן אוממענטשלעכקייט אין גרופּע יידן יאָ צו געבן גלייכבאַרעכטיקונג און אַן אַנדערער נישט.

די פאַריזער יידן האָבן זיך אָבער אויך אויף דעם יושר פון דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע נישט פאַרלאָזט און ווידער זיך געווענדט נאָך הילף צום פאַריזער שטאָט־ראָט, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער קאָמונע. אין זייער פּעטיציע, וועלכע עס האָט אויסגעאַרבעט גאָדאַר, שטיצן זיי זיך אויף דעם נאָר־וואָס באַשטעטיקטן געזעץ וועגן רעליגיעזער פרייהייט. זיי דערציילן, אַז זיי גרייטן זיך צו קויפן אָדער דינגען אַ בנין

אין פּאַריז, כדי דאָרט איינצואָרדנען אַ סינאַגאָגע. איצט וועט זייער לאַגע זיין נאָך מער פּאַראַדאָקסאַל, וואָרום „קאָן דען געמאָלט זיין, אַז זיי זאָלן זיין בירגער בלויז אין זייערע סינאַגאָגעס, און אין דרויסן פרעמדע, אָדער שקלאַפן? . . . עס קאָן נישט היינט עקזיסטירן קיין האַלבע פרייהייט, פּונקט ווי עס איז נישטאָ קיין האַלבע גערעכטיקייט"...„זיי דינען דער מלוכה ווי בירגער" און געניסן שוין פון בירגער־רעכט אין שטאָטישן פּאָליטישן לעבן, וואו זיי האָבן שטים־רעכט, „דאַרף אויך די מלוכה זיי באַהאַנדלען ווי בירגער".

דער שטאָט־ראַט האָט אין זיין רעזאָלוציע פון 26טן מאַי 1791 אָנערקענט „די גערעכטיקייט פון דעם פּאַרלאַנג, וואָס די יידן באַנייען מיט אַזאַ ערנהאַפטן עקשנות", באַשטעטיקט אַלע פאַקטן, וואָס ווערן דורך זיי אַרויסגעבראַכט „און וואָס האָבן שוין געהאַט באַוואויגן די ציטווייליקע רעפּרעזענטאַנטן פון דער קאָמונע זיי אַליין אָפּירצוברענגען פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג" און באַשלאָסן „אויפסניי צו שרייבן צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, זי זאָל ווענדן איר אויפמערקזאַמקייט סיי אויף דער פּעטיציע פון די יידן, סיי אויף דעם ווילן פון דער מוניציפּאַליטעט און זי צוצואייַלן, זי זאָל פאַרמעל אויסשפּרייטן אויף די יידן פון דער הויפּטשטאָט די קאָנסעקווענצן פון די גוטע פּרינציפּן, וואָס זי האָט נאָר־וואָס סאַנקציאָנירט בנוגע רעליגיעזער פרייהייט". די ווענדונג צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָט אויך דאָס מאָל געחתמעט דער בירגער־מייסטער ביילי.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט נאָך מיט אַ קנאַפּער וואָך פאַר דער אינטערווענץ פון פּאַריזער שטאָט־ראַט, דעם 20טן מאַי 1791, געהאַט ציַיט צו באַשליסן אַ געזעץ וועגן דעם, אַז אַלע טענות אין שייכות מיט די חובות פון דער מעצער קהילה פון קנאַפּע 410 טויזנט ליוור דאַרפן געבראַכט ווערן פאַרן דירעקטאָריאַט פון דיסטריקט — אַ באַשלוס, וואָס האָט מיט בערך אַ יאָר שפּעטער אַרויסגערופן אַ פּעטיציע פון די יידן פון נאַנסי, מען זאָל זיי נישט אַריינגעמען ווי שותפים צום אויסצאָלן די חובות. אויף צו באַטראַכטן די פּעטיציע פון פּאַריזער שטאָטראַט וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון פּאַריזער יידן האָט שוין די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג נישט געפונען קיין צייט, און אפשר טאַקע נישט געקאָנט געפינען: אין אַ קורצער צייט אַרום, אין דער נאַכט פון 20טן יוני 1791, איז קיניג לואי דער XVIטער אַנטלאָפן און געכאַפּט געוואָרן און וואָרען ביי דער גרענעץ, און דאָס לאַנד איז אויפסניי אויפגעקאָכט געוואָרן אין קאַמף קעגן דער קאָנספּיראַציע פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע מיט אויסלענדישע מאַכטן. דער שוואַרצער בלאָק איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך רעזיגנאַציעס פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, עמיגראַציע און אַרעסטן

פון אַ גרויסער צאָל ראַיאָליסטישע מיטגלידער און האָט שוין אויך נישט געהאַט די העזה צו מאַכן אַזאַ אָבסטרוקציע קעגן דער געזעצגעבערישער אַרבעט, ווי ביז דעמאָלט. איצט איז שוין אויך נישט מעגלעך געווען זיך נישט צו רעכענען אינגאַנצן מיט דער מיינונג פון רעוואָלוציאָנערן פאָלק אין דער יידישער פראַגע, וואָס איז אויף אַזאַ אימפּאָזאַנטן אופן געהאַט געקומען צום אויסדרוק אין די אינטערווענצן מצד דער פּאַריזער קאָ־מונע. די נייע קאָנסטיטוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דעם 14טן סעפּטעמבער 1791 און געחתמעט געוואָרן דורכן קיניג, איז אַליין געווען אַ רעזולטאַט פון געענדערטן כוחות־פאַרהעלטניש אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און בכלל אין לאַנד. די דאָזיקע קאָנסטיטוציע איז אויך גע־ווען אַ פאַרמעלער אָנשפּאַר פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן, וואָס איז פּונקט ווי זי געווען אין לעצטן סך־הכל אַ רעזולטאַט פון דער פאַר־ענדיקונג פון דער ערשטער סטאַדיע פון דער רעוואָלוציע.

דעם 27טן סעפּטעמבער 1791, בערך צוויי וואָכן נאָך דעם ווי די קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן און דריי טעג פאַרן פאַנאַנדערגיין זיך פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, האָט דער שוין דערמאָנטער דע־פּוטאַט אַדריאַן דיופּאָר געשטעלט דעם פאָרשלאָג צו דעקרעטירן די רעכט פון אַקטיווע בירגער פאַר אַלע פראַנצויזישע יידן. ער האָט זיך פאַר־רופן אויף דער נאָר־וואָס אָנגענומענער קאָנסטיטוציע, וואָס נעמט אַריין די דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט מיט גאַראַנטיע פון רעליגיעזער פריי־הייט (אַרטיקל 10). רעליגיעזע פרייהייט באַדייט אָבער אויך — האָט ער דערקלערט — אַז מען טאָר נישט מאַכן קיין שום חילוק צווישן בירגער בנוגע זייערע פּאָליטישע רעכט, אויפן יסוד פון זייער רעליגיעזן גלויבן. נאָך דעם ווי די אָנהענגער פון אַלע מינים רעליגיעס און סעקטעס, טערקן און מוסולמענער האָבן שוין באַקומען פולע פּאָליטישע רעכט, טאָר מען אַוודאי שוין נישט מאַכן קיין איינציקן אויסנאַם פאַר יידן, אָדער וייטער דעם ענין פון זייער גלייכבאַרעכטיקונג אָפּלייגן, ווי מען פלעגט עס ביז איצט טאָן. ווען רעוובעל האָט געבעטן אַ וואָרט צו רעדן קעגן דעם פאָר־שלאָג, האָט רעניאָל פאַרלאַנגט פון פאַרזיצער „צו רופן צו אָרדנונג יעדן, וואָס וועט רעדן קעגן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג (פון דיופּאָר), ווייל דאָס הייסט אַרויסטרעטן קעגן דער קאָנסטיטוציע גופא". די פאַרזאַמלונג האָט כמעט איינשטימיק באַשלאָסן צו באַטראַכטן דעם פאָרשלאָג פון דיופּאָר, און דער פאָרשלאָג גופא איז אין אַ דערווייליקן נוסח אָנגענומען געוואָרן.

צומאָרגנס, דעם 28טן סעפּטעמבער, האָבן די פירער פון רעאַקציאָ־נערן בלאָק שוין געהאַט בלויז די ברירה אַריינצוטראָגן אין געזעץ צו־גאָבן און באַוואָרענישן און זיי האָבן עס געטאָן מיט דערפאָלג. דער על־זאַסער הערצאָג בראָלי האָט דערקלערט, אַז דער דעקרעט קאָן נאָך פאַר־

ערגערן די שטימונג אין עלזאַס און דערפאַר, כדי אויסצומיידן אַ שלעכטע אינטערפּרעטאַציע פון געזעץ, האָט ער פאָרגעלייגט: יידן זאָלן זיין מחויב אָפּצוגעבן אַ בירגערלעכע שבועה (פון געטרייקייט צו די געזעצן), „וואָס וועט באַטראַכט ווערן ווי אַ פאָרמעלער אָפּזאָג פון די ציווילע און פּאָליטישע געזעצן, צו וועלכע די יידישע יחידים האַלטן זיך באַזונדער פאַרפליכטעט." דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן אין אַן אויסגעבעסערטן נוסח פון דעפּוטאַט פּריונאַן, אַז די שבועה פון יידן „וועט באַטראַכט ווערן ווי אַן אָפּזאָג פון זייערע פּריווילעגיעס". די באַגרינדונג פון פּריונאַן איז געווען, אַז „די ציווילע געזעצן פון יידן ווערן אידענטיפּיצירט מיט זייערע רעליגיעזע דינים און עס ליגט נישט אין אונדזער כוונה, צו פאָדערן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער רעליגיע".

די שטעלונג, וואָס איז דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אַז יידן דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון אויטאָנאָמיע אין פּרט פון לאָקאַלער אַדמיניסטראַציע און געריכטן, ווי אַ מין פּריווילעגיע פון פעאָדאַלן פּאַרטיקולאַריזם, איז נישט געווען קיין נייע. ווי מיר האָבן געזען, ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער גאַנצער תקופה פון דריטהאַלבן יאָר קאַמף אַרום יידישער גלייכבאַרעכטיקונג זינט דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, די פאָדערונג, וואָס אפילו די פּאַריזער קאָמונע האָט זי אַרויסגערוקט, אַז יידן זאָלן זיין אונטערגעוואָרפן די זעלבע געזעצן און אַדמיניסטראַציע־אָרגאַנען, ווי אַלע אַנדערע בירגער. אַ הנחה פאַר דעם רעאַקציאָנערן בלאָק איז אָבער געווען דער אומשטאַנד, וואָס די דאָזיקע פאָדערונג איז בפירוש דערמאָנט געוואָרן אין דעקרעט וועגן עמאַנציפּאַציע און נאָך אַ גרעסערער קאָמפּראָמיס לגבי די רעכטע איז געווען דער באַשלוס, אַז יידן דאַרפן דאָס אָפּזאָגן זיך פון די „פּריווילעגיעס" פייערלעך באַשטעטיקן דורך אָפּגעבן אַ בירגערלעכע שבועה: דער חוב אָפּצוגעבן אַזאַ שבועה פון געטרייקייט „דער נאַציע, דעם געזעץ און דעם קיניג" איז פריער געווען חל בלויז אויף גלחים (לויטן געזעץ פון 27טן נאָוועמבער 1790), כדי צו פאַרזיכערן זייער לאָיאַלקייט צו דער מלוכה. אַלע אַנדערע בירגער פלעגן בלויז פרייוויליק, ביי פייערלעכע געלעגנהייטן זאָגן די שבועה ווי אַן אויסדרוק פון פּאַטריאָטיזם. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אָבער געמאַכט אויף דער זעלבער זיצונג נאָך איין הנחה פאַר דעם אַנטי־יידישן בלאָק, וואָס איז אויך פּונקט ווי יענע הנחה וועגן אַ שבועה נישט אַזוי ווייט געווען אַן עוולה אין תוך אַרייַן, ווי אַ באַליידיקונג לויט איר פאָרם און לויט די אומשטאַנדן, אין וועלכע זי איז באַשלאָסן געוואָרן.

קעגן דעם פאָרשלאָג פון ראַדיקאַלן דעפּוטאַט שאַברו נישט צוצולאָזן צו אַ דיסקוסיע וועגן עמאַנציפּאַציע־דעקרעט פאַר יידן, האָט רעוובעל באַקומען דאָס וואָרט, נאָך דעם ווי ער האָט געדראָט, אַז „די שונאים פון

דעם וואויל פון דער געזעלשאַפט" וועלן איצט קאָנען איינרעדן דעם פאָלק, אַז „די וואוכערער האָבן געפונען אין פּאַריז מעכטיקע באַשיצער". ער האָט אַרויסגעשטעלט זיין „כשרע" רעוואָלוציאָנערישקייט, דערמאָנענדיק, אַז די פאַרזאַמלונג האָט צוריקגערופן דאָס געזעץ וועגן בירגער־רעכט פאַרן צווייטן דור נעגערס אין די קאָלאָניעס, וואָס איז געהאַט אָנגענומען געוואָרן אויף זיין איניציאַטיווע. ער האָט אויך אויסגעדריקט די מורא, אַז די „ווידערשפּעניקע גלחים" (די, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן די בירגערלעכע שבועה), וועלן האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרשטאַרקן זייערע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אינטריגעס, אויב מען וועט אפילו צו אַ דיסקוסיע וועגן דער יידישער פראַגע נישט צולאָזן. „כדי צו באַרואיקן די באַפעלקערונג פון עלזאַס און וויַיזן, אַז מען זאָרגט וועגן איר נישט ווייניקער ווי וועגן יידן", האָט רעוובעל פאָרגעלייגט אַזאַ דעקרעט: אין משך פון אַ חודש דאַרפן יידן אין עלזאַס צושטעלן די דירעקטאָריאַטן פון די דיסטריקטן אַ גענויע רשימה פון אַלע חובות, וואָס עס קומט זיי ביי נישט־יידן פון דעם „פּריער א. ג. קלאַס פון פאָלק"; די דירעקטאָריאַטן וועלן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון ליקווידאַציע פון די חובות, נעמענדיק אין אַכט דעם פאַרמעגן־צושטאַנד פון די בעלי־חובות, אויסהערן די מיינונגען פון יידן וועגן דעם־דאָזיקן פּלאַן און איבערשיקן פאָרשלאַגן, צוזאַמען מיט די באַמערקונגען פון די יידישע קרעדיטאָרן, דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג צו אַנטשיידן. רעוובעל האָט אויך בפירוש געגעבן אָנצוהערן, הגם ער האָט עס נישט אַריינגענומען אין געזעץ־פּראָיעקט, אַז די דירעקטאָריאַטן מעגן רעדוצירן די חובות אויף דריי־פערטל, און גע־פּרוווט עס צו באַגרינדן מיט אַזאַ גוזמא־און חוזק־חשבון: די חובות באַ־טרעפן 15 מיליאָן; דערפון קומט אויס אַ 12 מיליאָן אויף וואוכער און 3 מיליאָן פאַקטישע חובות, וואָרום די בעלי־חובות פאַרמאָגן נישט אַלע צוזאַמען מער ווי 3 מיליאָן און „יידן זיינען נישט אַזעלכע מענטשן זיי זאָלן באָרגן 15 מיליאָן אויף אַ פאַרזיכערונג פון 3 מיליאָן". איבעריקנס ווייסט ער, אַז יידן אַליין וואָלטן געווען זייער צופרידן, ווען זיי ווערט געסילוקט 4 מיליאָן פאַר אַלע חובות אין סך־הכל.

דער פּראָיעקט פון רעוובעל איז אָנגענומען געוואָרן. עס איז געווען ווייניק, וואָס אנשטאָט אַ געזעץ קעגן וואוכערער בכלל איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ אויסשליסלעך קעגן יידישע וואוכערער, איז נאָך דערצו דאָס דאָזיקע געזעץ געקומען ווי אַ מין דערגאַנצונג פון דעקרעט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג; עס איז באַשלאָסן געוואָרן צוזאַמען דעם 28טן סעפּטעמבער, און צוזאַמען זיינען אויך ביידע דעקרעטן געחתמעט געוואָרן דורכן קיניג דעם 13טן נאָוועמבער.

די אומשטאַנדן, אין וועלכע דער דעקרעט וועגן יידישער גלייכבאַ־

רעכטיקונג פון 28טן סעפּטעמבער 1791 איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. מינערן אָבער נישט די גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם דאָזיקן אַקט פון עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין פראַנקרייך. פּונקט ווי פאַר פראַנקרייך איז דורך דער רעוואָלוציע, דורך איר דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט און קאָנסטיטוציע אָפּגעשלאָסן געוואָרן די לאַנגע טויזנטיאָריקע תקופה פון לייב־אייגנשאַפט, פעאָדאַליזם און אַבסאָלוטיזם און עס האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון דער מאָדערנער בירגערלעכער מלוכה, אַזוי האָט דער דעקרעט וועגן עמאַנציפּאַציע פאַר פראַנצויזישע יידן באַדייט דעם סוף פון זייער מיטלאַלטערלעכן מצב פון רעכטלאָזיקייט און אונטערדריקונג און דעם אָנהייב פון אַ נייער תקופה, וואו זיי זיינען געווען לויטן געזעץ גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד. און פּונקט ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע בכלל האָט נישט געקאָנט בלייבן באַגרענעצט אין די ראָמען פון איין לאַנד, נאָר זי האָט אונטערגעגראָבן די עצם יסודות פון דעם אַלטן פאַרשימלטן פעאָדאַלן־קלעריקאַלן סיסטעם אין גאַנץ אייראָפּע און בהדרגה זיך אויסגעשפּרייט אויפן גאַנצן קאָנטינענט, אַזוי האָט אויך די יידישע עמאַנציפּאַציע, וואָס די רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט, אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר דער בהדרגהדיקער באַפרייאונג פון יידן איבער דער וועלט פון מצב פון מיטלאַלטערלעכער פאַרשקלאַפונג.

די פּאַריזער פּרעסע האָט די באַדייטונג פון דעקרעט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג ריכטיק אָפּגעשאַצט פון אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. די קלעריקאַלע פּרעסע האָט דעם דעקרעט נישט אומגערעכט באַצייכנט ווי „אַ נייעם קלאַפּ פאַר דעם קלער", און די ליבעראַלע פּרעסע האָט באַגריסט די יידישע עמאַנציפּאַציע „פון גאַנצן האַרצן", ווי אַ טריאומף פון גערעכטיקייט. איין רעפּובליקאַנער בלאַט האָט דערביי אויך פאַרשטאַנען אויסצודריקן דעם באַדויער, וואָס די דאָזיקע גערעכטיקייט האָט זיך „אַביסל פאַרשפּעטיקט".

די פרייד פון פראַנצויזישע יידן צוליב דעם אַקט פון עמאַנציפּאַציע האָט אויסגעדריקט דער מנהיג פון לאָטאַרינגער יידן בער יצחק בער פון נאַנסי אין אַן אָפענעם בריוו צו „זיינע טייערע ברידער":

„ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ווען עס איז צעריסן דער שלייער, וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון אונדזערע מיטבירגער, און אונדז געהאַלטן אין אַ מצב פון דערנידעריקונג; ענדלעך האָבן מיר צוריקבאַקומען די רעכט, וואָס מען האָט אונדז געהאַט צוגענומען מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק . . . "

אין זעלבן אויפרוף אַנטוויקלט אָבער שוין בער יצחק בער אויך אַן אויספירלעך פּראָגראַם פאַר פראַנצויזישע יידן, וואָס אַנטהאַלט דורכאויס

כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן פון דער קומענדיקער טראַנספאָרמאַציע פון דער מערב־איראָפּיאישער יידישער בורזשואַזיע — פון אַן אינטעגראַלן טייל פון יידישן פאָלק אין אַ רעליגיעזער גרופּע בירגער פון משה רבינוס גלויבן . . .

די טינט איז נאָך נישט געווען טרוקן אויף דעם דעקרעט פון 28טן סעפּטעמבער און דער אויפגעקלערטער פּרנס פון נאַנסי זאָגט זיך נישט בלויז אָפּ פון קהילה־אויטאָנאָמיע, וועלכע ער באַצייכנט איצט דווקא מיט רעכט ווי „מכלומרשטע פּריווילעגיעס . . . און אימוניטעטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות בלויז מיט אונדזער מצב פון פאַרשקלאַפונג", מיט דער משא פון ספּעציעלע יידישע שטייערן. בער יצחק בער רופט שוין אויך זיינע ברידער צו דאַנקען „דעם בורא עולם און דער סואווערעניטעט פון דער נאַציע", וואָס יידן זיינען איצט „נישט בלויז מענטשן, נישט בלויז בירגער, נאָר אויך פראַנצויזן". „עס איז דורכאויס נויטיק, אַז מיר זאָלן זיך באַפרייען אינגאַנצן פון דעם ענגן גייסט פון קאָרפּאָראַציע און קאָנגרעגאַציע אין אַלע ציווילע און פּאָליטישע פראַגן, וואָס זיינען נישט דירעקט פאַרבונדן מיט אונדזערע גייסטיקע געזעצן; אין די דאָזיקע ענינים מוזן מיר דורכאויס זיך אַרויסווייזן פּשוט ווי יחידים, ווי פראַנצויזן, וואָס זייער וועגווייזער איז נאָר אמתער פּאַטריאָטיזם און די אַלגעמיינע טובה פון דער נאַציע" . . . דערביי וואָרנט ער אָבער, אַז יידן זאָלן זיך נישט שטופּן וואו מען דאַרף נישט, כדי אויסנוצן תיכף ומיד זייערע בירגערלעכע רעכט, אָפּהאַלטן זיך פון באַזוכן בירגער־פאַרזאַמלונגען: פאַראַן נאָך גענוג פאַראורטיילן ביי „אונדזערע מיטבירגער", און יידן אַליין דאַרפן זיך צוערשט אויסלערנען ווי אַזוי צו זיין ניצלעך פאַרן לאַנד . . . די גאַנצע האָפנונג זיינען די קינדער און זיי דאַרפן באַקומען די געהעריקע דערציאונג אין גייסט פון נפתלי הירץ וויזלס „דברי שלום ואמת", אין גייסט פון מענדעלסאָנען.

ער האַלט פאַר דער ערשטער פליכט צו לערנען די קינדער תנ"ך אויף העברייאיש, וואָס איז די שפּראַך פון אָריגינאַל און פון מתן תורה. ער באַדויערט, וואָס עס איז נאָך נישט פאַראַן קיין פראַנצויזישע איבערזעצונג פון תנ"ך, אַזאַ „אמתער אוצר" ווי מענדעלסאָנס איבערזעצונג; אָבער כל זמן דאָס איז נאָך נישטאָ, זאָל מען קודם כל אָפּשאַפן דעם „זשאַרגאָן" (יידיש) ביים פאַרטייטשן חומש און דערציען די קינדער אין אַ „ריינעם קאָרעקטן דייטש". ער אַליין — איז זיך בער יצחק בער מודה, נישט זעענדיק די טראַגי־קאָמישקייט פון זיין אָנפּאַרציקייט — הגם ער שרייבט דעם דאָזיקן אויפרוף אויף פראַנצויזיש, האָט נישט גענוג „געניטקייט און פולקאָמענקייט אין דער דאָזיקער שפּראַך". אָבער מען דאַרף פראַנצויזיש לערנען: „פאַרוואָס זאָלן מיר נאָך אַלץ טראָגן דעם נאָמען

דייטשע יידן, אָדער פוילישע יידן, בעת מיר זיינען צום גליק פראַנצויזישע יידן?" די יידן פון אַזיע (אַראַבישע יידן) שטעלט ער אַוועק ווי אַ מוסטער, פון אַזעלכע „וואָס לייענען און שרייבן בלויז העברייאיש און די שפּראַך פון זייער לאַנד." פונקט אַזוי דאַרפן די פראַנצויזישע יידן, אַנשטאָט דריי שפּראַכן, קאָנען בלויז צווי, העברייאיש און פראַנצויזיש. דערווייל דאַרף מען איינאָרדנען באַזונדערע יידישע שולן לויטן מוסטער פון בערלין, באַשטעלן העברייאישע לערער פון אויסלאַנד און אַנגאַזשירן פראַנצויזישע לערער, כדי „אונדזערע קינדער" זאָלן „ווערן גלייכצייטיק די שטיצע פון אונדזער רעליגיע און פון דער פראַנצויזישער קאָנסטיטוציע — גוטע יידן און גוטע פראַנצויזישע בירגער". שפּעטער, ווען די קינדער וועלן האָבן באַקומען אַ גרינטלעכע דערציאונג „אין די פּרינציפּן און גייסט פון אונדזער רעליגיע", און וועלן קאָנען גוט פראַנצויזיש, וועט נישט זיין קיין שום מורא זיי צו שיקן אין די עפנטלעכע שולן: דאָרט „וועלן זיי זען, אַז נאָכן אַהיים־קומען פון דער שולע, גייען אַ טייל קינדער מיט זייערע עלטערן אין דער קאַטוילישער קירכע, אַנדערע אין דער פּראָטעסטאַנטישער און נאָך אַנדערע אין דער סינאַגאָגע, אָפּצוגעבן כבוד אויף פאַרשיידענע אופנים און פאַרשיידענע דאָגמעס, דעם אמתן לעבעדיקן גאָט..."

כדי די קהילות זאָלן קאָנען ווייטער עקזיסטירן און אָפּגעבן זיך מיט רעליגיע (אויסהאַלטן רבנים און אויבער־רבנים), דערציאונג, סאָציאַלן שוץ פאַר אַלטע און קראַנקע — און ווי אַ געטרייער משכיל גיט ער אָפּ אַ גאַנצע זייט כדי צו איבערצייגן, אַז געזונטע בעטלער, ליידיקגייערס איז אַן עבירה צו שטיצן — קודם־כל אָבער מיט פּראָדוקטיוויזאַציע, קומט בער ארויס מיט אַזאַ כאַראַקטעריסטישן פּלאַן: זאָל זיך יידן דוכטן, אַז זיי דאַרפן נאָך אַלץ צאָלן שוץ־שטייער און אַנדערע ספּעציעלע יידישע שטייערן און קהילה־שטייערן, זאָלן זיי די זעלבע סומע אין משך פון 10 יאָר געבן פרייוויליק פאַר דער קהילה און אַלע דערמאָנטע הוצאות וועלן ווערן געדעקט. גאָר ברייט שטעלט זיך אָפּ בער אויף זיין פּראָיעקט וועגן פּראָדוקטיוויזאַציע, וועגן פאַרשפּרייטן ביי יידן מלאכות פון סטאָליאַרעס, שמידן, שניידער, קודם־כל דורך אויפשטעלן פילאַנטראָפּישע שולן פאַר אָרעמע קינדער „און די, וואָס זיינען נישט געבוירן געוואָרן צו אַ העכערער מדרגה" ...

דער פּראָגראַם פון אַסימילאַציע, וואָס בער איז אין אים מדריך דאָס פראַנצויזישע יידנטום אין שייכות מיט די נאָר־וואָס באַקומענע בירגער־רעכט, איז נאָך שטאַרק געמעסיקט דורך זיין רעליגיעזן קאָנסערוואַטיזם און דורך דער וועלט־אָנשויאונג פון אַ משכיל. נישט נאָר באַוואָרנט ער זיך בפירוש קעגן אַ חשד, אַז ער האָט עפּעס אַ כוונה צו הייסן ענדערן

וואָס נישט איז אין „דער רעליגיע צו וועלכער מיר באַקענען זיך, אָדער אין די איינגעשטעלטע פאָרמען פון גאָטסדינסט". עס קלינגט אפילו אַ טאָן פון יידישן היסטאָרישן שטאָלץ און פון אינסטינקטיווער מורא פאַר דעזערציע פון אייגענעם פאָלק אין זיין וואַרעמען אַפּעל צו בלייבן געטריי דער יידישער רעליגיע און בפרט אין דער באַגרינדונג: „אויב מיר האָבן אין דער תקופה פון אונדזערע ליידן געפונען אַ טרייסט אין שטרענגן אָפּהיטן אונדזער רעליגיע, דאַרפן מיר אַוודאי בלייבן פעסט צו איר צוגעבונדן איצט, ווען מיר געניסן די פּירות פון אונדזער שטאַנדהאַפטיקייט און פון אונדזער צוגעבונדנקייט צו אונדזער רעליגיע; בעת מיר זעען באַשיינפערלעך, אַז צווישן אַלע אַלטע פעלקער זיינען מיר די איינציקע, וואָס זיינען בייגעשטאַנען די שווערע כוואַליעס פון אומגליקן, וואָס האָבן דורך אַזוי פיל הונדערטער יאָרן זיך געצויגן נאָכאַנאַנד. און איצט, ווען מיר זיינען בפירוש אויסגעקליבן געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער קאָנסטיטוציע, זאָלן מיר ביים ערשטן מאָרגן־רויט פון פרייהייט זיך אַרויסווייזן אָפּטריניק לגבי אונדזערע געזעצן, נאָך דעם, ווי מיר זיינען זיי געבליבן געטריי דורך אַכצן הונדערט יאָר רדיפות?"

בער יצחק בער אַליין איז נאָך אויסגעקומען מיט אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר שפּעטער אַנטיילצונעמען אין דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג און אין פּאַריזער „סנהדרין", וואָס איז שוין אַ סך ווייניקער געווען געצוימט דורך באַוואָרענישן אין דער פּראָפּאַגאַנדע פון אַסימילאַציע.

§21. אין דער תקופה פון דער יאַקאָבינער הערשאַפט

די פּראָקלאַמירונג פון דער עמאַנציפּאַציע האָט נישט בלויז געענדערט די רעכטלעכע לאַגע פון די פראַנצויזישע יידן, נאָר האָט זיי אויך געגעבן, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אייראָפּע, די מעגלעכקייט אַנשטאָט צו זיין פּאַסיווע צוקוקער, צו באַטייליקן זיך אַקטיוו אין פּאָליטישן קאַמף אין זייער וואוין־לאַנד. צו ווינציק איז אָבער נאָך דעמאָלט געווען דער שיכט פון מאָדערנער אינטעליגענץ ביי פראַנצויזישע יידן, אַז זיי זאָלן קאָנען האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער גרויסער רעוואָלוציע, אַזאַ ווי אין די שפּעטערדיקע רעוואָלוציעס פון 19טן יאָרהונדערט. בלויז אין פּאַריז און אין דרום, אין באָרדאָ און אין באַיאָן וואַרפן זיך גרעסערע גרופּעס יידן אַריין מיט ברען און באַגייסטערונג אין די שטורמישע פּאָליטישע אַקציעס פון דער פאַראויסמאַרשירנדיקער רעוואָלוציע. אין פּאַריז טרעטן אַריין יידן נאָך אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע אין די פּאָליטישע קלובן פון פאַרשיידענע ריכטונגען,

און באטייליקן זיך אין די ארבעטן פון די סעקציעס פון דער קאמונע. די אקטיוויקייט און די ראלע פון די פאריזער יידן אין פאליטישן לעבן וואקסט מיטן שטייגן פון דער רעוואלוציאנערער כוואליע.

אין דער צווייטער תקופה פון דער רעוואלוציע, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט די גאסן־שלאכטן אין פאריז אין אויגוסט 1792 און איז פארמעל אינאגורירט געווארן דעם 21טן סעפטעמבער פון זעלבן יאר דורך פראקלאמירן די רעפובליק, פארנעמען אויך יידן אמטן אין די „רעוואלוציאנערע קאמיטעטן״ פון די סעקציעס, איינצעלנע ווערן אויסגעקליבן אין די געריכטן, און א ייד, חזן, איז נאמינירט געווארן אין 1793 אלס סעקרעטאר פון יאקאבינישן קאמיטעט פון אלגעמיינער השגחה Comité de surveillance générale אין באיאן, מיט א באדייטנדיקער פראפארציע יידן אין שטאט, איז זייער אנטייל אין דעם דארטיקן יאקאבינער קלוב געווען א דאמינירנדיקער. אין אן אנדער שטאט אין דרום, ניצע, איז משה סאלאמאן געווען אדמיניסטראטאר פון דער פראווינץ מאריטים. אין קארפאנטראס איז אין סעפטעמבער 1793 משה מיליא נאמינירט געווארן אלס מיטגליד פון דעפארטאמענטאלן „קאמיטעט פון השגחה״ און שפעטער אויך אלס פארזיצער פון אזא קאמיטעט אין דער שטאט־סעקציע. די אומבאדייטנדיקע צאל און אומדערפארנקייט פון דער יידישער אינטעליגענץ אפילו אין פאריז ווייזט זיך אבער ארויס סיי אין פאקט, וואס מיר געפינען נישט קיין שום ייד צווישן די הויפט־אנפי־ער פון דער רעוואלוציע, און נאך מער אין נישטיקן אנטייל פון יידן אין דער פרעסע. אחוץ עטלעכע געציילטע יידן, וואס שרייבן אמאל א״יין א בריוו אין רעדאקציע פון א ליבעראלער צייטונג, על פי רוב וועגן יידישע רעכט און רעליגיעזער פרייהייט, איז בלויז זאלקינד הורוויץ דער איינציקער אפטער גאסט־שרייבער אין דער פאריזער ליבעראלער פרעסע, און א גייסטרייכער שרייבער, מיט א באדייטנדיקן טאלענט און פאלעמי/ן טעמפעראמענט.

זאלקינד הורוויץ באנוצט זיין שארפע פעדער קודם־כל כדי אפצושלאגן די אטאקעס אויף יידן מצד דער רעאקציאנערער מחנה. אין שייכות מיט א מעלדונג פון דער שטאט־פאליציע פון 8טן יאנואר 1791, וועגן איין קאנטראל־אדמיניסטראטאר איבער אונטערוועלט־עלעמענטן און יידן, פראטעסטירט הורוויץ אין דער „קראניק דע פארי״, דערקלערנדיק: „איך האב דעם כבוד, מיינע הערן, צו זיין אייער קרוב, הגם זייער א ווייטער, היות איך בין מיט אייך צוגלייך, אן אייניקל פון אדם הראשון . . . נישט געקוקט אויף דער דאזיקער קרובהשאפט, האב איך נישט, ווי איר ווייסט, קיין בירגער־רעכט: די סיבה דערפון איז, וואס דער טאטע און די מאמע וואס האבן מיך געבוירן האבן געדאוונט צום רבונו של עולם אויף העברייאיש און האבן געוואוינט אין פוילן, דאס הייסט ווייט פון די גרענעצן

פון באָרדאָ און אַוויניאָן״ . . . ווען די קלעריקאַלע פּרעסע האָט געפּרוּווט אַרויפצואוואַרפן אויף יידן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם דעקרעט וועגן נאַציאָנאַליזאַציע פון קירכלעכע גיטער, האָט הורוויץ, אין דער זעל־בער צייטונג, דעמאַסקירט דעם שאַנטאַזש און דערביי געגעבן אַ פּלאַס־טיש בילד פון דער מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט פון הויכן קלער. אויך שפּעטער, אין דער נאָך־יאַקאָבינישער תקופה, קומט אים אויס צו פאַר־טיידיקן יידן קעגן רעאַקציאָנערע העצעס און אויך דעמאָלט רעכנט ער אויס דעם קלער אַלע זיינע חטאים, ווי דאָס פאַרברענען יאַן הוס און היעראָנים פון פּראַג אויפן שייטער־הויפן, נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט זיי געהאַט גאַראַנטירט אומבאַרירלעכקייט. „נישט די רבנים, — שרייבט ער אין דעם שייכות, — האָבן פּראָקלאַמירט דעם כלל ,אפיקורסים דאַרף מען נישט האַלטן קיין וואָרט׳, נאָר זייערע רעווערענדס, די גלחים״...

זאַלקינד הורוויץ פילט זיך אויך שוין אַזוי איינערלעך פאַרבונדן מיט דעם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, אַז ער נעמט אָפּט אין דער פּרעסע אַ שטעלונג וועגן לויפנדיקע ברענענדיקע פראַגן, ווי דער ענין פון פאַר־אורטיילן דעם קיניג צום טויט (הורוויץ, אַ זשיראָנדיסט, איז געווען פאַר פאַראורטיילן, אָבער קעגן טויט־שטראָף); ער קומט אויך אַרויס מיט פּראָיעקטן וועגן דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, אין וועלכער ער איז אַליין אַריינגעטראָטן, וועגן מיליטערישע פראַגן, פראַגן פון אויסערלעכער פּאָ־ליטיק און אין י. 1801 אויך מיט אַ כאַראַקטעריסטישן פּראָיעקט וועגן איינאָרדענען ביליקע פאָלקס־קיכן. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס זינט 1790 האָט הורוויץ זיך שוין נישט געחתמעט אונטער זיינע אַרטיקלען „זשואיף פּאָלאָנע״ (פּוילישער ייד), נאָר בלויז „פּאָלאָנע״. דערמיט האָט ער מסתם געוואָלט מאַניפעסטירן אי זיין שטאַנדפּונקט וועגן רעליגיע ווי אַ פּריוואַטן ענין פון אַ בירגער, אי זיין סימפּאַטיע פאַר פּוילן, וועלכער ער איז שטענדיק געבליבן געטריי. אין י. 1792 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע אַרטיקלען לטובת פּוילן און נאָך דעם פאַלן פון קאָש־טשיושקאָ־אויפשטאַנד, איז ער געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּאָ־ליטישער עמיגראַציע פון פּוילן אין פּאַריז.

אויב נישט אַלע פּאַריזער יידן זיינען געווען אימשטאַנד צו העלפן דער רעוואָלוציע דורך זייער פּאָליטישער טעטיקייט און שוין גאָר ווייניק דורך זייער געשריבענעם וואָרט, האָט אָבער די גאַנצע פּאַריזער יידישע באַפעלקערונג געגעבן יידן איבערן לאַנד אַ ביישפּיל פון פּאַטריאָטיזם הן אין נדבות לטובת דער רעוואָלוציע, הן אין פרייוויליקן דינסט אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. באַזונדער איז געשטיגן זייער פרייגעביקייט זינט 1792, אין דער מאָס ווי עס זיינען געוואַקסן די באַדערפענישן פאַר דער מלחמה. איינצעלנע רייכע יידן פלעגן זיך אונטערנעמען אויסצושטאַ־

פירן קאָמפּאַניעס פון פריוויליקע, אָרעמערע פּלעגן זיך באַשטייערן מיט אַ טייל פון זייערע פאַרדינסטן, אָדער לוינען; אין 1793 האָבן אפילו פּאַריזער יידישע שולן מנדב געווען חפצים אויף פּולווער פאַר דער אַרמיי. גלייכצייטיק וואַקסט אויך דער צושטראָם פון פּאַריזער יידן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און דערגרייכט אין 1792 שוין בערך 150, וואָס צווישן זיי האָבן אַ פּאָר צענדליק אַוואַנסירט אויף אָפיצערן און אונטעראָפיצערן.

אויך אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע באַטייליקן זיך יידן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, בפרט, וואָס בערך אין דער זעלבער צייט, ווי עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע עמאַנציפּאַציע, איז אויך דאָס געהערן צו דער גוואַרדיע געוואָרן אַ פליכט; אַ טייל האָט זיך באַמיט וועגן באַפרייאונג פון דינסט אין שבת. אַ באַדייטנדיקע צאָל דאָרטיקע יידן האָט געדינט אין דער אַרמיי און אַנטייל גענומען אין דער מלחמה: שוין אין די ערשטע באַטאַליאָנען פריוויליקע פון נידער־עלזאַס האָבן זיך פאַרשריבן עטלעכע צענדליק יידן. אויך דאָרט זיינען פאַרצייכנט אַקטן פון פּאַטריאָטיזם פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שייכות מיט גרויסע נדבות פאַר דער מלחמה.

די שטימונג פון דער יאָרנלאַנג אויפגעהעצטער באַפעלקערונג לגבי יידן האָט זיך אָבער אין יענע אָפּגעשטאַנענע פּראָווינצן גאָר פּאַמעלעך געביטן, און ביז צום איינשטעלן פון דער יאַקאָבינער־הערשאַפט, איז נאָך די אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע פון קלער ווייטער געפירט געוואָרן און איז געווען אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט אַ קאָאַליציע פון אַ צאָל שטאָטראַטן; מען האָט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז יידן האָבן געהאַט אַ האַנט ביים אַרויסגעבן דעקרעטן וועגן גלחים. דער דיסטריקט־דירעקטאָריאַט איז קעגן דער דאָזיקער אַקציע ענערגיש אַרויסגעטראָטן, פּונקט ווי אין די אַלע פאַלן, אין עלזאַס, וואו די שטאָטראַטן פלעגן מאַכן שוועריקייטן יידן ביים אָפּגעבן די בירגער־שבועה: געווען פאַלן וואו מען האָט פון די פרומע דאָרטיקן יידן געפאָדערט די שבועה דווקא אין בלויזן קאָפּ און מיט אויפגעהויבענע צוויי פינגער.

אַ סך גינסטיקער פאַר יידן איז געווען די שטימונג אין לאָטאַרינגיע: אין די גרעסערע דאָרטיקע שטעט, מעץ, נאַנסי און לונעוויל איז דאָס אָפּגעבן די בירגער־שבועה דורך יידן פאָרגעקומען אויף אַ פייערלעכן אופן, עס זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס פון די פאָרשטייער פון די יידישע דעלעגאַציעס און פון די בירגערמייסטער. דער רב פון מעץ אורי פייבוש כהן, האָט אין אַ רעדע אויף אַ פייערונג פון מאָביליזאַציע צו דער פּאַרטיידיקונג פון דער שטאָט אין י. 1792 אויסגערופן: „אך, ,זה היום שקווינו לו' ” (אָט־דאָס איז דער טאָג אויף וועלכן מיר האָבן געהאָפט), און גע־

לויבט די רעוואָלוציע פאַר איר גערעכטיקייט. אין אָקטאָבער 1792, נאָך דעם נצחון ביי וואַלמי, איז אין דער שול פון מעץ פאָרגעקומען אַ פייערונג, וואו עס איז געזונגען געוואָרן אויפן ניגון פון דער מאַרסעליעזע אַ העברייאיש ליד, אָנגעשריבן דורך משה ענסהיים, אַ לויב־געזאַנג פאַר דער רעוואָלוציע.

סוף דעצעמבער 1792 איז די רעוואָלוציע אַריין אין אַ נייער סטאַדיע: עס איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן די לעגיסלאַטיווע פאַרזאַמלונג, און עס זיינען פאָרגעקומען וואַלן צו דעם קאָנווענט, וואו די יאַקאָבינער האָבן שפּעטער אַרויסגעשטויסן די גרויס־בורזשואַזע זשיראָנדיסטן און געוואָרן אַפּיציעל די אַליינהערשער פון דער רעוואָלוציע. אין אומגעהויער שווערע באַדינגונגען איז אויסגעקומען די יאַקאָבינער צו רעגירן דאָס לאַנד: פון דרויסן אַ מלחמה אויף אַלע פראָנטן קעגן דער קאָאַליציע פון די הויפּטמאַכטן פון דעם פעאָדאַלן אייראָפּע; אינעווייניק אין לאַנד עקאָנאָמישער קריזיס פאַראורזאַכט דורך די געשעענישן פון מלחמה און רעוואָלוציע און פאַרטיפט דורך דער געוויסנלאָזער ספּעקולאַציע פון סוחרים און באַנקירן אויף דעם שטייגנדיקן יקרות פון סחורות און אויף דער דעוואַלואַציע פון פּאַפּיר־געלט.

אַ נעץ פון פאַרראַט מצד די אָפענע שונאים פון דער רעוואָלוציע, די אַריסטאָקראַטן און קלער און דורך די שטאַרקערע און נאָך געפערלעכערע זשיראָנדיסטן, האָט זיך געשפּרייט איבערן לאַנד און געפּרואווט צו דיסקרעדיטירן און פאַרניכטן אַלע דעראָבערונגען פון פאָלק: די דעמאָקראַטישע פּאָליטישע אָרדענונג און די געזעצן צום שוץ פון פּשוטן מענטשן, מאַקסימאַל טאַריפן אויף פרייזן פון סחורות און באַשטייערונג פון פאַרמעגלעכן קלאַס לטובת דער מלוכה. כדי צו ראַטעווען און באַפעסטיקן די רעוואָלוציע, האָט דאָס ראַדיקאַלע יאַקאָבינישע קליינבירגערטום געמוזט אָנקומען צום סיסטעם פון שטרענגער דיקטאַטור איבער די פיינטלעכע קלאַסן און פּאַרטייען.

אונטער דער יאַקאָבינער הערשאַפט, דער הערשאַפט פון קאָנווענט אין די יאָרן 1793־1794, איז דער פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן געווען פּונקט אַזוי אומבאַרירלעך ווי אַלע אַנדערע פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציע. נאָך מער, אין זייער פּרינציפּיעלן פאַרמאַליזם זיינען די יאַקאָבינער דערגאַנגען ביז צו אַ דאָקטרינעריזם, וואָס האָט אין זיין פאַרבלענדקייט נישט געוואָלט זען די ווירקלעכקייט פון יידישן פּראָבלעם, און זיך איינגערעדט, אַז ער קאָן אים לייזן דורך פאָרמולעס. נישט נאָר האָט דער הערשנדיקער יאַקאָביניזם געהאַלטן יעדע דיסקרימינאַציע קעגן יידן פאַר אַ פאַרברעך קעגן דער רעוואָלוציע, נאָר ער האָט אפילו נישט געוואָלט אנערקענען, אַז עס איז נאָך פאַראַן אין לאַנד יידן ווי אַ באַזונדערער

קאָלעקטיוו; אויב עס איז געווען דורכאויס נויטיק אין אַן אָפיציעלן דאָקומענט צו געבן צו פאַרשטיין, אַז עס האַנדלט זיך וועגן יידן, פלעגט מען באַנוצן דעם כאַראַקטעריסטישן טערמין „דער פריערדיקער ייד" (ci-devant Juif) די פּראַקטיק איז אָבער נישט אומעטום איבערן גאַנצן לאַנד געווען אין פולן הסכם מיט דער דאָזיקער פּרינציפּיעלער ליניע: ערנסטע אָפּנייגן זיינען פאָרגעקומען בעיקר אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע, דאָרט, וואו פון איין זייט איז די אַלטע, קרענקלעכע יידישע עקאָנאָמישע סטרוקטור געבליבן כמעט אומבאַרירט אָדער געוואָרן נאָך פאַרקריפּלטער און פון דער אַנדערער זייט האָט דער עקאָנאָמישער אַנטאַגאָניזם און קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט פון אַרומיקן קליין־בירגערטום זיך אַדורכגעהאַקט אפילו דורך דעם גדר פון אייזערנע יאַקאָבינישע פּרינציפּן.

איין עפּיזאָד פון אַזאַ אַרעסט איז כאַראַקטעריסטיש נישט אַזוי ווייט אין 1793, אויך פאָרגעקומען אַ געוויסע צאָל אַרעסטן פון יידישע באַנקירן, סוחרים און מאַרק־הענדלער און עס זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן רעוויזיעס אין „יידישן קאַפעהויז", אָבער כמעט אין אַלע פאַלן האָבן זיי באַוויזן זייער אומשולדיקייט און זיינען באַפרייט געוואָרן.

איין עפּיזאָד פון אַזאַ אַרעסט איז כאַראַקטערסיטיש נישט אַזוי ווייט דורך דער פראַגע פון ריכטער, וועלכע איז געווען אַן אויסנאַם, ווי דורך דעם ענטפער פון אַנגעקלאָגטן: דער פרידנס־ריכטער האָט געפרעגט דעם אַרעסטירטן סערף לעאָן: „איר זייט אַ ייד?" דער ענטפער איז געווען: „איך בין עס געווען אַמאָל, אָבער אין דער רעפּובליק איז נישט פאַראַן עפּעס אַנדערש ווי רעפּובליקאַנער". דער ריכטער האָט דערויף באַמערקט: „דאָס איז דאָס זעלבע" (ווי איר וואָלט אויך איצט געווען אַ ייד). די סעקציע פון דיסטריקט פון אַנגעקלאָגטן האָט פאַר אים עדות געזאָגט און ער איז באַפרייט געוואָרן. די לכתחילה גרעסערע פּראָפּאָרציע פון אַרעסטן צווישן פאַריזער יידן איז געווען אַ רעזולטאַט נישט נאָר פון זייערע באַשעפטיקונגען, נאָר אויך דערפון, וואָס פרעמדע האָבן בכלל אין יענער צייט אַרויסגערופן אַ חשד, און אַ גרויסע צאָל פאַריזער יידן האָט געשטאַמט פון דער פרעמד.

אין אַוויניאָן האָט זיך יאָ געפונען אַן אָרגאַניזירטע גרופּע פון יידישע ספּעקולאַנטן: אין זייער המצאהדיקייט פלעגן זיי איינאָרדענען פיקטיווע לוויות און באַגראָבן גאָלד און זילבער אויפן בית־עולם; דער שווינדל איז אויפגעדעקט געוואָרן און דאָס גאָלד איז געוואָרן אויסגעגראָבן און קאָנפיסקירט. אין באָרדאָ, האָבן די גרויסע יידישע קאַפּיטאַליסטן לכתחילה געוועקט אַ טאָפּלטן אומצוטרוי ביי די יאַקאָבינער: אי צוליב זייערע גרויסע פאַרמעגנס, וואָס זיינען נאָך געוואַקסן בעת דער מלחמה, אי צוליב דעם, וואָס די שטאָט, דער צענטער פון דעפּאַרטאַמענט זשיראָנד, איז טאַקע

געווען אַ פֿעסטונג פֿון דער זשיראָנדיסטישער קאָנספּיראַציע; דער באַנקיר אברהם פֿורטאַדאָ, אַן אַקטיווער זשיראָנדיסט, איז טאַקע באַצייטנס אַנטלאָפֿן און זיין פֿאַרמעגן איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן. אַלע יידישע גבֿירים, באַשולדיקטע אין ספּעקולאַציע און אין קעגנערשאַפֿט צו דעם רעזשים זיינען אָפּגעקומען מיט גרויסע געלט־שטראָפֿן לטובֿת דער מלוכה: די ברידער ראַבאַ, סוחרים, האָבן געמוזט באַצאָלן אַ האַלבן מיליאָן ליוור, דער באַנקיר שאַרלז פּייסאָטאָ — אַ מיליאָן מיט 200 טויזנט (אויסצוצאָלן אין ראַטעס). זייער כאַראַקטעריסטיש זיינען די חטאים, וואָס זיינען אים אויסגערעכנט געוואָרן: ער שטיצט די אַריסטאָקראַטיע, ער נאַרט אָפּ אין פֿילאַנטראָפּיע (ער פֿלעגט געבן נישט מער ווי 30 ליוור אַ חודש פֿאַר אָרעמעלייט פֿון זיין שטאָט־סעקציע) און ער באַרימט זיך אַליין, אַז ער איז אַן אַריסטאָקראַט פֿון שבט לוי. בלויז איין זשאַן מענדעס האָט ביי דעם פֿאַרהער דערקלערט, אַז זיינע רעליגיעזע פּרינציפּן זיינען סותר די יאַקאָבינישע קאָנסטיטוציע, און ער איז פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אין נים און אין ליאָן האָבן צוויי איינציקע יידישע סוחרים באַצאָלט מיט טויט־שטראָף אויף דער באַשולדיקונג פֿון אָפּנאַרן די מלוכה ביי ליווערונגען.

אַ סך אַנדערש האָט אויסגעזען אונטער דער יאַקאָבינער־הערשאַפֿט די לאַגע פֿון יידן אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע. די שטורמישע יאָרן פֿון דער רעוואָלוציע און די מלחמה־לאַגע זיינען געווען ווייניק מסוגל דערצו, אַז יידן זאָל אויסנוצן די עמאַנציפּאַציע פֿאַר אַן אָרגאַניזירטן עקאָנאָמישן איבערבוי. די יידישע וואוכערער האָבן אין די נייע באַדינגונגען זיך געוואָרפֿן אויף געשעפֿטן פֿון באָרגן געלט פּויערן צו קויפֿן לאַנד פֿון די נאַציאָנאַליזירטע גיטער, הגם די קאַפּיטאַלן פֿלעגן זיי על פּי רובֿ אַליין לייען ביי רייכע בירגער און אַדל־לייט; אַ טייל יידישע פּעדלער און הענדלער האָבן צוליב דער צערודערונג פֿון נאָרמאַלן האַנדל זיך גענומען צום האַנדל מיט מעבל פֿון אַנטלאָפֿענע אַדל־לייט און טיילווייז אויך צו געלט־ספּעקולאַציע און סחורה־ספּעקולאַציע. די דאָזיקע דערשיינונגען האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן אַ סך מער, ווי לויט זייערווירקלעכער פּראָפּאָרציע. די צאָל נישט־יידן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט ספּעקולאַציע איז געווען לכל הפּחות אַזוי גרויס, ווי די צאָל יידישע ספּעקולאַנטן, ווי מען קאָן זען פֿון דער צאָל, וואָס איז פֿאַר ספּעקולאַציע פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף געלט־שטראָף, דעפּאָרטאַציע אָדער עפֿנטלעכן פֿאַרוואורף דורך דעם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל אין נידער־עלזאַס; צווישן די בערך 30־40 פֿאַרמשפּטע אויף טויט־שטראָף איז געווען בלויז איין ייד (פֿאַרמשפּט פֿאַר שפּיאָנאַזש). יידן, וואָס זיינען באמת נתעשר געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, אַזעלכע ווי די אַרמיי־ליוועראַנטן סערף־בערס אין שטראַסבורג, די ליפּמאַנס אין ווערדען, אָדער דער באַנקיר זעליגמאַן

אַלעקסאַנדער, וואָלף לעווי, מאיר לאַזאַר, זיינען געווען בעצם בלויז אַ הייפל: נאָך אין 1795 ווערן ביי אַ מלוכהשער צוואַנג־הלוואה בלויז 5 יידן אַריינגעשטעלט צווישן די רייכסטע 22 שטייער־צאָלער אין שטראַסבורג.

דאָס פאַרביטערטע קליינבירגערטום, וואָס האָט געליטן פון יקרות, האָט נישט באַוויזן אין די פּאָר יאָר פון דער רעוואָלוציע זיך צו באַפרייען פון איינגעוואָרצלטן אַנטאַגאָניזם צו יידן און פונקט ווי פריער געזען די ישועה אין פּטור ווערן פון דער יידישער קאָנקורענץ, און איצט אַחוץ דעם אויך פון „יידישער ספּעקולאַציע". אין אַפּריל 1793 פאָדערט דער דיסטריקט פון קאָלמאַר פון גענעראַל־ראַט פון דעפּאַרטאַמענט (אין שייכות מיט אַ סיכסוך צווישן ברוך סערף בער און גענעראַל קיוסטין וועגן אַרמיי־ליי־ווערונגען) מען זאָל יידן, ווי „די געפערלעכסטע אינערלעכע שונאים" פאַר־באָטן דאָס באַזעצן זיך אין שטעט. אין האַרבסט 1793 נעמען אָן די יאַ־קאָבינער־קלובן אין שטראַסבורג, ווי אויך אין נאַנסי, טול און אין דע־פּאַרטאַמענט מערט, צו וועלכן די דאָזיקע צוויי לאָטאַרינגישע שטעט האָבן געהערט, רעזאָלוציעס וועגן ווענדן זיך צו די געהעריקע אינסטאַנצן מען זאָל די יידן דעפּאָרטירן פון לאַנד. אין דער רעזאָלוציע פון יאַקאָבינער־קלוב פון נאַנסי, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן אי צום יאַקאָבינער־קלוב אין פּאַריז, אי צום קאָנווענט, ווערן די יידן באַצייכנט ווי „אייביקע ספּע־קולאַנטן, אייביקע שווינדלער, אייביק איזאָלירטע פון דער איבעריקער באַפעלקערונג פון דער רעפּובליק.*

עס איז נישט קיין חידוש, אַז דער יאַקאָבינער־קלוב פון סענט־עספּרי, וואָס איז, אגב, באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון יידן, האָט, דערוויסנ־דיק זיך וועגן דעם באַשלוס, אַריינגעשיקט אַ בריוו צו די גענאָסן אין נאַנסי, מיט אַ וואָרנונג קעגן גייסט פון „פאַנאַטיזם", וואָס האָט זיך דאָרט אַריינגעכאַפּט: „מיר זיינען ווייט פון וועלן פאַרטיידיקן שלעכטע בירגער, אָבער היט זיך גוט, איר זאָלט נישט פאַרראַטן אייערע שבועות, און אויפהערן צו אָנערקענען די פּרינציפּן פון פרייהייט און גלייכקייט . . . דער מענטשלעכער מין איז גענוג אומגליקלעך פון זיך אַליין, מען זאָל נאָך צוגעבן אומאייניקייט — אין גייסט פון די רדיפות, וואָס האָבן גע־בושעוועט אויף דער וועלט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן". אָבער אויך דער פּאַריזער יאַקאָבינער־קלוב האָט געגעבן אַן ענטפער, וואָס איז געווען אויס־געהאַלטן לויט די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן רעזשים. אויף דער זי־צונג פון 20טן אָקטאָבער 1793 האָט לעאָנאַר בורדאָן פּראָטעסטירט קעגן דעם באַשלוס פון דעפּאַרטאַמענט מערט און דערקלערט: „אין אונדזערע

* דער היסטאָריקער מ. גינסבורגער רוקט אַרויס די סברה, אַז דער איניציאַטאָר פון דער רעזאָלוציע, אַ געוויסער פיליפּ פון באָרדאָ, איז אַליין געווען אַ ייד!

אַרמייען געפינען זיך מער ווי צוויי טויזנט יידן, וואָס שלאָגן זיך זייער מוטיק". מיט אַ וואָך שפּעטער האָט, אויף דער זיצונג, מאַסיע פּראָטעס־טירט קעגן דעם באַשלוס פון יאַקאָבינער־קלוב אין נאַנסי. ביי אַן אַלגע־מיינעם אַפּלאָדיסמענט האָט דערויף אַן אַנדער מיטגליד פון קלוב דער־קלערט: „די רעפּובליק קען נישט מער דאָס וואָרט ייד, ווייל עס דינט שוין נישט מער צו באַצייכענען אַ פאָלק, נאָר אַ סעקטע; די רעפּובליק קען אָבער נישט קיין סעקטעס און האָט נישט בדעה צו דעפּאָרטירן קיין סעקטאַנטן, סיידן, ווען זיי זאָלן שטערן די סאָציאַלע אָרדנונג". דערויף האָט די יאַקאָבינער־געזעלשאַפט אָנגענומען אַ באַשלוס אַריבערצוגיין צום סדר־היום איבער דער רעזאָלוציע פון נאַנסי, היות „זי קען נישט קיין אַנ־דערע רעליגיע, ווי די רעליגיע פון פרייהייט און פון גלייכקייט". בערך דעם זעלבן באַשלוס האָט אויך אָנגענומען דער קאָנווענט.

אָבער אויך נאָך דעם פּרינציפּיעלן באַשלוס פון די צענטראַלע אינ־סטאַנצן פון דער פּאַרטיי און מלוכה אין פּאַריז, הערן נישט אויף די אָר־גאַנען פון דער פּראָווינץ־אַדמיניסטראַציע אין עלזאַס אַרויסצוקומען מיט די שאַרפסטע אַטאַקעס קעגן די, „וואָס האָבן פריער געהייסן יידן". אין נאָוועמבער 1793 באַקלאָגט זיך אַזוי באַדאָ, דער רעפּרעזענטאַנט פון פאָלק ביי די אַרמייען פון ריין און מאָזעל אין אַ בריוו צו זיין פריינד דיוואַל: „די יידישע ראַסע, וואָס איז דורך די טיראַנען פון אַלטן רעזשים געהאַלטן געוואָרן גלייך ווי בהמות, וואָלט אָן אַ ספק געוועזן באַדאַרפט זיך בלב ונפש איבערגעבן דער זאַך פון פרייהייט. עס איז אָבער גאָרנישט מיט גאָרנישט . . . קוים מיט צרות וואָלט מען געקאָנט ביי זיי אָנציילן אין די דעפּאַרטאַמענטן פון הויכן ריין און נידעריקן ריין (ביידע טיילן פון עלזאַס) צען אָנערקענטע פּאַטריאָטן. אומעטום שטעלן זיי העכער די געלט־גייציקייט ווי די ליבע צום פאָטערלאַנד און זייערע לעכערלעכע אָבער־גלויבנס העכער ווי דעם שכל. צי וואָלט נישט געווען צוועקמעסיק זיך צו נעמען לגבי זיי צו אַ גילאָטינע־רעגענעראַציע?" . . .

דער מיליטערישער קאָמיסאַר האָט זיך אפילו נישט גענומען די טירחה אויסצוגעפינען, וויפיל יידן עס האָבן באמת געדינט אין זיינע אַרמייען, אי ווי פרייווילי‌קע, אי דורך דער אויסגערעכנטער טאַקטיק פון קליינשטעטלדיקע עלזאַסער שטאָט־ראַטן, וואָס האָבן גיכער געוואָלט פאַר־שווינען פון מיליטער־דינסט זייערע „אייגענע", נישט־יידן. פּונקט אַזוי אומגלויבלעך איגנאָראַנט איז געווען די „פּראָוויזאָרישע אַדמיניסטראַציע" פון נידער־ריין דעפּאַרטאַמענט, וואָס האָט אין איר מעמאָראַנדום צו דער רעגירונג פון 14טן אַפּריל 1794 געוואוסט צו דערציילן, אַז 50 טויזנט יידן געפינען זיך אין איר דעפּאַרטאַמענט, אַ גוזמא בערך אַ פירפאַכיקע! אויך אין דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום, וואָס איז אין אַ פאַרשיידענעם נוסח

נאָך דריי מאָל איבערגעשיקט געוואָרן צו נידעריקערע אַמטן און העכערע אינסטאַנצן (צום פערטן מאָל דעם 27טן יוני 1794) ווערט די „פריערדיקע יידן" שאַרף אַפּירגעהאַלטן די אומדאַנקבאַרקייט פאַר דער עמאַנציפּאַציע, וואָס ווערט גאָר אָפּגעשאַצט מיט חרטה ווי „אַ פילאַנטראָפּיע, וועלכע איז אפשר געווען שלעכט אַדורכגעטראַכט". יידן ווערן דאָ פאַרגליכן צו אַ „פרעסנדיקן פאָליפּ", וואָרום זיי „ברענגען מיט זיך צעשטערונג און טויט." יידן ווערן באַשולדיקט אין „וואוכערישער ספּעקולאַציע אין שטאָט און אין דאָרף"; זיי זיינען די, וואָס האָבן אויך דעם פויער אויסגעלערנט גייציקייט און געלט־ספּעקולאַציע. יידן ווערן אָבער אויך פאָרגעשטעלט ווי אומפאַרבעסערלעכע דאָגמאַטיקער, וואָס „ווילן נישט עפענען די אויגן אויפן ליכט פון שכל". אָט האָבן זיי נישט לאַנג צוריק אַריבערגעפירט אַ מת פון שטראַסבורג קיין ראָסהיים, כדי אים מקבר צו זיין אויף אַ יידישן בית־עולם, „און די דאָזיקע מענטשן פרעטענדירן צו געניסן רעכט פון פראַנצויזישע בירגער, מיט וועלכע זיי ווילן זיך נישט פאַראייניקן אפילו נאָכן טויט". זיי זיינען אויך קאָנטער־רעוואָלוציאָנער: „קאָנען זיי דען וועלן אַ רעפּובליק און זי האַלטן טייער, די זעלבע מענטשן, וואָס באַגערן אַ מלך און האָפן אויף אים?" (אויף משיחן); נישט געקוקט אויף דעם בפירושן פאַרבאָט פון דער דעפּאַרטאַמענט־מאַכט פון 11טן יוני 1793, פירן זיי נאָך אַלץ אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד אויף העברייאיש.

די אַדמיניסטראַציע פון נידער־ריין פאָדערט פון דעם קאָנווענט אַנצונעמען מיטלען קעגן ספּעקולאַציע בכלל, ווי אויסבאַהאַלטן אינגאַנצן דאָס גאָלד „דעם מקור פון פאַרדאָרבנקייט". להיפוך אָבער צו דעם פאָלקס־קלוב פון מעץ, וואָס האָט געמאָנט ביים קאָנווענט אַן אַקציע קעגן ספּעקולאַציע מיט נאַציאָנאַליזירטע גיטער און מיט געלט, נישט דערמאָנענדיק דערביי בכלל קיין יידן, צעלאָזן זיך די נידער־עלזאַסער קליינשטעטלדיקע יאַקאָבינער־באַאַמטע אין אַ שפּראַך פון העל און רעוובעל אין אויספירלעכע פּראָיעקטן וועגן „די שטרענגסטע מיטלען", וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן קעגן „די אינטריגעס און דעם בייזן ווילן פון דעם פאָלק פון גאָט", „קעגן די פאַרשאָלטענע רעשטן פון אַ פאָלק, וואָס איז פון אייביק אָן פונקט אַזוי פאַרהאַסט ווי מבוזה". „מען דאַרף אַרויסרייסן די פּאַראַזיטישע געוואוקסן פון דער ערד פון פרייהייט!": די רייכסטע „פריער אַזוי־גערופענע יידן", זאָלן אַרעסטירט ווערן און נאָך דער מלחמה פאַרטריבן ווערן פון לאַנד אויף אייביק; די איבעריקע דערוואָקסענע מענער און פרויען דאַרפן אַרויסגעשיקט ווערן אין די אינערלעכע פּראָווינצן פון לאַנד, וואו זיי זאָלן זיין געצוואונגען אונטער שטרענגן קאָנטראָל צו אַרבעטן אין פעלד, אין האַנטווערקער וואַרשטאַטן, אָדער אין פרייע פּראָפעסיעס; אַלע קינדער אונטער 12 יאָר אַלט זאָל מען צעשפּרייטן איבער פּריוואַטע הייזער און

קינדער־הײמען, וואו זײ וועלן באַקומען אַ „נאַציאָנאַלע דערציאונג", אויסלערנען זיך „האַנטווערק, טוגנט און טאַלאַנטן" און „פאַרגעסן די זינד פון זײערע אבות". „די מאַסמיטלען זײַנען שטרענג, — ווערט צוגעגעבן צום סוף פון מעמאָראַנדום, — אָבער מען טאָר זיך נישט וואַקלען צווישן (דער טובה פאַר) מענטשן און פאָטערלאַנד, צווישן אַ פאַנאַטישער און באַרבאַרישער נאַציע און דעם וואויל פון אַ פרײַ פאָלק" — — —

„דער צעכמעסיק־באַצאָפטער, דאָס ברויט נישט פאַרגינערישער, שפּיסבירגערלעכער יידן־האַס פון דעם האַלב־דײַטשן בירגערטום", ווי דער גרויסער מײַסטער גרעץ באַצײכנט טרעפלעך די שנאת ישראל אין עלזאַס,* קוקט אַדורך אפילו דורכן דעקל פון יאַקאָבינישן ווערטער־בוך, וועלכן עס האָט צוויי יאָר נעבעך געמוזט נאָכזורן. דער דאָזיקער האַס האָט פרײַער אויפגעאָטעמט ביים באַרג־אַראָפּ פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע וואָכן נאָך דעם לעצטן העצערישן מעמאָראַנדום פון נידער־עלזאַס און אינגאַנצן זיך צענומען די לאַפּעס אונטער די באַשיצנדיקע פליגלען פון נאַפּאָלעאָנס קיסרלעכן אָדלער.

דער קולט פון שׂכל, וועלכן דער קאָנווענט האָט אויף עבערס איניציאַטיווע אײַנגעפירט אין נאָוועמבער 1793 און אָנגעהאַלטן ביז מאַי 1794, איז געווען בפירוש געווענדט קעגן דער קאַטוילישער קירכע, ווי אַ מיטל צו צעברעכן איר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מאַכט. די יידישע, פונקט ווי די פּראָטעסטאַנטישע רעליגיע, איז דערמיט אין פּרינציפּ נישט באַרירט געוואָרן. און עס איז נישט געווען קיין שום געזעץ, וואָס זאָל שטערן יידן צו האַלטן אָפן שולן און בתי־מדרשים, אָדער בכלל עפנטלעך צו פּראַקטיצירן די רעליגיע. אין דער פּראַקטיק האָט אָבער די צעגליטע אַטמאָספערע פון קאַמף קעגן קלער און קאַטוילישער קירכע זיך געמוזט אויסשפרייטן אויך אויף אַלע אַנדערע רעליגיעס, די יידישע אײַנגעשלאָסן.

אין אַ צײַט, ווען טויזנטער קירכעס איבערן לאַנד פלעגן אונטערן צוואַנג, אָדער אפילו פרײַוויליק, פאַרוואַנדלט ווערן אין טעמפּלען פון שׂכל, זײַנען אויך די יידישע שולן נישט תמיד פאַרשוינט געוואָרן. אין

* הגם גרעץ שטעלט זיך אָפּ אויך אויף די עקאָנאָמישע וואָרצלען פון אַנטאַגאָניזם קעגן יידן אין עלזאַס, און אויף דעם יידישן וואוכער בפרט, האַלט ער, אַז די דערשײַנונג האָט אויך געהאַט אַ סך צו טאָן מיט דעם כאַראַקטער פון דײַטשן: „די דײַטשע באַפעלקערונג פון דער דאָזיקער פּראָווינץ, האָט פונקט ווי די דײַטשן בכלל, אַם עקשנותדיקסטן, זיך געהאַלטן ביי דעם שׂנאה צו יידן". זע גרעץ, בד' 11, דײַטשע אויסגאַבע 1870, ז' 62; דער אויבן־געבראַכטער זאַץ איז ציטירט פון ז' 270.

די טעג, ווען קאַטוילישע גלחים און פּראָטעסטאַנטישע פּאַסטאָרן האָבן אונטערן דרוק פון דער שטימונג פון פאָלק אָפּגעגעבן ביי רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן פון פאַרזאַמלטן עולם עפנטלעכע דעקלאַראַציעס וועגן אָפּזאָגן זיך פון זייערע „אַבערגלויבנס" און סימבאָליש אַוועקגעלייגט זייערע געהייליקטע בגדים, איז אויך אַ צאָל יידן מיטגעריסן געוואָרן צו ענלעכע מאַניפעסטאַציעס, וועלכע זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ באַווייז פון פּאַטריאָטיזם.

באַזונדער זיינען געווען נוטה צו אַזעלכע אַקטן יידן פון פּאַריז, צווישן וועלכע עס האָט זיך שוין געפונען דעמאָלט אַ באַדייטנדיקע צאָל אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אי שפּראַכלעך און קולטורעל אַסימילירט מיט דער סביבה, אי שטאַרק אָפּגעקילט אין דער באַציאונג צו רעליגיע בכלל. אויף דעם פאָן זיינען פאָרגעקומען אין פּאַריז סענסאַציאָנעלע עפּיזאָדן: צוויי מלמדים, אהרן פּאָלאַק און יעקב כהן פלעגן יעדע דעקאַדע (דער צענטער טאָג, אָפיציעל איינגעפירט ווי דער טאָג פון רו) פירן זייערע תלמידים אין טעמפּל פון שכל, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער קאַטוילישער קאַטעדרע נאָטער־דאַם; דער בירגער יעקב בנימין, אַ פּאָלקאָווניק אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, גיט אָפּ אַ דערקלערונג אויף דער זיצונג פון שטאָטראַט פון פּאַריז, אין נאָמען פון זיינע „רעליגיאָנס ברידער פון משה, אברהם און יעקב", אַז ער וויל נישט באַטראַכט ווערן פאַר אַ מיטגליד פון דער צי יענער סעקטע, נאָר ווי אַ פראַנצויזישער בירגער; דער פאָרזיצער ענטפערט אים מיט אַ ברידערלעכן קוש; אַ „כהן", שלמה העסע, ברענגט אויף דער זיצונג פון פּאַטריאָטישן קלוב די עטרה פון טלית און דערקלערט, אַז „ער האָט נישט קיין אַנדערן גאָט, ווי דעם גאָט פון פרייהייט און קיין אַנדער רעליגיע, ווי די רעליגיע פון גלייכקייט"; אַן אַנדערער לייגט אַוועק פאַרן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט פון זיין דיסטריקט רעליגיעזע חפצים, „וועלכע די שאַרלאַטאַנען פלעגן באַטראַכטן פאַר זייער וויכטיקע, צווישן אַנדערע אַ קאַפּל, וואָס מען זאָגט, אַז עס האָט נאָך געטראָגן משה רבנו", און דער פאָרזיצער דריקט אויס די פייערלעכקייט פון מאָמענט דורך הייסן זינגען די „מאַרסעליעזע"; אַ דעלעגאַציע פון ספרדישע יידן פון דער פּאַריזער פאָרשטאָט סען־זשערמעין ברענגט צום קאָנווענט כלי קודש פון דער שול און גיט אָפּ דערביי אַזאַ דערקלערונג: „אונדזערע אבות האָבן אונדז איבערגעגעבן געזעצן, וואָס זיינען אויסגערופן געוואָרן פון אַ שפּיץ באַרג (סיני); די געזעצן, וואָס איר גיט פראַנקרייך, קומען אויך פון אַ באַרג, וואָס מיר האַלטן נישט ווייניקער בכבוד..." (די „מאָנטייך", די יאַקאָביגער פּאַרטיי).

אין אַנדערע עטלעכע שטעט, אַלע אין דרום־פראַנקרייך, ווי נים, אוויניאָן, סענט עספּרי, שענקען אַוועק די יידישע קהילות די כתרים פון

ספרי־תורה און אַנדערע זילבערנע כּלי קודש. אין נים האָט אויך דער חזן אויף אַן עפנטלעכער צערעמאָניע זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט און רעליגיע. אין קאַרפּאַנטראַס האָבן די יידן איבערגעגעבן דעם שטאָט־ראַט די שליס־לען פון דער שול, וואָס איז שוין פריער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יאַקאָ־בינער־קלוב, און דערביי אָפּגעגעבן אַ דעקלאַראַציע וועגן צושטיין צום קולט פון שׂכל. אַזאַ צערעמאָניע איז אויך פאָרגעקומען אין איל סיר סאָרג. אָט־וואָס עס האָבן געזאָגט אין זייער דעקלאַראַציע 6 יידן, וואָס האָבן זי געחתמעט אין קאַרפּאַנטראַס: „. . . מיר זיינען צופיל פאַראינטערעסירט אין דער דערהאַלטונג פון דער רעפּובליקאַנישער אָרדענונג, אַז מיר זאָלן זיך נישט אונטערוואַרפן דער טובה פון כּלל און דעם נאַציאָנאַלן ווילן; גאָט, וואָס מיר גלייבן, אַז די העכסטע הימלען קאָנען אים נישט אַרומנעמען, קאָן מען דינען אויף דער גאַנצער ערד; מיר ווילן זיך אַלע אָנשליסן אַן דעם טעמפּל פון שׂכל וואו אַלע מענטשן זיינען ברידער . . . " דער טאָן גופא פון דער דעקלאַראַציע באַרעכטיקט די השערה, אַז הינטער איר איז געשטאַנען אַן עדה יידן, וואָס האָבן זיך לחלוטין אין האַרצן נישט אָפּ־געזאָגט פון זייער גלויבן, נאָר האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק, אָדער אָפּענעם צוואַנג, צו באַוויזן זייער פּאַטריאָטיזם. וועגן דעם, אַז אפילו אין פּאַריז האָט דאָס רוב פון דער קהילה זיך פעסט געהאַלטן ביי דער טראַ־דיציאָנעלער אמונה, זאָגט עדות אַזאַ פאַקט: אין פרילינג 1794 האָט משה פימאַנטעל פון דער סעקציע מאַראַט געבעטן די קאָמונע אַ דערלויבע־ניש צו ברענגען מעל אויף מצה פאַר 220 פאַמיליעס. די קאָמונע האָט, אגב, אָפּגעזאָגט זיין פאַרלאַנג נישט צוליב אַן אַנדער מאָטיוו, ווי דעם דעקרעט וועגן איינהייטלעכן סאָרט פון ברויט.

וועגן צוואַנג־מיטלען און גזירות קעגן דער יידישער רעליגיע, הערן מיר אַחוץ איינצעלנע פאַלן (טרוא אין שאַמפּאַניע, ארבע קהילות אַרום אוויניאָן) בעיקר פון די פּראָווינצן עלזאַס און לאָטאַרינגיע. אויב אין אַזאַ שטאָט ווי סענט־עספּרי (נעבן באַיאָן) האָט דער אָרטיקער יאַקאָבינישער קאָמיטעט געהייסן פאַרמאַכן צוויי שולן (גבאים פון אַ דריט שולכל האָבן אַליין עס איבערגעגעבן „כּדי צו צעשמעטערן דעם פאַנאַטיזם ביז צום גרונט"), דאַרף מען אין אַכט נעמען, ווי שוין געזאָגט, אַז דער קאָמיטעט איז אַליין באַשטאַנען כּמעט אויסשליסלעך פון יידן און דער פּאָרזיצער האָט שפּעטער אפילו עולה געווען צו ווערן דער גרויס־ראַבינער פון באָרדאָ . . . דער זעלבער יידיש־יאַקאָבינישער קאָמיטעט האָט פאַרבאָטן אונטער אַ געלט־שטראָף צו היטן שבת. דאַקעגן אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע פלעגן די שטאָט־פאַרוואַלטונגען פאַרמאַכן די שולן, פאַרוואַנדלען זיי אין קלובן אָדער באַנוצן אויף מאַגאַזינען און אפילו צעשטערן די בית־עולמס (אין מעץ זיינען אַ טייל מצבות פאַרקויפט געוואָרן אויף אַ ליציטאַציע).

אין שטראַסבורג זיינען די קאָנפיסקירטע ספרי־תורה פאַרברענט געוואָרן עפנטלעך אין אַן אויטאָ־דאַפע. אין מעך זיינען זיי אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק דעם, וואָס די שטאָט האָט באַשלאָסן צו באַנוצן די יריעות אויף פּויקן. דאָס היטן שבת איז אין גאַנץ עלזאַס און לאָטאַרינגיע געווען פאַרבאָטן. פּונקט אַזעלכע רדיפות זיינען דורכאויס געווען געווענדט אויך קעגן דער קאַטוילישער רעליגיע. אויך אין די קירכעס אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע פלעגט מען צעשטערן דעם אינווענטאַר און קאָנפיסקירן די זילבערנע און גאָלדענע חפצים. רבנים פלעגן געצוואונגען ווערן עפנטלעך זיך אָפּצוזאָגן פון זייער גלויבן און פאַרברענען זייערע „דיפּלאָמען", אויף צערעמאָניעס. וואו עס האָבן אַנטיילגענומען צענדליקער קאַטוילישע גלחים (האַגענוי, נאַנסי).

און דאָך האָט אין עלזאַס די אַקציע קעגן דער יידישער רעליגיע אויך אויפגעוויזן סימנים פון דער אַנטיפּאַטיע צו יידן, מיט וועלכער דאָס דאָרטיקע קליינבירגערטום איז געווען שטאַרק אַדורכגעדרונגען. בעת דער פאַרוואַלטער („פּראָקוראָר") פון דיסטריקט פון שטראַסבורג ווענדט זיך אין נאָוועמבער 1793 צו דער קאָמיסיע פון דעפּאַרטאַמענט וועגן אַרויסגעבן דעקרעטן קעגן דער יידישער רעליגיע, פאַרלאַנגט ער צו פאַרווערן מילה, ווי אוממענטשלעך, „פּונקט ווי די נאַטור וואָלט נישט געווען פולקאָמען", דאָס באַנוצן העברייאיש, „אַ שפּראַך, וואָס זיי (אַליין) פאַרשטייען נישט", אָבער פאַר די אַנדערע פּראָיעקטן גיט ער אַזאַ באַגרינדונג: „מען דאַרף יידן פאַרבאָטן צו טראָגן בערד, וואָס איז ביי זיי אַ מין גדלות; זיי מאַלפּעווען נאָך די פּאַטריאַרכן פון וועלכע זיי האָבן נישט געירשנט זייערע טוגענטן"; עס איז נייטיק איינצואָרדנען „אַן אויטאָ־דאַ־פע אין דער אמתן" אויף אַלע העברייאישע ביכער „און בעיקר אויפן תלמוד, וואָס זיין מחבר איז געווען אַ געננג גרויסער שווינדלער, אויב ער האָט זיי דערלויבט צו באָרגן געלט אויף וואוכער מענטשן פון אַן אַנדערן גלויבן". ווידער ווייזט זיך אַרויס דער מהלך צווישן די פּראָווינצער יאַקאָבינער אין עלזאַס און דעם יאַקאָבינער־צענטער אין פּאַריז: דער קאָנווענט האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די פאָדערונגען און האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין פאַרבאָט אויף מילה (וועלכן עס האָט דווקא אויך געפאָדערט אַ סאַנקיולאָטיש בלאַט אין פּאַריז), אויף היטן שבת, טראָגן בערד, אָדער אויף העברייאישע ספרים.

אויב פאַר פרומע פראַנצויזן האָט דער יאַקאָבינישער אַנטי־קלעריקאַלער צוואַנג־ראַדיקאַליזם, וואָס איז אַליין געווען אַרויסגערופן דורך דער צוואַנג־לאַגע פון פּאַרטיידיקן די רעוואָלוציע, באַדייט פאַרגוואַלטיקונג פון יחידישן רעליגיעזן געוויסן, האָבן פרומע יידן געמוזט איבערלעבן אַ טאָפּלטע טראַגעדיע, אַן אינדיווידועלע און אַ נאַציאָנאַלע: אין אַ תקופה

װען קײן נײַע פאָרמען פון ייִדישקײט האָבן נאָך אפילו נישט געהאַט קײן צײַט זיך אויסצוקריסטאַליזירן, איז דאָס אָפּזאָגן זיך אינגאַנצן פון דער טראַדיציאָנעלער, רעליגיעזער ייִדישקײט געװען דאָס זעלבע װי איבער־רײַסן אַלע פעדים מיטן ייִדישן פאָלק איבער דער װעלט, מיט זײַן פאַר־גאַנגענהײט און מיט זײַן היסטאָרישער שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער גאולה. די גזירות קעגן דער ייִדישער רעליגיע האָבן באַזונדער אין עלזאַס־לאָ־טאַרינגיע טאַקע אומצװײדײטיק געהאַט פאַר אַ ציל צו צעשטערן ביז צום גרונט יעדע פאָרם פון אַ ייִדישן קאָלעקטיװן לעבן: דער קאַמף קעגן ייִדישן „סעפּאַראַטיזם“ איז דערגאַנגען אַזױ װײַט, אַז אין נאַנסי האָט אַ מיטגליד פון גענעראַל־ראַט פון דער קאָמונע געפאָדערט צו האַלטן לכתחילה אונטער אַ חשד ייִדן װאָס האָבן נישט חתונה מיט קאַטאָליקן.

װאָס איז דער חידוש, אַז ייִדן אין האַגענױ, אין מעץ, צי אפילו אין ניצע פלעגן טאַקע אין װאָכעדיקע בגדים זיך באַהאַלטענערהײט צוזאַמענ־קומען שבת, צי יום־כּיפּור און אָפּהאַלטן אַ מנין. װי טיפזיניק איז געװען דער ענטפער פון דער ייִדישער פרױ האַדאַמאַרד אין מעץ, װאָס איז גע־קומען בעטן דעם פּראָ־קאָנסול פון שטאָט, ער זאָל דערלױבן אָפּצוריכטן דעם סדר און עסן מצות. װען דער באַאַמטער האָט געפרואװט זי אָפּצו־װענדן: „װאָס, מען האַלט זיך נאָך אַלץ בײַ די נאַרישקײטן, בעת די זון פון שׂכל לײַכט אויפן האָריזאָנט?“ האָט די ייִדישע פרױ געענטפערט: „די מצות זײַנען שױן פאַרטיק, עס איז אַ מנהג, װאָס איז אונדז האַרציק טײַער, װי אַ זכר פון פרײַהײט“. דער באַאַמטער, װאָס האָט געגעבן די דערלױבעניש מיט אַ גוטמוטיק פאָלקס־װערטל („מילא, אויב דער װײַן איז שױן אָנגעצאַפּט, דאַרף מען אים טרינקען“), האָט מסתּם אין יענער רגע תּופס געװען, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַ שײַכות צװישן דעם „זמן חרותנו“ און דער באַפרײַערישער פראַנצױזישער רעװאָלוציע.

דער אַקטיװער אַנטײל פון אַן אויפגעקלערטן שיכט ייִדן אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד בעת דער רעװאָלוציע האָט ממילא גורם געװען, אַז אין די לעצטע חדשים פון ראָבעספּיערס הערשאַפט, װען עס האָט זיך פאַר־שטאַרקט דער יאַקאָבינישער טעראָר קעגן די שׂונאים פון דער רעװאָלוציע און קעגנער פון רעזשים, האָבן זיך אויך געצײלטע עטלעכע ייִדן געפונען צװישן די פאַרמשפּטע צו דער גילאָטינע — פאַר סאָציאַלע חטאים. באַ־קאַנט זײַנען די פאַלן פון יעקב פערײרא; פון צװײ ברידער קאַלמער, פון אַ באַנקיר־משפּחה פון האָלאַנד, דער עלטערער, יצחק, פאָרזיצער פון רעװאָלוציאָנערן קלוב אין קלישי, פאַרמשפּט פאַר ספּעקולאַציע, מיס־ברױכן פון מאַכט און דעספּאָטיזם, דער ייִנגערער לואי־בנימין פאַרמשפּט װי אַ ראָיאַליסט; יוניוס און עמנואל פרײַ, זין פון אַ געשמדטן ליװעראַנט פון מעהרן, פאַרמשפּט פאַר שפּיאָנאַזש צוזאַמען מיט דעם דאַנטאָניסט

שאַבאַ, וועמען זיי האָבן צוליב זייער חשודע טעמים אָועקגעגעבן פאַר אַ ווייב זייער 16־יאָריקע שוועסטער און צוגעגעבן אַ נדן פון קרוב אַ פערטל מיליאָן. בלויז דער ערשטער פון די פינף, יעקב פּערײראַ פאַרדינט אויפ־מערקזאַמקייט אי ווי אַ פאַרביקע אַוואַנטוריסטישע און סתירות־פולע פּער־זענלעכקייט, אי ווי אַ וויכטיקער, פירנדיקער מיטגליד פון דער יאַקאָבינער פּאַרטיי. ער האָט געשטאַמט פון באָיאָן און ערשט בעת דער רעוואָלוציע געקומען קיין פּאַריז, וואו ער האָט זיך געעפנט אַ טאַבאַק־פאַבריק. ער האָט צוערשט געהערט צו די מאַנאַרכיסטישע פּיאָנען, דערנאָך אַריבער צו די יאַקאָבינער, וואָס האָבן אים געמאַכט פאַר אַ געריכט־אַסעסאָר, פאָרזיצער פון אַ קלוב אין פּאַריז, פירער פון אַ שטאָט־סעקציע, און אָנפאַרטרויט אים וויכטיקע פּאָליטישע מיסיעס, ווי אַ שליח פון דער רע־גירונג צו דער אַרמיי. ער איז אויך געווען איינער פון די דעלעגאַטן צום צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָט אַדורכגעפירט דעם יאַקאָבינער אויפ־שטאַנד און שפּעטער רעאָרגאַניזירט געוואָרן ווי דער „קאָמיטעט פון עפנטלעכן וואויל“. ווי אַ חבר פון אַנאַקאַרזיס־קלאָאָץ האָט ער זיך באַטיי־ליקט אין דער אַקציע, וואו דער קאַטוילישער בישאָף פון פּאַריז גאָבעל איז צוגערעדט געוואָרן צו שטעלן זיך פאַרן קאָנווענט און אָפּזאָגן זיך פון דער קאַטוילישער רעליגיע. פאַר פּערײראַס פּערזענלעכקייט זיינען כאַראַק־טעריסטיש צוויי עפּיזאָדן. אַ יאָר פאַר דער רעוואָלוציע האָט ער זיך צו כל נדרי באַוויזן אין דער שול אין באָיאָן. דערפאַר וואָס דער פּרנס האָט אים אַרויסגעוואָרפן, ווייל ער האָט ניט אויסגעטאָן די שיך, האָט ער אויף אים צו־מאָרגנס געשאָסן און שיער אים ניט געטראָפן. ער האָט אָבער פאַר דעם כבוד פון זיין פאָלק זיך אָנגענומען מיט בישט ווייניקער שטאָלץ, ווי פאַר זיין אייגענעם. בעת דער יאַקאָבינער הערשאַפט איז אָנגעקומען קיין פּאַריז אַ דע־לעגאַציע פון באָרדאָ און באַרימט זיך פאַרן יאַקאָבינער קלוב, אַז „די קאַ־וואַלעריע פון באָרדאָ האָט אין בלוט פון די שפּאַניער אָפּגעוואַשן די (זשיראָנדיסטישע) חרפּה פון דער שטאָט“. „שפּאַניער“ אין דעם שייכות האָט נאָר געקאָנט מיינען ספרדישע יידן. פּערײראַ איז באַלד צוגעלאָפן צו דער טריבונע און אויסגערופן: „איך האַלט עס פאַר אַ גרויס אומגליק, וואָס די קאַוואַלעריע פון באָרדאָ, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון פאַר־רעטער און פּוסטע פראַנטן, איז אָנגעפאַלן אויף די שפּאַניער...“ די דאָ־זיקע סצענע, ביי וועלכער ער האָט אומפאַרזיכטיק באַנוצט די פראַזע „יאַקאָבינער מלכות“, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורמישן פּראָטעסט־געשריי „נידער מיט מלכות!“ — איז גוט פאַרגעדענקט געוואָרן פון זיינע שונאים. בעצם איז פּערײראַ געפאַלן אַ קרבן פון ראָבעספּיערס נייער ליניע פון קאַמף קעגן די עבערטיסטן און זייער רעליגיע פון שכל. דער טריבונאַל האָט אים צווישן אַנדערע אויפגעוויזן, אַז ער האָט אונטערגע־

האַלטן באַציאונגען מיט דעם באַרימטן שרייבער באָמאַרשע, וואָס איז געווען אַן עמיגראַנט אין לאָנדאָן. פעררייראַ האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט עס געטאָן בלויז צוליב הנאה פון שפּאַס. ער איז פאַרמשפט געוואָרן פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער קאָנספּיראַציע מיטן צוועק צוריק אויפצושטעלן די טיראַניע (מאָנאַרכיע) און ער איז געפאַלן אונטער דער גילאָטינע דעם 4טן זשערמינאַל (מערץ) 1794 צוזאַמען מיט זיינע חברים עבער, קלאָאָץ און אַנדערע.

דעם 27טן יולי 1794 איז ראָבעספּיער אַרעסטירט געוואָרן און צו־מאָרגנס, דעם 9טן טערמידאָר איז ער געפאַלן אונטער דער גילאָטינע. עס האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

[ג]

אין דער תקופה פון ירידה פון דער רעוואָלוציע און אונטער דער הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָן

§22. פון 9טן טערמידאָר ביז צו דער פּראָקלאַמירונג פון קיסרטום (1794-1804)

נאָך דעם, ווי עס איז געפאַלן די ראָבעספּיער־הערשאַפט אין דער איבערקערעניש פון סוף יולי 1794, איז נאָך פאַרמעל געבליבן אַ שיין פון המשך פון רעזשים אונטער דער אָנפירונג פון דעם קאָנווענט. אין אמתן האָט אָבער דער 9טער טערמידאָר שוין באַדייט דעם סוף פון דער ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערער יאַקאָבינער־הערשאַפט און די מאַכט האָט איבערגענומען די גרויס־בורזשואַזיע, וואָס האָט טריט נאָך טריט ליקווידירט די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע און צוגעשניטן דעם פּאָליטישן סיסטעם אויסשליסלעך לויט אירע אייגענע קלאַסן־אינטערעסן. אין 1795 איז אויך דער קאָנווענט אָפּגעשאַפט געוואָרן און די רעגירונג האָט איבערגענומען דער דירעקטאָריאַט. אין נאָוועמבער 1799 (דעם 18טן ברומער) האָט נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע זיך געהייסן פּראָקלאַמירן פאַר דעם ערשטן פון דריי קאָנסולן און פאַקטיש געוואָרן דער אַליינהערשער פון פראַנקרייך. דעם 20טן מאַי 1804 האָט נאַפּאָלעאָן זיך געלאָזט קרוינען ווי דער „קיסר פון די פראַנצויזן" און דערמיט אויך פאַרמעל אָפּגעשאַפט די רעפּובליק, וואָס האָט שוין לאַנג פריער אויפגעהערט צו עקזיסטירן. פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן אין טייכן בלוט פון פראַנצויזישן פאָלק, איז אָפּגעווישט געוואָרן דער לעצטער זכר. געבליבן זיינען די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע, וועלכע זיינען געווען נויטיק פאַרן בירגערטום ווי אַ באַדינג פון זיין קלאַסן־הערשאַפט און פון אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם: פאַראייניקונג פון לאַנד אונטער אַ צענטראַליזירטער אַדמיניסטראַציע, אָפּשאַפונג פון פעאָדאַלע פּריווילעגיעס און פון לייב־אייגנשאַפט (אָבער מיט באַנייאונג פון אַ פּריווילעגירטער פּאָזיציע פון אַדל אין דער אַדמיניסטראַציע און מיליטער) און פאָרמעלע גלייכקייט לויטן געזעץ פון אַלע בירגער, וואָס האָבן זיך אין דער מאָנאַרכיע שוין גערופן צוריק אונטערטאַנען.

די געזעצלעכע גלייכקייט פון אַלע תושבים האָט ממילא באַדייט אויך גלייכקייט אָן אַ חילוק פון רעליגיע און דערפאַר איז אויך די גלייכבאַ־

רעכטיקונג פון יידן געווען איינער פון די אָנערקענטע פּרינציפּן, וועלכע קיין שום רעזשים אויף די באַרג־אַראָפּ שטאַפּלען פון דער דעגענעראַציע פון דער רעוואָלוציע האָט נישט געוואַגט — און ביז נאַפּאָלעאָן אויך נישט אין זין געהאַט — צו אַטאַקירן. יידן האָבן אָבער גאַנץ גוט געפילט אויף זייער אייגענער הויט דעם אומאויפהאַלטזאַמען קער פון דער רעוואָלוציע אויף צוריק. יעדער רעגרעס פון דער רעוואָלוציע איז באַצייכנט געוואָרן, באַזונדער אין די מאָמענטן פון איבערגאַנג, פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קריזיס, דורך אַ נייעם וואוקס פון אַנטי־יידישער אַגיטאַציע; יעדער נייער טריט פון ליקווידאַציע פון דעם, וואָס די רעוואָלוציע האָט אין שווערע געבורטטוייען אויפגעבויט, האָט צוגעגעבן נייע העזה די העצער קעגן יידן, בפרט פון קלעריקאַלן חדר; אונטער נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט, האָט מען זיך שוין מיט שנאת ישראל נישט געשעמט אפילו אין העכסטע רעגירונג־קרייזן, ווארום דער „פּאָלקס־קיסר" אַליין האָט דאָ געגעבן דעם טאָן און דאָס מוסטער.

באַלד נאָך דעם 9טן טערמידאָר האָט די אַגיטאַציע קעגן די רעשטן פון דער צעבראָכענער ראָבעספּיער־פּאַרטיי אָנגענומען אין געוויסע פּרעסע־אָרגאַנען אַן אַנטיסעמיטישע באַפאַרבונג. די אָנהענגער פון ראָבעספּיער זיינען אָנגערופן געוואָרן מיט חוזק־נעמען „די איזראַעליטן פון מאַקסימיליאַן", „די איזראַעליטן פון ראָבעספּיער", און ווער עס האָט געפּרואווט בלויז צו זאָגן אַ גוט וואָרט אויף דעם פריערדיקן רעזשים, האָט מען אים צוגעקלעפּט דעם צונאָמען ייד. מיט דעם קאָנסאָלידירן פון נייעם רעזשים אונטערן דירעקטאָריאַט האָט זיך די אַגיטאַציע אין די אָנפירנדיקע פּאָליטישע קרייזן אָפּגעשטעלט און אין סוף 1797 איז אפילו אַ מיטגליד פון „ראַט פון 500" (פּאַרלאַמענט־קערפּערשאַפט) אָפיציעל גערופן געוואָרן צו אָרדענונג פאַר זיין אַנטי־יידישער רעדע, און באַזונדער דערפאַר, וואָס „ער באַטראַכט נאָך אַלץ עקשנותדיק יידן ווי נישט עפּעס אַנדערש ווי יידן, בעת מען טאָר זיי נישט האַלטן פאַר עפּעס אַנדערש ווי פראַנצויזן". די צייטן פון שטורמישן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז האָבן זיך אָבער שוין נישט אומגעקערט. אויב בכלל איז די באַפעלקערונג געוואָרן פּאָליטיש שטאַרק אַפּאַטיש, און דעם מאַנאַפּאָל אויף פּאָליטיק האָבן אַריינגעכאַפּט אין זייערע הענט קליקעס קאַריעריסטן, האָבן יידן אפילו אין פּאַריז זיך שוין בכלל נישט באַטייליקט אין וואַל־פאַרזאַמלונגען און פּאָליטישע קאַמפּאַניעס. בלויז ביי נאָמינאַציעס פון מיטגלידער פון שטאַט־ראַטן און נידעריקערע באַאַמטע, וואָס זיינען איצט שוין באַשטימט געוואָרן פון אויבן, דורך דער אַדמיניסטראַציע, פלעגן אויך איינצעלנע יידן אַריינגענומען ווערן. ווי אַ מין באַשטעטיקונג, אַז אָפיציעל ווערט נישט אָנערקענט קיין דיסקרימינאַציע. אין אַ ריי שטעט (קאַרפּאַנטראַס, קאַוואַיאָן) זיינען אָבער

נאָכן 9טן טערמידאָר ביי דער רעאָרגאַניזאַציע פון שטאָט־ראָטן די פריער־דיקע יידישע מיטגלידער באַזייטיקט געוואָרן פון זייער אַמט.

אין עלזאַס, וואו דער אַלט־איינגעבאַקענער יידן־האַס האָט געטליעט אויך אונטער דער יאַקאָבינער הערשאַפט, האָט די פּאָליטישע ענדערונג געגעבן דעם צייכן פאַר אַ פאַרשטאַרקטער אָפענסיווע קעגן יידן אויף אַלע פראָנטן. עס הייבן זיך אָן שיקאַנעס פון אַרויפלייגן אויף יידן שטראָף־אָפּצאָלן; פאַראַן שטעטלעך, וואו יידן ווערן ווידער נישט צוגעלאָזט צום אָנטייל אין קויף פון קאָמונאַלע גיטער, אָדער וואָס הייסן זיך אַרויסציען אַלע ניי־צוגעקומענע יידן, און שטראַסבורג פּרוּווט אפילו צו באַנייען גזירות וועגן אַרויסטרייבן פרעמדע יידן פון שטאָט. דער קאָנווענט, צו וועמען יידן האָבן זיך וועגן דעם געווענדט מיט אַן אָנקלאַגע, האָט דווקא יאָ רעאַגירט און דער קאָמיטעט פון געזעצגעבונג האָט, אָנהייב נאָוועמבער 1794, אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל צו דער אַדמיניסטראַציע פון עלזאַס אַ סוף צו מאַכן צו די אַלע איבערטרעטונגען פון פּרינציפּ פון בירגער־גלייכקייט.

די אַדמיניסטראַציע פון נידער־ריין ענטפערט דערויף באַלד מיט אַ מעמאָראַנדום, וואו יידן ווערן באַצייכנט ווי ווינקל־הענדלער, וואָס ווילן נישט זיך נעמען צו אַן אָפענעם האַנדל אָדער צו האַנטווערק, ווי ספּעקו־לאַנטן, בלוטזויגער; זי פאַרזיכערט, אַז זיי ווערן קיינמאָל נישט אָנגעגריפן ווי יידן, נאָר ווי „שלעכטע בירגער". געוויינט אָן דער שפּיץ פון דער פּראָ־ווינץ־אַדמיניסטראַציע אפילו אַזעלכע „יאַקאָבינער", וואָס האָבן זיך אויס־געצייכנט אין פאַרשוואַרצן יידן, אַ סך מער, ווי די קאָנסערוואַטיווע גע־מעסיקטע באַאַמטע, הגם אַ טייל זיינען לכל הפּחות אויף אַזוי ווייט געבליבן געטריי דער יאַקאָבינישער טראַדיציע, אַז זיי האָבן אַפּעלירט צו יידן זיי זאָלן זיך נעמען צו לאַנדווירטשאַפט. הגם צו קיין פּאָגראָמען אויף יידן ווערט נישט צוגעלאָזט — אין אַזאַ פאַל אין 1798, ווען די יידישע שול אין פּפאַסטאַט איז פּאָגראָמירט געוואָרן, האָבן די פּוליציאַנטן געמוזט באַ־צאָלן פולע אָנטשעדיקונג — באַריכטעט דער פּרעפעקט לאַמאָן פון נידער־ריין דעפּאַרטאַמענט סוף 1801, אַז די באַציאונג צו יידן איז בכלל אַ פיינט־לעכע און גיט צו דערביי אַ פּירוש: „מען האָט יידן נישט ליב, ווייל זיי זיינען נישט אַזעלכע, וואָס מען קאָן זיי ליב האָבן; אַז זיי וועלן עס ווערן, וועט זיך אויך די שטימונג ענדערן"... דער זעלבער פּרעפעקט האָלט נאָך פאַר נויטיק צו מאַכן אַ הנחה, אַז עס באַווייזן זיך שוין צווישן יידן אויך יחידים „ווירדיקע" און ער אַליין נאָמינירט אברהם מאָק פאַר אַ מיט־גליד אין גענעראַל־ראָט פון דעפּאַרטאַמענט. באַלד נאָך דער פּראָקלאַ־מירונג פון קיסרטום סוף 1804, ווערט אַן אַנדערער פּרעפעקט באַשטימט אין נידער־עלזאַס און נישט נאָר פאַרשווינדט דער איינציקער ייד פון דער פּראָווינץ־רעפּרעזענטאַציע, נאָר אין אָפיציעלן באַריכט פון גענעראַל־

ראַט פון דעפּאַרטאַמענט ווערט שוין באַשולדיקט „די יידישע נאַציע" . . .

די געזעצלעכע יידישע עמאַנציפּאַציע אין פראַנקרייך האָט אַרויסגע־וויזן איר ווירקונג קודם כל בנוגע דער צעשפּרייטונג פון די יידן אין לאַנד. צום סוף פון דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן, ווען פראַנקרייך האָט אויך גע־האַט אינקאָרפּאָרירט שווייצאַריע און צפון־און מיטל־איטאַליע, בעלגיע, האָלאַנד און טיילן פון דייטשלאַנד, האָט די צאָל יידן אין דער גאַנצער אימפּעריע באַטראָפן לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק העכער 141 טויזנט נפשות, דערפון אין די גרענעצן פון פראַנקרייך גופא אין י. 1811 מער ווי 47 טויזנט. דער עודף לגבי דער צאָל פון פאַר דער רעוואָלו־ציע איז בכן נישט געווען קיין גרויסער און ווען מען רעכנט אַראָפּ דעם נאַטירלעכן צוואוקס, קומט אויס, אַז סך־הכל האָבן צוגעוואַנדערט פון אַנדערע לענדער — בעיקר פון שכנותדיקן דייטשלאַנד — נישט מער ווי בערך צוויי ביז דריטהאַלבן טויזנט יידן.

יידן אין עלזאַס און לאָטאַרינגיע האָבן אין י. 1811 געציילט צוזאַמען אַרום 37 טויזנט יידן, ד. ה. זיי האָבן נאָך אַלץ אַרומגענומען פיר־פינפטל פון דעם גאַנצן יידישן ישוב אין לאַנד. דאָך זיינען פאָרגעקומען אויך ענ־דערונגען אין דער צעשפּרייטקייט פונעם ישוב. גאַנץ באַדייטנדיק, ביז 3 טויזנט נפשות, הכלל, בערך דרייפאַכיק, איז אויסגעוואַקסן די יידישע באַפעלקערונג אין פּאַריז, הגם זי האָט נאָך אַלץ נישט באַטראָפן מער ווי אַ האַלבן פּראָצענט פון דער האַלב־מיליאָניקער באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט; אין ליאָן, איז דער קיבוץ פון בערך 200 יידן געווען כמעט אינגאַנצן אַ נייער, פונקט אַזוי דער בערך אויך אַזאַ גרויסער יידישער קיבוץ אין מאַרסיי, טולוז, דיזשאָן, אָדער אין ליל, אין סאָמע צפון. בעת פאַר דער רעוואָלוציע האָבן יידן געוואוינט נאָר אין 10 פון 72 דעפּאַרטאַ־מענטן, אין וועלכע פראַנקרייך איז שפּעטער איינגעטיילט געוואָרן, האָבן אין דער צייט פון קיסרטום 44 דעפּאַרטאַמענטן פאַרמאָגט אַ יידישע באַ־פעלקערונג, הגם אין אַ ריי דעפּאַרטאַמענטן האָבן זיך באַזעצט נישט מער ווי איינצלנע נפשות. אויך אין די פּראָווינצן פון עלזאַס און לאָרען גופא האָבן זיך יידן באַזעצט אין אַ צאָל אָרטשאַפטן, אין עלזאַס אין 26 נייע שטאָטישע ישובים (203 אָנשטאָט 177 שטאָטישע קהילות) און אין לאָרען, וואו די באַגרענעצונגען זיינען געהאַט געווען אַ סך גרעסער, איז די צאָל שטעט און שטעטלעך מיט אַ יידישער באַפעלקערונג געוואַקסן פון 51 ביז 168. שטראַסבורג גופא, האָט אין י. 1808 אָנשטאָט די פאַר צענדליק מיוחסים פון סערף־בערס משפחה, געהאַט אַ קהילה פון קרוב אַנדערט־האַלבן טויזנט יידן.

אַ סך פאַמעלעכער איז געווען דער פּראָצעס פון עקאָנאָמישן איבער־בוי פון דער יידישער באַפעלקערונג אין משך פון בערך 15 יאָר צווישן

דער פראָקלאַמירונג פון גלייכבאַרעכטיקונג ביז צום אָנהויב פון קיסרטום. מיט רעכט האָט בער יצחק בער אין 1806 אין אַן עפנטלעכן בריוו צו אַבאַט גרעגואַר געשטעלט די פראַגע: „ווי אַזוי האָט מען גאָר געקאָנט דערוואַרטן, אַז 15 יאָר, פון וועלכע 6 זיינען אָפּגעפלאָסן אין אויפטרייסלונ־גען פון דער רעוואָלוציע, זאָלן האָבן געווען גענוג כדי אויסצומעקן די פאַטאַלע און טיף־פאַרוואָרצלטע רעזולטאַטן פון הונדערטער יאָרן אונטער־דריקונג און דערנידעריקונג, וואָס זיינען געלעגן ווי אַ משא אויף יידן?״...

בכלל איז טאַקע דאָס רוב פון פראַנצויזישן יידנטום פון די גרענעצן פון עלזאַס ביז באָרדאָ און אַוויניאָן וויטער געבליבן ביי הענדלעריי און פעדלעריי אַלס הויפּט־פרנסה. און דאָך זיינען פאָרגעקומען אויך געוויסע פּאָזיטיווע ענדערונגען. אין די צוויי גרעסטע קהילות אין דרום, אין באָרדאָ און באַיאָן, איז די לאַגע אין היגזיכט פון יידישע פרנסות געווען בערך אַזוי ווי פאַר דער מלחמה, וואָרום עס איז ניט געווען קיין שום סיבה, וואָס זאָל צווינגען די יידן אַריבערצוגיין צו אַנדערע פרנסות ווי גרויס־האַנדל און באַנקוועזן ביי אַ רייכער עליטע, און קליין־האַנדל און פעדלעריי ביי דער מאַסע. אָבער אין פּראָוואַנסאַליע, וואו די יידישע באַ־פעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט, האָט אַ טייל יאָ אויסגענוצט די נייע מעגלעכקייטן און בעת אַ גרופּע יידישע קאַפּיטאַליסטן האָט געעפנט טעקסטיל־פאַבריקן, האָבן יידן אָן קאַפּיטאַלן זיך גענומען צו שניידעריי, גאָלדשמידעריי, זאָקן־מאַכעריי א. אַז. וו.

אויך אין פּאַריז איז כמעט אַ דריטל פון דער פּילפאַכיק פאַרגרעסער־טער קהילה, לויט אַ ציילונג פון דער יידישער קאָנסיסטאָריע אין י. 1809, באַשטאַנען פון בעלי־מלאכות, בעיקר שניידער, העפטער, יוּוועלירן, שוס־טער, הגם קרוב אַ העלפט האָט נאָך אַלץ געצויגן חיונה פון איינצל־האַנדל און די 365 פאַרצייכנטע פעדלער אַליין האָבן באַטראָפן מער ווי צוויי־פינפטל פון אַלע ראשי משפחות. אין עלזאַס און לאָטאַרינגיע, וואו די אָביעקטיווע נויטווענדיקייט און נויט פון אַריבערגיין צו פּראָדוקטיווע פרנסות איז געווען אַם גרעסטן, זיינען פון דער אַנדערער זייט אויך די שוועריקייטן פון איינאָרדענען זיך אין מלאכה און לאַנדווירטשאַפט געווען גרעסער ווי אומעטום. די דעפּאַרטאַמענט־פּרעפעקטן אַליין האָבן מודה געווען אין זייערע באַריכטן צום מיניסטעריום, אַז קריסטלעכע מייסטער האָבן בכלל אָפּגעזאָגט זיך אָנצונעמען יידישע יינגלעך אויף דער לער; אין אָנבליק פון איינגעוואָרצלטן אַנטאַגאָניזם פון פויער איז פאַר יידן אויך נישט געווען קיין לייכטע זאַך צו באַזעצן זיך ווי לאַנדווירטן אין דערפער, אַרומגערינגלט פון אַ נישט־היימישער און נישט־היימלעכער סביבה. לויט דעם באַריכט פון ווידערסהיים דעם עלטערן, אַ משכיל פון האַגענוי, „האָט געברענט אין זיי אַ פייער פון קנאה, בעת זיי האָבן געזען, אַז אַ פעלד

ביי אַ מענטש פון ישראל ברענגט אַדאַנק זיין גרויסן פלייס און גרויסער מי צוויי מאָל אַזוי פיל פּירות ווי זייערע פעלדער; און עס האָט אונדז שוין געטראָפן, אַז בעת דעם שניט אין ווינטרויבן־קלויבן האָבן אונדזערע געשניטן און אָפּגעקליבן פעלדער פון בני ישראל". אָבער דער עיקר מניעה פאַר פאַרשפרייטן לאַנדווירטשאַפט זעט דער זעלבער מחבר אין יידישן דלות: „ישראל איז זייער אָרעם... און מיר פאַרמאָגן נישט גע־נוג צו קויפן פעלדער און ווינגערטנער"... ביי עלזאַסער יידן איז אפילו נאָך דער רעוואָלוציע פעדלעריי און דאָרף־האַנדלעריי (האַנדל מיט בהמות און פערד) געוואָרן נאָך מער אַ פאַרשפרייטע פרנסה ווי פריער, ווי אַ פועל־יוצא דערפון, וואָס אַ סך פאַראָרעמטע און דעקלאַסירטע קליינע וואוכערער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין הענדלער. דער גענעראַל־ראַט פון נידער־ריין (נידער־עלזאַס) גיט אָן אין זיין באַריכט פון י. 1805, אַז זיבן־אַכטל פון יידן „וועגעטירן פון פעדלעריי".

עפּעס האָט זיך אָבער פאָרט אָנגעהויבן צו רירן אויפן געביט פון פּראָדוקטיוויזאַציע אויך אין די דאָזיקע מזרח־פּראָווינצן. אַחוץ דעם פאַך פון קצבים, וואָס איז פונקט ווי פיי־האַנדל נאָך פון פריער געווען ווייט פאַרשפרייט, באַווייזן זיך אין אַ וואַקסנדיקער צאָל שניידערס, שוסטערס, בעקערס, גאַרבערס און גאָלדשמידן, סיי צווישן ראשי משפחות, און נאָך מער צווישן דער יוגנט. אין דער קהילה האַגענוי, וואָס האָט געציילט אַרום 100 משפּחות, האָבן אין י. 1809 זיך געלערנט מלאכה אַ פּופציק יוגנטלעכע. עס באַווייזן זיך אויך יידישע אַרבעטער אין די ניי־אויפגע־שטעלטע פאַבריקן פון יידישע און נישט־יידישע אייגנטימער, באַזונדער אין וועבערייען. אין דער מלוכה־פאַבריק פאַר אַמוניציע אין שטעטל מאָציך האָבן געאַרבעט אַרום 110 יידישע יוגנטלעכע, און זיי פלעגן אַר־בעטן זונטיק אָנשטאָט שבת. איןביידע פּראָווינצן באַווייזן זיך אויך צום ערשטן מאָל יידישע גרויס גרונט־באַזיצער און נאָך מער לאַנדווירטן; לויט אַ באַריכט פון דער יידישער צענטראַל־קאָנסיסטאָריע פון יוני 1810, זיינען אין גאַנץ פראַנקרייך געווען 1,232 יידן פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט. דער זעלבער באַריכט גיט אָן די צאָל פון 250 יידישע פאַבריקאַנטן אין לאַנד.

נאָך מער ווי ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון פראַנקרייך האָבן זיך די סאָציאַלע קעגנזאַצן ביי יידן אין משך פון דער תקופה זינט דער רע־וואָלוציע פאַרטיפט און די נויט פון די מאַסן פאַרשאַרפט. דער רעגרעס פון דער רעוואָלוציע זינט 1794 האָט אויך יידישע קאַפּיטאַליסטן, פונקט ווי אַנדערע, געגעבן די מעגלעכקייט אומגעשטערט צו פאַרגרעסערן זייערע רווחים. באַלד נאָכן 9טן טערמידאָר זיינען געוואָרן אין פּאַריז אַ שם־דבר די רייכע באַנקעטן, וועלכע עס האָט איינגעאָרדנט „דער ייד מייער",

דער ליוועראַנט. פּונקט אַזוי האָט אין שטראַסבורג דער לוקסוס, מיט וועלכן עס האָט זיך אַרומגערינגלט דער אַרמיי־ליוועראַנט פון אַרטילעריע־וועגנס ברוך סערף־בער אַזוי ווייט אויפגערייצט די אויגן, אַז די פּאָליציי האָט געמוזט היטן זיין הויז קעגן אַן אָנפאַל, און ביי אים אַוועקגענומען די פּרעכ־טיקע קאַרעטע, אין וועלכער ער פלעגט אַרומפאָרן איבער דער שטאָט. גרויסע רווחים פלעגן צוזאַמענשאַרן די ליוועראַנטן פון פלייש פאַר דער אַרמיי, יידן, פונקט ווי נישט־יידן. די יידישע עקספּאָרט־סוחרים און באַנ־קירן אין באָרדאָ און טיילוויז אויך אין באיאָן האָבן צוריקגעשטעלט זייערע פאַרמעגנס, וואָס זיינען געהאַט שטאַרק אָנגערירט געוואָרן דורך די צוויי יאָר פון דער יאַקאָבינער־הערשאַפט. אין פּאַריז האָט די דערמאָנטע ציילונג פון 1809 אויפגעוויזן 49 פאַמיליעס פון גרויסע סוחרים און באַנ־קירן, צווישן זיי האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייערע ריזיקע פאַרמעגנס די באַנק־פירמעס פון פולד, וואָרמס, פּאַטאָ, ראָדריגעז א. אַנד. אין עלזאַס און לאָטאַרינגיע האָבן אַחוץ עטלעכע צענדליק גרויסע וואוכערערס (אין אַ מעמאָראַנדום פון פּורטאַדאָ פון 1807 ווערן אויסגערעכנט מיט די נעמען 42) זיך איינגעפונדעוועט גרויסע באַנק־געשעפטן פון די פאַמיליעס לעווי, זעליגמאַן אַלעקסאַנדער, מאיר לאזאר און דעם תמיד אַקטיוון עסקן בער יצחק בער. די דריטהאַלב הונדערט יידישע פאַבריקאַנטן אין לאַנד פאַר־פולקאָמען דאָס בילד פון דעם שיכט פון יידישער גרויס־בורזשואַזיע. ביי דער ברייטער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען פון פּעדלער און הענדלער, האָט זיך אין דער זעלבער צייט דער דלות פאַרגרעסערט. פאַראַרעמט איז אויך געוואָרן דאָס נישט־יידישע קליינבירגערטום ווי אַ פועל־יוצא פון איינגעשרומפּענעם מאַרק אויף לוקסוס־אַרטיקלען דורך דער דעקלאַסירונג פון אַריסטאָקראַטיע און הויכן קלער, מלחמה־באַדינ־גונגען און געלט־דעוואַלואַציע. דאָס נישט־יידישע קליינבירגערטום האָט אָבער געהאַט אַן אָנשפּאַר אין רייך געוואָרענעם מיטל־פויערטום און אַליין אויך געהאַט אַן אחיזה אין אייגענע הייזער און פעלדער, בעת די עקזיס־טענץ פון יידישן הענדלער און פּעדלער האָט ניט געהאַט קיין שום וואָרצ־לען אין באָדן און איז געהאַנגען אין דער לופט. דעם דלות פון דעם רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אונטערשטרייכן אין זייערע באַריכטן אויך די פּרעפעקטן אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע, וואָס האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין סימפּאַטיע צו יידן. אויף דער אַנקעטע פון דער רעגירונג פון י. 1801 ענטפערט דער דערמאָנטער פּרעפעקט פון נידער־ריין לאַמאַן, אַז „בדרך כלל זיינען די יידן פון נידער־ריין נישט רייך; אין שטראַסבורג זיינען פאַראַן עטלעכע פאַמיליעס, וואָס זיינען אויך נישט רייך, אָבער לכל הפחות פאַרמעגלעך". דער פּרעפעקט פון דעפּאַרטאַמענט מאָזעל אין לאָטאַרינגיע, וואָס האָט אויך אַריינגענומען די שטאָט מעץ, שרייבט אין

זיין באַריכט אין שייכות מיט דער זעלבער אַנקעטע, אַז „די ווייט גרעסטע צאָל (יידן) שמאַכט אין אַ מצב פון אַרומגיין שלינג און שלאַנג און פון אָרעמקייט, וואָס רייסט דאָס האַרץ, ווי פאַרהאַרטעוועט עס זאָל נישט זיין"...

דווקא די דאָזיקע פאַראָרעמטע קליינשטעטלדיקע יידן אין עלזאַס און לאָרען האָבן געהאַט אויסצושטיין אין דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן די גע־וואַלטיקסטע אַטאַקעס, ווי די שולדיקע אין וואוכער און עקספּלואַטאַציע. דער יידישער וואוכער אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע ווערט די אַקס, אַרום וועל־כער עס דרייט זיך די גאַנצע פּאָלעמיק און געזעץ־געבונג וועגן יידן אין נאַפּאָלעאָנס צייטן, און מיט אים איז אין אַ גרויסער מאָס אויך געווען פאַרבונדן דאָס צונויפרופן פון דער יידישער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג און פון פאַריזער סנהדרין.

וואוכער איז אין נאַפּאָלעאָנס תקופה געווען אַ מכה פון דער גאַנצער מדינה, אַ רעזולטאַט פון שטענדיקע מלחמות, יקרות, ספּעקולאַציע און קריזיס. ווי מיר וועלן זען, איז נאַפּאָלעאָן אַליין געווען געצוואונגען אין י. 1807 אַרויסצוגעבן אַ דעקרעט קעגן וואוכער און באַשטימען די מאַקסי־מאַלע הויך פון דערלויבטער פּראָצענט־ראַטע. אין עלזאַס איז די לאַגע אין פּרט פון וואוכער געווען אַ ספּעציעל פאַרשאַרפטע. די דאָרטיקע פּויערן האָבן זיך מער ווי ערגעץ־אַנדערש אין פראַנקרייך געניטיקט אין לאַנד און דערפאַר אויך מער ווי ערגעץ־אַנדערש זיך פאַרחובט; זיי האָבן גע־קויפט פּאַרצעלן פון די נאַציאָנאַליזירטע גיטער, — על פּי רוב פון דער צווייטער האַנט, פון קריסטלעכע רייכע לאַנד־ספּעקולאַנטן און דערפאַר פאַר אַ הויכן פּרייז — זיי האָבן געבאָרגט געלט דערויף ביי וואוכערער. עלזאַס האָט אויך געהאַט אַ באַזונדער פּראָבלעם פון אַ פּאָר טויזנט פּויערן, וועלכע זיינען געהאַט אַנטלאָפן פון דער פּראָווינץ צוליב דעם מלחמה־פראָנט, וואָס איז דאָרט אַדורכגעגאַנגען אין 1793 און זיינען געבליבן אָן מיטלען צוריקאויפצושטעלן זייערע ווירטשאַפטן, ווען זיי האָבן זיבנט 1802 זיך אומגעקערט אַהיים. דער יידישער וואוכער האָט דאָ געשפּילט די זעלבע ראָלע, ווי דער וואוכער קאַפּיטאַל בכלל; דער קרעדיטאָר פלעגט נעמען הויכע צינזן, אָדער ביי נידעריקערע צינזן פאַרזיכערן זיך דעם קאַפּיטאַל דורך היפּאָטעק. אין די וואוכער־געשעפטן האָט זיך באַטייליקט בלויז אַ קליינער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין עלזאַס, און אין לאָ־טאַרינגיע נאָך ווינציקער. אין דערמאָנטן מעמאָראַנדום פון פּורטאַדאָ צום אינער־מיניסטער פון י. 1807 ווערט געשאַצט די צאָל יידישע וואוכערער איןביידע פּראָווינצן עלזאַס און לאָטאַרינגיע סך־הכל 600 און אפילו בנוגע זיי ווערט באַמערקט, אַז וואוכער איז נישט געווען זייער אויסשליסלעכע באַשעפטיקונג.

אַ סך יידישע וואוכערער פון אַמאָל האָבן פאַרלוירן זייערע קליינע

קאַפּיטאַלן דווקא אין די הלוואות פאַר פויערן, וועלכע האָבן זיי אָפּגעצאָלט די חובות אין דערוואַלוואירטן פּאַפּיר־געלט, בעת זיי אַליין זיינען רייך געוואָרן, פאַרקויפנדיק זייערע פּראָדוקטן צו הויכע פּרייזן און פאַר געלט מזומן. אַבאַט גרעגואַר שטעלט פעסט אין זיינע „אָבסערוואַציעס וועגן יידן", אַז די צאָל נישט־יידישע וואוכערער אין די מזרח־פּראָווינצן איז לכל־הפּחות געווען אַזוי גרויס ווי פון יידישע. דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט דורך די אָפיציעלע באַריכטן פון די פּרעפעקטן, בפרט פון לאָטאַרינגיע. אין 1806 דערציילט דער פּרעפעקט פון מערט, אַז אין גאַנצן דיסטריקט נאַנסי איז נישטאָ מער ווי 6 יידישע וואוכערער, בעת די שטאָט נאַנסי אַליין ציילט 20 קריסטלעכע וואוכערער. נאָך דעם אַנטי־יידישן דעקרעט פון 1808 באַריכטן אין איין בשותּפותדיקן מעמאָראַנדום דריי ריכטער פון מעץ צוזאַמען מיטן בירגערמייסטער, אַז די צאָל יידישע וואוכערער אין שטאָט באַטרעפט נישט מער ווי 7־8, בעת ביי קריסטן איז פאַראַן וואוכערער אין אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, נישט אויסגענומען גלחים. נאָר אין עלזאַס איז, ווייזט אויס, די צאָל יידישע וואוכערער געווען גרעסער, ווי נישט־יידישע. די סומע פון חובות געבאָרגטע ביי יידן אויף היפּאָטעקן האָבן די אַנטי־יידישע העצער ווי פּורשאַל, גענעראַל קעלערמאַן, געשאַצט אין עלזאַס אַליין אין דער הויך פון 30־35 מיליאָן.

די צענטראַל־קאָנסיסטאָריע האָט אין איר מעמאָראַנדום פון 1810 נישט בלויז באַוויזן מיט ראיות, אַז די סומע באַטרעפט פּאַקטיש על־כל־פּנים נישט מער ווי 10 מיליאָן, נאָר זי האָט אויך מיט רעכט געשטעלט די פראַגע: דער ווערט פון לאַנד, וואָס די פויערן האָבן צוגעקויפט אַדאַנק הלוואות ביי יידן באַטרעפט לכל־הפּחות 5 מאָל אַזוי פיל ווי די סומע, וואָס איז פאַרשריבן ביי זיי אויף היפּאָטעק; פאַרוואָס האָבן די פויערן געמעגט רייך ווערן אויפן חשבון פון יידן און קעגן די יידישע קרעדיטאָרן דאַרף מען אַרויסגעבן ספּעציעלע דעקרעטן? אַן אַנאַליז פון די אַמטלעכע באַריכטן פון פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן באַווייזט אָבער, אַז אויך די מאַקסימאַלע שאַצונג פון 10 מיליאָן היפּאָטעקן, האָט זיך געשטיצט אויף אַ פּרינציפּיעלן טעות: היפּאָטעקן פלעגן אָפט טאָפּלט און אפילו דריי מאָל פאַרשריבן ווערן צוליב זיכערקייט — בפרט נאָך דעם געזעץ פון סוף 1799, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ מורא, אַז די אַלטע היפּאָטעקן וועלן פאַרלירן זייער גילטיקייט; געווען אויך היפּאָטעקן, וואָס זיינען שוין לאַנג אָפּגעצאָלט געוואָרן, נאָר מען האָט זיי פאַרגעסן אָדער פאַרנאַכלעסיקט אויסצומעקן; אויב אַ בעל־חוב האָט פאַרמאָגט פאַרצעלן ערד אין מער ווי איין דיסטריקט, איז דער זעלבער חוב פאַרשריבן געוואָרן אויף היפּאָטעק אין די אַלע דיסטריקטן. ווי אַ ביישפּיל קאָן דינען דער פאַקט, אז אין דעפּאַרטאַמענט מערט אין לאָטאַרינגיע האָט מען געשאַצט די יידישע היפּאָ־

טעקן אויף 7 מיליאָן, דער פּרעפעקט האָט רעדוצירט די שאַצונג צו 2 מיליאָן און די יידישע קרעדיטאָרן אַליין האָבן אָפּגעגעבן דעקלאַראַציעס, אַז עס קומט זיי סך־הכל אין מיליאָן מיט 300 טויזנט!

אויפן יסוד פון די אָפיציעלע באַריכטן פון די דעפּאַרטאַמענטן קאָן מען אויך אויפקלערן אַ סתירה, וואָס איז אין פלוג גאָר פּאַראַדאָקסאַל: פונוואָנען האָט זיך גענומען אַזאַ גרויסע, אָפיציעל באַשטעטיקטע אָרעמ־קייט פון גרעסטן רוב יידן אין עלזאַס און לאָטאַרינגיע, אויב עס איז זיי געקומען אָפּצונעמען אַזוי פיל מיליאָנען חובות? ווייזט זיך טאַקע אַרויס פון די אַמטלעכע באַריכטן פון לאָטאַרינגיע (פון עלזאַס זיינען די באַריכטן נישט באַקאַנט) סיי אין 1806, סיי נאָכן דעקרעט פון 1808, אַז גאָר אַ גרויסער טייל קאַפּיטאַלן, וואָס יידישע וואוכערער האָבן אַוועקגעבאָרגט, איז גאָר נישט געווען זייער אייגנס: זיי פלעגן פאַרמיטלען ווי מעקלער אויף זייער אייגענעם נאָמען הלוואות פון קריסטן, וואָס זיי האָט נישט געפּאַסט דירעקט צו פיגורירן ווי וואוכערער, אָדער נאָך אָפּטער באָרגן זיך ביי זיי קאַפּיטאַל, כדי עס ווייטער אויסצובאָרגן די באַדערפטיקע פויערן...

אָוודאי איז דער וואוכער אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע געווען אַ פּלאָג פון דער מדינה, דער ערגסטער אופן פון עקספּלואַטאַציע פון אָרעמע פויערן דורך דעם קאַפּיטאַל, אַ בייז, וועלכעס האָט געדאַרפט אויסגעוואָרצלט ווערן. אויב מען האָט אָבער אויפגעהויבן אַ געשריי קעגן יידישן וואוכער און נישט קעגן וואוכער בכלל, איז די סיבה געלעגן אין טונקעלע, אָבער גאָר דורכזיכטיקע כוונות: די קריסטלעכע וואוכערער אַליין, ווי גרעגוואַר באַ־מערקט מיט רעכט, האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון יידישע קאָנקורענטן און דערוועלבן דעם מאָנאָפּאָל אויף וואוכער; די קריסטלעכע ספּעקו־לאַנטן, וואָס האָבן אויפגעקויפט דעם בעסטן און גרעסטן טייל פון די נאַ־ציאָנאַליזירטע גיטער, איבערלאָזנדיק פאַר די פויערן קוים אַן עודף — אָדער די ברירה אָפּצוקויפן ביי זיי און צו באַצאָלן יעדן פאַרלאַנגטן פּרייז — די דאָזיקע ניי־אויפגעקומענע לאַנד־אַריסטאָקראַטיע, האָט געפּרואווט אַרויפצוּוואַרפן דאָס אחריות פאַר דעם לאַנד־דוחק און געלט־דוחק פון אָרעמען קלאַס פויערן אויף די יידן; דאָס בירגערטום פון עלזאַס און לאָטאַרינגיע האָט דווקא צוליב דער פאַרגרעסערונג פון דער מחנה פון יידישע הענדלער און פּעדלער דורך פּויפּעריזירטע וואוכערער, געפּרואווט פּטור צו ווערן פון יידישער קאָנקורענץ דורך פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון אַלע יידן אין אַ העצע קעגן יידישן וואוכער; און ועל כולם האָט די וואַקסנדיקע פּאָליטישע רעאַקציע אין לאַנד אין דער נאַפּאָלעאָן־תקופה געניצט זיך אין אַ שעיר לעזאזל, בפרט אין די יאָרן פון עקאָנאָמישן קריזיס 1805־1806, און לויטן דור־דורות אויסגעטראָטענעם נוסח גע־

פונעם דעם באַקוועמסטן קרבן אין די יידן און די לייכטסטע דיווערסיע אין דער יידן־פראַגע.

אַ סאָציאַלע און פּאָליטישע דיווערסיע, הגם פון אַ סך אַ קלענערן פאַרנעם און באַדייטונג, איז אויך געווען די פּראָפּאַגאַנדע וועגן אַרויס־דרייען זיך פון יידן פון מיליטער־דינסט, אַ פּראָפּאַגאַנדע וואָס האָט אויך זיך אויסגעלאָזט צו אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן. אויך דאָ באַווייזן פאַקטן די פאַלשקייט פון דער באַשולדיקונג. הגם עס פעלן ציפערן אין דעם פּרט בנוגע דעם גאַנצן לאַנד, קאָן מען געפינען אַן אָנווייז אויך אין די ציפערן, וואָס זיינען שייך באַזונדערע געגנטן. אין פּאַריז שטעלט פעסט דער פּרעפעקט אין י. 1808, אַז 150 יידן פון שטאָט דינען אין דער אַרמיי סיי ווי פריוויליקע, סיי ווי רעקרוטירטע און אַ טייל אפילו ווי שטעל־פאַרטרעטער פאַר קריסטלעכע רעקרוטן!

גרויס איז אויך געווען די פּראָפּאָרציע פון סאָלדאַטן ביי יידן אין די פאַרשיידענע שטעט פון דרום־פראַנקרייך. אפילו אין לאָטארינגיע, וואו דער נאָך אַלץ שטאַרק פאַרשפּרייטער טראַדיציאָנעל פרומער לעבן־שטייגער האָט געקאָנט זיין אַן אָפּהאַלט פאַר וועלן דינען אין דער אַרמיי, באַ־שטעטיקן די פּרעפעקטן פון דעפּאַרטאַמענטן אין 1801־1810 מיט צו־פרידנקייט די גרויסע צאָל יידן אין מיליטער־דינסט און דער פּרעפעקט פון דעפּאַרטאַמענט מאָזעל (קרייז פון מעץ) שטעלט פעסט אין י. 1801, אַז „זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן דורך זייער העלדישקייט ווירדיק צו טראָגן דעם נאָמען פראַנצויזן". דער פּרעפעקט פון אַ צווייטן לאָטארינגישן דע־פּאַרטאַמענט, מערט, גיט אָן אין 1810, אַז פון 75 יידישע סאָלדאַטן האָבן זיך 50 געמאָלדן פריוויליק, אַז 5 האָבן זיך אויסגעצייכנט, 2 האָבן באַ־קומען דעם מעדאַל פון ערן־לעגיאָן און 3 זיינען געפאַלן אין שלאַכט; ער באַמערקט אויך בפירוש, אַז „אין פּראָפּאָרציע צו דער (צאָל) באַפעל־קערונג, האָבן יידן צוגעשטעלט מער רעקרוטן, ווי קריסטן פון זעלבן דע־פּאַרטאַמענט". דאָס איז אויך נישט קיין חידוש, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז ביי זייער גרויסער אָרעמקייט האָבן יידן דאָס רוב גאָרנישט געהאַט די מיטלען צו דינגען שטעלפאַרטרעטער, ווי דאָס איז געווען דערלויבט אַלע בירגער לויטן געזעץ.

אמת, אין עלזאַס, וואָס האָט אַרומגענומען מער ווי אַ העלפט פון יידן אין פראַנקרייך, איז די פּראָפּאָרציע פון יידן אין דער אַרמיי געווען קלענער; די צענטראַל־קאָנסיסטאָריע גיט אָן פאַר דעם י. 1810 — 294 יידישן סאָלדאַטן פון עלזאַס. אָבער אין עלזאַס האָבן אויך געווירקט ספּעציפישע פאַקטאָרן: אַחוץ דער פרומקייט, וואָס איז אין עלזאַס געווען ביי יידן גרעסער ווי אין גאַנץ פראַנקרייך, האָט דאָרט געמינדערט דעם חשק פון יידן צו דינען אין מיליטער די פיינטלעכע אַטמאָספערע, וואָס איז צווישן די סאָלדאַטן על־כל־

פּנים נישט געווען מילדער ווי צווישן די איבעריקע קריסטלעכע לאַנדס־לייט; די אָפּיצערן אַליין פלעגן ביים פּריזיוו צוליב אַנטיסעמיטיזם, בפרט אין דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן, אָפּוואַרפן יידן, און דאָס ווערט באַשטעטיקט נישט נאָר בנוגע עלזאַס, נאָר אויך אין אָפיציעלע באַריכטן פון לאָטאַרינגישע דעפּאַרטאַמענטן; וועגן עלזאַס לייענען מיר אויך אין אָפיציעלן באַריכט פון הויפּט פון סטאַטיסטישן ביוראָ, קאָקבער, אַז די מערסטע יידישע יונגעלייט פלעגן ביים פּריזיוו באַפרייט ווערן צוליב הויט־קראַנקהייטן און צוליב אַלגעמיינער שוואַכקייט. יידישע יונגעלייט פון פראַנקרייך האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אויף אַלע שלאַכטפעלדער פון אייראָפּע, אין דער זעלבער איבערצייגונג ווי זייערע קאָלעגן, אַז זיי טראָגן אויף דער שפּיץ פון זייערע באַגנעטן פרייהייט און גלייכקייט פאַר די אונטערדריקטע פעלקער. נאַפּאָלעאָן, וועמען זיי האָבן אָנפאַרטרויט זייערע לעבנס, האָט גוט געוואוסט ווי ווייט עס איז געווען פאַרשפּרייט דעזערציע ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג און ער אַליין האָט זיך באַקלאָגט אין 1804, אַז בערך אַ דריטל פון די רעקרוטן האָט זיך נישט געשטעלט צום דינסט. און דאָך האָט דאָס אים נישט אָפּגעהאַלטן פון וואַרפן אַ באַשולדיקונג אין פּחדנות און מאַנגל פון פּאַטריאָטיזם אויף אַ גאַנץ פאָלק.

מיט גיכערע טריט, ווי דער עקאָנאָמישער פּראָגרעס פון די יידן אין פראַנקרייך זינט דער עמאַנציפּאַציע איז פאַראויסגעגאַנגען דער קולטור־פּראָגרעס, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק בעיקר אין דער הויבונג פון מצב פון וועלטלעכער דערציאונג. דעם אויבן־אָן פאַרנעמט אויך אין דעם דאָזיקן געביט פּאַריז, וואו אַ גרויסע צאָל יידישע קינדער האָט באַזוכט עפנטלעכע עלעמענטאַרע שולן, 200 האָבן זיך געלערנט מלאכות און אַ צאָל יידישע יונגעלייט האָט שטודירט אין ליצעאומס און אויף דער פּאָליטעכניק; אין באָרדאָ איז די לאַגע אויף דעם דערציאונגס־געביט געווען ענלעך ווי אין פּאַריז. אין אַ טייל דעפּאַרטאַמענטן אין דרום און אפילו מיטל־פראַנקרייך האָבן שוין אַרום יאָר 1808 אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער באַזוכט עפנטלעכע שולן.

אַנדערש זעט אויס די לאַגע אויך אויפן געביט פון דערציאונג אין עלזאַס און לאָטאַרינגיע. אויך דאָרט איז פאַראַן יידישע סטודענטן אין די מיטל־שולן, ליצעאומס, אויף דער פּאָליטעכניק און אין אוניווערסיטעט, אָבער זיי באַטרעפן גאָר אַ קליינע צאָל. אויך אין די עלעמענטאַרע עפנטלעכע שולן איז די צאָל יידישע תלמידים אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל יידישע קינדער אין שול־עלטער אַ קליינע, אין אַ טייל געגנטן פון לאָטאַרינגיע נישט מער ווי אַ פינפטל, אָדער נאָך ווייניקער, און אין עלזאַס האָט אין 1810 בלויז יעדעס צענטע יידישע קינד באַזוכט אַן עפנטלעכע שולע. די סיבה איז געלעגן קודם־כל אין דעם אַלט־איינגעוואָרצלטן טראַדיציאָנעל

יידישן און פרומען לעבנסשטייגער פון די יידן אין עלזאַס און צום גרויסן טייל אויך אין לאָטאַרינגיע. יידן אין די דאָזיקע פראָווינצן ריידן נאָך אַלץ יידיש און קאָנען נישט קיין פראַנצויזיש, טראָגן בערד און לאַנגע האָר, כדי נישט עובר צו זיין אויף דעם איסור פון שערן די פיאות. די קינדער לערנען דורכאויס אין חדרים חומש, רש״י און גמרא, פאַרטייטשט אויף יידיש און בחורים לערנען אין דער צוריק-געעפנטער גרויסער ישיבה אין מעץ און אין אַ „בית המדרש״ אין עלזאַס.

דער ווידערווילן פון עלזאַסער-לאָטאַרינגער יידן קעגן די עפנטלעכע שולן, וואָס איז נאָך געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם איסור מצד די רבנים, האָט אָבער אויך געהאַט אַ יסוד אין דער נישט גאַנץ אומבאַרעכטיקטער מורא פאַר אַסימילאַציע און שמד. נאָך דעם, ווי נאַפּאָלעאָן האָט אין 1801 געשלאָסן דעם קאָנקאָרדאַט מיטן פויפּסט, איז די דערציאונג אין די שולן אַריבערגעגאַנגען אונטער דער השגחה פון קלער, און ווי עס דריקט זיך אויס דער סוב-פּרעפעקט פון שאַטאָ-סאַלען (אין לאָטאַרינגיע) „זיינען אונדזערע שולן גיכער קאַטוילישע שולן ווי עפנטלעכע שולן״: מען האָט געזאָגט קאַטוילישע תפילות פאַר און נאָך די לימודים, מען האָט געלערנט קאַטוילישן קאַטעכיזם און אפילו דער לייען-שטאָף אין די לערנביכער איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט קאַטוילישער רעליגיע. צוליב דער דאָזיקער קלע־ריקאַליזאַציע פון די שולן, איז די צאָל יידישע תלמידים, פּונקט ווי אי־בעריקנס אויך פּראָטעסטאַנטישע תלמידים אין אַ טייל געגנטן אין לאָ־טאַרינגיע אפילו געפאַלן אין פאַרגלייך מיט דער תקופה פון פאַרן קאָנקאָר־דאַט. צו די אַלע סיבות איז נאָך צוגעקומען שיקאַנעס און חוזק מצד די קריסטלעכע קינדער לגבי די יידישע תלמידים — וואָס ווערט באַ־ריכטעט אפילו פון געגנטן פון דרום-מזרח פראַנקרייך —, ווי אויך דער פּשוטער פאַקט, וואָס איז אין עלזאַס געווען גאָר אָפט, אָבער איז געווען אַ כלל אפילו אין פּאַריז אין די פילאַנטראָפּישע שולן, אַז פּאַרוואַלטערס פון די שולן האָבן קיין יידישע קינדער נישט געוואָלט אַריינעמען! אין צפון — און אין מזרח-פראַנקרייך — פלעגן פאַרמעגלעכע עלטערן אין די דאָזיקע באַדינגונגען האַלטן פּריוואַטע לערער פון פראַנצויזיש און אַנ־דערע וועלטלעכע לימודים און עס זיינען אויך פאַרצייכנט פאַלן, ווי אין לוקסעמבורג, וואו די זעלבע לערער פלעגן צו זייערע גרופּן-לעקציעס אויך צולאָזן אומפאַרמעגלעכע קריסטלעכע קינדער.

די שפּראַך-און קולטור-אַסימילאַציע איז אין מזרח-און צפון-פראַנק־רייך פאַראויסגעגאַנגען אין אַזאַ פּאַמעלעכדיקן טעמפּ, אַז אפילו אין דער מדינה לוקסעמבורג האָט בלויז איינער צווישן 75 יידישע הענדלער, וואָס האָבן נאָך דעם דעקרעט פון 1808 זיך געווענדט וועגן האַנדלס-פּאַטענטן, זיך געקאָנט אונטערשרייבן אין לאַטייניש אותיות. אויך אין פּאַריז

איז נאָך יידיש געווען די טאָג־טעגלעכע שפּראַך פון יידישע הענדלער און פּעדלער און דער פּאַריזער רב זעליגמאַן, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער קאָנסיסטאָריע, האָט בכלל נישט געקאָנט קיין אַנדערע שפּראַך ווי יידיש. די שפּראַך־אַסימילאַציע האָט אין גאַנץ פראַנקרייך אַרומגע־כאַפּט קודם־כל דעם שיכט פון מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע פון סוחרים, ליווראַנטן, באַנקירן און פאַבריקאַנטן, וואָס האָט זיך שוין באַוויזן אויס־צופורעמען זינט דער רעוואָלוציע.

אויב ביי דעם דאָזיקן שיכט האָט די אַסימילאַציע אַחוץ שפּראַך אָנ־גענומען די פאָרם בעיקר פון רעליגיעזן אינדיפערענטיזם און פון נאָכ־מאַכן די פראַנצויזישע בורזשואַזיע אין לוקסוריעזן לעבן־שטייגער, איז די קולטור־אַסימילאַציע טיף אַריינגעדרונגען אין די קרייזן פון פּראָפעסיאָ־נעלער יידישער אינטעליגענץ, וואָס זייער פאַרנעם האָט זיך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט בעיקר אין פּאַריז: אין דער הויפּט־שטאָט איז שוין פאַראַן אין דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה עטלעכע יידישע מאַטעמאַטיקער (דער באַדייטנדיקסטער פון זיי גערלי טערקעם), נאַטור־וויסנשאַפטלער, קונסט־גראַווירער און קונסט־מעטאַל־אַרבעטער, מוזיקער און דאָקטוירים. יידן שרייבער אויף פראַנצויזיש זיינען גבער אַחוץ זאַלקינד הורוויץ און בער יצחק בער פאַראַן בלויז עטלעכע און זיי זיינען באַקאַנט בלויז דורך זייערע שריפטן אין פאַרטיידיקונג פון יידן: צו זיי געהערט מיכאל בער, זון פון בער יצחק בער, דער ערשטער יידישער אַדוואָקאַט אין פראַנקרייך, וואָס האָט אין 1801 אַרויסגעלאָזט אַן „אַפּעל" צו די מושלים פון אייראָפּע אין נאָמען פון „אַלע באַוואוינער פון אייראָפּע, וואָס באַקענען זיך צו דער יידישער רעליגיע", מאַנענדיק רעכט פאַר יידן; יצחק ראָדריגעז, דער יינגערער, אַ רייכער סוחר פון באָרדאָ, וואָס האָט געענטפערט אויף דעם אַנטי־יידישן אַרטיקל פון באָנאַל אין 1806; סימאָן מייער פון פּאַריז, מיליטערישער אינספּעקטאָר, וואָס האָט אויך זיך באַטייליקט אין דער פּאָלעמיק קעגן באָנאַל. דער ראַפּידער אַסימילאַציע־פּראָצעס פון דער יידי־שער בורזשואַזיע און מאָדערנער אינטעליגענץ האָט נישט איבערגעלאָזט קיין פּלאַץ פאַר קיין שום באַדייטנדיקער השכלה־באַוועגונג, אַחוץ אַ צענד־ליק געלעגנהייט־שרייבער פון העברייאישע לויב־געזאַנגען לכבוד נאַ־פּאָלעאָן, צווישן וועלכע עס איז געווען דער באַגאַבטסטער אלי הלוי, דער פאָטער פון באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר.

בעת נאַפּאָלעאָן האָט מיט דער ברוטאַלקייט פון אַ דעספּאָט אַוועקגע־שטעלט די יידישע פראַגע אויפן סדר־היום, האָבן זיך די אַסימילירטע און האַלב־אַסימילירטע יידישע פּלוטאָקראַטן גענומען דאָס רעכט צו זיין די וואָרט־זאָגער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך און אפילו פון דעם יידישן פאָלק בכלל.

§23. נאַפּאָלעאָנס ערשטער אויסנאַם־געזעץ קעגן יידן

אין דער דערקלערונג פֿון דער פּאָליטיק לגבי יידן אין דער נאַפּאָ־לעאָנישער תקופה פֿלעגן היסטאָריקער על פּי רוב זיך בעיקר אָפּשטעלן אויף נאַפּאָלעאָנס כאַראַקטער און מידות און אויף זיין פּערזענלעכער באַ־ציאונג צום יידישן פֿאָלק. עס איז קיין ספק נישט, אַז אין אַזאַ רעזשים ווי נאַפּאָלעאָנס, וואו קיין שום קלענסטער פּרט אין דער מלוכה־פּאָליטיק אויף קיין שום געביט איז נישט באַשלאָסן געוואָרן אָן דעם ווילן און הסכם פֿון דעם אַבסאָלוטן דיקטאַטאָר, וואָס האָט ביי זיין געניאַלער מלחמה־פֿירונג געפֿונען צייט און אינטערעס אַריינצוקוקן אין אַלע שפּעלטעלעך פֿון דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע, האָט די פּערזענלעכע סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע פֿון הערשער צו יידן געמוזט האָבן אַ השפּעה אויך אויף דער באַשטימונג פֿון דער פּאָליטישער ליניע אין דער יידן־פֿראַגע.

נאַפּאָלעאָן האָט יידן אין תוך פֿיינט געהאַט און פֿאַראַכט און האָט דעם דאָזיקן געפֿיל נישט איינמאָל געגעבן אויסדרוק סיי אין זיינע בריוו, סיי אין זיינע רעדעס. זיין ווידערווילן פֿון אַ מיליטער־מאַן קעגן באַנקירן און סוחרים — וועמען ער האָט געדינט מיט זיין גאַנצן דיקטאַ־טור־סיסטעם — האָט ער אַריבערגעטראָגן אויף דער יידישער בורזשוא־אַזיע; זיין סענסיטיוויקייט פֿון אַן אויפֿגעקומענעם צום דומפּיקן ריח פֿון אָרעמקייט און דחקות איז אַריבערגעגאַנגען אין אַ געפֿיל פֿון פֿאַראַכטונג לגבי די אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, צעכראַסטעטע און פֿאַרשמאַיעטע יידישע הענדלער און מעקלער, וועלכע ער האָט באַגעגנט נאָך מער ווי אין פֿראַנקרייך אויף זיינע מאַרשן דורך אייראָפּע און באַזונדערס דורך אָרעמע יידישע שטעטלעך אין פּוילן. ווי דער רעסטאַווראַטאָר פֿון קאַטאָליציזם, אַלס אַ דאַמבע קעגן דער דערשטיקטער רעוואָלוציע, האָט נאַפּאָלעאָן אַראָפּגע־קוקט אויף דער יידישער רעליגיע ווי אַ מינדערווערטיקע אין פֿאַרגלייך מיט דער „ציוויליזאַציע" פֿון דער עוואַנגעליע. אַ פֿאַרעקשנטער גלייכשאַלטער ווי יעדער דיקטאַטאָר, האָט ער נישט געקאָנט ליידן, וואָס יידן האַלטן זיך נאָך אַלץ ווי אַ באַזונדער פֿאָלק, היטן אָפּ זייער שפּראַך, רעליגיע, מנהגים און אינערלעכע אָרגאַניזאַציע, און ער האָט עס באַטראַכט ווי אַ העזה און מאַנגל פֿון דאַנקבאַרקייט, וואָס זיי וואַרפֿן זיך נישט אַלע מיט אימפּעט אין די אָרעמס פֿון אַסימילאַציע פֿאַר דער „טובה" פֿון דער געזעצלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. וואָס טיפֿער ער האָט דערזען מיט זיין דורכדרינגענדן בליק פֿון אַ גרויסן שטאַטסמאַן, אַז די אָפּגעזונדערטקייט פֿון יידן איז נישט סתּם אַ פֿראַגע פֿון רעליגיע, נאָר דער אויסדרוק פֿון אומגעבראָכענעם ווילן פֿון אַ גרויס היסטאָריש פֿאָלק, וואָס האָט אויסגעהאַלטן צוויי טויזנט יאָר פֿון רדיפֿות און עינויים — און אין נאָמען פֿון דער גלאָרייכער יידישער

געשיכטע, האָט ער אין 1799 בעת זיין מלחמה־מאַרש אין ארץ־ישראל געהייסן אַרויסלאָזן אַ רוף צו די יידן פון דער וועלט צוריקאויפצובויען די יידישע מלוכה* — אַלץ־מער איז געריי‍צט געוואָרן זיין דיקטאַטאָרישע שאָוויניסטישע אַמביציע צו צעשמעטערן די נאַציאָנאַלע איי‍ניקייט פון יידן און צו פאַרוואַנדלען זיי אין פראַנצויזן מיט געוואַלט.

אָבער פונקט ווי אין אַלע אַנדערע פראַגן פון דער פּאָליטיק, האָט אויך אין דער יידן־פראַגע די פּערזענלעכע שטעלונג פון קיסר צי פון די עצה־געבער, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגערינגלט, בלויז געקאָנט האָבן אַ ווירקונג אויף דער אויסאַרבעטונג פון פּרטים פון טאַקטיק, די סטראַטעגיע איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם רעזשים, דורך דעם פּאָליטישן סיסטעם, וואָס האָט נאַפּאָלעאָנען איבערגעגעבן די מאַכט אַלס דיקטאַטאָר. בעצם האָט די פּאָליטיק לגבי יידן אין דער נאַפּאָלעאָן־תקופה געטריי אָפּגעשפּיגלט דאָס פּאָליטישע מהות פון דעם דאָזיקן נידעריקסטן שטאַפּל, צו וועלכן די בורזשואַזיע האָט אַראָפּגעפירט די געווינסן פון דער רעוואָלוציע פאַרן פאָלק. „נאַפּאָלעאָן, — לאָמיר דאָ ווידער ציטירן איינע פון די טרעפלעכע דיכטערישע פאָרמולירונגען פון גרעץ, — האָט געהרגעט די פרייהייט, זיין מוטער, אָדער בעסער געזאָגט, ער האָט פון איר אויסגעבלאָזן דעם לעצטן אָטעם . . . אין דערגרייכונג פון דער רעוואָלוציע האָט ער געלאָזט שטיין, די גלייכקייט . . . ״, גענויער, די גלייכקייט פון אַלע בירגער לויטן געזעץ. דער זעלבער דואַליסטישער כאַראַקטער פון נאַפּאָלעאָנס רעזשים אַנטפּלעקט זיך אין זיין פּאָליטיק און געזעצגעבונג וועגן יידן. דער רעזשים איז שוין געווען אויף אַזוי ווייט רעאַקציאָנער אי ממשותדיק אי אין זיין טענדענץ, אַז ער איז קעגן יידן אַרויסגעקומען מיט באַשולדיקונגען, באַליידיקונגען און גזירות, וואָס זיינען געווען אַ חוזק פון די אידייען פון דער אָפּגעשטעלטער רעוואָלוציע. דאָס, וואָס די שמאָלע פאָרמעלע באַזע פון געזעצלעכער גלייכקייט פון בירגער איז אָבער נאָך אַלץ געבליבן ווי אַן אָפּגעראַטעוועטע רעוואָלוציאָנערע ירושה, איז אויך בייגעשטאַנען די יידן, אַז נישט געקוקט אויף אַלע געזעצלעכע באַגרענעצונגען, איז לכל הפחות אין פּרינציפּ די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג נישט בטל געוואָרן.

שוין אונטער דער דיקטאַטור פון נאַפּאָלעאָן אַלס ערשטן קאָנסול האָט די וואַקסנדיקע פּאָליטישע רעאַקציע אין לאַנד אָנגעהויבן אָן אָרגאַניזירטע מינדלעכע און שריפטלעכע אַגיטאַציע קעגן יידן. די ליבעראַלע „פילאָזאָפישע דעקאַדע״ האָט שוין אין אָנהייב 1803 געוואָרנט, אַז אין געוויסע קרייזן פאַרשפּרייט מען פלאַנמעסיק קלאַנגען וועגן נייע גזירות, וואָס

---

* זע ווייטער אין קאַפּיטל וועגן ארץ־ישראל.

ווערן צוגעגרייט קעגן יידן. די פּראָקלאַמירונג פון קיסרטום אין 1804 און דער פינאַנציעלער קריזיס, וואָס איז באַלד דערנאָך געקומען אין די יאָרן 1805־1806, האָבן צוגעגעבן העזה דער קלעריקאַל־רעאַקציאָנערער מחנה צו פאַרשטאַרקן די קאַמפּאַניע קעגן יידן. ווידער איז עלזאַס, ווי אין אַלע יאָרן זינט דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, די הויפּט־קוואַרטיר פון אַלע רעאַקציאָנערע מאַכינאַציעס. אין 1805־1806 ווערט דאָרט פאַרשפּרייט מיט דער הילף פון קלער אַזאַ אָנגעשטרענגטע שטי־מונג פון ערב־פּאָגראָם, וואָס דערמאָנט די טעג פון 1789 און 1790 אין אַ סך פּרטים: שטאָט־ראָטן און נאָמינירטע גענעראַל־ראָטן מיט דעפּאַרטאַ־מענטן דראָען אין זייערע ווענדונגען צו דער רעגירונג מיט פּאָגראָמען, אויב מען וועט נישט אונטערנעמען קיין מיטלען קעגן „יידישן וואוכער״; יידן פון געוויסע געגנטן, ווי אַלטקירך, אַנטלויפן שוין ווידער איבער דער גרענעץ קיין באַזל; אין קאָלמאַר ווערט אָוועקגעשטעלט זשאַנדאַר־מעריע צו היטן יידישע הייזער פאַר אָנפאַלן. יידן פון נידער־עלזאַס באַ־קלאָגן זיך אין 1806 פאַרן מיניסטער אַז מען שיסט אַריין צו זיי אין די הייזער. גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער נייער האַפּערדיקייט פון דער רעאַקציע נאָך דעם איינפירן דאָס קיסרטום איז דער פאַקט, אַז די זעלבע גענעראַל־ראָטן פון אויבער־און נידער־עלזאַס, וועלכע האָבן נאָך אין יאָר 1804 געפאָדערט אַן אַקציע פון דער רעגירונג קעגן וואוכער בכלל, ריידן שוין אין 1805 נאָר וועגן דעם חורבן, וואָס עס מאַכט אָן דער יידישער וואוכער און ביי געלעגנהייט אויך וועגן באַגרענעצן יידישע פעדלעריי.

גלייכצייטיק מיט דער אַקציע פון אויפרייצן דעם המון אין עלזאַס ווערט אונטערגענומען אין דער רעאַקציאָנערער פּרעסע פון פּאַריז אַ פראָנט־אַטאַק קעגן יידן, מיטן בפירושן ציל צו ווירקן אויף דער רע־גירונג, זי זאָל בטל מאַכן די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן. קיין לעגאַלע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן אונטער דעם רעזשים פון נאַפּאָלעאָן נישט געקאָנט עקזיסטירן, פּונקט ווי די פרייהייט פון פּרעסע איז געווען דער־שטיקט. נאַפּאָלעאָנען האָט אָבער גאָר נישט געאַרט, וואָס אַן אַריסטאָ־קראַטישע מאָנאַרכיסטיש־קלעריקאַלע קליקע בראש מיט דעם קריסטלעכן ראָמאַנטיקער שאַטאָבריאַן, פאָנטאַן, באָנאַל און מאַלע, זאָל אין איר אָרגאַן „מערקיור״ אין תוך פּראָפּאַגירן דאָס צוריקשטעלן די פעאָדאַלע אָרדע־נונג און קודם־כל די העגעמאָניע פון קלער אונטער דעקמאַנטל פון פאַר־טיידיקונג פון קריסטנטום און קאַטוילציזם קעגן מכלומרשטער סכנה מצד פילאָזאָפיע און פריידענקעריי. זיי זיינען אפילו געווען קרובים למלכות און דער יונגער 25־יעריקער מאָנאַרכיסט און קלעריקאַל גראַף מאָלע האָט אַזוי ווייט נושא חן געווען ביי נאַפּאָלעאָנען פאַר זיין בראָשורע וועגן אױ־טאָריטאַטיווער מלוכה, אַז ער האָט אים נאָמינירט אויף דעם הויכן אַמט

פון אוידיטאָר און מלוכה־ראַט און אים פּאַוואָריזירט אויף אַלע מעגלעכע אופנים. אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, וואָס דער ליבעראַלער זשורנאַל „פּובליסיסט" האָט אָפּגעדרוקט אַ פּאָלעמישן אַרטיקל קעגן אַן אַנטי־יידישן אָנפאַל פון אַ דייטשער צייטונג אויף יידישע הענדלער, וואָס איז געווען געשטראָפט די דייטשע טאָכטער און געמיינט די פראַנצויזישע שנור, איז לואי באָנאַל אָנהייב פעברואַר 1806 אַרויסגעקומען מיט אַן ענטפער אין אַ לאַנגער אָפּהאַנדלונג „וועגן יידן" אין „מערקיור".

און אָט זיינען די טעזן פון קאַטוילישן אַגיטאַטאָר: יידן זיינען אַ ראַסע פון וואוכערער, זיי באַהערשן עלזאַס מיט זייערע 11 מיליאָן היפּאָטעקן; דער קאַמף פון פראַנצויזן און דייטשן קעגן יידן איז אַ קאַמף פאַרן קיום; יידישע רעליגיע הייסט פיינט האָבן קריסטן; יידן זיינען שפּיאָנען און שונאים פון דער מלוכה, דרייען זיך אַרויס פון מיליטער־דינסט; בלויז די אַנטי־רעליגיעזע פילאָזאָפן, וויזן אַרויס סימפּאַטיע פאַר יידן, ווייל זיי האַסן דאָס קריסטנטום, וואָס זיין אמתדיקייט באַשטעטיקט דער מצב פון יידן. באָנאַל פירט אויס, אַז מען דאַרף פאַרריכטן דעם טעות פון דער קאָנסטיטואַנטע, אַוועקנעמען ביי יידן די גלייכבאַרעכטיקונג, — אין אַ קריסטלעכער מלוכה קען מען נישט זיין אַ בירגער און נישט זיין קיין קריסט — אַרויסגעבן געזעצן קעגן יידישן וואוכער, רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע דורך אָפּרייניקן זי פון תלמוד, צווינגען יידן צו ערד־אַרבעט און מלאכה און באַגרענעצן דעם יידישן נאַטירלעכן צוואוקס. די זעלבע גזירות לייגט ער פאָר קעגן משומדים.

נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם צוריקרוקן דעם פּאָליטישן זייגער, ווי דער פאַקט פון דערשיינען פון אַזאַ יידן־פרעסערישן אַרטיקל, איז געווען דער טאָן פון דער פּאָלעמיק קעגן באָנאַל: יידן (ראָדריגעז, סימאָן מאַיער, בער יצחק בער) און נישט־יידן, ווי אבאַט גרעגואַר, לאַמורע א. אַנד. האָבן אין דער ליבעראַלער פרעסע אין „פּובליסיסט", „פילאָסאָפישע רעווי" (נייער נאָמען פון דער דערמאָנטער „דעקאַדע"), „זשורנאַל דע פּאַרי" און אין ספּעציעלע בראָשורן געהאַלטן פאַר נויטיק נאָכאַמאָל איבערצוחזרן דעם אלף־בית פון דער דעבאַטע מיט אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר צוריק וועגן יידישער עמאַנציפּאַציע, אַז יידן זיינען אויך מענטשן, אַז גלייכע באַהאַנדלונג פון יידן איז אַ געבאָט פון רעליגיע און מאָראַל, אָדער אַז די „חסרונות" פון יידן זיינען אַ רעזולטאַט פון דורות־לאַנגער אונטערדריקונג. בלויז די „פילאָסאָפישע רעווי" האָט אַרויסגעוויזן ווירדע, באַמערקנדיק וועגן אַרטיקל פון ראָדריגעז, אַז זי דרוקט אים „נאָר דעם מחבר צוליב", ווארום זי האַלט עס פאַר „אומנויטיק צו באַקעמפן טענות, וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן מער ווי מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק..."

דאָס „נייע", וואָס אבאַט גרעגואַר האָט אַריינגעבראַכט אין דער פּאָ־

לעמיק איז אויך געווען אַ צייכן פון דער צייט: ער האָט באַשולדיקט צו־זאַמען מיט קריסטלעכער אונטערדריקונג דעם תלמוד מיט זיינע „אַבער־גלויבנס" און „שווערמערייען" אין דער אָפּגעשטאַנענקייט פון יידן, וואָס איז ביי אים געווען אידענטיש מיטן פאַמעלעכדיקן טעמפּאָ פון אַסימילאַ־ציע. בער יצחק בער האָט אין „בריוו צו סענאַטאָר גרעגואַר" נישט נאָר אויפגעוויזן אויף וואָס פאַר אַ דיסקרימינאַציעס יידן טרעפן אָן אין צו־טריט צו לאַנדווירטשאַפט, צו האַנטווערק, צו עפנטלעכע שולן, אין געריכט, ווי מען מאַכט פון זיי חוזק אין די טעאַטערס, נאָר ער האָט אויך פּאָלע־מיזירט קעגן גרעגואַרס פאַרשוואַרצונג פון תלמוד און „ראַביניזם", הגם ער האָט אויך געמאַכט די הנחה, — אַ מין אַדערויף אויפן פּאַריזער סנהדרין! — אַז דער יידישער גאָטעסדינסט דאַרף רעפאָרמירט ווערן...

נאַפּאָלעאָן האָט דעם אַרטיקל פון זיין מקורב באָנאַל נישט נאָר גע־לייענט, נאָר איבערגענומען פון אים שטיקער אין זיינע רעדעס, וואָס ער האָט מיט דריטהאַלבן חדשים שפּעטער געהאַלטן אין מלוכה־ראַט. ער האָט אויך באַקומען צוגעשיקט פון אַדוואָקאַט פּוזשאָל די קאַרעקטור־בויגנס פון זיין בראָשור וועגן עלזאַסער יידן, אָנגעפּילט מיטן זעלבן האָס (יידן — „אַ ראַסע, וואָס עסט ציבעלעס"...), נאָר אָנשטאָט אַ קריסט־לעך־רעליגיעזער באַפאַרבונג אָנגעקליידט אין אַן עקאָנאָמיש־פּאָליטישן לבוש. פּוזשאָל דערציילט שוין וועגן 35 מיליאָן יידישע היפּאָטעקן אין עלזאַס און נאָכאַמאָל אַזוי פיל וועקסלען; ער מאַכט פאַרשלאָגן וועגן באַ־גרענעצן דעם יידישן קרעדיט, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט זיך זיי שטאַרק גע־נומען אין קאָפּ אַריין. אויף נאַפּאָלעאָנס פאַרלאַנג האָט אויך מאָלע אָפּ־געדרוקט, אָנאָנים, עטלעכע חדשים שפּעטער אין אָפיציעלן „מאָניטער" אַן אָפּהאַנדלונג, וועלכע ער האָט פריער אים געהאַט איבערגעלייענט און וואו דער וואוכער ביי יידן ווערט פאַרגעשטעלט ווי אַ געבאָט פון תלמוד און פון תורת משה. אַזוי איז נאַפּאָלעאָנס פּאָליטישע ליניע לגבי יידן אויף אַ דירעקטן אופן געווען אַ רעפלעקס פון דער שוואַרץ־קלעריקאַלער קליקע, וועלכע האָט געפונען גנאָד אין זיינע אויגן.

אַחוץ דער פראַגע פון וואוכער, וועלכע איז געווען די הויפּט־טעמע, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשטעלט אויפן סדר־היום פון מלוכה־ראַט אין 1806 בנוגע יידן, האָט ער אויך דעמאָלט שוין געהאַט באַשלאָסן צו דער־קרעטירן אַן אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער רעליגיע, וואָס זאָל אַנט־שפּרעכן זיינע צילן פון צווייילן די יידישע אַסימילאַציע און שטעלן די יידן אונטער אַ שטרענגן מלוכה־קאָנטראָל. אָבער אײַנזינען האָט ער עס געהאַט שוין לאַנג פריער. נאָך אין יאָר 1801, ווען נאַפּאָלעאָן האָט אַלס ערשטער קאָנסול איבערגעגעבן דעם מלוכה־ראַט וועגן דעם קאָנקאָרדאַט פון דער מלוכה מיט דעם פּויפּסט, האָט ער געמאַכט אַ באַמערקונג: „וואָס

שייך יידן, איז דאָס אַ באַזונדערע נאַציע, וואָס אירע סעקטעס מישן זיך נישט מיט קיין אַנדערער; מיר וועלן נאָך האָבן צייט זיך שפּעטער דערמיט צו פאַרנעמען".

אין 1802 האָט דער מיניסטער פון קולטוס, פּאָרטאַליס, אויף אַ זי־צונג פון דער „געזעצגעבערישער קערפּערשאַפט" אָפּגעגעבן, אין שייכות מיטן געזעץ־פּראָיעקט וועגן אָרגאַניזירן דעם קאַטוילישן און פּראָטעסטאַנ־טישן קולט, אַ דערקלערונג, וואָס האָט שוין געקאָנט מאַכן דעם איינדרוק, אַז נאַפּאָלעאָן האָט גאָר נישט בדעה צו האַלטן זיין אָנזאָג וועגן אַריינמישן זיך אין די ענינים פון דער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע פון יידן: „בעת די רעגירונג האָט זיך פאַרנומען מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרשיידענע רעליגיעס, האָט זי אויך די יידישע רעליגיע נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג; אויך זי דאַרף געניסן ווי די אַנדערע (רעליגיעס) פון דער פרייהייט, וואָס אונדזערע געזעצן האָבן באַשטימט. אָבער די יידן שטעלן צוזאַמען גיכער אַ פאָלק ווי אַ רעליגיע; זיי זיינען פאַראַן צווישן אַלע נאַציעס און מישן זיך נישט אויס מיט זיי. די רעגירונג האָט געהאַלטן פאַר איר חוב צו שוינען די אייביקייט פון דעם דאָזיקן פאָלק, וואָס האָט זיך דערהאַלטן ביז היינט דורך איבערקערענישן און חורבנות פון יאָרהונדערטער; און וואָס האַלט פאַר איינע פון זיינע גרעסטע פּריווילעגיעס, אַז אין אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע זיין הייליקער עבודה און זיין קולט האָט עס נישט קיין שום געזעצגעבער אַחוץ גאָט אַליין".

עס איז שווער פעסטצושטעלן, צי דער מיניסטער האָט אין דער דאָ־זיקער רעדע טאַקע געטריי איבערגעגעבן דעם זין און די כוונות פון נאַ־פּאָלעאָן. זיכער איז אָבער, אַז די אָנפירער פון די יידישע קהילות, די טראַדיציאָנעלע שתדלנים און „קרובים למלכות" זיינען געווען גוואַלטיק אַנטוישט און אומצופרידן, וואָס די יידישע רעליגיע איז גלייך איבער־געלאָזט געוואָרן אויף הפקר, וואָס יידן האָבן געהאַט די מעגלעכקייט פריי און אומגעשטערט, אָן דער בייטש פון דער קייסערלעכער אַדמיניסטראַציע, זיך איינצואָרדנען זייער רעליגיעז לעבן אויפן יסוד פון פרייוויליקער אָנ־געהעריקייט צו די קהילות. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פּעטיציעס צום מיניסטער פּאָרטאַליס פון די פּלוטאָקראַטישע שתדלנים, די באַנקירן און לאַנד־סוחרים, ווי ישעיה בער בינג און פולד פון מעץ, לואי סערף־בער פון שטראַסבורג, און פון די פּני פון די קלענערע קהילות סיי צו די דע־פּאַרטאַמענט־פּרעפעקטן, סיי דירעקט צום מיניסטער, בעטנדיק די רע־גירונג, זי זאָל באַווילי̈קן אויסצושפּרייטן אירע פליגלען אויף דעם יידישן דת.

בער יצחק בער ציטירט אין זיין דערמאָנטן עפנטלעכן „בריוו צו גרעגואר" די דערקלערונג פון פּאָרטאַליס מיט גרויס באַדויערן, וואָס די

יידישע רעליגיע איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון קאָן. אין די פעטיציעס באַקלאָגט מען זיך, אַז אָן דער השגחה פון רעגירונג פילן נישט אַלע אַ חוב צו באַשטייערן זיך פאַר דער קהילה אויף אויסצוהאַלטן דעם רב, און צדקה־אינסטיטוציעס און די 5 מנהיגים פון מעץ גיבן דערצו, אין זייער צווייטן מעמאָראַנדום פון יוני 1804, אַזאַ כאַראַקטעריסטישע באַגרינדונג: „אַ רעליגיע וואָס איז אָנגעוויזן מער־ווייניקער בלויז אויף דער צוגעבונדנקייט פון די, וואָס באַקענען זיך צו איר, גייט אויס פאַמעלעך און איר סוף איז, אַז זי ווערט פאַרניכטעט". קהילה־פירער פון אַן עלזאַסער שטאָט דערציילן, אַז „אַ סך יידן האָבן אַ פאַלשע אידייע וועגן די פרינציפן פון פרייהייט און גלייכקייט און מיינען, אַז זיי קענען טאָן, וואָס זיי ווילן און אַז זיי זיינען פטור פון צאָלן קהילה־שטייערן"; אין אַנדערע קהילה־פעטיציעס ווערט איבערגעגעבן, אַז ביים פאַרטיילן די כיבודים אין שול דערגייט צו געשלעגן. דעם מאָטיוו פון איינפירן „אָרדנונג" כאַפן אויך אונטער די פרעפעקטן און טייטשן עס גוט אויס אין גייסט פון הערשנדיקן רעזשים: דער טומל און די מחלוקות אויף די פאַרזאַמלונגען אין די קהילות נעמט זיך דערפון, וואָס אַלע האָבן אַ רעכט צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן; די פאַרזאַמלונגען זיינען צו גרויס . . . אָבער אויך די קהילה־פירער שטייען נישט אָפּ פון די פרעפעקטן און פאַרשטייען פון וואַנען דער ווינט בלאָזט: די מעצער מנהיגים גיבן אָנצוהערן, אַז די, וואָס ווילן נישט צאָלן פאַר דער קהילה זיינען „רעבעלן", אַז „די פרייהייט פון געוויסן דעגענערירט אין הפקרות" און אַז דאָרט, וואו רעליגיע פאַרשווינדט, ווערט פריי דער וועג פאַר אוממאָראַלישקייט. אין אַ טייל פעטיציעס ווערט בפירוש פאָרגעלייגט, אַז די דעה אין דער קהילה זאָלן האָבן בלויז די פאַרמעגלעכע, — וואָס איז געווען פולשטענדיק לויטן מוסטער פון דעם צענזוס פון פאַרמעגלעכקייט ביי די מוניציפאַלע און לאַנד־וואַלן, אונטער נאַפּאָלעאָנס רעזשים.

נאָך אַזאַ שלל פון פעטיציעס האָט דער מיניסטער פאָרטאַליס אין 1805 זיך באַראַטן מיט אָנפירנדיקע יידן אין פאַריז וועגן פראָיעקט פון רעאָרגאַניזאַציע פון רעליגיעזע קהילות. בלויז איין זאַלקינד הורוויץ, געטריי זיינע אפיקורסישע איבערצייגונגען, האָט אין אַ מעמאָראַנדום דערקלערט, אַז די גאַנצע אַקציע איז אָרגאַניזירט דורך אָרטאָדאָקסן לטובת רבנים עמי־הארצים און היפּאָקריטן, וואָס יידן דאַרפן זיי פונקט אַזוי נייטיק האָבן, ווי די קאַטאָליקן דאַרפן האָבן קאַפּוצינער". אין קאָלמאַר איז פאָרגעקומען אין זעלבן יאָר אַ קאָנפערענץ פון יידישע דעלעגאַטן פון אויבער־עלזאַס און אין פאַריז האָט מיניסטער פאָרטאַליס צונויפגערופן אַ קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון 15 יידישע נאָטאַבלען, צווישן זיי די באַנקירן וואָרמס, מאיר מאַרקס, ראָדריגעז, טעאָדאָר סערף־בער, און זי האָט

צוגעשטעלט דעם מיניסטער אַזאַ פּראָיעקט: די רעגירונג דאַרף אַרומנע־מען מיט איר השגחה די רעליגיעזע קהילות, רבנים דאַרפן באַשטעטיקט ווערן פון דער רעגירונג און אויסגעהאַלטן ווערן דורך דער רעגירונג (פונקט ווי גלחים) און . . . דאָס וועט זיין אַ סגולה צוצוציען יידן מיט קאַפּיטאַלן פון אַנדערע לענדער; דער ראַט פון יעדער קהילה, וואָס האָט אַ רעכט צו וויילן דעם רב, דאַרף באַשטיין פון 6 מיטגלידער, וואָס ווערן אויסגעקליבן צווישן 20 העכסטע שטייער־צאָלער, נאָמינירטע דורכן פּרע־פעקט; עס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ ראַבינער־סעמינאַר. — — —

די יידישע בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך מתקנא געווען אין קאָנקאָרדאַט מיט דער קאַטוילישער קירך און מורא געהאַט, אַז איר קלאַסן־פּרעסטיזש וועט חלילה ליידן, אויב יידישע קהילות וועלן נישט זיין קאָנטראָלירט דורך דער רעגירונג, האָט זיך אינאיינוועגס געוואָלט באַוואָרענען, אַז זי אַליין זאָל אין די דאָזיקע קהילות האָבן די דעה מיטן חסד פון מלכות. נישט קיין חידוש, אַז נאַפּאָלעאָן האָט די גזירה פון אַ קאָנסיסטאָריע־אָרגאַניזאַציע — אָן שום סובסידיעס פון דער מלוכה — פאָרגעשטעלט ווי זיינס אַ גרויסן חסד און אַז די נאָטאַבלען פון פּאַריזער סנהדרין האָבן גאָר נישט געוואוסט ווי אים דערפאַר אָפּצודאַנקען. אחוץ די אויסנאַם־גזירות, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט שוין געהאַלטן אין צוגרייטן, האָט די ניי־אויפגעקומענע יידישע בורזשואַזיע פונקט ווי די אַלגעמיינע בורזשואַזיע פון לאַנד זיך געפילט אונטער זיין אַפּיטרופּסות ווי פיש אין וואַסער . . .

אין 1806 האָט זיך נאַפּאָלעאָן אַנטשלאָסן צו נעמען זיך צו גזירות אויף יידן. נאָך אין אָנהייב פרילינג 1805 האָט דער מיניסטער פון יוסטיץ, רעניע, צוגעשטעלט אים אויף זיין פאַרלאַנג אַ רעפּאָרט וועגן יידישן וואו־כער, מיט דעם אויספיר, אַז עס איז נויטיק אַרויסצוגעבן אַ געזעץ וועגן באַגרענעצן דעם וואוכער בכלל; דער מלוכה־ראַט האָט דעם פּראָיעקט אָפּגעוואָרפן ווי אַ סתירה מיטן ציווילן קאָדעקס. סוף יאַנואַר 1806 האָט נאַפּאָלעאָן אויפן וועג צוריק פון דער נצחון־שלאַכט ביי אויסטערליץ זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג אין שטראַסבורג. די שטראַסבורגער געשוואוי־רענע שונאי ישראל, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט איבערקומען דעם פאַקט, וואָס אין זייער „יידן־ריינער שטאָט" איז זינט דער עמאַנציפּאַציע אויסגעוואַקסן אַ באַדייטנדיקע יידישע קהילה, האָבן באַצייטנס צוגעגרייט פאַר דער געלעגנהייט אַ מאַניפעסטאַציע פון „פּאָלקסצאָרן" קעגן יידן: אחוץ דעם פּרעפעקט און דער ערן־דעלעגאַציע, וואָס האָבן דעם קיסר איבערגעגעבן אַלע טענות קעגן יידישן וואוכער, האָט אַ גאַנצער המון אים אַרומגערינגלט און געמאַכט אויסגעשרייען קעגן יידן. צוריקקומענ־דיק קיין פּאַריז זייער אויפגעבראַכט, האָט נאַפּאָלעאָן לויט אַ נייעם פּראָיעקט פון יוסטיץ־מיניסטער פאַרגעלייגט דעם מלוכה־ראַט אָנצונעמען אַ ריי

ברוטאַלע מאָס־מיטלען קעגן יידן: צו פאַרבאָטן יידן באַרגן געלט אויף היפּאָטעק אין משך פון 10 יאָר, בטל מאַכן אַלע ביז־איצטיקע היפּאָטעקן פון יידישע קרעדיטאָרן, אויב די הלוואות זיינען געגעבן געוואָרן אויף וואָר־כער־באַדינגונגען, און אפילו צונעמען בירגער־רעכט ביי יידן, וואָס פאַר־מאָגן נישט קיין שום אומבאַוועגלעך אייגנטום, און קודם־כל ביי יידן, וואָס האָבן אין די לעצטע 10 יאָר איינגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד און פוילן.

סוף אַפּריל 1806 האָט דער מלוכה־ראַט באַטראַכט די פאָרשלאָגן, לויט דעם באַריכט, וואָס עס האָט געלייענט אויף דער זיצונג פון דער לעגיסלאַ־טיווער סעקציע מאָלע, מן הסתם באַשטימט לויט דעם וואונטש פון נאַ־פּאָלעאָנען: דער מלוכה־ראַט האָט אָבער פאַרמאָגט אַ צאָל ליבעראַלע מיטגלידער, וואָס האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעזאָגט פון אַלע טראַדיציעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, בפרט בנוגע אַנטי־קלעריקאַליזם, און האָבן אויך ביי געלעגנהייטן געפּרואווט באַווייזן דעם דיקטאַטאָר, אַז זייער קערפּערשאַפט, פאַקטיש נאַפּאָלעאָנס אַ בייראַט, מעג אויך אַמאָל האָבן אַן אייגענע דעה. אויף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג האָט דער ליבעראַל בעניאָ אויפן יסוד פון די מאַטעריאַלן פון רעניאַל, דעם אַמאָליקן פּאַרטיי־דיקער פון יידן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, אָנגעוויזן אויף דער ווירקלעכער לאַגע בנוגע וואוכער אין עלזאַס, וואו קריסטלעכע באַדן־ספּע־קולאַנטן זיינען דער ערשטער פאַקטאָר פון דער שווערער לאַגע פון די פּויערן; אַ געזעץ קעגן יידישן קרעדיט וואָלט געווען עקאָנאָמיש שעדלעך, ווייל אַ הונדערט מיליאָן יידיש קאַפּיטאַל וואָלט אָפּגעפלאָסן פון פראַנק־רייך, און יידן וואָלטן אויפגעהערט צו צאָלן זייערע חובות קריסטלעכע קרעדיטאָרן; אַחוץ דעם וואָלט אַזאַ געזעץ אויך געווען אַן עוולה צוליב דעם אויסנאַם־כאַראַקטער קעגן יידן. בעניאָ האָט אויסגעפירט, אַז עס איז נויטיק אַן אַלגעמיין געזעץ וועגן באַגרענעצן די הויך פון פּראָצענטער פון הלוואות, האָט אָבער באַלד אויך געגעבן די ברירה, אַנצונעמען אַ געזעץ וועגן איין יאָר מאָראַטאָריום אויף חובות פון פויערן ביי יידן. היות ווי די שטימונג פון ראַט איז געווען אויף דער זייט פון בעניאָ, האָט דער פאָרזיצער דערקלערט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט אַן אַנדערע מיינונג, און דער־פאַר דאַרף דער ענין אויפגענומען ווערן נאָכאַמאָל אין קיסרס אַנוועזנהייט.

אויף דער זיצונג פון 30טן אַפּריל אונטער דעם פאָרזיץ פון נאַפּאָלעאָן האָט בעניאָ מיט אַ ציטערנדיקן קול — וואָרום נאַפּאָלעאָן האָט געהאַלטן אין איין איראָניש שמייכלען — נאָכאַמאָל געלייענט זיין באַריכט, וואו ער האָט פאַראורטיילט „קריסטלעכע פאָראורטיילן" קעגן יידן און האָט דער־קלערט, אַז יעדעס אויסנאַם־געזעץ קעגן יידן וואָלט געווען „אַ פאַרשפּילטע שלאַכט אויפן שלאַכטפעלד פון גערעכטיקייט". איינהאַלטנדיק קוים זיין אויפרעגונג אי צוליב דעם אינהאַלט פון באַריכט אי צוליב דער פערזאָן

פון באַריכט־אָפּגעבער, ווען ער האָט פיינט געהאַט ווי אַלע „אידעאָ־לאָגן", דאָס הייסט, „פּרינציפּ־רייטער", פון דער אויפקלערונג און רעוואָ־לוציע־תקופה, האָט נאַפּאָלעאָן געענטפערט אין אַ לענגערער רעדע, וואו ער האָט אַריינגענומען אַלץ וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין שטראַס־בורג און צוגעגעבן גאַנצע פראַזן אַרויסגענומען פון באָנאַלדס האַס־פּראָפּאַגאַנדע: „די געזעץ־געבונג איז אַ שילד, וואָס די רעגירונג דאַרף אַרויסשטעלן אומעטום, וואו עס ווערט אַטאַקירט דאָס עפנטלעכע וואויל. די פראַנצויזישע רעגירונג קאָן נישט צוקוקן זיך גלייכגילטיק, ווי אַ מבוזהדיקע דערנידעריקטע נאַציע, וואָס איז פייאיק אויף אַלע געמיינ־קייטן, באַזיצט פאַר זיך אויסשליסלעך די צוויי שיינע דעפּאַרטאַמענטן פון עלזאַס; מען דאַרף די יידן באַטראַכטן ווי אַ נאַציע און נישט ווי אַ סעקטע; דאָס איז אַ נאַציע אין אַ נאַציע. איך וואָלט געוואָלט לכל הפחות אויף אַ באַשטימטער צייט זיי צונעמען דאָס רעכט צו באָרגן אויף היי־פּאָטעק, וואָרום עס איז אַ צו גרויסע דערנידעריקונג פאַר דער פראַנצוי־זישער נאַציע זיך צו געפינען אָנגעוויזן אויפן חסד פון דער שפלדיקסטער נאַציע. גאַנצע דערפער זיינען אַריבערגעגאַנגען אין אייגנטום פון יידן; זיי האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון פעאָדאַלן קלאַס; דאָס זיינען אמתדיקע סטאַדעס קראָען; מען האָט עס געזען ביי די שלאַכטן פון אולם, וואוהין זיי זיינען אָנגעלאָפן פון שטראַסבורג כדי אָפּצוקויפן ביי די מאַראָדערן, דאָס וואָס יענע האָבן אָנגערויבט. — — — עס דראָט זיי אַ סכנה, אַז זיי וועלן אין איין שיינעם טאָג אויסגעשאָכטן ווערן דורך די קריסטן פון על־זאַס, פונקט ווי דאָס פלעגט זיי געשען אַזוי אָפט און כמעט תמיד דורך זייער שולד. יידן זיינען גאָרנישט אין דער זעלבער לאַגע ווי פּראָטעס־טאַנטן און קאַטאָליקן; מען דאַרף זיי באַהאַנדלען לויט דעם פּאָליטישן רעכט און נישט לויט דעם ציווילן רעכט, ווייל זיי זיינען נישט קיין ביר־גער. — — —". ער דערמאָנט ווייטער די באַגעגעניש מיט „די קריסטן פון עלזאַס" און הייסט זיך מיישב זיין, צי עס וואָלט נישט געווען אַ גלייכע זאַך איבערצולאָזן אין גאַנץ עלזאַס נישט מער ווי 50 טויזנט יידן * און די איבעריקע צעשפּרייטן איבער גאַנץ פראַנקרייך; פונקט אַזוי וואָלט געווען אַ סברה צו פאַרבאָטן יידן־האַנדל בכלל, „ווייל זיי באַשמוצן אים דורך וואוכער" — — — נאָך דער דאָזיקער רעדע איז קיין דיסקוסיע נישט געווען; נאַפּאָלעאָן האָט אָבער צום סוף געהייסן דעם מלוכה־ראַט צוגרייטן אַ דעקרעט וועגן יידן.

אין משך פון דער וואָך ביז צו דער נאָענטסטער זיצונג האָט נאַפּאָ־

* אפילו נאָך אין יאָר 1810 איז אין גאַנץ עלזאַס, לויט דער אָפיציעלער סטאַ־טיסטיק נישט געווען מער ווי 26 טויזנט יידישע נפשות! פאַרגלייך אויבן.

לעאָן אי געהאַט צייט נאָכצוטראַכטן וועגן דער אָפאָזיציע פון מלוכה־ראַט צו זיינע פראָיעקטירטע גזירות, אי ער האָט זיך באַראַטן מיטן קולטוס־מיניסטער פאָרטאַליס, וועלכער האָט אים מסתם אינפאָרמירט וועגן דעם פראָיעקט פון אַ מלוכה־קאָנטראָל איבער יידישע קהילות. אין אַ שמועס מיט מאָלע צום סאַמע סוף פון דער וואָך האָט נאַפאָלעאָן טאַקע אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דער נויטווענדיקייט צו רעפאָרמירן די רבנים און די יידישע דערציאונג, און דערביי זיך אויך אַרויסגעזאָגט וועגן דער שעדלעכקייט פון תלמוד. דעם 7טן מאַי האָט נאַפאָלעאָן אויף דער זיצונג פון מלוכה־ראַט געהאַלטן אַ רעדע, וואו אי דער טאָן אי דער אינהאַלט איז שוין געווען אַ סך געמעסיקטער. ער האָט נאָך אַלץ זיך נישט איינגעהאַלטן איבערצוחזרן די תורה פון מאָלע, אַז „די יידישע נאַציע האָט זיך קאָנסטיטואירט זינט משה ווי אַ וואוכערישע און אונטערדריקערישע נאַציע". ער האָט אָבער אַרויסגערוקט דעם פרינציפ, אַז יידן דאַרף מען נישט שטראָפן, נאָר „אויסבעסערן". אויסנוצנדיק אויף אַ געשיקטן אופן די נישט אויסגעהאַלטנקייט פון בעניאָ, וואָס האָט אויף דער פריערדיקער זיצונג געמאַכט אַ הנחה, אַז פרעמדע יידן, וואָס פירן זיך נישט אויף ווי מען דאַרף, זאָל מען מעגן פאַרטרייבן פון לאַנד, האָט נאַפאָלעאָן זיך גאָר אַרויסגעשטעלט אין דער פאָזע פון הומאַניטאַרן און פראָגרעסיוון שטאַטסמאַן: „מען לייגט מיר פאָר צו פאַרטרייבן די אַרומוואַנדערנדיקע יידן, וואָס וועלן זיך נישט אַרויסווייזן ראוי פאַר דעם טיטול פון פראַנצויזישע בירגער און צו ווענדן זיך צו די געריכטן, זיי זאָלן אָנווענדן קעגן וואוכער זייער דיסקרעציאָנעלע מאַכט . . . אָבער די דאָזיקע מיטלען וואָלטן נישט געווען גענוגנד". באַצייכנענדיק די יידן, ווי אַ „וואוכערישע נאַציע", וואָרנט נאַפאָלעאָן: „נישט מיט קיין געזעצן פון מעטאַפיזיק וועט מען רעגענערירן יידן; דאָ דאַרף מען פשוטע געזעצן, אויסנאַם־געזעצן. מען האָט מיר גאָרנישט געקאָנט פאָרלייגן עפעס ערגערס, ווי אַרויסצויאָגן אַ גרויסע צאָל יחידים, וואָס זיינען אַזעלכע מענטשן ווי אַנדערע — — — עס וואָלט געווען אַ שוואַכקייט אַרויסצויאָגן יידן, עס וועט זיין אַ באַווייז פון כוח זיי צו פאַרבעסערן": מען דאַרף דערפאַר — האַלט נאַפאָלעאָן — פאַרבאָטן יידן האַנדל . . . מען דאַרף אויך צוזאַמענרופן אין פאַריז „גענעראַלשטאַטן פון יידן" — אַ 50־60 מענטשן, וואָס זאָלן זיך באַראַטן ווי אַזוי צו ענדערן די „קאָנסטיטוציע" פון פאָלק. ביי דער געלעגנהייט פאַרזיכערט נאַפאָלעאָן גאָר וועגן זיין גרויסן אחריות פאַר דער געשיכטע: „איך בין ווייט דערפון צו וועלן טאָן עפעס קעגן מיין גוטן נאָמען, וואָס קומענדיקע דורות וואָלטן עס געקאָנט אַפירהאַלטן, אַזוי ווי מען גיט מיר אָנצוהערן אין באַריכט . . . דאָס בייז וואָס יידן טוען אָפ, קומט נישט פון יחידים, נאָר פון דער קאָנסטיטוציע גופא פון דעם דאָזיקן פאָלק" . . .

אָבער, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרענדיקן בכי טוב, דערמאָנט ער צום סוף ווידער די טענות וואָס דאָס פאָלק האָט צו יידן און נאָר צו זיי, „די רויפן און היישעריקן, וואָס מאַכן חרוב פראַנקרייך" . . .

אויב די ערשטע רעדע פון נאַפּאָלעאָנען פאַרן מלוכה־ראַט איז געווען דער געטרייער אויסדרוק פון זיין פּערזענלעכער שטעלונג פון האַס צו יידן, איז זיין צווייטע רעדע געווען בערך אַ געטרייער באַראָמעטער פון דער פּאָליטישער אַטמאָספערע, וואָס האָט אָנגעפילט פראַנקרייך אונטער זיין רעזשים, אין דער תקופה פון קיסרטום: ווייט פאַראויסגערוקטער מאַרש פון פּאָליטישער רעאַקציע, אָבער נאָך אַלץ איינגעהאַלטן אין באַ־שטימטע פאָרמעלע ראַמען פון דער נייער בירגערלעכער אָרדנונג. דער קנופּ און שלייף פון נאַפּאָלעאָנס צווייטער רעדע כאַראַקטעריזירט אויך די פּאָליטיק, וועלכע ער האָט פון דעם מאָמענט אָן אָנגעהויבן אַדורכצו־פירן בנוגע יידן.

ווי אַן אויספיר פון זיין רעדע האָט נאַפּאָלעאָן פאָרגעלייגט צו באַ־טראַכטן אַן אַלגעמיין געזעץ וועגן מאַקסימום צינזן ביי הלוואות און מסחר־טראַנזאַקציעס און אַחוץ דעם פּאַרטיק צו מאַכן אַ באַזונדער געזעץ וועגן יידישן וואוכער, וואָס ער האָט שוין אויף דער פריערדיקער זיצונג באַ־פוילן צוצוגרייטן, צוזאַמען מיט אַ דעקרעט וועגן רופן אַ יידישע רעפרע־זענטאַנטן־פאַרזאַמלונג. בעת אָבער דאָס אַלגעמיינע געזעץ קעגן וואוכער איז ערשט אַרויס מיט אנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער, דעם 3טן סעפּטעמבער, 1807, האָט רעניאַל, אויפן קיסרס באַפעל, באַלד רעדאַגירט דעם פאַרלאַנגטן דעקרעט וועגן יידן. רעניאַל האָט אויך געהאַט אָנגעשריבן אַ לענגערע הקדמה, וואו ער האָט פון איין זייט באַגרינדעט דעם דעקרעט דערמיט, וואָס יידן מאַכן חרוב די פויערן דורך זייער וואוכער און זיינען בכלל „על פּי רוב נישט מער ווי געלט־גייציקע קאָסמאָפּאָליטן", פון דער אַנ־דערער זייט פאַרזיכערט, אַז די רעגירונג האָט נישט קיין שום שלעכטע כוונות צו דיסקרימינירן קעגן דער יידישער רעליגיע, זי וויל בלויז די יידן דערציען, הויבן זייער בירגערלעכע מאָראַל, מיט דער אויסזיכט זוכה צו זיין אויף „אַ בעסערן און מער געזיכערטן גורל". נאַפּאָלעאָן האָט אָבער אויף דער זיצונג פון מלוכה־ראַט שטאַרק קריטיקירט די פאָרגע־לייגטע הקדמה, באַנוצנדיק דערביי בעיקר אַזאַ כאַראַקטעריסטישן מאָ־טיוו: מען דאַרף נישט אַזוי פיל פאַרזיכערן אָנהענגער פון אַ באַ־שטימטער רעליגיע, אַז מען האָט נישט בדעה זיי צו רודפן; דווקא אַזאַ פאַרזיכערונג וועט אַרויסרופן אַ חשד; „מען דאַרף האָבן דעם פעסטן ווילן נישט צו רודפן, און זאָל דערנאָך דער עולם שמועסן, ווי עס געפעלט אים"...

דעם 30טן מאַי, 1806, איז אַרויס דער „דעקרעט וועגן מאָראַטאָריום". אין דער הקדמה ווערט דער דעקרעט מאָטיווירט אַזוי: „...אין אַ ריי

צפון־דעפּאַרטאַמענטן האָבן געוויסע יידן, וואָס באַשעפטיקן זיך נישט מיט קיין אַנדער פּראָפעסיע, ווי וואוכער, דורך דער אַקומולאַציע פון די העכסטע צינזן געבראַכט אַ סך פון די לאַנדווירטן צו אַ צושטאַנד פון גרויסער נויט: האָבן מיר געהאַלטן, אַז מיר זיינען מחויב צו קומען צו הילף די דאָזיקע צווישן אונדזערע אונטערטאַנען, וואָס אַן אומגערעכטע גיריקייט האָט דערפירט צו די דאָזיקע אויסטערלישע שוועריקייטן; די דאָזיקע אומשטאַנדן האָבן אין דער זעלבער צייט אונדז געוויזן, ווי דרינגענד עס איז צוריק צו דערוועקן ביי די, וואָס באַקענען זיך צו דער יידישער רע־ליגיע . . . די געפילן פון בירגערלעכער מאָראַל, וואָס זיינען, לײַדער, ביי אַ גאַר גרויסן טייל פון זיי אָפּגעשטאָרבן צוליב דעם מצב פון דערנידע־ריקונג, אין וועלכן זיי האָבן אַ לאַנגע צייט געשמאַכט, אַ מצב, וואָס מיר האָבן נישט בדעה צו דערהאַלטן אָדער צו באַנייען. כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן צוועק, האָבן מיר באַשלאָסן צונויפצורופן אַ פאַרזאַמלונג פון די ערשטע צווישן יידן, זיי מודיע זיין אונדזערע כוונות דורך קאָמיסאַרן, וואָס מיר וועלן נאָמינירן פאַר דעם דאָזיקן צוועק און וואָס וועלן אין דער זעלבער צייט אויפנעמען זייערע וואונטשן וועגן די מיטלען, וואָס זיי האַלטן פאַר די צוועקמעסיקע כדי צוריק איינצופירן ביי זייערע ברידער די באַשעפטיקונג מיט מלאכות און נוצלעכע פּראָפעסיעס, — אַנשטאָט די שענדלעכע פּרנסות, וואָס אַ סך פון זיי גיבן זיך אָפּ מיט זיי פון דור צו דור זינט הונדערטער יאָרן".

דער דעקרעט באַשטימט, אַז אין 8 אויסגערעכנטע דעפּאַרטאַמענטן, וואָס נעמען אַרום גאַנץ עלזאַס, אַ טייל לאָטאַרינגיע און ריין־געביט, ווערט פאַרהאַנגען אויף אַ יאָר דאָס אויספירן געריכט־אורטיילן און קאָנטראַקטן בנוגע חובות, וואָס לאַנדווירטן זיינען שולדיק יידן. די פאַרזאַמלונג פון יידישע רעפּרעזענטאַנטן ווערט גערופן אויף דעם 15טן יולי, 1806, און עס ווערט דערביי געגעבן באַשטימט די צאָל דעלעגאַטן, וואָס די פּרעפעקטן דאַרפן באַשטימען אין יעדן דעפּאַרטאַמענט.

אַזוי איז אַריין אין קראַפט דאָס ערשטע אויסנאַם־געזעץ קעגן יידן. זייער באַלערנדיק איז דער פאַקט, אַז, הגם עס האָבן זיך געפונען אַ צוויי דעפּאַרטאַמענטן, וואָס האָבן געבעטן דאָס מיניסטעריום מען זאָל אויך אויף זיי אויסשפּרייטן דעם דעקרעט וועגן מאָראַטאָריום אויף חובות פון יידישע קרעדיטאָרן, האָבן זיך אָפּגערופן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פאַר־לאַנגט אַ געזעץ קעגן וואוכערער בכלל, אַנווייזנדיק, אַז קריסטלעכע וואו־כערער זיינען נישט בעסער ווי יידן (די שטאָט בעזיער, פּרעפעקט פון מערט), אָדער אַז ביי זיי אין דעפּאַרטאַמענט זיינען דאָ בלויז קריסטלעכע וואוכערער (פּרעפעקטן פון 6 פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן).

איינער פון די דאָזיקע דעפּאַרטאַמענטן, דער דעפּאַרטאַמענט פון מזרח־

פירנעיען, אַלאַרמירט וועגן די דאַרטיקע וואוכערער, לויטער קריסטן, אַז זייערע פאַרברעכנס זיינען אַזוי גרויס, אַז די פּאָליציי האָט זיי אָנגעקלאָגט פאַר דער אַדמיניסטראַציע. אויך יחידים פון פאַרשיידענע געגנטן פון פראַנקרייך, צווישן זיי צוויי דעפּוטאַטן פון דער „געזעצגעבערישער קערפּערשאַפט״ האָבן אַריינגעשיקט מעמאָראַנדומס צום מיניסטעריום, אָדער בריוו צו רעגיאַל, וואו זיי האָבן אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ פּלאָג דער וואוכערער בכלל איז פאַרן גאַנצן לאַנד, און אַז אין דער וואוכער־עקספּלואַטאַציע באַטייליקן זיך קריסטן, דערצווישן הויכע באַאַמטע, אין דער זעלבער מאָס ווי יידן. צווישן די מחברים פון מעמאָראַנדומס האָט זיך אויך געפונען אַ ייד זעליגמאַן זעליגענשטאַט, אַ מיטגליד פון שטאַטראַט פון מאַינץ, וואָס האָט נישט בלויז פאַרגעלייגט יידן זאָלן באַפולמעכטיקט ווערן אויסצוקלייבן קאָמיסאַרן, משגיחים אויף יידישע עקאָנאָמישע טעטיקייטן, נאָר האָט אויך געהאַט די טרויעריקע העזה צו מאָנען פאַר אַזעלכע קאָמיסאַרן דאָס רעכט צו פאַרטרייבן פרעמדע יידן... ליידער, איז ער נישט געווען קיין איזאָלירטער יחיד. אויך די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג איז צום סוף — ווי מיר וועלן זען — אַרויסגעקומען מיט אַ פאָרשלאָג, וואָס האָט נישט באַוויזן אַ סך מער ברידערלעכקייט לגבי די יידן פון אויסלאַנד.

די מעמאָראַנדומס, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף דער ווירקלעכער לאַגע בנוגע וואוכער אין גאַנצן לאַנד, האָבן אָבער נישט געהאַט קיין שום פּעולה. דווקא כדי צו באַשטעטיקן די אויסשליסלעכע שולד פון יידן, האָט נאַפּאָלעאָנס פּראָטעזשירטער מאָלע פּונקט ערב דער דערעפנונג פון דער יידישער רעפּרעזענטאַנטן־פאַרזאַמלונג פאַרעפנטלעכט אין אָפיציעלן „מאָניטער״ לויטן קיסרס אָנווייזונג אַן אַרטיקל, וואו ער האָט די יידן באַצייכנט ווי אייביקע שונאים פון קריסטנטום און וואוכערער פון משה רבינוס צייטן. דער מיטלאַלטערלעכער קלעריקאַלער קיניג לודוויק דער הייליקער איז אָנגעגעשטעלט געוואָרן ווי אַ מוסטער פון אַ הערשער, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף די יידן נישט פאַרטרייבן, נאָר זיי צווינגען צו ענדערן זייערע דרכים — אַ בפירוש אָנצוהערעניש פאַר דער יידישער פאַרזאַמלונג . . .

§24. די יידישע נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג אין פּאַריז (1806)

לויט דעם דעקרעט פון 30טן מאַי 1806, האָבן די שליחים צו דער פאַרזאַמלונג אין פּאַריז געדאַרפט באַשטימט ווערן דורך די דעפּאַרטאַמענט־פּרעפעקטן „פון צווישן די רבנים, די גרונד־באַזיצער און אַנדערע יידן, וואָס צייכנען זיך אַממערסטן אויס דורך זייער ערלעכקייט און אויפקלע־

רונג". סיי די פּרעפעקטן, סיי די פאָרשטייער פון קהילות, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַראַטן, האָבן אין זין פון דעקרעט אַלץ געטאָן, אַז דער צו־זאַמענשטעל פון דער פאַרזאַמלונג זאָל זיין אַ פּלוטאָקראַטיש־אויפגע־קלערטער. אין דעפּאַרטאַמענט פון סעין (אַרום פּאַריז) האָט דער באַנקיר אַלרי חיים וואָרמס פאַרגעלייגט דעם פּרעפעקט אַ רשימה, אַז דער אַדוואָ־קאַט מיכל בער האָט זי באַצייכנט ווי „פול מיט פאַראורטיילן קעגן יעדן מין השפעה ביי יידן, אַחוץ דער השפעה פון געלט". דער פּרעפעקט פון דע־פּאַרטאַמענט וואָגעזן האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט באַשטימט בלויז דריי דעלעגאַטן אַנשטאָט זיבן, ווייל אַלע 50 פאַמיליעס פון יידן אין שטאָט זיינען זייער אָרעם . . . אין דער טאַבעלע, וואָס איז צוגעלייגט געוואָרן צום דעקרעט, איז פאָראויס באַשטימט געוואָרן, אַז די דרום־דעפּאַרטאַ־מענטן, וואו עס האָבן געוואוינט די רייכסטע און אויפגעקלערטסטע יידן פון לאַנד, זאָלן קאָנען שיקן אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל באַפעלקערונג צוויי מאָל אַזוי פיל דעלעגאַטן, ווי די דעפּאַרטאַמענטן אין צפון. געווען אויך דעפּאַרטאַמענטן, וואו די פּרעפעקטן האָבן בכלל קיין דעלעגאַטן נישט באַשטימט, הגם דער דעקרעט האָט פאָראויסגעזען, אַז אַ מינימום פון 100 יידן אין אַ דעפּאַרטאַמענט איז באַרעכטיקט צו אַ דעלעגאַט. די צאָל דע־פּוטאַטן פון פראַנקרייך, אַריינגערעכנט די דייטשע געביטן ביים ריין, האָט באַטראָפן לכתחילה 95; סוף יולי איז אויך די קהילות פון מלכות אי־טאַליע (צפון־איטאַליע) באַפוילן געוואָרן צו שיקן דעפּוטאַטן און אין סך־הכל האָט די פאַרזאַמלונג אין אָנהייב אויגוסט שוין געציילט 111 מיט־גלידער. אַחוץ 15 רבנים האָבן כמעט אַלע איבעריקע אָנגעגעבן זייערע פּראָפעסיעס אַלס סוחרים, באַנקירן, ליווראַנטן, פאַבריקאַנטן און גרונט־באַזיצער. צווישן די סוחרים, באַזונדערס פון די מזרח־געביטן, וואו די צאָל דעלעגאַטן איז געווען לפי־ערך די גרעסטע, האָבן זיך געפונען אַחוץ גרויסע גבירים, אויך מענטשן פון מיטלשטאַנד. ווי ווייניק ענטוזיאַזם דער יידישער „פּאַרלאַמענט" האָט אַרויסגערופן ביי דער יידישער באַפעלקע־רונג, קאָן מען זען פון פאַקט, אַז נישט געקוקט אויף דער אינטערווענץ פון מיניסטעריום און פון די פּרעפעקטן, האָבן די קהילות, בפרט אין עלזאַס, נישט איינגעצאָלט די סומעס, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן אויף אויס־צוהאַלטן די דעפּוטאַטן; אין קאָלמאַר, האָט דער פּרעפעקט אויף אַ פאַר־זאַמלונג פון 16 קהילות אַרויסגעוואָרפן פון זאָל די פאָרשטייער, וואָס האָבן זיך אָפּן באַקלאָגט, אַז זייערע קהילה־מיטגלידער זיינען נישט אימ־שטאַנד צו צאָלן הוצאות פאַר דעלעגאַטן, אויב דאָס מאַראַטאָריום האָט אָפּגעשטעלט דאָס צאָלן די חובות, וואָס קומט זיי אָפּצונעמען . . .

אַ סך דעפּוטאַטן זיינען דערפאַר געווען אָנגעוויזן אויפן חסד פון הלוואות ביים באַנקיר וואָרמס, וואָס איז אָפיציעל באַשטימט געוואָרן ווי

דער קאַסירער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג. דער פּרעזידענט פֿון דער פֿאַרזאַמ־לונג, פּורטאַדאַ, האָט זיך אפילו גענומען דאָס רעכט צו באַשטימען מער ווי דאָס פֿעסטגעשטעלטע מינימום פֿון דיעטעס פֿאַר די דעפּוטאַטן, וואָס זייער „פּערזענלעכע לאַגע" איז געווען אַ שווערע, אָדער וואָס האָבן אַרויס־געוויזן „התמדה אין אויספֿירן זייער שליחות". אַ טייל דעלעגאַטן האָבן דאָך נישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט אויסהאַלטן אין פּאַריז, צי צוליב זייערע געשעפֿטן צי צוליב די גרויסע הוצאות, גאַנצע 9 חדשים, וואָס די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך פֿאַרצויגן, און זיי זיינען אַהיים געפֿאָרן אויף אַ צייט אָדער אינגאַנצן מער נישט צוריקגעקומען. אַזוי איז די פֿאַרזאַמלונג קיין־מאָל נישט געווען קאָמפּלעט אין אָפֿיציעלן באַשטאַנד פֿון 111 מיטגלי־דער. אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז אָנגעקומען נאָך לייכטער דער פּלו־טאָקראַטיש־עקסטרעם־אַסימילאַטאָרישער גרופּע פֿון פּורטאַדאַ אַרויפֿצו־לייגן איר שטעמפּל אויף די באַראַטונגען און באַשלוסן פֿון דער פֿאַרזאַמ־לונג פֿון יידישע נאָטאַבלען.

די וויכטיקסטע טאָן־געבער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, אַחוץ עטלעכע רבנים, זיינען געווען אברהם פּורטאַדאַ, אָלרי חיים וואָרמס, בער יצחק בער און זיין זון מיכאל בער, די דריי זין פֿון סערף־בער, יצחק ראָדריגעז דער יינגערער און יעקב לאַזאַר, אַלץ באַנקירן און רייכסטע סוחרים. צווישן אברהם פּורטאַדאַ און בער יצחק בער איז פֿאַרגעקומען אי אַ ריוואַליזאַ־ציע וועגן כיבודים, אי זיי האָבן געהאַט געוויסע חלוקי־דעות. בער יצחק בער איז געווען דער משכיל, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ באַשטימטן קאָנ־סערוואַטיזם אין ענינים פֿון יידישער רעליגיע, בעת פּורטאַדאַ, אַ פֿאַר־ברענטער וואָלטעריאַנער, האָט אַלע רעליגיעס אינאיינעם געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַראורטייל און אַבערגלויבן. אפילו דער קאָמיסאַר פּאַקיע האָט גע־וואוסט דעם סוד, וואָס די קאָנסערוואַטיווע רבנים האָבן געהאַלטן פֿון פּורטאַדאָס יידישקייט: עס איז ביי זיי אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, אַז „פּור־טאַדאַ קען די ביבל נאָר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל ער האָט וועגן איר געלייענט ביי וואָלטערן". זיין גאוה־און ביטול־באַציאונג צו די אשכנזישע יידן האָט זיך נישט געמינערט אויף אַ האָר זינט די צייטן פֿון זיין שתדלנות פֿאַר דער רעוואָלוציע און ער האָט נאָך אויף דער פֿאַרזאַמלונג געפּרוווט אַריינצוברענגען אין אַ רעזאָלוציע אַ גאַנצן פּאַטוס וועגן די מעלות פֿון די ספֿרדים לגבי די אשכנזים.

צווישן די רבנים האָט זיך אַרויסגערוקט אויפֿן ערשטן פּלאַץ דער שוואָגער פֿון סערף בער, דוד זינצהיים פֿון שטראַסבורג, אַן אָנערקענטער בקי אין תלמוד, וואָס האָט אַדאַנק זיין פּשרה־שטעלונג געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער קאָמיסיע ביים פֿאָרמולירן די ענטפֿערס און רעזאָלוציעס. די אויפֿגעקלערטע רבנים מיט אַ באַוואוסטזיניקער נייגונג צו אַסימילאַציע

האָבן רעפּרעזענטירט באַזונדערס די איטאַליעניִשע רבנים, אברהם וויטא די קאָלאָניאַ, רב פון מאַנטואַ, און יהושוע סעגרע פון ווערצעלי, פון די קאָנסערוואַטיווע רבנים זיינען כמעט אַלע געווען דעלעגאַטן פון די דייטשע געביטן און פון אַוויניאָן; פון איטאַליע איז דער רב און מעדיצינער גראַציאַזיאָ (חננאל) נעפּי, אַ מקובל, געווען אַ קעגנער פון וועלכע עס איז רעפאָרמען פון דער יידישער רעליגיע, און דער יונגער יעקב ישראל קארמי פון רעדזשיאָ איז אויך געשטאַנען אויף דעם טראַדיציאָנעלן רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. די אָפּאָזיציע מצד דער קאָנסערוואַטיווער רבנים־גרופּע האָט די גאַנצע צייט ענערגיש אָנגעפירט דער רב פון קאָבלענץ, עמנואל דייטש. עס האָבן זיך אויך געפונען רבנים, ווי מרדכי קרעמיע פון איי (ביי מאַרסעל), וואָס האָבן פאַראויסגעזען דעם כאַראַקטער פון דער נאָ־טאַבלען־פאַרזאַמלונג און צוליב פּרינציפּיעל־רעליגיעזע טעמים זיך בפירוש אָפּגעזאָגט צו זיין דעלעגאַטן.

די פאַרזאַמלונג האָט באַלד אויף איר אומאָפיציעלער באַראַטונג פאַר דער דערעפענונג באַוויזן נאַפּאָלעאָנען, אַז זי האָט נישט חלילה בדעה צו שטעלן זיך אַנטקעגן אפילו אין פראַגן, וואָס רירן אָן די יידישע רעליגיע. די דערעפענונג איז זיכער נישט אָן אַ כיוון באַשטימט געוואָרן אויף דעם 26טן יולי, וואָס איז אויסגעפאַלן אום שבת. הגם דער מיניסטער האָט גע־לאָזט וויסן, אַז די דעפּוטאַטן האָבן די ברירה די דערעפענונג אָפּצולייגן אויף אַן אַנדער טאָג, איז אויף דער באַראַטונג באַשלאָסן געוואָרן קעגן דער אָפּאָזיציע פון רבנים און, ווייזט אויס, אויך קעגן אַ גרופּע אָנגעפירט דורך בער יצחק בער, די דערעפנונג יאָ אַדורכצופירן אום שבת. אין אַ זאַל ביים שטאָט־ראַט, וואו פאַרן אַריינגאַנג האָט אַ מיליטערישע וואַך פרעזענטירט דאָס געווער און געקלאַפּט אין אַ פּויק, אָפּצוגעבן כבוד די פאַרבייגייענדיקע באַטאַבלען, האָבן זיך פאַרזאַמלט די יידישע דעפּוטאַטן. אַלס פאַרזיצער איז מיט צוויי־דריטל שטימען קעגן דער קאַנדידאַטור פון בער יצחק בער אויסגעקליבן געוואָרן פורטאַדאָ. ווען ער האָט אין זיין דערעפענונגס־רעדע דערמאָנט די גרויסקייט פון העלד נאַפּאָלעאָן, זיינען אין זאַל אויסגעבראָכן שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, און אויסרופן: „לעבן זאָל דער קיסר! לעבן זאָל די קיסרלעכע פאַמיליע“. דאָס איז פון דע־מאָלט אָן געוואָרן אַ נוסח אויף די זיצונגען. ערשט אויף דער צווייטער זיצונג, דעם 29טן יולי, זיינען אַריינגעקומען אין זאַל די דריי קאָמיסאַרן, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט באַשטימט אַלס רעפּרעזענטאַנטן פון דער רעגירונג: גראַף מאָלע, פּאָרטאַליס דער יינגערער, און פאַקיע. מאָלע האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן דעם ציל צוליב וועלכן דער קיסר האָט גערופן די פאַר־זאַמלונג: מיטצוהעלפן דער רעגירונג און אויפצוקלערן זי כדי צו היילן דאָס בייז, — געמיינט, פאַרשטייט זיך, די באַשעפטיקונג מיט וואוכער,

וואָס דער קיסר האָט שוין אָפּגעשטעלט, עס זאָל זיך ניט פאַרשפּרייטן. אין מאָלעס רעדע האָבן זיך אויך איבערגעחזרט דראַאונגען פון דעם מין וועגן אַוועקנעמען ביי יידן בירגער־רעכט: „זיין מאַיעסטעט וויל, אַז איר זאָלט זיין פראַנצויזן און עס ווענדט זיך אָן אייך אָנצונעמען אַזאַ טיטול אָדער האַלטן, אַז איר זאָגט זיך אָפּ דערפון דורכדעם, וואָס איר וועט זיך נישט אַרויסווייזן פאַר ראוי“. ער האָט אויך געדראָט, אַז די דעפּוטאַטן וועלן האַנדלען קעגן די אינטערעסן פון יידן, אויב זיי וועלן נישט ענטפערן אויפריכטיק אויף אַלע פראַגן. נאָך אַזאַ הקדמה האָט מאָלע איבערגעלייענט 12 פראַגן, איינגעטיילט אין גרופּעס צו דריי: וועגן יידישע דינים פון חתונה; וועגן דער באַציאונג פון יידן צו די פראַנצויזן, צום לאַנד און צו די מלוכה־געזעצן; וועגן דער קאָמפּעטענץ פון רבנים און פון דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג; וועגן וואוכער לויט דעם יידישן דין. די דעפּוטאַטן, וואָס האָבן זיך אויפגעשטעלט ביים אַריינקומען פון די קאָמיסאַרן מיט אויסגעשרייען לכבוד דעם קיסר און געבליבן שטיין ביז צום סוף לייענען די פראַגן, האָבן ביי דער זעקסטער פראַגע: צי באַטראַכטן יידן, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין פראַנקרייך און ווערן באַהאַנדלט ווי פראַנצויזישע בירגער, פראַנקרייך פאַר זייער פאָטערלאַנד? צי פילן זיי אַ חוב עס צו פאַרטיידיקן?“ געמאַכט אויסרופן: „יאָ! ביז יציאת נשמה!“

דער מיאוסער פאַרס פון חניפה און שפלות מצד דער פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך מאָלעס רעדע. עס האָט נישט געאַרט די יידישע רעפּרעזענטאַנטן מיטן חסד פון מלכות, וואָס די פּערזאָנען אַליין פון די קאָמיסאַרן, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט באַשטימט — מאָלע און פּאַקיע זיינען געווען באַקאַנט ווי קלעריקאַלן און שונאי־ישראל — זיינען געווען אַ פּאַטש אין פּנים דער פאַרזאַמלונג; זיי האָבן נישט נאָר אַראָפּגעשלונגען, נאָר גוט זיך געצנומען אין זין אַריין די דראָאונגען אין מאָלע׳ס רעדע; זיי האָבן זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, וואָס די פראַגן גופא זיינען געווען אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט בלויז אַ ציל צו דערנידעריקן די פאַרזאַמלונג און יידן בכלל, וואָרום די רעגירונג האָט פאָראויס גוט געוואוסט דעם ענטפער (פּאָליגאַמיע, קאָמפּעטענץ פון רבנים, פליכטן לגבי דעם לאַנד), אָדער זיי זיינען בכיוון פאָרמולירט געוואָרן ווי אַן אַלטערנאַטיוו, כדי צו שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט ביים ענטפער. דער ראש פון די פאַרזאַמלונג און ראש פון די חונפים, פורטאַדאָ, האָט אין זיין ענטפער פאַרזיכערט די קאָמיסאַרן, אַז די פאַרזאַמלטע שאַצן אָפּ דעם חסד פון נאַפּאָלעאָן, נאָך מער דערפאַר, וואָס ער האָט דווקא זיי, די קאָמיסאַרן, אויסגעקליבן פאַר זיינע פאַרטרעטער; ער האָט געלויבט דעם „באַשיצנדיקן גאון“ אין הימל אַריין דערפאַר, וואָס ער האָט דאָס לאַנד געראַטעוועט פון „בלוטיקער אַנאַרכיע“ און פאַרטיי־קאַמף — אַן אָנצוהערעניש אויף דער דער־

שטיקונג פון דער רעוואָלוציע — און קודם־כל געדאַנקט באַפּאָלעאָנען פאַר דער געלעגנהייט, וואָס ער האָט יידן געגעבן „אַפּצורוימען אַ סך פּעלערן און מאַכן אַ סוף צו אַ סך פאַראורטיילן", ווי אויך „פולשטענדיק צו רע־פאָרמירן געוואוינהייטן, וואָס זיינען אויפגעקומען דורך אַ לאַנג־דויערנ־דיקן צושטאַנד פון אונטערדריקונג".

פורטאַדאַ האָט אָבער אויסגעדריקט די מדרגה פון געפּאַלנקייט אויך פון אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַרזאַמלונג. דריי דעפּוטאַטן, בער יצחק בער און צוויי זין פון סערף בער, ברוך און ליפּמאַן, האָבן זיך גאָר מתקנא געווען אין פורטאַדאַ און אָפּגעדרוקט אַלס בראָשורן די רעדעס, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו האַלטן נאָכן אויסהערן די קאָמיסאַרן. זיי ליציטירן נאָך איבער פורטאַדאַ אין גרע־נעצלאָזער חניפה פאַר נאַפּאָלעאָן, וואָס איז פאַר יידן ווי „אַ טאַטע צו קינדער", „דער איינציקער בשר ודם לויט גאָטס אייגענעם רצון" (פּראָזע פון בער יצחק בער) און זאָגן צו פּייערלעך אויסצובעסערן אַלע נאָך אי־בערגעבליבענע „חסרונות" ביי יידן . . . בלויז בער יצחק בער האָט אויך דאָס מאָל אויסגענוצט די געלעגנהייט צו אַפּעלירן צו יידן, זיי זאָלן בלייבן געטריי דער אמונה פון די אבות. איינער פון די גרעסטע ליגנס און פאַלש־קייטן פון די יידישע נאָטאַבלען איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך געמאַכט פאַרגעסן, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג האָט יידן נאָך מיט אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר צוריק געגעבן די פראַנצויזישע רעוואָלו־ציע, און וואָס זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר דעם בלוטיקן חוזק פון אַרויסשטעלן ווי דעם באַפרייער פון פראַנצויזישע יידן נאַפּאָלעאָנען, וואָס האָט דער ערשטער געהאַט די העזה די שוין איינגעפונדעוועטע גלייכ־באַרעכטיקונג אַדורכצוברעכן און געדראָט זי אינגאַנצן בטל צו מאַכן.

די אויפגאַבע פון אויסאַרבעטן די ענטפערס אויף די 12 פראַגן האָט די פאַרזאַמלונג איבערגעגעבן אַ קאָמיסיע פון 12, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעגאַנגען 9 חשובע גבירים, כלל־טוערס און 3 רבנים, צווישן זיי דוד זינצהיים. דעם 4טן אויגוסט האָט די קאָמיסיע געבראַכט פאַר דער פאַרזאַמלונג די ענטפערס אויף די ערשטע 3 פראַגן. אויף דער ערשטער פראַגע, צי יידן איז דערלויבט חתונה צו האָבן מער ווי מיט איין פרוי, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן דער ענטפער, וואו עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אי אויף דעם חרם דרבנו גרשום, אי אויף דער השפעה פון איירא־פּיאישע מנהגים ביי יידן. איינשטימיק איז אויך אָנגענומען געוואָרן דער ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע, צי אַ גט איז לויטן דין גילטיק, אויב ער איז נישט אַדורכגעפירט געוואָרן געזעצלעך אין געריכט. עס איז אָנ־געוויזן געוואָרן אויפן שולחן ערוך, אַז אַ גט איז נישט גילטיק, אויב עס זיינען פאַראַן דערביי וועלכע נישט איז מניעות, און היות „דער דין פון

מלכות איז אַ דין" (לויטן תלמוד), איז דער גט נישט חל, כל־זמן ער איז נישט אַדורכגעפירט לויטן מלוכה־געזעץ, ד. ה. דורכן געריכט. אַרום דער דריטער פראַגע, צי לויטן יידישן דין זיינען דערלויבט געמישטע חתונות צווישן יידן און קריסטן, האָט זיך אויפגעהויבן אויף דער פּלענאַרער זי־צונג אַ הייסע דיסקוסיע. בעת די מערהייט, צווישן זיי די אויפגעקלערטע רבנים פון דרום־פראַנקרייך און סעגרע פון איטאַליע, האָט אָן באַוואָרע־נישן אָנגענומען דעם ענטפער פון דער קאָמיסיע, האָבן די דייטשע רבנים צוזאַמען מיט די איבעריקע איטאַליענישע רבנים געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ רעליגיעזע געוויסן־פראַגע וואָס טאָר נישט דעצידירט ווערן דורך אַ מערהייט, און פאַרגעלייגט אַן אייגענעם ענטפער. נאָך אַ הפסקה איז אָנ־גענומען געוואָרן אַן ענטפער, וואָס איז געווען אַ קאָמפּראָמיס צווישן דעם נוסח פון דער קאָמיסיע און פון די רבנים: לויטן דין איז פאַרבאָטן יידן זיך משדך צו זיין מיט געצנדינער, די מאָדערנע אייראָפּייאישע פעלקער זיינען אָבער נישט קיין געצנדינער. דאָך זיינען די רבנים קעגן געמישטע חתונות, ווייל אין דעם פאַל טאָר מען נישט געבן קיין קידושין, פונקט ווי די קאַטוילישע גלחים וועלן נישט געבן קיין ברכה אין אַזעלכע פאַלן. פונדעסטוועגן האַלטן אויך די רבנים, אַז אַ ייד וואָס האָט חתונה מיט אַ קריסטין הערט נישט אויף צו זיין אַ ייד, פונקט ווי אַ ייד וואָס האָט חתונה מיט אַ יידישער פרוי בלויז ציוויל, אָן חופּה וקידושין.

אויף דער זעלבער זיצונג איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ דעקלאַראַ־ציע ווי אַ מין פּרינציפּיעלע הקדמה צו די ענטפערס אויף אַלע פראַגן, „אין נאָמען פון די פראַנצויזן וואָס באַקענען זיך צו דער רעליגיע פון משה": עס ווערט אויסגעדריקט די דאַנקבאַרקייט, ליבע, יראת־הכבוד און באַוואונדערונג פאַר דער געהייליקטער פּערזאָן פון זיין קייסערלעכער מאַי־עסטעט; „כדי צו זיין ראוי די טובות, וואָס זיין מאַיעסטעט גרייט צו פאַר זיי, זיינען זיי אַנטשלאָסן זיך אונטערצוואַרפן זיין פאָטערלעכן ווילן"; „זייער רעליגיע הייסט אנערקענען אין אַלע ציווילע און פּאָליטישע פראַגן דאָס געזעץ פון מלך ווי דאָס יידישע געזעץ"; ממילא הערן אויף מחייב צו זיין די רעליגיעזע דינים אָדער פּירושים אויף דינים, וואָס זיינען נישט אין הסכם מיט דעם פראַנצויזישן קאָדעקס בנוגע ציווילע און פּאָליטישע ענינים . . .

נאָך דער דאָזיקער דעקלאַראַציע, וואָס האָט אויפגעשטעלט דעם באַ־גריף פון „פראַנצויזן פון משהס רעליגיע" און רעדוצירט יידישקייט צו ריין־רעליגיעזע פראַגן, איז שוין געווען אויסגעטראָטן דער וועג פאַר פּריב־ציפּיעל אַסימילאַטאָרישע ענטפערס אויף די ווייטערדיקע פראַגן, וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן אויף צוויי זיצונגען. אויף די דריי פראַגן וועגן דער באַציאונג פון יידן צו פראַנצויזן אין פראַנקרייך האָבן די ענטפערס,

אַחוץ דער פאַרזיכערונג וועגן מענטשן־ליבע, וואָס איז אַ געבאָט פון תורה און תלמוד, אויך אַנטהאַלטן אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע דעקלאַראַציעס: „יאָ, פראַנקרייך איז אונדזער פאָטערלאַנד״ . . . „אין היינטיקע צייטן, ווען יידן שטעלן שוין נישט צוזאַמען קיין נאַציע, און האָבן דעם פאַרצוג צו זיין אינקאָרפּאָרירט אין דער גרויסער נאַציע, וואָס זיי באַטראַכטן עס פאַר אַ פּאָליטישער אויסלייזונג, איז נישט מעגלעך, אַז אַ ייד זאָל באַהאַנדלען אַ פראַנצויז, וואָס איז נישט פון זיין רעליגיע, אַנדערש ווי ער באַהאַנדלט איינעם פון זיין רעליגיע״... „ירמיה האָט צוגערעדט יידן זיי זאָלן באַטראַכטן בבל ווי זייער פאָטערלאַנד, הגם זיי האָבן דאָרט נישט געזאָלט בלייבן מער ווי זיבעציק יאָר״... „זיי האָבן אַזוי ווייט געפאָלגט זיין עצה, אַז ווען כורש האָט זיי דערלויבט אומצוקערן זיך קיין ירושלים און צוריק אויפבויען דאָס בית־המקדש, האָבן בלויז 42 טויזנט לויטער פּראָלעטאַריער פאַרלאָזט דאָס לאַנד און אַלע רייכע זיינען געבליבן אין בבל״*... „די ליבע צום פאָטערלאַנד איז ביי יידן אַ געפיל, וואָס איז אַזוי נאַטירלעך, אַזוי לעבעדיק און אַזוי ווייט אין הסכם מיט זייער רעליגיעזן גלויבן, אַז אַ פראַנצויזישער ייד אין ענגלאַנד באַטראַכט זיך, אפילו אין דער סביבה פון אַנדערע יידן ווי אַ פרעמדער, און דאָס זעלבע אַן ענגלישער ייד אין פראַנקרייך. דאָס דאָזיקע געפיל דערגייט אַזוי ווייט, אַז אין דער לעצטער מלחמה האָט מען געזען ווי פראַנצויזישע יידן שלאָגן זיך אויף מעסערס קעגן יידן פון די לענדער, מיט וועלכע פראַנקרייך האָט געפירט מלחמה״...

אַזוי האָבן די זעלבסט־געקרוינטע, און דורך נאַפּאָלעאָנס פּרעפעקטן אַדורכגעזיפּטע רעפּרעזענטאַנטן פון די יידן אין פראַנקרייך זיך דערקייקלט ביז צום אָפענעם און מיאוסן פאַרראַט לגבי דעם יידישן פאָלק, זיין אייניקייט און זיינע היסטאָרישע שטרעבונגען און אידעאַלן. עס איז פאַר זיי ווייניק געווען צו געבן אַ ווירדיקן, פּאָזיטיוון ענטפער, וועגן געפיל פון ברודערשאַפט לגבי דעם פראַנצויזישן פאָלק און וועגן גרייטקייט צו טראָגן

"que ce nombre n'était composé que de prolétaires, et que tous des riches resterent à Babylon."

* דאָס פאַררופן זיך אויף ירמיהו, וואָס איז זינט דער פאַריזער פאַרזאַמלונג געוואָרן אַ נוסח פון דער אַסימילאַציע, איז, פאַרשטייט זיך, אַ פעלשונג. אין קאַפּיטל כ״ט רופט ירמיהו די יידן וואָס זיינען געגאַנגען אין גלות בבל מיטן מלך יכניה, זיי זאָלן בויען הייזער, פלאַנצן גערטנער, חתונה האָבן, האָבן קינדער און „זוכן דעם פרידן פון דער שטאָט, וואָס איך האָב אייך פאַרטריבן אַהין״ — אַלץ מיט דער האָפענונג, אַז ווען עס וועלן פול ווערן זיבעציק יאָר פון גלות, וועלן זיי זיך אומקערן קיין ירושלים (זע פסוק י׳). דער באַווייז פון ירמיהו קאָן בכן בלויז זיין אַ פאַרקערטער: אפילו דאָ, וואו ירמיהו מאָנט לאָיאַליזם צו בבל, שטאַרקט ער די האָפענונג אויף שיבת ציון, אויף אומקערן זיך אין פאָטערלאַנד.

אַלע פליכטן צוזאַמען מיט די איבעריקע בירגער פון לאַנד. אין זייער עקסטרעמען ציניזם און שפלות האָבן זיי זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר דערקלערן יידן פון אַנדערע לענדער אַלס פרעמדע און אפילו נישט פאַר אויסדריקן התפעלות איבער דעם, וואָס איז איינע פון די בלוטיקסטע טראַגעדיעס פון יידישן פאָלק זינט דער קאַפּיטאַליזם האָט אַריינגענומען יידן אין דער אַלגעמיינער פליכט פון מיליטער־דינסט: ברידער־קאַמף פון יידן קעגן יידן, אין מלחמות, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן יעדע פאָר צענדליק יאָר צווישן זיך אַרויסגערופן אין די אויסשליסלעכע אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאַס. אפילו די קאָנסערוואַטיווע רבנים און אַנדערע מיטגלידער פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַרויסגעוויזן עקשנות ביי דער פראַגע וועגן געמישטע חתונות און געצוואונגען די איבעריקע צו מאָדיפיצירן דעם נוסח פון ענטפער פון דער קאָמיסיע, האָבן פאַר די דאָזיקע ענטפערס געשטימט אָן באַוואָרענישן און אַלע דריי ענטפערס זיינען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק.* בלויז אין

* דווקא בנוגע דעם ענטפער אויף דער פערטער פראַגע, וואו דאָס אָפּזאָגן זיך פון פאָלקס־כאַראַקטער פון יידן איז נישט אַזוי בולעט און דראַסטיש, ווי אין די ענטפערס אויף דער פינפטער און זעקסטער פראַגע, ווערט פאַרנאָטירט אין פראָטאָקאָל, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע. אַחוץ דעם אָבער, וואָס עס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דער צווייטער טייל פון דער קאָמיסיע־רעזאָלוציע, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן די מעלות פון ספרדים לגבי אשכנזישע יידן, ווערן קיין שום אַנדערע מאָטיוון פון קעגנערשאַפט צו דער רעזאָלוציע נישט דערמאָנט, און דער ערשטער טייל איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. אין פראָטאָקאָל ווערט אויך דערמאָנט, אַז די רבנים פון טורין און דער דערמאָנטער רב פון איי, מרדכי קרעמיע, האָבן אַריינגעשיקט צו דער פאַרזאַמלונג ענטפערס אויף דער פערטער, פינפטער און זעקסטער פראַגע, „וואָס האָבן זיך בלויז ווייניק אונטערשיידט פון די ענטפערס, וואָס די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען". עס איז אָבער שווער צו גלייבן, אַז די דאָזיקע רבנים איז אין פאָראויס באַקאַנט געווען דער ענטפער פון דער קאָמיסיע מיט אַלע אָפּשטויסנדיקע שטעלן. אַ סברה פונקט פאַרקערט, אַז אין די תשובות פון די צוויי רבנים איז נישט געווען קיין שום אָנדייט אויף אַזעלכע אַסימילאַטאָרישע דעקלאַראַציעס, וואָס עס האָט געמאַכט די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג. ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די שריפטלעכע תשובות, וואָס עס האָט צוגעשיקט צו דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג דער רב פון מאָדענא ר' ישמעאל ב"ר אברהם יצחק הכהן, פאַרענטפערנדיק זיך, אַז צוליב זיין הויכן עלטער קען ער נישט קומען צו פאָרן קיין פאַריז. און אָט איז זיין ענטפער אויף דער זעקסטער פראַגע, לויט ווי זי איז אויפגעהיטן געוואָרן אין כתב־יד:

„בנוגע דעם ערשטן טייל פון דער פראַגע, צי יידן באַטראַכטן די מדינה פראַנקרייך פאַר זייער געבורטשטאָט און צי זיי זיינען מחוייב צו פאַרטיידיקן די מדינה אַזוי ווי אַנדערע בני מדינה, איז מיין ענטפער, אַז מיר באַטראַכטן די שטאָט פראַנקרייך פאַר אונדזער געבורטשטאָט און אַז דער שכל גיט מיט, אַז מיר זיינען מחוייב זיך

טענה וואָלט נישט געווען אײַנגאַנצן באַרעכטיקט לגבי די ייִדישע נאָטאַבלען, דהײַנו, אַז זיי האָבן לחלוטין פֿאַרהוילן די קלאַסן־מאָטיוון פֿון זייער אַסימילאַטאָרישער חניפֿה; פֿאַרקערט, מען מעג זיי איבערלאָזן דעם זכות, אַז אין דער אָפֿנהאַרציקייט פֿון זייער בורזשואַזן זעלבסט־באַוואוסטזיין גרויסן זיי זיך דערמיט, וואָס דווקא די רײַכע האָבן אַפֿילו בעת שיבת־ציון נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן בבל און אַז נאָר די „פּראָלעטאַריער"** האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אומצוקערן אַהיים און אויפֿצובויען צוריק דאָס ייִדישע לאַנד . . .

אויף דער זיבעטער, אַכטער און נײַנטער פֿראַגע איז געווען דער ענטפֿער, אַז די רבנים האָבן נישט קיין קאָמפּעטענץ אַחוץ דער רעליגיעזער און אַז זינט דער רעוואָלוציע איז אויך בטל געוואָרן דאָס בית־דין. אויף די דרײַ לעצטע פֿראַגן וועגן וואוכער האָט די פֿאַרזאַמלונג געגעבן אַן אויספֿירלעכן ענטפֿער מיט ציטאַטן פֿון דער תּורה, תּלמוד און פּוסקים: די תּורה רעדט גאָרנישט וועגן וואוכער, נאָר וועגן ציַנזן פֿון הלוואות; די תּורה האָט געוואָלט באַשיצן די גלײַכקייט פֿון באַזיץ פֿון אַ פּויערן־פֿאָלק, האָט זי פֿאַרבאָטן צו נעמען ציַנזן בײַ ייִדן און אַפֿילו פֿרעמדע באַוווינער פֿון לאַנד, און דערלויבט ציַנזן בלויז פֿון אויסלענדער. אין די צײַטן פֿון תּלמוד, ווען עס האָט זיך שוין געהאַט אַנטוויקלט האַנדל, איז דערלויבט געוואָרן צו נעמען פּראָצענטער אויך בײַ ייִדן ווי אַ מין שותּפֿות אין געשעפֿט, אָבער אויך דער תּלמוד האַלט פֿאַר אַ מעלה ווען מען נעמט נישט

באַטייליקן (צוזאַמען) מיט אַנדערע בני־עיר צו העלפֿן דער מדינה און זי צו פֿאַרטייִדיקן והראיה דערפֿון, וואָס עס שטייט געשריבן אין ירמיהו, קאַפּיטל כ"ט, בויט הײַזער א. אַז. וו. און נעמט זיך ווײַבער א. אַז. וו.... זעט מען דאָך, אַז אַפֿילו אין גלות בבל, וואָס איז געווען געננוי באַשטימט אויף זיבעציק יאָר, זײַנען זיי באַטראַכט געוואָרן פֿאַר בני מדינה אין וועלכער זיי האָבן געוווינט, מכּל שכּן אין דעם דאָזיקן גלות (בגלות החל הזה), וואָס עס איז נישט באַשטימט געוואָרן זײַן דויער, איז אַוודאַי דער שׂכל מחייב, אַז מיר זאָלן באַטראַכט ווערן ווי די איבעריקע בני מדינה, ווי דערמאָנט. און וועגן צווייטן טייל פֿון דער דערמאָנטער פֿראַגע, דהײַנו, צי מיר זײַנען מחויב מקיים צו זײַן די געזעצן פֿון מלכות און זייערע פּאָליטישע קאָדעקסן, אויך וועגן דעם האַלט איך, אַז דער שׂכל איז מחייב צו בייגן אונדזערע קעפּ מקיים צו זײַן די געזעצן פֿון מלכות, אַזוי ווי עס שטייט אין בבא בתרא און אין אַנדערע ערטער שמואל האָט געזאָגט דינא דמלכותא דינא... דהײַנו בנוגע פּאָליטישע געזעצן..."

** די דאָזיקע קלאַסיפֿיקאַציע איז נאָך כאַראַקטעריסטישער, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז זי איז היסטאָריש אומריכטיק: לויטן זעלבן באַריכט פֿון עזרא, אויף וועלכן די פֿאַרזאַמלונג פֿאַררופֿט זיך, קומט אויס, אַז אַחוץ העכער 42 טויזנט פֿרייע, זײַנען צוריקגעקומען 7,337 „זייערע שקלאַפֿן און שקלאַפֿינס". על כּל פּנים זײַנען דאָך די שקלאַפֿן־באַזיצער נישט געווען קיין „פּראָלעטאַריער"!

בכלל קיין פּרעצעדענטער פון הלוואות אפילו פון געצנדינער. בלויז דער רמב״ם האָט יאָ געטייטשט דעם פסוק „לנכרי תשיך״ אויף אַן אופן, וואָס קאָן מיינען, אַז ער האָט געהאַלטן פֿאַר אַ מצוה דאָס נעמען ציגזן ביי פרעמדע,* אָבער ער האָט עס פֿאַרשטאַנען בנוגע די כנענים, ווי אַ פֿאָלק פֿאַרשאָלטן פון גאָט; איבעריקנס פסקנען אַלע אַנדערע ראשונים, ווי דער רמב״ן, רשב״א, אַברבנאל פאַרקערט ווי דער רמב״ם און די איזאָלירטע מיינונג פון איין פוסק קאָן פּונקט אַזוי נישט פאָרגעוואָרפן ווערן דער יידישער רעליגיע, ווי מען קאָן נישט מאַכן פֿאַראַנטוואָרטלעך די וואַנגעליע פֿאַר ענלעכע דאָקטרינעס פון קאַטוילישע טעאָלאָגן. פּונקט אַזוי איז אַן אויסטראַכטעניש, אַז „העברייער האָבן אַ נאַטירלעכע נטיה צו וואוכער. מען קאָן נישט לייקענען, אַז עס געפינען זיך אַזעלכע, אָבער אין אַ סך אַ קלענערער צאָל, ווי מען מיינט, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דעם דאָזיקן שענדלעכן געשעפט, וואָס איז פֿאַרבאָטן דורך זייער רעליגיע... זי וואָלט נישט געווען (פּונקט אַזוי) אומגערעכט צו באַשולדיקן אַלע קריסטן, דערפֿאַר, וואָס עס געפינען זיך צווישן זיי אַזעלכע, וואָס דערלויבן זיך דאָס זעלבע?״ די ענטפֿערס פון דער פֿאַרזאַמלונג וועגן וואוכער וואָלטן געווען געמאַכט אַ סך מער איבערצייגנדיקן רושם, ווען זיי וואָלטן געווען זיך אָפּגעשטעלט אויף די היסטאָרישע און אַקטועלע אָביעקטיווע סיבות פון פֿאַרשפּרייטונג פון וואוכער ביי יידן אַנשטאָט זיך אַריינצולאָזן אין אַפּאָלאָגעטיק און קאַזואיסטיק. אָבער נאָכדעם, ווי די יידישע נאָטאַבלען האָבן געלייקנט שטיין און ביין, אַז יידן זיינען פֿאַרבונדן צווישן זיך ווי אַ פֿאָלק און געלייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו באַווייזן, אַז זיי זיינען נישט מער ווי אַ רעליגיעזע גרופּע, איז רעליגיעזע אַפּאָלאָגעטיק ממילא געבליבן דער איינציקער אופן פון פֿאַרטיידיקונג קעגן דער באַשולדיקונג פון גאַנצן יידישן כלל אין וואוכער.

דער געבורטס־טאָג פון נאַפּאָלעאָן, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם 15טן אויגוסט, איז געווען אַ געלעגנהייט פֿאַר דער נאָטאַבלען־פֿאַרזאַמלונג אַרויסצואווייזן איר חניפה און הכנעה פֿאַר דעם הערשער אין דער פולסטער מאָס. די מיטגלידער פון דער פֿאַרזאַמלונג האָבן אין אַ פּראָצעסיע מאַרשירט אין שול אַריין, וואו מען האָט געמאַכט הקפות מיט אַ ספר תורה, אַ כאָר האָט געזונגען לידער לכבוד נאַפּאָלעאָן אויף העברייאיש און פראַנצויזיש, און עס זיינען געהאַלטן געוואָרן דרשות אויף פראַנצויזיש, איטאַליעניש און

* רמב״ם, הלכות מלוה ולוה, פרק א׳, הלכה : ומצות עשה להשיך לעכו״ם, שנאמר לנכרי תשיך; מפי השמועה למדו שזו מצות עשה וזהו דין תורה; ווייטער אין הלכה ב׳ באַוואָרנט אָבער דער רמב״ם: אסרו חכמים שיהיה ישראל מלוה את העכו״ם ברבית קצוצה אלא בכדי חייו.

דייטש. דער רב סעגרע האָט נאַפּאָלעאָנען אָנגערופן „דער שלמה המלך פון אונדזער צייט" און דער רב דוד זינצהיים האָט אים פאַרגליכן מיט כורש . . .

הגם נאַפּאָלעאָן האָט הנאה געהאַט פון די אַלע באַווייזן פון היפּער־חניפה צו וועלכע ער איז געווען צוגעוואוינט, האָט ער זיינע באַאַמטע געהייסן צושטעלן גענויע ראַפּאָרטן מיט אַן אַנאַליז פון דעם רעאַלן ווערט פון די דורך דער פאַרזאַמלונג אָנגענומענע באַשלוסן. אין נאָמען פון די קאָמיסאַרן האָט דעם באַריכט צום איבער־מיניסטער אָפּגעגעבן פּאַקיער: ער האָט אויסגעדריקט אַ ספק צי די ציווילע און ריין־רעליגיעזע דינים פון תורת־משה לאָזן זיך טאַקע פאַנאַנדערשיידן; בנוגע געמישטע חתונות איז דעצידירנדיק די מיינונג פון די רבנים און נישט פון די איבעריקע, וואָס האָבן מורא צו פאַרלירן זייערע בירגער־רעכט; נישט געקוקט אויף דער אַפּאָלאָגעטיק פון דער פאַרזאַמלונג קומט אויס לויטן רבנישן דין, אַז אַ ייד מעג באַרגן געלט קריסטן אויף וואוכער און עס איז גאָר אַ מצווה; בכלל זיינען די דעה־זאָגער אין דער פאַרזאַמלונג נישט די רבנים און אויך נישט „די געמעסיקטע, וואָס פּרואוון צו מאַכן אַ פּשרה צווישן זייער רעליגיע און צווישן פאַרמאָגן בירגער־רעכט", נאָר אַ קליינע גרופּע מענטשן „די רייכסטע, די העפלעכסטע און די פלינקסטע, וואָס האַלטן זיך בלויזביים נאָמען און ביי די אויסערלעכקייטן פון זייער גלויבן צוליב אַן ערן־פּרינציפּ". אויך אין דער פּרעסע זיינען דערשינען באַריכטן און אַרטיקלען וועגן דער פאַרזאַמלונג, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ צוועק צו פאַרקלענערן איר באַדייטונג בכלל און צו וועקן אַן אומצוטרוי צו איר אויפריכטיקייט. מען האָט איבערגעגעבן, וואָס איז געווען בעצם אמת, הגם די פאַרזאַמלונג האָט עס אָפיציעל אָפּגעלייקנט — אַז אַלע 12 ענטפערס זיינען לכתחילה אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אַ פאַרשטענדיקונג צווישן אַ קאָמיסיע פון דער פאַרזאַמלונג מיט די קייסערלעכע קאָמיסאַרן. דער אמת איז געווען, אַז דאָס ביוראָ פון דער פאַרזאַמלונג איז געשטאַנען אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט די קאָמיסאַרן. די „גאַזעט דע פראַנס" האָט אויך געוואוסט צו דערציילן, מכלומרשט לויט אַ ידיעה פון מאַנהיים, אַז צווישן רבנים זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן חרטה אויף דעם זעקסטן ענטפער, וואו פראַנקרייך ווערט אָנערקענט ווי „דאָס פאָטערלאַנד" פון יידן, און די צייטונג האָט דערביי צוגעגעבן: „עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו זען, ווי אַזוי די דעפּוטאַציע וועט אַרויסקריכן פון דעם דאָזיקן פלאָנטער, נישט אָפּזאָגנדיק זיך דערביי פון גלויבן אין ביאת־המשיח און אין באַזיצן דאָס לאַנד יהודה". ווען דער „פּובליסיסט" האָט אויך איבערגעדרוקט דעם אַרטיקל, הגם מיט אַ באַוואָרעניש וועגן זיין פּינקטלעכקייט, האָט איינער פון די צוויי סעקרעטאַרן פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג, יצחק שמואל

אביגדור פון ניצע, פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג אַן אָפּענעם בריוו,
געחתמעט מיט ראשי־תיבות, וואו ער האָט אַזוי אָפּגעווענדט דעם אַרגו־
מענט וועגן ביאת־המשיח: * „...דער באַזיץ פון לאַנד יהודה ווערט צו־
געזאָגט די העברייער ווי אַ שכר פאַר זייער גוטער רעליגיעזער אויפירונג
און בלויז (אַזוי), ווי אין אַן ענלעכן פאַל דאָס מלכות שמים ווערט דורך
דער עוואַנגעליע צוגעזאָגט די קאַטאָליקן. אויב בכן די דאָזיקע (קאַטאָ־
ליקן) קענען ברענגען אין אַ הסכם די דאָזיקע דערוואַרטונג מיט זייערע
בירגער־פליכטן, פאַרוואָס זאָלן די אַנדערע (יידן) האָבן מער שוועריקייטן
איינצושטעלן אַ האַרמאָניע צווישן די דאָזיקע צוויי פליכטן?" ווי מיר
זעען, האָבן די וואָרטזאָגער פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג נאָך אַלץ נישט
געהאַלטן אַזוי ווייט ווי די שפּעטערדיקע רעפאָרם־באַוועגונג, אַז זיי זאָלן
זיך עפנטלעך אָפּזאָגן פון דער אמונה אין ביאת המשיח און אין שיבת־
ציון. זיי האָבן בלויז דעם דאָזיקן גלויבן רעדוצירט צו אַזאַ אומשעדלע־
כער אַבסטראַקטער רעליגיעזער דאָגמאַטיק, ווי די קאַטוילישע דאָגמע וועגן
מלכות־שמים אויף דער ערד . . .

אַ סך אויפריכטיקער האָט די פראַגע אַוועקגעשטעלט דער יידישער
אינפאָרמאַטאָר פון אינער־מיניסטער, היינטער וועמענס אַנאָנימקייט עס
אַנטפּלעקט זיך, לויט באַגרינדעטע סברות, די פּערזאָן פון זאַלקינד הורוויץ.
אויף דעם פאַרלאַנג פון אינער־מיניסטער האָט ער געגעבן אַן אָפּשאַצונג
פון די ענטפערס פון דער פאַרזאַמלונג: ער האָט באַשטעטיקט די אמת־
דיקייט פון אַלע ענטפערס אַחוץ וועגן דער קאָמפּעטענץ פון די רבנים,
אויסנוצנדיק די געלעגנהייט כדי צו אַטאַקירן די רבנים פאַר דער „איג־
קוויזיציע" וואָס זיי האָבן איינגעפירט אין יידישן לעבן און פאַר זייער
רודפן די ווידערשפעניקע מיט אַלע מיטלען, ביז מסירה פאַר דער מאַכט
און חרם. וואָס שייך דעם ענטפער אויף דער זעקסטער פראַגע, וועגן דער
באַציאונג פון יידן צו פראַנקרייך, דערקלערט דער „אוטשאָני יעוורעי"
דעם מיניסטער, אַז „באַטראַכטנדיק בכלל דאָס הייליקע לאַנד ווי זייער

---

* אויך דער מחבר פון דער הקדמה צו דער ענגלישער אויסגאַבע פון די פּראָ־
טאָקאָלן פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג, פ. ד. קירוואַן, האָט אינטערפּרעטירט דעם
ענטפער אויף דער זעקסטער פראַגע „וואו די פראַנצויזישע יידן אַנערקענען פראַנקרייך
ווי זייער לאַנד אָן שום באַוואָרענישן", ווי „אַ גאָר מיאוס אָפּזאָגן זיך פון די עיקרים
פון תורת משה; וואָרום דורכדעם גיבן זיי אויף די האָפענונג אויף דעם דערוואַר־
טעטן משיח און אויף דעם אייביקן באַזיץ פון צוגעזאָגטן לאַנד כנען, וואָס זיי באַ־
טראַכטן פאַר אַ טייל פון הייליקן בונד צווישן גאָט און זיין אויסדערוויילט פאָלק".
די אידענטישקייט פון דער טענה מיט דעם פאָרוואורף פון דער פראַנצויזישער פרעסע
איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז דער מחבר פאַרבאַהאַלט
נישט זיין קעגנערשאַפט צו נאַפּאָלעאָנען און זיינע פראָ־ענגלישע פּאָליטישע כוונות.

אמתדיק פאַטערלאַנד, פלעגן יידן האַלטן פאַר אַ חוב צו פאַרטיידיקן מיט געוועהר אין האַנט די לענדער, וואו זיי האָבן געוואוינט אונטער באַשיצנדיקע געזעצן" . . . די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס האָבן מן הסתם אויך מיטגעווירקט, וואָס די באַריכטן וועגן דער נאַטאַבלען־פאַרזאַמלונג, וואָס דער מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים, שאַמפּאַני, האָט צוגעשטעלט נאַפּאָלעאָנען, זיינען נישט געקוקט אויף דער מיינונג פון די קאָמיסאַרן, בדרך־כלל אויסגעפאַלן גינסטיק. אויך וועגן ענין וואוכער האָט ער דערקלערט, אַז הגם דער דין פון דער תורה איז אין דעם פרט אומקלאָר, איז נישט נייטיק קיין אַנדער באַוואָרעניש, ווי דאָס מלוכה־געזעץ, פאַר וועלכן יידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך. בדרך כלל, פירט אויס דער מיניסטער, איז די יידישע רעליגיע נישט אין סתירה מיט די התחייבותן, וואָס יידן נעמען אויף זיך צו ווערן „געטרייע און געהאָרכזאַמע אונטערטאַנען".

נאַפּאָלעאָן האָט די באַשלוסן פון דער נאַטאַבלען־פאַרזאַמלונג באַטראַכט בלויז פאַר אַ שפּרונג־ברעט פאַר זיינע פּלענער וועגן יידן, אין וועלכע ער האָט זיך אויף קיין מאָמענט נישט אָפּגעזאָגט פון אַנווענדן רעפּרעסיע־מיטלען און אויסנאַם־געזעצן, וואָס ער האָט געהאַט געפּאָדערט פון מלוכה־ראַט מיט עטלעכע חדשים צוריק, אין פרילינג. אָבער אויך די באַשלוסן פון דער נאַטאַבלען־פאַרזאַמלונג, וואָס האָבן אים געזאָלט דינען ווי אַ רעמל פאַר זיינע וויטערדיקע אַקציעס פון „פאַרבעסערונג" פון יידן, האָט געפעלט דער געהעריקער אויטאָריטעט, אַז זיי זאָלן אַנערקענט ווערן דורך די יידן פון לאַנד. נאַפּאָלעאָן האָט דעריבער באַשלאָסן צו רופן קיין פּאַריז אַ „גרויסן סנהדרין" לויטן מוסטער פון אַמאָליקן סנהדרין אין די צייטן פון בית שני, וואָס זאָל באַשטעטיקן די באַשלוסן פון דער נאַטאַבלען־פאַרזאַמלונג און געבן זיי די סאַנקציע פון רעליגיעזע דינים „וואָס וועלן געשטעלט ווערן נעבן דעם תלמוד". הגם דער סנהדרין איז אין הסכם מיט דעם דאָזיקן צוועק פאַרטראַכט געוואָרן דורך נאַפּאָלעאָנען ווי אַן אינערלעכער ענין פון זיין מלוכה אי לויטן פּראָגראַם אי לויטן צוזאַמענשטעל, האָט ער אָבער באַלד לכתחילה אויך געהייסן מודיע זיין מיט גרויסער פייערלעכקייט וועגן דעם סנהדרין „אַלע סינאַגאָגעס פון אייראָפּע"; פון איין זייט האָט ער דערמיט אין זין געהאַט צו וועקן פאַר זיך סימפּאַטיעס פון גאַנצן אייראָפּייאישן יידנטום — בפרט וואָס ער האָט דעמאָלט שוין געהאַלטן אין גרייטן זיין מאַרש אויף פּרייסן און קיין פּוילן — און פון דער אַנדערער זייט האָט ער אויך אויפן פראַנצויזישן יידנטום געוואָלט מאַכן דעם רושם, אַז דער סנהדרין איז אַ רעליגיעזע אינסטאַנץ, וואָס איז באַרופן צו רעדן אין נאָמען פון אַלע יידן.

כדי זיך צו פאַרזיכערן, אַז דער סנהדרין וועט טאַקע זיין נישט מער ווי אַ נייע פאַסאַדע פאַר דער נאַטאַבלען־פאַרזאַמלונג, איז נאַפּאָלעאָן דורכ־

אויס באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער רוב מיטגלידער פון סנהדרין זאָל באַשטיין פון רבנים און אַנדערע מיטגלידער פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג. אָט ווי נאַפּאָלעאָן האָט עס מאָטיווירט אין זיין שרייבן צום אינער־מיניסטער שאַמפּאַני: „מען וועט האָבן אויף דעם אופן אָנשטאָט אַ צאָל רבנים, וואָס וועלן נישט זען עפּעס אַנדערש ווי דעם הימל און זייער דאָקטרינע, אַ צאָלרייכע פאַרזאַמלונג, וואָס וועט האַלטן, אַז אַ דערנעענטערונג פון אַלע מיינונגען איז אין אינטערעס פון יידישן פאָלק, אַ פאַרזאַמלונג פון מענטשן, וואָס וועלן מורא האָבן צו פאַרלירן זייער פאַרמעגן, אַ פאַרזאַמלונג פון די ראשים ביי יידן, וואָס וועלן נישט וועלן, אַז מען זאָל קאָנען זיי פאָרוואַרפן די אומגליקן פון דער יידישער נאַציע"...

דעם 18טן סעפטעמבער האָבן דעם קיסרס קאָמיסאַרן אויף דער זיצונג פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג מבשר געווען דעם צווייטן אַקט פון דעם טראַגי־פאַרס פון נאַפּאָלעאָנס יידן־פּאָליטיק, דאָס צונויפרופן דעם סנהדרין. מאָלע האָט אין זיין רעדע דאָס מאָל נישט געשפּאָרט קיין קאָמפּלימענטן און הויכע פראַזן: דער קיסר איז צופרידן מיט די 12 ענטפערס און איז נתפעל פון דעם גייסט, מיט וועלכן זיי זיינען אַדורכגעדרונגען, וואָרום ווי קאָן מען נישט נשתומם ווערן ביים אָנבליק פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג פון אויפגעקלערטע מענטשן, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דורך די זין פון עלטסטן פאָלק אויף דער ערד"... ער האָט דערנאָך פאַרזיכערט אין נאָמען פון קיסר די פרייהייט פון דער יידישער רעליגיע און דעם פולן באַזיץ פון פּאָליטישע רעכט — נישט מער, וואָס דער קיסר פאַרלאַנגט „אַ רעליגיעזע גאַראַנטיע, אַז די פּרינציפּן וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אייערע ענטפערס וועלן פולשטענדיק אָפּגעהיט ווערן". צו דעם צוועק ווערט צונויפגערופן דער סנהדרין, וואָס זיינע באַשלוסן „זאָלן קאָנען האָבן דעם גרעסטן אויטאָריטעט אין די אויגן פון יידן פון אַלע לענדער". דער סנהדרין וועט דאַרפן געבן דעם ריכטיקן פּירוש דער יידישער תורה און באַזייטיקן אַלע פאַלשע אינטערפּרעטאַציעס. דער סנהדרין וועט אויך דאָס יידישע פאָלק „הייסן ליב האָבן און פאַרטיידיקן די לענדער, וואָס עס באַוואוינט און וועט עס לערנען, אַז די אַלע געפילן, וואָס האָבן עס צוגעבונדן צו זיין אַלטן פאָטערלאַנד, איז עס שולדיק די ערטער וואו עס קאָן צום ערשטן מאָל זינט דעם חורבן אויפהייבן זיין שטימע"...

נאָכדעם ווי דער קאָמיסאַר האָט אַזוי אומצווייידייטיק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די עיקר עובדא פון סנהדרין וועט דאַרפן באַשטיין אין פאַרקערעווען דעם יידישן פּאַטריאָטיזם פון ארץ־ישראל אין די נייע פאָטערלענדער, האָט ער מודיע געווען, אַז די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג וועט דאַרפן צוגרייטן דעם סנהדרין דורך אַ קאָמיסיע פון 9, וואָס וועט אַרבעטן אין פאַרשטענדיקונג מיט די קאָמיסאַרן. בכלל וועט די פאַרזאַמלונג אויך נאָך

דער פאַרענדיקונג פון די באַראַטונגען פון סנהדרין דאַרפן אָפּהאַלטן אירע זיצונגען, ביז זי וועט אויספּילן אַלע אירע אויפגאַבן. דער פאָרזיצער פּור־טאַדאָ האָט אין זיין ענטפער ווידער איבערגעשטיגן זיך אַליין אין חניפה פאַר נאַפּאָלעאָן „דעם גרויסן", וואָס האָט זיך פאַרדינט דורך זיין „פאָטער־לעכער גוטסקייט" אַ נייעם טיטול „דער גומל חסדים". ער האָט אפילו נישט אויסגעמידן אַריינצופלעכטן אין זיינע געשמאַקלאָזע שבחים אַן אומוויר־דיקן שטאָך אויפן אַדרעס פון די אשכנזישע יידן: „פּונקט ווי דער שטעקן פון משה האָט געמאַכט קוועלן דערפרישנדיק וואַסער פון טרוקענעם פעלז", אַזוי האָט „זיין מאַיעסטעט געפונען אין די נאָך אַלץ דויערנדיקע רעזול־טאַטן פון דער פאַרצייטיקער געזעצגעבונג וועגן די יידן אין צפון (אַן אַלוזיע צום וואוכער פון עלזאַסישע יידן) אַ געלעגנהייט צו שאַפן דאָס גליק פון די איזראַעליטן פון מערב־טייל (פון אייראָפּע)" . . .

דעם 24טן סעפּטעמבער האָט די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג אַרויסגעלאָזט אַ רוף „צו די סינאַגאָגעס פון אייראָפּע" וועגן באַטייליקן זיך אין סנהדרין, וואָס האָט זיך געזאָלט צונויפקומען דעם 20טן אָקטאָבער. די דאַטע איז אָבער שפּעטער איבערגערוקט געוואָרן ביז אָנהויב פעברואַר 1807. אין משך פון די פיר חדשים האָט די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג אַחוץ דער צו־גרייטונג פון סנהדרין זיך פאַרנומען בעיקר מיט אויסאַרבעטן דעם פּראָיעקט פון אַ קאָנסיסטאָריע־אָרגאַניזאַציע פון די יידן אין דער פראַנצויזישער אימפּעריע. אויף דער פייערלעכער זיצונג פון 5טן פעברואַר 1807, איידער די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט איבערגעריסן אירע באַראַטונגען אויף אַ חודש צייט צוליב דעם צונויפקום פון סנהדרין, האָט איינער פון די סעק־רעטאַרן, דער דעפּוטאַט פון ניצע יצחק שמואל אביגדור, געהאַלטן אַ לענגערע רעדע, וואָס האָט אין איר אויסטערלישקייט געשטעלט אין שאָטן אַלע פריערדיקע אַקטן פון חניפה און שפלות, מיט וועלכע עס האָט זיך אַזוי טרויעריק אויסגעצייכנט די פאַרזאַמלונג.

דער אויסגאַנג־פּונקט פון דער רעדע איז געווען די דורות־לאַנגע קייט פון ליידן פון יידישן פאָלק. די סיבה פון די ליידן איז נישט געלעגן אין די יידן, וואָס האָבן פון אייביק אָן געהאַט גוטע געזעצן און מנהגים, והראיה, זיי האָבן אויך אין אַלטן ישראל פאַרשטאַנען, אַז „מאָנאַרכיע איז דער איינציקער רעגירונג־סיסטעם, וואָס פּאַסט פאַר אַ פאָלק, וועלכעס איז גלייכצייטיק אַ מיליטעריש, אַגריקולטור, און האַנדלס־פאָלק". דער האַס קעגן די יידן, ווען זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ נאַציע און געוואָרן צע־שפּרייט איבער דער וועלט, האָט זיך גענומען פון איגנאָראַנץ, קנאה און פאָראורטיילן. אַדאַנק „דעם גרעסטן פון אַלע מאָנאַרכן" האָבן יידן לסוף, נאָך אַכצן הונדערט יאָר רדיפות זוכה געווען „צו ווערן איינס מיט דער גרויסער נאַציע", דורכדעם וואָס ער האָט געגעבן זיין חתימה פון גערעכ־

טיקייט אויף דעם געזעץ פון דער קאָנסטיטואַנטע. „אַ קריסטלעכן פּרינץ
איז געווען באַשערט צו פֿאַרווירקלעכן די טאָלעראַנץ, די מצווה, אין וועל־
כער די קריסטלעכע מאָראַל איז אַזוי מדקדק״. „עס איז גאָר נישט משיג
צו זיין״, ווי אַזוי קריסטן האָבן אַזאַ לאַנגע צייט געקאָנט האַסן יידן, בפּרט,
אַז די באַרימטסטע קריסטלעכע מאָראַל־לערער, פון הייליקן אַנאַסטאַזיוס
ביז פויפּסט קלעמענס דעם 13טן און אַבאַט גרעגואַר, האָבן תמיד פֿאַר־
טיידיקט יידן קעגן רדיפות און געפּריידיקט ברידערלעכקייט לגבי זיי. „אומ־
ענדלעך איז די צאָל גוטע מעשים, וואָס פֿאָרשטייער פון דער קירך האָבן
אַרויסגעוויזן איזראַעליטן אין פֿאַרשיידענע עפּאָכעס״, איצט איז געקומען
די ערשטע געלעגנהייט אויסצודריקן דערפֿאַר די דאַנקבאַרקייט און „דער־
מיט באַוויזן דער וועלט, אַז מיר אַלע האָבן פֿאַרגעסן אונדזערע אַמאָליקע
אומגליקן און מיר ווילן בלויז דאָס גוטס, וואָס מען האָט אונדז באַוויזן,
אויף אייביק איינקריצן אין אונדזערע הערצער״. ווי אַן אויספיר האָט
אבּיגדור פֿאָרגעלייענט אַזאַ רעזאָלוציע:

„די דעפּוטאַטן צום העברייאישן סינאָד פון דער אימפּעריע פון פֿראַנק־
רייך און פון מלכות איטאַליע — אַדורכגעדרונגען מיט דאַנקבאַרקייט פֿאַר
די כסדרדיקע מעשים טובים פון קריסטלעכן קלער אין די פֿאַרגאַנגענע
יאָרהונדערטער לגבי די איזראַעליטן פון פֿאַרשיידענע מלוכות פון איי־
ראָפּע; פול מיט אָנערקענונג פֿאַר דער אויפנאַמע, וואָס אַ ריי פּויפּסטן
און אַ סך אַנדערע פֿאָרשטייער פון דער קירך האָבן אין פֿאַרשיידענע צייטן
געגעבן די איזראַעליטן פון פֿאַרשיידענע לענדער, דעמאָלט, ווען באַרבאַ־
ריזם, פֿאָראורטיילן און עמי־הארצות האָבן אינאיינעם גערודפט און פֿאַר־
טריבן יידן פון שויס פון דער געזעלשאַפט — באַשליסן, אַז דער אויסדרוק
פון די דאָזיקע געפילן זאָל פֿאַרצייכנט ווערן אין פּראָטאָקאָל פון סדר־היום,
כדי עס זאָל בלייבן אויף אייביק אַן אויטענטיש עדות פון דער דאַנקבאַר־
קייט פון די איזראַעליטן פון דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג פֿאַר די מעשים־
טובים, וואָס די פריערדיקע דורות האָבן גענאָסן מצד די קירכע־פֿאָר־
שטייער פון די פֿאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע; עס ווערט אויך באַ־
שלאָסן, אַז אַ קאָפּיע פון דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל זאָל צוגעשיקט ווערן זיין
עקסעלענץ דעם קולטוס־מיניסטער״.

די פֿאַרזאַמלונג האָט מיט אַפּלאָדיסמענטן אָנגענומען אבּיגדורס רע־
זאָלוציע . . . דער נידעריקסטער שטאַפּל פון געפֿאַלנקייט איז דערגרייכט
געוואָרן. פון געצנדינערישן פֿאַלן כורעים פֿאַר דעם קיסר, האָט מען
זיך אַראָפּגעגליטשט ביז אַרומכאַפּן די שטיוול פון זיין קאָמיסאַר, דעם
שונא־ישראל מאָלע, און כדי נושא חן צו זיין בייביידע, דעם האַר און זיין
קנעכט, האָט מען אָן אַ ציטער פון שוידער זיך אַראָפּגעלאָזט צו קושן די

פיס פון דער קירך, וואָס האָט רציחהדיק געטראָטן דאָס יידישע פאָלק אין משך פון אנדערטהאַלבן טויזנט יאָר. מיט אַזאַ מאַזאָכיסטישער קריסט־לעכער ליבע פון עבדים כנענים האָט דער ערשטער דור פון דער מאָ־דערנער יידישער בורזשואַזיע אין איראָפּע זיך צוגעאײַלט אָפּצודאַנקען די פויפּסטן, קאַרדינאַלן און סינאָדן, דאָמיניקאַנער און יעזואיטן, פאַר דעם תהום פון דורות־לאַנגער דערנידעריקונג און פּיין, פאַר דעם ים פון בלוט און טרערן פון יידישן פאָלק, פאַר דער געלער לאַטע און געטאָ, פאַר די גזירות פון עלילות־דם און מאַסן־שמד, פאַר די מאַסן־שחיטות און אינקוויזיציע. די אביגדורס און פורטאַדאָס האָבן נאָך אפילו נישט קיין צייט געהאַט זיך אָפּצואווישן דעם פּנים פון די נידערטרעכטיקייטן, וועלכע די קאַטוילישע קירך האָט געהאַלטן אין שליידערן אויף דעם יידישן פאָלק; צו דער אומאויפהערלעכער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע פון די קלעריקאַלע בלעטער אין פּאַריז און פון קלער אין עלזאַס איז צוגעקומען דווקא אין יענע חדשים פון יאָר 1806 אַ נייע אָרגאַניזירטע העצע פון דער קאַטוילי־שער קירך. דער יעזואיט באַרועל, דער הויפּט־אַגיטאַטאָר פון קלער קעגן די יאַקאָבינער, האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרעפנטלעכט אַ פּאַמפלעט, וואָס איז אין אַלע פּרטים געווען אַ מין ערשטער מוסטער פון די „פּראָטאָקאָלן פון זקני־ציון״: יידן זיינען די אמתע גרינדער און רעגירער פון די מאַסאָנען־לאָזשעס; יידן האָבן פאַרלייגט אַ נעץ פון אינטריגעס, כדי מיט זייערע געלט־מיטלען צו באַהערשן אַלע מלוכות, צוצובעמען ביי די קריסטן זייערע הייזער און גיטער און צו פאַרוואַנדלען די קריסטן אין זייערע שקלאַפן און די קירכעס אין זייערע סינאַגאָגעס. הגם דער יעזואיט האָט זיך פאַררופן אויף דער באַשטעטיקונג פון פויפּסט און פּאַריזער קאַרדינאַל פון די אַלע „אמתן״, האָט די קירך נישט געהאַלטן פאַר נויטיק עס אָפּ־צולייקענען.

דאָס איז געווען דער אופן ווי אַזוי די קאַטוילישע קירך האָט רעאַ־גירט אויף דער ידיעה וועגן צונויפרופן דעם „גרויסן סנהדרין״. נישט קיין חידוש, אַז נאַפּאָלעאָנס מיניסטאָרן האָבן זיך צוגעאײַלט אים צוצו־טראָגן די סענסאַציע וועגן דער רעזאָלוציע פון דער יידישער באַטאַבלען־פאַרזאַמלונג. דער מיניסטער שאַמפּאַני האָט געשריבן: „אייער מאַיעסטעט וועט זיכער באַטראַכטן פאַר אַ מאָדנער זאַך די אויסדרוקן פון דאַנק, וואָס די יידישע נאַציע האָט אָפּגעשטימט אַרויסצואווייזן די פויפּסטן און די גלחים פון דער קירך . . . ״ דער מיניסטער פּאָרטאַליס האָט אָנגעוויזן אַף אויף דער פּאַראַדאָקסאַלקייט פון באַשלוס, אַ אויף דעם פּאָליטישן קאַ־פּיטאַל, וואָס נאַפּאָלעאָן קאָן דערפון שלאָגן לגבי די „פּילאָזאָפן״, די קעג־נער פון דער קירך: עס איז געווען „זייער פּיקאַנט צו זען, ווי אין זעלבן

מאָמענט, ווען שעניער * האָט אין נאָמען פון דער פילאָזאָפיע דעקלאַמירט אין אַטענעאום קעגן דער אומטאָלעראַנץ און דעם פאַנאַטיזם פון די קאַטוילישע גלחים, האָט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון יידן נאָר וואָס עפנטלעך פראָקלאַמירט דעם גייסט פון טאָלעראַנץ און פון מענטשן־ליבע פון דער קאַטוילישער קירך״.

§25. דאָס פאַריזער „גרויסע סנהדרין״ און די לעצטע פאַרהאַנדלונגען פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג

אין דעם אויפרוף, וואָס די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט סוף סעפטעמבער 1806 אַרויסגעלאָזט צו „די סינאַגאָגען פון אייראָפּע״ אויף פיר שפּראַכן (העברייאיש, פראַנצויזיש, דייטש און איטאַליעניש), איז דאָס צונויפרופן דאָס סנהדרין דורך נאַפּאָלעאָן באַצייכנט געוואָרן ווי „אַ גרויס געשעעניש״, וואָס איז עלול אַרויסצורופן „די באַוואונדערונג פון דער צייט״, און „וועט ווערן פאַר די צעשפּרייטע רעשטן פון די קינדער פון אברהם אַ נייע עפּאָכע פון אויסלייזונג און גליק״. יידן פון אייראָפּע זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו שיקן זייערע שליחים צום סנהדרין, כדי צו העלפן מיט זייער „קלוגער און אויפגעקלערטער מיינונג״ דעם סנהדרין, „צוגעבן מער חשיבות זיינע באַשלוסן״ און „איינשטעלן צווישן אונדז אַן איינהייטלעכקייט פון דער דאָקטרינע, וואָס זאָל זיין מער אין הסכם מיט די בירגערלעכע און פּאָליטישע געזעצן פון די מלוכות, וואָס איר האָט אָנגענומען ווי אייער פאָטערלאַנד״. דער ממשותדיקער רעזולטאַט פון אויפרוף איז אָבער געווען אַ מינימאַלער. צו די ברייטע מאַסן יידן, וואָס זיינען טיף געווען פאַרזונקען אין נויט און דחקות, איז דער אויפרוף אפילו ניט דערגאַנגען. די פירער פון דער אָרטאָדאָקסיע האָבן פון טעקסט גופא געקאָנט לייכט זען, אַז דער ציל פון סנהדרין איז איינצופירן רעפאָרמען אין דער יידישער רעליגיע און זיי האָבן דווקא אַזעלכע פּראָיעקטן באַטראַכט ווי אַ לעבן־סכנה פאַר יידישקייט.

בלויז די, וואָס זיינען נישט באַקאַנט געווען מיט דעם גענויעם פּראָגראַם פון סנהדרין, האָבן געגלייבט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן זיין פּלאַן וועגן העלפן יידן אויפבויען אַ מלוכה אין ארץ־

* זשאָזעף שעניער, פּאָעט און דראַמאַטורג, האָט געשפּילט אַ ראָלע אין פּאָליטישן לעבן בעת דער רעוואָלוציע און אין אָנהייב פון נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט, האָט אָבער אין 1806 פאַרלוירן די גנאָד פון נאַפּאָלעאָנען פאַר פאַרעפנטלעכן זיין „בריוו צו וואָלטערן״.

ישראל, און עס האָבן זיך ביי זיי געוועקט נייע האָפענונגען וועגן דער באַלדיקער גאולה. גרויסע סימפּאַטיעס פאַרן סנהדרין האָבן אַרויסגעוויזן די משכילים אין מיטל־און מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן טאַקע אַרויסגעקוקט דערויף, אַז די מלוכה זאָל זיי העלפן באַקעמפן פאַנאַטיזם און אָפּגעשטאַנענקייט ביי יידן און מילדערן כאָטש צום טייל דעם מצב פון יידישער רעכטלאָזיקייט. דווקא אין די לענדער, אונטער דער הערשאַפט פון עסטרייך און רוסלאַנד, האָבן אָבער די רעגירונגען אָנגענומען די שטרענגסטע פּאָליציייאישע מיטלען, אַדורכגעפירט רעוויזיעס פון בריוו און שטוב־רעוויזיעס און קיינער האָט נישט געוואָגט צו ריזיקירן אַן אומלעגאַלע נסיעה קיין פּאַריז, אָדער אפילו אַרויסצושיקן אַ שריפטלעכע באַגריסונג. דער קרייז פון די אויפגעקלערטע אין פּרייסן, מיט דוד פרידלענדער בראש, האָט צוליב פּאַטריאָטיזם זיך אָפּגעווענדט פון סנהדרין, וועלכן זיי האָבן באַצייכנט, נישט אינגאַנצן אומגערעכט, ווי אַ קאָמעדיע, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אויפגעשפּילט פאַר זיינע פּאַריזער.

אין סך־הכל האָט פון גאַנץ אייראָפּע בלויז אַ קרייז אויפגעקלערטע אין פראַנקפורט ביים מאַין, וואו דער הערשער איז געווען אַ וואַסאַל פון נאַפּאָלעאָן, און די אויפגעקלערטע קליינע קהילה עדת־ישורון אין אַמסטערדאַם — אונטער דער הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָנס ברודער לודוויק, געשיקט דעלעגאַציעס צום סנהדרין. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן די בכיוונדיקע צווייזייטיקייט פון דער שפּראַך פון אויפרוף און די דעמאַגאָגיע פון אַלאַרמירן דאָס יידנטום פון איראָפּע וועגן סנהדרין: די פראַנקפורטער און אַמסטערדאַמער דעלעגאַציעס זיינען גאָר נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו באַטייליקן זיך אַלס דעלעגאַטן, מען איז אָפּגעקומען מיט דער העפלעכקייט פון דערלויבן זיי צו האַלטן באַגריסונגס רעדעס. דער סנהדרין האָט זיך פּינקטלעך געהאַלטן אין די ראַמען, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט פאַר אים אָנגעצייכנט: אַ אינערלעך מלוכהשע קאָנפערענץ פון „שטומע דיינים", וואָס האָט באַדאַרפט געבן די חתימה אויף די באַשלוסן פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג.

לויט דער באַשטימונג פון דער רעגירונג זיינען אין סנהדרין אַריינגעגאַנגען אַלע 17 רבנים און אויך 25 וועלטלעכע מיטגלידער פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג. צווישן די 25 האָט די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג אויסגעוויילט די זעלבע פּלוטאָקראַטן מיט פורטאַדאָ בראש, וואָס זיינען געווען אירע רעדל־פירער. אָבער אויך די איבעריקע 29 מיטגלידער פון סנהדרין, רבנים, זיינען נישט געוויילט געוואָרן דורך דער יידישער באַפעלקערונג: דער אינער־מיניסטער האָט צוגעשטעלט די פּרעפעקטן אַ רשימה פון קאַנדידאַטן, וואָס די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט אים איבערגעגעבן דורך דער פאַרמיטלונג פון די קאָמיסאַרן. די פּרעפעקטן האָבן

געהאַט אַ רעכט צו באַמינירן אויך אַנדערע פּערזאָנען אויפן אָרט פון די אַנגעוויזענע. אין רעזולטאַט איז דאָס רוב פון די באַמינירטע 29 מיט־גלידער באַשטאַנען פון אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט פונקציאָנירט ווי רבנים. צווישן אַנדערע זיינען אויך אויף אַזאַ אופן אַריינגעגאַנגען אין סנהדרין ווי „רבנים" זאַלקינד הורוויץ און משה ענסהיים, קעגן דעם פּראָטעסט פון אַ ריי רבנים. בכלל זיינען אָנגעקומען אין מיניסטעריום פּראָטעסטן קעגן דעם אַריינגעמען אין סנהדרין אַטעאיסטן און אַזעלכע „וואָס קאָנען נישט קיין עברי". אָפיציעל האָט אָבער דער סנהדרין גע־ציילט צווישן 71 מיטגלידער לויט דער טראַדיציאָנעלער צאָל פון אַמאָליקן סנהדרין, 46 רבנים און 25 וועלטלעכע מיטגלידער.

דאָס פּרעזידיום פון סנהדרין איז דורכן מיניסטעריום, לויטן פּאָרשלאָג פון די קאָמיסאַרן באַשטימט געוואָרן אין אַזאַ צוזאַמענשטעל: דוד זינצהיים — נשיא, יהושע סעגרע — אב בית־דין און אברהם די קאָלאָניא — חכם. אַלע די טיטולן זיינען איבערגענומען געוואָרן פון דעם אַמאָליקן סנהדרין. זינצהיימען האָבן די קאָמיסאַרן נאָכגעזאָגט דעם שבח, וואָס ער איז „אַלט, מיושבדיק און האָט מיטגעהאָלפן ביים רעדאַגירן די (12) ענטפערס", אַחוץ דעם, וואָס ער האָט אַ השפעה אויף די יידן פון צפון־פראַנקרייך. סעגרע און קאָלאָניא איז ביי די קאָמיסאַרן בייגעשטאַנען דער זכות פון זייער אויפ־געקלערטקייט, הגם זינצהיים האָט סעגרען אַליין באַצייכנט (אין אַ בריוו צו ברוך ייטעלעס) ווי אַ פּאָלקסשול־לערער, וואָס איז קיינמאָל קיין רב נישט געווען און איז אויך נישט קיין תלמיד־חכם. בכלל האָט אָבער דאָס גאַנצע פּרעזידיום ניט געשפּילט קיין שום ראָלע און אין דעם סנהדרין האָט דאָמינירט דער כיטרער פורטאַדאָ.

אין פּאַראַד און אויסערלעכן גלאַנץ האָט דאָס סנהדרין איבערגעשטיגן די נאַפּאָלעאָן־פאַרזאַמלונג. דעם 9טן פעברואַר 1807 איז דער סנהדרין אָפיציעל דערעפנט געוואָרן מיט אַ צערעמאָניע אין דער אויסגעפּוצטער שול. נאָך דער העברייאישער דרשה פון רב זינצהיים האָט די קאָלאָניא געהאַלטן אויף איטאַליעניש אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געלויבט גאָט פאַר דער זכיה צו זיין אַ צווייטער יחזקאל און צוזעזן די תחית המתים פון די ביינער פון ישראל... לויט אַן אָנווייז פון די קאָמיסאַרן האָט מען אָבער אויך דאָ נישט פאַרגעסן אַן דעם פראַנצויזישן עיקר און געזונגען דעם מזמור ט״ו פון תהלים, וואו עס ווערט דערציילט דער שבח פון אַ מענטש, וואָס „גיט נישט זיין געלט אַוועק אויף ציגזן". פון דער שול האָבן די מיטגלידער פון סנהדרין זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם זיצונג־זאַל, וואו די בענק זיינען געווען אויסגעשטעלט אין אַ האַלבקרייז, לויט דער טראַדיציע פון אַמאָליקן סנהדרין. נאָך עטלעכע טעג האָט דער סנהדרין אָנגענומען אַ באַשלוס, לויט אַ הסכם מיט די קאָמיסאַרן, וועגן אַן אָפיציעלן אוני־

פאָרם: אַ שוואַרצע סאַמעטענע טאָגע פאַר דעם נשיא, זיידענע טאָגעס פאַר זיינע צוויי בייזיצער, לאַנגע שוואַרצע מאַנטלען מיט קרויזן פאַר די רבנים און אַ קורצער מאַנטל מיט אַ שווערדל אַן דער זייט פאַר די וועלטלעכע מיטגלידער. אַחוץ דעם האָבן אַלע מיטגלידער געדאַרפט טראָגן צוויי־שפּיציקע שוואַרצע קאַפּעלושן, מיט פוטער פאַרברעמט ביי די מיט־גלידער פון פּרעזידיום. אַזוי האָט די פּאָמפּע און אויסערלעכער גלאַנץ, וואָס איז ביז צו די קלענסטע פּרטים פאַראויס פאַרגעשריבן געוואָרן דורך דער מלוכה־מאַכט, געדאַרפט פאַרדעקן די פּוסטקייט און מאַכטלאָזיקייט פון קאָזיאָנעם „גרויסן סנהדרין".

די אַכט זיצונגען, וואָס דער סנהדרין האָט אָפּגעהאַלטן אין משך פון אַ חודש, זיינען געווען אויסגעפּילט על פּי רוב מיט אויסהערן אויסגעדראָ־שענע רעדעס פון פּורטאַדאָ און זיינע נאָענטסטע חברים. קיין דיסקוסיעס זיינען נישט פאָרגעקומען, וואָרום אַלע באַשלוסן זיינען אויסגעאַרבעט גע־וואָרן דורך דער קאָמיסיע פון 9 מיטגלידער פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמ־לונג, וואָס אין זייער נאָמען האָט רעפערירט פּורטאַדאָ, אָדער דער רב קראַקאָוויא פון ווענעציע. אַלע רעזאָלוציעס זיינען דורך דעם סנהדרין אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. אין תוך זיינען די דאָזיקע רעזאָלוציעס געווען אַ באַשטעטיקונג פון די 12 ענטפערס פון דער נאָטאַבלען־פאַר־זאַמלונג, בלויז אין אויסגעברייטערטן נוסח. אויפן בפירושן פאַרלאַנג פון נאַפּאָלעאָנען איז בנוגע געמישטע חתונות באַשלאָסן געוואָרן, אַז זיי וועלן נישט באַשטראָפט ווערן מיט חרם; דאַקעגן די פאָדערונג פון נאַפּאָלעאָ־נען, אַז דער סנהדרין זאָל רעקאָמענדירן געמישטע חתונות, „ווייל זיי זיי־נען וויכטיק פאַרן וואויל פון דער נאַציע", איז נישט נאָכגעגעבן געוואָרן. דאָס איז, אגב, געווען דער איינציקער פּונקט, וואו דער סנהדרין האָט גע־וואָגט זיך אַנטקעגנצושטעלן די פאָדערונגען פון נאַפּאָלעאָנען, וועלכע זיי־נען אים איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פון פּורטאַדאָ. בנוגע דינען אין מיליטער האָט דער סנהדרין נישט נאָר באַשלאָסן, אַז עס איז אַ רעליגיעזער חוב, נאָר האָט אויך געפּסקנט, אַז סאָלדאַטן זיינען פּטור פון אָפּהיטן די דינים, וואָס לאָזן זיך ניט פאַראייניקן מיט מיליטערישן דינסט. דער סנהדרין האָט אויך אָנגענומען אויפצופאָדערן יידן צו ווענדן זיך צו ערד־אַרבעט, מלאכה און פאַראָפעסיע און פאַרבאָטן וואוכער ביי הלוואות — פאַר נישט־יידן פּונקט ווי יידן, „ווי אַן אומווערדיקייט אין די אויגן פון גאָט".

לויט דעם אויסדריקלעכן וואונטש פון קיסר, האָט אויך דער סנהדרין אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע, וואָס האָט אַ סך שאַרפער אַרויסגעבראַכט, ווי די דעקלאַראַטיווע הקדמה אין די תשובות פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג, דעם חילוק צווישן רעליגיעזע און פּאָליטישע דינים פון דער תורה. די

רעליגיעזע דינים זיינען דערקלערט געוואָרן ווי אומפאַרענדערלעך; דאַ־קעגן די פּאָליטישע דינים, „וואָס זיינען געווען באַשטימט צו רעגירן דאָס פאָלק פון ישראל אין פּאַלעסטינע, דעמאָלט ווען עס האָט געהאַט זיינע אייגענע מלכים, זיינע כוהנים און זיינע מאַכט־אָרגאַנען", זיינען נישט מער מחייב זינט יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין „אַ נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט". נישט קיין חידוש, וואָס דער מיניסטער פּאָרטאַליס האָט מיט צופרידנקייט אינפאָרמירט נאַפּאָלעאָנען אין זיין באַריכט, אַז „דורך דער דאָזיקער דע־קלאַראַציע פון סנהדרין וועגן די רעליגיעזע עיקרים האָבן די איזראַעליטן אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק, כדי צו ווערן נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ רעליגיע."

דעם 9טן מערץ איז פאָרמעל געשלאָסן געוואָרן דער סנהדרין און דעם 25טן מערץ האָט די נאַטאַבלען־פאַרזאַמלונג באַנייט אירע זיצונגען. זינט דעצעמבער 1806 איז די פאַרזאַמלונג געווען פאַרנומען לויטן אויפטראַג פון מיניסטעריום, מיט אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פאַר אָרגאַניזאַציע פון יידישע קאָנסיסטאָריעס. דער וואונטש, וועלכן די מנהיגים פון די קהילות האָבן געהאַט פאַרגעבראַכט דער רעגירונג באַלד נאָכן שליסן דעם קאָנקאָרדאַט צווישן נאַפּאָלעאָן און דער קירך אין יאָר 1801, איז זיך צונויפגעקומען מיט די פּלענער פון קיסר. אויב די קאַטוילישע קירך איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן דעם קאָנטראָל פון דער רעגירונג און די גלחים זיינען געווען מחויב צו פריידיקן מיליטערדינסט און וועגן פליכטן לגבי דער מלוכה, איז נישט קיין חידוש, אַז נאַפּאָלעאָן האָט באַפוילן (יאַנואַר 1807) איינצואָרדנען יידישע קאָנסיסטאָריעס, „וואָס זאָלן זיין מחויב אויסצופירן אַ שטרענגן פּאָליציאישן קאָנטראָל איבער די רבנים". נישט מער, וואָס די גלחים האָבן באַקומען געהאַלט און פריווילעגיעס פון מלוכהשע באַאַמטע, בעת די יידישע קאָנסיסטאָריעס האָבן באַדאַרפט אויספירן די פונקציעס פון מלוכה־פּאָליציי בחינם, אָן אַ שום באַלוינונג. די גרויסע מערהייט פון דער נאַטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט אויך הכנעהדיק איינגעוויליקט, אַז די יידישע קאָנסיסטאָריעס זאָלן נעמען אויף זיך די צוגאָב אויפגאַבע פון מסירה פאַר דער מאַכט, וואָס די קאַטוילישע קירך איז דערפון געווען פטור . . .

איינע פון די ערשטע רעפאָרמען, וואָס די נאַטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט איינגעפירט לויטן רעגירונג־פּראָיעקט, איז געווען די ענדערונג פון נאָמען יידן אויף „איזראַעליטן". דער בפירושער מאָטיוו פון דער רעגירונג איז דערביי געווען, וואָס „דער נאָמען ייד דערמאָנט גיכער אַ נאַציע ווי אַ רעליגיע", אחוץ דעם, וואָס מיט דעם דאָזיקן נאָמען זיינען פאַרבונדן „אומגליקלעכע פאָראורטיילן". די נאַטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט אויך אָנ־גענומען דעם פּלאַן פון קאָנסיסטאָריעס, וואָס די רעגירונג האָט פאָרגע־

ליגט און אויסגעאַרבעט אים אין אַלע פרטים. די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט לויט איר סאָציאַלן צוזאַמענשטעל גאָר נישט געהאַט קעגן דעם פאָרשלאַג, אַז די קאָנסיסטאָריעס זאָלן געווילט ווערן דורך 25 נאָטאַבלען, וואָס דער פרעפעקט וועט אויסקלייבן צווישן די העכסטע שטייערצאָלער. אַ טייל דעפוטאַטן האָבן יאָ געהאַט אויף אַזוי פיל כבוד־געפיל, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן עטלעכע אַרטיקלען פון פראָיעקט, וואָס זיי האָבן, מיט רעכט, געהאַלטן פאַר אַ דערנידעריקונג פון יידן. זיי זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן פרינציפ און קעגן איינצעלנע פאַראַגראַפן, וואָס האָבן באַשטימט אַ קאָנטראָל פון די קאָנסיסטאָריעס נישט נאָר איבער דער יידישער באַפעלקערונג בכלל, נאָר אויך איבער די רבנים בפרט; אַ טייל האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פאַראַגראַף, וואָס האָט געגעבן דער קאָנסיסטאָריע דאָס רעכט צו פאַרווערן פרעמדע יידן צו באַזעצן זיך אין פראַנקרייך און אין איטאַליע; אַן אָפּאָזיציע האָט אַרויסגערופן די באַשטימונג, אַז די קאָנסיסטאָריעס זיינען מחויב איבערצוגעבן דער רעגירונג די נעמען פון יידן „וואָס קענען נישט געבן קיין גענוגנדן דין וחשבון וועגן זייערע מיטלען פון חיונה", ד. ה. פרנסה־לאָזע לופט־מענטשן און אָרעמעלייט. אַ פּראָטעסט איז אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן קעגן אַרויפלייגן אויף דער קאָנסיסטאָריע די פליכט אָנצוגעבן דער רעגירונג יעדעס יאָר די צאָל יידן, וואָס דאַרפן זיך שטעלן צום פריזיוו. ביי אַ נאָמענטלעכער אָפּשטימונג איז אָבער דער גאַנצער פלאַן וועגן קאָנסיסטאָריעס אָן ענדערונגען אָנגענומען געוואָרן מיט אַ באַדייטנדיקער מערהייט (45 פאַר, 12 קעגן און 4 אָפּגעהאַלטן).

נאַפּאָלעאָן האָט זיך אָבער לחלוטין נישט באַנוגנט דערמיט, וואָס די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט געהאָרכזאַם אָנגענומען זיין פלאַן וועגן קאָנסיסטאָריעס מיט מבוזהדיקע פּאָליצייאישע פונקציעס. אין זיינע אינסטרוקציעס (פון סוף יאַנואַר 1807) צום אינער־מיניסטער שאַמפּאַני האָט ער געפאָדערט, אַז די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג זאָל אַריינגעמען אין אירע באַשלוסן די אַלע גזירות, וועלכע ער האָט זינט עטלעכע יאָר געפּלאַנט קעגן יידן; אויף אַזאַ אופן, האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט ווייטער בלייבן „דער גרויסער בעל טובה" אין די אויגן פון דער יידישער באַפעלקערונג און וועט זיך איינשפּאָרן פאַרצוברענגען אַנטי־יידישע דעקרעטן פאַר דעם מלוכה־ראַט, מיט וועלכן ער איז נאָך דער דערפאַרונג אין פרילינג 1806 ניט געווען איננאַנצן זיכער.

די גזירות, וואָס יידן אַליין וואָלטן באַדאַרפט באַשליסן לויטן וואונטש פון נאַפּאָלעאָן זיינען געווען: אַ פאַרבאָט פאַר יידן צו פאַרנעמען זיך מיט האַנדל אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער מאַכט אין יעדן איינציקן פאַל; יידן, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין אומבאַוועגלעך אייגנטום, זאָלן נישט טאָרן אין משך פון 10 יאָר באָרגן אויף היפּאָטעק; די קאָנסיסטאָריעס זאָלן

נישט דערלויבן מער ווי צוויי־דריטל חתונות ביי יידן וואו חתן־כלה זיינען ביידע יידן, איין־דריטל חתונות מוזן זיין געמישטע יידיש־קריסטלעכע; אויב דאָס איז שווער אויסצופירן ווי אַ געזעץ, זאָל מען ווירקן דורך „צור־רעדן, באַלערן, דערמוטיקן און באַפעלן“ — „אַלץ וואָס קאָן פירן צו דעם צוועק“; יידן זאָלן מוזן דינען אין דער אַרמיי לויט דער פּראָפּאָרציע לגבי דער באַפעלקערונג, פּערזענלעך, נישט דורך שטעלפאַרטרעטער. אין דער מאָטיווירונג באַצייכנט נאַפּאָלעאָן ווי אַ שאַנד, וואָס אַזוי פיל דעפּאַר־טאַמענטן זיינען דורך היפּאָטעקן משועבד צו יידן, „אַ פאָלק, וואָס דורך זיינע מנהגים און געזעצן שטעלט עס צונויף אַ נאַציע אין דער פראַנצוי־זישער נאַציע“; דער „גייסט פון די יידן“ וועט זיך ענדערן דורך גע־מישטע חתונות, דורך צוגעוואוינונג צו מלאכות, דורך באַגרענעצונג פון היפּאָטעק און „דורך איבערנעמען פראַנצויזישע געפילן, וואָס זיי וועלן דער־ווערבן אין דער אַרמיי“.

נאַפּאָלעאָן האָט, בכן, נאָך אַלע דעקלאַראַציעס פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג און פון „גרויסן סנהדרין“, זיך נישט געלאָזט איינרעדן, אַז יידן זיינען אַ רעליגיעזע גרופּע און נישט אַ באַזונדער פאָלק, דערצו אַ פאָלק מיט שלעכטע מידות, וואָס עקספּלואַטירט די פראַנצויזן. ער האָט זיך אָנגעזעצט דאָס דאָזיקע פאָלק מיט געוואַלט איבערצומאַכן אין פראַנ־צויזן דורך גזירות, וואָס זאָלן עס צווינגען אַריבערצוגיין צו אַנדערע פּרנסות, און דורך צוואַנג־אַסימילאַציע מיט די מיטלען פון געמישטע חתונות און כון אומפּראָפּאָרציאָנעל גרויסער באַטייליקונג אין מיליטער־דינסט. דער פּאַריזער סנהדרין איז זיך נאָך נישט געהאַט צוזאַמענגע־קומען און דער דעספּאָט, וועמען די קנעכטישע פּאַראַדיע־אסיפה האָט גע־זאָלט פּראָקלאַמירן ווי אַ יידישן גואל, האָט שוין געטראַכט תחבולות, ווי אַזוי בלוטיק אָפּצוחוזקן פון זיינע חונפים און צווינגען די „יידישע רע־פּרעזענטאַנטן“ זיי זאָלן מיט זייערע אייגענע הענט אָפּשמייסן דאָס יידישע פאָלק אויף זיין באַפעל . . .

די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט אויך די דאָזיקע שענדלעכע ראָלע אויף זיך גענומען, און הגם זי האָט זיך דערביי געדונגען, האָט זי אין זין געהאַט מער די פאָרם ווי דעם אינהאַלט. נאָך אין אָנהייב דעצעמבער 1806 איז אויפן פאַרלאַנג פון די קאָמיסאַרן אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ רע־זאָלוציע, וואו די פאַרזאַמלונג בעט דעם קיסר „ער זאָל פאַראָרדנען די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען, אַז זיי זאָלן אָננעמען מיטלען אין הסכם מיט די קאָנסיסטאָריעס, אָפּצושאַפן די מניעות, וואָס האַלטן אָפּ איזראַעליטישע יוגנט פון דעם נאָבעלן מיליטערישן באַרוף“. פרילינג 1807 איז די דאָזיקע רעזאָלוציע אין נאָך אַ דראַסטישערער פאָרם („צו פאַרזיכערן די געהאָרכ־זאַמקייט און חשק פון דער יוגנט“) אָנגענומען געוואָרן קעגן דער אָפּאָ־

זיציע, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער דיסקוסיע. דער מיניסטער שאַמפּאַני איז אָבער דורך דער פאַרמיטלונג פון די קאָמיסאַרן צוגעשטאַנען צו דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג, זי זאָל אויך אין אַלע אַנדערע פראַגן אָנ־נעמען רעזאָלוציעס, וואו זי בעט דעם קיסר, ער זאָל אַרויסגעבן אַנט־שפּרעכנדיקע דעקרעטן: וועגן פאַרבאָטן ביי יידן וואוכער, וועגן באַ־גרענעצן דעם יידישן האַנדל לויטן איינזען פון דער לאָקאַלער מאַכט א. אז. וו. אַ געוויסע צייט האָבן געדויערט די פאַרהאַנדלונגען. דער מיניס־טער האָט געלאָזט אַנצוהערן, אַז אויב די באַגרענעצונגען וועלן דעקרע־טירט ווערן אויף דער בקשה פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג „וועט עס זיין אין אַ געוויסער מאָס בכבודיק פאַר דער יידישער נאַציע", בעת אַן דעם וועלן זיי זיין פאַר יידן „פּאָליטיש לגנאי". די יידישע נאָטאַבלען האָבן זיך געלאָזט איינרעדן, זיי זיינען אָבער נישט געגאַנגען אַזוי וויט אויס־צורעכענען געגנוי די באַזונדערע גזירות, נאָר געהאַלטן זיך ביי אַן אַלגע־מיינער פאָרמולירונג.

דעם 30טן מערץ 1807 האָט די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג נאָך אַ הייסער דיסקוסיע (די דעפּוטאַטן פון איטאַליע האָבן אַלע, אַחוץ איינעם, זיך אַרויס־געזאָגט קעגן), אָנגענומען אַ לאַנגע רעזאָלוציע מיט אַזאַ נוסח און אינ־האַלט: „נעמענדיק אין אַכט, אַז עס איז וויכטיק פאַר דער רעגענעראַציע פון אירע רעליגיאָנס־ברידער נישט בלויז צו פאַרבעסערן די טעותדיקע מיינונגען, נאָר אויך צו רעפאָרמירן די בייזע געוואוינהייטן, וואָס מען באַקלאָגט זיך אויף זיי אין אַ טייל ערטער, און אַז אַזעלכע מיטלען וואָס זיינען ביכולת צו דערפילן די דאָזיקע וויכטיקע אויפגאַבע קאָנען נישט אָנגענומען ווערן, אָדער אפילו צוגעגרייט ווערן אַנדערש, ווי דורך דער רעגירונג אַליין"... בעט די פאַרזאַמלונג די קאָמיסאַרן, „איבערצוגעבן זיין מאַיעסטעט דעם קיסר די הכנעהדיקסטע וואונטשן פון דער פאַרזאַמ־לונג, אַז ער זאָל באַוויליקן צו געבן פאַראָרדענונגען, וועלכע ער וועט האַלטן פאַר צוועקמעסיק, כדי געוויסע איזראַעליטן זאָלן אויף להבא אין שייכות מיט זייער הענדלערי און היפּאָטעק־הלוואות נישט מער אַריינ־ברענגען אין האַנדל און אין געלט־ענינים אַזעלכע אומאָרדענונגען, ווי די, וועגן וועלכע מען באַקלאָגט זיך, און וואָס די חרפּה און די שטראָף־רייד דערפון וואַרפט צו אָפּט אַ (שלעכטן) שיין אויף אַלע זייערע מיטברידער". די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג איז לויטן טרעפלעכן אויסדרוק אין באַריכט פון רב יעקב ישראל קאַרמי פון רעדזשיאָ צו זיין קהילה, אַריינגעפאַלן אין דער צוגעגרייטער „פּאַסטקע" און ישראל „איז געוואָרן געצוואונגען מיט פאַר־געניגן מקריב צו זיין זיין אָרעם דעם כירורג"...

דער מיניסטער האָט אין זיינע באַריכטן פאַר נאַפּאָלעאָנען זייער טרעפ־לעך אָפּגעשאַצט די שטעלונג פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג. בנוגע דעם

ענין פֿון געמישטע חתונות האָט שאַמפּאַני אויפֿגעקלערט דעם קיסר, אַז
עס איז געווען אוממעגלעך אַ באַשלוס, וואָס זאָל גיין ווייטער ווי די טאָ־
לעראַנטע שטעלונג אין דער דאָזיקער פֿראַגע, וועלכע עס האָט אַרויסגע־
זאָגט דער סנהדרין. ער האָט זיך אויך פֿאַרענטפֿערט, אַז עס איז געווען אויס־
געשלאָסן אַרויסצובאַקומען פֿון דער נאָטאַבלען־פֿאַרזאַמלונג אַ בפּרטיות־
דיקע רעזאָלוציע, וואו אַלע רעכטלעכע באַגרענעצונגען זאָלן גענוי אויס־
גערעכנט ווערן, וואָרום אויך די רעזאָלוציע אין אַן אַלגעמיינער פֿאָרמולי־
רונג איז געווען „גענוג שווער אויסצופֿועלן". עס איז געווען לײַכטער צו
באַוועגן די דעפּוטאַטן „אַז זיי זאָלן זיך אָפּגרענעצן פֿון דער אָדער יענער
רעליגיעזער פּראַקטיק, איידער זיי צו ברענגען (דערצו, אַז זיי זאָלן פֿאַר־
ליב נעמען) די מאָסמיטלען, וואָס האָבן אָנגערירט זייער כּבֿוד־געפֿיל, ווײַל
פֿאַראָרדענונגען, וואָס זײַנען אָנגעווענדט בלויז אויף זיי (יידן), זעען אויס,
ווי מען וואָלט זיי אויסגעטיילט פֿון די איבעריקע פֿראַנצויזן".

אין זײַן צווייטן באַריכט פֿאַרזיכערט דער מיניסטער נאַפּאָלעאָנען,
אַז אויך די אַלגעמיינע רעזאָלוציע פֿון דער נאָטאַבלען־פֿאַרזאַמלונג „וועט
קאָנען צושטעלן דעם טעקסט פֿאַר אַלע פֿאַראָרדענונגען דורך וועלכע מען
וועט וועלן גענוי באַצייכענען דעם האַנדל, וואָס...וועט זײַן דערלויבט" —
פֿאַר יידן. ער לויבט מאָלע און די אַנדערע קאָמיסאַרן פֿאַר זייער דער־
פֿאָלג, וואָס זיי האָבן באַוויזן „אַרויסצורייסן ביי דער אַלגעמיינער פֿאַר־
זאַמלונג, וואָס האָט זיך אַלץ שווערער געלאָזט באַהערשן, די לעצטע באַ־
שלוסן, דורך וועלכע זי האָט, אַזוי צו זאָגן, געגעבן די וואָפֿן קעגן זיך
אַליין, קעגן דער ראַסע, וועמענס זאַך זי האָט פֿאַרטיידיקט".

די אויסנאַם־געזעצן, וואָס די נאָטאַבלען־פֿאַרזאַמלונג האָט לויט דער
פֿריערדיקער פֿעסטשטעלונג פֿון דער רעגירונג אַליין צוגעגרייט מיט אירע
שפּלותדיקע רעזאָלוציעס, האָבן שוין געהאַנגען איבער די קעפּ פֿון דעם
פֿראַנצויזישן יידנטום. דאָס האָט לחלוטין נישט געשטערט דעם ראש פֿון
די חונפֿים פֿורטאַדאָ נאָך אויף דער לעצטער זיצונג פֿון 6טן אַפּריל 1807
אַרויסצוקומען אין אַ פֿלייץ פֿון זײַן ביליקער פּראַזעאָלאָגיע מיט אַ לויב־
געזאַנג לכּבֿוד דעם קיסר און די קאָמיסאַרן און אויסצורופֿן מיט טריאומף,
אַז „דער טאָג פֿון יושר איז ענדלעך געקומען . . . די איזראַעליטן זײַנען
אינקאָרפּאָרירט געוואָרן צווישן זייערע מיטבירגער". די פֿאַרזאַמלונג האָט
נאָך בלויז באַוויזן נאָכאַמאָל צו דערמאָנען וועגן די באַקלאָגענישן אויף די
יידישע וואוכערער אין עלזאַס, אַז די דאָזיקע פּראָווינץ ווערט פֿאָרגעשטעלט
„ווי באַדראָט פֿון אַ גאַנצער אַרמיי פֿון געלט־לײַער" און צו פֿאַרענטפֿערן
זיך, אַז „די סיבה פֿון בייז ליגט נישט אין די עיקרים" פֿון דער יידישער
רעליגיע. זי האָט אין שייכות דערמיט אויך אויפֿגעפֿאָדערט „די איזראַ־
עליטן" צו נעמען זיך צו לאַנדווירטשאַפֿט און צום סאָלדאַטן־באַרוף און

צו געבן די קינדער אַ מאָדערנע דערציאונג. נאַפּאָלעאָנס קאָמיסאַרן האָבן דערקלערט, אַז די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט אויסגעפירט אַלע אירע אַרבעטן און ווערט פאַנאַנדערגעלאָזט. דער טראַגי־פאַרס פון אַ „יידישן פאַר־לאַמענט" און פון אַ „גרויסן סנהדרין" מיט נאַפּאָלעאָנס חסד האָט זיך פאַרענדיקט. געקומען איז דער עפּילאָג, נאַפּאָלעאָנס „שענדלעכער דעקרעט".

§26. דער שענדלעכער דעקרעט און די אָרגאַניזירונג פון יידישע קאָנסיסטאָריעס

בעת די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג האָט זיך געשלאָסן, איז נאַפּאָלעאָן נאָך אַלץ נישט געווען אין דער היים, פאַרנומען מיט דער פאַרענדיקונג פון זיין זיגרייכער מלחמה קעגן פרייסן, וואָס האָט דערפירט צום צוריק־אויפשטעלן אַ פוילישע מלוכה, דאָס וואַרשעווער פירשטנטום. ער האָט אָבער שוין דעמאָלט געהייסן זיינע מיניסטאָרן און דעם מלוכה־ראַט צו־גרייטן דעם דעקרעט וועגן באַגרענעצן יידישע רעכט, און סוף מאַי 1807 איז דער קלאַנג וועגן דעם אויך דערגאַנגען צו די קרייזן פון יידישע נאָטאַבלען. ווען עטלעכע מיטגלידער פון דער פאַמיליע ראַדריגעז האָבן געבעטן ביים אינער־מיניסטער אַן אוידיענץ, האָט ער זיי צו זיך נישט צוגעלאָזט. אין זייער שריפטלעכן מעמאָראַנדום האָבן זיי זיך באַקלאָגט אויף דער עוולה, וואָס ווערט אָפּגעטאָן זייערע „רעליגיאָנס־ברידער" און דערקלערט, אַז ווען די נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג וואָלט געוווסט, וואָס פאַראַ אויספירן מען וועט מאַכן פון אירע באַשלוסן, וואָלט זי זיי נישט געווען אָנגענומען... די דאָזיקע שטאַרק פאַרשפּעטיקטע חרטה האָט נישט אָפּגעהאַלטן די זעלבע ספרדישע פּלוטאָקראַטן פון באַגיין אַ נייעם פאַר־ראַט קעגן יידישער סאָלידאַרישקייט לויט דעם נוסח, צו וועלכן זיי זיינען געווען צוגעוואוינט זינט פאַר דער רעוואָלוציע: זייערע פאַרשטייער, אַריינ־גערעכנט די זעלבע ראָדריגעז־פאַמיליע און פורטאַדאָ, האָבן זיך צוגעאיילט און שוין דעם 13טן יוני אַריינגעשיקט אַ פּעטיציע צום מלוכה־ראַט, אַב־ווייזנדיק, אַז „זיי זיינען אַלעמאָל געווען אַנדערש ווי די איבעריקע (יידן), אַז אויף זיי באַקלאָגט מען זיך נישט, און געהאַלטן פאַר נויטיק צו דער־מאָנען אפילו זייערע אַלטע פריווילעגיעס, דערהאַלטן פון פראַנצויזישע מלכים. גלייכצייטיק מיט דער דאָזיקער באַזונדערער אַסעקוראַציע פאַר ספרדים, האָט פורטאַדאָ, ווי אַ געוועזענער פאַרזיצער פון דער נאָטאַב־לען־פאַרזאַמלונג געפּראָוווט אָפּצושרייען די גזירה אין נאָמען פון אַלע פראַנצויזישע יידן. אין דעם זעלבן חודש יוני 1807 איז ער אָנגעקומען קיין טילזיט, וואו נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט זיין הויפּט־קוואַרטיר און דער־

שלאָגן זיך צו אַן אוידיענץ. ער איז צוריקגעקומען באַרואיקט, אָבער שוין עטלעכע חדשים שפּעטער, אין האַרבסט, האָט דער קיסר, וואָס איז שוין געווען צוריק אין זיין פּאַלאַץ אין פֿאָנטענבלאָ, אים ניט געוואָלט אויפֿנעמען, ווען ער איז געקומען אָן דער שפּיץ פֿון אַ דעלעגאַציע פֿון געוועזענע דעפּוטאַטן פֿון דער נאָטאַבלען־פֿאַרזאַמלונג. נאַפּאָלעאָן האָט דערוויי̄ל צוגעאיילט די צוגרייטונג פֿון אַנטי־יידישן דעקרעט דערפֿאַר, וואָס די אָפּאָזיציע אין מלוכה־ראַט האָט געהאַלטן אין וואַקסן און האָט זיך אפֿילו אַריבערגעטראָגן אין דער עפֿנטלעכקייט: אַלס ענטפֿער אויף אַ שריפֿט, וואָס האָט געשטיצט דעם פֿאָרשלאַג וועגן אויסנאַם־געזעצן פֿאַר יידן, האָט דופּריש דע פֿולען אין 1808 אָפּגעדרוקט אַ בראָשור אונטערן קעפּל „האַרמאָניע פֿון רעליגיעס", וואו ער האָט באַצייכנט די פּראָיעקטן, ווי די גרעסטע דערנידעריקונג פֿאַר יידן זינט דער רעוואָלוציע. אויך פּורטאַדאָ האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין אָנהויב 1808 אַ מעמאָראַנדום וואו ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין קאַריערע פֿון חניפֿה באַנוצט די דרייסטערע שפּראַך; ער האָט באַצייכנט דעם פּראָיעקט פֿון דעקרעט ווי „אַ משונהדיקן מישמאַש פֿון מכלומרשטן שוץ און פּאַקטישער אונטערדריקונג" און איבערגעחזרט די ווערטער פֿון אַבאַט גרעגואַר: „אָדער פֿאַרטרייבט יידן, אָדער באַהאַנדלט זיי ווי פֿראַנצויזן". דער מלוכה־ראַט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַ סך נאָכגיביקער ווי נאַפּאָלעאָן האָט געמיינט: ער האָט באַשטעטיקט דעם דעקרעט אין אַלע וועזנטלעכע פּונקטן, אַחוץ דעם פֿאָרשלאַג פֿון נאַפּאָלעאָן וועגן פֿאַרבאָטן אויף צען יאָר יידן, וואָס פֿאַרמאָגן נישט קיין גרונט־אייגנטום, צו באָרגן געלט אויף היפּאָטעק.

..

דעם 17טן מערץ 1808 האָט נאַפּאָלעאָן גלייכצייטיק געחתמעט צוויי דעקרעטן וועגן יידן, איינעם וועגן אויסנאַם־געזעצן און אַ צווייטן וועגן דער קאָנסיסטאָריאַלער אָרגאַניזאַציע פֿון דער יידישער רעליגיע. די גלייכצייטיקייט פֿוןביידע דעקרעטן, האָט, פּונקט ווי אין 1806 דאָס באַהעפֿטן פֿון דעם דעקרעט וועגן מאָראַטאָריום מיט דעם דעקרעט וועגן רופֿן אַ יידישע נאָטאַבלען־פֿאַרזאַמלונג, געזאָלט ווייזן דעם יושר פֿון נאַפּאָלעאָן, וואָס קאָן מיט איין האַנט שטראָפֿן און מיט דער אַנדערער אַרויסווייזן ממש פֿאָטערלעכע חסדים. אין דער אמתן, איז דער דעקרעט וועגן קאָנסיסטאָריעס, אין תוך אַ גזירה וועגן אַריינקוועטשן די יידן אין אַ סדום־בעטל פֿון פּאָליציייאישער השגחה, געווען אַ ווירדיקע דערגאַנצונג פֿון די אויסנאַם־גזירות פֿון דעקרעט, וואָס איז אַריבער אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען דער „שענדלעכער דעקרעט".

אין ערשטן קאַפּיטל באַהאַנדלט דער דעקרעט אויסנאַם־באַשטימונגען וועגן קרעדיט־טעטיקייטן פֿון יידן. דאָס מאָראַטאָריום פֿון 30טן מאַי 1806 אויף חובות פֿון יידישע קרעדיטאָרן, וואָס האָט לכתחילה געזאָלט חל זיין

בלויז אויף איין יאָר, פּאַקטיש אָבער געהאַט פּאַרלענגערט געוואָרן דורך דעם אַרכי־קאַנצלער אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, איז דערקלערט געוואָרן אַלס בטל. דערפאַר זיינען איינגעפירט געוואָרן אַזעלכע באַגרענעצונגען: אַלע שטר־חובס, וואָס יידן האָבן פון אומדערוואַקסענע אַן דעם הסכם פון עלטערן, פרויען אַן דעם הסכם פון זייערע מענער און מיליטער־לייט, סאָלדאַטן און אָפיצערן אַן דעם הסכם פון זייערע קאָמאַנדירן, זיינען בטל ומבוטל; קיין שום וועקסל אָדער אַנדער שריפטלעך התחייבות, אַחוץ אויב עס איז אויסגעשטעלט דורך אַ סוחר, קאָן נישט אויפגעמאַנט ווערן דורך אַ ייד, אויב ער קאָן נישט באַווייזן, אַז די אויסגעשטעלטע סומע איז אויסגעצאָלט געוואָרן אינגאַנצן, און „אָן אַ שום שווינדל". דאָס איז שייך סיי הלוואות פון פריער, סיי אַלע הלוואות אויף להבא. יעדער חוב, וואו דאָס קרן איז אַנגעוואַקסן דורך צורעכענען מער ווי 5 פּראָצענט צינזן, וועט דורכן געריכט אַנטשפּרעכנד רעדוצירט ווערן; אויב די צינזן זיינען העכער ווי 10 פּראָצענט, ווערט די גאַנצע הלוואה בטל, ווי אַ וואוכער־רישער משא ומתן. דאָס געריכט ווערט אויך באַפולמעכטיקט ביי אַלע לע־גאַלע הלוואות אָפּצולייגן דעם בעל־חוב זיין טערמין פון באַצאָלן לויט ווי ער וועט עס האַלטן פאַר יושרדיק. אין צווייטן קאַפּיטל קומען נאָך צו אַזעלכע באַגרענעצונגען פון יידישן קרעדיט: אַ ייד טאָר נישט באָרגן אויף אַ משכון משרתים און אַנגעשטעלטע און טאָר נישט נעמען פאַר אַ משכון ביי לוין־אַרבעטער זייערע מכשירים, געצייג, שטוב־זאַכן אָדער קליידער. אין אַלע אַנדערע פאַלן מעג אַ ייד באָרגן אויף אַ משכון בלויז אין דער אַנוועזנהייט פון אַ נאָטאַר און פון עדות, וואָס באַשטעטיקן שריפטלעך, אַז דאָס גאַנצע געלט פון דער הלוואה איז אויסגעצאָלט געוואָרן אין זייערע אויגן.

דער עיקר אַנטהאַלט אָבער דער צווייטער טייל פון דעקרעט גזירות קעגן יידישן האַנדל: אָנגעהויבן פון 1טן יולי 1808 טאָר אַ ייד זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין שום מין האַנדל אָן אַ פּאַטענט פון פּרעפעקט, וואָס וועט אַרויסגעגעבן ווערן נאָר אויפן יסוד פון צוויי צייגנישן: אַ צייגניש פון שטאָטראַט, אַז דער פּעטענט פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין וואוכער און מיט קיין אומלעגאַלן האַנדל; אַ צייגניש פון דער קאָנסיסטאָריע וועגן גוטער אויפפירונג און ערלעכקייט. אַזאַ פּאַטענט מוז מען באַנייען יעדעס יאָר, און דאָס געריכט האָט אַ רעכט דעם פּאַטענט אָוועקצונעמען, אויב עס וועט צו אים דערגיין אַ ידיעה, אַז דער באַזיצער פאַרנעמט זיך מיט וואו־כער אָדער מיט שווינדלערישן האַנדל. יעדע האַנדלס־טראַנסאַקציע פון אַ יידן אָן אַ פּאַטענט איז בטל ומבוטל, דאָס זעלבע אַ היפּאָטעק, וואָס אַזאַ ייד האָט באַקומען אויף אַ וועקסל, אָדער דורך האַנדל; דאָס געריכט איז אויך באַרעכטיקט לגבי אַ ייד אָן אַ פּאַטענט — לויט זיין איינזען — צו

רעדוצירן דעם חוב אָדער אפילו אינגאַנצן אים בטל צו מאַכן, אויב דער בעל חוב קאָן באַווייזן, אַז דער חוב שטאַמט פון וואוכער אָדער פון אומ־ערלעכן האַנדל. אין דריטן קאַפּיטל ווערט פאַרבאָטן יידן צו באַזעצן זיך אין ביידע דעפּאַרטאַמענטן פון עלזאַס, און אין אַנדערע דעפּאַרטאַמענטן פון דער מלוכה מעג אַ ייד זיך באַזעצן בלויז אין פאַל, ווען ער קויפט זיך דאָרט לאַנד און פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט לאַנדווירטשאַפט. אויס־נאַמען זיינען דערלאָזבאַר נאָר דורך אַ ספּעציעלער קיסרלעכער באַווי־ליקונג. יידן טאָרן נישט דינען אין מיליטער דורך שטעלפאַרטרעטער, נאָר יעדער וואָס ווערט גענומען פאַר אַ רעקרוט מוז דינען פּערזענלעך. צום סוף באַשטימט דער דעקרעט, אַז די אַלע גזירות זיינען חל 10 יאָר אין דער האָפענונג, אַז אין משך פון דער צייט „וועט שוין נישט זיין קיין שום חילוק צווישן זיי (יידן) און צווישן די אַנדערע בירגער פון אונדזער אימפּעריע”; אויב אָבער די דאָזיקע האָפענונג וועט אָפּנאַרן, וועט דער דעקרעט פאַרלענגערט ווערן אויף אַזוי לאַנג, ווי דער קיסר וועט האַלטן פאַר נויטיק. אויף די יידן פון באָרדאָ און פון די צוויי דרום־דעפּאַרטאַ־מענטן זשיראָנד און לאַנד (דעפּאַרטאַמענט פון דער שטאָט באַיאָן סענט עספּרי) איז דער דעקרעט לכתחילה נישט חל, „היות זיי האָבן נישט אַרויס־גערופן קיין שום באַקלאָגענישן און גיבן זיך נישט אָפּ מיט פאַרבאָטענע געשעפטן”.

אַזוי האָט נאַפּאָלעאָנס רעזשים אונטערן אויסרייד פון אויסמענטשלען יידן, פאַקטיש דורך ברוטאַלע אויסנאַם־געזעצן אָפּגעשטעלט די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג אויף 10 יאָר, מיט אַ באַוואָרעניש פּאַראויס, אַז אַזאַ מצב קאָן אויך געדויערן לענגער! די בייזווייליקע כוונה פון שטעלן יידן אונטער אויסנאַם־גזירות קומט צום אויסדרוק אפילו אין די באַשטימונגען פון דעקרעט וועגן באַגרענעצן וואוכער, וואָס מאַכן אין פלוג דעם איינדרוק פון אַ מיטל צו באַשיצן די באַפעלקערונג קעגן עקספּלואַטאַציע. מיט בערך אַ האַלב יאָר פריער, דעם 3טן סעפּטעמבער 1807, האָט נאַפּאָלעאָן אונטערן דרוק פון פאָדערונגען פון אַ ריי דעפּאַרטאַמענטן, נאָך אַ באַראַטונג מיטן מלוכה־ראַט, אַרויסגעלאָזט אַ געזעץ, וואָס האָט באַגרענעצט וואוכער בכלל אין גאַנצן לאַנד. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן צו נעמען אַ העכערן ציגז ווי 5 פּראָצענט ביי הלוואות און 6 פּראָצענט ביי מסחר־קרעדיט. אונטער יענעם געזעץ זיינען, פאַרשטייט זיך, אַרונטערגעפאַלן יידישע פּונקט ווי נישט־יידישע וואוכערער. נישט אַנדערש, נאָר נאַפּאָלעאָן האָט צוליב דער וואַקסנדיקער אומצופרידנקייט פון דער ברייטער באַפעלקערונג געוואָלט איר ווייזן, אַז ער זאָרגט פאַר איר פאָטערלעך דורכדעם, וואָס ער נעמט זיך שטרענג צו די יידן. די קליינקעפּדיקע פּלוטאָקראַטישע וואָרטזאָגער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך האָבן דעם שענדלעכן

דעקרעט אויפגענומען צעטומלט. זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט משיג זיין, אַז דער דעקרעט איז געווען נישט מער ווי דער לעצטער שריט פון דער דאָזיקער נאַפּאָלעאָנישער פּאָליטיק פון „רעפאַרמירן" יידן מיט צוואַנג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם מאַראַטאָריום פון 1806, און אַז די מאַסקאַראַדן פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג און פון „גרויסן סנהדרין", וואו זיי אַליין האָבן געשפּילט אַזאַ שענדלעכע ראָלע, זיינען געווען בלויז עטאַפּן פון דער דאָזיקער ליניע. זיי האָבן פאַרגעסן אפילו אין זייער אייגענער רעזאָלוציע פון 30טן מערץ 1807, וואו זיי האָבן שפלותדיק זיך געבעטן ביים דעספּאָט ער זאָל אַרויסגעבן דעקרעטן קעגן זייערע „רעליגיאָנס־ברידער", פון וועלכע זיי נעמען איין חרפות. אויך איצט האָבן זיי זיך געפילט געטראָפן קודם כל אין זייער קלאַסן־פּרעסטיזש, אין זייערע אַספּיראַציעס זיך אויסצוגלייכן מיט דער אַרומיקער בורזשואַזיע. דעם 21טן מערץ 1808 האָט איינער פון די יידישע פני אין פּאַריז, דער באַנקיר יעקב לאַזאר, געשריבן וועגן דעם נאָר וואָס אַרויסגעלאָזטן דעקרעט צו זיין געוועזענעם קאָלעגע אין דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג, פאַרמידזשיני פון מילאַן: „מיר זיינען באַפלעקט און דערנידעריקט אויף אייביק . . . עס איז גענוג צו זיין אַ צוגעהעריקער צו משהס רעליגיע, כדי באַטראַכט צו ווערן פאַר אַ וואוכערער אָדער פאַר אַן אומערלעכן סוחר . . . דאָס אומגליק איז אַראָפּגעפאַלן אויף מיין קאָפּ ווי אַ דונער. מיר ווייסן גאָרנישט, וואָס צו טאָן, מיר זיינען אינגאַנצן פאַרלוירן. עס בלייבט אונדז נאָר איין האָפענונג, דער טויט".

זייער שנעל, צו־שנעל, איז געקומען די אויסניכטערונג. עס האָבן אָנגעהויבן אַריינצופליסן אין מיניסטעריום פּעטיציעס נישט נאָר פון יידן פון באַזונדערע דעפּאַרטאַמענטן, וואָס האָבן זיך מתקנא געווען אין דער פּריווילעגירטער לאַגע פון די ספרדים, נאָר אויך פון איינצעלנע קהילות. אַזוי האָט, למשל, די יידישע קהילה אין ניצע בפירוש זיך פאַררופן אויף דעם, אַז זי איז אין אַלע פּרטים אויף קיין האָר נישט אַנדערש, ווי די יידן פון באָרדאָ און באַיאָן.. אַנשטאָט אַ ווירדיקער אַקציע פון סאָלידאַרישן פּראָטעסט פון גאַנצן פראַנצויזישן יידנטום, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג פון השתדלות מצד יידישע קהל־פירער צו באַוויזן, אַז די יידן פון זייער קרייז אָדער פון זייער שטאָט זיינען ראוי באַפרייט צו ווערן פון דער גזירה. נאַפּאָלעאָן האָט זיך געקאָנט רייבן די הענט: די גזירה האָט די יידן צעטיילט, אַנשטאָט זיי צו פאַראייניקן, און ער האָט נאָך געקאָנט זיך באַווייזן אין דער ראָלע פון אַ „מלך חסד" און אַ „מלך יושר"... עס האָט נישט געפעלט אפילו אַזאַ אויסטערלישע דערשיינונג, ווי פּעטיציעס פון איינצעלנע יידישע גבירים אין די פאַרשיידענע געגנטן פון דער מלוכה, וואו מען האָט געבעטן פאַר זיך אַליין אַן אויסנאַם צוליב פערזענלעכער אָנשטענדיקייט. איינער פון

די ערשטע, וואָס האָבן זיך צוגעאײַלט און אָרייַנגעשיקט אַזאַ פּערזענלעכע בקשה צום מיניסטעריום, איז געווען מ. ל. אביגדור, ווי עס ווייזט אויס אי־דענטיש מיט דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג. עס האָט אים אפילו נישט געאַרט, וואָס דורך זיין שריט האָט ער אָפּ־געשוואַכט די שאַנסן פון אַ גינסטיקער דערלייידיקונג פון דער פּעטיציע, וואָס זיין אייגענע קהילה ניצע האָט געהאַלטן אין אַרויסשיקן. דער מחבר פון דער שפּלותדיקסטער פון אַלע רעזאָלוציעס פון דער נאָטאַבלען־פאַר־זאַמלונג, פון קנעכטישן לויב און דאַנק דעם קאַטוילישן קלער, האָט באַ־וויזן, אַז ער פאַרמאָגט נישט מער פערזענלעכן כבוד־געפיל ווי נאַציאָ־נאַלע ווערדע.

די פּרעפעקטן פון די דעפּאַרטאַמענטן האָבן בדרך כלל אַרויסגעוויזן אַ סך ליבעראַליזם און פאַרשטענדניש פאַר דער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן נישט בלויז געענטפערט אויף דער אַנקעטע פון מיניסטעריום וועגן אַנטייל פון יידן אין לאַנדווירטשאַפט, מלאכה און אינ־דוסטריע, וועגן דעם ווירקלעכן פאַרנעם פון יידישן וואוכער, וועגן אַנטייל פון יידן אין מיליטער און באַזוך פון יידישע קינדער אין די עפנטלעכע שולן; זיי האָבן על פי רוב אויך וואַרעם אונטערשטיצט די בקשות פון יידן וועגן באַפרייאונג פון דעקרעט און אַמאָל אפילו פון אייגענער אי־ניציאַטיווע אַרייַנגעשיקט וועגן דעם מעמאָראַנדומס. אַ טייל האָבן אָנ־געוויזן אי אויף דעם עקאָנאָמישן שאָדן פון דעקרעט, אויף דער פאַר־שפּרייטונג פון קריסטלעכן וואוכער (לאַטאַרינגיע), אי אַרויסגעזאָגט דעם חשש, אַז דער דעקרעט איז עלול דווקא אָפּצוהאַלטן דעם פּראָצעס פון אויפקלערונג און אַסימילאַציע ביי יידן. אין דער שטעלונג פון די דאָזיקע באַאַמטע שפּיגלט זיך דווקא אָפּ דער פּראָגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען ביי דער אויפגעקלערטער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך אין דער באַציאונג צו יידן זינט דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע דורך דער רעוואָלוציע.

אויפן יסוד פון די דאָזיקע באַריכטן און אויפן פאָרשלאָג פון אינער־מיניסטעריום האָט נאַפּאָלעאָן באַוויליקט אַרויסצונעמען יידן פון אַ ריי דעפּאַרטאַמענטן פון דער ווירקונג פון דעקרעט (קיין אינדיווידועלע אויס־נאַמען און אפילו אויסנאַמען פאַר באַזונדערע שטעט, האָט נאַפּאָלעאָן נישט אָנערקענט). שוין דעם 20טן אַפּריל 1808 זיינען די יידן פון פּאַריז און פון דעפּאַרטאַמענט סיין (סעקוואַנע) באַפרייט געוואָרן פון דער גזירה, און אַ פּאָר חדשים שפּעטער אויך די יידן פון ליוואָרנאָ און פון די פּירענייען. דעם 11טן אַפּריל 1810 איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם פאַר נאָך 15 דעפּאַר־טאַמענטן, על פי רוב פון איטאַליע און דרום־פראַנקרייך. הגם די יידישע צענטראַל־קאָנסיסטאָריע האָט אין 1810 איבערגעגעבן דעם מיניסטער

רעזולטאַטן פון אַן אַנקעטע איבערן לאַנד, אַנגעוויזן אויף דעם גרויסן פּראָגרעס פון יידן אין דער ריכטונג פון פּראָדוקטיוויזאַציע, בילדונג און מיליטער־דינסט, און אומדרייסט געגעבן אָנצוהערן, אַז עס וואָלט געווען נאָך בעסער מיט דער „יידישער רעגענעראַציע", ווען דער דעקרעט פון 1808 זאָל אָפּגעשאַפט ווערן, זיינען אפילו קיין אויסנאַמען מער נישט באַוויליקט געוואָרן. פון 68 דעפּאַרטאַמענטן, אין וועלכע פראַנקרייך מיט איטאַליע איז געווען איינגעטיילט (אַחוץ האָלאַנד און דעראָבערונגען אין צפון), זיינען ביז צום סוף נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט געווען אַרויסגענומען פון דעקרעט בלויז 20. נאָך ערגער שטעלט זיך פאָר די פּראָפּאָרציע לויט דער צאָל יידישער באַפעלקערונג: פון איבער 79,000 יידן זיינען קוים 14 טויזנט, ד. ה. בערך אַ זעקסטל, געווען באַפרייט פון די גזירות פון שענדלעכן דעקרעט.

דער רוב מנין ובנין פון פראַנצויזישן יידנטום האָט געשמאַכט אונטער די ווירקונגען פון די אַנטי־יידישע אויסנאַם־געזעצן. אַמשווערסטן האָבן דעם דעקרעט געפילט אויף זייערע פּלייצעס די יידן פון עלזאַס און לאָטאַרינגיע. אַ גרויסע צאָל בעל־חובות האָט בכלל אויפגעהערט צו צאָלן זייערע חובות צו די יידישע געלט־לייער, פאַרלאָזנדיק זיך אויפן דעקרעט. די געריכטן פלעגן אויסטייטשן דעם דעקרעט אין ברייטסטן זין צום שאָדן פון די יידישע קרעדיטאָרן און אָפט באַשטימט, אַז אפילו אַ חוב, וואָס איז געריכטלעך צוגעפּסקנט געוואָרן, אָבער נאָך נישט געסילוקט געוואָרן, דאַרף רעווידירט ווערן צי ער אַנטהאַלט נישט קיין וואוכער־צינזן. אַ יידישער קרעדיטאָר, וואָס האָט געמאָנט אַ חוב, האָט באַדאַרפט באַוויזן דורך אַ שבועה, אַז דער חוב איז כשר און ערלעך, בעת אַ יידישער בעל־חוב האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו פאָדערן אַזאַ באַוויז פון אַ קריסטלעכן קרעדיטאָר, וואָס האָט ביי אים געמאָנט אַ חוב. די פּרעפעקטן פון לאָטאַרינגיע האָבן עדות געזאָגט אין זייערע באַריכטן צום מיניסטער, אַז די צו ברייטע אינטערפּרעטאַציע פון דעקרעט דורך די געריכטן איז אומגערעכט פאַר יידן און אַז דער דעקרעט איז עלול צו דערפירן צו זייער פולשטענדיקן עקאָנאָמישן חורבן. דאָך האָט דער מלוכה־ראַט אין זיין באַשלוס פון 7 מערץ 1809 נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו געבן אַן אָפיציעלן פירוש דעם דעקרעט, נאָר ווייטער איבערגעלאָזט די געריכטן די קאָמפּעטענץ פון טייטשן אים לויט זייער איינזען.

אין לעצטן סך־הכל האָבן פון די באַשטימונגען פון דעקרעט קעגן יידישן וואוכער געוואונען אַממערסטן נישט די בעלי־חובות, נאָר קריסטלעכע וואוכערער, וואָס האָבן איצט אויסגענוצט זייערע פּריווילעגיעס, אין אַ טייל פאַלן אַרויסגעשטויסן יידישע וואוכערער פון דער קאָנקורענץ, און אַמאָל אויך געאַרבעט מיט זיי בשותפות אַלס אַ לעגאַלע פירמע . . . די

גזירה פון דעקרעט וועגן פּאַטענטן האָט געטראָפן בעיקר די אָרעמסטע עלעמענטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, די הענדלער און פּעדלער, וואָס זייער גורל איז איצט איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די שטאָט־ראַטן. אין אַ טייל שטעטלעך אין עלזאַס האָט מען מיט פויקן צונויפגערופן די באַפעלקערונג און געמאָלדן, אַז ווער עס האָט עפּעס אַ טענה אויף אַ ייד זאָל עס איבערגעבן דעם שטאָטראַט. עס איז גענוג געווען אַ מסירה, אַז דער שטאָטראַט זאָל אָפּזאָגן דעם פּעטענט דאָס צייגניש, וואָס האָט זיך געפאָדערט פאַרן פּרעפעקט כדי צו באַקומען אַ פּאַטענט אויף צו באַ־שעפטיקן זיך מיט האַנדל. געווען שטעטלעך אין עלזאַס, וואו יידישע הענדלער פלעגן קומען צום שטאָטראַט מיט די קינדער און אַלטע עלטערן און בעטן רחמים, מען זאָל זיי דאָס צייגניש נישט אָפּזאָגן. בעת די שטאָט־ראַטן אין די גרעסערע שטעט האָבן אין גרעסטן רוב פאַלן (שטראַסבורג און נאַנסי בערך 90 פּראָצענט) די צייגנישן באַוויליקט, האָבן די קליינע שטעטלעך זיך דערלויבט שיקאַנעס צוליב מאָטיוון פון קאָנקורענץ אָדער סתם שנאה צו יידן. ווידער האָבן דאָ די פּרעפעקטן אַרויסגעוויזן אַ געפיל פאַר יושר און אין געוויסע פאַלן געצוואונגען די שטעטלדיקע מאַכט אַרויס־צוגעבן די צייגנישן, אין אַ טייל פאַלן אפילו אַרויסגעגעבן פּאַטענטן אָן אַ צייגניש פון שטאָטראַט.

כאַראַקטעריסטיש סיי פאַר דער שטעלונג פון די העכערע באַאַמטע, סיי פאַר דער פּיינטלעכער באַציאונג צו יידן מצד דער באַפעלקערונג אין אַ ריי ערטער, איז דער צירקולאַר, וואָס דער גענעראַל־פּראָקוראַטאָר אין שטראַסבורג האָט אַרויסגעלאָזט אין יולי 1808 צו די געריכטן, שטאָט־אַמטן און פּאָליציי: היות, ווי עס זיינען צו אים דערגאַנגען ידיעות, אַז „אין אַ טייל געמיינדעס שטיצט מען זיך אויף דעם קיסרלעכן דעקרעט פון 18טן מערץ, כדי צו שעדיקן יידן", וואָרנט דער פּראָקוראַטאָר, אַז די שטערער פון „זיכערקייט און רו פון יידן" וועלן געבראַכט ווערן צום משפט, וואָרום „אויך אַ ייד, וואָס באַקומט נישט קיין פּאַטענט, בלייבט פונדעסטוועגן אַ פראַנצויזישער בירגער, אונטערן שוץ פון געזעץ". דער־ביי ווערט דערמאָנט, אַז „זיין קיסרלעכע מאַיעסטעט האָט טאַקע געגעבן אַ טייל פון זיינע אונטערטאַנען אַ מיטל פּטור צו ווערן פון חובות לגבי יידן, וואָס זיינען אָנערקענט געוואָרן ווי וואוכערישע, אָבער עס איז קיינ־מאָל נישט געווען זיין כוונה, אַרויפצודריקן דעם סטעמפּל פון פאַרשייט־קייט אויף געזעצלעך־באַרעכטיקטע קרעדיטאָרן".

גאָר סענסאַציאָנעל איז געווען די פּראַקטיק בנוגע דער באַשטימונג פון דעקרעט, אַז קיין ייד טאָר זיך נישט באַזעצן אין די אינערלעכע דע־פּאַרטאַמענטן פון פראַנקרייך סיידן ער נעמט זיך צו לאַנדווירטשאַפט. דער מיניסטער האָט דעם אומקלאָרן פּונקט ריכטיק אינטערפּרעטירט ווי אַ באַ־

גרענעצונג פאַר אויסלענדישע יידן און דערלויבט אַלע פראַנצויזישע יידן אומגעשטערט זיך אַריבערצוציען פון איין דעפּאַרטאַמענט אין צווייטן, אָבער ער האָט געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר די יידן פון עלזאַס: זיי האָבן נישט געטאָרט זיך באַזעצן אין פראַנקרייך מחוץ עלזאַס און אפילו אין עלזאַס גופא האָט מען זיי געשטערט צו טוישן זייער וואוינונגסאָרט פון איין דעפּאַרטאַמענט אויפן צווייטן. אַזוי האָט דער שענדלעכער דעקרעט געשאַפן פאַר מער ווי אַ העלפט פון פראַנצויזישן יידנטום קוים 20 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע אַ תחום המושב, בעצם אויף די זעלבע יסודות ווי אין דעמאָלסטדיקן צאַרישן רוסלאַנד, אין דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע און אין אַנדערע פעאָדאַלע מלוכות! אין דער זעלבער פיינער געזעלשאַפט, מיט וועלכער ער האָט זיך געשלאָגן אין נאָמען פון פעלקער־באַפרייאונג, האָט זיך נאַפּאָלעאָן אויך געשטעלט דורך זיינע מאָטיוון פון באַשטימען, אַז נאָר אַ ייד האָט נישט קיין רעכט צו דינען אין מיליטער דורך אַ שטעל־פאַרטרעטער.* אויך צאַר ניקאָלאַי דער 1טער האָט דאָך אַ 20 יאָר שפּעטער זיין גזירה וועגן אַריינציען יידן אין מיליטער, הגם אין אַ דריי־פאַכיקער פּראָפּאָרציע לגבי די איבעריקע אונטערטאַנען, באַגרינדעט דער־מיט, וואָס די אַרמיי וועט יידן ציוויליזירן. אַזוי באַווייזט נאַפּאָלעאָנס שענד־לעכער דעקרעט קעגן יידן סיי אין זיין אַלגעמיינער ווירקונג פון אָפּשטעלן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, סיי אפילו אין איינצעלנע פּרטים דעם פּאָ־ליטישן באַראָמעטער פון רעזשים פון דער ירידה פון דער רעוואָלוציע: די דערשטיקונג פון דער רעוואָלוציע דורך נאַפּאָלעאָנען האָט נישט בלויז צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער מעטערניך־רעאַקציע, וואָס האָט זיך נאָך זיין מפּלה צעשפּרייט איבער אייראָפּע, נאָר זי אַנטהאַלט אין איר יידן־פּאָליטיק שוין אפילו אַ ריי כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן פון דער דאָזי־קער רעאַקציע.

די ניי־אויפגעקומענע יידישע בורזשואַזיע אין פראַנקרייך און אין די איטאַליענישע און דייטשע פּראָווינצן פון דער אימפּעריע האָט נישט נאָר אָראָפּגעשלונגען נאַפּאָלעאָנס גזירות קעגן די יידישע מאַסן, נאָר האָט זיך גענומען מיטן גאַנצן פלייס אויסצובויען די אָרגאַניזאַציע פון קאָנ־סיסטאָריעס, ווי אַ געצייג אונטערצושטעלן די דאָזיקע מאַסן אונטערן פול־שטענדיקן קאָנטראָל פון דער רעגירונג. די ראָלע פון פריוויליקע משגיחים איבער דער יידישער באַפעלקערונג אין דינסט פון דער פּאָליציי האָט די

---

* אויך די דאָזיקע גזירה, ווי אַלע גזירות פון שענדלעכן דעקרעט, האָט זיך אויסגעלאָזט קודם כל צו דער אומפאַרמעגלעכער יידישער באַפעלקערונג: אין 1812 האָט דאָס מיניסטעריום אויפגעקלערט, אַז אַ ייד מעג דינען אין מיליטער דורך אַ שטעלפאַרטרעטער, אויב יענער איז אויך אַ ייד. די רייכע האָבן ממילא באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך אויסצוקויפן.

יידישע גבירים אַחוץ דער באַפרידיקונג פון אַ שיין פון קרובים למלכות, אויך געגעבן די מעגלעכקייט מיטן כוח פון מלכות צו באַקומען די השפעה אויף די קהילות, כדי זיי איבערצופורעמען אין די אייגענע קלאַסן־אינטע־רעסן און שטויסן אין דער ריכטונג פון אַסימילאַציע. אין דער צענטראַל קאָנסיסטאָריע זיינען באַמינירט געוואָרן דורך דער רעגירונג די דריי רבנים פון פרעזידיום פון סנהדרין, זינצהיים, סעגרע און קאָלאָניאַ, ווי אויך ברוך סערף־בער און יעקב לאזאר. די אַרטיקע קאָנסיסטאָריעס, וואָס זיינען באַ־שטאַנען פון דריי וועלטלעכע מיטגלידער און איין רב (הגם דאָס געזעץ האָט געהאַט פאַראויסגעזען צוויי רבנים) זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דורך נאָטאַבלען, וועלכע דער פרעפעקט האָט באַמינירט, וואָס פלעגן אָבער באַ־שטעטיקט ווערן דורך דער צענטראַל־קאָנסיסטאָריע אין הסכם מיט די מיניסטאָרן פאַר אינערלעכע ענינים און פאַר רעליגיע. טאָמער האָבן זיך ערגעץ צווישן די עלעקטאָרן פון די קאָנסיסטאָריעס אַריינגעכאַפּט מענטשן פון אומפאַרמעגלעכן סאָציאַלן שטאַנד, פלעגט די צענטראַל־קאָנסיסטאָריע זיי אָפּוואַרפן. ממילא האָבן אין די פּראָווינץ־קאָנסיסטאָריעס אוודאי נישט געקאָנט אַדורכגיין מענטשן, וועלכע די צענטראַל־קאָנסיסטאָריע האָט באַ־צייכנט מיט ביטול, ווי דעם „נידעריקסטן קלאַס״.

די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט ממש נישט גערירט קיין פינגער אין אירע אינסטרוקציעס פאַר די קאָנסיסטאָריעס, זי זאָל פריער נישט האָבן אָנגעפרעגט דאָס מיניסטעריום, און דאָסגלייכן פלעגן די דעפּאַרטאַ־מענט־קאָנסיסטאָריעס נישט באַשליסן קיין שום ענין אָן אַ הסכם פון דעם פרעפעקט. דאָס איינציקע עגמת־נפש פון דער צענטראַל־קאָנסיסטאָריע איז געווען, וואָס די רעגירונג האָט איר נישט דערלויבט אַרויפצושטעלן דעם קיסרלעכן אָדלער אויף אירע אַמטלעכע פּאַפּירן — אָנשטאָט דעם האָט זי זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַ קעפּל: „פּאַטערלאַנד־רעליגיע״ — און וואָס באַפאַלעאָן האָט זי מבטל געווען און נישט איינגעלאַדן צו די עפנט־לעכע פייערלעכקייטן.

אין פראַנקרייך גופא זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן 7 קאָנסיסטאָריעס. אין די דייטשע פּראָווינצן פון דער אימפּעריע — 6, אין איטאַליע — 5 און אין האָלאַנד — 4. די קאָנסיסטאָריעס האָבן אין יעדער קהילה פון זייער דיס־טריקט איינגעפירט „קאָמיסאַרן־משגיחים״. קיין שום טעטיקייט אויפן גע־ביט פון דערציאונג און פילאַנטראָפּיע האָבן די קאָנסיסטאָריעס תחילת ניט אָנגעפירט אי צוליב מאַנגל אין פאָנדן אי צוליב דעם, וואָס די מלוכה־מאַכט האָט נישט געוואָלט פאַרגרעסערן די פינאַנציעלע לאַסטן פון די קהילות, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם קאָנסיסטאָריע־אַפּאַראַט. ערשט אין 1812 האָט דאָס מיניסטעריום מסכים געווען, אַז די קאָנסיסטאָריעס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן עלעמענטאַרע שולן פאַר יידישע קינדער אויפן

חשבון פון די קהילות. הגם די קריסטלעכע שולן זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דער מלוכה, האָט די צענטראַל־קאָנסיסטאָריע גאָר נישט געוואוסט ווי אָפּצודאַנקען דעם מיניסטער פאַר זיין „פאָטערלעכן איינזען".

די שול־טעטיקייט פון די קאָנסיסטאָריעס הויבט זיך אָן נאָך 1815. אין דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה איז די איינציקע פּאָזיטיווע זייט פון דער עקזיסטענץ פון די קאָנסיסטאָריעס באַשטאַנען אין דעם, וואָס די צענטראַל־קאָנסיסטאָריע האָט פון צייט צו צייט פּראָטעסטירט ביי דער מאַכט קעגן אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער פּרעסע און אין טעאַטער און איז אויך אַרויסגעטראָטן, הגם אָן דערפאָלג, קעגן דער גזירה פון דער שבועה „לויטן יידישן מנהג" (more judaico). אין אַ ריי געביטן, בפרט אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע, אין די דייטשע שטעט ביים ריין און אין איטאַליע, האָבן די געריכטן זיך אַנגעהויבן צוריק נוהג צו זיין לגבי יידן ווי אין דער מיטלאַלטערלעכער אָרדנונג פאַר דער רעוואָלוציע. מען האָט נישט אָנגענומען פון אַ ייד קיין געוויינלעכע שבועה, ווי ביי אַנדערע בירגער, נאָר די שבועה האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין דער שול, לויט אַ צערעמאָניאַל און מיט איבערחזרן אַלע קללות און חרמות פאַר פאַלש שווערן. די צענטראַלע־קאָנסיסטאָריע האָט אָבער אפילו אין דעם פאַל נישט געהאַט דעם מוט אַרויסצוקומען צו דער רעגירונג מיט אַ פּרינציפּיעלן פּראָטעסט אין נאָמען פון בירגערלעכער גלייכקייט, נאָר האָט אָנגעגעבן איר מאָטיוו פון קעגנערשאַפט ווי אַ רעליגיעזן: זי האָט אַפּעלירט צו די רבנים אָפּצוזאָגן זיך פון אַדורכפירן די צערעמאָניע פון שבועה, ווי אַ פּראָפאַנאַציע פון דער יידישער רעליגיע.

מיטן אויסנאַם פון די עפּיזאָדישע אינטערווענצן קעגן באַליידיקונג פון יידן, האָבן די קאָנסיסטאָריעס זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן דער אויפגאַבע פון פאַרוואַנדלען יידן אין געטרייע אונטערטאַנען פון דער מלוכה און אין פראַנצויזן פון משה רבנוס גלויבן. די צענטראַל־קאָנסיסטאָריע פלעגט אַרויסלאָזן אינסטרוקציעס וועגן פרײדיקן מיליטערישן דינסט, וועגן באַיקאָט פון ענגלאַנד, וועגן פּאַטריאָטישע פייערונגען א. ד. גל. מיט אַ באַזונדער עקשנות האָבן זיך די קאָנסיסטאָריעס גענומען צו פאַרמאַכן שולן, בתי מדרשים און מנינים, און די מאַכט האָט זיי דערביי דווקא שטאַרק צוגעהאָלפן. דער ציל איז געווען אי צו פאַרזיכערן די פינאַנצן פון די ניי־דערעפנטע מאָדערנע טעמפּלען אי צו פאַרטיליקן דעם אַלטן רעליגיעזן לעבן־שטייגער, וואָס איז געווען אַ מניעה פאַר אַסימילאַציע. די צענטראַל־קאָנסיסטאָריע האָט אפילו בפירוש באַפולמעכטיקט די קאָנסיסטאָריעס צו באַנוצן זיך מיט דער הילף פון פּאָליציי „כדי צו פאַנאַנדערלאָזן די געהיימע פאַרזאַמלונגען צום דאַוונען".

אַ טייל קאָנסיסטאָריעס האָבן אין זייערע מאָדערניזאַציע־אָנשטרענ־

גונען אפילו פאַרבאָטן מקדש צו זיין די לבנה מיטן אויסרייד, אַז מען טאָר נישט דאַוונען אויף דער גאַס. די צענטראַל־קאָנסיסטאָריע האָט אויך פאָרגעשריבן די רבנים דעם פאַטריאָטישן אינהאַלט פון דרשות, און באַ־שטימט די רבנישע בגדים פולשטענדיק לויטן מוסטער פון קאַטוילישע גלחים. די אַדמיניסטראַציע האָט די דאָזיקע אַסימילאַציע־שטרעבונגען געשטיצט לויט אַלע מעגלעכקייטן און צו דעם צוועק זיך באַמיט דעם דעקרעט פון 20טן יולי 1808 וועגן יידישע נעמען אויסצופירן אַזוי, אַז סיי די נעמען, סיי די פאַמיליע־נעמען, וואָס יידן האָבן באַדאַרפט דעקלאַרירן, זאָלן קלינגען פראַנצויזיש: הערצל אברהם איז איבערגעמאַכט געוואָרן אויף זשעראָם פיאַזאָ און צפורה יוסף האָט באַדאַרפט הייסן קאַטערין דאַפניס.

דאָך האָט זיך נישט איינגעגעבן די באַאַמטע אין עלזאַס און לאָטאַ־רינגיע אויסצומעקן אַלע נעמען אַזעלכע ווי איציק, שעיה, לייזער, פונקט ווי עס האָבן זיך נאָך אָפּגעראָטעוועט נעמען פון פרוי־ען לייעלע, טריינע, רייזעלע, מינדעלע, רעכל, הינדל א. אַג. בכלל האָבן אויך די באַמיאונגען פון די קאָנסיסטאָריעס אויסצואָרצלען דעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן־שטייגער אָנגעטראָפן אויף אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד. די מערסטע רבנים אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע האָבן גאָר ניט געקאָנט קיין פראַנצויזיש און ווייטער זיך באַנוצט מיט יידיש; הגם די קאָנסיסטאָריע האָט פאַר־געשריבן, מען זאָל נישט לערנען מיט די קינדער מער ווי חומש־רש"י, האָבן די חדרים זיך געפירט לויטן אַלטן דרך און עס זיינען, ווי דערמאָנט שוין פריער, צוריק געעפנט געוואָרן ישיבות אין מעץ. און אין יאָר 1812 האָבן די „גבאים דבית המדרש אים נידעררהיינישען דעפּאַרטאַמענט" (על־זאַס) אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו שפענדן נדבות, כדי אויפצושטעלן אין לאַנד פיר בתי מדרשים (ישיבות), מיט אַ לערן־פּראָגראַם, וואָס זאָל אַרומ־נעמען „תורה, נביאים, כתובים, משניות, גמרא ופוסקים ראשונים ואחרונים" און אין העכסטן קלאַס, דעם פערטן, אויך פראַנצויזיש און אַנדערע וועלטלעכע לימודים. יידן פלעגן אויך פונקט ווי אַמאָל זיך משפטן ביי דין־תורות, הגם די קאָנסיסטאָריעס האָבן געפּרואווט אויפצושטעלן אייגענע „בוררים־געריכטן". עס האָט נאָך געדויערט עטלעכע צענדליק יאָר, איידער די קאָנסיסטאָריעס האָבן אין זייער פלאַנמעסיקער אַסימילאַ־ציע־אַקציע דערגרייכט ביי די יידן פון עלזאַס־לאָטאַרינגיע אַ ממשותדיקע פעולה.

אַ שוואַרץ בלאַט האָבן די קאָנסיסטאָריעס פאַרשריבן אין דער גע־שיכטע פון יידן אין פראַנקרייך אין זייערע מעשים פון מסירה און קאַמף קעגן אָרעמעלייט. די צענטראַל־קאָנסיסטאָריע האָט אפילו אַרויסגעלאָזט אַ צירקולאַר, פון 14טן נאָוועמבער 1808, אַז עס איז די העכסטע צייט

יידן זאָלן אָפּשאָקלען זיך „פון דער דאָזיקער אומגליקלעכער סאָלידאַרי־טעט, וואָס לייגט זיך אויף אונדז ווי אַ משא זינט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן". אַ דריי קאָנסיסטאָריעס האָבן אָנגענומען מיטלען פטור צו ווערן פון די וואַנדערנדיקע בעטלער דורך אַ פאַרבאָט פון „פלעטן" פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין פאַספּאָרטן (קרעפעלד, מעץ); אַנדערע, ווי אין ווינצענהיים, האָבן בכלל געאַסרט אַרויסצוגעבן „פלעטן" און אויפצונעמען אורחים. די קאָנסיסטאָריע פון מאַריעל האָט באַשלאָסן (1810) צו פאַר־טרייבן אַלע אָרעמעלייט, וואָס וואוינען אין שטאָט ווייניקער ווי 5 יאָר. די קאָנסיסטאָריע פון נאַנסי האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם פאַרלאַנג פון פּרעפעקט וועגן צושטעלן אַ רשימה פון יוגנטלעכע יידישע פעדלערס און אַלטוואַרג־הענדלערס, ווי אויך פון פאַמיליעס, וואָס האָבן ניט קיין באַשטימטן מקור פון פרנסה. די אַלע מעשים האָט איבערגעשטיגן די קאָנסיסטאָריע פון פּאַריז: זי האָט זיך פאַרענטפערט פאַרן פּרעפעקט (18 מערץ 1810), אַז זי קאָן זיך אַליין קיין עצה ניט געבן כדי אויסגעפינען אַלע יידן, וואָס האָבן נישט קיין באַשטימטע פרנסה און „קאָמפּראָמעטירן די אַכטונג און דעם כבוד פון איזראַעליטן". די קאָנסיסטאָריע לייגט דעריבער פאַר דעם פּרעפעקט צו פאַראָרדענען, אַז קיין ייד טאָר זיך נישט אויפהאַלטן אין פּאַריז אָן אַ צייגניש פון דער קאָנסיסטאָריע. דער פּרעפעקט האָט אויף דעם פאָרשלאָג גערן געגעבן זיין הסכמה, און די קאָנסיסטאָריע האָט אים (1812) צוגעשטעלט אַ רשימה פון 30 יידן „אָן מיטלען צום לעבן, וואָס דאַרפן אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַנד" . . . די קאָנסיסטאָריעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ ווירדיקע דערגאַנצונג נישט נאָר פון נאַפּאָלעאָנס פּאָליטיק פון צוואַנג־אַסימילאַציע פון יידן, נאָר אויך פון זיין סיסטעם פון אונטערדריקן די יידישע מאַסן.